STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02620

DER FASHIZM

Ignazio Silone

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איגנאציא סילאנע

דער פאשיזם

זיין אנטשטייונג און אנטוויקלונג

יידיש: י. כמורנער

ווארשע 1935

IGNACO SILONE

Faszyzm

jego powstanie i rozwój

przetłomaczył J. CHMURNER

Warszawa — 1935

Druk. „Grafia", Nowolipki 7

זעצעריי „רימון" נאוואליפקי 7 טעל. 12-05-82

דאס היסטאָריש־מארקסיסטישע בוך פון סילאָנע איבער דער אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פונם איטאליענישן פאשיזם געהער צו יענע גרונטיקע ווערק, וועלכע יעדער דענקענדיקער מענטש מוז לייענען, ביפראט מארקסיסטן און קלאסן־באוווסטע ארבעטער. דער רייכער און פילזייטיקער מאטעריאל, וועלכן סילאָנע דערלאנגט דעם לעזער, גיט אים די מעגלעכקייט אנצוטאפּן די טיפע־ז׳ע סיבעס פון די געשעענישן, צו באנעמען די שייכעס צווישן סיבעס און זייער ווירקונג. אזוי ארום באקומט זיך א שליסל צו פארשטיין דעם פאשיזם — און נאָר דאס קאן דאך פארהיטן פאר פאלשע טריט אין קאמף מיט אים.

אויב דער פאשיזם פייערט היינט זיינע אָרגיעס אין לענדער, ווי דייטשלאנד און עסטרייך, וווּ די ארבעטער־באוועגונג האט זיך אזוי מעכטיק געהאט אנטוויקלט, איז עס אין א גרויסער מאס דערפאר, וואס די פאראנטווארטלעכע פירער פון די פראָלעטאַרישע ארגאניזאציעס האבן אויף א פארברעכערישן אופן נישט דערפילט די עלעמענטארע מארקסיסטישע פליכט: זיי האבן באַטראכט דעם פאשיזם, נישט געקוקט אויף זיין אויסגעשפּראָכענעם קלאסן־כאראקטער, פאר א ריין איטאליענישע דערשיינונג. דער ארבעטער-קלאס האט פאר אָט דעם לייכטזין זייער טייער באצאָלט, און די קייט פון פראָלעטארישע מאפּאָלעס איז, ליידער, נאָך נישט ביי איר סאָף.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אז די אנטוויקלונג פון דער קאָנטר־רעוואָלוציע אין איטאליע איז רייך אין עקספּערימענטן און זייער באלערנדיק. גראד אין איטאליע קען מען אָבסערווירן דעם פאשיזם אין זיין אזוי צו זאָגן ריינער קולטור — ווי אזוי פון א נאָכמילכאָמעדיקער פוטשיסטישער באוועגונג איז ארויסגעוואקסן א פעסטונג פון וועלט־רעאקציע. אין אנדערע לענדער האט שוין

דער פאַשיזם געקאַנט איבערהיפּן געוויסע עקספּערימענטן, איבערשפּרינגען געוויסע עטאַפּן אין זיין אַנטוויקלונג — ווי דאָס איז געווייכלעך דער פאַל, ווען אַ דערשיינונג פון זעלבן סאָציאַלן אונטערשלאַק כאַזערט זיך איבער אין אַן אַנדער היסטאָרישער סוויווע. דער דייטשער פאַשיזם האָט נישט ווייניק געלערנט פון דער איטאַליענישער דערפאַרונג; פון דעם עסטרייכישן פאַשיזם, וועלכער ווערט דירעקט אָנגעפירט דורכן איטאַליענישן, איז שוין אָפּגערעדט.

צום באַדויערן, האָט דער אַרבעטער־קלאַס אפילע פאַר זיין אָפּוואַר־קאַמף גאָר נישט געלערנט פון דעם געשעענעם, און ער צאָלט דערפאַר אַ טייערן פּרייז, אַך וואָכער טייערן פּרייז!

סילאָנעס בוך איז דערפאַר אַזוי אויסערגעוויינטלעך וויכטיק פאַר דעם נישט־איטאַליענישן לעזער, ווייל עס גיט די פאַרגעשיכטע פון דער פּראָלעטאַרישער מאַפּאָלע, עס גיט דעם היסטאָרישן קלימאַט, אין וועלכן דער פאַשיזם איז אַנטשטאַנען און אויסגעוואַקסן. אָבער ווי עס פּאַסירט מיט היסטאָריקער, האָט זיך אויך אונזער פריינט סילאָנע נישט איינגעגעבן אָפּצוהיטן די נויטיקע אָביעקטיוויטעט דאָרט, וווּ ער שילדערט די אוממיטלבאַרע קעגנוואַרט, וועלכע רירט אים טיף אָן, דערשיטערט אים, ווי יעדן עכטן רעוואָלוציאָנער. בעאיים סילאָנע מישפּעט די פּאַרטיי, וועלכע האָט דעמאָלט קימאַט אומבאַגרעניצט באַהערשט די געמיטער פונם איטאַליענישן אַרבעטער־קלאַס און אָנגעפירט מיט זיין קאַמף (מיר האָבן אין זינען נישט נאָר די פּאַרטייאיש אָרגאַניזירטע אַרבעטער, נאָר די ברייטע אַרבעטנדיקע מאַסע פון שטאָט און דאָרף) — די פּאַרטיי, וועלכע איז באַקאַנט אונטערן נאָמען מאַקסימאַליסטן, צום אונטערשייד פון די רעפאָרמיסטן — פאַרלאָזט ער, ליידער, דעם געשיכטלעכן באָדן. ער רעדט וועגן „פלאַפּלער", וועגן „אידעאָלאָגישער צעשוומענקייט", וועגן „פּאָליטישער אימפּאָטענץ", וועגן „אָרגאַניזאַציאָנעלן מישמאַש" — אָבער די שאַרפע אויסדריקן שטרייכן נאָר אונטער די נישט אָביעקטיווקייט פונם מעכאַבער פון אַט דעם ווערטפולן בוך. אומעטום ווענדט ער אַזוי שאַרפזיניק אָן דעם דיאַלעקטישן מעטאָר, אָבער וועגן די מאַקסי־

מאליסטן קאן מען בלויז איין איינציק מאל געפינען ביי אים א באמערקונג — אויך אין א פאלעמישן טאן — אז זייערע מאילעס האבן זיך אין כעסדרינעם פארוואנדלט...

צווישן די פראבלעמען, וואס שטעלן זיך אין צוזאמענהאנג מיטן קריזיס און די מאפאלעס פון דער ארבעטער־באוועגונג פון די לעצטע יארן, פארנעמט א וויכטיק אָרט אויך די פאלגנדיקע פראגע: צי פארטייען, וועלכע האבן געווירקט אין איין פעריאָד צייט פון סאציאל־פאליטישער אנטוויקלונג, טויגן נאך פאר א צווייטן פעריאָד צייט, נאך גרויסע סאציאל־פאליטישע אויפטרייסלונגען? אן אבסאלוט נעגאטיוון ביישפיל גיט אין דעם פראט די דייטשע סאציאל־דעמאקראטיע און אין א גרויסער מאס אויך די עסטרייכישע ס"ד. די ביידע פארטייען האבן ליידנשאפטלעך פארטיידיקט און פראקטיש אנגעווענדט די פארמילכאמעדיקע פארלאמענטאריש־דעמאקראטישע מעטאָדן. ווען דאס לעבן — געגויער: די קלאסן־פיינט פונם פראלעטאריאט — האט שוין לאנג פארניכטעט אט די מעטאָדן. אבער דעם דאזיקן פארווארף קאן מען אבסאלוט נישט מאכן דער איטאליענישער סאציאליסטישער פארטיי (די מאקסימאליסטן). ס'איז גענוג צו דערמאנען בלויז די באציונג פון אט דער פארטיי צום קריג און שפעטער צו דער רוסישער רעוואלוציע, און דערהויפט צו דער פראלעטארישער דיקטאטור. ליידער, איז אוממעגלעך אין א האקדאמע לענגער זיך אפצושטעלן אויף די דאזיקע פראגן.

נאך דער ביטערער, כארפעדיקער דערפארונג פון דייטשלאנד, וו מיליאנען עסדעקישע און קאמוניסטישע ארבעטער האבן אזוי מיעס קאפיטולירט פארן פאשיזם, האט מען אויך אין קרייזן, וועלכע פלעגן געווייינלעך מיט ביוראקראטישער גרויסקייט־מאניע רעדן וועגן דער מינדערווערטיקייט פון דער איטאליענישער ארבעטער־באוועגונג, אנגעהויבן מוידע זיין, אז די איטאליענישע ארבעטער האבן יארן לאנג געשטעלט א וואונדערפולן ווידערשטאנד דעם פאשיזם. אויך סילאנע רעדט וועגן העלדישן ווידערשטאנד פון די איטאליענישע מאסן. אבער דער דאזיקער ווידערשטאנד.

דער יאָרנלאַנגער אויסדויער אין קאַמף קעגן אַ פּוינע, וועלכער האָט באַוויזן אויפצושטעלן אַ פראָנט פון אַלע אָן אויסנאַם אַנטי־פּראָלעטאַרישע קויכעס אין לאַנד און האָט געהאַט צו זיין רעשום דעם גאַנצן מאַכט־אַפּאַראַט פון דער מעלוכע — דער דאָזיקער ווידערשטאַנד איז דאָך נישט פון הימל אַראָפּגעפאַלן. עמיץ האָט דאָך געמוזט דעם דאָזיקן ווידערשטאַנד אָרגאַניזירן! און דערביי מוז מען געדענקען, אַז דער איטאַליענישער פּראָלעטאַריאַט און קוידעם קאָל די מאַקסימאַליסטישע פּאַרטיי האָבן נישט באַקומען קיין שום אונטערשטיצונג, קיין שום הילף מיצאַד די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אָדער אַרבעטער־רעגירונגען פון אַנדערע לענדער. מיצאַד די פּאַרטייען פון צווייטן אינטערנאַציאָנאַל האָט מען זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס מען האָט מיט שאָדנפרייד אָנגעוויזן, אַז די איטאַליענישע סאָציאַליסטן ווערן באַשטראָפט פאַר זייער ראַדיקאַליזם און אַז דער פאַשיזם האָט זיין שוירעש אין דער מינדערווערטיקייט פונם איטאַליענישן אַרבעטער. די פירער ווי־דער פונם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָבן אויסגענוצט די לאַגע אויף צו שפּאַלטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און אַרויס־צוּרופן ביי די אַרבעטער אומצוטרוי צו דער פּאַרטיי, וועלכע איז אויפן וועג פון נאַטירלעכן אָפּקלייב געשטעלט געוואָרן אין שפּיץ פון איטאַליענישן קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט. די מאָסקווער פירער האָבן מער אין זינען געהאַט צו דיסקרעדיטירן סעראַטין, וועלכער איז געווען אַ קעגנער פון די זינאָוויעווישע מעטאָדן, איידער אָפּ־צושלאָגן דעם אָנגריף פון די פאַשיסטישע באַנדעס.

אויב לאָזן אַלע איינצלהייטן אין אַ זייט, קאָן דער הויפּט־פאָרוואורף, וועלכן סילאָנע מאַכט די מאַקסימאַליסטן, אַזוי פאָר־מולירט ווערן: זיי האָבן דורכגעלאָזן די געלעגנהייט צו פאַר־כאַפּן די מאַכט. סילאָנע זאָגט אין דעם צוזאַמענהאַנג (ז. 48): „עס איז, אַלזאָ, איבעריק לענגער זיך אָפּצושטעלן אויף דער דאָ־זיקער טעזע, וועלכע געפינט אַזאַ אַלזייטיקע צושטימונג". סי־לאָנע ציטירט דערביי דעם סאָציאַליסט נעני. אָבער ווער נאָך קאָן אַזוי גוט וויסן, ווי סילאָנע, אַז ווייניקער פאַר אַלץ קאָן נעני — מיט זיין קנאַפּן פאַרשטאַנד פאַר סאָציאַלע שאַיכעס און נאָך

סנאפעריער אנונג פון מארקסיזם — דינען פאר אן איידעס אזוי דער געגעבענער פראגע?..

איך וויל מיך אפהאלטן פון געבן דא מיין פערזענלעכן ענטפער אויף דער פראגע, צי און ווי ווייט די לאגע אין איטאליע אין 1919 איז רייף געווען פאר א סאציאלער רעוואלוציע. אבער איך וויל דערמאנען, אז אין א בריוו, וואס לענין האט 1919 געשיקט — דורך איינעם פון די ערשטע קוריערן קיין אויסלאנד — צו סעראטין, האט ער אויסדריקלעך געווארנט דעם איטאליענישן פראלעטאריאט פאר א פריצייטיקן רעוואלוציאנערן אויפשטאנד. אז לענין האט מיר דעם בריוו געגעבן — איך בין געווען דעמאלט סעקרעטאר פון דריטן אינטערנאציאנאל — האב איך אים אויפמערקזאם געמאכט, אז זיין ווארנונג קאן נאך אויסגענוצט ווערן דורך די רעפארמיסטן און דורך דער בירגערלעכער פרעסע קעגן די מאקסימאליסטן, וועלכע מען באשולדיקט שוין אזוי אויך, אז זיי ווילן ארייננשלעפן דעם פראלעטאריאט אין א פריצייטיקן אויפשטאנד. לענין האט דאן נאכאמאל דורכגעלייענט דעם טעקסט און מיר אים אפגעגעבן נישט געענדערט, ווייל — האט ער מיר דערקלערט — אים גייט דער איקער אין פארהיטן פון א פוטש. שפעטער, אין סעפטעמבער 1920, אז די פאבריקן אין צאפן־איטאליע זענען געווארן באזעצט, האט מיך לענין געשיקט רופן צו זיך, כדי צו אינפארמירן זיך ביי מיר וועגן דער לאגע אין איטאליע. ווען איך האב אים געזאגט, אז לויט מיין מיינונג איז דער איטאליענישער פראלעטאריאט רייפער פאר יעדן אנדערן אויף איבערצונעמען די מאכט, האט ער מיך געפרעגט אין זייער אן ערנסטן טאן, וואס האט געקלונגען שיר נישט ווי א פארוואורף: — צי האט איך גענומען אין באטראכט, אז איטאליע האט נישט קיין קוילן און נישט קיין טווע? ווי לאנג וואלט ביכלאל די ארבעטערשאפט געקאנט אויסהאלטן? אויף מיינע דערווידערונגען האט ער באמערקט: — עס איז אונז פאר קיין פאל נישט נויטיק נאך איין אזא מאפאלע, ווי אין אונגארן.

ציטירנדיק אט דעם געשפרעך, וויל איך דערמיט לאכלוטן נישט זאגן, אז לענין איז געווען גערעכט אין זיין אורטייל. איך

ווײל בלױז אַנווײזן, אַז רעטראָספּעקטיווע אָפּשאַצונגען שטימען ניט אַלע מאָל מיט דער היסטאָרישער ווירקלעכקײט, און אַז סערראַטי און די אַנדערע מאַקסימאַליסטן זענען אַלנפאַלס ניט געווען די אײנציקע, וועלכע האָבן די סיטואַציע אַנדערש אָפּגע־שאַצט, ווי סילאָנע האַלט עס איצט פאַר ריכטיק. דאָס ניט דעראָבערן די מאַכט מוז מען דעריבער דערקלערן מיט נאָך אַ רײ אַנדערע פאַקטאָרן און ניט דאַווקע מיט דעם „פּאַקירנטום" פון סערראַטין, אָדער מיט דעם „מישמאַש און אומפעהיקײט פון די מאַקסימאַליסטן".

אַנזשעליקע באַלאַבאַנאָוו

יאַנואַר 1935.

קאַפּיטל 1

צי איז דער פֿאַשיזם פֿון הימל אַראָפּגעפֿאַלן?

1. די איטאַליענישע מעלוכע איידער זי איז געוואָרן פֿאַשיסטיש

צווישן די גרויסע אייראָפּעאישע לענדער איז איטאַליע געווען דאָס לאַנד, וואָס האָט שפּעטער פֿאַר אַלע זיך צוזאַמענגעשלאָסן און געוואָרן אַ נאַציאָנאַלע מעלוכע. און עס איז אָן שום ספֿק, אַז אָט דער פֿאַקט שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט דער צוריקגעשטאַנענקייט פֿון דער איטאַליענישער קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט. פֿון אויבן אויף זעט עס אויס צו זיין אין סתירה מיט דעם, וואָס עס זאָגן אַ סאַך היסטאָריקער — ווייל זיי האַלטן גאָר איטאַליע פֿאַרן וויגעלע פֿונעם קאַפּיטאַליזם. אין דער עמעסן אָבער איז געווען אַזוי, אַז דער טכילעסדיקער איטאַליענישער קאַפּיטאַליזם פֿון 12־טן ביזן 14־טן יאָרהונדערט איז דערנאָך, אַרום מיטן 16־טן יאָרהונדערט, געוואָרן אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן; און געשען איז דאָס פּונקט דאַן, ווען די פּאָליטישע מאַכט פֿון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל איז געוואָרן צעשמעטערט. דער אייראָפּעאישער צענטער פֿון די אויפֿקומענדיקע קאַפּיטאַליסטישע באַציאונגען רוקט זיך דעמאָלט איבער פֿון די לענדער ביים מיטללענדישן יאַם צו די לענדער פֿונם צפֿון־יאַם (בעלגיע און האָלאַנד, און שפּעטער ענגלאַנד, פֿראַנקרייך און צפֿון־דייטשלאַנד). די דאָזיקע עפּאָכע — מיטן פֿון 16־טן יאָרהונדערט — האָט מאַרקס געהאַלטן פֿאַר דעם אָנהויב פֿון וווירקלעך־קאַפּיטאַליסטישער ווירטשאַפֿט. איטאַליע

איז נישט געוואָרן פאַרכאַפּט פונם קאַפּיטאַליסטישן גייסט פון דער רעפאָרמאַציע, נאָר איז געבליבן טריי דער קאַטוילישער קירכע, וועלכע לערנט אירע אָנהענגער, אַז דער יאָכיד איז נישט פעהיק „אינדיווידועל" צו געפינען דעם עמעס און אַז מען דאַרף גלויבן אין אור־מאָקער פון מאַכט און אין „צדאָקע", אַלס קוואַל פון ווירטשאַפטלעכער עקזיסטענץ.

אין משך פון גאַנצן מיטלאַלטער איז די איטאַליענישע אינטעליגענץ געווען געטיילט אויף אָנהענגער פון דער קירכע און אָנהענגער פון דער מעלוכע: באַגריפן, וואָס זענען ביידע אייראָפּעאישע, נישט אויסגעשפּראָכן איטאַליענישע באַגריפן. די וואָס האָבן נישט פאַרמאָגט גענוג אינטעלעקטועלע קראַפט אויף צו דערקענען אייראָפּע און דאָס אייגענע וואָרט אויך ווענדן צו אייראָפּע — האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט זייערע געמיינדעס. יאָרהונדערטער לאַנג איז איטאַליע געווען נישט מער, ווי אַ געאָגראַפישער באַגריף, דער באָדן, אויף וועלכן די שפּאַניער, פראַנצויזן און עסטרייכער האָבן אויסגעטראָגן זייערע קאַמפן. די שפּאַנישע העגעמאָניע אויף דעם האַלב־אינזל (פון איטאַליע) האָט זיך איינגעשטעלט שוין האַרט ערעוו דער יערידע פון שפּאַניע. די העגעמאָניע ווידער פון עסטרייך האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן ווידערשטאַנד פון פראַנקרייך און האָט זיך קיינמאָל נישט אויסגעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. די קאַטוילישע קירכע פון איר זייט האָט אַלע מאָל געשטרעבט צו דער צעברעקלטקייט פונם האַלב־אינזל אויף אַ סאַך מעלוכעס, ווייל — אַליין האָט זי געהערשט נאָר איבער מיטל־איטאַליע און נישט געהאַט קיין קויעך צו באַהערשן דאָס איבעריקע לאַנד; האָט זי געוואָלט, אַז לעפּאָכעס אַנדערע זאָלן אויך קיין קויעך נישט האָבן: אַלע מאָל, ווען ס'האָט געדראָט די געפאַר, איטאַליע זאָל פאַראייניקט ווערן אונטער אַן איינהייטלעכער מעמשאָלע, האָבן די פּויבסטן גערופן צו הילף פרעמדע אַרמייען. אין יאָר 1808 האָט נאַפּאָל צום ערשטן מאָל פאַראייניקט די צעריסענע גלידער פון איטאַליע; אין יאָר 1809 האָט נאַפּאָל צובאַקומען די פּראָווינצן, וואָס זענען זייט יאָרהונדערטער געווען אונטער דער מעמשאָלע פון עסטרייך. אָבער נאַפּאָל האָט נישט באַ־

ווין צו דערגרעבערן סיציליע און סארדיניע. אין די רעסטאווראַציע־יאָרן זענען די איטאַליענישע פּראָווינצן ווידער אַרונטערגעפאַלן אונטער עסטרייכישע מעמשאָלע: עסטרייך האָט געגומען אויף זיך נישט צוצולאָזן צו איטאַליע די דעמאָראַליזאַציע פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע, און האָט דערפאַר באַקומען דאָס רעכט צו שיקן מיליטער אין יעדן פּונקט אין איטאַליע, ווו עס וועט זיך נאָר ווייזן עפּעס אַ סאַקאָנע פאַר דער אָרדנונג און פאַרן טעריטאָריאַלן סטאַטוס־קוואָ.

2. די ווידערגעבורט: לעגענדע און ווירקלעכקייט

די דיפּלאָמאַטישע, קאָנספּיראַטיווע און באַוואָפנטע פּרווון אויף צו פאַראייניקן איטאַליע און שאַפן אַ געשלאָסענע מעלוכע האָבן זיך אָנגעהויבן אין די יאָרן 1821 ביז 1830; די ערשטע קאָנקרעטע רעזולטאַטן זענען דערגרייכט געוואָרן אין די יאָרן 1848, 1859 און 1860; און די ענדגילטיקע פאַראייניקונג איז צושטאַנד געקומען אין 1866 און 1870. דאָס איז די עפּאָכע אין דער געשיכטע פון איטאַליע, וועלכע טראָגט דעם נאָמען ווידערגעבורט (ריסאָרדזשימענטאָ).

וואַרפט מען אָפּ די אַלע ליגנס, מיט וועלכע די אָפיציעלע שול באַצירט געוויינלעך די געשיכטע, קעדיי צו דערציען די יונגע דורות אין פאַרערונג צו דער פאַרגאַנגענהייט — דאַן איז די ווידערגעבורט באַשטאַנען דערהויפּט דערין, וואָס דער סאַוואָיער דינאַסטיע האָט זיך איינגעגעבן פון פּיעמאָנט אויס צו פאַרשפּרייטן איר הערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד; און איינגעגעבן האָט זיך עס איר דערפאַר, ווייל דאָס געשאַפענע דורך דער „הייליקער אַליאַנס" אייראָפּעאישע גלייכגעוויכט איז געוואָרן צעשטערט, און די קאָנפליקטן צווישן פראַנקרייך און עסטרייך (1859), צווישן פּריסן און עסטרייך (1866) און לעסאָף צווישן פראַנקרייך און פּריסן (1870) זענען געוואָרן אויסגענוצט, קעדיי צו באַזייטיקן, אין די אינטערעסן פונם יונגן קאַפּיטאַליזם, די אינעווייניקסטע צאָל־גרעניצן און אָפּשאַפן געוויסע פעאָדאַלע פּריווילעגיעס. אָבער נעבן דער ראָל פון דער דינאַסטיע דאַרף מען אויך נישט פאַרגעסן דעם פאָלקס־דעמאָקראַטישן פאַקטאָר. „פון

די געביטן, װעלכע בילדן היינט די איטאליענישע מעלוכע, זענען פיעמאנט, ליגוריע און סארדיניע אלטע מאנארכישע פראװינצן; לאמבארדיע איז טאקע דעראבערט געװארן דורך דער דינאסטיע, לויט דעם װאפנשטילשטאנד פון װילאפראנקא, אבער פאריייניקט איז זי געװארן מיט די סאװאאישע לענדערייען אויפן גרונט פון פלעביסציט פון 1848, װאס זיין הויפט-טנאי (קאװור אין 1859 איז דורך א מעלוכע-איבערקערעניש אומגעגאנגען את דעם טנאי) איז געװען — רופן א גרינדונג-פארזאמלונג. און דאס איז שוין א מאדזינישע, א דעמאקראטישע אידיי; מארקען און אומבריע זענען מאנארכישע דעראבערונגען, דאס גלייכן װענעציע.

אבער פארמא און פיאטשענצא, מאדענא און רעדזשיא, ראמאניא און גרויסהערצאגטום טאסקאנא זענען געקומען צו איינהייט ערשט נאך א רעװאלוציע; סיציליע װידער און נעאפאל האט דעראבערט פאר דער פאריייניקטער מעלוכע גאריבאלדי; די עקספעדיציע פון רוים איז צושטאנד געקומען אונטער דער דראאונג פון א מאדזינישער רעװאלוציע... דאס איז די געשיכטע פון איטאליע אין דער צװייטער העלפט פון 19-טן יארהונדערט: א קעסיידערדיקע װאקלעניש צװישן גאטס גענאד און דעם װילן פון דער נאציע, צװישן אויסגעשפראכענע קאנסערװאטיסטן און די, װאס האבן זיך עפנטלעך באקענט צום ליבעראליזם, צװישן דער א. ג. קאנסערװאטיװער פאליטיק און דער א. ג. דעמאקראטישער פינאנץ-װעלט.

ביי דער פאריייניקונג-ארבעט טרעפן זיך צוזאמען רעאקציע און רעװאלוציע, זיי זענען צו די זעלבע קייטן צוגעשמידט, און קעמפן צװישן זיך אין מעשעך פון 50 יאר פאר דער הערשאפט אין דער מעלוכע. װען האט אנגעהויבן איר ארבעט די רעאקציע? אין זעלבן טאג, װען די רעװאלוציע האט אנגעהויבן..." (געטאנא סאלװעמיני: דער אנהויב פון דער רעאקציע, „קריטיקא סאטשיאלע" 1898). די װיפילמאליקע ניצחונות פון דער רעאקציע איבער דער רעװאלוציע, זייט דער הידערגעבורט ביז אויף היינטיקן טאג, דערקלערן זיך נישט נאר מיט דער אויסערלעכער איבערװאג פון די טראדיציאנעלע קרעפטן איבער די פאלקסטימלעכע, נאר נאך מער מיט די אינערלעכע שװאכקייטן פון דעם רעװאלוציאנערן

צאַר, וואָס זיין קלאַגעדיקע געשיכטע ציט זיך פון מאַדזיני און גאַריבאַלדי ביז צו באַרדיגאַ*) און באָמבאַטשי*). די שטריכן פון אַלע בירגערלעכע רעוואָלוציעס פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, נעמלעך: 1) רעוואָלוציאָנערע ליקווידירונג פונם פעאָדאַליזם, 2) באַטייליקונג פונם פאָלק אין קאַמף, אונטער דער פירונג פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע, און 3) די אויפריכטונג פון אַ קאָנסטיטוציאָנעלער מעלוכע אויף דעמאָקראַטישע יעסוידעס — די דאָזיקע שטריכן געפינט מען אין דער איטאַליענישער „ווידערגעבורט" נאָר אין אַ קאַריקאַטור-פאָרם**).

„אויף די פעלדער פון לאָמבאַרדיע זענען פאַר אונזער נאַ-

---

*) איטאַליענישע קאָמוניסטן — איבערזעצער.

**) „אַפט דוכט זיך אויס, אַז די געשיכטע פון איטאַליע און פון דייטשלאַנד אין אַט דעם יאָרהונדערט (19-טער יאָרהונדערט) איז אינגאַנצן די זעלבע: אין איטאַליע איז די פאַראייניקונג און די אומאָפּהענגיקייט געווען דער אויפטו פון דער פּיעמאָנטישער מאָנאַרכיע, אין דייטשלאַנד — פון דער פּרייסישער מאָנאַרכיע; סיי אין איטאַליע, סיי אין דייטשלאַנד האָבן די דינאַסטיעס געמוזט פירן אַ קאַמף קעגן דער זעלבער דרויסנדיקער קראַפט, קעגן עסטרייך: אי דאָ אי דאָרט איז דער פראַנצויזיש-דייטשער קריג געווען די סיבע פון מעלוכישער פאַראייניקונג. אָבער דער פּאַראַלעליזם איז אַז אויבנאויפיקער, און ער פאַרשווינדט, ווי נאָר מען נעמט באַטראַכטן די זאַכן נישט אַזוי פאַרייניפאַכט. אין דייטשלאַנד איז די פאַראייניקונג און די אומאָפּהענגיקייט געווען טאַקע אויסשליסלעך דער אויפטו פון דער דינאַסטיע און פון פּרייסישן מיליטער, די איינהייט אין דייטשלאַנד האָט פון איר ערשטן מאָמענט אָן אָנגענומען אַ דינאַסטישן, מעלוכיש-קאָנסערוואַטיוון און מיליטערישן כאַראַקטער, און די פּאַרלאַמענטאַרישע אינסטיטוציעס האָבן לעגאַל און עפנטלעך געלאָזן אַ פרייען צוגאַנג פאַר דער פּערזענלעכער ווירקונג פונם קייזער. אין איטאַליע, דאַקעגן, איז די איינהייט און אומאָפּהענגיקייט געווען אַ רעזולטאַט פון צוויי פאַרשידענע קוילעס, פון דעם מאָנאַרכיש-קאָנסערוואַטיוון און דעם דעמאָקראַטיש-רעפּובליקאַנישן" (גאַעטאַנאָ סאַלוועמיני, דער אַנהויב פון דער רעאַקציע, „קריטיקאַ סאָטשיאַלע" 1898).

ציאנאלער אומאפהענגיקייט געפאלן דריי מאל מער פראנצויזן, ווי איטאליענער; די צאל פון אלע געפאלענע פארן פאטערלאנד, פון 1815 ביז 1870, אין די רעגולערע און נישט רעגולערע אר־מייען, אויף דער יאבאשע און אויפן וואסער, אין קריג און אויף די עשאפאטן, דערגרייכט העכסטנס פון 7 ביז 8 טויזנט, ד. ה. ווייניקער ווי עס האט אונז געקאסט דער באשיידנסטער פון אונ־זערע אנגריפן אויפן קארסט" (פ. רופיני: „דירִיטִי די ליבערטא", ז. 144).

אזוי ווי די צייט פון דער „ווידערגעבורט" איז אויסגעפאלן אין באגינען פון איטאליעס אינדוסטריעלער אנטוויקלונג, וואלט זי (די „ווידערגעבורט") געקאנט טראגן אן עמעס נאציאנאלן און פאלקסטימלעכן כאראקטער נאר דאן, ווען עס וואלטן אין איר א גרויסן אנטייל גענומען די פויערן. אבער געווען איז פארקערט אזוי, אז אלע אידעאלאגן און שריפטשטעלער פון דער „ווידער־געבורט" האבן געלעבט אין פאנישער שרעק פאר דער מעגלעכער אויפוואכונג פון די פויערשע מאסן. דערביי האבן מיר אין זינען נישט בלויז די מעסיקע אידעאלאגן, נאר אויך די, וואס האבן גע־האט א שלעכטן שעם, אלס „רעוואלוציאנערן".

קאוור האט וויפיל מאל אויסגענוצט דאס געשפענסט פון סאציאלע אומרוען אינם אפענינען־לאנד, קעדיי ארויסצורייסן ביי ענגלאנד און פראנקרייך א העסקעם אויף זיינע דיפלאמאטישע פראיעקטן. אין 1860 האט נאפאלעאן דער דריטער מאסקים גע־ווען אויף דער אקופאציע פון בענעווענט און אומבריע דורך די פיעמאנטער, ווייל ער האט מוירע געהאט, אז גאריבאלדיס אקציע פון דארעם־איטאליע — באקאנט אונטערן נאמען „דער מארש פון טויזנט" — זאל זיך נישט פאנאנדערשפרייטן, אלס רעפובלי־קאנישע באוועגונג, איבערן גאנצן לאנד. אין 1862 האט דער רו־סישער מיניסטער גארטשאקאוו אויסגעדריקט זיין סימפאטיע פאר דעם נייעם קעניגרייך, ווייל ער האט אין דעם געזען א גע־וויסע פארזיכערונג פאר רעוואלוציעס.

די פאלקס־מאסע איז בעאיים דער „ווידערגעבורט" נאר זעלטן געווען אויף דער ארענע: אין מילאן און ברעשיא, אין מעריץ

1848, אין באָלאָניאַ דעם 8. אויגוסט פֿון זעלבן יאָר, און דאָס גלײַכן אין פּאַלערמאָ. אָבער איר באַווײַזן זיך האָט געשראָקן די ליבעראַלן; זיי וואָלטן ליבער געבליבן ווײַטער אונטער עסטרײַכישער הערשאַפֿט, אײדער צו זײַן אויסגעשטעלט אויף דער געפֿאַר פֿון סאָציאַלע אומרוען. די דאָזיקע שרעק שפּירט מען אין אַלע שריפֿטן פֿון דזשוזעפּע מאַדזיני, דעם פֿירער און אידעאָלאָג פֿון דער „אַקציאָנס־פּאַרטיי". לויט זײַן פֿילאָזאָפֿישער אָריענטירונג האָט ער געהערט צו דער אויפֿקלערונג־עפּאָכע און האָט קיין שום בוש נישט געהאַט פֿאַר סאָציאַלע פֿראַגן. זײַן באַגריף פֿון מעלוכע איז געווען נאָענט צו לואי בלאַנס באַגריף. ער האָט געהאַלטן פֿאַר אַ פֿאַרברעכן צו טיילן די מענטשן לויט זייער סאָציאַלן מאַימעד; זײַן פֿאָדערונג איז געווען, מען זאָל דורך דערציִונג שטרעבן אַ סאָף צו מאַכן צו די סאָציאַלע אונטערשיידן; ער האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו די אַרבעטער פֿון רוים, זיי זאָלן ווייניקער בונטאַרן זײַן און מער — פֿרײדיקער. און נאָך ווייניקער האָט ער פֿאַרשטאַנען די פּויערן־פֿראַגע. „לאָזט הילכן דעם רוף: די ערד די פּויערן! — האָט אים באַקונין געראָטן — און איר וועט זען, אַז דאָס איטאַליענישע דאָרפֿישע פֿאָלק וועט זיך אויפֿהויבן צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע". די זעלבע אָנווײַזונג מאַכט אויך מאַרקס: די איטאַליענישע רעוואָלוציע קאָן נישט טראָגן קיין פֿאָלקס־כאַראַקטער אָן די פּויערן. אָבער דער מיסטיקער מאַדזיני האָט פֿעסט געגלויבט, אַז סאָציאַלע קאַמפֿן זענען אַ זינד קעגן די געזעצן פֿון גאָט, וואָרום גאָטס געבאָט איז צו דערפֿילן די פֿליכט און צו ברענגען קאָרבאָנעס, און גאָט פֿאַראורטיילט דעם קאַמף, וואָס מען פֿירט פֿאַר דער באַפֿרידיקונג פֿון מאַטעריעלע באַדערפֿענישן. די קאָרבאָנעס דאַרפֿן זײַן נישט לעטויוועס איין קלאַס מענטשן, נאָר לעטויוועס די פֿון גאָט געגעבענע סאָציאַלע קערפּערשאַפֿטן: פֿאַמיליע, נאַציע, מענטשהייט, אַלס העכסטע רעאַליטעטן פֿונם לעבן. מאַדזיני איז זייער נאָענט געווען צו דער אידעאָלאָגיע פֿונם דײַטשן „טוגנד־בונד". עס איז שוין איבעריק לענגער צו דערקלערן, פֿאַרוואָס זײַן פֿאַרײַן „יונג איטאַליע" האָט קיינמאָל נישט באַוויזן מיטצורײַסן די מאַסן פֿון פֿאָלק.

בלויז ביי דריי אָפּגעזונדערטע דענקער פון יענער צייט גע־פינט מען טענדענצן אריינצוציען דאָס פאָלק אין דער נאַציאָנאַ־לער רעוואָלוציע און איר צוגעבן אַ סאָציאַלן אינהאַלט. דאָס זע־נען די פעדעראַליסטישע רעפּובליקאַנער ג. פעראַרי און קאַטאַנעאָ און דער סאָציאַליסט מש. פּיסאַקאַנע.

„די מאַסן — האָט געשריבן פּיסאַקאַנע — וועלן ערשט דאַן קאָנען געבראַכט ווערן אין באַוועגונג, ווען עס וועט זיי דערצו טרייבן דער פאַרלאַנג צו פאַרבעסערן זייער מאַטעריעלע לאַגע. די איינציקע רעוואָלוציע, וועלכע איז נאָך מעגלעך אין אייראָפּע, איז די גרויסע סאָציאַלע רעוואָלוציע, דאָס אַראָפּוואַרפן פון דער בור־זשואַזיע אויף דעם זעלבן אופן, ווי דער אַדל איז געוואָרן אַראָפּ־געוואָרפן אין 1789. וואַרטן, אַז די מאַסן פון לאָמבאַרדיע וועלן פונדאַסניי זיך כאַפּן פאַרן געווער, ווי זיי האָבן דאָס געטון אין יאָר 1848, איז אַן אומזיסטע מי. די פּאָן, וועלכע קאָן זיי אַרויס־רופן צום מאַרש, איז נאָר די, אויף וועלכער עס איז אויפגעשריבן אָפּשאַפונג פון פּריוואַט־אייגנטום. געוויס, זיי (די מאַסן) האָבן אויך אין 1848 געהאָפט אויף אַ פאַרבעסערונג פון זייער לאַגע, אָבער אומזיסט. אַלס זעלנער, וואָס שלאָגן זיך אין דינסט פון דער מאָנאַרכיע, פאַר אומבאַגרייפלעכע פאַר זיי צילן, זענען די איטאַליענער די קלאָגעדיקסטע אַרמיי אין אייראָפּע, אָבער אויב זיי זאָלן אַרויס אין קריג פאַר אַ הייליקער פאַר זיי פאָלקס־זאַך, וועלן זיי זיין אומבאַזיגלעך".

אין זיין געשיכטע „דער געפירטער אין איטאַליע קריג פון 1848 ביז 1849" שטעלט זיך פּיסאַקאַנע ווידער די זעלבע פראַגע: פאַרוואָס זענען די מאַסן נישט געגאַנגען נאָך אונז? פאַרוואָס האָט אַזוי פּאַסירט, אַז די פּויערן פון לאָמבאַרדיע זענען געוואָרן פרייוויליקע אינפאָרמאַטאָרן פאַר דער אַרמיי פון ראַדעצקי, און פאַרוואָס האָט דאָס פאָלק זיך געוואָרפן אויף די צעריסענע רעשטן פונעם געבילדעטן בירגערטום — וואָס האָט זיך דעם 15. מאַי צעבונטעוועט און איז אין אומדערשראָקענעם באַריקאַדן־קאַמף אַרויסגעטרעטן קעגן די שווייצאַרישע באַטאַליאָנען פון פראַנץ II — צו דערענדיקן נאָך די אומראַכמאָנעסדיקע שכיטע? דער ענטפער

פיסאקאנעס איז אזא: אונזערע הענט זענען געווען לעער פון זאכן, און פול מיט פראזן. אבער ווען מיר זאלן ארויסטרעטן פאר אט די ארימע און זאגן צו זיי: אייער וועט זיין די ערד, די געמיינדע, ד, מעלוכע — דאן וועלן זיך די טאג־לוינער, די האנטווערקער און די פויערן מיט אונז פאריייניקן, און דאן וועלן מיר איטאליע שאפן, און מיט דער הילף פון איטאליע א רעפובליק פון גלייכבארעכטיקטע.

פיסאקאנעס לעבן האט געהאט א טרויעריקן סאף. אין יוני 1857, בעאיים ער איז מיט 300 וואלאנטערן אראפגעקומען אין דארף סאפרי, אויפצוהויבן די באפעלקערונג קעגן די בורבאנער, האבן אים די פויערן דערמארדעט. פיסאקאנע איז געווען א טאלאנטיד פון באבעף און בואנאראטי, אבער מען קאן אים האלטן פאר א מארקסיסט, הגאם ער האט מארקס' ווערק נישט געקענט. אין זיין צוואוא האט ער געשריבן, אז מאטאר פון דער געשיכטע און די סיבע פון פראגרעס איז דער קלאסן־קאמף. ער האט אנגעזאגט די אומפארמיידלעכע אנטי־קאפיטאליסטישע רעוואלוציע, און געוואלט האט ער זי אן שום באווארענישן, „ווארום ד, צאל פון אירע קארבאנעס וועט נאך אלץ זיין קלענער, איידער די צאל קארבאנעס פון דער קאפיטאליסטישער געזעלשאפט". אבער קיינער האט זיך אויף פיסאקאנען נישט אומגעקוקט, און ער האט קיין שום איינפלוס נישט געהאט אויף דער „ווידערגעבורט".

3. א נאציאנאלע מעלוכע אן א מאסן־באזיס

די מוירע פאר ד, מאסן האט, אלזא, געהאט איר ווירקונג ביי דער סאמע אנטשטייאונג פון דער איטאליענישער איינהייטמעלוכע. די אנטשטייאונג איז פארגעקומען אן שום אנטייל פון די מאסן, אין א זייט פון די מאסן, קעגן די מאסן. און דער דאזיקער אומשטאנד איז געווען דעצידירנדיק פארן גאנצן לעבן פון דער נייער מעלוכע, פון איר גרינדונג אן און ביז אויף היינטיקן טאג.

די מאדערנע בורזשואזיע אין איטאליע איז געווען עקאנאמיש זייער שוואך, סאציאל זייער באגרעניצט, און ריין־געאגרא־

פיש — קאָנצענטרירט נאָר אויף אַ קליינעם טייל פונם לאַנד (צאָפן). און זי האָט זיך טאַקע אַרויסגעוויזן אומפעהיק אַליין צו אָרגאַניזירן די נייע מעלוכע און אָנצופירן מיט דער נייער נעזעלשאַפט. די פאַרשידענע פראַקציעס, פון וועלכע עס איז באַשטאַנען דער פּאָליטישער פּערסאָנאַל פון דער מעלוכע ביי איר גרינדונג (ביוראָקראַטישע עלעמענטן פון דער אַלטער פּיעמאָנטישער מעלוכע און פון סאַרדיניע, מעסיקע אינטעליגענץ פון די היסטאָרישע „רעכטע", רעשטן פון דער „אַקציאָנס־פּאַרטיי"), זענען געווען איניק נאָר אין איין זאַך — אַז די נאַציאָנאַלע איינהייט און די אומאָפּהענגיקייט מוזן ווערן באַוואָרנט; אין אַלע אַנדערע פראַגן זענען זייערע מיינונגען געווען געטיילט. אָבער אַזוי ווי די מעלוכישע איינהייט איז נאָך ווייטער געווען באַדראָט, זענען די מיינונגס־פאַרשידנהייטן געוואָרן אַלע מאָל אָפּגערוקט אין אַ זייט, און די מעלוכע האָט געקעמפט קעגן די רעוואָלוציאָנעריקע מאַסן, ווי קעגן אַן אויסערלעכן פיינט: מיט ביקסן און האַרמאַטן.

צוליב דער אינערלעכער שוואַכקייט פונם איטאַליענישן קאַפּיטאַליזם האָבן די אינדוסטריעלער געמוזט אַלע מאָל גיין אויף קאָמפּראָמיסן, קעדיי איינצוהאַלטן זייער קאָנטראָל איבערן לאַנד. און דעריבער איז אין איטאַליע נישט געווען דער געוויינלעכער קאַמף צווישן אַגראַריער און אינדוסטריעלע אונטערנעמער, און עס האָבן זיך אַפילו נישט אויסגעבילדעט קיין קלאָר אָפּגעגרענעצטע פּאַרטייען, וועלכע זאָלן אָנטשפּרעכן די פאַרשידענע שיכטן פונם באַזיצערישן קלאַס.

עס איז גיך געקומען צו אַן אויסגלייך צווישן אייניקע פּריווילעגירטע גרופּעס אַגראַריער און אינדוסטריעלער פון צאָפן־איטאַליע, טאַקע אויפן כעשבן פון דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט, אַזוי אַז אין דער צווייטער העלפט לאַנד (דער דאָרעם און די אינזלען), וועלכע איז געווען קימאַט ווי אונטער אַ קאָלאָניאַלן רעזשים, איז געוואָרן אַ ווירטשאַפטלעכער שטילשטאַנד. מעמיילע האָבן זיך אויפן זעלבן אופן אויך איבערגערוקט אַלע אינערלעכע סאָציאַלע קעגנזאַצן, דאָס לאַנד איז זיך צעפאַלן אויף צוויי און

מער געאָגראַפיש אָפּגעזונדערטע טיילן, און זיין עקזיסטענץ איז
דעריבער געווען קעסיידער באַדראָט. די מעלוכע־רייפן זענען גע־
ווען צו שוואַכע, זיי זאָלן קאָנען אויסטראָגן אַ קאָנסעקווענטע
לויט אירע אידייען און פּרינציפּן פּאָליטיק, אַ קאָנסעקווענטן
קאַמף פון קאָנקורירנדיקע צווישן אייגאַנד פּאַרטייען. די מעלוכע
האָט זיך געהאַלטן בלויז אויף איר ביוראָקראַטישן אַפּאַראַט, און
דער לעצטער איז געוואָרן געפירט פון מענטשן, וואָס האָבן גע־
צויגן יעניקע פון די פאַרשידנסטע אידעאָלאָגיעס און נישט גע־
האַט קיין שום אָנשפּאַר אין לאַנד. דער פּראָקלאַמירטער דורך
קריספּין לאָזונג: „די רעפּובליק וואָלט אונז געשפּאָלטן, די מאָ־
נאַרכיע פּאַרייניקט!" איז געוואָרן פאַר די מאַדזיני־אָנהענגער
אַ סיגנאַל צו זאַמלען זיך אַרום סאַוואָיער ד׳נאַסטיע. דערביי איז
די הויפּט־אויפגאַבע פון די רעגירונגס־מענער געווען — אויסראָטן
אַלע פּאָליטישע קעגנזאַצן, וואָס קומען אויף אין לאַנד; געטון
האָט מען עס מיט דער הילף פון ביטערע גענג, פון קאָמפּראָמיסן,
פון קאָרופּציע און פון געוואַלט. אַלע מיינונגס־פאַרשידנהייטן
צווישן די „היסטאָרישע רעכטע" און די לינקע זענען געוואָרן
פאַרווישט*). עס איז אַנטשטאַנען אַ פּאָליטיק אונטערן נאָמען
„טראַנספאָרמיזם", וואָס איר טאָך איז באַשטאַנען דערין, מען

---

*) דער אונטערשיד צווישן די רעכטע און לינקע איז געווען בלויז אויף
קולטורעלן און מאָראַלישן געביט. „די ביידע פּאַרטייען האָבן זיך נישט
קריסטאַליזירט, זענען געבליבן אין אַ פליסיקן צושטאַנד, און האָבן ווייטער,
נאָך מער ווי פריער, אויסגעמישט זייערע וואַכערן" (קראָטשע, געשיכטע פון
איטאַליע, ז. 18). „די גרופּעס האָבן לויט די נעמען פון זייערע פירער, וועל־
כע מען האָט געהאַלטן פאַר פעהיק צו בילדן די רעגירונג, זיך גערופן „דע
פרעטיאַנער", „קריספּיאַנער", „ניקאָטעריאַנער", „דזאַנאַרדעליאַנער", „סעליאַ־
נער". אַביסל שפּעטער איז צוגעטראַכט געוואָרן דאָס וואָרט, וואָס האָט דער־
מאָנט אין דער פאַרגעקומענער אויפלייזונג, אַ וואָרט, וואָס האָט אויסגעזען
העסלעך און אַפילו שענדלעך און וואָס אַלע האָבן אַרויסגערעדט מיט אַ גע־
פיל פון בושע און ווידערווילן — דאָס וואָרט: טראַנספאָרמיזם (קראָטשע,
געשיכטע פון איטאַליע, ז. 20).

זאָל לאָזן אין אַ זייט אַלע אַלגעמיינע אידייען און פילאָזאָפישע סיסטעמען, מען זאָל אָנשטאָט פּאָליטיק ארויסרופן פּאַראַויס פאַר־וואַלטעריי. עס איז געווען אַ פּאַרלאַמענט, אָבער נישט קיין פּאַר־לאַמענטאַריזם. פּאַקטיש האָבן ענג באַגרעניצטע אָליגאַרכיעס גע־ווילט דעם פּאַרלאַמענט, דורך וואַל־מענער, וועלכע האָבן באַ־הערשט די וואַל־פּאַרזאַמלונגען. די וואַל־מענער זענען געווען פאַר־בונדן מיט די הערשנדיקע קליקעס דורך אַן אַפּמאַך וועגן קעגנ־זייטיקער אונטערשטיצונג. די פּרעפעקטן האָבן דערביי געשפּילט די ראָל פון אַ פּאַרמיטלענדיקער קאָנטראָל־אינסטאַנץ צווישן די אָרטיקע אָליגאַרכיעס און דער צענטראַלער רעגירונג. זיי האָבן שוין געקערעוועט די וואַל־מאַשין לויט די דירעקטיוון פונם דיק־טאַטאָר. זיי האָבן צוגעהאָלפן די קאַנדידאַטן, וועגן וועלכע מען האָט געוווסט, אַז זיי וועלן ביי די וואַלן זיך אָנשטויסן אויפן קלענסטן ווידערשטאַנד און מען קאָן אויך זיכער זיין מיט זייער טריישאַפט לעגאַבע דער רעגירונג. די דאָזיקע סיסטעם האָט זיך אויפגעהאַלטן אַפילע נאָך דאַן, ווען דאָס וואַל־רעכט איז שוין געוואָרן אויסגעשפּרייט קימאַט אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג. דער פּאַרלאַמענט איז אויך געוואָרן אַן אינסטרומענט פונם „טראַנספאָרמיזם“. דער פּאַרלאַמענט האָט נישט געשטיצט די בילדונג פון פּאַרטייען, נאָר פאַרקערט, ער האָט זיך באַמיט צו דערשטיקן די דאָזיקע טענדענץ. קעגן אָט דער אינגערלעך שוואַכער מעלוכע האָבן זיך אויפגעהויבן דער וואַטיקאַן, די מאַסן אָרימע פויערן, באַזונדער אויף דאָרעם, און דער פּ...לעטאַריאַט.

4. דער קעגנזאַץ צווישן דער מעלוכע און דער קאַטוילישער קירכע

אײדער די פאַרייניקונג פון איטאַליע איז צושטאַנד געקומען — דורך אַ צוזאַמענשלוס פון גרויס־הערצאָגטום טאָסקאַנאַ, פון הערצאָגטום מאָדענאַ, פון לאָמבאַרדיש־וועןעציאַנישן קעניגטום און פונם קעניגטום פון ביידע סיציליעס — האָט דער פּויבסט געוועלטיקט איבער 21 פּראָווינצן מיט אַ באַפעלקערונג פון 3,2

מיליאן נעפאשעס; אלזא, קימאט א זיבעטל איטאליע איז געווען אונטערן פויבסטס הערשאפט. אבער שוין אין יאר 1860 האט דער פויבסט פארלוירן א באדייטנדיקן טייל פון זיין הערשאפט־געביט. אין 1870, בעאיים דעם דייטש־פראנצויזישן קריג, האט ער פארלוירן די רעשט (רוים). אבער ביזן 11 פעברואר 1929 האבן די פויבסטן נישט געוואלט אנערקענען אט דעם געשעענעם פאקט, און האבן זיך דעריבער אפגעזאגט אונטערצוהאלטן וועלכע ס'נישט איז באציונגען מיט דער „אוזורפאטארישער מעלוכע". אין זיין ענציקליקע פון 25 מאי 1871 האט דער פויבסט זיך נישט אפגעשטעלט אפילע פאר רופן אייראפע צו אן אינטערווענץ קעגן איטאליע:

„גאט זאל געבן, אז די מעלאכים פון דער ערד זאלן זיך צוזאמענשליסן אין איין הארץ און איין ווילן, זיי זאלן די נישט־איינשטימיקייטן באזייטיקן, און איינשטילן די אומרועז און בונטן, און דורכקרייצן די צעשטערערישע פלענער פון די סעקטעס, און צוזאמען ארבעטן אויף צוריקצוגעבן דעם הייליקן שטול זיינע רעכט, און דעם ערדישן הויפט פון דער קירכע זיין פולע פרייהייט און דער פרידלעכער באפעלקערונג די אזוי געגארטע רו".

ביז צום יאר 1900 האט דער וואטיקאן (און לעא XIII פערזענלעך נאך שפעטער אויך) געהאלטן, אז די איינהייט פון איטאליע איז נאך נישט געזיכערט, אז זי איז נאך אנגעוויזן אויפן בעסער אדער אומכעסעד פון דער אינטערנאציאנאלער קאניונקטור. „דאס וואס די דיפלאמאטיע האט געשאפן, קאן זי אויך פארניכטן".

אין אן ענציקליקע צו די ביסקופן אין יאר 1890 האט לעא XIII פארמולירט זיין מינימום־פראגראם — אין איר האט ער שוין נישט גערעדט מער וועגן די אלטע פויבסטלעכע פראווינצן, נאר בלויז וועגן רוים: „רוים, דער אייגנטלעכער קאטוילישער צענטר, מוז ווידער זיך געפינען אונטער דעם פרידלעכן און פאטערלעכן סצעפטער פון רוימישן פאנטיפעקס און באקומען אזוי ארום צוריק יענע שטעלונג, וועלכע ער האט פארנומען אין מעשעך פון יארהונדערטער און וועלכע איז באשטימט פאר אים

דורך דער געטלעכער האשגאכע; דער צענטער טאר נישט ליידן פון קיין שום פארקלענערונג, נישט ער זאל ווערן די הויפט־שטאט פון א באזונדער קעניגרייך, נישט ער זאל האבן איבער זיך צוויי סו־ווערענע מאכטן — אזא דואליזם איז נישט אין העסקעם מיטן גאנג פון זיין געשיכטע".

די שארפע אפאזיציע פונם וואטיקאן האט זייער שווערן שאדן געבראכט דער אויסערן־פאליטיק פון דער מעלוכע.

די גרויסע מעלוכעס האבן אויסגענוצט די רוימישע פראגע, קעדיי צו האלטן איטאליע, ווען דאס איז זיי נויטיק געווען, אונ־טער דרוק: טיער, ביסמארק און קאלנאקי האבן נישט געוואלט גאראנטירן דעם טעריטאריאלן באשטאנד פון נייעם קעניגרייך. (דעם 11 נאוועמבער 1914 האט פירשט ביולאוו צום לעצטן מאל נאך געדראט, אז אויב די קאאליציע־מעלוכעס וועלן זיגן אין דער מילכאמע און איטאליע וועט האבן זיך געשלאגן אויף דער זייט פון דער אנטאנט, וועט מען צוריק אויפשטעלן די וועלטלעכע מאכט פונם פויבסט). צענטליקער יארן נאכאנאנד איז דאס אינ־טערנאציאנאלע לעבן פון דער נייער מעלוכע געווען בוכשטעבלעך פארגיפטעט דורך די דיפלאמאטישע אינטריגעס פון דער קאטוי־לישער קירכע. מען האט קעסיידער מוירע געהאט פאר א באַ־וואפנטן אנגריף מיצאד פראנקרייך אדער עסטרייך צוליב רעס־טאווראציע פון דער פויפסטלעכער מעמשאלע. אין פעברואר 1888 איז קריספי געפאלן א קארבן פון א בלינדן אלארם אויף דער פראנצויזיש־איטאליענישער גרעניץ. ער האט גערופן צו הילף דעם ענגלישן פלאט, און עסקאדרע איז געקומען קיין גענוא; אבער — דער אינצידענט איז געווארן אויפגעקלערט. אין יולי 1889 האט ווידער זיך געמאכט א קריג־אלארם. און נאך א מער העפטיקערן ווידערשטאנד האט די קירכע אנטוויקלט אינעווייניק אין לאנד. געשטיצט אויף א טויזנט־יאריקער ארגאניזאציע, וואס האט מיט איר נעץ פון קירכע־שפילן און דיעצעזן געהאלטן ארומגענומען קימאט דאס גאנצע איטאליענישע פאלק, און געשטיצט אויף אן ארמיי פון 70 טויזנט גאלאכים — האט די קירכע ארויסגעוויזן די שארפסטע אפאזיציע קעגן דער איטאליענישער רעגירונג: זי

האט פארבאטן די קאטאליקן צו דינען דער נייער מעלוכע, צו גרינדן א פאליטישע פארטיי, צו קאנדידירן אויף וואל־ליסטעס, צו גיין צו די וואל־אורנעס א. א. וו. „דורכהאלטן ביז צום נאענסטן איירא־פעאישן קריזיס — האבן די גאלאכים אגיטירט די פויערן — דאן וועט דאס טייוול־ווערק (די איטאליענישע מעלוכע) צע־פאלן ווי שטויב". די מעלוכע האט נישט געקאנט זיך רעכטפאר־טיקן פאר די מאסן און נישט זיך פארטיידיקן, ווייל די פארלא־מענטארישע פירער פון דער רעגירונגס־מערהייט האבן נישט גע־האט קיין שום אנשפאר אין פאלק, וואס זאל ווירקזאם מאכן די פארטיידיקונג. האט זיך די מעלוכע געווערט דורך א ריי אנטי־קירכלעכע געזעצן: דעם 12 יולי 1871 ווערן באשלאסן ספעציעלע שטראפן פאר גייסטלעכע, וועלכע זענען שולדיק אין ארויסרופן אומרוען, אדער זיי האבן אליין נישט אפגעהיט די געזעצן, אדער זיי זענען אנגעפאלן אויף דער מעלוכע. אין יאר 1876 פאדערט מיניסטער ניקאטערא ווידעראמאל פון די פרעפעקטן, זיי זאלן וואס שטרענגער פארפאלגן די מעלוכע־פיינטלעכע טעטיקייט פון די גייסטלעכע. אין 1888 פארשארפט קריספי די מאסמיטלען קעגן די גייסטלעכע. אזוי ווי די קאטאליקן האבן אין די דארפישע געגנטן לייכט באהערשט די געמיינדע־פארוואלטונגען, האט די רע־גירונג זיך גענומען דאס רעכט אליין צו נאמינירן בירגערמייס־טערס אין געמיינדעס מיט איבער 1400 איינוווינער. די אינסטי־טוציעס פון סאציאלער הילף („אפערע פיע") — אין א צאל פון ארום 22 טויזנט — ווערן ארויסגענומען פון אונטער דער אויפ־זיכט פון די גייסטלעכע און איבערגעגעבן אין די הענט פון די בירגערמייסטערס.

„זאגן, אז די רוימישע פראגע שטייט אפן — האט מיניס־טער דזאנארדעלי דערקלערט אין פארלאמענט — הייסט רופן צו רעוואלט, צו אומגעהארכזאמקייט". דער נייער שטראף־קאדעקס האט אפגענומען ביי די גייסטלעכע דאס רעכט ארויסצוטרעטן קעגן דער רעגירונג אין שריפט אוןווארט, און נישט בלויז ביי דער אויספירונג פון זייערע אמט־פונקציעס, נאר אפילו אלס פאש־שוטע בירגער. מען האט גאנץ אפן געשמועסט, אז דער ארטיקל

101 פונם שטראַף־קאָדעקס איז געווענדעט קעגן די גייסטלעכע: „ווער עס באַגייט אַ טאַט, וואָס האָט פאַר אַ ציל איבערצוענט־פערן די מעלוכע אָדער אַ טייל פון איר צו אַ פרעמדער מאַכט, ווערט פאַרמישפּעט אויף לעבנס־לענגלעכע צוואַנג־אַרבעט". אין משך פון אַ 7 ביז 8 יאָר זענען קאָנפיסקירט געוואָרן 2075 קלויסטערס (אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען 31,649 פערזאָנען), און 11,889 קאַפּיטולן און לעגאַטן, אין ווערט פון 300 מיליאָן ליר.

נאָך דער אַנעקסיע פון דאָרעם־איטאַליע (1860) און פון די דריי ווענעציעס (1866) דורך פיעמאָנט זענען די פיעמאָנטישע געזעצן קעגן קירכן־באַזיץ אויסגעשפּרייט געוואָרן — אויפן גרונט פון די געזעצן פון 7 יולי 1866 און פון 15 אויגוסט 1867 — אויך אויף די נייע פּראָווינצן. און נאָך דער אָקופּאַציע פון רוים (1870) זענען די זעלבע געזעצן — לויט אַ געזעץ פון 19 יוני 1873 — אַריין אין קראַפט אויך אין דער הויפּט-שטאָט.

דאָס אָפּנעמען די ווירטשאַפטלעכע אומאָפּהענגיקייט אין געווען פאַר דער מעלוכע אַ ווירקזאַם מיטל אויף צו האַלטן דעם קלער אין צוים.

אויפן גרונט פון די געזעצן פון 1866 און 1867 האָט מען קאָנפיסקירט אַלע אומבאַוועגלעכע קירכלעכע פאַרמעגנס, מיטן אויסנאַם בלויז פון די געמיינדע־קירכעס. דאָס קאָנפיסקירטע פאַרמעגן האָט מען פאַרקויפט, אָדער עס איז אַריבער צו דער מעלוכע, אויב אַפילע עס האָט געהערט צו די צאָלרייך אויפגע־לייזטע רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס, צו די קאַפּיטולן, אָדער צו אַנדערע אינסטיטוציעס פון דער גייסטלעכשאַפט. אַלס אַנטשע־דיקונג פאַרן קאָנפיסקירטן פאַרמעגן האָט מען פון קאָהעלשע מיטלען געצאָלט אַ רענטע די לעגאַל עקזיסטירנדיקע קערפּער־שאַפטן; די רענטע איז געווען פּראָפּאָרציאָנעל צום קאָנפיסקירטן פאַרמעגן. אַזוי ווי עס האָט זיך אָבער געהאַנדלט וועגן לעכערלעך קליינע סומעס, האָט די מעלוכע פאַרגרעסערט די סומעס פון איר קאַסע.

און ווירקלעך, יוסטיץ־מיניסטער ראָקאָ האָט דערקלערט אין

פארלאמענט, אז פון די 90 מיליאן ליר, וואס מען דארף צאלן יערליך דעם קלער, ווערן 65 מיליאן גענומען פונם מעלוכישן בודזשעט. דאס באלעבאטעווען מיט די דאזיקע סומעס איז געווען ביז גאר אומקלאר און פארפלאנטערט, און די מעלוכע האט גע־האט א רעכט אויך אפצושטעלן די צאלונגען.

זייט 1871 איז נישט איינמאל אנגעקינדיקט געווארן, אז מ'האט וועט ארויס א געזעץ, וואס וועט ענדגילטיק אומענדערן און פארייניפאכן די איטאליענישע קירכן־פארוואלטונג, אבער דאס געזעץ איז קיינמאל נישט ארויס. די מעגלעכקייט פון אזא געזעץ איז בלויז געבליבן אלס דראאונג, וועלכע מ'האט ביי פארשידענע געלעגנהייטן גענוצט מיט דערפאלג אויסנוצן קעגן דעם קלער.

א צווייטער מיטל, מיט וועלכן די בורזשואזיע האט גע־פרווט צו שיצן זיך קעגן דער קירכע, איז געווען די מאסאנען־ארגאניזאציע, וועלכע איז געווארן די אייגנטלעכע ארגאניזאציע פון די פאליטיש אקטיווע עלעמענטן פון איטאליע, פון איר איז געווען אפהענגיק דער צוטריט צום אפיצירן־קארפוס, צו א דיפלא־מאטישער קאריערע און צו די העכערע ספערן פון דער פאר־וואלטונג.

דער אפיציעלער אנטי־קלעריקאליזם איז צונויפ געקומען דער איטאליענישער בורזשואזיע אויך אויפן אינטערנאציאנאלן באדן, אויף צו באקומען שטיצע פון דייטשלאנד, וואס איז דעמאלט אקוראט געשטאנען אינם פעריאד פון קולטור־קאמף; אין פראנק־רייך, דאקעגן, האט אין יענער צייט רעגירט א קלעריקאלע און קאנסערוואטיווע מערהייט.

אלזא, די קירכע אין איטאליע איז געווען ווי א מעלוכע אין א מעלוכע. זי האט פארמאגט א כאך א ברייטערע און טיפערע מאסן־באזע, ווי די ציווילע מאכט, און דער אידעאלאגישער און געזעצגעבערישער קאמף פון דער רעגירונג איז נישט געווען בע־קויעך צו דערשיטערן את די באזע. אבער פארוואס האט די קיר־כע זיך באנוצט מיט א טאקטיק פון פאסיוון ווידערשטאנד און נישט געטריבן איר אנגריף קעגן דער איטאליענישער מעלוכע ביז צו אן ענטשיידונג? אלע מאכמעס דער זעלבער מוירע — פאר

סאָציאַלע אומרועןֿ, פאַרן ערשטן אינטערנאַציאָנאַל, און אויך דערפאַר, אַז אויב די ליקווידירונג פון דער איטאַליענישער מעלוכע וועט געשען אויף אַן אַנדער וועג, נישט אויפן דיפּלאָמאַטישן, קאָן דאָס אַרויסרופן צום לעבן אַזאַ רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי, וואָס זאָל שטעלן אין סאַקאָנע אויך די קירכע. די זעלבע מוירע האָט געווירקט אויך אויף די גרויסע מעלוכעס, זיי זאָלן זיך אָפּהאַלטן פון אינטערוועניץ אינם שטרייט צווישן איטאַליע און דעם וואַטיקאַן. ווייטער וועלן מיר נאָך זען, אַז די האַזיקע מוירע פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע וועט קעסיידער באַשטימען די באַציונגען צווישן אָט די צוויי קעגנער, ביז זיי וועלן ענדלעך שליסן צווישן זיך אַ פעסטן בונד קעגן זייער געמיינזאַמען סוינע — קעגן דער אַרבעטערשאַפט!

5. די דאָרעם־פּראָבלעם

אַ צווייטע שווערע מעניע פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון איטאַליעס מעלוכישער איינהייט איז געווען די האַלטונג פונם דאָרף, באַזונדערס אינם דאָרעם־טייל פונם האַלב־אינזל. אויפן דאָרעם האָבן די רעפאָרמען פון קאַרל III און די פראַנצויזישע געזעצן אָפּגעגומען ביי די באַראָנען און ביים קלער די פּאָליטישע מאַכט, אָבער די געזעצן פון 1806 און 1812, וועלכע האָבן אָפּגעשאַפט דעם פעאָדאַל־באַזיץ, זענען אין דער פּראַקטיק זייער ווייניק געוואָרן אָנגעווענדט, און נאָך היינט קאָן מען אין אָט די געגנטן געפינען אויב נישט קיין פעאָדאַל־באַזיץ אין איינגנטלעכן זינען פון וואָרט, איז אַלנפאַלס רעשטן פון פעאָדאַלן טיף ווירטשאַפט. די דערמאָנטע געזעצן פון 1806 און 1812 האָבן אַרויפגעלייגט אויף די געמיינדעס די פליכט צו פאַרצעלירן און פאַרטיילן די פעאָדאַלע מאַיאָנטקעס. אָבער אין די געמיינדעס האָבן מייסטנס געבאַלעבאַטעוועט עלעמענטן, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט די פעאָדאַלע פּריצים, און זיי האָבן זיי צוריקגעגעבן „זייער" באָדן צו זייער נידעריקע פּרייזן, אָדער האָבן אים פאַרקויפט אויף די זעלבע באַדינגונגען צו גרויסע גרונט־באַזיצער. דאָס זענען צום גרעסטן טייל געווען מענטשן, וואָס אַליין האָבן

זיי געבליבן אין די שטעט, און אין די מאיאנטקעס האָבן זיי גע־
האַלטן פּאַרוואַלטערס, וואָס האָבן געהאַט איין גרונט־אויפגאַבע
— אויספּרעסן פון די לאַנד־אַרבעטער וואָס מער פּראָפיט. די דאָ־
זיקע „באָרן־גאַנאַוויס" זענען געווען אייגנטלעך די איינציקע,
וואָס האָבן פּראָפיטירט פון דעם, וואָס די פעאָדאַלע רעכט זענען
אָפּגעשאַפט געוואָרן אין דאָרעם־איטאַליע, און דעריבער זענען
זיי אויך געווען די איינציקע אָנהענגער פון די „נייע אידייען",
וואָס זענען אימפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך, די איינציקע
„פּאַטריאָטן". אזוי ארום איז דערגאַנגען דערצו, אז די פאָלקס־
מאַסן פון דאָרעם האָבן סאָף קאָל סאָף געבענקט נאָך דער אַלטער
אָרדנונג און זענען געוואָרן געשטימט קעגן די „ליבעראַלן". צוליב
דער שטעלונג פון דער קירכע אין אָט דער אָנגעלעגנהייט האָט די
פאָלקס־קעגנערשאַפט צו די ליבעראַלן אָנגענומען אַ רעליגיעזן
כאַראַקטער, האָגאָם דער קלאַסן־שווערעש פון דער באַוועגונג איז
געלעגן ווי אויף דער האַנט. אויף אַזאַ אופן קאָנען מיר פעסט־
שטעלן, אז אַפילע בעאיים דער פּאָליטישער געבורט פון דער
צאָפן־איטאַליענישער בורזשואַזיע, אין דער גינסטיקסטער פּאַר
איר עפאָכע אויף אויפצושטעלן אַן איינהייטלעכן, נאַציאָנאַלן,
רעוואָלוציאָנערן פראָנט קעגן דעם פעאָדאַליזם און דער באָראָנען־
דינאַסטיע — אפילע דאַן האָט די דאָזיקע בורזשואַזיע נישט גע־
האַט אויף דאָרעם קיין אָנשפּאַר אין די מאַסן. קורץ: דאָס אַגראַר־
לאַנד איטאַליע האָט נישט אדורכגעמאַכט קיין אַגראַרישע רעוואָ־
לוציע, ד. ה. עס האָט ביכלאַל נישט אדורכגעמאַכט קיין שום רע־
וואָלוציע. און נאָך אַ צווייטער פאַקטאָר האָט שווער געדריקט אויף
דער ווירטשאַפט אין דאָרעם — דאָס איז געווען די שטייער־סי־
סטעם, וואָס איז דאָרטן געוואָרן איינגעפירט נאָך דער פאַריייני־
קונג. דער צאָפן איז געווען שטאַרק פאַרזונקען אין כויועס. אין
יאָר 1860 זענען די עפנטלעכע כויועס געווען אזוי פאַרטיילט, אז
קעדיי צו צאָלן די צינזן, האָט מען געמוזט האָבן אויף אַ קאָפּ
באַפעלקערונג: אין קעניגרייך פיעמאָנט און סאַרדיניע 13,93 ליר;
אין גרויס־הערצאָגטום טאָסקאַנאַ 4,43 ליר; אין לאָמבאַרדיע
2,68 ליר; אין קעניגרייך נעאַפּאָל און סיציליע 3,58 ליר; ביי דער

פאַרייניקונג זענען אַלע כויוועס אַריבער צו דער נייער מעל[illegible], אַזוי אַז פּיעמאָנט האָט דערביי היפּש גענאָסן אויפן כעשבן פון די איבעריקע טיילן לאַנד*). דער הערשנדיקער קלאַס אויף דאָרעם האָט זיך געבילדעט פון דער צונויפגיסונג פון דער אַלטער פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע מיט דעם נייעם שיכט „באָדן־גאַנעווים“. אין מעשעך פון אַ גאַנצן יאָרהונדערט האָט דער דאָזיקער קלאַס געהאַלטן די אַרבעטנדיקע באַפעלקערונג אין שקלאַפעריי, אומוויסנהייט און עלנט. געשטיצט האָט ער זיך דערביי אויף באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציעס (די „מאַפיע“ אין סיציליע, די „קאַמאָרע“ אין נעאַפּאָל א. אַ. וו.), וועלכע זענען באַשטאַנען צום טייל פון די ערגסטע פאַרברעכערישע עלעמענטן. זיי זענען מאָמיד געווען זיכער אין זייער שטראָפלאָזיקייט, וואָסערע פאַרברעכנס זיי זאָלן נישט געטון באַגיין: האָט עמיץ באַליידיקט צי שאָדן אָנגעטון זייער „האַר“, אָדער זיינע מעקוראָווים און פריינט — האָט מען אים אָוועקגעלייגט אַ טויטן; און אַז מען האָט באַדאַרפט, איז שפּורלאָז „פאַרשוווּנדן געוואָרן“ אַן אומבאַקוועמער זשורנאַליסט, אַ ריכטער, אַ נישט געניטער באַאַמטער, דערפאַר וואָס זיי האָבן נישט געפאָלגט די באַפעלן פונם „האַר“, אָדער געשטעלט אין סאַקאָנע זיין הערשאַפט. די רעגירונגען פון רוים, אַלע נאָכאַנאַנד, האָבן געלאָזן אין דאָרעם נישט גערירט די אַלט־פרענקישע סיסטעם פון לאָקאַלער הערשאַפט און האָבן דערפאַר באַקומען פון אָט די לאָקאַלע הערשער וואַל־הילף און פאַרלאַמענטאַרישע הילף; די רעגירונגען האָבן אַזוי געהאַנדלט, ווייל קיין אַנדער מעגלעכן אָנשפּאַר האָבן זיי נישט געהאַט אויף דאָרעם, און זיי האָבן

---

*) אין 1880 האָט די עמיגראַציע באַטראָפן 150 טויזנט מאַן, דערין צוויי דריטל פון צאָפן־איטאַליע. פון 1900 ביז 1910 וואַקסט די צאָל עמיגראַנטן אויף 211 טויזנט פון צאָפן, 108 טויזנט פון מיטל־איטאַליע און 278 טויזנט פון דאָרעם. דער פּראָצענט עמיגראַנטן פון דאָרעם וואַקסט פון 20 אויף 46, און פאַרקערט, דער צאָפן־פּראָצענט פאַלט פון 58 אויף 35. אַבסאָלוט ווערט די צאָל עמיגראַנטן פון צאָפן פאַרדאָפּלט, פון דאָרעם — פאַרצענפאַכט (פ. קאָלעטי, איטאַליענישע עמיגראַציע, רוים 1911, איטאַליעניש).

אויך נישט געקאָנט איס שאַפֿן זיך דורך אַן אַגראַר־רעוואָלוציע. די פֿאַרביטערונג פֿון דער פּויערן־מאַסע איז צום ערשטן מאָל געקומען צום אויסדרוק אין 1866, אין אַ בונט, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ סיציליע. נאָכדעם ווי דער בונט איז געוואָרן בלוטיק אונטערדריקט, האָט זיך אָנגעהויבן דאָס, וואָס די בירגערלעכע היסטאָריקער באַצייכענען מיטן נאָמען „באַנדיטיזם“ און וואָס אין דער עמעסן איז עס געווען אויסגעשפּראָכענער פּאַרטיזאַנישער קאַמף, וועלכן עס האָבן געפֿירט די פּראָגרעסיווסטע און מוטיקסטע עלעמענטן פֿון דער פּויערן־מאַסע, ביי דעם מיטגעפֿיל און מיטהילף פֿון דער גאַנצער באַפֿעלקערונג. דער דאָזיקער פּאַרטיזאַנישער קאַמף האָט געדויערט אַ צוויי יאָר־צענטליק, און די רעגירונג האָט אין דעם קאַמף זיך באַנוצט מיט אַלע מיטלען פֿון אַן אויסערלעכער מילכאָמע. נאָך איצט זענען אין די פֿאַרוואָרפֿענע דערפֿער פֿון דאָרעם זייער אַ באַליבטער לייען־שטאָף די פֿאָלקס־געשיכטעס וועגן די „גאַזלאָנים“ פֿון יענער עפּאָכע: געשיכטעס, אין וועלכע דער קאַמף פֿאַר פֿרייהייט און גערעכטיקייט, קעגן די פּריצים און דער פּאָליציי, הויבט זיך אָפּט אויף אויף דער הויך פֿון נאַאיוון, אָבער גרויסן עפּאָס.

פֿאַרשידענע קאָנסערוואַטיווע פּאָליטיקער (סאָנינאָ, פֿראַנקעטי א. אַ.) האָבן זיך געשטעלט די אויפֿגאַבע איבערצוּוואַרפֿן אַ בריק איבער דעם טעהאָם, וואָס האָט אָפּגעטיילט דאָרעם־איטאַליע פֿון צאָפֿן און האָט קעסיידער באַדראָט דעם אינערלעכן פֿרידן און די מעלוכישע איינהייט. זיי האָבן געהאַלטן, אַז די לייזונג פֿון דער אויפֿגאַבע ליגט אויפֿן וועג פֿון שאַפֿן אַ ברייטן שיכט מיטל־פּויערן און קליין־אינדוסטריעלער. אָבער די דאָזיקע האָפֿענונג האָט זיך — ביי די באַציונגען, וואָס האָבן זיך איינגעשטעלט צווישן דאָרעם און צאָפֿן אין די ראַמען פֿון דער פֿאָלקס־ווירטשאַפֿט — אַרויסגעוויזן פֿאַר אַן אוטאָפּיע. ערשטנס, האָט די שטייער־ און צאָל־סיסטעם אוממעגלעך געמאַכט די אָנזאַמלונג פֿון וועלכע ס'נישט איז אָפּשפּאָרונגען און קאַפּיטאַלן; און צווייטנס, האָט אין דער זעלבער ריכטונג געווירקט דער פֿאַקט, וואָס די גרויסע גרונט־באַזיצער פֿון דאָרעם האָבן נישט געלעבט

אין זייערע מאַיאָנטקעס, און דעם פּראָפיט, וואָס זיי האָבן גע־צויגן פון דער לאַנדווירטשאַפט, האָבן זיי געהאַלטן אין שטאָט אינוועסטירט אין דער אינדוסטריע, אָדער אין די בענק. די זיי־ער אינטערעסאַנטע ווערק, וואָס אייניקע געלערנטע פון יענער צייט האָבן געווידמעט דעם דאָרעם, האָבן דעריבער נישט אַזוי אַ פּאָליטישן, ווי גיכער אַ ריין ליטעראַרישן ווערט. די ווירקלע־כע באַווייטיקונג פון די גרויסע לאַטיפונדיעס און פון די אַנדערע באַזיץ־פאָרמען פון פעאָדאַלן טיפּ און די קולטורעלע דערהויבונג פונם דאָרעם בלייבן די אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער רע־וואָלוציע.

6. דער פּראָלעטאַריאַט אויף דער אַרענע

אַ דריטע קראַפט, וועלכע איז אַרויסגעטרעטן קעגן דער מעלוכע פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע, איז געווען דער פּראָלעטאַריאַט. אַ דריטע — בלויז אין כראָנאָלאָגישער הינזיכט, ווייל ווי נאָר אָט די קראַפט האָט זיך באַוויזן, האָט זי גלייך פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ. די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער אי־טאַליענישער אינדוסטריע האָט זיך אומווילבאַר אָפּגעשפּיגלט אין דער אידעאָלאָגיע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג: זי איז גע־ווען פול מיט די פאַרשידנסטע טענדענצן, עס זענען געווען אין איר עלעמענטן פון מאַדזינישן אידעאַליזם. פון גאַריבאַלדישן הו־מאַניטאַריזם, פון באַקונינישן קאָאָפּעראַטיוויזם און רעוואָלוציאָ־נאַריזם (דער באַקוניזם האָט אין משך פון אַ צוויי צענדלינג יאָר געהאַט באַהערשט אַלע אַנדערע ריכטונגען אין דער איטאַ־ליענישער אַרבעטער־באַוועגונג). באַקונין האָט געהאַט דעם פאַר־דינסט, וואָס אַ דאַנק זיין שאַרפער פּאָלעמיק קעגן מאַדזינין, זע־נען אָראָפּגעריסן געוואָרן אַלע פאַרבינדונגען צווישן די איטאַ־ליענישע סעקציעס פון I. אינטערנאַציאָנאַל און די פאָלקס־פּאַר־טייען. „עס איז נישט פאַראַן קיין איין איטאַליענישע נאַציע — האָט באַקונין געשריבן — נאָר פינף: 1. די קלעריקאַלן, 2. די גרויס־בורזשואַזיע, 3. דאָס מיטל־בירגערטום, 4. די אַרבעטער־שאַפט, 5. די פּויערן". ער האָט געהאַלטן, אַז איטאַליע איז שוין

רייף פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. און די טרייב־קראַפט פון דער רעוואָלוציע האָט ער געזען פון איין זייט אין דער דע־קלאַסירטער בירגערלעכער יוגנט, וועלכע איז געווען ראָמאַנטיש געשטימט און גרייט דאָס לעבן אָוועקצוגעבן פאַר אַן אידעאַל, און פון דער צווייטער זייט — אינם פויערטום. „דער איטאַליע־נישער פויער איז אָרעם, אָרימער פאַרן אַרבעטער. ער איז צום גליק פון דער רעוואָלוציע נישט קיין אייגנטימער, ווי אין פראַנק־רייך".

אין דאָרעם־איטאַליע, ווו עס האָבן זיך געפונען דער ראָוו אָנהענגער פונם I אינטערנאַציאָנאַל, האָט באַקונין געהאַט גרויס דערפאָלג. די סאָציאַליסטישע קעגנער, וואָס האָבן באַקעמפט דעם באַקוניזם און האָבן אויפן צונויפפאָר אין גענועַ (1892) זיך אָפּגעריסן פון די באַקוניסטן און געגרינדעט אין פּאַריז די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי — האָבן געהאַט זייער באַזיס אויף צפון. דער קעגנזאַץ צווישן דאָרעם און צפון, וואָס האָט קעסיידער גע־האַט אַ שטאַרקן איינפלוס אויף דער מעלוכע, האָט זיך אַזוי אַרום אַרויסגעוויזן אויך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און האָט זיך געהאַלטן ביז צום סאַמע וועלט־קריג, ווייל די סאָ־ציאַליסטישע פּאַרטיי האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי צו פאַרבינדן די רעוואָלוציאָנערע פויערן פון דאָרעם מיטן אַרבעטער־קלאַס. ביז צום וועלט־קריג האָט זיך אין דער איטאַליענישער אַרבעטער־באַוועגונג טאַקע נישט אויסגעבילדעט קיין קאָנסעקווענט דוי־ערהאַפטע מאַרקסיסטישע ריכטונג. דער רעכטער פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי (טוראַטי, טרעוועס, ביסאָלאַטי, באָ־נאָמי) מיט זיין פּאָלקס־אידעאָלאָגיע האָט געשטרעבט בלויז צו רעפאָרמירן די מעלוכע אין דעמאָקראַטישן גייסט, און אונטער דעם צייכן איז ער צוגעשטאַנען צו דער אַרבעטער־באַוועגונג. קעגן די רעכטע איז אַלעמאָל אַרויסגעטרעטן אַן אומקאָמפּראָמיסלע־כע גרופּע (לאַצאַרי), וואָס איז אַרויס פון די רייען פון די אַר־בעטער, אָבער קיין גרינטלעכן אידעאָלאָגישן יעסאָד האָט די דאָ־זיקע גרופּע אויך נישט פאַרמאָגט. צווישן אָט די צוויי ריכטונ־גען האָט זיך שפּעטער אויסגעבילדעט די אַ. ג. „אינטעגראַליס־

טישע" באַוועגונג (מאַרגאַרי), וועלכע איז שפּעטער באַקאַנט גע־
ווען אונטערן נאָמען „אונטאַרע מאַקסימאַליסטן" (סעראַטי) און
וואָס איר איינציקע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג איז געווען, וואָס
זי האָט געדעמפּט די אָפּאָזיציאָנעלע טענדענצן און אָפּגעהיט די
פּאַרטיי־איינהייט. אַזוי איז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַלע מאָל
געבליבן הינטערשטעליק לעגאַבע אירע אויפגאַבן. די בונטן און
גענעראַל־שטרייקן, וועלכע זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אי־
טאַליענישער אַרבעטער־באַוועגונג אויף אַלע אירע עטאַפּן, זענען
סיסטעם פאַרגעקומען קעגן איר ווילן, אונטער צופעליקער אָנ־
פירערשאַפט פון צווישן די אייגענע רייען, אָדער גאָר פון אַנאַר־
כיסטן צי רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן.

אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געקומען אַלע מאָל
נאָר צו פאַריבערגייענדיקע שאַרפע קריזיסן; אין שפּיץ פון דער
פּאַרטיי האָבן זיך אומדערוואַרט געוויזן נייע מענטשן, וועלכע
האָבן זיך מיט קיין זאַך נישט אויסגעצייכנט, אַכוץ מיט פלאַמענ־
דיקער עלאָקווענץ; ביז די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע האָט אָנגע־
האַלטן, זענען זיי פאַרבליבן אויף זייערע ערטער, און דערנאָך
זענען זיי גאַנץ שנעל געוואָרן איבערלויפער — אין לאַגער אַריין
פונם סוינע.

די איטאַליענישע בורזשואַזיע האָט זיך אַרומגעזען, אַז זי
מוז באַזייטיקן איניקע פאָרמעלע פרייהייטן, וועלכע האָבן פי־
גורירט אין דער פּראָגראַם פון 1848, און זי האָט די אַקציע אָנ־
געהויבן פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען געוויסע פאָלקס־שיכטן
האָבן אָנגעהויבן מאַכן אַ געברויך פון די פרייהייטן. דאָס איז
געווען, ווען די ערשטע אַרבעטער־צייטונגען האָבן אָנגעהויבן
דערשיינען, עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן די ערשטע פויערן־
פאַרזאַמלונגען, עס זענען געוואָרן געגרינדעט די ערשטע קאָאָפּע־
ראַטיווע פאַרבאַנדן. איז די בורזשואַזיע געווען געצוווּנגען אויפ־
צוגעבן די פּראָגראַם פון 1848, אָפּשאַפן יעדע לעגאַליטעט, איינ־
פירן אַ רעזשים פון גוואַלט און קאָרופּציע און דערקלערן באַלאַ־
גערונגס־צושטאַנד — חורץ, מיט אַלע מיטלען נעמען דערשטיקן
די אויפשטאַנד־באַוועגונג פון די מאַסן. און פון דעמאָלט אָן איז

אַט די נויטיקייט געוואָרן דער גרונט־וויכטיקסטער יעסאָר פון דער איטאַליענישער מעלוכע, אַ יעסאָד, וואָס באַהע־שט איטאַליע פון 1860 אָן ביז אויף היינטיקן טאָג נאָך, נאָר ער האָט אין מעשעך פון דער לאַנגער צייט געפונען זיין אויסדרוק אין פאַר־שידענע פאָרמען, לויט דעם ווי די באַוועגונג פון די מאַסן האָט געביטן אירע פאָרמען און כאַראַקטער.

אין יאָר 1862 זענען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צום ערשטן מאָל געוואָרן פאַנאַנדערגעלאָזט, לויט דער איניציאַטיוו פון מיניסטער ראַטאַצי.

אין 1868 זענען אין גאַנץ צאָפן־איטאַליע פאָרגעקומען בונטן קעגן מעל־שטייער, און זיי זענען געוואָרן בלוטיק אונטערדריקט. דער אָפיציעלער סאַכאַקל האָט געלויטעט: 257 טויטע, 1099 פאַרוווּנדעטע, 3788 אַרעסטירטע. אָבער די פאַקטישע צאָל טויטע איז געווען גרעסער.

אין יאָר 1871 זענען אונטערדריקט געוואָרן אַרבעטער־שטרייקן אין רוים, ווענעציע און גענוע. אין יאָר 1873 ווערן פאַרבאָטן די סעקציעס פונם I אינטערנאַציאָנאַל, און עס ווערן פאַרמאַכט אַלע אַרבעטער־צייטונגען. אין 1874 קומען ווידער פאָר בונטן אין באָלאָניע, פלאָרענץ, קאַפּואַ — און מאַסן אַרעסטן מיט היסטאָריש באַרימטע פּראָצעסן. אין זעלבן 1874 האָט מען אַ צווייט מאָל פאַרבאָטן די סעקציעס פונם אינטערנאַציאָנאַל. אין 1877 — אַ פּרווו פון אַן אויפשטאַנד אין אַפּוליע (בענעוועגט). אַן אורטייל פון אַן אַפּעלאַציע־געריכט פון יענער צייט זאָגט: „דער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער האָט מיט זיינע אויסערלעכע אָרויסטרעטונגען באַוויזן, אַז ער באַדראָט די אומבאַריר־לעכקייט פון אייגנטום און דאָס לעבן פון מענטשן, מוז באַטראַכט ווערן, ווי אַ באַנדע פאַרברעכער". אין יאָר 1886 ווערט פאַנאַנדערגע־לאָזט די אַרבעטער־פּאַרטיי, און עס ווערן אַרעסטירט און פאַר־מישפּעט אַלע אירע פירער.

זייט דער אויפריכטונג פון איטאַליענישן קעניגרייך איז שוין וויפיל מאָל פּראָקלאַמירט געוואָרן באַלאַגערונגס־צושטאַנד: דעם 17 אויגוסט 1862 אין סיציליע, און דעם 20 אויגוסט, נאָך דעם

צוזאמענברוך פון גאריבאלדיס אקציע ביי אספראמאנטע, אין די נעאפאליטאנישע פראווינצן; אין סעפטעמבער 1867 — אין סי־ציליע, נאך די אומרוען אין פאלערמא; דעם 13 יאנואר 1894 אין סיציליע און שפעטער אין די פראווינצן מאסא און קאררארא; דעם 7 און 9 מאי 1898 אין מילאן, פלארענץ, ליווארנא און נעאפאל; פון דארטן איז דער באלאגערונג־צושטאנד דורך דער ספעציעל דערויף באפולמעכטיקטער מיליטערישער מאכט פאר־שפרייט געווארן אויף די פראווינצן פיזא, סיענא, ארעצא, לוקא, מאסא, קאררארא, גראסעטא, קאמא און דעם באצירק ספעציא. אין 1894 און 1898 האט די מיליטער־מאכט באקומען רעכט „ארויסצוגעבן נויט־פארארדנונגען וואס האבן אין איר ראיאן די קראפט פון א געזעץ" (ארט. 251 פון מיליטער־שטראף־קאָ־דעקס).

די זעלטענע דעמאקראטישע רעפארמען, וועלכע עס האט ארויסגעגעבן קעניג הומבערט, האבן אויך געהאט פארבאהאלטע־נע רעאקציאנערע צילן. „נאכדעם ווי קעניג הומבערט איז ארויף אויפן טראן אין 1878, האט ער באלד געטראכט וועגן אויסברייטערן דאס וואל־רעכט, און אין 1882 האט ער עס טאקע צושטאנד געבראכט. די צאל וויילער איז אויסגעוואקסן פון 150 טויז. ביז 2 מיליאן, וועלכע האבן זיך רעקרוטירט פון צווישן די מיטל־קלאסן און פון דער עליטע פון דעם ארבעטער־קלאס, אבער נישט פון די פויערן. די רעפארם איז אבער געמאכט געווארן צוליב צוויי קעגנזעצלעכע צילן: צו באפרידיקן די צאלרייכע קלאסן און גלייכצייטיק צו פארגרעסערן דעם איינפלוס פון דער רעגירונג אויף דער וויילערשאפט, און דעם פארלאמענט, וועלכער איז אראנק דער אומאפהענגיקייט פון די וויילער געווארן אונטער וויקטאר עמאנועל II א פירנדע מאכט, אונטערוואַרפן אינגאנצן אונטער דער אויספיר־מאכט. א וויילערשאפט פון 2 מיליאן מאן, וואס זייער גרעסערער טייל איז ארעם און אומוויסנד, קאן לייכ־טער באהערשט ווערן, איידער א וויילער־מאסע פון 150 טויז. מאן, וואס זענען אלע רייך און געבילדעט. זיך שטיצן אויף א מער צאלרייכע און וויניקער ווידערשטאנד־קרעפטיקע וויילער־

שטאט און אזוי ארום מאכן דעם פארלאמענט פאלגעוודיק צו דער רעגירונג; איינפירן א האלב־אבסאלוט סטישן רעזשים או.אז.וו. דעם פאלשן שלייער פון דעמאקראטיזם — דאס איז געווען די פראגראם פון הומבערטס רעגירונג.. די פרעזידענטן פונם ראט האט דער קעניג געוויילט לויט זייער פעיקייט אויסצופירן א באשטימטע פראגראם" (גוליעלמא פערערא, יוגנט־ערינערונגען, „לא ליבערטא", 6 יולי, 1933).

די רעפרעסיעס, וועלכע זענען פארגעקומען אין דעם יאר־צענדלינג פון 1890 ביז 1900, מוז מען באטראכטן באזונדער סיי צוליב זייער באדייטונג און סיי צוליב געוויסע אנאלאגיעס מיט דעם שפעטערדיקן פאשיזם.

7. צען יאר טעראר

אין די יארן 1890 — 1900 זענען ארויס אויף דער אויבערפלאך אלע גרונטיקע ווידערשפרוכן פון דער איטאליענישער געזעלשאפט: קאנפליקטן צווישן אגראריער און אינדוסטריעלער, באאמטישע קאמפן פון פארלאמענטארישע פירער, וועלכע האבן נישט געוואלט זיך אונטערווארפן קיין שום דיסציפלין, שטרייקן, מאסן־אויסוואנדערונג פון ארבעט־פעיקער באפעלקערונג פון גאנצע געמיינדעס קיין אמעריקע, ארבעטער־אויפשטאנדן.

סטיכיש, אין איין און דער זעלבער צייט און אן א שום ווירקונג מיצאד דער סאציאליסטישער פארטיי, האבן אין גאנצן לאנד, און באזונדער אין צאפן און אין סיציליע, אויפגעפלאמט אויפשטאנד־באוועגונגען; די ארבעטער און פויערן, די טרייבקויכעס פון דער איטאליענישער רעוואלוציע, האבן אליין, געשטויסן פון זייער עלעמענטארער ענערגיע, זיך געריסן אויף דער פאליטישער ארענע, צום שטוינען פון דער סאציאליסטישער פארטיי. די אוממיטלבארע סיבעס פון די אומרוען פון יענער צייט זענען געווען: א) דער געהעכערטער פרייז אויף ברויט, צוליב די שלעכטע געראטענישן און צוליב דעם שפאניש־אמעריקאנישן קריג, וועלכער האט אפגעשטעלט דעם עקספארט פון טוויע. ב) די געהעכערטע פרייזן אויף אינדוסטריעלע סכוירעס, צוליב דעם צאל־

קריג מיט פראנקרייך, וואס האט ווידער פון זיין זייט געצווינגען זיך אין יאר 1887 די קינדיקונג פונם האנדלס־אפמאך. ג) די באנק־אפערעס, וואס זענען אויפגעדעקט געווארן אין פארלאמענט און האבן געווארפן ליכט אויף דער פארדארבנקייט פון די הערשנדיקע קלאסן, פון די דעפוטאטן, פון ראוו מיניסטארן און פון דעם קעניג. ד) די מיליטערישע מאפאלעס אין אדוא (אפריקע) דעם 1 מערץ 1896, וועלכע האבן געקאסט דאס לעבן פון 5 טויזנט איטאליענישע סאלדאטן און אפיצירן, דערין צוויי גענעראלן; די רעגירונג איז געווען דירעקט שולדיק אין די מאפאלעס, ווייל זי האט אונטערגענומען די עקספעדיציע אן געהעריקע מיטלען און אן געהעריקער צוגרייטונג, אין דער האפנונג, אז דורך א מילכאמע־דערפאלג וועט זי זיך שאפן יענע פאפולערקייט, וועלכע איז נויטיק פאר א מיליטערישער דיקטאטור, אלס פסיכאלאגישער אנשפאר.

אין די יארן צווישן 1890 און 1900 האט די איטאליענישע בורזשואזיע צום ערשטן מאל געפרווט שאפן אן אומאפהענגיקע אויספיר־מאכט און לייזן דורך געוואלט די פאליטישע פראבלעמען פון מעלוכישן לעבן, ווייל עס האט זיך ארויסגעוויזן אין דער פראקטיק פאר אוממעגלעך צו רעגירן מיט די פארנאנענע געזעצן. אין סיציליען האבן אין געציילטע באראשים זיך ארגאניזירט קארעוו 200 טויזנט פויערן אונטער די לאזונגען: „אפשאפן דעם מעל־שטייער, אויספארשן די עפנטלעכע אינסטיטוציעס, וואס גאנווענען דאס געלט פון די ארעמע, אויפשטעלן לאנדווירטשאפטלעכע קאאפעראטיוון". די פויערן האבן זיך ארגאניזירט אין פאריינען (פאשיא) *). אויף די דעמאנסטראציעס פון די „פאשים" האט מען צוזאמען מיטן בילד פון מארקסן געטראגן אויך די סטאטוע פון דער מאדאנע, פון דער הייליקער

*) דער אייגנטלעכער טייטש פון „פאשיא" איז א בינטל; שפעטער האט מען דאס ווארט אנגעהויבן באנוצן אין זינען פון בונד, פארבאנד.

ראַזאָליע און פון קעניג הומבערט; אָבער דאָס האָט נישט געשטערט דעם קעניגלעכן מיליטער צו שיסן אויף די מאַניפעסטאַנטן. ווינטער 1893 זענען אויפן גאַנצן האַלב־אינזל אויסגעבראָכן אומרוען; מ'האָט געשטורעמט די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען, גערויבט די מילן, צעשטערט שטייער־אַמטן און שלעסער פון רייכע גרונט־באַזיצער. די אומרוען זענען אויפן גרויזאַמסטן אויפן געוואָרן אונטערדריקט. אויפן צווייטן ווינטער האָבן זיך אין די מאַרמאָר־גרובנס פון קאַראַראַ געבילדעט באַוואָפנטע אַרבעטער־אָטריאַדן, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין דער נידער אויף אָנצופירן מיט די אויפשטענדיקע. נאָך אַ שלאַכט מיטן רעגולערן מיליטער זענען זיי געוואָרן פאַנאַנדערגעיאָגט, אָבער די קאַמפן האָבן נאָך אַ שטיק צייט געדויערט אין די אַרומיקע טאָלן. אין האַרבסט 1897 און פרילינג 1898 איז ווידער דער גאַנצער האַלב־אינזל געוואָרן אַרומגעכאַפּט פון אַ כוואַליע אויפשטאַנדן, פון אויפשטאַנדן אָן פירער, אָן אָרגאַניזאַציע, אָן אַ שום פאַרבינדונג צווישן איין אויסברוך און דעם צווייטן. אָנגעהויבן האָט זיך די באַוועגונג אויך דאָס מאָל אין סיציליע, דערנאָך אין ראָמאַניאַ, און דאַן זיך אַריבערגעוואָרפן קיין טאָסקאַנאַ און אין לאָמבאַרדיע. אין מילאַן האָט מען עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד פון האַרמאַטן באַשאָסן די מאַניפעסטאַנטן און זייערע הייזער. די רעגירונג האָט קיינמאָל נישט אָנגעגעבן די גענויע צאָל קאָרבאַנעס פון אַט די צוזאַמענשטויסן, אָבער אין מילאַן אַליין האָט די צאָל באַטראָפן ביז 400. די אַרבעטער־צייטונגען און די רעפובליקאַנישע פרעסע זענען געוואָרן פאַרבאָטן, די פּאַרטייען פאַנאַנדערגעלאָזט. פּאָליציי האָט טויזנטער אַרעסטן דורכגעפירט אין גאַנצן לאַנד. בלויז אין איין מילאַן זענען פאָרגעקומען 129 פּראָצעסן מיט 823 אָנגעקלאָגטע, פון וועלכע בלויז 135 זענען געוואָרן באַפרייט. עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן ספּעציעלע געזעצן, וועלכע האָבן פאַרויסגעזען דעפּאָרטאַציע פאַר פאַרדעכטיקע און קאַטאָרגע פאַר מיטגלידער פון פאַרבאָטענע אָרגאַניזאַציעס, פאַר שולדיקע אין פריידיקן קלאַסן־האַס א. א. וו. אויף אַזאַ אויפן האָבן מיר צאָלרייכע ענלעכקייטן צווישן דעמאָלט און

היינט*). אָבער ווייטער וועלן מיר זען, וואָסער אונטערשיד עס איז צווישן דעם פּעריאָד 1890 — 1900, ווען דאָס פּאָליטישע לעבן איז געווען באהערשט פון מיליטערישער דיקטאַטור מיט באַלאַגערונגס־צושטאַנד, און דעם פּעריאָד פון 1920 ביז איצט, וואָס שטייט אונטערן צייכן פון פאַשיזם. די קלאַסן־פאַרהעלטע־נישן זענען דעמאָלט געווען גאָר אַנדערע. די דיקטאַטור־פּרוּוון פון דעמאָלט זענען נישט געווען אַ פּראָדוקט פון אַ שטאַרקער אַנטוויקלונג פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, וועלכע איז געווען אין געפאַר צו פאַרלירן איר מאַכט; נאָר פאַרקערט, יענע פּרוּוון זענען געווען אַן אויסדרוק פון ווירטשאַפטלעכער שוואַכקייט פון דער געזעלשאַפט, פון איר פּאָליטישער אומרייפקייט, פון איר דעזאָרגאַניזירטקייט, פון איר כאַאָטישן צושטאַנד און פון איר אומפעיקייט צו באַפרידיקן די עלעמענטאַרע באַדערפענישן פון די געפייניקטע דורך הונגער פּאָלקס־מאַסן. די אַרמיי, ריכטיקער איר אָפיצירן־קאָרפּוס, איז אַדאַנק זיינע באַציונגען צו דער דינאַסטיע געווען דער איינציקער אָרגאַן, וואָס האָט געקאָנט ראַטעווען די סאָציאַלע עקזיסטענץ פון דער בורזשואַזיע. אַפילו פאַר דעם פּריינץ אַז די מיליטערישע רעטונגס־אַרבעט זאָל שטעלן אין געפאַר די פּאָליטישע עקזיסטענץ. די אַליין־הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע. עס איז געווען אַ מין רייפקייט־קריזיס פון דער איטאַליענישער

---

*) „די מעלוכישע איבערקערעניש פון מאַי 1898, וואָס אירע קאָרבאַ־נעס זענען געווען די פּאָלקס־פּאַרטייען, האָט צוערשט נישט געהאַט אַזאַ פּעאולע, וואָס זאָל זיך וואַרפן אין די אויגן: די באַדייטונג פון דער אי־בערקערעניש האָט זיך געוויזן ערשט שפּעטער: ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די רעאַקציע אין איטאַליע איז נישט אַ צייטווייליקע דערשיינונג, פאַרבונדן מיטן קומען אָדער פאַלן פון אַ מיניסטעריום, נאָר אַז זי האָט אירע סיבעס אין אונזער גאַנצער פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, און אַז איר באַזייטיקונג קאָן מען נישט האָפן אויף קיין שום ערנסטן און זיכערן פּראָגרעס" (גע־טאַנאָ סאַלוועמיני, דער אָנהויב פון דער רעאַקציע, „קריטיקאַ סאָציאַלע", 1898).

בורזשואזיע, און אין מעשעך פון דעפּרעסיעס האָט זי זיך געפּר־ נען אונטער דער אַפּיטראָפּסעס פונם גענעראַל־שטאַב.

8. דער דורכפאַל פון דזשיאָליטיס קאָרופּציע־פּאָליטיק

מיט באַלאַנסירונגס־צושטאַנד האָט מען אָבער לאַנג אויס־ קומען נישט געקאָנט. מיט דעם מעטאָד איז נישט מעגלעך געווען צו האַלטן לאַנג די מאַסן אין אונטערטעניקייט.

נאָך 1900 האָט די דינאַסטיע נעפּרוּווט צו גיין מיט אַ נייַ־ עם וועג. זי האָט זיך געלאָזט אויף אַ פּרוּוו פון אַ קאָמפּראָמיס מיט די פּאַרטייען פון פאָלק. זי האָט געהאָפט, אַז אַזוי אַרום וועט זי באַקומען אַ פּאָליטישן קאָנטראָל איבער די גרויסע מאַסן. דער מעלוכע־מאַן, וואָס האָט איבערגענומען די אַכראַיעס פאַר אָט דעם נייַעם וועג — איז געווען דזשיאָליטי *).

דער דאָזיקער פּעריאָד, וועלכן מען באַצייכנט געוויינלעך אַלס „דזשיאָליטי־דיקטאַטור", פאַרדינט גאָר אַ באַזונדערע אויפמערק־ זאַמקייט, ווייל אין דער צייט האָט די איטאַליענישע געזעלשאַפט באַקומען כאַראַקטער־שטריכן, וועלכע האָבן זיך דערהאַלטן ביז צו דער אנטשטייונג פונם פאַשיזם. ביי אַ גוטער אינטערנאַציאָ־ נאַלער קאָניונקטור איז עס איטאַליע געלונגען, מיט דער הילף פון אויסלענדישע קאַפּיטאַלן, צו דערגרייכן גרויסע ווירטשאַפט־ לעכע דערפאָלגן **). דער עקספּאָרט איז פון 1890 ביז 1907

---

*) דזשיאָוואַני דזשיאָליטי איז געווען פּרעמיער־מיניסטער פון 1903 ביז 1905, פון 1906 ביז 1909 און פון 1911 ביז 1914. אָבער אויך אין די האַפּסאַקעס, ווען ער איז נישט געזעסן אין דער רעגירונג, איז ער אויך געווען דער פּאַקטישער פאַרטרויאונגס־מאַן פון דעם קעניג.

**) יענוע און מילאַן זענען געווען די אַריינפאַר־טויערן פאַרן דייטשן קאַפּיטאַל. די טראַמווייען, די אַסעקוראַציע־געזעלשאַפטן, די גרעסטע האָ־ טעלן, די גאַז־באַלייכטונג זענען געווען דייטשע. די גרעסטע איטאַליענישע באַנק איז געגרינדעט געוואָרן דורך דייטשע קאַפּיטאַלן. די הידראָ־עלעק־ טרישע סטאַציעס פון לאָמבאַרדיע און ווענעציע זענען אויך געווען דייטשע. די פאַבריקן פון וואָפן פאַר דער אַרמיי זענען געווען אָפּהענגיק פון קרופּ.

אויסגעוואקסן אויף 118 פראצענט; ער האט באטראפן 2622 מיליאן ליר יערלעך אין דער צייט פון 1896 ביז 1900; ער האט באטראפן 4420 מיליאן א יאר צווישן 1900 און 1905 און 4930 מיליאן אין 1907 און 5326 מיליאן אין 1910. די פראדוציר־קראפט פון די עלעקטרישע סטאציעס איז אויסגעוואקסן אין פינף מאל. דער אריינפיר פון קוילן, וואס האט אין 1900 אויס־געמאכט 4,947,180 טאן, האט אין יאר 1907 באטראפן שוין 8,300,439 טאן. עס איז אויפגעקומען אן אויטאמאביל־אינדו־סטריע, וועלכע האט אנגעהויבן, אין 1900, מיט א פראדוקציע פון 6 אויטאס א יאר, און אין 1907 האט זי שוין ארויסגעלאזט אויפן מארק 1283 אויטאס. דער איטאליענישער האנדלס־פלאט האט לויט זיין טאנאזש פארנומען דאס פינפטע ארט צווישן די האנדלס־פלאטן פון אייראפע. דער עקספארט פון שמאל האט זיך פארפירפאכט. אין דער בוימוואל־אינדוסטריע האבן אין יאר 1882 געארבעט 27 טויז. וועב־שטולן, און אין 1902 שוין 68 טויז. די אקציע־געזעלשאפטן האבן פארגרעסערט זייער קאפיטאל פון 846 מיליאן אין יאר 1898 ביז 1,5 מיליארד אין 1903. אין עפנטלעכן לעבן טרעטן ארויס, צוזאמען מיט געגעראלן און לי־טעראטן,ווירקלעכע אינדוסטריע־קאפיטאנען, ווי טאזי אין לע־ניאנא, פירעלי אין מילאן, מארעלי אין כעסטא קאלענדע, אניעלי אין טורין א. א. וו.

אבער די דאזיקע גאנצע אנטוויקלונג איז פארגעקומען נאר אין צאפן־טייל פונם לאנד. אויף דארעם זענען, פארקערט, די פאבריקן אונטערגעגאנגען, און די געגנט האט איר אינדוסטריעלן באדארף געמוזט באציען פון צאפן, און בעפיירעש צו פרייזן,

פארן פלאט — פון ענגלענדער (ארמסטראנג). די בוימוואל־אינדוסטריע איז געווען צום גרויסן טייל דייטש. די בארג־אינדוסטריע פון טאסקאנא און סארדיניע האט זיך געפונען אין די הענט פון ענגלענדער. די טראמווייען און די גאז־פאבריקן האבן קימאט אין אלע שטעט געהערט צו בעלגישע קאפיטאליסטן. (זע ניטי — דער אויסלענדישער קאפיטאל אין איטאליע, 1915 (איטאליעניש).

וואָס האָבן שטאַרק איבערגעשטיגן די פּרייזן אויפן וועלט־מאַרק. די פּאַראַרימטקייט פונם דאָרעם האָט געצווונגען די פּויערן אויס־צוואַנדערן אין גרויסע מאַסן קיין טורין און קיין אַמעריקע. קאַ־לאַבריע און די שבייניִשע באַזיליקאַטאַ זענען קימאַט געבליבן וויסט און פּוסט.

דאָס שנעלע וואַקסן פון די ווירטשאַפטלעכע קויכעס פון דער בורזשואַזיע האָט אַרויסגערופן אַ טיפע אומגעשטאַלטונג פון די פּאָליטישע פּאַרטייען און ריכטונגען:

א) אין יאָר 1910 איז, ביי דער מיטווירקונג פון דער אייזן־אינדוסטריע, געגרינדעט געוואָרן די „נאַציאָנאַלע פּאַריייניקונג", וואָס אין איר פּראָגראַם האָט פיגורירט קאָמערציעלע און פּאָלי־טישע עקספּאַנסיע פון איטאַליע.

ב) אין יאָר 1904 טרעט אַרויס אויף דער פּאָליטישער אַרע־נע די קריסטלעך־דעמאָקראַטישע באַוועגונג, וועלכע האָט גע־פּרוּווט, אויף אירע קאָנגרעסן אין פלאָרענץ (1906) און מאָדענאַ (1910), צו באַפרייען זיך פון קירכלעכן קאָנטראָל, אָבער אָן דערפאָלג.

ג) פאַר דער צייט פון 1901 ביז 1914 האָט די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי אַדורכגעלעבט אַ ריי שווערע קריזיסן (קאַמף מיט די רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן, מיט די אידייען פון פערי און פון מוסאָליני).

„עס האָט זיך דזשיאָליטין איינגעגעבן דורכצופירן די פּראָ־גראַם פון הומבערטס רעגירונג: פּאַרמאַסקירטער אַבסאָלוטיזם; דער פּאַרלאַמענט האָט געטון דעם ווילן פון דער רעפּרעזענטירטער דורך אים אויספיר־מאַכט. און איינגעגעבן האָט זיך עס אים, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען צו געווינען דעם אָפענעם אָדער פאַרבאַהאַל־טענעם העסקעם פון די דריי פּאַרטייען, וועלכע האָבן אונטער די פריערדיקע רעגירונגען באַקעמפט די דאָזיקע פּאָליטיק. די ראַ־דיקאַלן און די רעפּובליקאַנער האָבן דירעקט געשטיצט דזשיאָלי־טין; די סאָציאַליסטן — אונטער דעם דעקמאַנטל פון פאָרמעלער אָפּאָזיציע, וועלכע האָט אָבער קיינמאָל דער רעגירונג צו שטאַרק ניט געשטערט (גוליעלמאָ פערעראָ, יונגט־ערינערונגען). די

אפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק דזשיאָליטיס איז מענלעך געווען — א דאַנק דער גינסטיקער עקאָנאָמישער קאָניונקטור.

ביי אזא לאַגע האָט דזשיאָליטי געפּרוווט צו שטעלן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אין דינסט פון די צילן פון זיין פּאָליטיק. אָבער נאָר דער רעכטער פליגל פון דער פּאַרטיי און א באַגרעניצטע צאָל ארבעטער פונם צאָפן האָבן זיך געלאָזט געווינען פאַר אָט דער ראָל. מיט א ברייטער האַנט געגעבענע קרעדיטן פאַר די רעפאָרמיסטישע קאָאָפּעראַטיוון האָבן צוגעגרייט זייער איבערלויף אויף דזשיאָליטיס זייט. די מאַסן אָבער זענען געווען ביז לעצט אויפגעבראַכט, ווייל די באַרייכערונג פון דער בורזשואַזיע און פונם קליינעם שיכט ארבעטער איז דאָך געשען מיט דער הילף פון א שאַרפער צאָל־פּאָליטיק אויפן כעשבן פון דער גרויסער מאַסע קאָנסומענטן פונם דאָרעם. קעגן דעם ווילן פון די רעפאָרמיסטן זענען אין גאַנצן לאַנד אויסגעבראָכן העפטיקע שטרייקן: די צאָל שטרייקן, וואָס האָט פון 1899 ביז 1900 אויסגעמאַכט 642, איז שוין אין 1901 געווען 1852; און אין דער לאַנדווירטשאַפט איז די צאָל שטרייקן געשטיגן פאַר דער זעלבער צייט פון 36 אויף 856. א גרעסערע פּאָליטישע באַדייטונג האָבן געהאַט — דער גענעראַל־שטרייק אין גענוע (1901), דער לאַנד־שטרייק פון 1904 און דער לאַנד־ארבעטער־שטרייק פון פּאַרמאַ אין 1908, וואָס האָט געדויערט צוויי כאָדאָשים. אמשטאַרקסטן האָט זיך דאָס רעאַגירן אויף דער פּאָליטיק פון די רעפאָרמיסטן און אויף דער דזשיאָליטישער קאָרופּציע־פּאָליטיק ארויסגעוויזן אינם וווקס פון רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטישע ריכטונגען. אין זיי איז אייגנטלעך געקומען צום אויסדרוק דער פּראָטעסט פון די ארבעטער און אָרימע פויערן קעגן דעם פּראָמעקציאָניזם און זייער דראַנג צו רעוואָלוציע. די סינדיקאַליסטישע פירער האָבן אַלע געשטאַמט פונם דאָרעם: ארטורא לאַבריאָלא. פ. לעאָנע, פּ. אָראַנאָ, לאַנגאָבאַרדי א. א. אונטער דער ווירקונג פון סאָרעלן האָט זייער אידעאָלאָגיע שנעל זיך אנטוויקלט אין דער ריכטונג פון אבסאָלוטן און קאָמפּלוסטיקן נאַציאָנאַלן סינדיקאַליזם. דאָס בוך פון לאַבריאָלא „געשיכטע פון 10 יאָר” איז א ברענענדיקע אָנקלאַגע

קעגן דעם דזשיאָליטישן רעפאָרמיזם. אין בוך זענען אָבער פאַראַן שוין עלעמענטן, וואָס זאָגן אָן דעם שפּעטערדיקן איבערגאַנג פון דער מערהייט סינדיקאַליסטן אין לאַגער אַריין פון די אימפּעריאַליסטן, אין יאָר 1911 (דער קריג אין ליביע) און אין יאָר 1915 (וועלט־קריג), און שפּעטער אין לאַגער פון פאַשיזם (1919). די דאָזיקע אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן האָבן אָנגעהויבן האַלטן דעם קריג פאַר דעם איינציקן מיטל צו לייזן די באַפעלקערונג־פּראָבלעם פון איטאַליע און פאַר דער איינציק מעגלעכער פאָרם פון קאַמף קעגן די גרויסע מעלוכעס; דורך דער פאָרמולע: „איטאַליע איז די פּראָלעטאַרישע נאַציע", „די גרויסע מעלוכעס זענען די קאַפּיטאַליסטישע נאַציע" — האָט די דאָזיקע קאָנצעפּציע באַקומען אַ קלוימערשט רעוואָלוציאָנערע שיין.

דיווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג פונם לאַנד האָט נישט געבראַכט מיט זיך קיין לייזונג פון דער פראַגע וועגן דער מעלוכע־פאָרם. ראָמאָלאָ מורי, אַ קריסטלעכער דעמאָקראַט, אַ פאַרשטויסענער דורכן פּויבסט, האָט מיט רעכט געשריבן וועגן אָט דער עפּאָכע, אַז דאָס פּאָליטישע לעבן פון איטאַליע ליגט, אַלס פּריווילעגיע, אין די הענט פון עטלעכע טויזנט מאַן. די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט האָט באַהערשט אַלע געביטן פון עפנטלעכן לעבן. וואַלן האָבן געמאַכט די פּרעפעקטן. די אַמטן, די פּראָוויאַנטירונג, די עפנטלעכע אַרבעטן, די קרעדיטן -- אַלץ איז געווען אונטער דזשיאָליטיס דיקטאַטור, אין דינסט פון זיין „טראַנספאָרמיסטישער" פּאָליטיק, וואָס האָט געצילט צו האַלטן אין צוים די אָפּאָזיציאָנעלע גרופּירונגען. דאָס איז די אַלגעמיינע מיינונג פון אַלע שריפטשטעלער, וועלכע באַשרייבן דאָס איטאַליענישע לעבן פון דער דאָזיקער עפּאָכע.

אָבער אויב דער „טראַנספאָרמיסטישער מעטאָד" האָט געקאָנט פירן צו אַ סטאַגנאַציע אין פּאָליטישן לעבן, אין וועלכער עס האָבן זיך געשטיקט אַלע פעהיקערע פּאָליטיש באַגאַבטע קעפּ, האָט ער אָבער דאָך נישט באַוויזן צו פענטען די מאַסן, און זיי האָבן, ווי פריער, זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון ברויזנדיקן אומרו. פאַר דזשיאָליטיס דיקטאַטור איז געווען כאַראַקטעריסטיש

די פאַרייניקטע אָנווענדונג פון צווייערליי מעטאָדן: קאָרופּציע און געוואַלט; צוזאַמענאַרבעט מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האַריגעם פון פּאַרטיילאָזע אַרבעטער. אין משך פון 10 יאָר האָבן צוויי מאָל אויפגעפלאַקערט די פלאַמען פון גענעראַל־שטרייק איבערן גאַנצן האַלב־אינזל, אַלס פּראָטעסט קעגן די צע־שיסונגען, מיט וועלכע די רעגירונג האָט דערשטיקט די אַרבעטער־אַרויסטרעטונגען. ביידע מאָל איז דער שטרייק אויסגעבראָכן קעגן דעם ווילן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פון די פירער פון די רעפאָרמיסטישע געווערקשאַפטן (אַלגעמיינע אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע). די כראָניק פון פאַר דער וועלט־מלחמה איז פול מיט האַריגעם פון אַרבעטער. דער היסטאָריקער סאַלוועמיני האָט אָנגעשריבן אַ בראָשור, וואָס איז צוליב איר נאָמען געבליבן באַרימט — „דער מיניסטער פון דער אונטערוועלט", און אין וועלכער ער שילדערט די גרויזאַמקייט פון דער אָרגאַניזאַציע „מאַדזיערי", וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך דער מאַכט אין אַפּוליע און איז באַשטאַנען פון געדונגענע פאַרברעכער און דעק־לאַסירטע עלעמענטן. עס איז גענוג פאַר אַן איטאַליענישן בירגער אָנצורופן די נעמען פון אַזעלכע דערפער, ווי בעריאַ, בודזשערו, ראָקאַקאָר־גאַ א. אַ. וו., כדי פאַר זיינע אויגן זאָלן אויפטויכן בילדער פון שרעקנס און בלוטיקע פאַרפאָלגונגען פון אַרבעטער דורך די מאַכט־אָרגאַנען. אין יוני 1914 איז די אויפרעגונג פון דער אַרבעטער־שאַפט צוליב דער ווירקונגסלאָזיקייט פון די פּלאַטאָנישע פּראָ־טעסטן קעגן די אַרבעטער־מאָרדן אַריבער אין אַן אָפענעם בונט („די רויטע וואָך"). עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַ גענעראַל־שטרייק איבערן גאַנצן לאַנד. די אייזנבאַנער זענען אויך צוגע־שטאַנען צום שטרייק. אין נעאַפּאָל, אין רוים, אין פלאָרענץ זע־נען געוואָרן אויפגעשטעלט באַריקאַדן און בלוט האָט געשטראָמט; אין ראָמאַניאַ און אין אַפּוליע האָבן די אַרבעטער געשטורעמט די שטאָט־ראַטן, האָבן פּראָקלאַמירט רעפּובליק און קאָנסטיטואירט אַ צייטווייליקע רעגירונג. קירכעס און שטייער־אַמטן זענען אויפ־געגאַנגען אין פלאַמען.

דאַן האָבן די רעפאָרמיסטישע געווערקשאַפטן און די סאָציאַ־

ליסטישע פּאַרטיי אינטערווענירט, צו דערשטיקן די באַוועגונג, און האָבן געגעבן א פּאַראַל איבערצורייסן דעם שטרייק, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט געצויגן א וואָך צייט.

די „אָרדנונג" איז צוריק געוואָרן אויפגעשטעלט. און דאָן איז אויסגעבראָכן דער וועלט-קריג.

קאַפּיטל 2

איטאַליע ביים סאָף פונם וועלט־קריג

1. אַלגעמיינער קריזיס

ער רעוואָלוציאָנערער כאַראַקטער פונם אַלגעמיינעם קריזיס פון דער איטאַליענישער געזעלשאַפט אין דער נאָכמילכאָמע־צייט ווערט פון קיינעם נישט אָפּגעפרעגט. צוויי וואָכן נאָכן וואָפן־שטילשטאַנד האָט אַנטאָניאָ סאַלאַנדראַ, פירער פון די איטאַליע־נישע קאָנסערוואַטיוו־ליבעראַלן, געהאַלטן אין רוים אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט דערקלערט:

„מען האָט געזאָגט, אַז מילכאָמע באַדייט רעוואָלוציע, אָבער דאָס מוז זיין אַ בירגערלעכע, אַ מענטשלעכע רעוואָלוציע; אַנ־דערש קאָן דאָך די ציוויליזאַציע אומקומען, נישט געקוקט אויף אַלע אונזערע אָנשטרענגונגען; די פּרוכטן פון יאָרהונדערטער לאַנ־גער אַרבעט און ציוויליזאַציע וואָלטן כאָרעוו געוואָרן. קעדיי צו קאָנען באַהערשן אָט די גוואַלדיקע פּראָבלעם, מוזן מיר זיך צו־גרייטן, זאָרגן פאַר דער באַנייאונג פון אונזערע נעשאָמעס. זאָלן די יינגע גיין פאָראויס; איצט איז זייער צייט געקומען. נישט די צוקונפט געהער צו זיי, נאָר די קעגנוואַרט, זי מוז זיי געהערן. די אַלטע, וואָס ווילן נישט אָפּטרעטן אין אַ זייט, מוזן פאַרשטיין, ווי זיך יינג צו מאַכן!.. זאָל זיך קיינער נישט איינרעדן, אַז נאָכן שטורעם וועט ווידער מעגלעך זיין אַ צוריקקער צום אַלטן. די מיל־כאָמע האָט אַ טיפע באַדייטונג פאַר דער באַנייאונג פון דער וועלט. נישטאָ מער קיין פּלאַץ אויף דער וועלט פאַר אומפעהיקע, פאַר פוילע, פאַר קאָניונקטור־רייטער... נישט אָנרירנדיק די ראַ־מען פון דער קאָנסטיטוציע, מוזן מיר אָנערקענען — און דערין

איז די גרויסע מערהייט פון אונזער לאַנד איינִיק — אַז אונזערע פּאָליטישע און אַדמיניסטראַטיווע אינסטיטוציעס אַנטשפּרעכן נישט מער די באַדערפעניש פון דער נייער צייט. עס זענען נויטיק גרויסע און דרייסטע רעפאָרמען" (אַ. סאַלאַנדרא, רעדע פון 20. נאָוועמבער 1918).

אין זעלבן טאָג האָט דער פּרעמיער־מיניסטער אָרלאַנדאָ דערקלערט אין פּאַרלאַמענט: „די מילכאָמע איז גלייכצייטיק געווען די גרעסטע פּאָליטישע און סאָציאַלע רעוואָלוציע אין דער געשיכטע, גרעסער נאָך, ווי די פראַנצויזישע רעוואָלוציע". אין אַ צייט אַרום, אויף אַ קאָנפערענץ פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון די אַנטאַנט־לענדער, אין סוטפּאָרט, אויף צו באַטראַכטן וואָסערע מיטלען קאָן מען אָננעמען אויף צו פאַרטיידיקן די אונגאַרישע און רוסישע ראַטן־רעפּובליקן, האָט ד'אַראַגאָנאַ, דער רעפאָרמיסטישער פירער פון די איטאַליענישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אַזוי גערעדט:

„מען דאַרף זיך נישט בידעשן, אַז עס ברעכט אויס ביי אונז אַ באַוועגונג. זי וועט עפּשער נישט באַלד ברענגען צו אַנטשיידענע רעאַלע טאַטן, אָבער דער אויפשטאַנד איז אומפאַרמיידלעך".

און מוסאָליני פון זיין זייט האָט געדאַרשנט: „יאָ, די סיטואַציע איז אַ רעוואָלוציאָנערע, אָבער נאָר מיר, די קריגס־באַטייליקטע, נאָר מיר האָבן אַ רעכט צו רעדן וועגן רעוואָלוציע... עס קומט איצט אַ פּעריאָד געשיכטע, וועלכן מען קאָן אָנרופן: פּעריאָד פון פּאָליטיק פון די מאַסן... מיר קאָנען זיך נישט שטעלן קעגן אָט דער טענדענץ" („פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ" פון 18 מערץ 1919).

איך וואָלט געוואָלט דעם לעזער איינשפּאָרן לאַנגע ציטאַטעס פון די אַרויסטרעטונגען פון די מאַקסימאַליסטן. די היציקסטע צווישן זיי האָבן געזאָגט: „אין אַ בוידעש צייט האָבן מיר דעם אויפשטאַנד". די מער פאָרזיכטיקע האָבן אַרויסגעזאָגט ספּייקעס: „עס וועט עפּשער דויערן אַ צוויי באַדאָשים". ביר־טיש־פּאָליטיקער האָבן געהאַלטן, האָנאָם זיי האָבן נישט געהאַט קיין מוט עס אַרויסצוזאָגן: „עס קאָן אַמאָל געדויערן אויך זעקס באַדאָשים". דער סאָציאַל־דעמאָקראַט פּ. נעני, וועלכער האָט נאָכן קריג אָנגע־

שריבן אַ באַגייסטערטע בראָשור וועגן לעניניזם, האָט מיט צען יאָר שפּעטער געפּרווּט באַהאַנדלען די פראַגע, צי זענען פאַקטיש געווען אין איטאַליע אין 1919 אָביעקטיווע באַדינגונגען פאַר אַ פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע, און זיין ענטפער האָט געלויטעט: „יאָ, די דאָזיקע באַדינגונגען זענען פולשטענדיק רייף געווען" (דער קלאַסן־קאַמף אין איטאַליע, פּאַריז 1930, ז. 141). עס איז דעריבער נישט נויטיק לענגער צו פאַרהאַלטן זיך ביי דער דאָזיקער טעזע, וועלכע ווערט פון אַלעמען אָנערקענט. וויכטיקער איז אָפּצושטעלן זיך אויף אייניקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פונם איטאַליענישן נאָכמילכאָמע־קריזיס.

2. ווירטשאַפטלעכער קריזיס

דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס איז געווען זייער אַ שווערער:

א) דער אינערלעכער מעלוכע־כויוו, וועלכער האָט אין אויגוסט 1914 באַטראָפן 15,718 מיליאָן ליר, האָט צום מאָמענט פון שאַלעם־שליסן דערגרייכט די ציפער פון 84 מיליאַרד;

ב) דער כויוו אין אויסלאַנד — פאַר דער מילכאָמע גאָר אַן אומבאַקאַנטע פּאָזיציע אינם בודזשעט — האָט ביים שליסן דעם שאַלעם באַטראָפן 4,5 מיליאַרד דאָלאַר;

ג) די מילכאָמע־שאָדנס האָבן באַטראָפן אומגעפער די סומע פון 12 מיליאַרד ליר;

ד) די רענטעס, וואָס מ'האָט באַדאַרפט צאָלן די פאַמיליעס פון 750 טויזנט געפאַלענע און 1 מיליאָן אינוואַלידן און קאַליקעס, האָבן אויך באַטראָפן ביז 2 מיליאַרד ליר אַ יאָר;

ה) די צאָל אַרבעטלאָזע האָט מען געשאַצט אויף אַ 400 טויזנט מאַן;

ו) די כויוועס פון די געמיינדעס און פּראָווינצן, וועלכע האָבן אין 1911 באַטראָפן 1,659,647,182 ליר, אָדער 51,86 ליר אויף אַ קאָפּ באַפעלקערונג, האָבן אין 1919 דערגרייכט די סומע פון 3,5 מיליאַרד, ד. ה. 110 ליר אויף אַ קאָפּ;

ז) 5 פּראָווינצן, פון די פרוכטבאַרסטע, זענען אויסגעשטאַנען דעם דורכמאַרש פון עסטרייכישן מיליטער, און זיי זענען

פאַרוויסט געוואָרן און זיך געפונען אין אַ קלאָגעדיקן צושטאַנד;

ח) די פּראָווינצן, וואָס זענען צוגעפּאַסקנט געוואָרן פאַר אי־טאַליע דורך דעם ווערסאַלער שאָלעם, האָבן נישט געבראַכט דער מעלוכע קיין באַלדיקע האַכנאָסע; פאַרקערט, זיי האָבן נאָך באַדייט נייע שווערע לאַסטן פאַרן לאַנד;

ט) פון די איטאַליענישע קאָלאָניעס אין צאָפן־אַפריקע האָט מען זיך בעאיים דער מילכאָמע קימאַט אינגאַנצן אַרויסגעצויגן, און מ'האָט זיי באַדאַרפט פונדאָסניי ערשט דעראָבערן.

די אינדוסטריע, וועלכע האָט זיך בעאיים דעם קריג אַנט־וויקלט אַ דאַנק די מיליטערישע באַשטעלונגען, האָט איצטער גע־האַט אין איר רעשום אַ פּראָדוציר־אַפּאַראַט, וואָס איז געווען צו גרויס פאַר דעם סכוירע־אָפּזאַץ פון נאָך דער מילכאָמע. די פּראָ־דוקציע איז געפאַלן אונטער דעם ניוואָ פון 1913. דערצו זענען נאָך צוגעקומען שטערונגען אינם אימפּאָרט פון קוילן. אין 1913 האָט דער איטאַליענישער קוילן־אַריינפיר אויסגעמאַכט 11,5 מי־ליאָן טאָן, אין 1919 — נאָר 6,1 מיליאָן טאָן און אין 1920 שוין נאָר 5,5 מיליאָן טאָן. דער פרייז פון אַ טאָן קוילן אין איטאַליע־נישן האַפן האָט אויסגעמאַכט 800 ליר, בעאיים אין ענגלאַנד איז דער פרייז געווען נישט מער, ווי 200 ליר. די אייזנבאַנען האָבן זיך אויך נאָך דער מילכאָמע געפונען אין אַן אומגלויבלעכן צו־שטאַנד, ווייל מ'האָט אין די מילכאָמע־יאָרן פאַרנאַכלעסיקט די געוויינלעכע רעמאָנטן; די שלעכטע קוואַליטעט פון די קוילן נאָך פאַרערגערט די לאַגע. אַזוי אַרום האָט דער איטאַליענישער ווירטשאַפט־קריזיס געטראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער, וואָס אין דער גאַנצער וועלט, נאָר נאָך אין אַ פאַרשאַרפטער פאָרם, צוליב די שוואַכקייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער סטרוקטור פונם לאַנד: עס האָט זיך געהאַנדלט נישט וועגן אַ קאָניונקטור־קריזיס, נאָר וועגן אַן אָרגאַנישן קריזיס, וואָס זיינע באַזונדערע אַנט־פּלעקונגען ענדערן זיך, אָבער אַליין הערט ער נישט אויף; ער דויערט נאָך אַלץ, ביזן היינטיקן טאָג.

3. סאָציאַלער קריזיס

דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס האָט זיך קאָמפּליצירט נאָך דורך דעם אויסברוך פון אַ סאָציאַלן קריזיס. איטאַליע האָט באַצאָלט פאַרן קריג מיט שווערע מענטשלעכע קאָרבאָנעס: 750 טויזנט טויטע אויף די פראָנטן און אין די שפּיטאָלן; 1,088,944 אינוואַלידן, צווישן זיי איבער 100 טויזנט מאַלאַריע־קראַנקע; 74,620 מיט צעקאַליעטשעטע פיס; 25,716 טובערקולאָז־קראַנקע; 21,220 האַלב־ און 1920 גאַנץ־בלינדע; 19 טויזנט נעווראַפּאַטן; 6740 טויבע; 4000 גייסטיק קראַנקע; 5440 מיט צעקאַליעטשעטע פּנימער; 3260 שטומע; 120 — אָן הענט.

די פּראָבלעם פון קריגס־דעזערטירן איז אויך געווען אין איטאַליע שאַרפער און באַדייטונגפולער, ווי אין יעדן אַנדערן פון די קריגס־פירנדיקע לענדער. צום סאָף מילכאָמע האָבן זיך אין די איטאַליענישע מיליטערישע געריכטן געפונען 1 מיליאָן 100 טויזנט פּראָצעסן וועגן דעזערטירן! אויפן דאָרעם און אין סיציליע האָבן זיך אויפגעהאַלטן פון 130 ביז 150 טויזנט דעזערטירן. די רעגירונג האָט געהאַלטן קעגן זיי אַן אַרמיי פון 28 טויזנט פּאָליציאַנטן און פּאָליציי־זעלנער. די זיכערהייט־מאַכט האָט זייער גוט געקענט די אַלע בערג און דערפער, וווּ די דעזערטירן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן צו הונדערטער מאַן צוזאַמען, אָבער די מאַכט האָט נישט געוואַגט זיי אָנצוגרייפן, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז די, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט מילכאָמע צו האַלטן קעגן די דייטשן, וועלן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר אַ קאַמף מיט די זשאַנדאַרמען. דער גוירל פון דער אומגעהייערער מאַסע דעזערטירן, וועלכע זענען, נאַטירלעך, געוואָרן געשטיצט דורך דער אָרטיקער באַפעלקערונג, איז נישט געווען קיין פּאָליצייאישע פראַגע: אין דער צעגליטער אַטמאָספער פון 1919 האָבן די דעזערטירן געווירקט, ווי אַ פּולווער־פאַס, וואָס איר אויפרייס קאָן פאַרניכטן די גאַנצע געביידע. דאָס איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען. האָט טאַקע די אַמנעסטיע פאַר דעזערטירן, וועלכע מען האָט פּראָקלאַמירט דעם 2. סעפּטעמבער, נישט אַרויסגערופן קיין שום קעגנערשאַפט — אפילו

די מיליטערישע קריזן און די ציימונג פון מוסאָליני האָבן זיך ארויסגעזאָגט פאַר דער אמנעסטיע.

דער קריג האָט ארויסגערופן קריזיס־דערשיינונגען אין אַלע קלאַסן. אייניגע האָבן זיך באַרייכערט אויפן קריג, די אַנדערע זענען געוואָרן פאַראַרימט; מאַסן פּויערן האָבן אויסגעוואַנדערט אין די שטעט; 500 טויזנט איטאַליענער, וואָס האָבן פאַרן קריג געאַרבעט אין אויסלאַנד, האָבן זיך בעאייסן קריג אומגעקערט קיין איטאַליע; די דעמאָביליזירטע סאָלדאַטן־מאַסע האָט צוליבן אינדוסטריעלן קריזיס נישט געקאָנט געפינען קיין באַשעפטיקונג; אַ ריזיקע צאָל אָפיצירן האָבן זיך אין מעשעך פון קריג צוגעוויינט צו קאָמאַנדעווען, און האָבן נישט געקאָנט איצט שאַלעם מאַכן מיטן געדאַנק, אַז זיי מוזן זיך אומקערן צו זייערע אַלטע באַשעפטיקונגען; די דאָזיקע אַלע פאַקטן און פּראָצעסן האָבן צעוואַקלט און צעשטערט די איינגעשטעלטע באַציונגען צווישן די קלאַסן.

אונז וועט נאָך ווייטער אויסקומען צו רעדן וועגן געוויסע פאָרמען פונם כאַציאַלן קריזיס פון יענער צייט. דערווייל איז גענוג דאָס געזאָגטע, כדי צו קאָנען פאַרשטיין דעם פאַרלויף פון פּאָליטישן קריזיס, וואָס עס האָבן אַדורכגעלעבט די מעלוכע און די רעגירונג־פּאַרטייען.

4. קריזיס פון דער מעלוכע און פון די רעגירונג־פּאַרטייען

דער אינערלעכער קריזיס פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע, פון איר מעלוכע און אירע פּאַרטייען, איז נאָך פאַרטיפט געוואָרן צוליב די מיינונג־פאַרשיידנהייטן, וואָס זענען געווען אין אירע רייען אין 1914 און 1915 מיקויעך דער צוועקמעסיקייט פון איטאַליעס אָנטייל אינם קריג. פאַרן אָנטייל זענען געווען די שווער־אינדוסטריע און די אַגראַריער, קעגן אָנטייל זענען געווען אַ טייל אינדוסטריעלער, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט דייטשלאַנד און וועלכע עס האָט רעפּרעזענטירט דזשיאָליטי. די שווער־אינדוסטריע, וועלכע האָט געמוזט זיך רעכענען מיט די פאַרלאַנגען פון דער פראַנצויזישער און ענגלישער שווער־אינדוסטריע, האָט פאַרשטאַנען צו פאַרבינדן זיך מיט די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען און מיט יענע פראַקציעס פון די סאָציאַליסטן,

אנאַרכיסטן און רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן, וועלכע זענען אידייאיש געווען גענייגט צו פראַנקרייך; דורך אינטענסיווע גאַסן־פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך איר איינגעגעבן אַרויסצורייסן ביים פּאַר־לאַמענט זיין הסכם אויפן קריג, הגם די גרויסע מערהייט פונם פּאַרלאַמענט איז געווען קעגן קריג־אַנטייל; דאָס זעלבע איז געשען מיטן פאָלק, כאָטש זיין באַציונג צום קריג איז אין דורכשניט געווען אַ נעגאַטיווע, אין הסכם מיט דער נעגאַטי־ווער שטעלונג פון די סאָציאַליסטן און פון דער קאַטוילישער פּאַרטיי.

דאָס וואָס אין איטאַליע איז פאָרגעקומען אין די 10 כאַ־דאָשים פון אויגוסט 1914 ביז מאַי 1915, איז געווען אַן עמעסע אוןווירקלעכע מעלוכע־איבערקערעניש; אָנגעפירט מיט דער אי־בערקערעניש האָט דער סאַמע פּאַראַזיטישסטער טייל פון דער איטאַליענישער אינדוסטריע (די מעטאַל־אינדוסטריע); געשטיצט האָבן זי די אַגראַריער (סאַלאַנדראַ). עס איז נישט נאָר צעשטערט געוואָרן דער גלייכגעוויכט, וואָס האָט זיך געהאַט, בעאייס דזשיאָ־ליטיס דיקטאַטור, איינגעשטעלט צווישן דער רעגירונג און די פאָלקס־פּאַרטייען, נאָר אין ישוים פון דער גרויסבורזשואַזיע גופא איז געקומען צו אַן ערנסטער שפּאַלטונג. אַ טיפער קעגנזאַץ פון אינטערעסן און אַספּיראַציעס האָט זיך אויסגעבילדעט צווישן דער מעטאַלורגישער גרויס־אינדוסטירע און דער איבע־ריקער אינדוסטריע פון איטאַליע. און דער קאָנ־פליקט איז געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז ס'איז נישט מעגלעך געווען צו גלויבן, ער זאָל אויסגעטראָגן ווערן אויפן נאָרמאַלן פּאַר־לאַמענטאַרישן וועג. די מעלוכע־איבערקערעניש, וואָס איז געשען אין מאַי 1915 קעגן דעם ווילן פונם פּאַרלאַמענט און קעגן דעם ווילן פונם לאַנד, האָט איינגעשטעלט די דירעקטע דיקטאַטור פון די איטאַליענישע מעטאַל־פאַבריקאַנטן און פון די אַגראַריער.

„מען האָט דערלעבט דאָס אומגעוויינלעכע בילד — האָט געשריבן באָנאָמי — אַז אַלע קויכעס, וואָס האָבן אין מעשעך פון 15 יאָר אָנגעפירט מיט דער מעלוכע, האָבן זי מיט אַמאָל פאַר־לאָזן, און די לאַסט פון דער קריג־פירונג איז איבערגעגעבן גע־

וואָרן אין די הענט פון אַ דרייסטער און פאַרשיידנאַרטיקער מינ־דערהייט, וועלכע באַשטייט פון נאַציאָנאַליסטן ביז אינטערווענ־ציאָניסטיש־געשטימטע סאָציאַליסטן". שפּעטער, ווען עס וועט שוין זיין די רייד וועגן פאַשיזם, זאָל דער לעזער זיך אָקאָרשט דערמאָנען אָט די ערשטע באַגעגעניש אויף דער גאַס פון דער איטאַליענישער גרויסבורזשואַזיע מיט דעם אַנאַרכיסטישן קליינ־בירגערטום. דאָ ווילן מיר אונטערשטרייכן דעם טיפן ברוך, וואָס דער ארייננטריט אין דער מילכאָמע האָט ארויסגערופן אין דער בורזשואַזיע גופע און אין דער מעלוכע. פאַרוואָס איז אַ טייל איטאַליענישע בורזשואַזיע געווען פאַר דער אַנטאַנט, און אַ טייל פאַר די צענטראַלע מלוכות, און פאַרוואָס איז זי נישט געבליבן טריי אירע פאַרפליכטונגען לעגאַבע דער קאָאַליציע?

די קאָאַליציע האָט אין איר יעסאָד געהאַט אַ ווירטשאַפט־סיסטעם, וואָס וואָלט אויף לאַנגע יאָרן געקאָנט צובינדן דעם איטאַליענישן קאַפּיטאַליזם צו דייטשלאַנד און עסטרייך.

דער פאַרשפּעטיקטער אריינטריט אימאַליעס אין דער מילכאָמע, די נייטראַליטעט־פּאָליטיק, ביי וועלכער עס האָבן זיך אַ שטיק צייט געהאַלטן אַלע איטאַליענישע פּאַרטייען, די מיינונגס־פאַר־שיידנהייטן, וואָס האָבן זיך אָנגעמערקט צווישן די נאַציאָנאַליס־טישע עלעמענטן גופע אַרום דער פראַגע, מיט וועמען ס'איז צוועקמעסיקער זיך צו פאַרבינדן — מיט דער אַנטאַנט, אָדער מיט די צענטראַל־מלוכות, דער פאַקט וואָס אַ טייל בורזשואַזיע איז אַפילע שוין נאָכן אריינטריט אין דער מילכאָמע געבליבן „נייטראַליסטיש" (די קאַטאָליקן און די ליבעראַלן פון דזשיאָלי־טיס גרופּע) — דאָס אַלץ איז אַ קלאָרער באַווייז, אַז דער גרויסער אימפּעריאַליסטישער וועלט־קאָנפליקט האָט איטאַליע אומ־מיטלבאַר נישט אָנגערירט, אַז ס'איז נישט געווען קיין שום גרונט־אינטערעס, וואָס זאָל געווען צובינדן איטאַליע ספּעציעל צו דער אָדער אַנדערער גרופּע מעלוכעס. דאָס זעלבע האָט זיך ארויסגע־וויזן אין מאָמענט פון שאָלעם־שליסן, אינם מאַנגל פון אַ ווירט־שאַפטלעכער פּראָגראַם. פראַנקרייך און ענגלאַנד האָבן פאַרכאַפּט די דייטשע קאָלאָניעס, דאָס לאָטרינגישע אייזן, די קאָלי־לאַגערן

פון עלזאַס און די נאַפט־קוואַלן פון מעסאָפּאָטאַמיע; די נאַציאָנאַליסטישע איטאַליע אָבער האָט זיך געלאָזט היפּנאָטיזירן דורך דעם מיראַזש פון פיאומע, וועלכע האָט ווירטשאַפטלעך קימאַט נישט געהאַט קיין שום ווערט. באַלד נאָך דעם קריג האָט זיך אין די רייען פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע אָפּגעשפּילט אַ וויכטיקער קאַמף־עפּיזאָד, באַקאַנט אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען „באַנק־שטורם“. מיר האָבן אין זינען דעם אָרגאַניזירטן פּרווו פון די ברידער פּעראָנע, די פירער פון די אַנסאַלדאָ־פאַבריקן, צו פאַרכאַפּן די „קאָמערץ־באַנק“, די שטאַרקסטע באַנק פון איטאַליע.

די „קאָמערץ־באַנק“ איז געגרינדעט געוואָרן מיט אַ 25 יאָר צוריק דורך דעם דייטשן ייד אָטאָ יאָעל און מיט דייטשן קאַפּיטאַל. שפּעטער איז די באַנק אַריבער צו יאָעלס יורש, צו זיין פּלימעניק מ. טעפּליץ. פאַר 1914 איז די „קאָמערץ־באַנק“ געווען די איינציקע גרויס־באַנק פון איטאַליע, איינפלוס האָט זי געהאַט אויפן גאַנצן ווירטשאַפטלעכן און פּאָליטישן לעבן פון לאַנד, און זי האָט אויך אונטערגעהאַלטן גוטע באַציונגען מיט די גרויס־אַגראַריער און מיטן קעניגלעכן הויף. אַ דאַנק דעם קאָנטראָל פון דער „קאָמערץ־באַנק“ איז די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג פון איטאַליע אין די יאָרן 1900 — 1914 פאָרגעקומען אין איינקלאַנג מיט די אינטערעסן פון דייטשלאַנד. אַן אויסנאַם זענען געווען נאָר די מעטאַל־אינדוסטריע און די שיף־בוי־אינדוסטריע, וועלכע זענען, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, געווען פאַרבונדן מיט דער שווער־אינדוסטריע פון פראַנקרייך און ענגלאַנד. די גרינדונג פון דער „דיסקאָנטאָ־באַנק“ איז צושטאַנד געקומען אין דעצעמבער 1914, מיט אַ באַשיידענעם קאַפּיטאַל פון 15 מיליאָן ליר. אין פיר יאָר אַרום האָט דער קאַפּיטאַל פון אָט דער באַנק באַטראָפן שוין 315 מיליאָן, און די דעפּאָזיטן האָבן דערגרייכט די סומע פון 4 מיליאַרד. די „דיסקאָנטאָ־באַנק“ האָט אָפן געשטרעבט צו קלאַפּן די מעכטיקע „קאָמערץ־באַנק“ און אַליין צו פינאַנסירן די קריג־אינדוסטריע. אינם פאַרוואַלטונג־ראַט פון דער דיסקאָנטאָ־באַנק זענען געזעסן הויכגעשטעלטע לייט, אָבער אירע

פאַסטישע באַלעבאַטים זענען געווען פּיאַ און מאַריאָ פּעראָנע, די דירעקטאָרן פון די אַנסאַלדאָ־פאַבריקן, וואָס האָבן, לויט ווי מען האָט געשאַצט, פאַרמאָגט צום סאָף מילכאָמע ביז 700 מיליאָן ליר. אַז מען האָט באַדאַרפט איבערגיין צוריק פון קריג־אינדוסטריע אויף פרידלעכער פּראָדוקציע, איז דאָס געווען פאַרבונדן מיט ערנסטע געפאַרן פאַר די ברידער פּעראָנע און פאַר זייער באַנק, וועלכע מען האָט געוויינלעך גערופן „די אינטערוועניץ־באַנק". און דאַן האָבן זיי פאַרטראַכט אַ פּלאַן צו באַהערשן די „קאָמערץ־באַנק", קעדיי זי זאָל צוזאַמען מיט זיי צוזאַמען טיילן די ריזיקע פון דעם געקומענעם קריזיס. צוערשט איז אין יאָר 1919 צווישן ביידע קאָנקורענטן געשלאָסן געוואָרן אַ וואָפנשטילשטאַנד. אָבער אין אַ יאָר אַרום, ביי די וואַלן פון אַ נייעם אויפזיכט־ראַט אין דער „קאָמערץ־באַנק", איז ווידער אויסגעבראָכן אַ קאַמף: קוידעם קאָל האָבן די ברידער פּעראָנע דערוואָרבן 200 טויזנט אַקציעס פון די 530 טויזנט, וואָס די קאָמערץ־באַנק האָט פאַרמאָגט; און אַז אַ דייטשע גרופּע האָט געהאַלטן ביי פאַרקויפן 70 טויזנט אַקציעס, האָט זיך זיי איינגעגעבן אויך דעם דאָזיקן פּאַקעט אַקציעס אַריינצוקריגן אין זייערע הענט. די קעגנער זייערע, די גרופּע מיראַליאַ, האָבן מוירע געהאַט צו פאַרלירן די מערהייט, און זיי האָבן דורכגעזעצט אַן עמיסיע פון 80 טויזנט נייע אַקציעס.

די פּרעסע איז דאַן אויך געווען געשפּאָלטן אויף צוויי לאַגערן, און מען האָט דעם לעזער־עוילעם גענוי אינפאָרמירט וועגן אַלע פאַזעס פון דעם קאַמף. דער קאָנפליקט איז געווען נישט נאָר אַ פינאַנציעלער, נאָר אויך אַ פּאָליטישער. די ברידער פּעראָנע האָבן געהאַט אין זייער רעשות אַ ריי „דעמאָקראַטישע" צייטונגען, וועלכע האָבן פאַרגעשטעלט די מאַיסים פון די פּעראָנעס אַלס העכסט פּאַטריאָטישע טאַטן, אַלס שוץ־קאַמף קעגן אַ נייער דייטשער אינוואַזיע; דערביי האָבן זיי ספּעציעל ספּעקולירט אויף דער אידעאָלאָגיע פון די צוריקגעקערטע פונעם קריג (קריג־באַטייליקטע). קיין איין בירגערלעכע פּאַרטיי אין איטאַליע איז נישט געווען אומאָפּהענגיק פון די צוויי קאַמף־פירנדיקע אינטערעסן־גרופּעס, אָבער עס זענען געווען פּאַרטייען, וואָס אַפילע דאָס

אומשולדיקסטע פובליקום האט זיי געהאלטן פאר אומפיטלבארע ווערקצייג פון די פינאנץ־גרופעס. אין דער ערשטער ריי האט אלס אזא ווערקצייג געגאלטן די דעמאקראטישע ארגאניזאציע אונטער דער פירונג פון ניטי. דער פאליטישער שיקזאל פון אט דעם מאן (זיין ווערן א מעקורעוו אין דעם ענגן קרייז פון פירנדיקע מעלו־כע־מענער און פרעמיער־מיניסטארן) איז דירעקט געשטאנען אונ־טערן איינפלוס פון דער פינאנץ־מאכט פון די ברידער פעראנע. און דאס זעלבע פארקערט: דער אומגעהערטער וווקס פון זייער רייכטום איז פארגעקומען א דאנק די טויוועס, וואס עס האט זיי געטון דער „דעמאקראט" ניטי, וועלכער האט די מילכאמע־יארן געפירט די פינאנץ־ווירטשאפט פונם לאנד. עס וועט גענוג זיין צו דערמאנען בלויז איין סקאנדאליעזן פאקט: דורך דער פארמיט־לונג פון דער דיסקאנטא־באנק האבן די ברידער פעראנע דורכגע־פירט א האלוואע פון 500 מיליאן ליר און די רעגירונג האט אפי־ציעל געשטיצט די דאזיקע אפעראציע (ווינטער 1918). אבער נאכן וואפנשטילשטאנד, ווען די ברידער פעראנע האבן זיך מיט אמאל געפונען אין א קריטישער לאגע, און עס האט געהאלטן דערביי, אז אט וועט מען מוזן אפגעבן כעשבן פון די מילכא־מע־געשעפטן — האט זיך ניטי אויסגעקערעוועט צו זיי מיטן רוקן און האט זיך טייקעף דערנענטערט צו זייער קאנקורענט — צו דער „קאמערץ־באנק". אויך דא, אין די נייע באציונגען, האט ער זיך געפירט מיט דער זעלבער אומפארשעמטקייט: צו דער ווירט־שאפט־קאמיסיע ביי דער ווערסאלער שאלעם־קאנפערענץ האט ער דעלעגירט פארטרעטער — אלע מעקוראווים פון דער „קאמערץ־באנק".

אבער דער דאזיקער פאראט האט ניטין טייער געקאסט: די „דעמאקראטישע" צייטונגען פון די פעראנעס, וואס האבן ביז איצט געשטיצט ניטין און אים געלויבט ביז אין הימל ארייז, אלס דעם „קומענדיקן מאן", דעם רעטער פון איטאליע — האבן זיך איצט געווענדט קעגן אים און האבן צוזאמען מיט דער נאצ־יאנאליסטישער און פאשיסטישער פרעסע אנטוויקלט אזא העצ־קאמפאניע, אז ניטי איז אין פרילינג 1920 טאקע געווארן ארויס־

געשטויסן פון דער רעגירונג. זיין נאָמען איז געוואָרן דער סימ־באָל פון שפּעקולאַציע־קאַפּיטאַליזם, פאַרבונדן מיט סאָציאַל־רע־פאָרמיזם, און צווישן די צאָלרייכע קאַנדידאַטן אויף מיניסטער־שאַפט אין די רעגירונגס־קריזיסן פון 1920, 1921 און 1922 האָט זיין נאָמען מער שוין אַפילו נישט פיגורירט. שפּעטער האָט ניטי געהאַט אַ סאַך אויסצושטיין פון פאַשיסטישע פאַרפאָלגונ־גען, אַלע זיינע אַמאָליקע פריינט האָבן אים פאַרלאָזן און ער איז געווען געצוואונגען צו פאַרלאָזן איטאַליע. ער איז פאַר זיינע כאַטאַאים געגוג אָפּגעקומען.

די סיבעס פונם מעלוכע־קריזיס זענען געווען פאָלגנדע: די סיסטעם, וועלכע דזשיאָליטי האָט אויסגעבויט אין די יאָרן 1900 — 1914, איז איצט געלעגן אַ צעשמעטערטע; דער גלייכ־געוויכט, וועלכן דזשיאָליטי האָט איינגעשטעלט צווישן די פאַר־שידענע שיכטן בורזשואַזיע און די אַגראַריער, איז געווען צע־שטערט; דער פאַרלאַמענט איז נישט געווען מער פעהיק צו דערפילן זיינע פונקציעס, ד. ה. אויסצוגלייכן אָדער כאָטשבע נאָר צו מילדערן די קעגנזאַצן, וואָס האָבן אומעטום זיך אַנטפּלעקט. נייע קרעפטן האָבן זיך באַוויזן, אָבער זייער קאַמף האָבן די דאָזיקע קרעפטן געפירט נישט אין פאַרלאַמענט, נאָר אין לאַנד גופא. די מילכאָמע האָט נישט נאָר געענדערט די קויכעס־פאַר־העלטענישן צווישן די פאַרשידענע קלאַסן, נאָר זי האָט אויך אויפן שאַרפסטן אויפן געענדערט די פאַרהעלטניש פון די קוי־כעס צווישן די פאַרשידענע גרופּעס אין יעדן געזעלשאַפטלעכן קלאַס באַזונדער: די מאַכט פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל איז גוואַלטיק אויסגעוואַקסן; אין דער אינדוסטריע האָבן באַקומען די אויבער־האַנט די מאַגנאַטן פון מעטאַל און מאַשין־בוי; ביי די אַגראַריער האָבן זיך אַרויסגערוקט אויבן אָן די פּראָדוצענטן פון טווע און פון צוקער־בוראַקעס; אין דער פּויערנשאַפט האָט זיך אַרויסגע־רוקט פאָרויס דער קליין־אייגנטימער; אין פּראָלעטאַריאַט — די אינדוסטריעלע אַרבעטער; אין דעם מעלוכישן אַפּאַראַט — דאָס מיליטער. דזשיאָליטיס פּלאַן איינצושטעלן אַ גלייכגעוויכט צווישן די נייע קעגן איינאַנד אַרויסטרעטנדיקע קרעפטן — אַ גלייכגע־

וויכט, וואָס זאָל נעמען אין אַכט אַלע פאַרענדערונגען, וואָס די מילכאָמע האָט מיט זיך געבראַכט, אָבער דאָך זאָל עס צושטאַנד קומען אין די אַלטע פאַרמילכאָמעדיקע קאָנסטיטוציאָנעלע פאָר־מען — דער דאָזיקער פּלאַן האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט רעאַל, און אָט פאַרוואָס: פאַרן פינאַנץ־קאַפּיטאַל איז געווען נאָר איין מעגלעכקייט צו ראַטעווען די דערוואָרבענע פּאָזיציעס — נישט צולאָזן דעם קעגנערישן צאַד צו דער מעלוכע־מאַכט, איינ־שטעלן די אייגענע אוממיטלבאַרע הערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד. פאַר אַנדערע קלאַסן — פאַר די דעמאָביליזירטע אָפיצירן און אַנדערע שיכטן פונם קליינבירגערטום — האָט אויך אַ צו־ריקקער צו דער „נאָרמאַלער״ שפּיל פון ווירטשאַפטלעכע קויכעס באַדייט אַן ערנסטע באַדראָאונג פון זייער סאָציאַלער עקזיס־טענץ, וועלכע זיי האָבן, נאַטירלעך, פאַר יעדן פּרייז געוואָלט פאַרטיידיקן. די אינדוסטריעלער ווידער און אַגראַריער האָבן גע־וואָלט, נישט געקוקט אויפן קריזיס, ראַטעווען זייער פּראָפיט און רענטע, און דערויף האָבן זיי געהאַט נאָר איין מיטל: קירצן די לוינען און פּענסיעס, וואָרום אין דער איטאַליענישער ווירט־שאַפט, ביי דעם פולשטענדיקן מאַנגל פון אייגענע רוישטאָפן, איז די אַרבעט־קראַפט פון אַלע מאָל געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרקלענערן די פּראָ־דוציר־קאָסטן. און לעסאָף פאַר די אינדוסטריעלע און לאַנדווירט־שאַפטלעכע אַרבעטער, אויב זיי האָבן נישט געוואָלט טראָגן אַליין די לאַסטן און קאָסטן פונם קריזיס, אויב זיי האָבן זיך געוואָלט באַוואָרענען מיט ברויט און פרייהייט, איז געווען אויך נאָר איין וועג: מאָביליזירן אַרום זיך די גרויסע מערהייט פון איטאַליע־נישן פאָלק, וואָס באַשטייט, נאַטירלעך, נישט פון קאַפּיטאַליסטן, און נעמען פון פ'ניי אָרגאַניזירן די געזעלשאַפט, פון אונטן אַרויף־צו, און צוליב דעם באַזייטיקן פון ווירטשאַפטלעכן און פּאָ־ליטישן לעבן די אָליגאַרכיע פון פינאַנץ־מאַגנאַטן, אינדוסטריע־לער און אַגראַריער. פאַר יעדן געזעלשאַפטלעכן קלאַס האָט זיך אַזוי אַרום די פראַגע געשטעלט אויף דער שאַרף פון מעסער: לעבן אָדער טויט. קיין מעגלעכקייט פון אַ פרידלעכער לייזונג איז

נישט געווען. אַ דעמאָקראַטישע, פּאַרלאַמענטאַרישע לייזונג איז אויך נישט געווען מעגלעך. צווישן די קעגנגעזעצטע אינטערעסן איז נישט שאיעך געווען קיין שום אויסגלייך. די געשיכטלעכע אַנטשיידונג האָט אויך דאָס מאָל געמוזט קומען דורך דער אָנווענדונג פון געוואַלט.

מען קאָן, אַלזאָ, זאָגן, אַז דער נאָכמילכאָמעדיקער קריזיס פון דער איטאַליענישער מעלוכע איז בעאיקער געווען אַן אויסדרוק פון דעם קעגנזאַץ צווישן די אַלטע פאָרמען פון דער מעלוכע־אָרדנונג און די נײַ אויפגעקומענע סאָציאַלע קויכעס. דער קריזיס האָט געקאָנט געלייזט ווערן אויף איינעם פון די צוויי אופאַנים: אָדער אָרגאַניזירן די מעלוכע אויפן כעשבן פון דער צעברעקלונג און צעשמעטערונג פון די פאָלקס-קויכעס, און דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל זאָל ווערן די צענטראַלע קראַפט אין איר, אָדער — די אַרבעטנדיקע זאָלן שאַפן אַ נײַע מעלוכע. די הערשנדיקע פּאַרטייען פון איטאַליע האָבן אין מעשעך פון פיר יאָר זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרע רעכענונג וועגן דעם היסטאָרישן מוז פון אָט דער דילעמע. ערשט אין האַרבסט 1922 האָבן זיי זיך געבויגן פאַרן פאַשיזם און אים איבערגעגעבן די אויפגאַבע צו רעאָרגאַניזירן די מעלוכע. פריער אָבער, אין די יאָ״ן 1919, 1920, 1921 און 1922 האָבן זיי זיך אַלץ געפּרוּווט צו לייזן דעם קריזיס מיט דעם אַלטן מעטאָד פון „טראַנספאָרמיזם". אָבער די רעגירונגען, וואָס זיי האָבן געבילדעט, זענען נישט נאָר נישט פעיִק געווען צו באַהערשן די מעלוכע, נאָר זיי זענען געווען מאַכטלאָז קעגן דער מעלוכישער ביוראָקראַטיע, וועלכע האָט געהאַלטן מיטן פאַשיזם, האָט אים גאַראַנטירט פולע אומבאַשטראָפיקייט און אים אַליין באַזאָרגט מיט געווער און מיט אַלע אַנדערע מיטלען, וואָס ער האָט נויטיק געהאַט אין זײַן קאַמף קעגן דער אַרבעטערשאַפט. די דאָזיקע מאַכטלאָזיקייט פון דער מעלוכע, וועלכע האָט זיך נישט געקאָנט מער פאַרלאָזן אויף איר אייגענעם אַפּאַראַט, האָט געמאַכט דרייסט און כוצפּעדיק די צאָלרייכע פראַקציעס, וועלכע זענען דעמאָלט געווען אין פּאַרלאַמענט און וועלכע האָבן פריער געציטערט פאַר דעם אַלטן דזשיאָליטי. אָבער

די גאַנצע היסטערישע טומלעריי פון די דאָזיקע פראַקציעס איז געווען נישט מער ווי אַ טאַפּטשען זיך אויף איין אָרט; מ׳איז פון איין רעגירונגס-קריזיס אַרויס, אין אַ צווייטן אַריין; אַלע פרוּוון צו לייזן דעם קריזיס זענען געווען אומזיסט; וואָרום דער קאַמף איז גאָר געוואָרן אויסגעטראָגן ערגיץ אַנדערש, אויף אַן אַנדער פּלאַץ. קיין שום טראַגעדיע באַגייט זיך נישט אָן אַן עלעמענט פון קאָמיזם. און אויב דער קאָמיזם האָט אָנגעהאַלטן גאַנצע פיר יאָר, איז עס זיכער נישט דערפאַר, וואָס די קאָמיקער האָבן פאַרמאָגט אַזאַ גרויסע ווידערשטאַנד-קראַפט. ניין. דער קריזיס האָט זיך פאַרצויגן אויף אַזוי לאַנג נאָר צוליב דעם העלדישן ווידערשטאַנד, וואָס דער פּראָלעטאַריאַט האָט געשטעלט דעם פאַשיזם. ערשט ווען דער זיג איבערן פּראָלעטאַריאַט איז געווען אַן ענדגילטיקער און אויסער יעדן צווייפל — ערשט דאַן איז פאַר מוסאָליני פריי געוואָרן דער וועג קיין רוים.

מיר זאָגן דאָס אַלץ שוין דאָ, אויפן אָרט, צוליב דעם, כּדי דער לעזער זאָל וויסן, ווי צו באַציִען זיך צו די אַלטע נעמען און אַלטע רעגירונגס-פּאַרטייען, וועלכע האָבן ביים סוף פון דער וועלט-מלחמה דעפילירט איבער דער פּאָליטישער אַרענע: נאַציאָנאַליזם (פעדערצאָני), צענטרום (מעדאַ), ליבעראַלע דעמאָקראַטיע (אָרלאָנדאָ, דזשיאָליטי, פאַקטאַ), איטאַליענישע דעמאָקראַטיע (ניטי), אומאָפהענגיקע דעמאָקראַטן, פרייע דעמאָקראַטן (סאַלאַנדראַ), רינאָוואַמענטאָ (סאַלוועמיני, גאַספּאַראָטאָ), סאָציאַליסטן-רעפאָרמיסטן (באָנאָמי, ביסאָלאַטי), רעפּובליקאַנער (קיעזאַ). אין זייער מערהייט זענען דאָס אַלץ פּערזאָנען און גרופּעס, וואָס האָבן ביי דעם דזשיאָליטישן „דיקטאַטור"-רעזשים געשפּילט אַ ראָל, געדינט פאַר פאַרשידענע צוועקן, נאָר אין איינס זענען זיי אַלע זיך צונויפגעגאַנגען — אין זייער סאָציאַלן קאָנסערוואַטיזם. אָבער אינם כאַאָס פון דער נאָכמלחמהדיקער צייט האָט דער וויכטיקסטער אינסטרומענט פון דזשיאָליטיס הערשן מער נישט געטויגט — די אינטענסיווע אַגיטאַציע איז דאָס פּראָפּאָרציאָנעלע וואַל-רעכט האָבן די אויפרעגונג פון דער גאַס אַריינ-

געבראַכט אויך אין פּאַרלאַמענט, און די אַלטע באַציונגען צווישן די פּאַרטייען זענען מיט אַמאָל געוואָרן איבערגעפּירט, די פּאַר-לאַמענטאַרישע מערהייט איז אַראָפּ פון די שינעס, איר אָרט האָבן איצט פאַרנומען שוין בלויז נאָר פּראָוויזאָרישע קאָמבינאַציעס. און וויבאַלד דער דזשיאָליטיזם איז געוואָרן ליקווידירט, האָט דער פּאַרלאַמענט פאַרלוירן זיין אינערלעכע איינהייט, און די איינ-הייט האָט נישט געקאָנט צוריקגעשטעלט ווערן דורך ווירקונגען פון דרויסן, וואָס יעדע פּראַקציע באַזונדער האָט באַקומען פון דער בורזשואַזיע. וואָרום די קעגנזאַצן אין די רייען פון דער בורזשו-אַזיע גופא זענען געוועזן נאָך שאַרפער אויסגעדריקט, ווי אין פּאַר-לאַמענט, און גראָד די דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער שטאַרקסטער אָפּהענגיקייט פון באַזונדערע קאַפּיטאַליסטישע גרופּעס — זיי האָבן אָפטער פאַר אַנדערע אַרויסגערופן אין פּאַרלאַמענט טומלעניש און קריזיסן. דורך דער דאָזיקער דערפאַ-רונג האָט זיך די גרויס-בורזשואַזיע זייער גיך איבערצייגט, אַז איבערבויען די מעלוכע לויט אַ רעאַקציאָנערער פּראָגראַם איז אויפן באָדן פון פּאַרלאַמענט נישט מעגלעך, און זי האָט זיך דע-ריבער אַנטשלאָסן צו מאַכן אַ פּרווו צו דערגרייכן דעם זעלבן ציל מיט דער הילף פונם פאַשיזם: דער לעצטער האָט שוין דע-מאָלט געדינט דער בורזשואַזיע — דערווייל נאָך פאַר באַשייד-דענערע צוועקן — אין טאָג-געביט פון טייך פּאָ.

5. דער לינקס-בלאָק פון די אינטערווענציאָניסטן צעפאַלט זיך

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט פאַרדינט דער אינערלעכער קריזיס פון דעם בלאָק פון לינקע „אינטערווענציאָניסטן". דאָס איז געווען אַ בלאָק, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פון יענע פראַקציעס פון אַלע איטאַליענישע מאַסן-פּאַרטייען (רעפּובליקאַ-נער, רעפאָרמיסטן, אַנאַרכיסטן, רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן און סאָציאַליסטן), וועלכע האָבן אין 1914 אָרגאַניזירט די פּראָ-פּאַגאַנדע פאַר אָנטייל אין דער מילכאָמע קעגן דער קאָאַליציע פון די צענטראַל-מעלוכעס, און דערנאָך, אין די יאָרן פונם קריג,

האָבן זיי געבילדעט אַן איינהייט־פראָנט אונטער דעם נאָמען „פאַרבאַנד פון רעוואָלוציאָנערער טאַט"

די צוויי פירער פון דעם בלאָק זענען געווען מוסאָליני און ביסאָלאַטי. דער ערשטער איז געווען דער פאַרטרעטער פון די מער בונטאַרישע, דער צווייטער — פון די מער דעמאָקראַטישע עלעמענטן *).

---

*) נאָכדעם ווי מען האָט מוסאָליני׳ן אויסגעשלאָסן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, האָט ער אין ערשטן נומער פון זיין נייעם אָרגאַן נאָך מעשער פונם קריג האָט נאָך דער אָרגאַן געהאַט אַן אונטערקאָפּ „סאָציאַליסטישע צייטונג", און ערשט שפּעטער האָט מען דעם טיטל פאַרביטן אויף „צייטונג פון פראָנט־קעמפער און פּראָדוצענטן") געשריבן:

„אויב עס וועט מאָרגן ווערן אַביסל מער פרייהייט אין אייראָפּע, דאָס הייסט — עס וועט ווערן אַ סוויווע, וואָס איז גינסטיקער פאַר דער אַנטוויקלונג פון די מער פעהיקע אין דעם אַרבעטער־קלאַס — צי וועלן דעמאָלט נישט באַטראַכט ווערן ווי דעזערטירן און אַפּטרינניקעס די אַלע, וועלכע האָבן אין מאָמענט פון טאַט פויל זיך געהאַלטן אין אַ זייט? און אויב פאַרקערט, עס זאָל מאָרגן טריומפירן אין אייראָפּע די פּרוסישע רעאַקציע... און דער ניוואָ פון דער מענטשן־ציוויליזאַציע וועט ווערן אַראָפּגעדריקט — צי וועלן דעמאָלט נישט באַטראַכט ווערן ווי דעזערטירן און אַפּטרינניקעס די אַלע, וועלכע האָבן פּרובירט נישט צו דערלאָזן צום צוזאַמענברוך?" (פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ, 15 נאָוועמבער 1914).

אויפן קאָנגרעס פון „פאַרבאַנד פון רעוואָלוציאָנערער טאַט" (23 יאַנואַר 1915) האָט מוסאָליני דערקלערט: „מען דאַרף אַט וואָס וויסן און פאַרשטיין: די סוויווע און דער מעכאַניזם זענען געבליבן די אַלטע, אָבער די קויכעס זענען נייע און פייעריקע. די רעגירנדיקע מעגן דאָס אין אַכט נעמען, אַז די נייע קויכעס קאָנען צעשמעטערן די אַלטע".

דעם 10 אַפּריל נאָך האָט מוסאָליני געשריבן ביי זיך אין צייטונג:

„אַרבעטער, קומט מיט אונז אויף די גאַסן און פּלעצער, קעדיי אַ סאָף צו מאַכן צו דער פּאָליטיק פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע, וואָס איז אַ פּאָליטיק פון קרעמער און פון קאָרומפּירטע, און קעדיי צו העלפן אינם קריג קעגן די צענטראַל־מעלוכעס, די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַר דער אייראָפּע־

באלד נאך דעם וואפנשטילשטאנד איז געקומען אין די רייען פונם אינטערווענץ-בלאק צו א שפאלטונג, צוליב דער פראגע וועגן די שאלעם-באדינגונגען, וועלכע מען זאל ארויסשטעלן דער באזיגטער קאאליציע. ביסאלאטי, פיראליני און אנדערע רעפארמיסטן און רעפובליקאנער — עס האבן זיי געשטיצט די צייטונגען „קאריערע דעלא סערא" און „סעקאלא" און עס האבן זיי נאכגעפאלגט א קליינע צאל „פארבאנד"-אנהענגער — האבן זיך ווייטער געהאלטן ביי דער פראגראם פון א דעמאקראטישן שאלעם, האבן זיך דערקלערט פאר אנהענגער פון ווילסאנס אידייען און האבן פארלאנגט, אז איטאליע זאל איינהאלטן די קריגסצילן, וועלכע זי האט פארמולירט אין 1915 און וואס די אנטאנט האט זיי אויך אנערקענט אינם אפמאך פון לאנדאן (אפריל 1915). דאקעגן, מוסאליני, דע-אמבריס, לאנצילא און די מערהייט רעוואלוציאנערע „אינטערווענציאניסטן" — ביי דער אונטערשטיצונג פונם גענעראל-שטאב און פון דער גרויס-אינדוסטריע — האבן ארויסגערוקט די טעזע, אז די „דעמאקראטישע" קריגסצילן זענען טאקע געווען אן אויסגעצייכנטע זאך פאר פירן דעם קריג, אבער פאר דעם שאלעם טויגן זיי נישט, און אז איטאליע האט רעכט אויף מער, ווי עס איז פעסטגעשטעלט אינם לאנדאנער אפמאך. א באזונדער שארפע פאלעמיק האט זיך געפירט ארום דארעם-טיראל, פיומע, דאלמאציע און די גריכישע אינזלען; מוסאליני מיט זיינע אנהענגער האבן געפאדערט אט די אלע געביטן פאר איטאליע; ביסאלאטי מיט זיינע אנהענגער האבן געזאגט, אז מ'זאל לאזן די געביטן פאר עסטרייך, עווענטועל פאר יוגאסלאוויע, צי פאר גריכנלאנד, ווייל מען מוז רעספעקטירן די געפילן פון

אישער סרייפע. זאל לעבן דער באפרייאונגס-קריג פון די פעלקער"!

דער „פארבאנד פון רעוואלוציאנערער טאט" האט, לויטן אויסדרוק פון פאשיסטישן אויסערן-מיניסטער גראנדי, זיך איינגעשטעלט פאר איטאליעס אנטייל אינם קריג „נישט אויס מאטיוון פון מיליטערישער נויטיקייט, נאר אלס העכסטע רעוואלוציאנערע פארווירקלעכונג, אלס מיסטישע, נאציאנאלע און מענטשלעכע ווידערגעבורט".

דער באַפעלקערונג פון אַט די געביטן. שפּעטער, ווען די רעגי־רונג-פּאַרטייען און די דעמאָקראַטישע „אינטערווענציאָניסטן" פון ביסאָלאַטיס שניט האָבן שוין נישט געוואגט מער עפנטלעך צו רימען די מילכאָמע, ווען זיי האָבן שוין אָנערקענט, אַז וואָס איז שאייעך דעם דעמאָקראַטישן אינהאַלט פון דער מילכאָמע האָבן זיי געלעבט אין טאָעס און געמאַכט זיך אילוזיעס, און זיי האָבן זיך שוין באַמיט קימאַט צו פאַרענטפערן זיך פאַר זייער מיל־כאָמע-פּראָפּאַגאַנדע פון 1915 — דעמאָלט זענען די מוסאָליני־אָנהענגער געווען קימאַט די איינציקע אין לאַנד, וואָס האָבן גע־האַט מוט נאָך ווייטער איבערצוכאַזערן, אַז זיי האָבן געוואָלט די מילכאָמע. אויב זיי האָבן געהאַט באַוואָרענישן לעגאַבע דעם ווערסאַלער שאָלעם, איז נאָר אין דעם זין, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, אַז ער איז נאָך צו מילד און צו שרעקעוודיק אין זיינע באַשטי־מונגען... עס איז קיין סאָפעק נישט, אַז פון דעם מאָמענט אָן האָבן שוין די מוסאָליני־אָנהענגער גענאָסן פון די סימפּאַטיעס פונם גענעראַל־שטאַב און פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

קאַפּיטל 3

פּאָליטישע אומרייפקייט פונם איטאַליענישן סאָציאַליזם

1. פאַרוואָס האָט דער אַרבעטער-קלאַס נישט גענומען די איניציאַטיוו

באַלד נאָכן אַזוי גערופענעם „זיג”, ביים אַלגעמיינעם צוזאַמענברוך פון דער איטאַליענישער געזעלשאַפט, האָט זיך אַלעמען געדוכט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס וועט זיין יעצט נייע קראַפט, וואָס וועט באַהערשן די לאַגע און וועט אונטערנעמען די אומגעשטאַלטונג פון דער געזעלשאַפט. פאַרוואָס איז אַזוי נישט געשען? פאַרוואָס איז געשען פונקט פאַרקערט? אויף אַזוי פיל פאַרקערט, אַז אפילע די אַלטע אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס פונם אַרבעטער־קלאַס זענען אינגאַנצן אויסגעשניטן געוואָרן פונם לעגאַלן לעבן פון לאַנד און האָבן פאַרלוירן אַלע רעכט אויף אַ וועלכן ס'נישט איז קאָנטראָל איבער דער פאַרוואַלטונג פון דער מעלוכע?

דער ענטפער אויף אָט דער פראַגע אינטערעסירט נישט בלויז די איטאַליענישע סאָציאַליסטן. ער אינטערעסירט דעם גאַנצן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. אַז מיר וועלן נעמען זוכן די סיבעס פון דער מאַפּאַלע פונם איטאַליענישן סאָציאַליזם, וועלן מיר זיך איבערצייגן, אַז עס זענען דיזעלבע סיבעס, וואָס האָבן ביי פאַרשידענע לאַגעס גורעם געווען די מאַפּאַלע אָדער די סטאַגנאַציע פונם סאָציאַליזם אויך אין אַ רייע אַנדערע לענדער.

די אַרבעטער־באַוועגונג איז אַנטשטאַנען אין דער עפּאָכע פון שטאַרקסטער אַנטוויקלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט און האָט זיך באַלד געשפּאָלטן אויף צוויי גרונט־ריכטונגען: אַז

אומקאָמפּראָמיסלעכע, א רעוואָלוציאָנערע, און אַ רעפאָרמיסטישע, וואָס האָט זיך באַזירט אויף צוזאַמענאַרבעט מיט אַנדערע קלאַסן. ביידע ריכטונגען האָבן אָפּגעשפּיגלט טיף־גרייכנדיקע באַדערפענישן פון דער אַקאָרשט אויפגעקומענער אַרבעטער־באַוועגונג. די ריכטונג פון דער ריינער אַרבעטער־באַוועגונג (לאָמיר נאָר אָנרופן אירע טיפּישסטע פאַרטרעטער — ראָזע לוקסעמבורג, געד, לאַצאַרי) האָט געשטרעבט צו פאַרהיטן דעם פּראָלעטאַריאַט פון דעם פאַרדאַרבנדיקן איינפלוס פון די אַנדערע קלאַסן און אים איינשטעלן אויף דער פּערספּעקטיוו פון א רעוואָלוציאָנערער קאַטאַסטראָפע און אויף פולשטענדיקער פאַרניינונג פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. דאַקעגן, די רעפאָרמיסטישער ריכטונג (בערנשטיין, מילעראַן, ביסאָלאַטי) האָט געשטרעבט צו פאַרבעסערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אַרבעטער און צו גרינדן א שטאַרקע אַרבעטער־באַוועגונג אויף דעם זיכערן יעסאָד פון קאַפּיטאַליסטישן וווּקס און דעמאָקראַטישער איינאָרדנונג.

אויב אין דער ערשטער אַנטוויקלונגס־צייט פונם סאָציאַליזם האָבן די צוויי ריכטונגען געהאַט זייער באַרעכטיקונג, זעען זיי אָבער אויס איצט, אין אונזער צייט, דורכאויס קינדיש. די געשיכטלעכע אויפגאַבע, וואָס שטייט היינט פאַרן סאָציאַליזם, איז נישט, ווי איינצוהיטן די אייגענע קלאַסן־אומשולד, נאָר — ווי איבערצובויען די גאַנצע געזעלשאַפט אויף נייע יעסוידעס (אויף די יעסוידעס פון סאָציאַליזם, וואָס די אַנטוויקלונג גופע פונם קאַפּיטאַליזם האָט ערשט צייטיק געמאַכט די מעגלעכקייט פון זיין פאַרווירקלעכונג). דער רעוואָלוציאָנערער ווערט פון דער היינטיקער אַרבעטער־באַוועגונג באַשטייט דערין, וואָס נאָר זי פאַרטרעט איצט די פּראָגרעסיווע אינטערעסן פון דער מענטשהייט, אין מיטן פון א געזעלשאַפט, וואָס געפינט זיך אין צושטאַנד פון דעקאַדענץ און צעפאַלט זיך. קעדיי דער אַרבעטער־קלאַס זאָל קאָנען דערפילן זיין רעוואָלוציאָנערע ראָל, איז נויטיק, אַז אַט די געשיכטלעכע פאַרבינדונג צווישן זיינע קלאַסן־אינטערעסן און די אינטערעסן פון אונזער היינטצייטיקער געזעלשאַפט זאָל נישט בלייבן בלויז א וויסנשאַפטלעכער באַגריף, נאָר זי זאָל ווערן

אויף אַ סוביעקטיווער פאַקט, ד. ה. זי זאָל ווערן די אַקס, אַרום וועלכער עס דרייט זיך די גאַנצע אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע און די גאַנצע פּאָליטיק פון די פּאַרטייען און פון די אַרבעטער־פאַריינען, און זי זאָל טאַקע ווערן די אינערלעכסטע איבערצייגונג פון יעדן סאָציאַליסטישן אַרבעטער. דאָ אַ שטעקט דער פאַרבאָרגענער דעפעקט פון גאַנצן היינטצייטיקן סאָציאַליזם, סיי פון לינקס, סיי פון רעכטס: אין זיין אומפעיקייט צו ווערן די טאָטאַלע אַלץ באַהערשנדיקע וויזיע פון דער געזעלשאַפט, אין זיין אומפעיקייט צו פאַרוואַנדלען זיין אייגענע ווירקעוודיקייט אין טעגלעכע פּאָליטישע טאַט. געוויס, דער ווערט פונם אַרבעטער־קלאַס שטייגט קוידעם כּל אין דער מאָס, אין וועלכער ער אַליין ווערט באַוווסטזיניק און אָרגאַניזירט זיך, אַלס באַזונדערער קלאַס, און שטעלט זיך אַנטקעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, באַקעמפט זי און פאַרלייקנט זי. אָבער מיר זענען איצט צוגעקומען צו אַ לאַגע, ווען דער אַרבעטער־קלאַס, אויב ער וויל גויווער זיין דעם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים, מוז ער גויווער זיין אַפריער זיינע אייגענע קלאַסן־גרענעצן און זיין אייגענעם קלאַסן־עגאָאיזם, ער מוז אויפהערן צו קוקן אויף זיך אַליין, ווי אויף דעם קלענערן און מינדערווערטיקן, ער מוז דאָס גאַנצע פאָלק צונויפזאַמלען אַרום זיך, פון דאָס ניי אָרגאַניזירן די גאַנצע נאַציע. דער מאַנגל פון אַזאַ פּאָליטישער רייפקייט — דאָס איז די הויפּט־סיבה פון דער מפּלה פונם איטאַליענישן נאַכמילכאָמעדיקן סאָציאַליזם.

קימאַט אַלע איטאַליענישע פּאַרטייען פּרעטענדירן איצט אויף דעם „קאָוועד”, אַז דאָס האָבן זיי באַפרייט איטאַליע פון דער הערשאַפט פונם אַרבעטער־קלאַס. עס פאָדערן פאַר זיך אַט דעם „קאָוועד” סיי די רעפאָרמיסטן, סיי די קאַטאָליקן, און די ליבעראַלן, און די דעמאָקראַטן, און מער פאַר אַלעמען און מיט די גרעסטע פּרעטענזיעס, נאַטירלעך, די פאַשיסטן.

מען קאָן מיט זיכערקייט זאָגן, אַז די גאַנצע פאַשיסטישע ליטעראַטור, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דער טעמע פאַשיזם און וואָס

צו ווייזן, אז דאָס האָט דער פאַשיזם געלייזט די היסטאָרישע אויפגאַבע פון באַפרייען איטאַליע פון דעם געשפּענסט פון דער אַרבעטער־רעוואָלוציע. דאַקעגן, די ליטעראַטור פון די רעפאָר־מיסטן, קאַטאָליקן, דעמאָקראַטן און ליבעראַלן באַמיט זיך אָפּ־צופרעגן דאָס רעכט פונם פאַשיזם אויף אָט דעם „ערן־טיטל", זי וויל באַקומען צוגעפּאַסקענט אָט די „ערע" פאַרן רעפאָרמיזם, פאַרן קאַטאָליציזם, פאַר דער דעמאָקראַטיע, פאַרן ליבעראַליזם און פאַר די אַלטע פּאָליטיקער, וועלכע זענען געשטאַנען ביים רודער פונם איטאַליענישן מעלוכע־אַפּאַראַט פאַרן פאַשיזם.

אין טאָך גענומען, האָבן זיי אַלע רעכט. ווער עס שטודירט ערנסט די איטאַליענישע געשיכטע פון דער נאָכמילכאָמע־צייט, מוז קומען צו אַזאַ אויספיר — אַז אַלע זענען זיי גערעכט.

די צעשמעטערונג פון די אָרגאַניזירטע קויכעס פון דער אַרבעטערשאַפט אין דער נאָכמילכאָמע־צייט איז געשען נישט אין איין טאָג און נישט אין איין שלאַכט; זי איז געווען דער רעזולטאַט פון ביז גאָר אַ פאַרוויקלטן פּראָצעס. און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס קימאַט אַלע איטאַליענישע פּאַרטייען פאַר־מאָגן אין זייערע אַרכיוון דאָקומענטן, אויף וועלכע זיי קאָנען זיך פאַרופן, ווי אויף באַווייזן פון זייער כיילעק אין דעם זיג פונם פאָטערלאַנד, פון דער רעליגיע און ציוויליזאַציע, און זיי קאָנען האָבן טאַינעס צום פאַשיזם, אַז ער אוזורפּירט פאַר זיך די לאָר־בער־בלעטער, וואָס קומען נאָר זיי. אָבער עס איז גאָר נישט קיין שווערע זאַך צו באַווייזן, אַז די טאַינעס פון יעדער פון די פּאַרטייען האָבן נישט קיין שאַיכעס צו די טאַינעס פון די איבעריקע פּאַרטנערן, ווייל — זיי באַציען זיך אויף פאַרשידענע עטאַפּן פונם רעאַקציאָנערן פּראָצעס, און יעדער עטאַפּ איז גע־קומען נישט אומאָפּהענגיק פון די אַנדערע, נאָר באַדינגט דורך זיי. אָבער אַן אויספירלעכע באַשרייבונג פון די ראָלן, וואָס פאַר־שידענע קלאַסן און פּאַרטייען האָבן געשפּילט אין דער אַנטוויק־לונג פונם פאַשיזם, וואָלט מען געקאָנט געבן נאָר אין אַ היסטאָ־רישער שילדערונג פון די געשעענישן אין זייער כראָנאָלאָגישן סיידער און צוזאַמענהאַנג.

2. דער איטאַליענישער מאַקסימאַליזם

די ריכטונג, וועלכע האָט באַלד נאָכן וואַפנשטילשטאַנד גע־האָט די איבערוואָג אין דער איטאַליענישער אַרבעטער־באַוועגונג, האָט זיך גערופן מאַקסימאַליזם. זי האָט זיך מיטאַמאָל דער־זען פאַר דער אויפגאַבע פון דעראָבערן די מאַכט, בעת זי האָט נאָך נישט געהאַט געלייזט קיין איינע פון די פּראָבלעמען וועגן פּראָגראַם, סטראַטעגיע, טאַקטיק און אָרגאַניזאַציע, וואָס זענען אַזוי וויכטיק פאַר אַ רעוואָלוציע.

דער מאַקסימאַליזם האָט אין שויס פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי איבערגענומען די ירושה פון מוסאָליניס און פונם אינטעגראַליזם. בעת׳ן קריג האָט ער געבילדעט אַ בלאָק צו־זאַמען מיט דער אומקאָמפּראָמיסלעכער ריכטונג פון לאַצאַרי; דערנאָך איז ער צום ערשטן מאָל אַרויסגעטרעטן, אַלס זעלב־שטענדיקע ריכטונג, אויפן צוזאַמענפאָר אין רוים (סעפּטעמבער 1918), נאָך יענעם שטרייט, וואָס די מאַפּאָלע ביי גאַפּאָרעטאָ (אָקטאָבער 1917) און די רוסישע רעוואָלוציע האָבן אַרויסגע־רופן אין דער פּאַרטיי. נאָכן וואַפנשטילשטאַנד האָט ער אין צ. ק. ביי דער דיסקוסיע וועגן די אוממיטלבאַרע צילן פון דער פּאַרטיי, געוואונען אַ מערהייט (ער האָט די דאָזיקע צילן אַזוי פאָרמולירט: „די פּאַרטיי שטעלט זיך אַלס ציל די אויפריכטונג פון אַ סאָציאַליסטישער רעפּובליק און פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור"), און שפּעטער, אויפן צוזאַמענפאָר אין באָלאָניע (5 — 8 אָקטאָבער 1919), זענען שוין נאָר געווען צוויי קליינע מינדערהייטן פון עקסט־רעכטע און עקסט־לינקע, די מערהייט אָבער איז באַשטאַנען פון מאַקסימאַליסטן, און דער מאַקסימאַ־ליזם האָט אָפּגעהאַלטן אַ נישט פאַרדינט גרויסן ניצחון. אָבער אין אָנבליק פון די גוואַלטיקע אויפגאַבן, וואָס די פּאָפּולערקייט האָט אַרויפגעלייגט אויפן מאַקסימאַליזם, ביי דער רעאַלער פּער־ספּעקטיוו פון אַ רעוואָלוציע, האָבן זיך אַלע „מאַילעס" פונם מאַק־סימאַליזם פאַרוואַנדלט אין זייער היפּעך. די פּיינטשאַפט פונם מאַקסימאַליזם צום בירגערלעכן נאַציאָנאַליזם, וועלכע האָט בע־ת׳ן קריג אים פאַרהיט פון אַנטייל אין דער פאָטערלאַנד־פאַר־

טיידיקונג, האט נאכן וואפנשטילשטאנד אנגענומען דעם כאראקטער פון אזא טעמפן הערוועאיזם, אז ער איז נישט פעיק געווען צו פארשטיין נישט די באדערפענישן פון די אלטע קריגס-באטייליקטע און נישט די נויטן פון די נייע געביטן און פעלקער-מינדערהייטן, וועלכע איטאליע האט אנעקטירט. דער דאזיקער הערוועאיזם האט ביכלאל אנגענומען גראטעסקע פארמען, ווי למשל, די סיסטעמאטישע יאגד אויף די שילדן פון זאלץ- און טאבאק-קיאסקן, וועלכע זענען געווען אויסגעצירט אין נאציאנאלע פארבן. די קעגנערשאפט קעגן יעדער פראגראם פון רעפארמירן די קאפיטאליסטישע ארדנונג האט געהאלפן דעם מאקסימאליזם צו שטעלן די פראגע וועגן דער נויטיקייט צו שטירצן די קאפיטאליסטישע מעלוכע, אלס פארבאדינג און צוגרייטונג פאר דער סאציאלער רעוואלוציע; אבער די דאזיקע קעגנערשאפט האט זיך נאכן וואפנשטילשטאנד פארוואנדלט אין א פארלייקענונג פון די טאמיד נויטיקע נאטירלעכע מאסמיטלען פון דער רעוואלוציע, ווייל די ווירטשאפטלעכע רעארגאניזירונג, באזונדער אין אזא אפגעשטאנענעם לאנד ווי איטאליע, קאן זיך דאך אנהויבן ערשט אין א צייט ארום נאך דער דעראבערונג פון דער פאליטישער מאכט. דער מאקסימאליזם איז דערגאנגען דערצו, אז אין דער טאג-טעגלעכער פראפאגאנדע האט ער פאר די מאסן פארגעשטעלט די זאך אזוי, אז אויפשטאנד און פולע סאציאליזירונג פון דער ווירטשאפט זענען צוויי מאמענטן פון פראלעטארישן קאמף, וואס מוזן געשען גלייכצייטיק און לאזן זיך גאר נישט אפטיילן איינער פון צווייטן. די פיינטשאפט צו די פארטייען פון דער קליין-בורזשואזיע האט פארהיט דעם מאקסימאליזם פון דעם איינפלוס פון אנדערע קלאסן און פון אלע מינים נייגונגען צו פארלאמענטארישע קאמבינאציעס; אבער די דאזיקע פיינטשאפט האט נאכן וואפנשטילשטאנד דעגענערירט אין א פאטאלן גלייכגילט צו די אינטערעסן און שטרעבונגען פונם פויערטום און פון שטאטישן קליינבירגערטום, און דער רעזולטאט דערפון איז געווען, אז דער אינדוסטריעלער און דארפישער פראלעטאריאט איז געבליבן איזאלירט און די מיטלשיכטן האבן זיך א קער געטון צום

פאַשיזם. די פיינטשאַפט צו דעם מוסאָלינישן און אַנאַרכיסטישן אַוואַנטוריזם, צו פאַרשווערונגען און אַקציעס, וואָס טראָגן נישט קיין ריינעם קלאַסן־כאַראַקטער, וואָלט געקאָנט זיין זייער נוצלעך און פאַרהיטן די אַרבעטערשאַפט אין פאַל פון פּראָוואָקאַציעס מיצאַד דער רעאַקציע, אָבער ביי די מאַקסימאַליסטן איז אָט די פיינטשאַפט געוואָרן אַ מין אידיי פיקס. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען ס'איז אין 1919 אויסגעבראָכן אַ רעוואָלט קעגן די סאָכרים און דער רעוואָלט האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט איבערן לאַנד, האָט די פאַרטיי־פירונג פון די מאַקסימאַליסטן אַ גאַנצע וואָך געפירט אַ דעבאַטע וועגן דעם שוירעש און ציל פון דער אַקציע און לעסאָף זיך אָפּגעזאָגט פון שטיצן די אַרויסטרעטונגען, ווייל זי האָט איינגעפונען, אַז דער שוירעש פון דער אַקציע איז נישט קיין „ריין" סאָציאַליסטישער און דאָסגלייכן דער ציל אירער. ווען ד'אַנונציאָ האָט אין סעפּטעמבער 1919 פאַנאַנדערגעפלאַקערט אומרוען אין דער אַרמיי, האָבן די מאַקסימאַליסטן דערקלערט, אַז זיי שטעלן זיך נישט נישט אויף דער זייט פון דער רעגירונג און נישט אויף ד'אַנונציאָס זייט (דאָס איז געווען באַגרייפלעך), נאָר זיי ווילן בלייבן ווי נייטראַלע צושויער ביים פענסטער (און דאָס איז שוין געווען לעכערלעך, ווייל אין אַ מאָמענט פון אַ מיליטערישן אויפשטאַנד קאָן נאָר אַ פאָטאָגראַף זיך דערלויבן די פּאָזע פון אַ צושויער פון פענסטער אַרויס, אַ רעוואָלוציאָנער אָבער האָט אין אַזאַ מאָמענט אַנדערע פליכטן). די זעלבע האַלטונג האָט דער מאַקסימאַליזם פאַרנומען לעגאַבע אַלע סטיכישע קאַמף־אויסברוכן פון אַרבעטער, פּויערן און סאָלדאַטן — און אַזעלכע אויסברוכן האָבן דעמאָלט אין איטאַליע נישט געפעלט. די גרעסטע קאָנצעסיע, וואָס דער מאַקסימאַליזם האָט זיך דערלויבט בענויגייע אַזעלכע קאַמפן — איז דאָס וואָס ער האָט באַגריסט די געפאַלענע...

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז די פאַרוואַנדלונג — וואָס אַלע מאַקסימאַליסטישע „מאַילעס" האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין זייער הייפּעך — האָט זיך אַנטפּלעקט באַלד נאָכן וואָפנשטילשטאַנד. אין דער ווירקלעכקייט איז דער מאַקסימאַליזם געווען

נאָר א פאַרשמעלצונג פון אַלטן טוסאַליניזם מיט אינטעגראַליזם, א פאַרשמעלצונג, וואָס איז געשען אין דער אַטמאָספער פון קריג און האָט געפונען איר אויסדרוק אין א נעגאַטיוון ווידערשטאַנד קעגן רעפאָרמיזם און קעגן לעניניזם — „נישט מאַסקים זיין אויפן קריג און נישט אים סאַבאָטירן” — פאַרשטאַרקט דורך א מעשיכישן וואַרטן אויפן זיג פונם סאָציאַליזם, אויף דער „לייכטער זון פון דער צוקונפט”. סעראַטי איז געווען דעמאָלט די לעבעדיקע פאַרקערפערונג פון אַט דעם מאַקסימאַליזם. דער קריג וואָלט געמעגט דויערן נאָך 50 יאָר — סעראַטי וואָלט אויף א האָר נישט געענדערט זיין פאַסיוו-שטעלונג. אָבער פּלוצים איז געקומען דער וואַפנשטילשטאַנד און האָט מיט ברוטאַלער געוואַלט א שטעל אַוועק געגעבן דעם מאַקסימאַליזם אין שפּיץ פון די מאַסן און אַוועקגעשטעלט פאַר אים די אַלע פּראָבלעמען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער שאַפונג פון א נייער מעלוכע. דער דאָזיקער טריומף פונם מאַקסימאַליזם איז געווען זיין טויט-אורטייל *) עס האָט אים אָנגעהויבן שווינדלען פאַר די אויגן. ער

*) ביים סאָף קריג האָט די סאָציאַליסטישע פאַרטיי פון איטאַליע געציילט ביי א 20 טויז. מיטגלידער: סאָף 1919 — שוין 70 טויז.; סאָף 1920 — ביי א 200 טויז. דער „אוואַנטי”, צענטראַל-אָרגאַן פון דער פאַרטיי, האָט סאָף 1919 געהאַט א טיראַזש פון קאַרעוו 200 טויז., און אין מעשער פון 1920 איז דער טיראַזש געשטיגן קימאַט ביז 300 טויז. ביי די וואַלן פון 16 נאָיעמבער 1919 האָט די סאָצ. פאַרטיי באַקומען 1,840,953 שטימען און 156 מאַנדאַטן. „די איטאַליע פון דער רעוואָלוציע איז געבוירן געוואָרן” — אַזוי האָט געקלונגען דער קאָמענטאַר פון „אוואַנטי”. אין ווירקלעך, די סאָציאַליסטישע וואַל-אַגיטאַציע האָט געטראָגן אַן אויסגעשפּראָכן רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער. דער וואַל-מאַניפעסט פון דער סאָצ. פאַרטיי האָט זיך פאַרענדיקט אַזוי: „ווען איר, פּראָלעטאַריער פון איטאַליע, וועט אָפּגעבן וואַל-צעטלען, וואָס טראָגן אויף זיך דעם שילד פון דער סאָציאַליסטישער וועלט-רעפּובליק (סערפּ און האַמער), וועט איר דערמיט מאַניפעסטירן אייער ווילן צו פאַנאַנדערבינדן דעם קאַמף פאַר אייער באַפרייאונג. אויף דעם דאָזיקן שילד שטייט געשריבן: די גאַנצע מאַכט פון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט די ראַטן. ווער עס אַרבעט נישט, דער זאָל נישט עסן”

איז נישט געווען צוגעגרייט אויפצונעמען א קאמף פאר מאכט־פאזיציעס אין דער מעלוכע. פאר די 30 יאר פון איר עקזיסטענץ האט די סאציאליסטישע פארטיי וועגן זייער פיל זאכן געפירט דיסקוסיעס, וועגן דועלן, קאאפעראטיוון, שולן, לוינען און פענסיעס, קאמונאלער ווירטשאפט, עמיגראציע, רעליגיע, מאסאנישע לאזשעס און באזונדערס וועגן וואלן. זי האט אויך געשאפן לויב־לידער פאר דער רעוואלוציע, אבער פראקטיש, קאנקרעט האט זי זיך מיט רעוואלוציע קיינמאל נישט באשעפטיקט, זי האט קיינמאל נישט פרעציזירט, אויף וועלכע סאציאלע קויכעס וועט אן עווענטועלע רעוואלוציע אין איטאליע זיך קאנען שטיצן.

און אין 1919, אז די דאזיקע קויכעס, געטריבן פון קריזיס און פון זייער עלעמענטארער ענערגיע, האבן אנגעהויבן ארויסטרעטן אויף דער אויבערפלאך פון לעבן, האט זיי דער מאקסימאליזם נאך אלץ נישט דערקענט, און ער האט אנגעהויבן אנאליזירן, צי זענען די דאזיקע קויכעס ריינע אדער אומריינע, און האט זיי דערמיט אביעקטיוו געשטויסן אין די ארעמס פונם פאשיזם. די אידעאלאגישע נישט־ריַיפקייט פון דעם פירנדיקן קאדר מאקסימאליסטן האט זיך ארויסגעוויזן אין דער פולער מאס.

די מאקסימאליסטישע אגיטאציע פון באלדיקער, אומבאגרעניצטער, „אלגעמיינער” סאציאליזירונג האט געהאט אין זיך מאמעש עפעס מיסטישעס. דורך דעם ארגאן פון איר פאפולערסטן פארשפרייטער באמבאטשי, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען פארטיי־סעקרעטאר, האט די דאזיקע אגיטאציע איבערגענומען פון דער אנארכיסטישער מעליצע די אידילישע שילדערונג פון דער קינפטיקער געזעלשאפט: עס וועט אין איר נישט זיין מער קיין קלאסן, און נישט קיין האס, נישט קיין פארברעכנס און נישט קיין זשאנדארמען, נישט קיין ארמיי און נישט קיין טפיסעס, א שעפע וועט הערשן אין אלץ, און אלע מענטשן וועלן צוזאמען עסן און צוזאמען זיך קליידן און צוזאמען ליבן, און דאס וואפן פון קריג וועט איבערגעשמידט ווערן אין לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס, און ס'וועלן נישט זיין מער קיין ליידן און קיין טרערן, און יעסוימים וועלן זיין די קינדער פון אלע

מענטשן, און אַלגעמיינער מיטגעפיל וועט לינדערן דעם טרויער פון אַלמאַנעס. און טאָמער האָבן בייזוויליקע קעגנער געיואָנט צו צווייפלען אין דער רעאַלקייט פון אָט די שילדערונגען — האָט מען זיי, אָט די אומווירדיקע, געאייצעט צו באַטראַכטן די שטערן אין הימל: ווערן דען די שטערן באַוואַכט פון זשאַנדאַרמען? און דאָך באַוועגן זיי זיך אין זייער באַשטימטער ריכטונג, און די האַרמאָניע פון הימל ווערט נישט געשטערט. אָבער זאָלן זיי, די בייזוויליקע, אַ קוק געבן אויף די מאַרגעריטקעס אין פעלד און אַנעמאָנעס אין די בערג: קיינער פלאַנצט זיי נישט, קיינער גייט נישט אום אַרום זיי, קיינער באַגיסט זיי נישט — און דאָך בליען זיי אין די מיליאָנען.

דער מאַקסימאַליזם, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געשטעלט די פראַגע וועגן די טרייבקויכעס פון דער איטאַליענישער רעוואָלוציע, וועלכער האָט נישט געוואָלט הערן לעניגנס אייצעס און האָט קיינמאָל נישט אַנאַליזירט טיפער דאָס איטאַליענישע פּויערטום, וועלכער האָט די פּאַרטייען פונם קליינבירגערטום צונויפגעמישט מיט די סאָציאַלע פונדאַמענטן פון אָט דעם קלאַס — דער דאָזיקער מאַקסימאַליזם — איז געווען לאַכלוטן אומפעאיק צו קאָאָרדינירן אַלע פאַנאַנדערגעבונדענע דורכן קריזיס קויכעס און ענערגיעס און קערעווען זיי אין דער ריכטונג פון קאַמף פאַר דער מאַכט; ער האָט זיך אַרויסגעוויזן אַפילו אומפעאיק צו זאַמלען אַרום דעם פּראָלעטאַריאַט יענע צאָלרייכע עלעמענטן פון די אַנדערע קלאַסן, וועלכע האָבן אין די יאָרן 1919 און 1920 אַרויסגעוויזן אַ בעפיירעשן דראַנג צו דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין איין יאָר האָט זיך די מיטגלידער־צאָל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פאַרצענפאַכט, דער שטראָם פון ניי־אָנגעקומענע האָט פאַרפלייצט דעם אַלטן פּאַרטיי־אַפּאַראַט, די פאַרזאַמלונגען פון די סאָציאַליסטישע סעקציעס האָבן באַקומען דעם כאַראַקטער פון כאַאָטישע וואַל־מיטינגען, וואָס האָבן נאָר דורך „גרויסע רעדנער" געקאָנט באַהערשט ווערן. פאַר אַן אַרבעטער איז אָפט געווען פּראַקטיש אוממעגלעך צו באַקומען אַ וואָרט. אַכוץ פאַרזאַמלונגען, וואָס זענען געווען רעדנער־טורנירן,

האָבן די סעקציעס נישט אַרויסגעוויזן קיין שום אַנדערע אַקטיוו־
קייט. עס איז געווען נישט קיין קאַמף־אָרגאַניזאַציע, נאָר אַ פּאַר־
טיי פון פּלוידערער, אונטער דער פירונג פון פּלוידערער. דער אָר־
גאַניזאַציאָנעלער מאַראַזם, וועלכער האָט שוואַך געמאַכט דעם רוקן־
ביין פון אָט דער צעטרייסלטער דורכן קריג פּאַרטיי, האָט אַרויס־
גערופן אַן אָפּאָזיציע קעגן דער פּאַרטיי־אָנפירונג אין יענע סעק־
ציעס, ווו די אַרבעטער האָבן געבילדעט אַ מערהייט (טורין,
טריעסט, פּאָלאַ, פלאָרענץ א. אַ.). און אַזוי ווי דער מאַקסימאַ־
ליזם איז נישט פעאיק געווען צו באַהערשן דורך זיינע אייגענע
קויכעס די פּאַרטיי און די פּראָפ. פאַריינען, האָט ער זיין צייט
געפּאַטערט דערויף, וואָס ער האָט קעסיידער געזוכט אויסגלייך־
פאָרמולעס, וואָרט־פּשאָרעס מיט די לינקע און מיט די רעכטע.
ער האָט זיך געשראָקן פאַר יעדער פּרינציפּיעלער דיסקוסיע, פאַר
יעדן שטרייט, וואָס האָט געקאָנט אויסברעכן אויף וועלכן ס'נישט
איז טעאָרעטישן געביט. דאָס געפיל פון אייגענער שוואַכקייט
און אומפעאיקייט האָט אָפּגעהאַלטן דעם מאַקסימאַליזם פון צו
געבן אַ שלאַכט אין די פאַריינען און קאָאָפּעראַטיוון דעם רעכטן
פליגל פון דער פּאַרטיי, די רעפאָרמיסטן. מען איז אַפילו גע־
גאַנגען אַזוי ווייט, אַז מען האָט די זאַך טעאָרעטיש באַגרינדעט
— די פּאָליטישע פּאַרטיי דאַרף טאַקע געפירט ווערן פונם לינקן
פליגל, אָבער די מאַסן־אָרגאַניזאַציעס דאַרפן זיין געפירט אונ־
טער דער פירונג פונם רעכטן פליגל, ווייל די פּאַרטיי טאָר נישט
פאַרלירן פון אויג דעם „לעצטן ציל”, אָבער די פאַריינען און
די קאָאָפּעראַטיוון נויטיקן זיך אין גוטע טעכנישע אויספירער,
אין גוטע פּראַקטיקער, מיט איין וואָרט — אין די רעפאָרמיסטן.
איינער פון די מאַקסימאַליסטישע פירער האָט די באַציונגען אין
רעוואָלוציאָנערן קאַמף צווישן זיין ריכטונג און דעם רעפאָרמיזם
אַזוי פאָרמולירט: „מיר זענען דער אַוואַנגאַרד, און דער רעפאָר־
מיזם איז די אַרמיי. מיר ווילן פירן די דאָזיקע אַרמיי צום שטורם
אויף דער פעסטונג פון דער בורזשואַזיע”. אַז מען האָט זיך דער־
וווסט, אַז לעניז פאַרלאַנגט, מען זאָל רייסן מיטן רעפאָרמיזם,
האָבן זיך די מאַקסימאַליסטן שטאַרק געכידעשט און זיך גע־

פֿרעגט: „וועמען זשע וועלן מיר שטעלן אין שפּיץ פֿון די פּאַרייען און קאָאָפּעראַטיוון? און אַז די מאַסן וועלן מאַכן די רעוואָלוציע, ווער וועט פֿאַרוואַלטן מיט דער מעלוכע?" און דאָס זעלבע געפֿיל פֿון שוואַכקייט, פֿון אָנמאַכט, פֿון אומפֿעאיקייט האָט גוירעם געווען, אַז כאָטש דער מאַקסימאַליזם האָט געהאַט אַ דערדריקנדיקע מערהייט אין דער פּאַרטיי און אַ מערהייט אויך אין דער פּאַרטיי-אָנפֿירונג, האָט ער דאָך אין אַלע שווערע סיטואַציעס, קעגן די פֿאַרשריפֿטן פֿונעם פּאַרטיי־סטאַטוט, געריפֿן באַראַטונגען פֿון פֿאַרטרעטער פֿון דער פּאַרלאַמענטאַרישער פֿראַקציע אָדער פֿון די פֿאַריינען א. אַ., וועלכע זענען אַלע געווען רעפֿאָרמיסטן, מיט דעם רעזולטאַט, אַז די פּאַרטיי־מערהייט האָט זיך אויף די באַראַטונגען פֿאַרוואַנדלט אין אַ מינדערהייט. צו אַט דער אינסטאַנץ, וועלכער די מאַקסימאַליסטישע פֿירער האָבן אויף אַ ווילקירלעכן אופֿן געגעבן באַראַטונגס־רעכט, זענען זיי אַלע מאָל געקומען מיטן פֿאַרשלאַג צו נעמען פֿאַנאַנדערוויקלען אַן אויפֿשטאַנד־באַוועגונג, און נאַטירלעך, אַז די פֿאַרשלאַגן זענען דורך דער רעפֿאָרמיסטישער מערהייט פֿון די באַראַטונגען געוואָרן אָפּגעוואָרפֿן. עס איז ריינער עמעס, ווען מען זאָגט, אַז די פֿאַרשלאַגן זענען טאַקע נאָר דערפֿאַר געמאַכט געוואָרן, ווייל מען איז געווען זיכער, אַז זיי וועלן נישט ווערן אָנגענומען, וואָרום — וואָלט די פּאַרטיי טאַקע ווירקלעך געווען גרייט צו אַן אויפֿשטאַנד, דאַן איז נישט געווען קיין שום נויט צו קריגן דערויף דעם העסקעם פֿון די רעפֿאָרמיסטישע פֿירער. און אַז די מאַקסימאַליסטן האָבן גאָר נישט געהאַט אַזאַ פֿליכט, צו פֿרעגן די מיינונג פֿון די רעפֿאָרמיסטישע פֿירער, קאָן מען זען פֿונעם פּאַרטיי־סטאַטוט, וועלכער זאָגט אויסדריקלעך, אַז דעם צ. ק. געהער די אָנפֿירונג אי מיט דער פּאַרלאַמענט־פֿראַקציע, אי מיט די פּראָפֿ. פֿאַריינען. אַ באַשטעטיקונג פֿון אונזער באַהויפּטונג געפֿינען מיר אויך אין יאָר 1920, נאָכן מיליטער-בונט פֿון אַנקאָנאַ. די מאַקסימאַליסטן האָבן, ווי געוויינלעך, צונויפֿגערופֿן די רעפֿאָרמיסטישע פֿאַרשטייער און פֿאָרגעשלאָגן איינפֿאַך אויסצוברייטערן דעם אַנקאָנער אויפֿשטאַנד איבערן גאַנצן לאַנד און

פּראָקלאַמירן אַ גענעראַל־שטרייק ביז צו אַ ניצאַכן. גראָד זענען אין מאָמענט פון אָפּשטימונג נישט געווען די פאַרשטייער פון דער פּאַרלאַמענט־פראַקציע, און די מאַקסימאַליסטן האָבן גע־האַט אַ מערהייט אין דער בעראַטונג. זיי האָבן זיך שטאַרק אי־בערגעשראָקן. דאָס איז געווען נישט קיין קאַטאָוועס! אָבער באַלד האָבן זיי איינגעזען, אַז זיי האָבן די מערהייט צוליב אַ צופאַל, און זיי האָבן געלאָזט פעסטשטעלן, אַז די בעראַטונג האָט נישט איר נאָרמאַלן באַשטאַנד. מען האָט זיך אַ לאָז געטון אויפזוכן דעם דעלעגירטן פון דער פּאַרלאַמענט-פראַקציע, מען האָט אים געפונען, און — די מאַקסימאַליסטן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט, זיי זענען צוריק געווען אַ מינדערהייט.

די מאַטעריעלע און טעכנישע נישט־צוגעגרייטקייט פון די מאַקסימאַליסטן צו אַן אויפשטאַנד איז געווען פונקט אַזוי גרויס, ווי זייער אידעלאָגישע אומרייפקייט. אַנדערש גערעדט, עס איז נישט געווען קיין שום מאַטעריעלע און קיין שום טעכנישע צו־גרייטונג. קיין זאַך נישט, אַכוץ פראַזן! נאָר פוסטע דראָאונגען. אַלע גוואַלט־אַקציעס מיצאַד די אַרבעטער אין דעם אָפּשניט־צייט פון 1919 ביז 1920 זענען געווען סטיכישע אַקטן, אָרגאַניזירט אויסער דעם קאָנטראָל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אָבער דער רעזולטאַט פון אָט די אַקציעס איז געוואָרן שטאַרק איבער־געטריבן. לויט אָנגאַבן פון אַ פאַשיסטישער בראָשור („רויטע באַרבאַריי״ — רוים, 1925, איטאַליעניש), האָט די צאָל קאָר־באָנעס פון אָט די אַקציעס באַטראָפן פאַר דער צייט פון 1919 ביז 1920 — 30. געטאַנאָ סאַלוועמיני האָט אויפגעזוכט אין „קאָריערע דע לאַ סעראַ״ פון די צוויי יאָר 65 רעגיסטרירטע פּאָליטישע מאָרדן, פון זיי 35 מאָרדן פון פּאָליציי־אַגענטן, וואָס עס זענען באַגאַנגען אַרבעטער און פאַשיסטן. דאָס איז דער בי־לאַנס פונם מאַקסימאַליזם.

3. די גרופּע באָרדיגאַ

אַ טיף־גרייכנדיקע נישט־רייפקייט האָבן אין דער זעלבער צייט אַרויסגעוויזן אַגיך די דריי ביכטונגען, וואָס האָבן אין יאַנו־

אָר 1921 געגרינדעט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי: די „אָפּהאַלט־פּראַקציע*) (באַרדיגאַ, פּאַרטיקיאַרי, גאַרלאַנדי), די גרופּע „נייע אָרדנונג" („אָרדינע נאָוואַ") גראַמשי, מעראַטשי־ני, ערקאָלי; און די לינקע מאַקסימאַליסטישע ריכטונג (דזשע־נאַרי און מאַראַביני).

די באָרדיגאַ־גרופּע, מיט איר נעאָפּאָלער וואָכנשריפט „דער ראַט", האָט די ערשטע באַגרינדעט די נויטיקייט אָפּצורייסן זיך פון די רעפאָרמיסטן און גרינדן אַווירקלעכע קאָמוניסטישע פּאַרטיי. די אידעאָלאָגיע פון דער גרופּע איז אָבער געווען זייער ווייט פון דיאַלעקטישן מאַרקסיזם. גיכער איז דאָס געווען אַ פאַר־גליווערטע דאָגמאַטישע סיסטעם פון טאַקטישע קלאָלים, וועלכע מ'האָט ארויסגעדרונגען פון מאַרקסיסטישע טעקסטן און וועלכע האָבן באַדאַרפט טויגן אויף אַלע מעגלעכע פאַלן. אַזוי לעמאָשל: פון דער באַשיינפּערלעך־ריכטיקער טעזע, אַז דער זיג פונם פּראָ־לעטאַריאַט אין 1919 האָט זיך ארויסגעוויזן פאַר אוממעגלעך צו־ליבן פעלן פון אַן עמעס רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד, אַלס אָנ־פירער, און אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אַלס גאַנצע האָט נישט געקענט איבערנעמען אָט די ראָל — פון אָט דער טעזע האָט באָרדיגאַ געדרונגען, אַז די מאַפּאָלע פון דער רעוואָלוציע איז געווען אַן אומפאַרמיידלעכע און די איינציקע אויפגאַבע פון די רעוואָלוציאָנערן איז — ארויסצוציען פון דער מאַפּאָלע די גרעסט־מעגלעכע לערע פאַר דער „קומענדיקער" טאַקטיק פון דער עמעס רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי. די דאָזיקע אויפפאַסונג האָט זיך געשטיצט אויף אַ ריין פאָרמעלער לאָגישער אַרגומענטאַציע; זי האָט אָבער נישט געזען די רעאַלע היסטאָרישע פאַקטאָרן, די שפּעטערישע קראַפט פון די מאַסן, און אין אַ מאָמענט, ווען די

---

*) מען האָט די פראַקציע אַזוי גערופן, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי דאַרף די גאַנצע צייט פון דעם ארויסגערופענעם דורכן קריג קריזיס, זיך אָפּהאַלטן פון שטימען. באָרדיגאַ האָט די דאָזיקע טעזע פאַרטיידיקט אויפן צווייטן קאָנגרעס פון קאָמינטערן, נאָר דער קאָנ־גרעס האָט זי אָפּגעוואָרפן.

מאסן האבן געקעמפט אין גאס, און קאמוניסטן זענען געווען א
אזא גרויסער צאל ארגאניזירט אין דער סאציאליסטישער פאר־
טיי און אין די וויכטיקסטע ראיאנען זענען זיי אפילו געווען די
מערהייט אין דער פארטיי — אין אזא מאמענט האט באָרדיגא
רעדוצירט די ראל פון די קאמוניסטן צו מינדלעכער קריטיק פון
די פירער, באגלייט מיט פינסטערער נעוויעס־זאגעריי וועגן דער
אומפארמיידלעכקייט פון דער מאפאלע. די דאזיקע פאליטיק האט
לאכלוטין נישט גענומען אין אכט איין פאקטאר, אן וועלכן די
גאנצע געשיכטע וואלט נישט מעגלעך געווען — דעם פאקטאר
צייט, וועלכע ווארט נישט אויף די רעוואלוציאנערן, ווארום א
שארפער רעוואלוציאנערער קריזיס דויערט נישט אייביק. רע־
וואלוציאנערן זענען מעכויעוו וואס שנעלער צו לייזן זייערע אר־
גאניזאציאנעלע פראבלעמען און נישט ווארטן, ביז אלע אנדערע
פראבלעמען וועלן זיין געלייזט, קעדיי דערנאך ערשט קלערן וועגן
דער פארטייאישער פראבלעם פון אנפירונג מיט די מאסן. מען
מעג דא נאך צוגעבן, אז דאס שאפן א געזונטע רעוואלוציאנערע
פארטיי וואלט צוגעגאנגען א סאך גינסטיקער (און וואלט געשען
א סאך פריער), ווען די לינקע סאציאליסטן וואלטן א מער זעלב־
שטענדיקן אנטייל גענומען אין די גרויסע קאמפן פון די ארבע־
טער און פויערן אין די יארן 1919 און 1920

4. די גרופע „נייע ארדנונג"

א ביסל מער פארשטענדעניש פאר די קאנקרעטע פאדערונ־
גען פון דער מאסן-באוועגונג האבן ארויסגעוויזן די טורינער סא־
ציאליסטן, וועלכע האבן זיך גרופירט ארום „ארדינע נואווא"
(„נייע ארדנונג") — א וואכנשריפט, וואס האט אנגעהויבן
ארויסצוגיין אין טורין אין אפריל 1919 און איר פראגראם —
פראלעטארישע קולטור — איז געווען גאנץ צעשווומען פארמו־
לירט. די רעדאקציע פונם וואכנבלאט (גראמשי, טעראטשיני,
טאסקא, ערקאלי) האט זיך קוידעם קאל פארמאסטן אויף א
שטודיום פון די פאבריק־ראטן און פון דער קאפיטאליסטישער
אונטערנעמונג ביכלאל: זי האט די אונטערנעמונג באטראכט

„אלס נויטיקע פארם פונם ארבעטער־קלאס, אלס פאליטישע אויסבילדונג, אלס די טעריטאריע פון פראלעטארישער זעלבסט־פארוואלטונג". די פראבלעם וועגן דער אנטוויקלונג פון די פאבריק־ראטן — וואס אי דער פאריין, אי די פאבריק־דירעקציע האבן אנערקענט זייער קאמפעטענץ אין אלע פראגן, וועלכע האבן א שייכעם צום ארבעט־אפמאך — איז גלייך געווארן די צענטראלע פראבלעם פון „ארדינע נואווא" און איז באהאנדלט געווארן, אלס „גרונט־פראבלעם פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע אין איטאליע, פראבלעם פון פראלעטארישער פרייהייט".

לויט דער אויפפאסונג פון „ארדינע נואווא", איז דער פאבריק־קאמיטעט, געוויילט דורך אלע ארבעטער (אויך די נישט־ארגאניזירטע), די „היסטארישע" פארם פון ארגאניזאציע, א טיפ ארגאניזאציע, וואס מען קאן נאר מיט דער בירגערלעכער מעלוכע פארגלייכן, אן אינסטיטוציע פון „עפנטלעכן" כאראקטער, בעת וועדן א פארטיי אדער א פאריין מוזן באטראכט ווערן, ווי פאריייניקונגען פון „פריוואטן" כאראקטער.

„אין פאבריק־קאמיטעט טרעט דער ארבעטער אריין, אלס פראדוצענט, אלזא אין זיין אלגעמיינסטער אייגנשאפט; און פון דער אנדערער זייט נעמט ער, צוליב זיין שטעלונג און טעטיקייט אין דער געזעלשאפט, אלס בירגער פון א דעמאקראטישער מעלוכע, אנטייל אינם פארלאמענטארישן לעבן. אין דער פארטיי און אין פאריין טרעט דער ארבעטער אריין פרייוויליק, ער שליסט אן אפמאך, וועלכן ער קען צו יעדער צייט אנולירן. די פארטיי און דער פאריין קענען צוליב אט דעם פרייוויליקן כאראקטער זוי־ערן נישט פארגליכן ווערן, לויט „ארדינע נואווא", מיטן פאבריק־קאמיטעט — מיט אט דער רעפרעזענטאטיווער אינסטיטוציע, וואס איר אנטוויקלונג איז נישט קיין אריטמעטישע, נאר א מארפאלאגישע"... (גראמשי אין „ארדינע נואווא" פון 4 אויג. 1920). די דאזיקע פאליטישע טעאריע האט זיך געשטיצט אויף א געוויסער שטעל אין מארקס ווערק, וווּ עס רעדט זיך וועגן דער קאמונע און עס ווערט אזוי ווי אנגעדייט אויף

דעם אינדוסטריעלן כאַראַקטער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט פון פּראָדוצענטן, דאַן אויף געווּיסע שטעלן ביי לעניגען, ווו ער רעדט וועגן דער סאָוויעטישער דעמאָקראַטיע אין רוסלאַנד, און לעסאָף גאַר באַזונדער אויף די שריפטן פונם אַמעריקאַנישן רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליסט דאַניעל דע-לעאָן. טורין, ווו „אָרדינע נואָוואַ" איז דערשינען, איז צוליב דעם איינהייטלעכן כאַראַקטער פון זיין אינדוסטריעלער סטרוקטור דערקלערט געוואָרן פאַרן היסטאָרישן נעסט פון דער איטאַליענישער רעוואָלוציע. אַנדערע האָבן אָבער אָפּגעפרעגט אָט דעם ערן-טיטל פון טורין און האָבן אים גיכער אָנערקענט פאַר מילאַן, דעם צענטער פונם מאַקסימאַליזם, און דאַווקע צוליבן פאַרשיידנאַרטיקן (העטעראָגענישן) כאַראַקטער פון זיין אינדוסטריעלער סטרוקטור. די דאָזיקע אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס זענען נאָכאַנאַנד צעקריטיקירט געוואָרן דורך די מיטגלידער גופא פון דער גרופּע „נייע אָרדנונג", וואָס זענען דערנאָך געוואָרן די פירנדע עלעמענטן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אָבער נאָך פריער פאַר זיי זענען אָט די פּאָזיציעס שוין געוואָרן דעמאָלירט — די פּאָליטישע געשעענישן האָבן באַוויזן זייער פאַלשקייט: בעאַיים דעם גענעראַל-שטרייק פון 1920 און בעאַיים דער אָקופּירונג פון די פאַבריקן איז טורין פאַרבליבן איזאָלירט; און די פאַבריק-קאָמיטעטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציעס נאָר אין דער מאָס, אויף וויפל עס האָט זיך די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער איינגעגעבן צו באַאיינפלוסן די איבעריקע מאַסן; און ענדלעך, ביים ווידערשטאַנד קעגן פאַשיסטישן טעראָר האָט טורין בלי-ספק זיך אַרויסגעוויזן אַ סאַך וויניקער צונגעגרייט, איידער אַנדערע איטאַליענישע שטעט, ווי טריעסט, פּאַרמאַ און אפילע רוים.

קאַפּיטל 4

דער רעפאָרמיזם בויט איף זאַמד

1. רעפאָרמיסטישע קאַפּלאַזיקייט

,י האַלטונג פון די איטאַליענישע רעפאָרמיסטן אין דער נאָכמילכאָמע־צייט האָט זיך אַלעמאָל שאַרף געביטן, אָפּהענגיק פון דער שטימונג פון די מאַסן. באַלד נאָכן וואָפנשטילשטאַנד, אין פעריאָד פון שטאַרקסטער רעוואָלוציאָנערער באַגייסטערונג, האָבן דער ראָוו רעפאָרמיסטן גערעדט, ווי באַגייסטערטע רעוואָלוציאָנערן. די פאַרייניקטע רעפאָרמיסטישע פירער (ד׳אַראַגאָנאַ, קאָלאָמבינאַ, ביאַנקי א. אַ.) האָבן זיך באַטייליקט אין דער ערשטער איטאַליענישער סאָציאַליסטן־דעלעגאַציע, וועלכע האָט באַזוכט מאָסקווע אום זומער 1920, און זיי האָבן דאָרטן אין פּלאַמיקע רעדעס פּראָקלאַמירט זייער אָנשלוס אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זיי האָבן געהערט צו די מיטגלידער פון רויטן פּראָפינטערן און געמאָלדן וועגן זייער ענדגילטיקן איבעררייסן מיטן צווייטן אינטערנאַציאָנאַל. אין איטאַליע גופא האָבן זיי געטריבן אין דער־הויך די כוואַליע אַרבעטער־שטרייקן, וואָס האָט באַלד נאָכן וואָפנשטילשטאַנד אויסגעבראָכן אין גאַנצן לאַנד. זיי האָבן געפירט אַן אַגיטאַציע פאַר באַלדיקער סאָציאַליזירונג פון דער ערד און האָבן דעם קלאַסן־קאַמף פון די לאַנד־אַרבעטער דערפירט צו אַזאַ שטופע, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

שפּעטער, אַז די מאַקסימאַליסטישע שיקרעס איז געוועזן אַריבער, האָט דער רעפאָרמיזם אויסגענוצט די וואַקסנדיקע קראַפט פון דעם אַרבעטער־קלאַס און די שרעק, פון וועלכער די בירגערלעכע קלאַסן האָבן זיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט באַפריי־

ען, און האָט אין געציילטע עטלעכע באַראָשים דורכגעזעצט זיין גאַנצע פּראָגראַם פון רעפאָרמען (קאָלעקטיווער ארבעט-אָפּמאַך. 8-שעהדיקער ארבעטס-טאָג, פאַרזיכערונג, געהעכערטע מעלוכישע קרעדיטן פאַר די קאָאָפּעראַטיוון א. א. וו.) — אליין פאַר זיך און פאַר א נאָרמאַלער צייט וואָלטן דאָס געוועזן זייער גוטע רע־פאָרמען, אָבער אין א שווערער קריזיס-צייט און אַזוי לאַנג ווי די מאַכט בלייבט אין די הענט פונם קלאַסן־פיינט — קאָ:ען זיי האָבן בלויז א פּראָוויזאָרישע מאַמאָשעס

2. דער רעפאָרמיזם ברעכט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג

דער מאָנאָפּאָל אויף פירערשאַפט אין די מאַסן־אָרגאַניזאַ־ציעס, וואָס דער מאַקסימאַליזם האָט אליין אָנערקענט פאַר די רעפאָרמיסטן, איז געוועזן דער איינציקער קאַנאַל, דורך וועלכן די בורזשואַזיע האָט אין 1919 און 1920 אויפגעהאַלטן איר קאָנ־טראָל איבער די אַרבעטער, סיי אין שטאָט און סיי אין דאָרף. דער דאָזיקער מאָנאָפּאָל איז ווערט געוועזן אייניקע מויל־קאָנ־צעסיעס דעם מאַקסימאַליזם, און אויב דער דאָזיקער מאָנאָפּאָל האָט נישט דערלויבט די רעפאָרמיסטן צו דערשטיקן די רעוואָלו־ציאָנערע ענערגיע פון די אַרבעטער, האָט ער זיי אָבער געגעבן די מעגלעכקייט אויף א באַקוועמען אופן צו צעשפּליטערן די אַר־בעטער־קויכעס, זיי מיד צו מאַכן און דעמאָראַליזירן, און אָפּ־צווענדן זייער בליק אויף פיקטיווע צילן.

די סטאַטיסטיק גיט א מערקווירדיק בילד פון דעם באַרג־אַראָפּ, וואָס די רעוואָלוציאָנערע מאַסן-באַוועגונג האָט אין דער נאָכמילכאָמע־צייט אדורכגעמאַכט אין איטאַליע.

א) אין דער לאַנדווירטשאַפט

שטרייקן	אין יאָר
208	1919
189	1920
89	1921
23	1922
1	1923

ב) אין דער אינדוסטריע

שטרייקן	אין יאָר
1663	1919
1881	1920
1045	1921
552	1922
200	1923

די אַלע שטרייקן האָבן אויפן פּאָליטישן געביט — א כוח

וואָס זיי האָבן אָנגעשראָקן די בורזשואזיע — נישט געפירט צו גאָרנישט, ווייל דער מאַקסימאַליזם איז נישט פעיק געווען צו צענטירן די באַוועגונג און פאַרוואַנדלען די שטרייקן אין איינהייטלעכן קאַמף. און אויך אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט זענען די רעזולטאַטן געווען גאַנץ מאָגערע, ווייל נאָך יעדער נאָמינעלער לוין-העכערונג האָט ווי א שאָטן געפאָלגט א פאַרטייערונג פון די לעבנס־קאָסטן: אַזוי אַרום איז דער לוין־אינדעקס פון די איטאַליענישע אַרבעטער די גאַנצע צייט געבליבן נאָך הינטער דעם אָפיציעלן אינדעקס פון לעבנס־מינימום*).

איר העכסטן פונקט האָט די איטאַליענישע מאַסן־באַוועגונג דערגרייכט אין דער אָקופּירונג פון די פאַבריקן, אין אויגוסט 1920, וואָס איז צוזאַמענגעפאַלן כראָנאָלאָגיש מיט דעם סאָוויעטישן אָנגריף אין פוילן און מיט די גרויסע שטרייקן אין צענטראַל־אייראָפּע. ביי דער געלעגנהייט האָט דער מאַקסימאַליזם אַרויסגעוויזן די גאַנצע אָנמאַכט זיינע, און די רעפאָרמיסטן האָבן זיך באַוויזן אין זייער גאַרן קאָנסערוואַטיזם.

אין יוני 1920 האָבן די פיר לאַנד־אָרגאַניזאַציעס פון די איטאַליענישע מעטאַל-אַרבעטער אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג צו רעווידירן די לוין־טאַריפן לויט דעם געענדערטן לעבנס-אינדעקס. דעם 12־טן אויגוסט האָבן די פאַרשטייער פון די אונטערנעמער ענדגילטיק אָפּגעוואָרפן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. דעם 21

---

*) דעם דאָזיקן פאַקט האָבן די רעפאָרמיסטן אַליין אויך אָנערקענט. „מען מוז צוגעבן, אַז די אַזוי ביטער באַקלאָגטע אַרבעטער־אומרוען האָבן קיינמאָל נישט באַוויזן צו הויבן דעם לוין־אינדעקס ביז צום ניוואָ פונם אינדעקס פון די לעבנס־קאָסטן. דער איינציקער אויסנאַם, וואָס האָט א געוויסן ווערט, איז אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, אָבער דאָס האָט זיין ספּעציעלע סיבּע. פאַרן קריג האָט די טעקסטיל־אינדוסטריע געצאָלט בוכשטעבלעך הונגער־לוינען. די גרעסטע געפאָדערטע און נאָכגעגעבענע לוין־העכערונגען פון דער נאָכמילכאָמע־צייט זענען געווען גאָר פּאַשעטע נישט מער, ווי א נויטמאַכונג פון א באַשיימפּערלעכער אומגערעכטיקייט...“ (פּוּאַדזי און גיטי, פון פריער ציטירטן בוך, ז. 443.

אויגוסט האָט די סאָציאַליסטישע פּראָפ. אָרגאַניזאַציע פון די
אַרבעטער אָנגענומען אַ באַשלוס וועגן אָבסטרוקציע (וואָס מיר
רופן: איטאַליענישער שטרייק — איבערזעצער). די אַלפאַ־ראָ־
מעאָ־פאַבריק אין מילאַן האָט אויף דער אָבסטרוקציע געענט־
פערט דעם 30 אויגוסט מיט אַ לאָקאַוט, אָבער די אַרבעטער האָבן
זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרלאָזן די פאַבריק־וואַרשטאַטן, האָבן זיך
פאַרבאַריקאַדירט אינעווייניק און אָנגענומען אַלע נויטיקע מיט־
לען אויף צו קאָנען בלייבן דאָרט אַ לענגערע צייט. דעם דאָזיקן
ביישפּיל האָט מען באַלד נאָכגעטון אומעטום, אין גאַנצן לאַנד,
ווייל אויך אין אַנדערע אונטערנעמונגען האָט מען געדראָט די
אַרבעטער מיט אַ לאָקאַוט. ביז 500 טויזנט מעטאַל־אַרבעטער
האָבן זיך באַטייליקט אין אָט דער אַקציע פון באַזעצן די פאַ־
בריקן. די אַרבעט אין די באַזעצטע פאַבריקן האָט זיך אין ער־
געץ נישט אָפּגעשטעלט. פיר זעלבשטענדיקע פאַריינען האָבן יע־
דערער באַזונדער [illegible] די באַוועגונג פאָרויס: דער סאָציאַליס־
טישער, דער אַנאַרכיסטישער, דער רעפּובליקאַנישער און דער קאַ־
טוילישער. אָבער די באַזעצונג פון די פאַבריקן האָט מיטאַמאָל
אָפּגעווישט אַלע אונטערשיידן צווישן די אַרבעטער, עס האָט
אַלעמען געאייניקט דער גרעסטער ענטוזיאַזם. אונטער דער טעכ־
נישער און דיסציפּלינאַרישער פירונג פון די פאַבריק־קאָמי־
טעטן האָט זיך אין אַ סאַך אונטערנעמונגען די פּראָדוקציע אפילע
גאָך פאַרגרעסערט. אויפן פאַל פון אַ פּאָליציייאישן אָנגריף איז
געווען אָנגעגרייט געווער; מען האָט געמאַכט אַ סימבאָלישן
זשעסט און אַרויסגעלאָזט מאַטבייעס מיט דער עמבלעם פון סערפּ
און האַמער; אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן האָבן די קליינהענד־
לער צוגעשטעלט לעבנס־פּראָדוקטן אין די פאַבריקן אַריין, און
האָבן גענומען געצאָלט מיט באָנעם פון די אַרבעטער־אָרגאַני־
זאַציעס.

די אַרבעטער פון אַנדערע ווירטשאַפטס־צווייגן האָבן זיך גע־
ריסן נאָכצופאָלגן דעם ביישפּיל פון די מעטאַל־אַרבעטער. די
אָרגאַניזאַציע פון די האַפן־אַרבעטער האָט גאַראַנטירט, אַז זי
קען פאַרכאַפּן די האַפנס און דעם האַנדלס־פלאָט. דער רעוואָלו־

ציאָנערער ענטוזיאזם האָט פאַרענדערט דעם אויסערלעכן אויס־זען פונם לאַנד: אומעטום האָבן געפלאַטערט פענער מיט סאָוויעטישע עמבלעמען. אין די ביוראָס פון די אונטערנעמונגען האָבן די אַרבעטער געפונען וויכטיקע דאָקומענטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון שפּיאָנאַזש, וועגן די באַציונגען צווישן די אונטערנעמער א. ד. גל. און מען האָט די דאָקומענטן טייקעף פאַרעפנטלעכט. די בורזשואַזיע האָט געלעבט אין אַ צושטאַנד פון פּאַניק. די רע־גירונג האָט זיך נישט אַריינגעמישט.

אין שפּיץ פון דער רעגירונג איז דאַן זייט אַ כּוידעש צייט ווידער געווען דזשיאָליטי, וועלכער האָט אויפן אַמט פון אַרבעט-מיניסטער איינגעלאַדן דעם אומפּאַרטייאישן סאָציאַליסט אַרטוראָ לאַבריאָלאַ. אַרויסטרייבן די אַרבעטער מיט גוואַלט פון די פאַ־בריקן איז געווען מיליטעריש נישט מעגלעך, קיינער האָט וועגן אַזאַ אויסוועג אַפילע נישט געטראַכט. מוסאָליני איז עפנטלעך אַרויסגעטרעטן קעגן אַזאַ פּלאַן.

דער גוירל פונם לאַנד איז געלעגן אין די הענט פון די פי־רער פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס*).

דעם 4 און 5 סעפּטעמבער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין מילאַן די פאַרטיי-אָנפירונג און די אָנפירערשאַפט פון דער פראָפ. אַר־בעטער־קאָנפעדעראַציע. מען האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז דער קאַמף דאַרף געפירט ווערן אויף אַן אויסגעברייטערטן באַזיס און מען דאַרף זיך אָפּרופן צום גאַנצן פּראָלעטאַריאַט, אָבער

---

*) „איין איינציקע נעפאר באדראט פאקטיש די געזעלשאפט: די גע־פאר פון כאאס, פון אנארכיע, פון מאראלישער מעהומע, פון א בעהאלע אין די מויכעס און אין די אינסטיטוציעס. דאס איינציקע, וואס מען מוז האבן אין זינען, איז אז די קראפט, וועלכע פארטרעט די ניי־אנטשטאנענע געזעל־שאפט, אנטוויקלט זיך נישט ווי א צעשטערערישע קראפט, נאר ווי א קאנ־סטרוקיטווע און אויפבויענדיקע, און אזא וועט זי טאמיד זיין, אויב זי וועט זיך נישט ווענדן קעגן דער מעלוכע, נאר זי וועט קאארדינירן אירע שטרע־בונגען מיט די צילן פון דער מעלוכע” (א· לאבריאלא, רעדע אין סענאט, דעם 20 סעפטעמבער 1920).

פאַרטיי און קאָנפעדעראַציע האָבן זיך נישט געקאָנט איינִיקן מיקוייעך די צילן, וועלכע די באַוועגונג דאַרף זיך שטעלן. די פּאַרטיי האָט פאַרלאַנגט אַ קאַמף פאַר ראַטן, די קאָנפעדעראַציע האָט געוואָלט אַ קאַמף פאַר ווייט־גייענדיקע רעפאָרמען. אויף צו לייזן דעם קאָנפליקט האָט מען צוזאַמענגערופן נישט די פאַרטיי נאָר דעם נאַציאָנאַל־ראַט פון דער קאָנפעדעראַציע. פאַר אָט דער אינ־סטאַנץ איז דזשענאַרי אַרויסגעטרעטן אין נאָמען פון דער פאַרטיי און האָט פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז מען דאַרף אויסברייטערן די באַוועגונג אויפן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט און שטרעבן צו דעראָבערן די מאַכט; אין נאָמען פון דער קאָנפע־דעראַציע איז אַרויסגעטרעטן ד'אַראַגאָנאַ און האָט זיך אַרויסגע־זאָגט קעגן יעדן פּרוּוו פון אַ רעוואָלוציאָנערן אַרויסטריט, נאָר פאַרגעלייגט צו באַגרעניצן זיך מיט דער פאָדערונג פון פאַריינס־קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע; אויף דעם פאַל אָבער, אויב די פאַרטיי באַשטייט אויף איר שטאַנדפּונקט, זענען די פאַריינס־פירער גרייט צו דעמיסיאָנירן און איבערגעבן דער פאַרטיי די אָנפירונג מיט דער קאָנפעדעראַציע. דער פאָרשטייער פון דער פאַרטיי האָט דעם דאָזיקן פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן, ווייל — האָט ער מאָטיווירט — ער האָלט אים פאַר אַ פּרוּוו צו מאַכן אַ דרוק אויף דער פאַרטיי. און דער רעפאָרמיסטישער שטאַנדפּונקט האָט געזיגט מיט 591,245 שטימען קעגן 409,569. אַ גרויסע צאָל אין געווען אָפּגעהאַלטענע. צווישן אַנדערע האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען די פאַרטרעטער פון די מעטאַל־אָרגאַניזאַציעס, און האָבן זייער אָפּהאַלטן זיך באַגרינדעט מיט דעם לעבערלעכן אויסרייד, אַז „אַזוי ווי זיי זענען דער צאַד, וואָס האָט אַרויסגערופן די באַ־וועגונג, ווילן זיי נישט באַאיינפלוסן די אָפּשטימונג!” ווען נישט אָט די אָפּגעהאַלטענע, וואָלט דער רעוואָלוציאָנערער שטאַנד־פּונקט, פאַר וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט אַלע פאַריינען פון די אינדוסטריע־אַרבעטער, געווען געזיגט. אויב די רעפאָרמיסטן האָבן דערגרייכט אַ מערהייט, איז נאָר אַ דאַנק די אָפּגעהאַלטענע און אַ דאַנק דער אָפּשטימונג אין דער אָרגאַניזאַציע פון די לאַנד־אַרבעטער — לויט דער צאָל די שטאַרקסטע אָרגאַניזאַציע אין דער

קאָנפעדעראַציע — וואָס זייער פאַרטרעטונג אין נאַציאָנאַל־ראַט איז באַשטאַנען פון אָנגעשטעלטע און רעפאָרמיסטישע קאָאָפּע־ראַטיסטן.

עס איז אָבער אַן אומזין צו מאַכן פון דער אויפשטאַנד־פּראָבלעם אַ פראַגע פון מאַנדאַטן־קאָנטראָל. ווען די סאָציאַליס־טישע פּאַרטיי וואָלט אויף אַן עמעס גרייט געווען צו פירן אַ קאַמף פאַר דער מאַכט, וואָלט פאַר איר גאַנץ גענוג געווען אויף אָנצו־הויבן די שלאַכט דאָס, וואָס זי האָט געהאַט אויף איר זייט די 500 טויזנט מעטאַל-אַרבעטער אין די באַזעצטע פאַבריקן און די 400 טויזנט פּראָפעסיאָנעל אָרגאַניזירטע אַרבעטער, וועלכע האָבן געשטימט צוזאַמען מיט איר. אָבער די פּאַרטיי איז פאַר קיין פאַל נישט גרייט געווען צו אַזאַ קאַמף, און עס האָט איר נאָר האַנאָע געטון, וואָס זי האָט ווידער אַמאָל געקאָנט אַריבערוואַרפן די אַכראַיעס דערפאַר אויף די רעפאָרמיסטן.

ווען מען האָט זיך דערוווּסט אין דער עפנטלעכקייט וועגן זיג פון די רעפאָרמיסטן איבער דעם פלוידער-מאַקסימאַליזם, האָט זיך פון אַלע בירגערלעך אייגנגעשטעלטע אָרגאַנען ארויסגעריסן אַ געשריי פון דערלייכטערונג: „דער רעפאָרמיזם האָט געראַטעוועט די ציוויליזאַציע! די געפאַר איז פאַרביי!"(3) דעם 15 סעפּטעמ־בער האָט דזשיאָליטי צענויפגערופן קיין טורין פאַרטרעטער פון די רעפאָרמיסטן און פון די אינדוסטריעלער. ער האָט אויפגע־פאָדערט די אינדוסטריעלער, זיי זאָלן גלייך אַקצעפּטירן דעם רע־פאָרמיסטישן לאָזונג, און ער האָט דורכגעלייענט פאַר די פאַר־זאַמלטע אַ דעקרעט, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט דעם פּרינ־

---

3) איטאַליע איז געווען אין סאַקאַנע, אַז זי וועט פּלאַצן... די רעוואָ־לוציע איז נישט צושטאַנדגעקומען נישט דערפאַר, ווייל ס'איז געווען עמיץ, וואָס זאָל צו דעם נישט דערלאָזן, נאָר ווייל די „קאָנפעדעראַציע" האָט עס נישט געוואָלט" („קאָריערע דעלאַ סעראַ", 20 סעפּט. 1920). די „קאָנפע־דעראַציע" האָט געראַטעוועט די עפנטלעכע אָרדענונג" (מ. מיכיראַלי, אַ פאַר־לוירענע שלאַכט, ז 171).

ציפיעלן העסקעם אויף א פאריינס־קאָנטראָל איבער דער אינ־דוסטריע. דעם 22 סעפטעמבער, נאָך דריי וואָכן קאַמף, האָט א מעטאל־ארבעטער־קאָנפערענץ ראַטיפיצירט דעם קאָמפּראָמיס, וועלכער האָט קלוימערשט באַדייט א ניצחון פון די אַרבעטער און אין דער ווירקלעכקייט האָט ער באַדייט עפּעס ערגערס ווי א מפּ־פּלע. די אַנטוישטע מאַסע איז אַרויס פון „אירע" פאַבריקן. די בורזשואַזיע, א דערשראָקענע פון דער אָקאָרשט איבערגעלעב־טער רעוואָלוציאָנערער געפאַר, האָט זיך א קער געטון צום פאַ־שיזם. דער פּראָיעקט פון פאַריינס־קאָנטראָל איז גיך פאַרגעסן געוואָרן, און מען האָט אים קיינמאָל אפילו נישט אַריינגעטראָגן אין פּאַרלאַמענט. דער רעפאָרמיזם האָט מער שוין קיין צייט נישט געהאַט, ווען צו פאַרווירקלעכן די פּאָליטישע קאָמפּענסאַ־ציעס, צו וועלכע ער האָט געשטרעבט. ביכלאַל האָבן די רעפאָר-מיסטן אינגאַנצן נישט באַנומען די נייַ געשאַפענע לאַגע. זיי זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז מיטן ליקווידירן די פאַבריק־באַ־זעצונג הויבט זיך אָן א נייע עפּאָכע — די מאַסן וועלן איינגע-גלידערט ווערן אין דער סיסטעם פון קרעפטן, אויף וועלכע די מע־לוכע האַלט זיך, און אַלס לאָגישער רעזולטאַט דערפון וועט קו־מען די בילדונג פון א רעפאָרמיסטישער רעגירונג. זיי האָבן גע־וואַרט, אַז די בירגערלעכע פּאַרטייען וועלן מיט פרייד איינגיין אויף אַזאַ אויסגאַנג ווייל בעת דער קאַמף פון די מאַסן איז געווען אין סאַמע ברען, האָבן זיי אָן שום באַוואָרענישן צוגע־שטימט צו דער רעגירונגס-פּראָגראַם, וואָס טוראַטי (פירער פון די רעפאָרמיסטן) האָט אַנטוויקלט. די דאָזיקע פּראָגראַם -- איר מעכאַבער האָט זי פאַרעפנטלעכט אונטערן טיטל־קאָפּ: „זייער ווידערגעבורט פון איטאַליע" — איז געווען נישט מער, ווי אַן איבערכאַזערונג פון יענע אַלע טעכנישע רעפאָרמען, וואָס איטאַליענישע מעלוכע־מענער האָבן שוין נישט איינמאָל צוגעזאָגט בעת וואַל־אַגיטאַציע און דערנאָך נישט מעקאַיעם געווען. טוראַטי איז געווען אויף אַזוי פיל ערד־לעך, אַז ער האָט זיין פּראָגראַם געשטעלט אונטערן שוץ פון קאַוורן, אַזוי אַז דאָס האָט אָפן צוגעגעבן דער פּראָגראַם דעם

כאַראַקטער פון אַ דערגאַנצונג און פאַרפולקאָמונג פון דעם רע־זשים פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע.4)

ווי געזאָגט, האָט די רעפאָרמיסטישע פּראָגראַם געהאַט פאַר זיך די צושטימונג פון אַלעמען, פון די קאַטאָליקן ביז צו די פאַ-שיסטן. „זעלטן ווען — האָט געשריבן מוסאָליני -- האָט דער איטאַליענישער פּאַרלאַמענט געהאַט דאָס גליק צו הערן אַזאַ ערנסטע און גוט באַאַרבעטע רעגירונג־פּראָגראַם, ווי די פּראָ־גראַם פון פיליפּאָ טוראַטי” (פּאָפּאָלאָ ד׳איטאַליאַ, 2 סעפּט. 1920).

אָבער אין דער עמעסן האָט זיך נאָך דער ליקווידירונג פון דער פאַבריקן־באַזעצונג אָנגעהויבן אַ פּאָליטישער פּעריאָד, וואָס האָט גאָר ווייניק געמיינזאַמעס געהאַט מיט די האָפענונגען פון די רעפאָרמיסטן. צעברעכענדיק די פּאָליטישע מאַכט פונם אַר־בעטער-קלאַס, האָבן די רעפאָרמיסטן דערמיט גופא צעבראָכן יענע קראַפט, וועלכע וואָלט זיי ביי גינסטיקע באַדינגונגען גע־קאָנט העלפן זיך צוקריגן צו דער מאַכט. אין די רייען פון דער אָפּטרעטנדיקער פּראָלעטאַרישער אַרמיי האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּראָצעס פון פּאָליטישער און אָרגאַניזאַטאָרישער דיפערענצירונג, און ס׳איז דערגאַנגען צו צוויי שפּאַלטונגען (אין ליוואָרנאָ, יאַ־נואַר 1921; אין רוים, אויגוסט 1922). אין דעם נייעם פּעריאָד האָט די בורזשואַזיע שוין נישט בלויז געפאָדערט פון די רעפאָר־מיסטן, זיי זאָלן באַזייטיקן די געפאַר פון אויפשטאַנד, נאָר זיי זאָלן מיטהעלפן צו לייזן דעםווירטשאַפט-קריזיס, מען זאָל אָן ריי־בונגען קאָנען דורכפירן לוין־קירצונגען, עס זאָל אויפגעהאַלטן

---

4) „קאַמילאָ קאַוור האָט פאַרשטאַנען אַלע אַקטועלע וויסנשאַפטלעכע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. די מענער פון דער רעגירונג מוזן זייער אינ־ספּיראַציע שעפּן פון דער לערע פון אָט דעם אומגעווייגלעכ׳ מאַן. דאַן וועלן זיי פאַרמאָגן קראַפט און פעיקייט צו לייזן די שווערע פּראָבלעמען פון דער קעגנוואַרט. די ערשטע פון אָט די פּראָבלעמען איז — צו פירן דעם פּראָ־לעטאַריאַט אויפן וועג פון זיין באַפרייונג. און דער פּראָלעטאַריאַט וועט נישט בלייבן טויב צו דער שטים פון דער ציוויליזאַציע” (טוראַטי, ווידעראויפ־בוי פון איטאַליע, 1920).

הערן די וי צווישן די אַרבעטלאָזע, עס זאָל ווידער איינגעשטעלט ווערן דיסציפּלין אין די אונטערנעמונגען, מען זאָל צוריק אריינפירן די אַלטע באַלעבאַטים אין די קאָמונאַלע און געגנטלעכע פארוואַלטונגען. אידעאָלאָגיש האָבן די רעפאָרמיסטן פולשטענדיק אסימילירט און אויפגענומען אַט די נייע אויפגאַבן, אָבער זייער פּראַקטישע רעאַליזירונג האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ העפטיקער אָפּאָזיציע מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט: עס האָט אים שוין געפעלט אימפּעט פאַר אַן אָנגריף, אָבער ער האָט נאָך פאַרמאָגט גענוג שוווּנג אויף צו פירן אַן אָפּווער־קאַמף. דער איינפלוס פונם רעפאָרמיזם איז באַדייטנדיק געפאַלן, דער גורל פון לאַנד האָט זיך אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענט, ער האָט אַלץ ווייניקער געקאָנט נאָכקומען די פאַרלאַנגען פון דער בורזשואַזיע, און די לעצטע האָט זיך אַרומגעזען — האַגאַם זי האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט אויסצונוצן די רעפאָרמיסטן — אַז זי דאַרף אָנקומען צו אַנדערע קויכעס.

3. די מוירע פאַר דער מאַכט

עס איז אויסער ספק, אַז אין דעם גאַנצן ערשטן נאָכמילכאָמעדיקן פעריאָד האָבן די פאַראַנטוואָרטלעכע רעפאָרמיסטישע פירער באַוווּסטזיניק פאַראַטן די רעוואָלוציאָנערע ראַוועגונג. מען האָט שוין מיט וואָרט פאַראַט אַזוי פיל מיסגעברויכט, אַז בלויז מיט וואַקלעניש און מיט ווידערווילן האָב איך זיך אַנטשלאָסן צו באַנוצן אין דעם פאַל דאָס דאָזיקע וואָרט. איבעריקנס, אַ סאַך רעפאָרמיסטן זענען נישט נאָר מאַסקים מיט אַזאַ אָפּשאַצונג, נאָר זיי האַלטן, אַז דאָס פאַרשאַפט זיי נאָך דורכאויס קאָוועד.

אויף אַ קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 22 סעפטעמבער 1922 אין מילאַן, האָט ד'אַראַגאָנאַ, סעקרעטאַר פון דער „קאָנפעדעראַציע", דערקלערט: „מיר טראָגן אַכראַיעס פאַר צו פיל וואָרט־קאָנצעסיעס אין פעריאָד פון באָלשעוויסטישן מעשונאַעס, אָבער מיר האָבן געטון אַלץ, וואָס מ'האָט נאָר געקאָנט, קעדיי איינצוהאַלטן די אומגעדולדיקע. מיר זענען שטאָלץ, וואָס מיר האָבן נישט דערלאָזט צו דער רעוואָלוציע, וואָס די עקסטרעמיסטן האָבן געפלאַנעוועט. ווען מיר האָבן שוין געהאַט אויס-

נעמיטן די רעוואָלוציאָנערע קאַטאַסטראָפע, איז געקומען דער פאַ־שיזם". די דאָזיקע ווערטער קלערן אויף די האַלטונג פון די אי־טאַליענישע רעפאָרמיסטן נישט נאָר אין 1919, נאָר די גאַנצע צייט פון זייער ווירקן. די דאָזיקע ווערטער קלערן אונז אויך אויף, פאַרוואָס דער רעפאָרמיזם האָט נאָכן יאָר 1919 נישט געוואָלט איינגיין אויף אַן אָנטייל אין מוסאָליניס רעגירונג. פאַרוואָס האָבן די איטאַליענישע רעפאָרמיסטן קיינמאָל זיך נישט באַטייליקט אין אַ בירגערלעכער רעגירונג? פאַרוואָס האָבן זיי פאַר, בעת און נאָך דעם קריג טאָמיד פאַרנומען קלוימערשט אַ מער ראַדיקאַלע פּאָליטישע שטעלונג, איידער די רעפאָרמיסטן אין אַנדערע לענ־דער?5). דער גרעסטער איטאַליענישער היסטאָריקער האָט דאָס

5) לאָמיר אָקאָרשט דערמאָנען די געצייל־טע געלעגנהייטן, ווען די סאָצ. פּאַרלאַמענט־פראַקציע איז אין גאַנג פון רעגירונג־קריזיסן געווען באַפול־מעכטיקט אָנצווענדן אַ מער עלאַסטישע פּאָליטיק.

אין יוני 1921 האָט די מאַקסימאַליסטישע אָנפירונג פון דער סאָצ. פּאַרטיי באַפולמעכטיקט די סאָצ. פּאַרלאַמענט־פראַקציע, אַז „אויב אַנדערע פּאַרטייען וועלן מאַכן פּרוּוון צו פיקסירן אַ פּאָליטיק מיט דער איינהאַל־טונג פון סינדיקאַלער און פּאָליטישער פרייהייט, זאָל זי פון איר זייט קיין שום מעניעס נישט מאַכן".

דעם 29 יוני 1921 האָט די פירונג פון דער „קאָנפעדעראַציע" אָפּגע־געבן אַ דערקלערונג אַז די סאָצ. פּאַרלאַמענט־פראַקציע „וועט זיכער פּאַר־שטייען צו האַנדלען אויף אַ געביט מיט באַלדיקע מעגלעכקייטן".

אין נאָוועמבער 1921 האָט די פּאַרטיי־פירונג ווידער באַפולמעכטיקט די פּאַרלאַמענט־פראַקציע „צו באַטאָנען דאָס שטרעבן צו דערגרייכן גינסטיקערע פּאָליטישע באַדינגונגען דורך די אומפאַרמיידלעכע קעגנזאַצן צווישן די פראַקציעס און די בירגערלעכע קאָאַליציעס".

די דאָזיקע פּאַרזיכטיקע פּרוּוון האָבן נישט געגעבן גאָר נישט. מען דאַרף, איבעריגנס, באַמערקן, אַז די אָקאָפּעס פון די סאָצ. פּאַרלאַמענטאַריער זענען געווען געווענדעט נישט קעגן די פּאָליטישע פּאַרטרעטער פונעם מיטל־שטאַנד, קעגן די קאַטאָליקן און רעפּובליקאַנער, נאָר קעגן די דעמאָקראַטן ווי: שניט ניטי און ניקאָלאַ, די פּאַרטרעטער פון אַ טייל גרויס־בורזשואַז אַ

זייער גוט פארשטאנען. „ווען די איטאליענישע סאציאל־דעמא־קראטן — שרייבט קראטשע — וואלטן אפן מיטגעארבעט, וואלט דער רעזולטאט געווען דער, אז מען וואלט דערמיט די ארבעטער־מאסן געשטויסן צו די רעוואלוציע־העצער, און עס וואלט דערפון נאר ארויסגעקומען גרויס געפאר און שאדן פאר דעם סאציאלן אינטערעס און פאר די ארבעטער גופא. און עס איז געווען נוצלעך, וואס אט די מענער (די רעפארמיסטן), פרייע פון אבסטראקציעס און פאנאטיזם, מיט א קלארן און געמעסיקטן בליק, זענען געבליבן אין זייער אייגענער סוויווע (צווישן דער ארבעטערשאפט), קעדיי מיט איר אנצופירן, אפילו פארן פרייז פון טיילן מיט אט דער סוויווע געוויסע אילוזיעס אירע. פאר דעם וואס האט א מיסיע צו זוכן דעם עמעס און אים צו פארשפרייטן, מוז אט די ראל זיין נישט נאר פיינלעך, נאר פאשעט אומדערטרעגלעך. און דאך ווערט די ראל אן שום מי געשפילט פון דער פאליטישער אינטעליגענץ, וועלכע איז פראקטיש איינגעשטעלט. און דעריבער טאקע וואלט עס געווען אן אומרעכט צו פארורטיילן אט די אינטעליגענץ; עס וואלט געהייסן אנווענדן צו איר א מאס, וועלכע איז באשטימט פאר גאר אנדערע פאלן" (קראטשע: געשיכטע פון איטאליע, ז. 224). דער שיינבארער ראדיקאליזם פון די איטאליענישע רעפארמיסטן דערקלערט זיך, אלזא, דערמיט, וואס עס איז נישט געווען אין איטאליע קיין ברייטער שיכט ארבעטער, וואס זאלן גרייט זיין זיי נאכצוגיין ביז אין דער בורזשואזער מעלוכע אריין. „טוראטי (פירער פון די רעפארמיכטן), וועלכן דזשיאליטי האט נאך אין 1904 איינגעלאדן צו באטייליקן זיך אין דער רעגירונג, און ביסאלאטי (א צווייטער רעפארמיסטישער פירער), וועלכער האט באקומען אזא איינלאדונג אין 1911, האבן געמוזט די איינלאדונגען אפווארפן, ווייל — וואלטן זיי געווארן מיניסטארן, וואלט מען זיי געהאלטן פאר פארעטער און דעזערטירן, און אין דער רעגירונג וואלטן בלויז זיי, אלס פערזאנען, געווען, אבער נישט דער סאציאליזם" (קראטשע, ז. 228). אנדערע רעפארמיסטן האבן אליין באשטעטיקט אט די מאטיווירונג פונעם נישט וועלן זיך באטייליקן אין דער רעגירונג. אויף דער

גריעה שוין דערמאָנטער קאָנפערענץ, ווו ד׳אראַגאָנא האָט אפֿי־ שירט דעם פאַרדינסט פון האָבן נישט דערלאָזט צו דער רעוואָ־ לוציע (סעפּטעמבער 1922), האָט פּראָמפּאָליני דערקלערט, פאַר־ וואָס די רעפאָרמיסטן זענען אין 1919 נישט אוועק פון דער מאַקסימאַליסטישער פּאַרטיי און נישט געגרינדעט קיין אייגענע אומאָפּהענגיקע פּאַרטיי: „דאָס וואָס מיר האָבן באַוויזן אינעווייניק אין דער פּאַרטיי, וואָלטן מיר פון דרויסן נישט געקאָנט באַווייזן" („אוואַנטי", 22 סעפּט. 1922). דער רעפאָרמיסט בואָ־ דזי האַלט זיך נאָך איצט ביי דער זעלבער מיינונג: „אויב מווירע, אַז זי וועט נישט קאָנען דערפֿילן די דערוואַרטונגען פונם פּראָ־ לעטאַריאַט, האָט די פּאַרטיי־מינדערהייט נישט מיט דער געהעי־ ריקער שאַרפקייט באַנומען די פּראָבלעם פון רעגירונגס־באַטייל־ קונג, צוליב דער לויט אונזער מיינונג אומבאַגרינדעטער מווירע, אַז זי וועט נאָר איבערכאַזערן דעם עקספּערימענט פון דער רוסי־ שער קערענסקי־רעגירונג" (ב. בואָצי און פּ. ניטי, די פּראָפּעסיאָ־ נעלע באַוועגונג אין איטאַליע, 1930).

4. דער רעפאָרמיזם אין דינסט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע

עס וואָלט, אייגנטלעך, געווען נישט איבעריק צו באַקענען דעם לעזער מיט די קענצייכענדיקע פאַקטאָרן, וואָס האָבן געווירקט אויפן איטאַליענישן רעפאָרמיזם, וואָס האָבן אים געהאַלטן גע־ בונדן גלייכצייטיק אי מיט דער מעלוכע, אי מיט די פאָלקס־מאַסן, און וואָס האָבן דעצידירט וועגן זיין קלאָגעדיקן אונטערגאַנג. די שוואַכע ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור פון איטאַליע — מיר האָבן וועגן איר שוין אין ערשטן קאַפּיטל גערעדט — האָט גורעם גע־ ווען, אַז די איטאַליענישע אַרבעטער האָבן קיינמאָל נישט געקאָנט זיך דערשלאָגן צו אַזעלכע אַרבעט־באַדינגונגען, ווי עס האָבן זיך דערשלאָגן די אַרבעטער אין אַנדערע לענדער. און דערי־ בער האָט דער רעפאָרמיזם דאָ קיינמאָל נישט געהאַט קיין ברייטע סאָציאַלע באַזע צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן; זיין מאַנאָפּאָל־ שטעלונג אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָט ער מייסטנס גע־ דאַנקט צו פאַרהאַנדלען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, דער סאָ־

ציאַליסטישער פּאַרטיי. די פּראָפעסיאָנעלע אינסטאַנצן, וואָס שטייען נענטער צו דער אַרבעטער-מאַסע (אַרבעטער-קאַמערן), זענען קימאַט אומעטום געוואָרן אָנגעפירט פון מאַקסימאַליסטן. דורך דער גאַנצער געשיכטע פון דער איטאַליענישער „קאָנפעדעראַציע" גייט אַדורך, ווי אַ רויטער פאָדעם, דער אַנטאַגאָניזם צווישן די שפּיצן און דער באַזע. אָבער אויך אין איטאַליע זענען געווען אַר־בעטער־שיכטן, וואָס האָבן גענאָסן פון געוויסע פּריווילעגיעס, גע־ווען בעסער סיטואירט, ווי די גרויסע מערהייט אַרבעטער: אַזעל־כע זענען געווען די אַרבעטער פון די גרויסע האַפנס, די בעמי־שע אַרבעטער, די דרוקער, די גלאָז-אַרבעטער א. אַ. וו. און צו זיי קאָן מען צורעכענען נאָך עטלעכע קלענערע קאַטעגאָריעס קוואַליפיצירטע אַרבעטער פון דער מעטאַל־אינדוסטרי און פון טראַנספּאָרט־וועזן. דאָס איז אומגעפער די סאָציאַלע באַזע, אויף וועלכער דער איטאַליענישער רעפאָרמיזם האָט געקאָנט זיך אָנ־שפּאַרן אין די רייען פונם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט. דער ווירטשאַפט-קריזיס פון נאָכן קריג האָט געגעבן די קאַפּיטאַליסטן אַ געלעגנהייט צו פּרווון אָפּנעמען ביי די אויסגערעכנטע קאַטע־גאָריעס זייערע קליינע פּריווילעגיעס, קעדיי צו דעקן די שאָדנס פונם קריזיס. זיי האָבן דערביי אויסגערעכנט אויף די רעפאָרמיסטן אָבער די לעצטע — אויס מוירע פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן שטראָם — האָבן זיך געוואַקלט און נישט דרייסט גענומען זיך פאַר דער אויפגאַבע. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די דרוקער־און האַפן־אַרבעטער, וועלכע האָבן נישט געוואָלט פאַרלירן זייערע פּראָפעסיאָנעלע דעראָבערונגען, זענען שפּעטער גאָר אַריבער צום פאַשיזם.

אויף אַ מער מאַמאָשעסדיקן אופן איז פאָרגעקומען די איינ־גלידערונג פונם רעפאָרמיזם אין דער סיסטעם פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער מעלוכע אויפן געביט פון קאָאָפּעראַציע. אין 1910 איז אין איטאַליע געווען ביז 5 טויזנט קאָאָפּעראַטיוון, אין 1920 האָט זייער צאָל דערגרייכט ביז 20 טויזנט. קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זאָלן אַרבעטן מיט די אָפּשפּאָר־געלטער פון זייערע מיטגלידער, איז געווען נאָר אַ קליינע צאָל; די גרעסטע צאָל האָבן געאַרבעט מיט

דער הילף פון באַנק־קרעדיטן און האָבן אומזיסט געטראָגן דעם נאָמען קאָאָפּעראַטיוון, ווייל אין דער עמעסן האָבן זיי, צאָלנדיק צינזן פאַר געבאָרגטן קאַפּיטאַל, געטראָגן פּאַקטיש אַ קאַפּיטאַליסטישן כאַראַקטער און זענען אָפּהענגיק געווען פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. אַ געוויסע צייט האָט די קאָאָפּעראַטיווע פאָרם פון קאַפּיטאַל־פאַרווענדונג געבראַכט אַזעלכע נוצן דער איטאַליענישער בורזשואַזיע — ביי „קאָאָפּעראַטיוון" פּראָפיט איז מען באַוואָרנט קעגן אַרבעטער־אַגיטאַציע — אַז אייניקע גרויס־אינדוסטריעלער פון טורין און רעדזשיאָ עמיליאַ האָבן פאָרגעלייגט זייערע אַרבעטער, זיי זאָלן ביי זיי איבערנעמען די אונטערנעמונגען און זיי פירן אויף קאָאָפּעראַטיווע יעסוידעס. די אַקציעס האָבן זיי געזאָלט פאַרוואַנדלען אין אָבליגאַציעס, און די אַרבעטער, „אייגנטימער פון די אונטערנעמונגען", זאָלן אַרבעטן פאַר די צינזן, וואָס די אָבליגאַציעס וועלן זיי געבן. די דאָזיקע פאָרשלאָגן, וואָס וואָלטן אין פאַל פון פאַרווירקלעכונג נאָר געווען פאַרזיכערט די פּראָפיטן פון די אונטערנעמער, זענען אָפּגעוואָרפן געוואָרן אויסשליסלעך אונטערן דרוק פון דער אַרבעטער־אָפּאָזיציע; די פאָרשלאָגן האָבן אָבער פולשטענדיק אַנטשפּראָכן דעם פּלאַן פון די רעפאָרמיסטן. זייער פיל רעפאָרמיסטישע קאָאָפּעראַטיוון האָבן געלעבט דירעקט פון מעלוכישע קרעדיטן. אין געוויסע ראַיאָנען פון איטאַליע האָבן די קאָאָפּעראַטיוון געהאַט אַ מאָנאָפּאָל אויף די עפנטלעכע אַרבעטן. אין איטאַליע איז געווען אַ מעלוכישער אינסטיטוט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 200 מיליאָן ליר אויף צו קרעדיטירן די קאָאָפּעראַציע, און די דאָזיקע קרעדיטן זענען געוואָרן זייער אַ פעסטער פאַרבינדונג־רינג צווישן דעם רעפאָרמיזם און דער מעלוכע. די קאַדרען פונם איטאַליענישן רעפאָרמיזם האָבן אַלע געפירט אַ זאַט לעבן אַראַנק דער קאָאָפּעראַטיווער ספּעקולאַציע, און די אינטערעסן פון די ספּעקולאַטיווע געשעפטן האָבן באַשטימט די פּאָליטישע טעטיקייט פון די קאַדרען: די לעצטע האָבן לעגאַבע דער עפנטלעכער מאַכט געהאַט בלויז איין ציל: זיך דערשלאָגן וואָס גרעסערע קרעדיטן פאַר די רעפאָרמיסטישע קאָאָפּעראַטיוון און מען זאָל פאַרקלענערן די קרעדיטן פאַר די

קאטוילישע קאאפעראטיוון. שפעטער, אז דער ווירטשאפטלעכער קריזיס האט זיך פארשארפט, האט דאס דעם קאאפעראטיסטישן רעפארמיזם, צוליב זיין ענגער פארבינדונג מיט דער מעלוכע און מיטן פינאנץ-קאפיטאל, געטריבן צו פארשטענדיקן זיך מיטן פאשיזם: די נאציאנאלע קאאפעראטיווע ליגע האט קאפיטולירט פאר די שווארצע העמדלעך מיט א יאר פריער פאר דער פירנדער גרופע פון דער „קאנפעדעראציע". אבער נאך פאר דער קאפיטולאציע האט דער פינאנץ-קאפיטאל געבראכט די רעפארמיסטישע קאאפעראציע א קארבן אויפן מיזבייעך פון זיין פאליטישן בונד מיט די אונטערנעמער און קליינהענדלער, וועלכע זענען אריינגעטרעטן אין די פאשיסטישע רייען און וועלכע האבן אין געוויסע געגנטן ערנסט געליטן פון דער קאנקורענץ מיצאד די דערגענערירטע קאאפעראטיוון.

5. דער פאשיזם קעגן דעם רעפארמיזם

אין דער ווירקלעכקייט איז דער פאשיזם געווען מער א רעאקציע קעגן דעם רעפארמיזם, ווי קעגן דעם מאקסימאליזם. די רייכע פויערן, הענדלער, אנגעשטעלטע, קליין-אינדוסטריעלער, וועלכע זענען אין 1921 אין גרויסע מאסן צוגעשטאנען צום פאשיזם — זיי האבן אינם פאשיזם געזוכט א געווער נישט קעגן דעם מאקסימאליזם, נאר דאווקע קעגן דעם רעפארמיזם. אין די ראיאנען, ווו דער רעפארמיזם איז געווען שטארקער, איז דער פאשיזם געווען בלוטדורשטיקער. די רעדנערישע רעוואלוציאנערישקייט פון די מאקסימאליסטן האט באדראט נאר די לאמפן פון דער גאסן-באלייכטונג און אמאל נאך די ליטקעס פון עטלעכע פאליציי-אגענטן; אבער דער רעפארמיזם מיט זיינע קאאפעראטיוון, מיט זיין שטיצע פאר ארבעטלאזע — ער האט באדראט א סאך א הייליקערע זאך: דעם קאפיטאליסטישן פראפיט. נאטירלעך, איז אין קיין שום לאנד נישטא קיין געזעץ ספעציעל וועגן קאפיטאליסטישן פראפיט; אבער פאקטיש איז דאס אין דער היינטיקער געזעלשאפט דאס געזעץ פון אלע געזעצן, דער „קוידעש קאדאשים", דער זייל, אויף וועלכן עס האלט זיך די גאנצע היינטיקע געזעלשאפט. די רעפארמיסטישע דערגרייכונגען זענען

געווען טאַקע געזעצלעכע, אָבער נאָר לעפּאָנים געזעצלעכע; זיי זענען געווען דעמאָקראַטיש, אָבער אויך נאָר לעפּאָנים דעמאָקראַטיש און אויף וויפיל די רעפאָרמיסטישע דער־פאָלגן האָבן געשטערט דעם פּראָצעס פון קאַפּיטאַל־פאַרמע־רונג, אויף וויפיל זיי האָבן מאָגערער געמאַכט דעם געווינלעכן קאַפּיטאַליסטישן פּראָפיט, אויף וויפיל זיי האָבן געשטעלט אין סאַקאָנע די סאָציאַלע עקזיסטענץ פונם גאַנצן מיטלשטאַנד — אויף אַזוי פיל האָבן זיי געבראָכן די געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, געבראָכן די עקזיסטירנדיקע געזעצלעכקייט און צעגעריט דעם בירגער־קריג. די רעפּאָרמיסטן האָבן געשאַפן די באַדינגונגען פאַר דעם בעסטיאַלישסטן און העסלעכסטן בירגער-קריג, האָגאָם זיי האָבן געהאַלטן פאַר די אַרבעטער דעמאָקראַטישע, געזעצמעסיקע און פּאַציפיסטישע רעדעס. די רעדעס זענען טאַקע געווען אויפ־ריכטיק דעמאָקראַטיש, געזעצמעסיק און פּאַציפיסטיש, אָבער גע־ווען איז דאָס אַ ריין פאָרמעלע דעמאָקראַטיע, אַ ריין פאָרמעלע געזעצלעכקייט און אַ ריין פאָרמעלער פּאַציפיזם. אין דער ווירק־לעכקייט מוז יעדע דעמאָקראַטיע, יעדע געזעצלעכקייט, יעדער סאָ־ציאַלער שאָלעם זיך באַזירן אויף אַ געוויסן גלייכגעוויכט צווישן די פאַרשיידענע קלאַסן: די אַרבעטער, די אָנגעשטעלטע, די טעכ-ניקער באַקומען אַ באַשטימטן לוין, די פּריצים און פּויערן באַ־קומען אַ באַשטימטע רענטע, און די קאַפּיטאַליסטן באַקומען אַ באַשטימטן פּראָפיט. ווען אַפילע בלויז איינער פון אָט די עלע־מענטן געפינט זיך אין געפאַר, זענען שוין אין געפאַר אויך די דעמאָקראַטיע, די געזעצלעכקייט, דער סאָציאַלער פרידן. קעגן דעם פּלוידערישן מאַקסימאַליזם, וועלכער זינגט פון גאַנץ פרי ביז אויף דער נאַכט דעם „אינטערנאַציאָנאַל” און די „באַנדיעראַ ראָססאַ” („רויטע פאָן”), ווערט זיך דער קאַפּיטאַליזם מיט דער הילף פון געזעצן, און אַז די אַלטע געזעצן ווירקן נישט, גיט ער אַרויס נייע; אָבער קעגן דעם רעפאָרמיזם, וועלכער שטערט דעם גלייכגעוויכט צווישן די קלאַסן אויף אַ פרידלעכן, דעמאָקראַטישן און געזעצלעכן וועג, ווערט דער קאַפּיטאַליזם בלוט־גיריק און כאַפּט זיך פאַר פאַשיסטישן באַנדיטיזם. עס איז נישט קיין פאַ־

ראַראַקס, ווען מיר ווען זאָגן, אַז דער רעפאָרמיזם איז אויסער־ נעפאר, קאָל זמאַן ער איז שוואַך, און די געפאַר הויבט זיך אָן, ערשט ווען ער ווערט שטאַרק, ד. ה. ווען ער קומט צו צו דער גרעניץ, ווו די דעמאָקראַטיע און געזעצלעכקייט הויבן אָן ווירקן קעגן קאַפּיטאַליסטישן פּראָפּיט. פון דעם מאָמענט אָן האָבן שוין די דעמאָקראַטיע און די געזעצלעכקייט נאָר אַ צווייט־ראַנגיקן ווערט; דער דאָזיקער ווערט הענגט נאָך אויך אָפּ פון דעם, אויף ווי ווייט די סאָציאַליסטן פּאַרשטייען אויסצונוצן די דעמאָקראַ־ טיע און געזעצלעכקייט און אויפצוהאַלטן די פּאַרבינדונג מיט די גרויסע מאַסן. דער ווירקלעכער און אַנטשיידענער קאַמף מוז אָבער סאָף קאָל סאָף אויסגעפאָכטן ווערן אין גאַס, און זיין אָביעקט מוז זיין: „קאַפּיטאַליזם אָדער סאָציאַליזם“. די איטאַ־ ליענישע רעפאָרמיסטן האָבן אָבער געגלויבט, אַז די „קאַראַבי־ נערי“ (זשאַנדאַרמען) וועלן זיי באַשיצן פאַר דעם פאַשיזם.

6. די קאַטוילישע פירער קעגן די אַרבעטער

צוויי כאַראַקטעריסטישע זאַכן וואָס פּאַשיסטן, נאָך אײדער דער פאַשיזם איז געבוירן געוואָרן, בעאיים פאַשיזם איז נאָך געווען אַן עלעמענט פון אומאָרדנונג, האָט זיך אין איטאַליע געבילדעט אַ צווייטע גרויסע פּאַרטיי, וועלכע האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל ביי דער פאַרטיידיקונג פונם קאַפּיטאַליסטישן רעזשים: דאָס איז די פּאַרטיי פונם וואַטיקאַן, די פאָלקס־פּאַרטיי*).

די נייע פּאַרטיי איז אַרויסגעטרעטן אין פּאָליטישן לעבן דעם 18 יאַנואַר 1919 מיט אַן אויפרוף צו די איטאַליענער. אין אויפרוף האָט זי געפאָדערט אַ פּאַרלאַמענט, געוויילט אויף פּראָפּאָרציאָ־ נעלע יעסודעס, און אַ סענאַט, וואָס זאָל ווערן געוויילט דורך די ווירטשאַפטלעכע, אַדמיניסטראַטיווע, אַקאַדעמישע און פּראָפע־

---

*) „די אונטערשטיצונג, וואָס די דאָזיקע פּאַרטיי האָט געגעבן דער אַלטער סאָציאַלער אָרדנונג, איז געווען אַ גוואַלדיקע. אַן דעם אַנטייל פון דער קאַטוילישער פאָלקס־פּאַרטיי אין די וואַל־קאַמפן פון 1919 און 1921 וואָלט דער פּאַרויסמאַרש פון די סאָציאַליסטן נישט געוואָרן פאַרהאַלטן“ (ש. נעגי, דער קלאַסן־קאַמף אין איטאַליע, 1930, ז. 159).

סיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פון לאַנד, און געמיינדע־אויטאָנאָמיע, און א נייע איבערפאַרטיילונג פון די דעפּאַרטאַמענטן (וואָיעוואָד־סטוועס, גובערניעס) לויט זייערע היסטאָרישע גרעניצן, און נאָך אַנדערע רעפאָרמען, וועלכע האָבן זיך געפונען אויך אין די פּראָ־גראַמען פון אַלע אַנדערע קליינבירגערלעכע פּאַרטייען. די נייע פּאַרטיי האָט זיך דעקלאַרירט פאַר דעמאָקראַטיש און נישט גע־בונדן מיט רעליגיע; אָבער אַלע האָבן געוווּסט, אַז די פּאַרטיי געפינט זיך אין ענגע באַציונגען מיטן וואַטיקאַן.

אויך די טעטיקייט פון דער פאָלקס־פּאַרטיי (ענלעך ווי די טעטיקייט פון די רעפאָרמיסטן) האָט מיטגעהאָלפן צו דערשטיקן די באַוועגונג פון די מאַסן און האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאַרן זיג פונם פאַשיזם. דערהויפּט האָבן די קאַטאָליקן געפירט זייער אַרבעט צווישן די פויערן און צווישן די טעקסטיל־אַרבעטער. האָ־גאַם די קאַטאָליקן און רעפאָרמיסטן האָבן זיך קעגנזייטיק באַ־קעמפט, צוליב מאָטיוון פון פּאַרלאַמענטאַרישער קאָנקורענץ, האָבן זיי דאָך פּאַקטיש פאַרפאָלגט איין און דעם זעלבן ציל: נישט לאָזן די פּראָלעטאַרישע קויכעס זיך אייניקן, און זיי אויסנוצן אויף צו פאַרפעסטיקן דעם עקזיסטירנדיקן רעזשים*). דער מאַקסימאַליזם האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אויב מען וויל צונישט מאַכן דעם רע־אַקציאָנערן פּלאַן פונם וואַטיקאַן, מוז מען אַליין געפינען א וועג צו די קאַטוילישע פויערן; ער האָט, פאַרקערט, אונטערגעהאַלטן דעם פאַרביסנסטן קאַמף קעגן אַט די פויערן, און דאָס האָט זיי געטריבן שפּעטער אין די אָרעמס פונם פאַשיזם.

ביי די וואַלן פון 16 נאָוועמבער 1919 האָט די פאָלקס־פּאַר־

---

*) „די קריסטלעכע פאַריינען (ווייסע פאַריינען) האָבן איינגעהאַלטן און פאַרשטאַרקט זייער העגעמאָניע צווישן די לאַנד־אַרבעטער (די העגעמאָניע האָט דאַטירט נאָך פון פאַר דער מילכאָמע), וואָרום די קליין־פויערן, קליין־באַזי־צער און די מערהייט פּאַכטער זענען געבליבן טריי זייערע אַלטע אָרגאַניזאַ־ציעס. די ווייסע פאַריינען האָבן ווייטער איינגעהאַלטן זייערע שטאַרקערע פּאָזיציעס — אין פאַרגלייך מיט די סאָציאַליסטישע פאַריינען — צווישן די טעקסטיל־אַרבעטער און האָבן אונטערגעגראָבן דעם סאָציאַליסטישן מאָנאָפּאָל

טיי — נאך די ערשטע 10 כאדאשים עקזיסטענץ — באקומען 1,175,552 שטימען און 100 מאנדאטן, און האט אזוי ארום פאר־נומען דאס צווייטע ארט נאך די סאציאליסטן. די פירונג פון דער פאלקס־פארטיי, פונקט ווי פון די רעפארמיסטן, האט זיך געניי צוגעפאסט צו דער שטימונג פון די מאסן. אין דער צייט פון 1919 ביז 1920 האט זי געטריבן אזא דעמאגאגיע, אז מען האט זי מיט רעכט גערופן די פארטיי פון „שווארצן באלשעוויזם", אבער דאס האט איר נישט געשטערט אין 1922 צו באטייליקן זיך אין דער ערשטער פאשיסטישער רעגירונג (זע קאפיטל 11).

7. די ערשטע דיקטאטור־פראיעקטן

די דעמאקראטישע גרופעס, וועלכע האבן נישט געהאט קיין פעסטן אנשפאר אין לאנד, נאר די רעגירונג האט זיך געפונען אין זייערע הענט, האבן זיך ארויסגעוויזן אומפעהיק בייצוקומען דעם ארגאנישן קריזיס פון דער מעלוכע.

דאס פראפארציאנעלע וואל־רעכט האט אוממעגלעך געמאכט דאס נארמאלע פונקציאנירן פונם פארלאמענט, ווייל קיין שום פראקציע האט נישט באקומען קיין מערהייט. און נאך שווערער איז די ארבעט געווארן צוליב דעם, וואס די דעפוטאטן זענען די־רעקט געווען אפהענגיק פון די עקזיסטירנדיקע אין לאנד ארגא־ניזאציעס. די פירער פון די צוויי גרעסטע פראקציעס (סעראטי און דאן סטורצא) האבן זייערע בעראטונגען אפגעהאלטן נישט אין פארלאמענט, נאר אויסער אים, און האבן גאנץ אפט געגעבן דעם פארלאמענט צו פילן זייער אויטאריטעט. צוליב דער אויסער־

צווישן די אייזנבאן־באאמטע, מעטאל־ארבעטער, מויערער, כעמישע ארבעטער א א׳ וו. אין 1922 און 1923 האבן זיך די צענטראלע פארבאנדן אנגעשלאסן אין דער איטאליענישער ארבעטער־קאנפעדעראציע. די קויכעס פון די ווייסע פאריינען האבן צום גרעסטן טייל זיך רעקרוטירט פון צאפן־איטאליע (פיע־מאנט, לאמבארדיע, ווענעציע א. א וו.), פון טאסקאנא (די פראווינצן פון פלארענץ, פיזא, ארעצא א. א. וו.) פון בענעווענט און פון געוויסע טיילן קאלאבריע און סיציליע" (פ. פערארי, דער פאשיסטישער רעזשים, 1928, ז׳ 232).

אָרדנטליכער שוואַכקייט פון די רעגירונגען, האָבן זיך די פונקציעס פון מעלוכישן אויספיר־אַפּאַראַט שטאַרק אויסגעברייטערט. נאָך זיין זיג האָט מוסאָליני באַשטעטיקט דעם דאָזיקן פאַקט:

„צוליב דעם וואָס די רעגירונגען האָבן זיך געביטן מיט אַ קינאָמאַטאָגראַפישער שנעלקייט, איז דער איינציקער סטאַבילי־זירטער עלעמענט געוואָרן די ביוראָקראַטיע. אָן דער ביוראָקראַ־טיע וואָלטן מיר געוועזן געהאַט אַ פולשטענדיקן כאַאָס... אין דעם אייביקן אומסטאַבילן געדריי פון רעגירונגען האָט די ביוראָקראַ־טיע פאַרגעשטעלט מיט זיך די קאָנטינואיטעט פון אַדמיניסטראַ־טיון און פּאָליטישן לעבן פון דער נאַציע". (מוסאָליני, רעדע צו די ליבעראַל־קאָנסערוואַטיסטן אין מילאַן, 4 אָקטאָבער 1924).

די העגעמאָניע פון דער אויספיר־מאַכט איבער די אַנדערע אָרגאַנען פון דער מעלוכע, וואָס מוסאָליני האָט אָפן פּראָקלאַ־מירט אַלס יעסאָד פון דער פאַשיסטישער שיטע, איז נאָך פאַרן קריג שוין, אין דזשיאָליטיס צייט, געווען איינער פון די גרונט־שטיינער אינעם פּאָליטישן ביניען פון דער איטאַליענישער בורזשו־אַזיע, און ווען עס זענען אַריין אין פּאַרלאַמענט 156 סאָציאַליסטן און 100 קאַטאָליקן, האָט דאָס אויך גאָר נישט געענדערט אין דער הינזיכט. „די פּאַרלאַמענטאַרישע מערהייט וועט האַלטן פּוסטע רעדעס קעגן פאַשיזם, און אין דער זעלבער צייט וועלן די אָפּהענ־גיקע אָרגאַנען פון דער מעלוכע, די פּאָליציי, די יוסטיץ, די אַרמיי הערן די באַפעלן פון די באַנקירן, פון די פאַבריקאַנטן, פון די פּריצים און וועלן פירן דעם פאַשיזם צו דער מאַכט". צוזאַמען מיט דער פּאָליטישער אַרבעט פונעם רעפאָרמיזם און פונעם וואַטי־קאַן דאַרף מען דעריבער נישט אונטערשאַצן אויך די ראָל, וואָס עס האָט אין 1919 און 1920 געשפּילט דער אומבאַכמאָנעסדיקער דרוק פון דער אויספיר־מאַכט אויף דער רעוואָלוציאָנערער באַוועג־גונג. ביים סאָף מלחמה האָט די צאָל קאַראַביניערי (זשאַנדאַר־מען) אויסגעמאַכט 28 טויזנט און אין איין יאָר אַרום האָט זי שוין באַטראָפן 60 טויזנט. דער דעמאָקראַט ניטי האָט אין 1919 געשאַפן אַ נייעם פּאָליציי־קאָרפּוס — די „קעניגלעכע גוואַרדיע", וועלכע האָט אין 1920 שוין געציילט 25 טויזנט פּאָליציי־אַגענטן

און 337 אָפּיצירן. אפילע ביי סאָציאַליסטן־פריינטלעכע מיניס־טעריומס איז קיין איין ארבעטער-ארויסטרעטונג נישט אדורך אָן א ברוטאַלער אינטערווענץ פון פּאָליציי, פון דער „קעניגלעכער גוואַרדיע" און פון די קאַראַביניערי. די אינערלעכע פּאָליטיק אונ־טער דעם דעמאָקראַט ניטי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט א גאַנצער רייע אויסגעטראַכטע „פאַרשווערונגען" און מאַסן־אַרעסטן. מען מעג דעריבער זאָגן, אז ניטיס פּאָליטיק איז געווען דער אוממיטל־באַרער אריינפיר צו יענער סיסטעם, וועלכע האָט זיך אזוי פאַנאַנ־דערגעבליט שפּעטער, אונטער דער פאַשיסטישער פּאָליציי.

קאַפּיטל 5

פֿאַשיזם אין 1919

1. די ערשטע פֿאַשיסטן

„מען האָט געוואָגט אַרויסצורופֿן קעגן פֿאָטערלאַנד, וואָס האָט געזאָרגט וועגן זיין גורל, די צוועקלאָזיקייט פֿונם קאָרבן און די צוועקלאָזיקייט פֿונם זיג. דאַן האָט אויפֿגעטויכט די פֿאַשיסטישע רעאַקציע — דאַן האָט זיך באַוויזן דער פֿאַשיזם! געשראָקן דורך געוואַלט, האָט ער זיך באַוואָפֿנט מיט געוואַלט. אין דעם דאָזיקן גאַנצן פּעריאָד איז די מעלוכע געווען קימאַט ווי פֿאַרגעסן, קימאַט ווי באַזיגט. די איטאַליענישע געזעלשאַפֿט, וועלכע האָט נישט געקאָנט קומען צו איר לעבנס־קראַפֿט דורך דער מעלוכע, האָט איצט געפֿונען אָט די קראַפֿט אינם פֿאַשיזם" (באָנאָמי, פּרעמיער־מיניסטער, רעדע אין פּאַרלאַמענט, 6 סעפּטעמבער 1921).

דאָס איז דער ערשטער עלעמענט, וועלכן מען דאַרף אין אכט נעמען ביי דער געבורט פֿונם פֿאַשיזם: דער פּאַטריאָטישער עלעמענט.

„„דער פֿאַשיזם — האָט מוסאָליני געשריבן — איז אין 1919 געווען אַ מילאַנער דערשיינונג. ער האָט אַרומגענומען נישט מער, ווי עטלעכע צענדלינג גרעסערע שטעט. די פּראָגראַם איז געווען איינפֿאַך: באַטאָנען, ווער עס האָט געגעבן די איניציאַטיוו צום אָנטייל אין קריג, רימען דעם אָפּגעהאַלטענעם זיג, און באַקעמפֿן דעם באָלשעוויזם"*).

---

*) קיאורקאַ, געשיכטע פֿון פֿאַשיזם, 1 באַנד, ז. 52 (איטאַליעניש).

די ערשטע פאשיסטישע גרופע איז געגרינדעט געוואָרן אין מילאַן דעם 23 מערץ 1919. א צייטונג אין רוים האָט אזוי געטייטשט די גרינדונג־פאַרזאַמלונג: „די פאַרזאַמלונג האָט געטראָגן א ספּעציפישן אנטיבאָלשעוויסטישן כאַראַקטער. זי האָט נישט געוואָלט פאַרטיידיקן די איצטיקע מעלוכישע אָרדנונג און דעם הערשנדיקן קלאַס, נאָר זי האָט געוואָלט ווענדן די רעוואָלוציאָנערע קוױכעס אין נאַציאָנאַלן לאַגער אריין, סיי אין ווירטשאַפטלעכער, סיי אין פּאָליטישער הינזיכט. מוסאָליני איז ארויסגעגאַנגען פון דער האַנאָכע, אז דער הערשנדיקער קלאַס האָט באַוויזן זיין באַנקראָט, ס'איז נויטיק אַן אומבייט, און מען מוז זאָרגן, אז דער רודער זאָל נישט אריבער אין די הענט פונם באָלשעוויזם" („ל'אידעא נאַטשיאָנאַלע" פון 24 מערץ).

אין איין כוידעש ארום האָט די אָרגאַניזאַציע שוין געציילט 82 סעקציעס מיט 15 טויזנט מיטגלידער, אָבער דערנאָך האָט זיך דער וווקס פאַרהאַלטן, און סאָף יאָר האָט די צאָל מיטגלידער באַטראָפן נאָר 17 טויזנט. דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ביי זיין אַנטשטייאונג האָט דער פאַשיזם פאָרמולירט זייער באַגרעניצטע צילן, און ער איז נישט געווען נאָך גענוג איינגעפונדעוועט. ער האָט קוידעם קאָל געשטרעבט ארומצונעמען אַלעמען, ווער נאָר ס'איז גרייט געווען מיטצוגיין. ערשט מיט דער צייט אַנטוויקלט זיך דער פאַשיזם און ווערט א מאַסן־באַוועגונג, ער באַקומט א ברייטערן פונדאַמענט, און זיין האָריזאָנט ברייטערט זיך אויס. האַגאַם דער פאַשיזם האָט ביי זיין אָרגאַניזאַטאָרישן אויסבוי נישט געווענדעט זיך צו איין ספּעציעלן קלאַס בירגער, נאָר ער האָט צו זיך גערופן אַלעמען — דאָך איז די אָרגאַניזאַציע באַשטאַנען דער איקער פון אַלטע „אינטערווענציאָניסטישע" רעוואָלוציאָנערן, וואָס זייער צאָל איבערן גאַנצן לאַנד האָט אויסגעמאַכט ביז א 10 טויז., אָדער עפּעס מער. דער פאַשיזם האָט באַוויזן צו אָרגאַניזירן גרופּעס פון אַלטע קריגס־וואָלאָנטערן (אין איין מילאַן ביז 800) און צו שליסן אַן אַליאַנס מיט די אויפגעקומענע נאָכן קריג צאָלרייכע פאַטריאָטישע און אַנטי־באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געטראָגן די פאַרשיידנסטע נעמען, ווי:

„אומוס“, „איטאַליאַ רעדענטאַ“, „דזשאָנאַ אַפּעראַנטע“, „פּאַשיאַ די עדוקאַציאָנע סאָטשיאַלע“, „לעגאַ אַנטי־באָלשעוויקאַ“ א. אַ. וו. דער פאַשיזם האָט געהאָפּט, אַז ער וועט אין אַ קורצער צייט די אַלע אָרגאַניזאַציעס, מיט זייערע אָפענע און געהיימע הילף־מיטלען, איינשלינגען.

ווי געזאָגט, האָבן זיך דעמאָלט אין איטאַליע באַוויזן זייער פיל ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס; דאָס זעלבע האָט זיך שפּעטער איבערגעכאַזערט אין אַלע מעלוכעס, בעאיים זיי דאָבן דורכגעלעבט אַ טיפן פּאָליטישן קריזיס און די געבורט פונם פאַשיזם. די סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן זייער צוקונפט אָנפאַרטרויט די „אייזערנע געזעצן פון דער געשיכטע“, האָבן אין איטאַליע באַלד דעמאָלט איינגעפונען, אַז די מענגע אָרגאַניזאַציעס איז נאָר אַ צייכן פון שוואַכקייט און צעפאַלונג און האָבן געווייעס געזאָגט, אַז די רעכטע וועלן באַלד צעריבן ווערן פון אינערלעכע קאַמפן אין זייערע אייגענע רייען. די געשעענישן האָבן זייער גיך אָפּגעלייקנט די דאָזיקע נעוויעס. עס זענען געווען אַ סאַך און אַלערליי ראַדיקאַל־נאַציאָנאַליסטישע פאַרייניקונגען, ווייל פאַרשיידן זענען געווען די סאָציאַלע שיכטן, וואָס האָבן געליטן צוליבן באַנקראָט פון דער מעלוכע. — דאָס גלייכן איז יעדער פּרווו צו פאַרטייטשן די דאָזיקע צאָלרייכקייט פון אָרגאַניזאַציעס — וואָס קומען געוויינלעך אויף אין אַ מאָמענט פון אַ שווערן פּאָליטישן קריזיס — אַלס טייוולאָנישע דערפינדונג פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וועלכער באַשווינדלט די פאָלקס־מאַסן און ברענגט זיי אויף פאַרשיידענע וועגן אונטער זיין יאָך — נישט מער ווי אַ מיטאָלאָגישע און נישט רעאַלע אויספּאַסונג פון די סאָציאַלע באַציונגען. דער דאָזיקער קינדישער אופן פון פאַרטייטשן דעם זייער פאַרוויקלטן און אומקלאָרן געבורט־פּראָצעס פונם פאַשיזם זאָגט בלויז איידעס, אַז מען האָט נישט קיין שום השׂגה וועגן די קוועלעס, וואָס הויבן זיך אַרויס פון די טיפענישן פון דער געזעלשאַפט אין ערנסטע מאָמענטן פון קריזיס און זוכן פאַרצווייפלט אַן אויסוועג פאַר זיך, און מען איז אויך נישט טויגעס די באַציונגען, וואָס שטעלן זיך איין צווישן אָט

די קויכעס. און טאקע: אויב מען האלט די צאלרייכקייט פון די ראדיקאלע רעכטע ארגאניזאציעס פאר אן אויסדרוק פון א פון אויבן צוגעטראכטן מעפיסטאפעלישן פלאן, דאן קומט אויס, אז ווען די ארגאניזאציעס האבן זייער אויפגאבע אויסגעפירט, דארפן זיי צוריק פארשווינדן; און אויב איינע פון זיי לעבט גראד איבער אלע אנדערע און שלינגט זיי אפילע איין, איז עס מיסטאמע די ארגאניזאציע, וואס איז לויט איר אידעאלאגיע, לויט איר סאציאלן צוזאמענשטעל און לויט איר אנפירערשאפט די סאמע בירגערלעכסטע. אזוי וואלט באדארפט זיין. אבער די היסטארישע דערפארונג האט באוויזן פונקט דעם היפעך. צווישן דער מענגע רעאקציאנערע ליגעס, פראנטן און פארייניקונגען, וועלכע אפישירן זיך אלס רעטער פון דער מעלוכע, האט גראד יענע די אויבערהאנט, וועלכע איז מער פון אלע אנדערע פלעבעאיש, דעמאגאגיש און כאאטיש. מיר וועלן נאך ווייטער זען, ווי דאס אלץ איז צוגעגאנגען אין איטאליע.

2. די דרייסטע („ארדיטי")

גלייכצייטיק מיטן פאשיזם איז אין די גרויסע שטעט פון איטאליע אויפגעקומען די ארגאניזאציע פון דעמאביליזירטע „דרייסטע" („ארדיטי"). די דאזיקע „דרייסטע" זענען נישט געווען קיין באזונדערער מין זעלנער אין די רייען פון איטאליענישן מיליטער. זיי האבן זיך רעקרוטירט פון די שטורם-אטריאדן, וואס האבן זיך געבילדעט אין 1917, דורך א ווערבירונג פון פרייוויליקע אין פארשידענע אינפאנטערישע קארפוסן. די „דרייסטע" האט מען געווינלעך גענוצט פאר געפערלעכע אקציעס, און זיי האבן זיך אונטערגעשיידט פון די איבעריקע סאלדאטן דורך זייער באוואפנונג (קינזשאלן) און דורך געוויסע אפוייכונגען אין זייער אוניפארם, וואס יעדער „דרייסטער" האט געמעגט זיך דערלויבן לויט זיין איינזען. אויף זיי איז נישט כאל געווען די אלגעמיינע דיסציפלין, דער גענעראל-שטאב האט זיי פון דעם באפרייט. און זיי האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער עקסטרעמען שאוויניזם, וועלכן מ'האט ספעציעל געשפייזט אין זיי דורך אלערליי פרעמיעס, מעדאלן א. ד. ג., מיט וועלכע מ'האט זיי באלוינט

נאָך יעדער אַדורכגעפירטער אַקציע. פּאַקטיש האָבן זיי ביי דעם מין קריג־פירונג, וואָס איז געווען אויפן איטאַליענישן פראָנט, פּראַקטיש ווייניק וואָס אויפגעטון, אָבער דערפאַר האָבן זיי פון זייערע פּריווילעגיעס גענאָסן אין דער פולער מאָס. א כוץ די אָפיצירן, זענען די מערהייט „דרייסטע" געווען לומפּן־פּראָלעטאַריער, אָדער פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, פון יענע וואָס זענען אין 1915 געוואָרן אַמנעסטירט און אָפּגעשיקט אין דער אַרמיי. באַלד נאָך דער דעמאָביליזאַציע האָבן זיך די „דרייסטע", אין א צאָל פון א 20 טויז. מאַן, צענויפגענומען און געבילדעט א פאַרבאַנד און אָנגעהויבן אויפטרעטן, אַלס שטורם־קראַפט פון די אַנטי־פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס. אין מילאַן, רוים, נעאַפּאָל און אַנדערע גרויסע שטעט זענען פאָרגעקומען אָן א שיר בלוטיקע אינצידענטן, פּראָוואָצירטע דורך די „דרייסטע". באַוואָפנט מיט באָמבעס און מעסערס, זענען זיי באַפאַלן פרידלעכע אַרבעטער־מאַניפעסטאַציעס, — אין וועלכע עס זענען געגאַנגען אויסגעמישט מענער, פרויען און קינדער צוזאַמען און אָן א שום אָרדנער־שוץ. די צוזאַמענשטויסן האָבן זיך אַלע מאָל געענדיקט מיט א זיג פון די „דרייסטע". א גרופּע פון 20 אָדער 30 „דרייסטע" האָט אָן איבעריקער מי געקאָנט אויפרייסן און פאַנאַנדעריאָגן א נישט אָרגאַניזירטן האַמוין פון צענער טויזנטער. דאָ האָט מען א סאַך ווייניקער דרייסטקייט באַדאַרפט צו האָבן, ווי אין קריג קעגן די עסטרייכער! א שטיקל אַרבעט, פון וועלכן די „דרייסטע" האָבן געמאַכט גאָר א גרויס וועזן, איז געווען אין מילאַן דעם 15 אַפּריל 1919 דער כורבן פון „אוואַנטי", צענטראַל־אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אַלס אָנפירער מיט דער סאָציאַליסטישער יוגנט, דערמאָן איך מיך די שוועריקייטן, מיט וועלכע איך האָב צו טון געהאַט אין 1919 און 1920, ווען איך האָב קעגן די „אַרדיטי"־באַנדיטן געזאָלט אַרויסשטעלן גלייכוועריקע שוץ־גרופּעס פון אַרבעטער. דער יינגער סאָציאַליסטישער אַרבעטער איז לויט זיין געמיט־צושטאַנד געווען ראָמאַנטיש און אידיליש, גאָר נישט ווי יענע יינגען פון די „דרייסטע", פאַר וועלכע דאָס לעבן האָט קיין שום ווערט נישט געהאַט.

פון סאף 1919 אן האבן די פאשיסטן ביסלעכווייז אויפגע־ גן אין זיך די „דרייסטע” און געבילדעט פון זיי שטורם־אט־ ריאדן. די דאזיקע אטריאדן האבן זיך אויסגעטיילט מיט זייער אויסערלעכן אויסזען (שווארצע העמדלעך, שווארצע פענער, באַ־ האנגען מיט באמבעס און קינזשאלן) און מיט זייער אגריף־טאק־ טיק, וועלכע איז באשטאנען אין איבערראשן, אנשרעקן און שנעל אנפאלן.

3. סאציאלער באשטאנד פון די ערשטע פאשיסטישע גרופעס

מיר האבן שוין אנגעוויזן אויף דעם סאציאלן קערן פון די ערשטע פאשיסטישע גרופעס: א געוויסע צאל אפגעפאלענע אמא־ ליקע רעוואלוציאנערן, וואס זייער פאליטישע צוקונפט איז גע־ וועזן געבונדן מיט דער פארהערלעכונג פון דער מילכאמע. מיר האבן אויך דערמאנט די פארשידענע גרופעס, וואס האבן זיך ארום סאף 1919 געבילדעט: די געוועזענע קריגס־פריוויליקע, די פונקציאנארן פון די פארשידענע אנטי־באלשעוויסטישע ליגעס און קרייזן, און די „דרייסטע”. ביז סוף 1919 איז דער דאמינירנדי־ קער כאראקטער־שטריך פון די פאשיסטן געווען — צעיושעטער בונטארישער פאטריאטיזם. אין איינע גרויסע שטעט האבן זיך צווישן די פאשיסטן און דער פאשיסטישער פאליציי איינגע־ שטעלט נארמאלע שטענדיקע באציונגען; אין די אנעקטירטע פון איטאליע פראווינצן זענען די פאשיסטן געווארן דירעקטע ארגא־ נען פון דער מיליטער־מאכט, האגאם אין אלגעמיינעם פאלי־ טישן לעבן האבן זיי נאך דערווייל געשפילט נאר א צווייטראנ־ גיקע ראל.

אין יאר 1920 איז די ארגאניזאציע פון די פאשיסטן גוואל־ טיק אויסגעוואקסן: די צאל סעקציעס איז געשטיגן פון 30 אויף 125 (קאנגרעס אין מילאן) און דערנאך אויף 800 (דעצעמבער 1920); די צאל מיטגלידער איז געשטיגן פון 17 טויז. אויף 100 טויז. (4 פעברואר 1921). דער פאשיזם האט געשאפן פאר זיך פאזיציעס, וואס זאלן אים העלפן דעראבערן דאס דארף און די שטאט. דאס ערשטע איז פארגעקומען דער איקער אין פאר־

לויף פון יאר 1921, דאס צווייטע מיט א יאר שפעטער. אבער איידער מיר וועלן פרווון דערקלערן, ווי דאס איז צוגעגאנגען, וועט זיין נישט איבעריק פעסטצושטעלן, וועלכע סאציאלע שיכטן זענען צוגעשטאנען צום פאשיזם אין 1920, ווי אויך — אין וואס זענען באשטאנען די ערשטע שריט פונם פאשיזם אויף צו דערא־בערן די דערפער און די שטעט. א סאך טאעסן ביים אפשאצן דעם פאשיזם פון יענער עפאכע נעמען זיך פון פאלשן אנאליז פון אט די מאמענטן.

מיר וועלן אנהויבן דערמיט, וואס מיר וועלן ברענגען די מיינונג פונם רעפארמיסט ג. דזיבארדי („סאציאליסטישע קריטיק פונם פאשיזם"):

„זיי (דיפאשיסטן) געהערן צו די פראפעסיאנעלע אנהענגער פון גוואלט, אפט זענען עס דעמאביליזירטע זעלנער אדער זעל־נער אין אקטיוון דינסט, אדער געוויינלעכע מארד־יונגען, וועלכע מען האט פון סאמע דעק ארויסגעקראגן; אבער עס איז ביי זיי אויך דא זייער פיל יוגנט, וואס ווערט געטריבן פון פאנאטיזם, איבערצייגונג, ראמאנטיק, אדער ספארט. און אין דער פעריפעריע פון די פאשיסטן טרעפן מיר פארשידענע שיכטן בירגערטום, וואס שטיצן זיי אונטער, ארימע און רייכע אינטעליגענץ, איינע אונטערן דרוק פון ווירטשאפטלעכע און אנדערע אינטערעסן, אנ־דערע מאכמעס סאציאלער סינע און עסטעטישן ווידערווילן צום פראלעטאריאט, וואס וויל גאר הערשן". קימאט צו די זעלבע אויספירן קומט אויך דער פאשיסט, דער אמאליקער רעפארמיסט א. דזערבאליא. „אויפן גרונט פון מיין פערזענלעכער באקאנט־שאפט — שרייבט ער — ווייס איך, אז איך האב צווישן די פא־שיסטן דערהויפט געטראפן סטודענטן און שילער פון מיטל־שולן, דאן געוועזענע אפיצירן און אונטער־אפיצירן, און אפילו זעל־נער, האנטווערקער, קליינהענדלער, לאנדווירטן און אויך אביסל א בעטער; א סאך „אידעאליסטן", יונגע, דרייסטע, מיט גליענדן פאטריאטיזם, טעמפעראמענטפולע און דורשטנדיקע נאך באווע־גונג, פאר וועלכע דער פאשיזם איז געווען א מין ספארט; דעק־לאסירטע „בורזשוא", וועלכע פארטיידיקן זייער מאמער, אבער

זיי טוען עס נישט קענען די אינטערעסן פונם כלל, נאָר אין די אינטערעסן פונם כלל, ווייל די געפאַר, אויף וועלכער זיי פּערזענלעך זענען געווען אויסגעשטעלט, איז אוממיטלבאַר און באַשײמפּערלעך געווען אויך די געפאַר, וואָס דראָט דעם גאַנצן כלל".

4. פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער

צו די קורצע באַמערקונגען פון דזיבאַרדי און דזערבאַליאַ מוז מען צוגעבן נאָך אייניקע אויפקלערונגען. לאָמיר אָנהייבן פון די, וועלכע „זענען פּראָפעסיאָנעל געוואַלט-טעטיק". אַז אַזאַ עלעמענט איז געווען אין די פאַשיסטישע רייען זייט סאַמע 1919 — דאָס איז אויסער ספק. די סאָציאַליסטישע פּרעסע פון יענער צייט האָט קעסיידער אָנגעוויזן אויף דעם דאָזיקן פאַקט, דער „אוואַנטי" האָט שוין אפילו צו פיל דעם טראָפּ געשטעלט דערויף. אין „אוואַנטי" איז מען אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז מען האָט די פאַשיסטן נישט גערופן ביי זייער נאָמען, נאָר ביים צונאָמען פון די פאַרברעכער, וועלכע האָבן שוין געזוכט ביי די פאַשיסטן. דאָס האָט געהאַט דעם שלעכטן רעזולטאַט, אַז מען האָט אויפגעהערט צוצוגעבן דער נייער אָרגאַניזאַציע וועלכע עס איז פּאָליטישע באַדייטונג, נאָר מען האָט זי באַטראַכט פּשוט, ווי אַ געדונגענע פאַרברעכער-באַנדע אין דינסט פון דער בורזשואַזיע. מיר מיינען אָבער, אַז אויך צו דער האַלטונג פון פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער אין אַ צייט פון גרויסע סאָציאַלע קריזיסן דאַרף מען פריער אָנווענדן סאָציאָלאָגישע און פּאָליטישע מאַסשטאַבן, איידער מען נעמט זיי אַלס שטאָף פאַר מאָראַלישע באַטראַכטונגען.

פאַרוואָס זענען אין די ערשטע פאַשיסטישע גרופּעס פון די גרויסע שטעט געווען אַזוי צאָלרייך פאַרטרעטן אַלערליי פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער (גאַנאַווים, אַלפאָנסן, פּאַסערס, געלטפעלשער, אַפּיום-הענדלער, פרויען-הענדלער א. א. וו.), וועלכע האָבן זיך געפונען אונטער דער אויפזיכט פון דער זיטן-פּאָליצײ? מיר ווייסן, אַז מיט דער ווערבירונג פון אַט די פאַרברעכער האָבן זיך אָפּגעגעבן פּאָליצײ-אַגענטן, וועלכע זענען אַליין געווען מיטגלידער ביי די פאַשיסטן און האָבן געהאַט אין זייער

רעשוט גאנץ שטארקע צוציונגס־מיטלען: איינעם האָבן זיי צו־געזאָגט מעוואטל צו מאַכן דעם פארבאַט זיך אויפצוהאלטן אין שטאָט, א צווייטן — דעם מוז צו מעלדן זיך אַלע וואָך אין פּאָ-ליציי; איינעם האָבן זיי געגעבן א דערלויבניש אויף טראָגן געווער און א צווייטן — סטאם א באלוינונג פון 30 ביז 50 ליר א טאָג און ספּעציעלע אנטשעדיקונג ביי אָנפאלן אויף ארבעטער־אָרגאניזאציעס; אָדער זיי האָבן צוגעזאָגט מילדע באהאנדלונג אויפן פאל פון קרימינעלע חעצידיוו־פארברעכנס און פולע שטראָפלאָזיקייט פאר פּאָליטישע פארברעכנס. אָבער אכוץ וואָס אַט די פארברעכערישע עלעמענטן האָבן זיך געגוויטיקט אין כע־סעד און אונטערשטיצונג פונם מעלוכע־אפּאראט, איז געווען נאָך אַן אנדער גרונט, וואָס האָט זיי געשטויסן צו די פאשיסטן. פארברעכער פון פאך און געוויינהייט, אָפּגעריסענע פון דער פּראָלעטארישער און פויערשער סוויווע, פארשטויסענע פון דער פּראָדוקציע און מעמיילע דעקלאסירטע — האָבן א פּסיכישן ווי־דערווילן קעגן א רעוואָלוציע, וועלכע וואָלט אַלעמען געצוווּנגען צו ארבעטן. זיי ווערן אָבער געפּייניקט פון געפילן פון באוווּנדע־רונג און קינע צום רייכטום פון דער גרויסבורזשואזיע, וועלכער זיי וואָלטן געוואָלט נאָכטאנצן און נאָכטון, כאָטשבע בלויז אין פּראַט פון קליידונג און פארדאָרבנקייט. געוויס, די דאָזיקע עלע־מענטן פארזינדיקן זיך אָפט קעגן די געזעצן וועגן פּריוואט־אייגנטום, אָבער זיי הויבן זיך קיינמאָל נישט אויף איבער די ראַמען פון אַט די געזעצן, זיי טייטשן זיי בלויז אויף זייער איי-גענעם שטייגער, ווארום — קיינער כאלעשט נישט אזוי נאָך פּריוואט־אייגנטום, קיינער בענקט נישט אזוי נאָך דער שטעלונג פון א מיטגליד פון דער בורזשואזיע, ווי א פּראָפעסיאָנעלער פארברעכער. געשעט א גליק — וואָס עס מאכט זיך זייער זעלטן — און אזא איינער ווערט פארמעגלעך — ווערט ער א מוסטער פון אָרדנונג, א פאנאטישער פארטיידיקער פון דער־וואָרבענעם דורך ארבעט און אינטעליגענץ פּריוואט-אייגנטום, ער ווערט א טרייער שיצער פון רעליגיע און א טוער אין פּי־לאנטראָפּישע אינסטיטוציעס. און אפילו ווען ער פירט זיין עלנד

לעבן, בלייבט ער אדורכגעדרונגען מיט דער בירגערלעכער אידעאלאגיע, און איז דעריבער א שטענדיקער קאנדידאט פאר דער נישט רעגולערער ארמיי פון דער בירגערלעכער געזעלשאפט, אנהויבנדיק פון דער בעקאוועדיקער באנאפארטיסטישער כעווראע און ענדיקנדיק מיט די פאשיסטן פון מוסאליניס כיידער. דאס אלץ זאגן מיר צוליב דעם, ווייל געוויינלעך ווערן אין די ראמאנען, פעליעטאנען און היסטארישע פילמען די נעסטן פון דער סאציאליסטישער רעוואלוציע פארבונדן מיט די דעק־עלעמענטן און מיט די שטאט־טיילן, וועלכע האבן א שלעכטן שעם. אין איטאליע האט גראד די בורזשואזיע אין 1919 ווערבירט אין אט די קווארטאלן אירע אנטשיידנסטע קעמפער און זי האט זיי דערהויבן און פראקלאמירט פאר יארשים פון רוימישן רום און רעכער פון דער ציוויליזאציע

5. די דעקלאסירטע

א טיפערן פאליטישן באדייט האט געהאט דער קער צום פאשיזם מיצאד די מיטל־שיכטן. דער קער איז פארגעקומען נישט מיט אמאל נאר עטאפנווייז; און געווען איז עס נישט קיין אייגנהייטלעכער פראצעס, נאר א פראצעס פול מיט ווידערשפרוכן; נישט איין סיבע האט ארויסגערופן דעם קער, נאר א גאנצע רייע זייער פארשידענע סיבעס. די באהויפטונג — ביי וועלכער עס האלטן זיך פיל פארשער — אז דער פאשיזם איז דאס ווערק פון גאנצן מיטלשטאנד, איז זייער א ריזיקאלישע און אומפינקטלעכע; אזוי ריזיקאליש און אומפינקטלעך, ווי דער באגריף גופא פון מיטלשטאנד. פון סאציאלאגישן שטאנדפונקט געהערן צום מיטלשטאנד פון איין זייט די קליינע זעלבשטענדיקע אייגנטימער — קליין־פויערן, האנטווערקער, קליין־הענדלער, ד. ה. שיכטן, וועלכע שטעלן מיט זיך פאר אין דער היינטיקער קאפיטאליסטישער ארדנונג רעשטן פון פאר־ און פרי־קאפיטאליסטישע פראדוקציע־פארמען; און פון דער אנדערער זייט — אנגעשטעלטע און טעכניקער, וואס זענען שוין נישט קיין רעשט נאר פארקערט א פראדוקט פון הויך־קאפיטאליזם, וואס וואקסט קעסיידער אין צאל. אין דער ערשטער נאציאנאליסטישער און פא־

טריאָטישער פאַזע איז אָבער קיין איינע פון די צוויי גרויסע קאַטעגאָריעס מיטלשטאַנד נישט מיטגעגאַנגען מיט מוסאָליניז, און אויך אין די ווייטערדיקע אַנטוויקלונגס-פאַזעס פונם פאַשיזם איז נישט געווען קיינמאָל דער פאַל, אַז דער גאַנצער מיטלשטאַנד זאָל מאַסנווייז צושטיין צום פאַשיזם. מיר וועלן דעריבער לאָזן אין אַ זייט די אַבסטראַקציעס און וועלן זיך באַגרענעצן דער־כיט, וואָס מיר וועלן נאָכפאָלגן גענוי דעם פּראָצעס, ווי פאַר־שידענע קלאַסן און גרופּעס, וואָס בילדן דעם אַ. ג. מיטלשטאַנד, האָבן נאָכאַנאַנד זיך פאַרהאַלטן בענויגייע דעם פאַשיזם. אַזוי אַרום וועלן מיר באַקומען אַ קאָנקרעט בילד פון דער אַנטוויקלונג פונם פאַשיזם, און מיר וועלן באַקומען אַ מער לעבעדיקע פאָר־שטעלונג אויך וועגן דער אינערלעכער סטרוקטור פונם מיטל-שטאַנד גופא.

אַרום סאָף 1919 שטייען צו צום פאַשיזם אין די גרויסע שטעט געווויסע עלעמענטן, וואָס דאַרפן ספּעציעל דערמאָנט ווערן. די עלעמענטן האָבן זיך באַוויזן אויף דער אויבערפלאַך אין דער צייט פון קריג, נאָר אונטער דעם שטורמישן דרוק פון דער אַר־בעטערשאַפט זענען זיי אָפּגערוקט געוואָרן אין אַ ווינקל-זייט פון לעבן. געווען זענען עס דעקלאַסירטע, וואָס זענען נאַטירלע-כערווייז געווען געשטימט אי קעגן קאַפּיטאַליזם, אי קעגן פּראָ־לעטאַריאַט. זיי זענען געווען אַ פּראָדוקט דערפון, וואָס אָדער די בורזשואַזיע אָדער דער פּראָלעטאַריאַט האָבן נישט געקאָנט זיי אַסימילירן אין דער געהעריקער מאָס. זיי זענען געווען לעבן גע־בליבענע פאָרשטייער פון שוין פאַרשוווּנדענע ווירטשאַפט-פאָרמען. אין 1919 האָבן זיי מער קיין שום ווערט נישט גע־האַט. צוליבן קריזיס האָבן זיי שוין נישט געהאַט מער קיין שום מעגלעכקייט פון עקזיסטענץ, און זיי האָבן שוין גאָר אפילו דעם ווילן נישט געהאַט צו ווערן אַריינגעצויגן אין נאָר־מאַלן פּראָצעס פון דער פּראָדוקציע. די איינציקע טעטיקייט, מיט וועלכער פיל פון אָט די אַרויסגעשטויסענע האָבן זיך אָפּגעגעבן, איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי זענען געוואָרן פאַרטרעטער און וואַיאַזשערן פון די סאַמע מעשונעדיקסטע סכוירעס. אין מילאַן

האָט אין די יאָרן 1919 — 1920 די צאָל האַנדלס־רייזנדע, וואָס האָבן פאַקטיש נישט געהאַט קיין שום סכוירע צו פאַרקויפן, דערגרייכט מאַמעש אַ פאַנטאַסטישע צאָל. מען קאָן רויק אָננעמען, אַז דער איינציקער קאַפּיטאַל פון אַ סך די „רייזנדע" זענען געווען זייערע עכטע און נישט־עכטע קריגס־מעדאַלן. זיי האָבן אַרומגעשפּאַצירט מיט די מעדאַלן אויף די ברוסטן; שטענדיק האָט מען זיי געזען אין גאַס, אַ קיילעכדיקן מעסלעס; מען האָט זיי געטראָפן אין אַלע גוט־געהייצטע עפנטלעכע לאָקאַלן; זיי זענען געווען צאָלרייך פאַרטרעטן ביי אַלערליי גראַטיס־פאָרשטעלונגען, און אויך ביי מיטינגען און דעמאָנסטראַציעס; אָבער זיי האָבן זיך דערביי קיינמאָל נישט אויסגעמישט מיטן האַמוין. זיי האָבן געהאַט אַ געפיל פון עקל צו אַ רעוואָלוציע, וואָס קומט פון די פאַבריקן. זיי האָבן געוואָלט אַ רעוואָלוציע, אָבער אַזאַ, וואָס זאָל רעאַביליטירן די מאָראַלישע ווערטן און זאָל מאַכן פּלאַץ פאַר דער אינטעליגענץ. אַ באַזונדער קאַטעגאָריע צווישן די דעקלאַסירטע אָן פאַך און אָן פאַרטיי האָבן געבילדעט די אָפיצירן פון דער דעמאָביליזירטער אַרמיי. זייער צאָל האָט אין 1920 אויסגעמאַכט ביז 160 טויזנט, און אַ גרויסער פּראָצענט צווישן זיי איז געווען יינגעלייט, וואָס מען האָט זיי צוגענומען אין מיליטער גלייך פון דער שול־באַנק, איידער זיי האָבן נאָך באַוויזן צו ענדיקן זייער שטודיום. זיי האָבן זיך אין דער מילכאָמע צוגעוווינט צו זיין עלטסטע, צו קאָמאַנדעווען; אין ציוויל־לעבן האָבן זיי נישט געקאָנט געפינען פאַר זיך אַ באַשעפטיקונג, וואָס זאָל באַפרידיקן זייער ערגייץ; זיי האָבן דעריבער מיט שרעק געטראַכט וועגן דער דראָענדיקער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע. און דאָ האָט די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע פּרעסע אויפגעהויבן אַ קאַמפּאַניע פול מיט האַס קעגן אַלע אָן אויסנאַם דעמאָביליזירטע אָפיצירן. זיי, די אָפיצירן, האָט מען געמאַכט פאַראַנטוואָרטלעך דערפאַר, וואָס זיי האָבן געפירט די סאָלדאַטן אין קריג און מען האָט זיי באַשולדיקט, אַז אויך איצט זענען זיי פאַר נייע מיליטערישע אַוואַנטורעס. און עס זענען אויך געווען צאָלרייכע פאַלן, ווען סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע

אַרבעטער זענען באַפאַלן אײנצלנע אָפיצירן — עס זענען צומאָל נישט געשװינט געװאָרן אפילע אַזעלכע אָפיצירן, װעגן װעלכע מען האָט געװוּסט, אַז זײ זענען סאָציאַליסטן און סימפּאַטיזירן מיטן פּראָלעטאַריאַט. דאָס האָט בלי ספק מיטגעװירקט, אַז די אַקטיװערע און מער אַנטשלאָסענע עלעמענטן פון צװישן די דעמאָביליזירטע אָפיצירן זענען נאָך שנעלער אַװעק צום פאַשיזם. אָבער דער איקער זענען טאַקע געװען די אָביעקטיװע באַדינגונגען פון זײער סאָציאַלער לאַגע, װעלכע האָבן זײ געשטויסן אין דער יעלבער ריכטונג.

6. די סטודענטן

װעגן דעם, אַז אין די רײען פון די ערשטע פאַשיסטן איז געװען זײער אַ גרויסע צאָל סטודענטן, איז נישטאָ װאָס צו רעדן; דאָס איז געװען דער אויסדרוק פון זײער נאַציאָנאַליסטישער און פּאַטריאָטישער שטימונג. די שטודירנדיקע יוגנט פון איטאַליע איז פון 1890 ביז 1900 געװען סאָציאַליסטיש; פון 1900 ביז 1910 איז זי געװען אַנטי-קלעריקאַל, דעמאָקראַטיש און רעפּובליקאַניש. און פון יאָר 1911 (בעת דער עקספּעדיציע קײן ליביע) האָט זיך די יוגנט, אונטערן אײנפלוס פון ד'אַנונציאָ, אַ קער געטון צום נאַציאָנאַליזם, און האָט זיך דערנאָך שטאַרק באַטײליקט אין דער אינטערװענץ-פּראָפּאַגאַנדע פון פרילינג 1915, און נאָכן װאָפנשטילשטאַנד האָט זי שױן אַן איבעריקער מי געפונען װידער דעם װעג צו מוסאָליניען און ד'אַנונציאָ, כדי צו שטיצן די פאָדערונג פון אַן אימפּעריאַליסטישן שאָליעם. די גרעסטע קאָרבאַנעס פאַרן פאַשיזם האָבן טאַקע געבראַכט די סטודענטן, צוזאַמען מיט די רײכע פױערן און מיט יונגעטן פון דער פּאָליצײ. זײ האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט סתּם צושטײן צו די פאַשיסטן, נאָר זײ זענען געגאַנגען אין די פאַשיסטישע שטורם-אָטריאַדן. די צאָל מאַרקסיסטישע סטודענטן איז געװען זײער קלײן; זײ האָבן זיך געװײנלעך געפונען אין דער סװיװע פון יונגע אַרבעטער פון דער סאָציאַליסטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע. האָגאָם איך האָב נישט װעגן דער פראַגע קײן שום סטאַטיסטישן מאַטעריאַל, נאָר איך שטיץ זיך

בלויז אויף מיינע פערזענלעכע יעדיעס — דאָך דערלויב איך מיר צו זאָגן, אַז שוין אין 1921 — 1922 איז אַ געוויסע צאָל מאַרקסיסטישע סטודענטן אַריבער צום פאַשיזם. אייניקע פון זיי האָבן אַפילע אליין זיך באַטייליקט אין טעראָר־אַקטן קעגן זייערע פר ערדיקע פּאָליטישע פריינט.

7 די פויערן

צי זענען צווישן די ערשטע פאַשיסטן געווען אויך פויערן? די ערשטע פאַשיסטישע גרופּעס צווישן פויערטום האָבן זיך געבילדעט נישט אין 1919. נאָר ערשט אין מעשׂך פון יאָר 1920, ווי מיר וועלן דאָס זען אין ווייטערדיקן קאַפּיטל. דערווייל לאָמיר דאָ נאָר באַמערקן, אַז די פויערן, פונקט ווי די סאָכרים און אונטערנעמער, זענען געקומען צום פאַשיזם גאָר אויס אנדערע כּאָמים, ווי אַלע אנדערע גרופּעס — די „אינטערווענציאָניסטן", די „דרייסטע", די פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, די דעמאָביליזירטע אָפיצירן און די דעקלאַסירטע. פויערן, סאָכרים און אונטערנעמער זענען גראָד די סאָציאַלע שיכטן, וואָס האָבן פונם קריג גרויסע פּראָפיטן געצויגן, וואָס האָבן זייער קליינעם אָדער טיטעלן פאַרמעגן פאַרמערט בעאייסן קריג. און איצט האָבן זיי בלויז געקלערט, ווי איינצוהאַלטן דאָס דערוואָרבענע, ווי עס באַשיצן קעגן די אַרבעטער און קעגן די קאָאָפּעראַטיוון און סאָציאַליסטישע שטאָט-פאַרוואַלטונגען. די דאָזיקע שיכטן האָבן זיך געפילט פערזענלעך באַדראָט, און נישט אַזוי דורכן מאַקסימאַליזם, ווי דאָווקע דורכן רעפאָרמיזם, נישט אַזוי דורכן געשפּענסט פון אַ צווייפלהאַפטער רעוואָלוציע, ווי דורך דער קאָנקרעטער געפאַר מיצאַד דעם פּראָפ. פאַריין, מיצאַד דעם קאָאָפּעראַטיוו און מיצאַד דעם סאָציאַליסטישן שטאָט-ראַט. די לעצטע זענען זאָך געווען די אינסטאַנצן, וואָס האָבן באַשטימט די לוינען און טאַריפן און האָבן אַרויפגעלייגט שווערע שטייערן אויף די קליינע גרונט-באַזיצער, אַזוי אַז די לעצטע האָבן מוירע געהאַט, זיי זאָלן נישט צוריק אָנווערן די איבער-פּראָפיטן פון די מילכאָמע-יאָרן. אין די פאַשיסטן האָבן אָט די עלעמענטן געזען טאָרטעטער פון די גרויסע גרונט-באַזיצער. אַזוי זענען די פאַ־

שיסטישע גרופּעס געוואָרן אָרגאַנען פון איינהייט-פראָנט צווישן
די קליינע און גרויסע גרונט־באַזיצער — קעגן לאַנדווירטשאַפט־
לעכן פּראָלעטאַריאַט.

8. אַן איבערפּאַרטייאישע באַוועגונג

ביז זייער דריטן צוזאַמענפאָר (רוים, סעפּטעמבער 1921)
איז ביי די פאַשיסטן נישט געווען קיין פאַרבאָט אָנצונעמען פּאַ־
מיטגלידער אַזעלכע עלעמענטן, וועלכע האָבן פריער געהערט צו
אַנדערע פּאַרטייען (צו דער ליבעראַלער פּאַרטיי, צו דער קאַ־
טוילישער א. אַ. וו.). מוסאָליני האָט ביי יעדער געלעגנהייט
געשריבן און געזאָגט, אַז דער פאַשיזם איז נישט קיין נייע פּאַר־
טיי, נאָר ער איז די באַוועגונג פון אַן אַנטי־באָלשעוויסטישן
איינהייט־פראָנט; אַז דער פאַשיזם דאַרף דעריבער נישט האָבן
קיין שום אייגענע טעאָריע און פּראָגראַם, נאָר בלויז קאָנקרעטע
ריכטליניעס און פאָדערונגען. מיר קאָנען נישט זאָגן אויף באַ־
שטימט, צי זענען געווען דעמאָלט פיל פאַשיסטן, וואָס זענען
גלייכצייטיק געווען מיטגלידער פון אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטיי־
ען. עס איז וועגן דעם נישטאָ קיין שום סטאַטיסטישער
מאַטעריאַל. אַלנפאַלס, איז דער באַשלוס גופא, אַז מיטגלידער
פונם פאַשיזם מעגן זיין גלייכצייטיק מיטגלידער אויך פון אַנ־
דערע פּאָליטישע פּאַרטייען, כאַראַקטעריסטיש פאַר מוסאָליניס
שטאַנדפּונקט פון יענער צייט (1919) וועגן דער הילף־ראָל פון
די פאַשיסטן אין קאַמף קעגן סאָציאַליזם. דער דאָזיקער שטאַנד־
פּונקט האָט, אַגעוו, פולקאָם האַרמאָנירט מיט דער שטעלונג פון
דער בורזשואַזיע, וועלכע האָט אויך אין די יאָרן 1919 — 1922
נישט איבערגעריסן אַלע אירע באַציונגען מיט די טראַדיציאָנע־
לע פּאַרטייען און מיט די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, נאָר
זי האָט גלייכצייטיק געשטיצט אויך דעם פאַשיזם: די טראַ־
דיציאָנעלע פּאַרטייען — אויפן דעמאָקראַטישן באָדן פון וואַלן;
די פאַשיסטן — אויפן באָדן פון דירעקטן טעראָריסטישן קאַמף
קעגן סאָציאַליזם. און אויב לעסאָף איז די גאַנצע בורזשואַזיע
צוגעשטאַנען צו די פאַשיסטן, איז עס דערפאַר, ווייל דער באָדן
פון דעצידירנדיקן קאַמף איז געווען נישט דער פּאַרלאַמענט,

נאָר די גאַס. נאָר די מאַרקסיסטן, וועלכע האָבן זיך נישט נעקאָנט באַפרייען פון פאַרלאַמענטאַרישן קרעטיניזם, האָבן דאָס נישט פאַרשטאַנען. נאָך יעדע נייע וואַלן, אין וועלכע די פאַשיסטן פלעגן באַקומען אַ קליינע צאָל שטימען, האָבן די סאָציאַליסטן געפּאַסקענט, אַז דער פאַשיזם צעפאַלט זיך, בעאיים אין דער עמעסן האָט געהאַלטן אין צעפאַלן זיך — די דעמאָקראַטיע. אין אַ צייט, ווען די דעמאָקראַטיע צעפאַלט זיך, זענען וואַלן אַ פאַלשער מאָסשטאַב אויף צו מעסטן די באַציונגען צווישן די קלאַסן.

9. פאַשיסטישער ראַדיקאַליזם

מוסאָליני האָט פאַרמאָגט איין פּאָליטישע גרונט־פעיקייט אין דער פולסטער מאָס: די פעיקייט צו אַרבעטן טאָמיד אין צוויי ריכטונגען, נישט לאָזן זיך קיינמאָל אַריינשפּאַרן אין אַ טעמפּן ווינקל, טאָמיד לאָזן אָפן פאַר זיך אַ צווייטן אויסוועג. ער האָט געקעמפט קעגן די רעוואָלוציאָנערע קויכעס פון די אַרבעטער, אָבער ער האָט נישט אויסגעשלאָסן פון זיינע פּלענער אויך די עווענטועלע מעגלעכקייט פון אַן אַרבעטער־אויפשטאַנד.

מוסאָליני האָט זיך דעריבער געשטעלט די פּאָליטישע אויפגאַבע — צו בלייבן אין שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די אויפגערודערטע מאַסן און שרייען טאָמיד העכער פאַר די סאָציאַליסטישע פירער. ער האָט נאָך אַליין נישט געוווּסט, וווּהין דאָס זיינט פירן. און ער האָט זיך גאָר קנאַפּ דעם קאָפּ געבראָכן דאָס צו וויסן. פאַר אים איז געווען וויכטיק — טאָמיד צו זיין נעבן און צווישן דער מאַסע, קעדיי נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט אָפּצוווענדן זי פון אירע צילן און פון אירע פירער. מוט האָט אים צוגעגעבן דאָס, וואָס ער האָט פּערזענלעך געקענט די סאָציאַליסטישע פירער און געוווּסט, ווי ווייט זיי זענען אומפעיק אין רעוואָלוציאָנערע אָנגעלעגנהייטן.

ערעוו דער גרינדונג פון דער ערשטער פאַשיסטישער גרופּע האָט מוסאָליני געשריבן:

„מיר פּראָקלאַמירן דאָס רעכט און די פליכט צו ענדערן דאָס איטאַליענישע לעבן, אַפילע מיט רעוואָלוציאָנערע מיטלען.

ווער עס רופט אונז קאנסערוואטיסטן אדער רעאקציאנערן, דער איז אן אומגעהויערער טיפּעש. מיר זענען אין איטאליע די איינ־ציקע, וואס האבן א רעכט צו רעדן וועגן רעוואלוציע און עפּ־עס איז דאס דער גרונט, פארוואס מיר רעדן וועגן איר אזוי ווייניק. מיר ברויכן נישט צו ווארטן ערשט אויף דער רעוואלו־ציע, ווי די סטאַרע צאלנדיקע מיטגלידער פון דער סאציאליס־טישער פארטיי. און אונז שרעקט נישט אט דאס ווארט, ווי יע־נעם דורכשניט־פּאכדן, וואס איז געבליבן שטעקן מיט זיין גע־דאנק אין יאר 1914. מיר האבן די רעוואלוציע געמאכט שוין אין מאי 1915. דאס איז געווען די ערשטע טאט פון דער רע־וואלוציע. געווען איז עס נאר דער אנהויב. די רעוואלוציע האט דערנאך געדויערט 40 כאראשים אונטערן נאמען קריג. און זי איז נאך נישט געענדיקט. דאס וואס מיר האבן נישט דערלאזט צום טריומף פון די רעאקציאנערע קרעפטן (דורך דעם קריג — דאס איז געווען העכסט רעוואלוציאנער" („פאפאלע ד'אי־טאליא", 2 מערץ 1919).

אין דעם קאמף, וואס איז אנגעגאנגען אינעווייניק אין דער סאציאליסטישער פארטיי צווישן די רעכטע און די מאקסימא־ליסטן, איז מוסאליני נישט געבליבן נייטראל. „מיר זענען נישט קעגן יענער פּרעכטיקער פרידלעכער ארבעטער־רעוואלוציע, וועל־כע וויקלט זיך פּאנאנדער אומעטום און וועלכע קאן שוין אויך אין איטאליע פארצייכענען פּראכטפולע רעזולטאטן; אבער צו־זאמען מיט דער מערהייט סאציאליסטן פון דער גאנצער וועלט באקעמפן מיר אפן און שטאלץ יענע פינסטערע, פארברעכערי־שע דערשיינונג פון רעגרעס, קאנטר־רעוואלוציע און אומפעי־קייט, וואס רופט זיך באלשעוויזם" („פאפאלא ד'איטאליא", 18 אפּריל 1919).

מוסאליני האט פארזען, אז די אנטוויקלונג פונם פאשיזם קומט פאר נישט אין קאמף קעגן דעם מויל־מאקסימאליזם, נאר אין קאמף קעגן די קאאפעראטיוון, פאריינען און סאציאליסטי־שע שטאטישע פארוואלטונגען, ד. ה. אין קאמף קעגן רעפארמיזם. אינם קאפּיטל וועגן מאקסימאליזם האבן מיר שוין דער־

מאַנט וועגן בונט קעגן סאָכרים, וואָס איז אויסגעבראָכן אין די ערשטע טעג פון יולי 1919. דעם 2 יולי האָבן אין ספּעציאַ, ראַווענאַ, פלאָרענץ און אַנקאָנאַ גרופּעס מאַניפעסטאַנטן, צווישן זיי זייער פיל פראָנט־זעלנער, זיך אַריינגעריסן אין געוועלבער, פאַרכאַפּט לעבנס־פּראָדוקטן און פּראָקלאַמירט אַ 50 פּראָצענטיקן ראַבאַט פון אַלע פּרייזן. דעם 3 יולי איז אין פלאָרענץ, טשיוויטאַוועקיאַ, אַנקאָנאַ, פּיסטאָיאַ אויסגעבראָכן אַ גענעראַל־שטרייק. דאָס רויבן די געשעפטן האָט זיך גענומען פאַרשפּרייטן איבער גאַנץ איטאַליע, קיין איין שטאָט איז נישט געבליבן געשוינט. אָבער אין דער זעלבער צייט, ווען די מאַקסימאַליסטן זענען געזעסן און דיסקוטירט וועגן די סיבעס און כאַראַקטער פון די אומרועז, און זייערע דיסקוסיעס האָבן זיך פאַרענדיקט שוין נאָך אַלע געשעענישן — האָט מוסאָליני טייקעף זיך אַריינגעמישט אין די אומרועז.

„איך פאָדער אַן עקזעקוציע־אָטריאַד קעגן די סאָכרים, וואָס רופן אַרויס דעם הונגער", האָט מוסאָליני געשריבן אין זיין צייטונג (16 יוני 1919). „דער בונט איז אַן אַבסאָלוטע נויטיקייט, קעדיי אַ סאָף מאַכן צו דער גיריקייט פון די בלוט־זויגער". „אין בערגאַמאָ אָרגאַניזירט מען אַ געיעג אויף די עקספּלואַטאַטאָרס, און מיר קאָנען דאָס נאָר אַפּראָבירן". „אין ראָמאַניאַ האָט דאָס פאָלק ענערגיש זיך צעבונטעוועט קעגן דער קאָרופּציע פון די שפּעקולאַנטן. נישט די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט אַרויסגערופן אָט די דעמאָנסטראַציעס און אָנגעפירט מיט זיי... מיר אָנערקענען דאָס גרונט-רעכט פון דעם פאָלקס־פּראָטעסט" („פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", 4 יולי 1919).

מוסאָלינים באַגריף פון רעוואָלוציע איז געווען אַביסל אַ פאַנטאַסטישער. אַזוי, למשל, האָט ער זיך נישט געוואָקלט וויפיל מאָל צו שילדערן די רעוואָלוציע אין רעפּאָרמיסטישן געשטאַלט: „דער מוט באַשטייט דערין, צו זאָגן הויך, אַז די ריין פּאָליטישע רעוואָלוציע, וועלכע צעהיצט נאָר די מוחעס פון די מאַסן, איז נישט אימשטאַנד צו לייזן די סאָציאַלע פּראָבלעמס,

וואָס דער קריג האָט אַרויסגערוקט און וואָס פאַרלאַנגט אַ לייזונג. דער מוט באַשטייט דערין, צו זאָגן די מאַסן אומאויפהערלעך, אַז די רעוואָלוציע, וואָס מוז געמאַכט ווערן, איז אַ ווירטשאַפטלעכע, און אַז די דאָזיקע רעוואָלוציע ווערט נישט געמאַכט אין גאַס, פון טומלדיקע מאַסן, וועלכע פאַרנעמען זיך מיט צעשטערן צוליב צעשטערונג וועגן" (פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", 23 יולי 1919). אויף אַ פאַרזאַמלונג פון 10 נאָוועמבער 1919 האָט מוסאָליני אויסגערופן: „מיר טרעטן אַרויס נישט קעגן אַרבעטער־קלאַס, נאָר פאַר אים. מיר האָבן אַזוי ווייניק ראַכמאָנעס אויף דער בורזשואַזיע, אַז אויבן אָן אין אונזער פּראָגראַם רעדט זיך וועגן צונעמען די רייכטימער, וועגן קאָנפיסקירן די מילכאָמע־פּראָפיטן און וועגן אַרויפלייגן הויכע שטייערן אויפן קאַפּיטאַל. מיר אַקצעפּטירן נישט קיין שום דיקטאַטור". און אויף מאָרגן האָט ער געשריבן ביי זיך אין צייטונג: „מיר פאַרזיכערן: אויב אונזערע פאַרביסנסטע קעגנער זאָלן מאָרגן אָנהייבן לײַדן פון אַן אויסנאַם־רעזשים, וועלן מיר אַרויסטרעטן קעגן דעם רעזשים, ווייל מיר זענען פאַר פרייהייט און קעגן טיראַניע".

צו אַ צירקולאַר פונם מילאַנער פּרעפעקט וועגן באַוואָרענען די וואַל-פרייהייט האָט מוסאָליני דעם 13 נאָוועמבער 1919 געשריבן אַזאַ קאָמענטאַר: „עס האַנדלט זיך וועגן דער הייליקסטער זאַך אין דער וועלט: וועגן דער פרייהייט. אין איטאַליע איז נישט פאַראַן קיינער, וואָס זאָל לאָזן איבער זיך קאָמאַנדעווען מענטשן, וועלכע ווילן שפּילן די ראָל פון אַ מאָשיעך, פון אַ צאַר, צי פון אַ גאָט־מענטש. מיר ווילן פרייהייט פאַר אַלעמען, מיר ווילן, אַז דער ווילן פון אַלע זאָל רעגירן און נישט דער ווילן פון אַ גרופּע, צי פון איין מענטש, מעג ער זיין וועמען עס וויל". ביי דער געלעגנהייט פון די וואַלן האָט דער צענטראַל קאָמיטעט פון די פאַשיסטן צום ערשטן מאָל פאָרמולירט אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטע פּראָגראַם פון פאָדערונגען, וועלכע מיר ברענגען — צוליב איר גרויס — צום סאָף קאַפּיטל. אַ צווייטער פאַשיסטן־פירער, דער געוועזענער מאַרקסיסט און סאָרעליסט

אנאסטינא לאנצילא, האט געשריבן אין „פאפאלא ד'איטאליא" פון 24 יאנואר 1920:

„מיר מוזן מיט מיטגעפיל נאכפאלגן דעם קאמף קעגן דער מעלוכע פון די צוויי גרויסע קאטעגאריעס באאמטע (אייזנבאנער און פאסט-און טעלעגראף-באאמטע)... דאס וואס די רעגירונג זאגט צו — איז ביי דער אנטווערטונג פון ליר נישט מער ווי א פאלשע שיין... טעג פון פראלעטארישער געוואלט-טאט זענען טעג פון באנייאונג".

די באזעצונג פון די פאבריקן האט מוסאליני אויפגענומען, אלס אנהויב פון דער לאנג פארויסגעזעענער רעוואלוציע. ער האט קיין איין מינוט זיך נישט געוואקלט איינצוגיין אויף א באגעגעניש מיט די פירער פון די סאציאליסטישע מעטאל-אר־בעטער. אן אינטערעסאנטער באריכט וועגן דעם פארגעקומענעם צוזאמענטרעף געפינט זיך אין דעם שוין דערמאנטן בוך פון בוארדי, ז"ז 80 און 81:

„מוסאליני ווענדעט זיך צו בואדזין, דעם גענעראל-סעקרע־טאר פון מעטאל-ארבעטער-פארבאנד, וועגן א באגעגעניש, און די באגעגעניש קומט צושטאנד, אין האטעל „לאמבארדיע" אין מילאן, וווּ בואדזי שטייט איין. אין שמועס האבן אבוע בואדזין גענומען אנטייל מאריא גוארניערי, וויצע-סעקרעטאר פון פאר־באנד, דאן בעניטא מוסאליני און זיין סעקרעטאר מאגליא מארגאני.

„מוסאליני דערקלערט, אז אזוי ווי די באוועגונג פון די מעטאל-ארבעטער האט אן אויסערגעוויינלעך גרויסע נאציאנאלע באדייטונג, וויל ער אליין פערזענלעך נאכפאלגן דעם פארלויף פון דער באוועגונג און אויסטייטשן זי אויף די שפאלטן פון זיין צייטונג. דעריבער בעט ער, מ'זאל אים געבן אלע מעגלעכ־סטע אינפארמאציעס, סיי וועגן גאנג פון דער באוועגונג, סיי וועגן די קאוואנעס פונם מעטאל-ארבעטער-פארבאנד.

„ער אנערקענט, אז די נישט-נאכגיביקייט פון די אינדו־סטריעלער איז א נארישקייט; ער האלט, אז די ארבעטער זענען גערעכט אין זייערע פאדערונגען, און ער וואלט וועלן וויסן,

צי האָבן די פירער נישט באַקלערט די מעגלעכקייט פון געבן אַ פּאָליטישע ווענדונג דער באַוועגונג... מוסאָליני פאַרענדיקט מיט אַזאַ דערקלערונג:

„צי די אונטערנעמונגען געהערן גיכער צו די אַרבעטער, ווי צו די אונטערנעמער—די פראַגע אינטערעסירט מיך ווייניקער פאַר אַלץ. וויכטיק איז, וואָס די אַרבעט איז נישט אָפּגעשטעלט. אויב ס'זאָל זיך האַנדלען וועגן אַ באַוועגונג פון באָלשעוויסטישן כאַראַקטער, דאַן וואָלטן די פאַשיסטן געווען געצוווּנגען צו מאַכן די ווייטגייענדיקסטע באַוואָרענישן; ווייבאַלד אָבער עס האַנדלט זיך וועגן אַ רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע שטרעבט צו אַ טיפערפאַרענדערונג פון אונזער לאַנד, דאַן קאָנט איר רעכענען אויף מיין אונטערשטיצונג און אויף דער אונטערשטיצונג פון מיינע פריינט, אויף וויפיל עס גייט וועגן ערנסטער און סאָציאַליסטישער באַוועגונג".

און שוין נאָכדעם, ווי די אַרבעטער האָבן פאַרלאָזט די פאַבריקן, האָט מוסאָליני געשריבן אין „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ":

„דאָס וואָס אין איטאַליע איז געשען, איז אַ רעוואָלוציע, אָדער בעסער געזאָגט — אַ פאַזע פון יענער רעוואָלוציע, וועלכע מיר האָבן אָנגעהויבן אין מאַי 1915. עס זענען נישט געווען קיין גאַסן־קאַמפן און נישט קיין באַריקאַדן. אָבער רעכטלעכע באַציונגען, וואָס זענען אַלט יאָרהונדערטער, זענען צעקלאַפּט געוואָרן. דער אַרבעטער האָט זיך דערשלאָגן דאָס רעכט צו קאָנטראָלירן דיווירטשאַפט־ספערע, אין וועלכער ער איז באַטייליקט" (פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", 28 סעפּטעמבער 1920).

„ווער קאָן עס זיין פון פאַרויס קעגן אַרבעטער־קאָנטראָל? קיינער נישט. מען דאַרף בלויז רעגולירן די פּראַקטישע אָנווענדונג פונם קאָנטראָל. מיר פאַרלאַנגען, אַז דעם קאָנטראָל זאָלן אויספירן געווויסנהאַפטע, קאָמפּעטענטע און אויסער יעדן כשאַד שטייענדיקע פערזאָנען"

דער אַמאָליקער רעוואָלוציאָנער לאַנצילאָ האָט פאַרעפנטלעכט ביי מוסאָליני'ן אין צייטונג פאָלגנדיקן קאָמענטאַר צו דער באַזעצונג פון די פאַבריקן:

„די דאָזיקע טאַט פֿון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג איז פּונקט אַזוי שיין, ווי גרויס. אינמיטן פֿון אַ פּאַרקאַבצנטער און מיטלאָזער, פוילער און שרעקעוודיקער איטאַליע פֿון דער נאָכמילכאָמע־צייט טרעט אַרויס אַ קראַפט־פולע באַוועגונג — קעגן דעם געמיינעם אומפּעיקן, קאָרומפּירטן און זיך צעפאַלנדיקן בירגערטום. די באַוועגונג איז אַ באַווייז, אַז אינם נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין הויבן אָן פאָרצוקומען טיפע פאַרענדערונגען" („פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", 7 סעפּט. 1920). אָבער אין איין יאָר אַרום דאָט דער זעלבער מענטש, וואָס האָט אַזוי געריימט די פאַבריקן־באַזעצונג, געשריבן שוין אָט וואָס:

„דער עקספּערימענט איז געווען אַ מעשוגאַס, ריכטיקער געזאָגט, ער איז געווען קינדיש. שוין צוליב דעם אַליין האָט ער געמוזט זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל. ווען ער וואָלט לענגער געדויערט, וואָלט ער געפירט צו אַ פּאַראַליטש פון דער פּראָדוקציע (זע רעוואָלוציאָני דעל דאָ פּאַגערא, 1922). דאָס איז אַ קלייניגער מוסטער פון דעם, וואָס מוסאָליני און זיינע איטאַליענישע און אויסלענדישע אָנהענגער האָבן גערעדט און געשריבן, נאָכדעם ווי די באַוועגונג פון די מאַסן איז דערשטיקט געוואָרן און די געפאַר פון אַ רעוואָלוציע איז אַריבער: זיי האָבן זיך באַרימט, אַז ס'איז דער פאַרדינסט פונם פאַשיזם, וואָס ער האָט זיך געשטעלט קעגן דער רעוואָלוציאָנערער געפאַר און האָט זי בייגעקומען.

אין דער עמעסן אָבער איז דער פאַשיזם אין די יאָרן 1919—1920, סיי לויט זיין סאָציאַלן צוזאַמענשטעל, סיי לויט זיין אידעאָלאָגיע און טעטיקייט, נישט געווען קיין פאַקטאָר פון אָרדנונג, נאָר בעפיירעש פון אומאָרדנונג. און נישט דער פאַשיזם האָט פאַרשפּאַרט דעם וועג פאַר דער רעוואָלוציע, נאָר די נאַרישקייט פון די רעוואָלוציאָנערן, און פון דער נאַרישקייט האָבן נוצן געצויגן די רעפאָרמיסטן, דער וואַטיקאַן און די מעלוכע.

אין 1921 און 1922 זעצט דער פאַשיזם פאָר זיין טעטיקייט. ער גייט אויף דעם פון אַנדערע פריי געמאַכטן וועג ביז צום סאָף. ער איז זייער יווירעש. ווען די מאַסן טרעטן אין אומ־

אָרדנונג אַפּ און זענען נישט מער פֿעיק אונטערצונעמען אַ נייעם אָנגריף — דאַן שטעלט זיך דער פֿאַשיזם די אויפֿגאַבע צו לייזן דעם אָרגאַנישן קריזיס פֿון דער איטאַליענישער געזעלשאַפֿט און צו שאַפֿן אַ נייע מעלוכע.

10. אַ ווענד־פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פֿונם פֿאַשיזם

די פֿירנדיקע ראָל פֿון די רעאַקציאָנערע קרעפֿטן איז אַריבער צום פֿאַשיזם אין יענעם קורצן שפּאַן צייט, וואָס צווישן דעם סאָף פֿון דער פֿאַבריקן־באַזעצונג (סעפּט. 1920) און דעם מאָמענט, ווען ד׳אַנונציאָ האָט פֿאַרלאָזט די אָקופּירטע דורך אים פֿיומע (דעצעמבער 1920). אין דעצעמבער 1920 האָט דער פֿאַשיזם פּלוצים געמאַכט אַ קער אין זיין אַנטוויקלונג, וואָס האָט אַרויסגערופֿן אַלגעמיינע שטוינונג. מיר וועלן באַלד זען, ווי ד׳אָס איז געשען. מען מוז זיך צוליב דעם קלאָר פֿאַרשטעלן די אומשטענדן, אין וועלכע ד׳אַנונציאָ מיט זיינע אָנהענגער האָבן דורכגעפֿירט די אָקופּאַציע פֿון פֿיומע.

אין מאַי 1919, ווען אין פֿיומע האָבן זיך נאָך געפֿונען די אַנטאַנט־מעלוכעס, האָט זיך אונטער דער אויפֿזיכט פֿונם איטאַליענישן גענעראַל־שטאַב אויסגעבילדעט אַ מיליטערישע אָרגאַניזאַציע פֿון פֿרייוויליקע, וואָס איר ציל איז געווען — קעמפֿן פֿאַר דער אַנעקסיע פֿון פֿיומע דורך איטאַליע. אין אויגוסט איז די רעגירונג געוואָרן אינפֿאָרמירט, אַז די איטאַליענישע אָפֿיצירן האָבן געפֿינען זיך אין פֿיומע, וואַרטן נאָר אויפֿן מאָמענט, ווען די אַנטאַנט־אַרמיי וועט זיך רירן פֿון אָרט — וועלן זיי טייקעף פֿאַרכאַפּן די מאַכט אין שטאָט. די אַרמיי־טיילן, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין רעשום פֿון אָט די אָפֿיצירן, זענען דאַן איבערגעפֿירט געוואָרן פֿון פֿיומע קיין ראָנקי, אַ קליין שטעטל אין ראַיאָן פֿון טריעסט. פֿון דאָרטן האָבן זיי זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט ד׳אַנונציאָ, און דעם 11־טן סעפּטעמבער האָבן זיי אין אַ צאָל פֿון 1000 מאַן, אונטער דעם שוץ פֿון אַ פֿלי־עסקאַדרע און צאָלרייכע פּאַנצער־אויטאָס, זיך אַוועקגעלאָזט אין אַ מאַרש אויף פֿיומע. די געשיכטע האָט אַרויסגערופֿן דעם גרעסטן אויפֿרודער אין לאַנד און אין דער אַרמיי. פֿון אַלע עקן לאַנד האָבן

געאיילט קיין פיומע פרייוויליקע, סטודענטן, אָפיצירן, נאַציאָ־
נאַליסטישע עלעמענטן, און זיך געשטעלט אין רעשוס פון
ד׳אַנונציאָ. די רעגירונג ניטי (ניטי איז געווען דער פּאַרטרוי־
ענגס־מאַן פון די אַמעריקאַנער פינאַנץ־מאַגנאַטן) האָט מער פאַר
אַלץ זיך געשראָקן פאַר די אינטערנאַציאָנאַלע פאָלגן פון אָט
דער אָקופּאַציע.

„ווער עס רעגט אויף די געמיטער, דער פאַראַט די אינ־
טערעסן פונם פאָטערלאַנד, האָט ניטי דעם 13 סעפט. 1919 דער־
קלערט אין פּאַרלאַמענט, איטאַליע מוז זיך הערוועבן דעם צו־
טרוי פון אויסלאַנד, קעדיי זיך באַוואָרענען דעם קרעדיט, אין
וועלכן זי נויטיקט זיך. אַ פּאָליטיק פון אַוואַנטורעס וועט אונז
נאָר פירן צו עלנט און אַנאַרכיע. די אַרבעטער און פויערן מוזן
זיך אויסהיטן פון יעדער געפערלעכער אַוואַנטורע, זיי מוזן
אונז וואָרענען און אונז צוריקקערן אויפן וועג פון זעלבסט־באַ־
הערשונג און פליכט".

אין אָט דער צייט האָבן מוסאָליני און ד׳אַנונציאָ צוזאַמען
מיט אַרמיי־גענעראַלן אויסגעאַרבעט דעם ערשטן פּראָיעקט פון
אַ נאַציאָנאַליסטישער מעלוכע־איבערקערעניש. ווי עס דערציילט
דער אויבן־דערמאָנטער פאַשיסט קיאורקאָ, האָט מוסאָליני דאַן
שוין ערנסט געקלערט וועגן אַ באַוואָפנטן מאַרש אויף רוים:

„ער האָט גערעכנט אויף ד׳אַנונציאָס איינפלוס אויף דער
יוגנט און אויף די 35 טויזנט ביקסן (פון ד׳אַנונציאָס אָנהענ־
גער), וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף „קאָניע", ווי אויך
אויף די 12 טויזנט פרייוויליקע, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן
אין פיומע אין רעשוס פון ד׳אַנונציאָ. דער פּלאַן איז געווען
קלאָר און אָן בלויזן. און דער עקזעקוטיוו און צענטראַל־קאָמיטעט
פון די פאַשיסטן האָבן אים גענומען צו קענטעניש און אַקצעפּ־
טירט".

גלייכצייטיק איז אַ שאַליעך פון ד׳אַנונציאָ געקומען צו די
סאָציאַליסטן אין טריעסט — זיך אינפאָרמירן, צי די סאָציאַ־
ליסטישע פּאַרטיי וואָלט נישט גרייט געווען זיך באַטייליקן אין
אַ מעלוכע־איבערקערעניש. ד׳אַנונציאָ האָט געפּלאַנט, אַז ער צו־

זאמען מיט די פּריוווילִיקע וועט קומען מיט שיפן קיין אנקאנא און פּעסקארא, דאָרטן וועלן זיי אַראָפּ אויף דער יאַבאָשע און מאַרשירן אויף רוים. אָבער דער פּראָיעקט האָט זיך נישט איינגעגעבן, צוליב דעם אומצוטרוי פון די סאָציאַליסטן. קעגן דער רעגולערער אַרמיי פון דער מעלוכע און קעגן די סאָציאַליסטישע מאַסן וואָלט אַ מעלוכע־איבערקערעניש אין יענער צייט געווען געליטן דעם זעלבן דורכפאַל, ווי דער קאַפּ־פּוטש אין דייטשלאַנד.

די אומלעגאַלע אָקופּאַציע פון פיומע האָט געדויערט 16 כאַדאָשים און האָט געקאָסט דער רעגירונג פון רוים נישט ווייניק דערנידעריקונגען. גענעראַלן און הויכע באַאַמטע האָבן זיך דערקלערט סאָלידאַריש מיט די „דעזערטירן פון פיומע”. די גרויס־בורזשואַזיע און איר פּרעסע האָבן זיך נישט געקימערט וועגן גורל פון פיומע און האָבן מיט אַלע מיטלען געשטיצט דעם מיליטערישן בונט. אין זייערע אויגן איז דער בונט געווען אַן אויסדרוק פון פאַרשטאַרקטער נאַציאָנאַליסטישער אַקטיווקייט אין פאַרגלייך מיט דער פּאַסיווקייט פון דער מעלוכע. די פאַשיסטן האָבן אין גאַנצן לאַנד געפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע אויף צו שטיצן ד׳אַנונציאָס אַקציע. עפנטלעך האָבן זיי גערעדט, אַז זיי פאַרפליכטן זיך אַרויסצוטרעטן אין גאַס, אויב די רעגירונג וועט פּרובירן פאַריאָגן ד׳אַנונציאָן פון פיומע, און זיי האָבן די ריזיקע דראָאונג קעסיידער איבערגעכאַזערט. זיי האָבן שוין אַפילע אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָס־מיטלען אָנגענומען אויפן כאַל פון אַ רעגירונגס־אינטערווענץ אין פיומע. אָבער — ווען דער פאַל איז געקומען, האָבן זיך די פאַשיסטן פון אָרט נישט גערירט. פאַרוואָס? איז עס געווען פאַכדאָנעם מיצאַד מוסאָליניִן? אַזוי פאַרזיכערן מאַנכע, אָבער אין עמעסן איז די סיבע געווען אַן אַנדערע: דעם 12 נאָוועמבער 1920 האָט די רעגירונג געשלאָסן מיט יוגאָסלאַוויע דעם ראַפּאַלער אָפּמאַך, לויט וועלכן איטאַליע האָט רעזיגנירט פון פיומע און האָט מאַסקים געווען, אַז אין פיומער האַפן זאָל איינגעשטעלט ווערן אַן אויטאָנאָמער רעזשים. ד׳אַנונציאָ האָט דערקלערט, אַז ער אַנערקענט נישט

עם ראפאלער אפמאך און ער וועט מיט געוואלט נישט דערלאזן אים דורכפירן אין לעבן. מוסאליני אבער האט נאכגעגעבן.

„די פראגע פיומע איז א פראגע פון א צווייט־ראנגיקער באדייטונג, האט מוסאליני געשריבן. דער פאשיזם טאר נישט זיין פארעקשנט אין דער אויסערן־פאליטיק, זיין צוקונפט ליגט אין אן אנדער פלאך. זי ליגט אויפן געביט פון דער אינערלעכער פאליטיק". דאס איז געווען גאנצדייטלעך, אבער מען האט אין אט דער האנדלונג געזען א נייעם באווייז פון מוסאלינים ארבעט אויף צוויי פראנטן. עס איז אבער גענוג צו דערמאנען, אז דער ראפאלא־אפמאך איז געשלאסן געווארן צוויי כאדאשים נאך דער אקציע פון דער פראלעטארישער פאבריקן־באזעצונג. דער פראלעטאריאט האט שוין דעמאלט געהאלטן אין אפטרעטן, און די קאפיטאליסטן און אגראריער, אונטער דעם איינדרוק פון דער געפאר, פון וועלכער זיי זענען ערשט קוים געראטעוועט געווארן, האבן אפעלירט צום פאשיזם, ער זאל צוריקשטויסן די ארבעטער אויף זייערע פריערדיקע פאזיציעס. די פויערן, די קליינע גרונט־באזיצער און די קליינע אונטערנעמער האבן אין גרויסע מאסן געשטראמט צו די פאשיסטן. די גרויס־בורזשואזיע האט גאר ווייניק אין זינען געהאט סיי ד'אנונציאס פאעזיע, סיי פיומע; זי האט געוואלט וואס גיכער א טעל מאכן פון די ארגאניזאציעס פון די ארבעטער. דא האבן זיך געעפנט פאר מוסאליני גאר נייע מעגלעכקייטן. אין קאן איז שוין געשטאנען נישט פיומע, נאר — רוים.

צוגאָב צום קאַפּיטל 5

פּראָגראַם פון די איטאַליענישע פאַשיסטן

צו די וואַלן פון 14 נאָוועמבער 1919

איטאַליענער, דאָ איז פאַר אייך די נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון אַ געזונטער איטאַליענישער באַוועגונג. אַ רעוואָלוציאָנערע פּראָגראַם, ווייל זי איז אַנטי־דאָגמאַטיש און אַנטי־דעמאַגאָגיש, אַ שטאַרק באַנייענדיקע, ווייל זי איז פריי פון פּאָרורטיילן. דער ווערט פון רעוואָלוציאָנערן קריג איז פאַר אונז געשטאַנען העכער פון אַלץ און פון אַלעמען. מיט די אַנדערע פּראָבלעמען, ביוראָקראַטישע, אַדמיניסטראַטיווע, יוריסטישע, קאָלאָניאַלע, שול־פּראָבלעמען א. אַ. וועלן מיר דאַן זיך אָפּגעבן, ווען מיר וועלן האָבן געשאַפן דעם פירנדיקן קלאַס.

דעריבער פאַרלאַנגען מיר:

א) דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט אויפן יעסאָד פון ראַיאָניקע וואַל־ליסטעס מיט פּראָפּאָרציאָנעלער פאַרטרעטערשאַפט, פּאַסיוועס און אַקטיוועס וואַל־רעכט פאַר פרויען.

ב) אַקטיוועס שטים־רעכט פאַר אַלע בירגער פון 18 יאָר אָן און פּאַסיוועס וואַל־רעכט פאַר אַלע בירגער פון 25 יאָר אָן.

ג) אָפּשאַפן דעם סענאַט.

ד) רופן אַ נאַציאָנאַל־פאַרזאַמלונג אויף אַ דויער פון דריי יאָר, און איר ערשטע אויפגאַבע זאָל זיין באַשטימען די קאָנסטיטוציע פון דער מעלוכע.

ה) בילדן טעכנישע לאַנד־ראַטן פאַר אַרבעט, טראַנספּאָרט־וועזן, אינדוסטריע, סאָציאַלע היגיענע, פאַרקער א. אַ. וו., געוויילט דורך די אָרגאַניזאַציעס פון די געגעבענע פאַכן; די ראַטן זאָלן האָבן געזעצגעבערישע פולמאַכטן און דאָס רעכט צו נאָמינירן אַ גענעראַל־קאָמיסאַר מיט רעכט פון אַ מיניסטער.

וואָס איז שייך די סאָציאַלע פּראָבלעמען, פאַרלאַנגען מיר:

א) טייקעף אָננעמען אַ געזעץ, וואָס זאָל רעגולירן די נאַכט־אַרבעט.

ב) מינימום־לוינען.

ג) אַרבעטער־פֿאַרטרעטער זאָלן האָבן מיטבאַשטימונגס־רעכט אין דער טעכנישער פֿאַרוואַלטונג פֿון דער אינדוסטריע.

ד) אָנערקענען דאָס רעכט פֿון מאָראַליש און טעכניש־פֿעיִקע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס צו פֿאַרוואַלטן מיט דער אינדוסטריע און מיט דעם עפֿנטלעכן דינסט.

ה) שנעל פֿאַרבעסערן די אייזנבאַנען און אַלע אַנדערע טראַנספּאָרט־אינדוסטריעס.

ו) אַריינפֿירן די נויטיקע ענדערונגען אינם פּראָיעקט וועגן אינוואַלידן־ און עלטער־פֿאַרזיכערונג און אַראָפּזעצן דעם עלטער פֿון 65 אויף 55 יאָר.

בנוגע דער מיליטערישער פּראָבלעם פֿאַרלאַנגען מיר:

א) איינפֿירן אַ נאַציאָנאַלע מיליץ מיט קורצע איבונגס־פּעריאָדן און אויסשליסלעך מיט פֿאַרטיידיקונגס־פֿונקציעס.

ב) נאַציאָנאַליזירן אַלע פֿאַבריקן פֿון וואָפֿן און אויפֿרייס־מאַטעריאַלן.

ג) אַ נאַציאָנאַלע אויסערן־פּאָליטיק, וואָס זאָל מעגלעך מאַכן פֿאַר דער איטאַליענישער נאַציע דעם אָנטייל אינם פֿרידלעכן וועט־קאַמף צווישן די פֿעלקער.

אויפֿן פֿינאַנץ־געביט פֿאַרלאַנגען מיר:

א) אַ הויכן, אויסערגעוויינלעכן, פּראָגרעסיוון שטייער אויף קאַפּיטאַל, וואָס זאָל פֿאַקטיש באַדייטן די עקספּראָפּריאַציע פֿון אַ טייל פֿון אַלע רייכטימער.

ב) קאָנפֿיסקירן אַלע מאַיאָנטקעס פֿון אַלע רעליגיעזע קאָנגרעגאַציעס און אָפּשאַפֿן אַלע ביסקופּישע האַכנאָסעס, וועלכע זענען אַן אומגעהויערע לאַסט פֿאַר דער נאַציע און אַ פּריווילעגיע בלויז פֿאַר געציילטע.

ג) רעווידירן אַלע אָפּמאַכן וועגן מילכאָמע־ליפֿערונגען און קאָנפֿיסקירן 86 פּראָצענט פֿון די מילכאָמע־פּראָפֿיטן.

איטאַליענער! דער פֿאַשיזם וויל אין דעם נייעם נאַציאָנאַלן לעבן אַנטוויקלען דעם גייסט, וואָס איז געהאַרטעוועט און געוואַנען געוואָרן בעת דעם קריג. ער וויל די איטאַליענער פֿון אַלע

רעליגיעס און אַרבעטנדיקע קלאַסן פאַרייניקן אין איין אַנטי־ און איבער־פאַרטייאישער אָרגאַניזאַציע, קעדיי צו פירן זיי צו די נייע אומפאַרמיידלעכע קאַמפן, וואָס זענען נויטיק אויף צו רעאַליזירן די דערגרייכונגען פון דער גרויסער רעוואָלוציאָנערער מילכאָמע. די פאַשיסטן ווילן, אַז די געבראַכטע קאָרבאָנעס זאָלן באַוואָרענען פאַר די איטאַליענער יענעם פּלאַץ אין אינטערנאַציאָנאַלן לעבן, וואָס קומט זיי אויפן גרונט פון זייער זיג.

אין אָנבליק פון אָט דעם גרויסן ווערק איז עס די פליכט פון יעדן איינעם אַריינצוטרעטן אין די רייען פון די פאַשיסטן.

צענטראַל קאָמיטעט

מילאַן, 28 אויגוסט 1919.

קאַפּיטל 6

דער פּאַשיזם געווינט דאָס דאָרף

1. די פּאָלגן פונם קריג אין דאָרף

אין איטאַליע זיינען 59,4 פּראָצענט פון אַלע אַקטיוו־באַטייליקטע אין ווירטשאַפטלעכן לעבן באַשעפטיקט אין דער לאַנד־ווירטשאַפט, אין ענגלאַנד איז דער אַנטשפּרעכנדיקער פּראָצענט 9, אין דייטשלאַנד 29, אין פראַנקרייך 41,2, אין בעלגיע 23 און אין דער שווייץ 31. ווי מיר וועלן ווייטער זען, האָט זיך די לעצטע יאָרן די פאַרהעלטעניש צווישן לאַנדווירטשאַפט און אינדוסטריע געביטן לטובֿת דער אינדוסטריע. אָבער נאָך איצט האָט די לאַנדווירטשאַפט קוואַנטיטאַטיוו אַן איבערוואָג לעגאַבע דער אינדוסטריע. און אויך די צאָל לאַנדווירטשאַפטלעכע באַפעלקערונג איז גרעסער פאַר דער צאָל אינדוסטריע־באַפעלקערונג.

בעתן קריג האָבן די פּויערן געהאַט אַ מעגלעכקייט צו מאַכן אָפּשפּאָרונגען. די אַרמיי פלעגט דעמאָלט אויסקויפן אַ גרויסן טייל פון דער אַגראַר־פּראָדוקציע צו אויסערגעוויינלעך הויכע פּרייזן. די מלוכה האָט דעמאָלט קאָנטראָלירט די פּרייזן אין דער אינדוסטריע און האָט נישט דערלאָזן, ס׳זאָל זיך שאַפן אַ צו גרויסע „שער" צווישן די פּרייזן אויף שטאָטישע (אינדוסטריעלע) און דאָרפישע (לאַנדווירטשאַפטלעכע) אַרטיקלען. פאַר מאַנכע פּראָדוקטן (פאַר טוווע און בוראַקעס) האָט די מלוכה געגעבן אַפילו פּרעמיעס. פאַר די יאָרן פונם קריג און די ערשטע צייט נאָכן קריג האָבן זיך געענדערט די באַזיץ־פאַרהעלטענישן אין דאָרף. אין פאַרשידענע ראַיאָנען איז פאָרגעקומען גאָר אַ גרויסע פאַרצעלירונג פונם באָדן — צוליב פאָלגנדיקע סיבות: 1) עס איז פאַרצעלירט געוואָרן דער באָדן פון די געפאַלענע אין

קריג פויערן צווישן די יאָרשים. 2) נאָכן צוריקקער פון די פויערן פון דער אַרמיי און פון די מילכאָמע־אינטערנעמונגען זיינען ענט־שטאַנען נייע פאַמיליעס. ווי ד״ר טאַסינאַרי האָט אויסגערעכנט איז פאַר די יאָרן 1913—1921 פאָרגעקומען אַזא מין וווקס פון די פרייזן אויף באָדן:

אין די סיציליאַנישע לאַטיפונדיעס איז דער פרייז פון באָדן געשטיגן אויף 312 פראָצ.

באָדן פאַר מאַראַנצן־פּלאַנטאַציעס אויף 38 פראָצ.

דער באַוואַסערונגס־פעיקער באָדן אין פיעמאָנט און אין לאָמבאַרדיע — אויף 275 פראָצ.

דער באָדן אין מיטל־איטאַליע (פאַר געמישטע קולטורן) — אויף 400 פראָצ.

דער דורכשניטלעכער וווקס פון די פרייזן אויף פּראָדוקטן פאַר דער זעלבער צייט איז געווען:

פאַר פּראָדוקטן פון לאַטיפונדיעס — 500 פראָצ.

פאַר פּראָדוקטן פון מאַראַנצן־סעדער — 550 פראָצ.

דערביי, ווי געזאָגט, איז פאָרגעקומען אַ קענטיקע ענדערונג אויך אין די באַזיץ־פאַרהעלטענישן אין דאָרף. עס איז אויפגעקו־מען אַ נייער שיכט ערד־באַזיצער. אַ שטראָם פון ספּעקולאַנטן האָט אַ פלייץ געטון אין דאָרף אריין, מ׳האָט זיך געוואָרפן אויפן באָדן, וועגן וועלכן מ׳האָט ביז דאַן געמיינט, אַז ער איז פאַרמישפּעט אויף אייביקע ווירטשאַפטלעכע גליווערניש; אַן אויפלעבונג פלעגט זיך נאָר מאַכן נאָך וווּלקאַן־אויסברוכן, נאָך ערד־ציטערנישן. איצט האָט דער קריג געווירקט, ווי אַן ערד־ציטערניש, ער האָט אויפגערודערט דאָס דאָרף, עס אַרויסגעשטויסן פון גלייכגעוויכט, און די הענדלער און ספּעקולאַנטן האָבן מיט גיריקע בליקן באַ־טראַכט יעדער שטיקל באָדן. אָט די נייע שיכטן, די קליינע לאַנד־ווירטן, וואָס זיינען איצט אויסגעוואַקסן און געוואָרן ערד־באַזי־צער, די קליינע פריצימלעך, וואָס האָבן פאַרגרעסערט זייערע נאַכ־לעס און אַ טייל אָפּגעגעבן אין אַרענדע צו לאַנד־אַרבעטער, צי אַדוואָקאַטן און סאָכרים, וואָס האָבן ספּעקולירט מיטן באָדן און

טייל באַדן געלאָזן אויך פאַר אייגענעם באַזיץ — די דאָזיקע נייע רייך־געוואָרענע שיכטן, זיינען געוואָרן פאַנאַטישע פּאַרטיידיקער פון הייליקן פּריוואַט־אייגנטום און די ערשטע אָנהענגער פונם פאַשיזם.

2. קלאַסן־קאַמף אין דאָרף צום סאָף מילכאָמע

די איטאַליענישע לאַנד־אַרבעטער זענען נאָך דער וועלט־מילכאָמע געווען אָרגאַניזירט אין אַ גאַנצער רייע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געפירט צווישן זיך אַ קאָנקורענץ־קאַמף.

דער נאַציאָנאַל־פאַרבאַנד פון לאַנד־אַרבעטער, אָנגעשלאָסן אין דער אַלגעמיינער קאָנפעדעראַציע פון איטאַליענישע אַרבעטער, האָט אין 1920 אַרומגענומען 1,145,000 מיטגלידער, דער איקער לוין־אַרבעטער, און אַ געוויסע צאָל פּאַכטערס און קליינע לאַנד־ווירטן. די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע איז געווען אָריענטירט סאָציאַליסטיש און רעפאָרמיסטיש. דאַן דער איטאַליענישער אַרבעטער־פאַרבאַנד, וועלכער האָט אין 1920 געציילט 944 טויז. מיטגלידער, דערפון 741 טויז. פּאַכטער, 108 ט. קליינע ערד־אייגנטימער און 95 טויז. לוין־אַרבעטער. דערפאַרבאַנד איז געוואָרן אָנגעפירט פון דער קאַטוילישער פאָלקס־פּאַרטיי. און דאַן נאָך די איטאַליענישע אַרבעטער־אוניע, צו וועלכער עס האָבן געהערט ביז 60 טויז. פויערן, צום גרעסטן טייל פּאַכטערס און קליינע ערד־אייגנטימער. די „אוניע" האָט זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי.

דער נאַציאָנאַלער פאַרבאַנד פון געוועזענע קריג־באַטייליקטע איז אפילו נישט געווען קיין אויסשליסלעך פויערישע אָרגאַניזאַציע, אָבער פיל געגנטן זיינען אויך דאָ געווען פאַרטרעטן אין זייער מערהייט דורך פויערן. אין דאָרעם־איטאַליע האָט אָט דער פאַרבאַנד אויסגעפילט זייער פיל פונקציעס פון אַ פויערן־אָרגאַניזאַציע. די געגרינדעטע נאָך דער מילכאָמע פויערן־פּאַרטיי איז געווען באַקאַנט נאָר אין פּיעמאָנט, און האָט אַרומגענומען נישט מער ווי עטלעכע טויזנט קליינע און מיטעלע פויערן.

די סאַרדינישע אַקציאָנס־פּאַרטיי איז נישט געווען קיין אויס־געשפּראָכענע פּויערן־פּאַרטיי, אָבער אַ דאַנק איר פּראָגראַם, אין וועלכער זי האָט געפאָדערט אַדמיניסטראַטיווע אויטאָנאָמיע פאַר סאַרדיניע, האָט זי געהאַט אַ ווירקונג אויף דער מערהייט פּויערשע באַפעלקערונג פון אָט דער געגנט.

די סלאָווענישע פּאָלקס־פּאַרטיי, אַן איטאַליענישע פיליע פון דער קראָאַטישער־פּאַרטיי, האָט פאַרמאָגט אַ ווייט־פאַרצווייגטע נעץ פון פּויערשע קרייזלעך אין דער פּראָווינץ גערץ.

די מיינונגען וועגן דער קאַטוילישער אַרבעטער־באַוועגונג גייען זיך נאָך ביז היינט שטאַרק פונאַנדער. דאָס נעמט זיך דער איקער דערפון, וואָס די דאָזיקע באַוועגונג האָט אין פאַר־שיידענע טיילן לאַנד געשפּילט זייער אַ פאַרשיידענע ראָל. ביכלאַל גענומען, אַזוי ווי די דאָזיקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט זיך גע־פונען אין דירעקטן דינסט פון דער „פּאָלקס־פּאַרטיי", איז איר ראָל געווען, נאַטירלעך, אַ קאָנטררעוואָלוציאָנערע. די דעמאַגאָ־גישע לאָזונגען האָבן די פירער גופע דערקלערט מיט דער נויטי־קייט צו קאָנען פירן דעם אַנטי־מאַרקסיסטישן קאַמף; און אין אַלע שווערע קאָנפליקטן האָבן די דאָזיקע פירער געהאַנדלט — אונטערן דרוק פון די פּריצים און גייסטלעכע — אַלס פאַקטישע צעשטערער פונעם פּויערשן קאַמף־פראָנט. אָבער אין די ערטער, ווו די קאַטוילישע אָרגאַניזאַציע האָט באַוויזן אַרומצונעמען די מער־הייט פּויערן, האָט זי קעגן דעם ווילן פון די פירער אָנגענומען אַ מין צעשוומען רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער, צוליב וועלכן מען האָט די באַוועגונג געקרוינט מיטן נאָמען „ווייסער באָלשעוויזם". אַזאַ פאַל איז געווען, צום ביישפּיל, אין דער פּראָווינץ קרעמאָנאַ. אין פרילינג 1921 האָט די קאַטוילישע פּויערן־אָרגאַניזאַציע אָנגע־הויבן אין דער פּראָווינץ אַ ווירטשאַפטלעכן קאַמף, וועלכער האָט זייער לאַנג געדויערט און האָט געשאַפן ביז גאָר אַ שווערע לאַגע. ערשט אין יוני כוידעש האָט אַ שיד־קאָמיסיע קוים באַוויזן צו דערפירן צו אַזאַ לייזונג פונעם קאָנפליקט, וואָס זאָל זיין אָננעמלעך פאַר די פּויערן. דאָס איז געווען דער באַרימטער „ביאַנקי־אור־טייל" (ביאַנקי איז געווען פאָרזיצער פון דער שיד - קאָמיסיע),

וואס האט סאנקציאנירט דעם פרינציפ פון „לאנדווירטשאפטלעכע אונטערנעמונגס־קאמיסיעס”; די „קאמיסיעס” זענען לויט זייערע פונקציעס געווען אין א געוויסער מאס ענלעך צו די אינדוס־טריעלע פאבריק - ראטן, נאר אזוי ווי די „קאמיסיעס” האבן געהאט א סאך גרעסערע פולמאכטן, האט די רעאקציאנערע פרעסע אנגעהויבן א געשריי, אז די „קאמיסיעס” מאכן א טעל פונם געזעצלעכן אייגנטום - רעכט. די פריצים און די פאשיסטן האבן נישט געוואלט אנערקענען דעם ביאנקי - אורטייל, און זיי האבן פאנאנדערגעבונדן א בלוטיקן קאמף; וועלכער האט געדויערט קימאט א יאר צייט און האט זיך געענדיקט דערמיט, אז מען האט דעם 11־טן אפריל 1922 דורך א געזעץ אפגעשאפט דעם ביאנקי - אורטייל, און אויף זיין ארט איז אריין אין קראפט א נייער אפמאך, וועלכן די פריצים האבן אויסגעארבעט און דער פרעפעקט האט אים באשטעטיקט.

די באוועגונג, וואס די „רויטע” פארבאנדן (סאציאליסטן און רעפארמיסטן) האבן אויפגעהויבן, איז אויך געווען זייער א שטור־מישע. אין צאפן־איטאליע און אין צענטראלן טייל פון לאנד האבן די קליינע פויערן, די פאכטערס און די כוטארניקעס קימאט אומעטום זיך דערשלאגן צו אבליגאטארישע קאלעקטיווע אפמאכן. לויטן קאלעקטיוון אפמאך איז די פויערן־ליגע געווען די געזעצלעכע פארטרעטערין פון דער גאנצער מאסע לאנד־ארבע־טער, אויך פון די נישט - ארגאניזירטע. די פרימיטיווע פארמען פון עקספלואטאציע זענען באזייטיקט געווארן. ביכלאל — די דערגרייכונגען, צו וועלכע די איטאליענישע פויערן האבן זיך דערשלאגן אין אט דעם פעריאד, האבן נישט זייער גליכן אין דער געשיכטע פון אנדערע איראפעישע לענדער. די „טערצער־יא” — א סיסטעם, וואס איז באשטאנען דערין, אז דער פריץ האט געקאנט אן שום באלוינונג פאדערן פאר זיך צוויי דריטל פון דער גערעטעניש, וואס דער פויער נעמט אראפ פון דעם ארענ־דירטן ביי אים באדן — איז באטל געווארן. די אלטע ארענדע־אפמאכן האבן פארויסגעזען, אז זריע, בעמישע באמיסטיקונג און אנדערע וויכטיקע מאטעריאלן דארפן צושטעלן די פויערן. און

דערביי האָבן זיי געמוזט זייען די קולטורן, וואָס די פּריצים האָבן פאַרלאַנגט. די זין פון די פּויערן האָבן נישט געטאָרט כאַסענע האָבן אָן דער דערלויבעניש פונם פּאַרעץ, „קעדיי צו פאַרהיטן די מאַיאָנטקעס און די געהעריקע צו זיי בּיניאָנים פון איבערבּאַפעל־קערונג". האָבן טאָקע די זין פון די פּויערן אָפט אויסגעמיטן כאַסענע צו האָבן, אויס מוירע, מען זאָל נישט אַרויסטרייבן דער־פאַר זייערע פאַמיליעס. און עס זענען געווען נאָך צוגאָבן (אַפּענ־דיטשי):

אַזוי לעמאָשל, האָבן די פּאַכטערס געמוזט אַ געוויסע צאָל טעג אין יאָר אַרבּעטן אויפן פּאָרעץ אָן שום לוין; זיי האָבן אויך געמוזט ליפערן אָן געלט אַ באַשטימטע צאָל אייער און הינער; געבן אָן אָפּצאָל פון יעדן אויפגעהאָדעוועטן כאַזער; ברענגען אַ מאַטאָנע פון די ערשטע צייטיק געוואָרענע פּרוכטן א. אַז. וו. די נייע אָפּמאַכן, וואָס די פּויערן־ליגעס האָבן אויסגעקעמפט, האָבן אַ סאָף געמאַכט צו די אַלע פעאָדאַלע איבערבּלייבענישן.

לויט די נייע אָפּמאַכן האָבן די פּריצים געמוזט אַליין צו־שטעלן אַ העלפט פון אַלע זריעס און פון דער נאַטירלעכער צי בּעמישער באַמיסטיקונג. אין איינ‏יקע ראַיאָנען האָט מען זיך אַפילע דערשלאָגן, אַז די פּריצים האָבן אויף זיך גענומען די דאָ־זיקע אויסגאָבן אינגאַנצן. אַכוץ דעם איז געוואָרן אויסגערעדט, אַז ווען דער טערמין פון אָפּמאַך ענדיקט זיך, קאָן מען די פּאַכ־טערס און קליינע פּויערן אויך נאָר דאַן אַראָפּטרייבן פונם באָדן, אויב אַ קאָמיסיע, וואָס באַשטייט אויף אַ העלפט פון פּויערן, וועט אָנערקענען די מאָטיוון דערצו פאַר וואָגיק.

די אָפּמאַכן האָבן פעסטגעשטעלט לעטוויוועס די לוין־אַרבּע־טער אַ מינימום אַרבּעטס־טעג אין יאָר, ווען דער פּאַרעץ מוז זיי באַשעפטיקן. דער דאָזיקער מינימום איז באַרעכנט געוואָרן לויט דער גרויס פונם מאַיאָנטעק און לויט דער אייגנשאַפט פון די פאַרזייטע קולטורן.

ביי דער פּויערן־ליגע איז אויך געווען אָרגאַניזירט אַ פאַר־מיטלונגס־ביוראָ, וועלכע די פּריצים האָבן נישט געטאָרט אויס־מיידן ביים אָנגאַזשירן אַרבּעטער. אַזוי אַרום האָט די ליגע גע־

קאָנט קאָנטראָלירן, צי יעדער אַרבעטער ווערט באַשעפטיקט אומ־געפער אַ גלייכע צאָל טעג אין יאָר.

די דעראָבערונגען פון די לוין־אַרבעטער קאָן מען אָמבעסטן זען פון דער פאָלגנדער טאַבעלע (אויפגעשטעלט פון ד״ר טאַ־סינאַרי):

	האַכנאָסע־טייל פון לוין־אַרבעטער 1912-14;	1921-22;	האַכנאָסע־טייל פון די פריצים. 1912-1[illegible];	1921-22
מילבווירטשאַפטן און רייז־פעלדער אין לאָמבאַרדיע —	33,8%	50%,	48%,	24,8%
מאַראַנצן־סעדער אין סיציליע —	19,9%	50,5%	70,8%	35,8%
טווע (אין אַפוליע) —	39,7%	57%,	43,8%	27,4%

דער רעשט, ביז 100 פּראָצענט, פאַלט אויף אַדמיניסטראַציע־קאָסטן און קאַפּיטאַל־צינזן.

3. פאַרכאַפּטער באָדן

מיר מוזן נאָך אַ פּאָר באַמערקונגען מאַכן וועגן דער באַזונ־דערער פאָרם פונם קלאַסן־קאַמף אין איטאַליענישן דאָרף, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער באַזעצונג פונם באָדן.

בעאיים דער מילכאָמע האָט מען די פּויערן אויפן פראָנט צו־געזאָגט ערד. דער דעמאָלטיקער פּרעמיער - מיניסטער סאַלאַנדראַ האָט אין אַ רעדע, וועלכע איז אין אַ ספּעציעלער אויסגאַבע פאַר־שפּרייט געוואָרן אין די אָקאָפּעס, אַזוי דערקלערט:

,,נאָכדעם ווי איטאַליע וועט זיגרייך פאַרענדיקן די מילכאָמע, וועט זי אויספירן אַ גרויסע טאַט פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. איטאַליע וועט געבן די פּויערן ערד און אַלץ, וואָס דערצו איז נויטיק, קעדיי יעדער פראָנט - העלד, וואָס האָט מוטיק געקעמפט אין די אָקאָפּעס, זאָל קאָנען געניסן פון אומאָפּהענגיקער עקזיס־

טענץ. דאָס וועט זיין די באַלוינונג פונם פאָטערלאַנד פאַר זיינע מוטיקע זין״.

נאָך דער מילכאָמע האָבן אַלע בירגערלעכע פּאַרטייען געפילט, אז ס'איז נויטיק דורכצופירן אן אגראַר־רעפאָרם. מיר וועלן זיך באַנוגענען דערמיט, וואָס מיר וועלן ברענגען נאָר מוסאָלינים מיי־נונג אין אָט דער פראַגע:

„צו דער ערד־פראַגע דאַרף מען צוגיין מיט פאָלגנדיקן פרינ־ציפ: די ערד איז פאַר דעם, וואָס אַרבעט״. דאָס האָט מוסאָליני געשריבן אין „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ״ פון 11־טן אַפּריל 1920. אין אַרטיקל זיינער אין זעלבן „פּאָפּאָלאָ״ פון 2־טן יוני 1919 האָט געהייסן: „די ערד די פויערן״.

מיט צוויי באַדאָשים שפּעטער האָט ער געשריבן:

„מיר ווילן עקספּראָפּריאירן די ערד, די גרובנס און די טראַנספּאָרט־מיטלען. מיר שטיצן פולשטענדיק די גערעכטע פאָדע־רונגען פון די פויערן, בארג ־ אַרבעטער און מאַטראָזן״ („פּאָפּאָ־לאָ ד'איטאַליאַ״, 3־טער אויגוסט 1919).

פאַקטיש אָבער האָט דעמאָלט, פון 1919 ביז 1920, קיין איין איטאַליענישע פּאַרטיי נישט אַרויסגערוקט די קאָנקרעטע פּראָ־בלעם פון אן אגראַר ־ רעוואָלוציע: די מאַקסימאַליסטן האָבן גע־טרוימט וועגן באַלדיקער אַלגעמיינער סאָציאַליזאַציע; די רעפאָר־מיסטן האָבן קיין זאַך נישט אין זינען געהאַט, אַחוץ זייערע קאָאָ־פּעראַטיוון, וועלכע זיי האָבן געוואָלט פאַרפעסטיקן; און די קאַ־טוילישע פאָלקס־פּאַרטיי האָט זיך באַמיט צו צוימען די קאַמפן פון דער פויערנשאַפט דורך דער אילוזיע פון פרידלעכע און גע־זעצלעכע רעפאָרמען.

דורך דעם ווייסאָקי ־ דעקרעט (ווייסאָקי איז געווען אַגראַר־מיניסטער) האָט די רעגירונג געגעבן די אָרעמע פויערן, אָרגאַני־זירטע אין קאָאָפּעראַטיוון, דאָס רעכט צו פאַרנעמען דעם נישט באַאַרבעטן אָדער שלעכט באַאַרבעטן באָדן פון די פּריצים, אויף א צאָל יאָרן אָפּהענגיק פון די קולטורן, וואָס ווערן געזייט. מען האָט דערויף בלויז באַדאַרפט האָבן די דערלויבעניש פון א קאָ־מיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון א גלייכער צאָל פויערן און פּרי־

צים און האָט געהאַט דעם פּרעפעקט פאַר א פּאָרזיצער. די דאָזיקע קאָמיסיע האָט באַשטימט די דויער פון דער באַזעצונג און דעם פּאַכט ־ פּרייז, וואָס די פּויערן האָבן באַדאַרפט צאָלן די פּריצים פאַר דעם באַזעצטן באָדן. אַסאַך פּויערן האָבן אין דעם ווויסאָקי־דעקרעט געזען דעם אָנהויב פון זייער ערד ־ דעראָבערונג. די פאָלקס ־ פּאַרטיי (קאַטאָליקן) און די פאַרבאַנדן פון די געוועזענע קריג ־ באַטייליקטע האָבן איבערגעטריבן די באַדייטונג פונם דעקרעט און האָבן איינגערעדט די פּויערן, אַז מען קאָן אויך אין די ראַמען פון דער עקזיסטירנדיקער געזעלשאַפט דעראָבערן בּיסלעכווייז די ערד (עס האָט די פּויערים דערוואַרט, נאַטירלעך, א גרויזאַמע אַנטוישונג). די מעלוכע האָט זיך געזען אויך געצוווּנגען צו געבן די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָאָפּעראַטיוון און אָרעמע פּויערן ביליקן לאַנג־טערמיניקן קרעדיט. און נאָך א געזעץ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן, אַז שוין נאָכן טערמין פונם קאָלעקטיוו־אָפּמאַך טאָר מען אויך נישט סטאַב צונעמען די ערד ביי די פּויערים, אַזוי אַז דורכדעם האָט איינער פון די פּונקטן פון די אויסגעקעמפטע קאָלעקטיוו־אָפּמאַכן באַקומען די קראַפט פון געזעץ.

אויפן גרונט פונם ווויסאָקי ־ דעקרעט זענען לעגאַליזירט געוואָרן צאָלרייכע פאַלן פון סטיכישער באָדן ־ אָקופּאַציע, וואָס די פּויערים האָבן אַליין אויסגעפירט און צומייסטנס אָן א שום אָנטייל פון די לאָקאַלע אָרגאַניזאַציעס פון די געוועזענע קריגס־באַטייליקטע. די ערשטע פאַלן פון באָדן ־ אָקופּאַציע זענען פאָרגעקומען אין לאַציום אין אויגוסט 1919. אין די ווייטערדיקע כאַדאָשים האָבן זיך די פאַלן איבערגעכאַזערט אין פאַרשידענע ערטער אין דאָרעם און באַזונדערס אין סיציליע.

פון א באַריכט פון דער „סיציליאַנער באַנק" — איינע פון די דריי עמיסיע־בענק, וואָס זענען געוואָרן באַפולמעכטיקט צו געבן די פּויערישע קאָאָפּעראַטיוון קרעדיטן אויף צו באַאַרבעטן דעם פאַרנומענעם באָדן — ווערן מיר געוואָר, אַז די דאָזיקע באַנק האָט פאַר דעם יאָר 1919—20 פינאַנסירט די אַרבעט אויף 39 טויזנט העקטאַר ערד און האָט געגעבן קרעדיט 5 מיליאָן ליר אויף קאָלעקטיוון איינקויף פון באָדן. בלויז פאַר סיציליע אַליין

האָט די באַנק דורכגעפירט קרעדיט - אַקציעס אויף אַ סומע פון 34 מיליאָן ליר.

לויט אַ פאַרשטענדיקונג צווישן די פּריצים און די אַרבעטער זענען באַזעצט געוואָרן, אונטערן קאָנטראָל פון די געגנטלעכע קאָמיסיעס, ביז 174 טויזנט העקטאַר ערד. אומגעזעצלעך, לויט אַי־ניציאַטיוו פון פויערישע אָרגאַניזאַציעס, זענען אָקופּירט געוואָרן בלויז 74 טויזנט העקטאַר.

4. די לאַגע אין דער געגנט פון טייך פּאָ

אמשארפסטן זענען געווען די סאָציאַלע קעגנזאצן אין די אגראר - געביטן פּאָ און עמיליא.

די פּאָ־געגנט איז דאָס וויגעלע פונם איטאַליענישן סאָציאַ־ליזם. צווישן די דאָרטיקע לוין - אַרבעטער איז אויפגעקומען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין די יאָרן 1880 — 1890. צווישן 1900 און 1906 איז אין דער זעלבער געגנט געבוירן געוואָרן דער רעוואָלוציאָנערער סינדיקאַליזם. און דאָרט איז אויך אין 1920—21, נאָך אַ קורצער פּאַוזע פון פּאָליטישער אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דער עוואַקואַציע פון פיומע, אויפגעקומען דער עכטער פאַשיזם.

אין עמיליא פאַרנעמען זיך מיט לאַנדווירטשאַפט 60 פּראָ־צענט באַפעלקערונג. דערפון זענען 25 פּראָצענט פּריצים און 13 פּראָצענט קליינע ערד־אייגנטימער.

וועגן דער פּראָגרעסיווער ראָל פון דעם פויערישן קלאַסן־קאַמף פון דער פּאָ־געגנט רעדן אַלע פּאָליטישע שריפטשטעלער פון איטאַליע, אַפילע די קאָנסערוואַטיווע.

די פּריצים פון דער פּאָ־געגנט, וואָס די עסטרייכישע הער־שאַפט האָט זיי אַמאָל גאַנץ גוט געשמעקט, האָבן זייער באָדן גע־לאָזן באַאַרבעטן דורך פויערים, וועלכע זענען געווען געבונדן מיט „טערצעריאַ" - אָפּמאַכן, מיט אַ צוגאַב נאָך פון קאָלערליי פעאָ־דאַלע טאַקסאָנעס. די באָדן - באַאַרבעטונג איז געווען זייער אַ אָפּגעשטאַנענע און אַן עקסטענסיווע. אַ גרויסע צאָל אַרבעטער האָט

דעם גרעסטן טייל פון יאָר גאָר קיין אַרבעט נישט געהאַט. און זיי זענען לייכט געוואָרן אָנהענגער פון 1־טן אינטערנאַציאָנאַל און פון באַקונינס עפיגאָנען. אומרוען, אויפשטאַנדן, נישט איינגעגעבענע פאַרשווערונגען און גרויסע פּראָצעסן האָבן עטלעכע צענדליק יאָר געהאַלטן די פּריצים אין שרעק. אַדאַנק דעם בונד צווישן די לוין־אַרבעטער און די אַרבעטנדיקע פּויערים און אויך אַדאַנק דעם, וואָס אַ טייל איטאַליענישע באַקוניסטן האָבן עוואָלוציאָנירט און געוואָרן סאָציאַליסטן (די גרופּע פון אַנדרעאָ קאָסטאַ) — איז דער קאַמף קעגן די פּריצים פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאַמף פאַר ווירטשאַפטלעכע דערגרייכונגען. עס האָט זיך געדוכט, אַז קעדיי צו פאַרזיכערן אַלע לוין־אַרבעטער מיט אַרבעט און איבערגיין פון דער סיסטעם פון „טערצעריאַ" — צו פּאַכט ־ סיסטעם איז אומ־באַדינגט נויטיק אַ טיף־גרייכנדיקע טעכנישע רעוואָלוציע אין דער לאַנדווירטשאַפט. מען האָט אָנגעהויבן זיך אָפּגעבן מיט טעכנישע קולטורן, וואָס זענען נויטיק פאַר דער אינדוסטריע און ווערן גע־זייט לויט אַ געוויסער פאָלג־רייע; מען האָט איינגעפירט קינסט־לעכע באַמיסטיקונג און מען האָט אויסגעברייטערט די נעץ פון קינסטלעכער באַוואַסערונג; די פּי־צוכט האָט זיך שטאַרק אַ רוק־געטון אין איר אַנטוויקלונג, און מען איז לעסאָף צוגעטרעטן אויך צו דער פּראָבלעם פון טרוקענען די זומפּיקע באָדנס. די פּאָ־געגנט האָט ביסלעכווייז באַקומען גאָר אַן אַנדער אויסזען. זי איז געוואָרן איינע פון די בעסטע קולטיווירטע געגנטן פון אייראָפּע.

נאָך לאַנגע און בלוטיקע קאַמפן האָבן די פאַרבאַנדן פון די לוין־אַרבעטער זיך דערשלאָגן צו אָפּמאַכן, וועלכע האָבן פאַר־ווערט די פּאַכטער צו באַשעפטיקן אויף זייערע פעלדער אַנדערע פּאַכטער, און פעסטגעשטעלט דעם מינימום אַרבעטס ־ טעג אין יאָר, ווען די פּאַכטער מוזן באַשעפטיקן די אַרבעטער (וואָס זיי באַקומען דורך דער פאַרמיטלונג פון די אָרטיקע אַרבעטער־פּאַריי־נען), און געצוווּנגען זיי צו טראָגן אַליין די קאָסטן פון די אַרבע־טער, נישט זיי אַריבערוואַרפן אויף די פּריצים. צוליב דעם האָט זיך צעפלאַקערט אַ הייסער קאַמף צווישן די פּויערים און די אַרבע־טער. מאַסן פּויערים זענען דאַן אַריבער צו דער רעפּובליקאַנישער

פּאַרטיי און צו די קאַטוילישע פאַרבאַנדן. די אָרטיקע כראָניק פון עמיליאַ און ראָמאַניאַ פון פאַר און אויך פון נאָך דעם קריג דער־ציילט זייער פיל וועגן בלוטיקע קאַמפן צווישן די לוין־אַרבעטער (סאָציאַליסטן) און די קליינע ערד־אייגנטימער און פאַכטער (רע־פּובליקאַנער). עס איז אַ גאַנצע ליטעראַטור פאַראַן איבער די פאָרמען און אינהאַלט פון אָט די קאַמפן. ביי דער געלעגנהייט איז נישט איבעריק צו דערמאָנען וועגן אַ פּאַרלאַמענטאַרישן דאָקו־מענט, וועלכן מען קאָן באַטראַכטן, ווי אַ מין אָפיציעלן אָנזאָג וועגן דער געבורט פונם פאַשיזם אין דער פּאָ־געגנט.

דעם 18־טן דעצעמבער 1920 האָט דער פּאַרלאַמענט, נאָך אַן אויסערגעוויינלעך שאַרפן קאָנפליקט צווישן פאַשיסטן און סאָציאַ־ליסטן באַשטימט אַ קאָמיסיע אויף אויסצופאָרשן די לאַגע אין ראַיאָן פון באָלאָניאַ (עמיליאַ). די קאָמיסיע האָט צענויפגעשטעלט אַ באַריכט, אין וועלכן זי דערציילט וועגן דער העגעמאָניע, וואָס די אַרבעטער - פאַרבאַנדן האָבן אויסגעקעמפט און וועגן געוויסע ראַדיקאַלע מאַסמיטלען, וואָס די אַרבעטער ווענדן אָן, ווי בויקאָט, שטראָפן א. ד. גל. וועגן בויקאָט זאָגט דער באַריכט אַזוי:

„אָט די פּראַקטיק, וואָס ווערט צום אומגליק אין געוויסע געגנטן פון איטאַליע שוין פון לאַנג אָנגעווענדט, באַשטייט דערין, אַז די באָיקאָטירטע פערזאָנען אָדער פאַמיליעס קאָנען נישט באַ־קומען אין זייער וווין־אָרט קיין שום זאַך, וואָס איז נויטיק פאַר זייער ווירטשאַפט, אָדער סטאַם פאַר זייער טעגלעכן לעבן. בויקאָ־טירטע פּריצים אָדער כוטאָרניקעס זענען נישט נאָר נישט אימ־שטאַנד צו קריגן אַרבעט־קראַפט, נאָר זיי קאָנען אויך נישט קריגן צו קויפן קיין שום פּראָדוקטן אָדער קליידער; און זיי קריגן אויך נישט קיין אָפנעמער פאַר זייערע אייגענע פּראָדוקטן; און עס פּאַ־סירט אַפילע צו מאָל, אַז זיי באַקומען נישט קיין מעדיצינישע הילף פאַר זיך און זייערע פאַמיליעס. אַזוי ווי די פאַמיליעס פון די כוטאָרניקעס זענען קימאַט אַלע צווישן זיך קרויווים, האָבן זיי נאָך דעם בויקאָט, ביי אַלע שטערונגען און שוועריקייטן, ווי עס איז געקאָנט אַריבערטראָגן; דאַן האָט מען אונטערגענומען שריט צו מאַכן דעם בויקאָט דריקנדער און אומדערטרעגלעכער — מען

האָט אין פאַרשטענדיקונג מיט די סאָציאַליסטישע פאַרוואַלטונגען און אַרבעטער - אָרגאַניזאַציעס אָנגענומען מיטלען נישט צו לאָזן די בויקאָטירטע צו באַוועגן זיך, צו פאָרן איבער די עפנטלעכע פאַרקער-וועגן. אויף אַזאַ אופן איז די לאַגע פון די בויקאָטירטע געוואָרן אין איניקע געגנטן אינגאַנצן אומדערטרעגלעך."

דער ווילן פון די רעפאָרמיסטישע פאַריינען האָט אין אַ געוויסן זין געדריקט אויך אויף די אָפּגעשטאַנענע שיכטן לאַנד-אַרבעטער.

„דער פרייער אַרבעטער (דער נישט אָרגאַניזירטער), וועלכער איז צוליב טאַמים פון צוועקמעסיקייט אָדער אויס מוירע אַריינגעטרעטן, נאָך אַ זיגרייכן שטרייק, אין פאַריין (פון די לאַנד-אַרבעטער) — האָט געמוזט באַצאָלן אַן איינטריט - סומע, וואָס האָט נישט זעלטן באַטראָפן עטלעכע הונדערט ליר; דאָס, האָט מען געזאָגט, מוז אַזוי זיין, ווייל דער נייער מיטגליד געניסט פון די פּריווילעגיעס פון די אַרבעטער - אָרגאַניזאַציעס, כאָטש ער האָט נישט קיין בייטרעג אין די קאָרבאָנעס וואָס עס האָבן געבראַכט די עלטערע מיטגלידער".

דאָס איז, נאַטירלעך, געווען נישט אַזאַ געראָטענע פאָרם פון ווערבירן מיטגלידער. וועגן די שטראָפן האָט די קאָמיסיע אַזוי פעסטגעשטעלט: „אין די באַציונגען צווישן די פּריצים און די פּויערים זענען דאָס געלט - שטראָפן, וועלכע מען לייגט אַרויף פאַר ברעכן דעם אָפּמאַך בענוגייע אַרבעט-קראַפט, פאַר נישט אויספילן דירעקטיוון פון פראָפ. פאַריין, אָדער דערפאַר, וואָס מען האָט שפּעט אָנגענומען די פאָדערונגען פון די אָרגאַניזאַציעס... די אָרגאַניזאַציע פון אימאָלאַ האָט אונז געלאָזן אַריינקוקן אין אַ ליסטע פון פיר זייטן די גרויס, ווו עס זענען אויסגערעכנט ביי די נעמען אַלע יענע פּערזאָנען, אויף וועמען די געגנטלעכע פאַריינען האָבן אַרויפגעלייגט הויכע שטראָפן. מען האָט דער קאָמיסיע געוויזן אויך אַ דאָקומענט, פון וועלכן מען האָט געקאָנט זען, אַז געלט - שטראָפן זענען אַמאָל אויך געוואָרן אַרויפגעלייגט, כּדי אָפּצוּווענדן פון די פאַמיליעס די ביטערע שטראָף פון דראָענדיקן בויקאָט". צוליב דער שטאַרקייט פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען

האָבן די סאָציאַליסטן ליכט פאַרגעסן, אַז אין איטאַליע עקזיס־טירט נאָך אַ בירגערלעכע מעלוכע.

„אין סעפּטעמבער פאַריק יאָר האָט די אַרבעט ־ קאַמער פון באָלאָניאַ באַשלאָסן צו באַשטימען פאַר דער גאַנצער געגנט אַ מאַקסימום ־ פּרייז אויף ווייַנטרויבן, קעדיי אַראָפּצודריקן די פּרייזן אין די אינטערעסן פון די אייַנוווינער און מיטגלידער פונם פאַריין. פון יעדער פור פאַרקויפטע ווייַנטרויבן איז גענומען געוואָרן אַ שטייער פון 10 ליר. לויט די ווערטער פון בוקאַ, דעם דעמאָלטיקן סעקרעטאַר פון דער אַרבעט־קאַמער, האָט דער שטייער געזאָלט גיין אויף דעקן די אויסגאַבן פון דער קאַמער ביים קאָנטראָלירן די אויספירונג פון דעם מאַסמיטל״.

נאָך פאַרן פאַשיזם האָבן אַלע פּאַרטייען און אַלע שיכטן פון דער גרויסער און קליינער בורזשואַזיע געשטורעמט און געליאַרעמט קעגן אָט דער דיקטאַטור פון די פאַריינען, וואָס ווערט טאָלערירט אין די ראַמען פון דער בירגערלעכער אָרדענונג.

„די סאָציאַל ־ רעפאָרמיסטן (ריכטונג ביסאָלאַטי, וועלכער איז זייַנער צייט געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער סאָצ. פּאַרטיי), די ראַדיקאַלן און די איבעריקע דעמאָקראַטישע פּאַרטייען זענען נישט אומשולדיק אין דער אַנטי־סאָציאַלער רעאַקציע, און זיי בילדן נישט דעם פּאַסיווסטן טייל פון אָט דער רעאַקציע. די פאַשיסטן זענען אויפגעקומען אין באָלאָניאַ נאָכן קריג. אַ היפּשע צייט האָבן זיי קוים געזשיפּעט. זיי זענען געווען אַ קליינע שטאָטישע אָרגאַניזאַציע, דערהויפּט פון יונגטלעכע, און זיי האָבן קיין שום מאַמאָשעסדיקע באַדייטונג נישט געהאַט״.

דער באַריכט דערמאָנט נאָך אַ יוגנט ־ גרופּירונג, וועלכע „האָט אַפּישירט איר שטענדיקע גרייטקייט זיך אייַנצושטעלן פאַרן באָטערלאַנד און פאַרן קעניג״ און וועלכע איז געווען אָרגאַניזירט אויף אַ מיליטערישן אויפן. די קאָמיסיע האָט זייער לאַנג אויסגעפרעגט די פאַשיסטישע פירער וועגן זייערע צילן; די אינפאָרמאַציעס, וואָס די קאָמיסיע האָט באַקומען האָבן נאָר פאַרשטאַרקט דעם אייַנדרוק פון אידעאָלאָגישער צעשוומענקייט. „זיי האָבן אונז דערקלערט, אַז זיי פאַרקערפּערן די ראָמאַנטישע באַוועגונג פון דער

יוגנט — זיי האָבן זיך געוואַקסט צווישן אַן אומקלאָרן האַלב־סאָציאַליסטישן הומאַניטאַריזם און אַ שטאַרק אַנטוויקלטן נאַציאָנאַליזם. אין גרעסטן טייל האָבן זיי געהערט צו רייכע פאַמיליעס".

אין שלום־טייל פון איר באַריכט האָט די קאָמיסיע אָנגעוויזן, אַז די אַנטי־סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע געפינט אינם פאַשיזם איר לעבֿעדיקסטן און אַלגעמיינסטן אויסדרוק, ווערט פאַרטרעטן פון פאַרשידענע עלעמענטן. „זי איז ווי אַ טייך, אין וועלכן עס פאַלן אַריין פאַרשידענע טייכלעך". „דער פאַשיזם איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די נאַטירלעכע רעאַקציע אויפן מאַקסימאַליזם, די סטיכישע פאַרצווייפלטע זעלבסט־פאַרטיידיקונג פון בירגער, וועלכע זעען, אַז עס באַשיצן זיי נישט די געזעצן און נישט די אינסטיטוציעס, וועלכע דאַרפן זאָרגן, אַז די געזעצן זאָלן ווערן אָפּגעהיט.

דער אויספיר פון דער פאַרלאַמענט־קאָמיסיע איז געווען דער זעלבער, צו וועלכן עס זענען נאָך פריער געקומען די פריצים פון עמיליאַ: אַז די „אָרדנונגס־קויכעס" זענען אָנמעכטיק צו ווערן זיך קעגן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיט די אַלטע, לעגאַלע און פרידלעכע מעטאָדן, זייער קלאַס מוז דעריבער קלערן וועגן אַן אייגענער קרעפטיקער זעלבסטפאַרטיידיקונג.

5. רעוואַנש פון די פריצים

מוסאָליני האָט נישט געגלויבט, אַז ער וועט געווינען דאָס דאָרף פאַרן פאַשיזם. אים האָט זיך געדוכט, אַז דער פאַשיזם וועט אויף טאָמיד בלייבן אַ ריין שטאָטישע באַוועגונג. אין 1919 און 1920 האָט ער קיין שום אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט דעם דאָרף. אַזוי האַלט עס מיט דער וויטזיכטיקייט פון אָט דעם מאַן, וועלכער איז אַזוי נאַאיוו, אַז ער מיינט טאַקע ערנסט, אַז ער האָט עס געקערעוועט מיט דער אַנטוויקלונג פונם פאַשיזם. אין יולי 1919 האָבן די פריצים פון ראָוויגאָ געגרינדעט אַן אַזוי גערופענע „עקאָנאָמישע פאַשיסטן־גרופּע". אָרגאַן פון דער גרופּע איז געווען די אויסגעשפּראָכן פאַשיסטישע צייטשריפט „ריוואָלטאַ

אידעאַלע", און צווישן די מיטגלידער האָבן זיך געפונען צאַלרייכע פויערים, וואָס האָבן געליטן פונם „פאַרבאַנד". אָבער מוסאָליני האָט ערשט אין אַ יאָר אַרום זיך דערוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון אָט דער גרופּע. אַן אָפיציעלע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע אַנטשטייט אין ראָוויגאָ ערשט אין אָקטאָבער 1920.

„אַז מיר באַטראַכטן נאָך צוויי יאָר קאַמף, נאָך צוויי יאָר "שטורמישע געשעענישן דעם דורכגעמאַכטן וועג, זעט עס אויס, ווי דער אָנהויב וואָלט געלעגן ווייט הינטער אונז. נאָכדעם ווי דער פאַשיזם האָט געשלאָגן וואָרצלען אין די גרויסע שטעט, פאַרפליצט ער איצט די דערפער און די פאַרוואָרפנסטע געגנטן פון לאַנד..."

שוין אין 1919 האָבן די פּאָדערונגען פון די פאַשיסטן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אַנאַכראָניזם, אָבער מוסאָליני האָט צוגעגעבן:

„עס האָט קיין באַדייטונג נישט, וואָס אונזער קאָנקרעטע פּראָגראַם אַנטהאַלט נישט קיין שום קעגנזעצלעכע זאַכן, וואָס זי פּאַלט זיך פּאַשעט צענויף מיט דער פּראָגראַם פון די סאָציאַליסטן אין אַלץ, וואָס האָט אַ שייכעס צו דער טעכנישער, אַדמיניסטראַטיווער און פּאָליטישער רעאָרגאַניזירונג פון אונזער לאַנד... מיר דערלויבן זיך דעם לוקסוס צו זיין גלייכצייטיק אַריסטאָקראַטן און דעמאָקראַטן, קאָנסערוואַטיסטן און פּראָגרעסיסטן, רעאַקציאָנערן און רעוואָלוציאָנערן, צו האַלטן זיך ביי די געזעצן אָדער צו פּייפן אויף זיי, אַלץ לויט די באַדינגונגען פון צייט, אָרט און אומגעבונג, מיט איין וואָרט — לויט די פּאַרהעלטענישן פון דעם געשיכטלעכן פּעריאָד, אין וועלכן מיר זענען געצוווּנגען צו לעבן און צו ווירקן" („פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", 23־טן מערץ 1921).

6. דער פאַשיזם דעראָבערט די געמיינדעס

דעם 15־טן פעברואַר 1921 איז אין באָלאָניאַ פאָרגעקומען דער ערשטער לאַנד־צוזאַמענפאָר פון פריצים, אויף וועלכן דער באַריכט - אָפּגעבער באַרטאָלי האָט געבראַכט צום אויסדרוק דעם נייעם קאַמף־ווילן פון די פריצים.

„נישט פארגעסנדיק וועגן דער שווערער לאַגע פון לאַנד — האָט ער געזאָגט אין זיין רעדע — און אין טיפער אוממיטלבאַרער קענטעניש פון די געשעענישן און פון די נייע שטימונגען, וואָס זענען אַ קעגנזאַץ צו די אַלטע בליקן, דערקלערן מיר זיך גרייט איבערצונעמען אַלע פליכטן, וואָס פאַלן אויס אויפן באַזיץ, און מיר האָבן דעם פעסטן ווילן פולשטענדיק אויסצופירן די דאָזיקע פליכטן. מיר זענען גרייט צו פאַרטיידיקן אונזערע רעכט, די רעכט פון דעם לעבנס־וויכטיקן פאַרשטאַנד, פון דעם אָנפירנדיקן און הארמאָניזירנדיקן קאָפּ, פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס שפּייזט יעדע אונטערנעמונג; מיר טוען דאָס נישט נאָר צוליב דעם הייליקן לעבנס - אינסטינקט פון זעלבסט - דערהאַלטונג נאָר ווייל צוזאַמען מיט דעם פאַרטיידיקן מיר די רעכט פון דער פּראָדוקציע און דעם העכער פאַר אַלץ ...טייענדיקן פאַקטאָר פון ציוויליזאַציע אין פּראָגרעס... מיר ווילן קיינעם נישט שטיקן, אָבער מיר ווילן אויך נישט דערשטיקט ווערן פון קיינעם, ווייל מיר זענען איבערצייגט, אַז מיר פאַרטיידיקן הייליקע פּערזענלעכע רעכט און אויך די רעכט פון אַ קלאַס, און מיר העלפן־מיט דער נאַציאָנאַלער ווירטשאַפט. דאָס איז דער עמעס״. אָבער די אָרגאַניזאַציע פון די פּריצים האָט זיך קנאַפּ וואָס געטוויגט צום דירעקטן קאַמף קעגן דער אַרבעטער־שאַפט. די אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון רייכע פּריצים, וואָס האָבן גאָר קנאַפּ כיישעק געהאַט איינצושטעלן זייער האָב און גוטס און בלוט אין אַ באַוואָפנטן קאַמף, וואָס זיין אויסגאַנג איז קלאָל נישט געווען אַזוי זיכער. פּאָליטיש האָבן זיי זיך געטיילט אויף ליבעראַלן, דעמאָקראַטן און קאַטאָליקן. זייער געמיינזאַמע אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט די ווירטשאַפטלעכע קאָנפליקטן מיט די אַרבעטער, קיין אַנדערע פונקציעס האָט זי נישט געהאַט, און אין די פּאָליטישע קאַמפן האָט זי אוממיטלבאַר זיך נישט געמישט. און כוץ דעם — ווען די פּריצים וואָלטן אונטערגענומען אַן אָפענע דירעקטע אָפענזיווע, וואָלטן זיי נישט געקאָנט רעכענען אויף אַ שטאַרקע אונטערשטיצונג פון די מיטל־שיכטן. און דאָס האָט דעצידירט וועגן דערפאָלג פונם פאַשיזם: ער האָט זיך נישט באַשווערט מיט דאָקטרינערישע פאָרמולעס;

ער האָט נאָך דאַן נישט פּרעטענדירט גאָר צו קאָנקורירן מיט די טראַדיציאָנעלע פּאַרטייען; ער האָט דאַן — אין 1921 — זיך אַליין באַטראַכט נאָר פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון אַ מין איינהייט־לעכן קאַמף־פראָנט קעגן „באָלשעוויזם". אַזוי האָט פּאַסירט, אַז אָנהויב 1921 האָט דער פאַשיזם דורכגעמאַכט אַ געוואַלטיקע שטורמישע אַנטוויקלונג אין אַלע אַגראַר־געביטן פון צאָפן־ און מיטל־איטאַליע. די באַוואָפנטע קאַדרען פון די פאַשיסטן זענען שטאַרק אויסגעוואַקסן, און זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פּערמאַנענטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געווען גוט אויסגעשטאַט מיט וואָפן און טראַנספּאָרט־מיטלען און האָט אָנגעהויבן אירע אָפּעראַציעס אונטער דעם דירעקטן דיקטאַט פון די פּריצים.

וועגן אָט דעם אַנטוויקלונגס־גאַנג איז פאַראַן אַן אַ שיער באַווייזן און דאָקומענטן. מיר וועלן זיך באַנוגענען נאָר מיט די רייד פון איינעם אַ פאַשיסט, וועלכע מיר נעמען אַרויס פון זיינער אַ בראָשור*). מיר געפינען אין דער בראָשור אַזאַ שטעל:

„די בורזשואַזיע איז צוגעשטאַנען צו די פאַשיסטן, ווייל זי האָט אין זינען געהאַט אירע אייגענע צילן; זי האָט געוואָלט דורכ־זעצן איר קלאַסן־יוסטיץ איר פאָדערונג פון רעפּרעסיעס, נישט אַלס פאַשיסטן, נאָר אַלס זין פון אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, מיל־כאָמע־גווירים א. אַז וו. אַז זיי באַגעגענען אַ מענטשן אין אַן אַר־בעטער־בלוזע, באַפאַלן זיי אים און שלאָגן אים. זייער שטימונג איז ענלעך צו דער שטימונג פון די קאָמוניסטן, וועלכע פאַלן אָן אין גאַס אויף יעדן איינעם, וואָס איז אָנשטענדיק אָנגעטאָן. אויף אונזערע פאַשיסטישע פאַרזאַמלונגען האָבן מיר זיך צוזאַ־מענגעטראָפן מיט די גיריקע פּענימער פון די מילכאָמע־גווירים, וועלכע זענען געזעסן מיט די אומפאַרמיידלעכע בריליאַנטן אויף די פינגער, און מיר זענען געווען געצוווּנגען צו נעמען אויך געלט ביי זיי".

די פּריציש־פאַשיסטישע אָפענזיווע האָט זיך אָנגעהויבן מיט

---

*) אומבערטאָ ביאַנקעלי: מעמואַרן פון אַ פאַשיסט (אי־טאַליעניש), 1920.

דער צעשטערונג פון די „באָלשעוויסטישע" פויערים־פאַרבאַנדן, וועלכע האָבן מייסטנס זיך געפונען אונטער רעפאָרמיסטישער אָנ־פירונג; דאַן איז געקומען די צעשטערונג פון די רעפובליקאַנישע פאַרבאַנדן, און צום סאַמע סאָף זענען פאַרניכטעט געוואָרן אויך די קאַטוילישע פאַרבאַנדן.

ווי דער פאַשיסטישער היסטאָריקער קיורקאָ באַריכטעט, זענען בלויז אינם ערשטן האַלבן יאָר פון 1921 צעשטערט געוואָרן דורך די פאַשיסטן —

25 פאָלקס - הייזער;
59 אַרבעט - קאַמערן;
85 קאָאָפּעראַטיוון;
43 פאַריינען פון לאַנד־אַרבעטער;
51 פּאָליטישע קרייזן;
10 דרוקערייען;
6 טאָג־צייטונגען.

קיורקאָ אַליין באַמערקט דערביי, אַז די רעשימע פון געוואַלט־אַקטן איז „נישט קיין אויסשעפּנדיקע, נאָר אַ כאַראַקטעריסטישע".

אין מעשעך פון דריי כאַדאָשים האָט די אַדמיניסטראַציע פון „אוואַנטי" (צענטראַל־אָרגאַן פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי) באַקומען מיטגעטיילט פון 1455 קיאָסקן, מען זאָל זיי מער נישט שיקן די צייטונג, ווייל די פאַשיסטן האָבן זיי פאַרבאָטן צו פאַר־שפּרייטן דעם „אוואַנטי".

ס'איז נישט נויטיק, מיינען מיר, אַריינצולאָזן זיך אין פּראָ־טים וועגן דעם מעטאָד, וועלכן די פאַשיסטן האָבן אָנגעווענדט ביי אַזעלכע אַקציעס. וועגן דעם איז שוין פאַראַן א גאַנץ רייכע ליטעראַטור. דאָס בעסטע בוך איז דאָס ציטירטע דורך אונז בוך פון סאַלוועמיני. ביכלאַל אָבער קאָן מען אַלע פאַשיסטישע אַקציעס קעגן די לאַנד־אַרבעטער צופירן צו איין טיפּ. אָט איז די סכעמע:

א) די פּריצים פון א דאָרף, וואָס איז נאָך באַהערשט פון די „רויטע", ווענדן זיך נאָך הילף צו דער פאַשיסטישער גרופּע פון גאַנצן שטעטל.

ב) די פאַשיסטישע גרופּע באַשטימט דאָן דעם טאָג פון אָפּ־רעכנונג, הויבט אָן טעכניש צוגרייטן די עקספּעדיציע, שאַפט זיך די נויטיקע צאָל וואָפן, נאַפט, באָמבעס, און דערלאַנגט די פאַר־אינטערעסירטע פּריצים א רעכנונג.

ג) די פּאָליציי פון הויפּט - פּונקט אין געגעבענעם ראַיאָן ווערט באַצייטנס וועגן אַלץ אינפאָרמירט, דורך די פאַשיסטן און דורך דער אָרגאַניזאַציע פון די פּריצים; פּאָליציי קומט אין דאָרף אריין נאָך פאַר די פאַשיסטן „קעדיי נישט דערלאָזן צו צוזאַמענ־שטויסן''. דערוויילע פירט פּאָליציי דורך א רעוויזיע אינעם „רויטן'' פאַריין און קאָנפיסקירט דאָס געווער און אַרעסטירט די מו־טיקסטע, און די מעסיקערע זאָגט זי אָן צו באַרואיקן דעם אוילאָם, פאַרזיכערנדיק, אַז זי וועט אַליין אָפּשלאָגן און פאַרטרייבן די פאַשיסטן.

ד) אין אָוונט קומען אָן אויף פורן די פאַשיסטן — די צאָל איז לויט דער גרויס פונם דאָרף. אונטער פּאָליציייאישן שוץ מאַר־שירן זיי דורכן דאָרף, קומען צו צום ראָט־הויז, און דאָ דער־קלערן זיי „אין נאָמען פון עמעסדיקן איטאַליענישן פאָלק'', אַז זיי זענען אַראָפּ דעם געמיינדע - ראַט, וועלכער באַשטייט פון אַרבע־טער. אָפּט נאָמינירן זיי גלייך אין נאָמען פון זעלבן פאָלק א נייעם בירגערמייסטער. דערנאָך גייען זיי אַוועק צום קאָאָפּעראַטיוון געוועלב, פאַרנעמען פון דאָרטן דאָס געלט און די סכוירע, און ווײלן זיך אין דער געזעלשאַפט פון פּאָליציי מיט ווײַן און אַנדערע פּראָדוקטן, וועלכע זיי געפינען דאָרטן. דערנאָך לאָזן זיי זיך אַוועק צום לאָקאַל פונם אַרבעטער - פאַריין און צינדן אים אונטער. און דאָן טרעטן זיי צו, לויט אָנווייזונגען פון די אָרטיקע פּריצים, צו רעוויזיעס אין באַזונדערע הייזער. די הייזער פון די, וואָס ווערן אָנגעגעבן אַלס געפערלעכער עלעמענט, ווײל זיי זענען באַגאַנגען דעם שווערן פאַרברעכן פון העלפן גרינדן דעם קאָאָפּעראַטיוו — ווערן פאַרברענט. אַנדערע ווערן אַרויסגעיאָגט פון דאָרף. נאָך אַנדערע, אָפט די סאַמע פרידלעכע, צווינגט מען צו טרינקען ריצן־אייל, אָדער זיי ווערן געמיימיסט אויף די אויגן פון זייערע פרויען און קינדער. די וואָס שטעלן א ווידערשטאַנד ווערן דער־

מאָרדעט, און מען דראָט מיט טויט אויך די אַלע, וואָס ווען פּרו־
בירן צוריק אויפבויען דעם פאַריין אָדער דעם קאָאָפּעראַטיוו. עס
זענען אויך געווען זייער פיל פאַלן, ווען דער הויפט־אויפטו פון
דער פאַשיסטישער שטראָף ־ עקספּעדיציע איז באַשטאַנען דעריז,
וואָס מען האָט עפנטלעך פאַרגעוואַלדיקט פרויען און טעכטער
פון פויערים, וועלכע זענען באַקאַנט געווען אַלס סאָציאַליסטן.

די קלאַסן ־ באַוווסטזיניקע עלעמענטן פון דאָרף, וועמען עס
איז געלונגען זיך צו ראַטעווען פון טויט, און קאַפּיטולירן האָבן
זיי אויך נישט געוואָלט — האָבן געמוזט אויסוואַנדערן אָדער
זיך אויסבאַהאַלטן אין די שבייניגע דערפער. אין פאַרשידענע
ערטער האָט די דאָזיקע לאַגע געפירט דערצו, אַז עס זענען אויפ־
געקומען „פאַרטיזאַנער״. דער אַממערסטן באַקאַנטער פאַל פון
דעם מין איז די באַנדע פון דעם הינקענדיקן, וועלכע איז באַ־
שטאַנען פון אַ 20 קאָמוניסטן און אַנאַרכיסטן פון טשערטאַלדאָ
(טאָסקאַנאַ). אין פרילינג 1921 איז אָט די באַנדע געווען דער
שרעקן פון די פריצים אין די געגנטן פון פלאָרענץ, סיענאַ און
וואָלטערא. פיל מענטשן, וועלכע זענען טכילעס געהאַט צוגעשטאַ־
נען צום פאַשיזם, זענען איצטער געוואָרן שטאַרק איבערגעשראָקן,
ווען זיי האָבן דערזען, וואָסערע אומגליקלעכע פאָרמען דער ביר־
גער־קריג האָט אָנגענומען אין די דערפער. מוסאָליני אַליין האָט
פאַרלוירן די מעמשאָלע איבער דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג
פונם פאַשיזם. ער האָט זיך באַמיט צו קערעווען דעם פאַשיזם
לויט זיינע פּאָליטישע אויסרעכענונגען, אָבער די אַגראַר ־ פאַ־
שיסטן האָבן נישט געוואָלט זיך אונטערוואַרפן, און מוסאָליני האָט
געמוזט נאָכגעבן. דער פאַשיזם איז אַוועק מיט אַ וועג, וועלכן
קיינער פון זיינע אידעאָלאָגן האָט נישט פאָרויסגעזען, און וועלכן
קיינער ביזן יאָר 1922 האָט אַפילו באַגרייפן נישט געקאָנט.

„די שטראָף ־ עקספּעדיציעס — האָט געשריבן דער שפּע־
טערדיקער פאַשיסטישער אויסערן ־ מיניסטער גראַנדי — האָבן
אין פאַרשידענע ערטער אומבאַרעכנטערהייט און אין טעאַטראַלי־
שער איבערטרייבונג זיך פאַרוואַנדלט אין געוואַלט ־ אַקטן, וואָס
לאָזן זיך נישט פאַרענטפערן״.

„דער פאַשיזם — האָט געשריבן דער פאַשיסט דזערבאָליאָ, וועלכן מיר האָבן שוין פריער ציטירט — איז ווירקלעך באַגאַנגען אַ רייע געוואַלט - אַקטן — ער האָט זיך געשלאָגן מיט די קעגנער און זיי פאַרוואונדעט און געמאָרדעט, ער האָט צעשטערט און פאַרברענט די לאָקאַלן פון די פאַריינען, די קלובן און די פענער, ער האָט דערנידעריקט די פראָפּאַגאַנדיסטן פון איבערקערעניש, די שטאָט־ראַטמענער און די דעפּוטאַטן". „ער האָט בלי ספק אין פיל פאַלן איבערגעבאַפט די מאָס, לויטן געוויינלעכן קלאַל, אַז דעם שטאַרקן ציט עס שטענדיק אָנצוווענדן געוואַלט".

אַ צווייטער פאַשיסטישער שריפטשטעלער גאָרגאָלינאָ איז מוידע:

„דאָס געזעץ פון נעקאָמע, וואָס איז באַרבאַריש, אַנאַכראָניסטיש, ווילד און אוממענטשלעך, אַן איבערבלייבעניש פון מיטל־אַלטער, האָט באַהערשט דעם האַלב־אינזל דורך דעם ווילן פון די פאַשיסטן". אָבער די גרויס - בורזשואַזיע האָט געוווסט, אַז אין בירגער - קריג זענען נישט פאַראַן קיין צוועקלאָזע געוואַלט־אַקטן. ביי די פּאָליטישע וואַלן פון 1921 האָט מען די פאַשיסטן אַריינגענומען אין נאַציאָנאַלן בירגער־בלאָק, וו זיי זענען געזעסן צוזאַמען מיט די ליבעראַלן, דעמאָקראַטן און רעפאָרמיסטן (פּאַרטיי פון באָנאָמי). און דער פּאָפּולערסטער ליבעראַלער עקאָנאָמיסט ל. איינאַדי האָט באַגריסט דעם אַגראַר - פאַשיזם פון דער פּאָ־געגנט, אַלס רעטער פון דער ליבעראַלער ווירטשאַפט, אַלס באַפרייער פון דער איטאַליענישער לאַנדווירטשאַפט פון דער העגעמאָניע פון די אַרבעטער - אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז אויך ווי אַ מין מאָנאָפּאָל (און איז דעריבער סויסער די יעסוידעס פון ליבעראַליזם — איבערזעצער).

7. דער קאָמונאַלער סאָציאַליזם

פאַרכאַפּן די שטאָט - ראַטן איז געווען נישט קיין קלייניקייט פאַר די פאַשיסטישע עקספּעדיציעס. נאָך די וואַלן פון 1920 האָבן פון דער אַלגעמיינער צאָל 9 טויזנט געמיינדעס ביז 4 טויזנט גע־

האָט סאָציאַליסטישע פאַרוואַלטונגען אין ביז אַ 2500 — קאַטוי־לישע. אין פּאַרלאַמענט האָבן די סאָציאַליסטן קיין זאַך נישט געטון אַכוץ וואָס זיי האָבן זיך פאַרנומען מיט אינטריגעס אין די קולואַרן און געמאַכט היסטערישע צווישנרופן בעאַיים די זיצונגען; אָבער אין די שטאָטישע פאַרוואַלטונגען האָבן זיי אַדאַנק דעם דרוק פון די אָרטיקע אַרבעטער - אָרגאַניזאַציעס, זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער געפערלעכע באַקעמפער פון די פּריצישע אינטערעסן. אין מעשעך פון יאָר 1921 האָבן די קאַפּיטאַליסטן אין פאַרשידענע כאָציאַליסטיש פאַרוואַלטעטע שטעט אָרגאַניזירט שטייער־שטרייקן. און די דערפער האָבן זיי זיך געשטעלט פאַר אַן אויפגאַבע — צוריקגעבן די ראָטהייזער זייערע אַלטע באַלעבאַטים.

די רעאַקציאָנערע אומגעשטאַלטונג פון דער איטאַליענישער מעלוכע האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן פון דעם אַדמיניסטראַטיוון באַזיס (פון דער גמיינדע).

די גמיינדע האָט פון טאָמיד אָן געשפּילט אין איטאַליענישן לעבן זייער אַ גרויסע ראָל. די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך נאָר אין זעלטענע פאַלן אינטערעסירט מיט די גרויסע פראַגן פון דער מעלוכע, האָבן מיט ברען געפירט אַ קאַמף אַרום אַלע שטאָטישע אָנגעלעגנהייטן. ביי אַ סאָציאַליסטישער וועלט - אָנשויאונג, וועלכע האָט די פאַמעלעכדיקע און פרידלעכע דעראָבערונג פון די עפנטלעכעאינסטיטוציעס באַטראַכט, ווי אַ רעאַליזירונג פון סאָציאַליזם, האָט די גמיינדע אויף אַ נאַטירלעכן אויפן געמוזט פאַרנעמען דעם אויבן אָן אין דער סאָציאַליסטישער טעטיקייט. שוין בענוא מאַלאָן, אין זיינע אַרטיקלען אין 1882, האָט געוויעס געזאָגט, אַז דער זיג פונם סאָציאַליזם אין איטאַליע וועט קומען דורך די גמיינדע - פאַרוואַלטונגען. אין זעלבן יאָר (1882) האָט די מילאַנער סעקציע פון דער אַרבעטער־פּאַרטיי זיך געשטעלט אויף דעם זעלבן שטאַנדפּונקט און האָט פּראָקלאַמירט די פאָדערונג פון אַבסאָלוטער גמיינדע־אויטאָנאָמיע, און פאָרמולירט אַ פאַרוואַלטונגס - פּאָליטיק, וועלכע האָט פאַרויסגעזען די שאַפונג פון גמיינדע־אונטערנעמונגען פון מאָנאָפּאָליסטישן כאַראַקטער.

די איניציאַטיוו צו גרינדן אַ גמיינדע־פאַרבאַנד איז אויך גע־

קומען פון סאָציאַליסטישער זייט. אין יאָר 1900 האָבן די איטאַליע־נישע סאָציאַליסטן אויפגענומען אין זייער פּראָגראַם־מינימום אַ גאַנ־צע רייע פאָדערונגען, וואָס זענען אויסגערעכנט ספּעציעל אויף גע־מיינדע־סאָציאַליזם, ווי: איינפירן דעם אינסטיטוט פון געמיינדע־רע־פערענדום, די פּאָליציי זאָל זיין אונטערגעוואָרפן דער געמיינדע־פאַרוואַלטונג, אַלע אינסטיטוציעס פון עפנטלעכן געברויך זאָלן זיין מוניציפּאַליזירט, אָפּשאַפן אומדירעקטע שטייערן און געמיינדע־צאָלן א.א.וו. ג׳ מאָנטעמאַרטיני איז געוואָרן דער טעאָרעטיקער פון אָט דעם געמיינדע־סאָציאַליזם. א. סקיאַווי האָט באַאַרבעט די פּראַ־גע וועגן קאָמונאַלע דירעס פאַר די אַרבעטער. ג. קאַסאַליני האָט גע־גרינדעט אַ צייטשריפט „די מאָדערנע קאָמונע“, וווּ אַלע פראַגן פון געמיינדע־לעבן זענען באַטראַכט געוואָרן אונטערן קוקווינקל פון איבערפירן אויף אַזאַ אויפן די געזעלשאַפט פון קאַפּיטאַליזם צו סאָציאַליזם. קאַלדאַראַ, גאַריבאָטי און אַנדערע האָבן פאַרעפנט־לעכט זייער פיל מאָנאָגראַפיעס, אין וועלכע זיי האָבן באַהאַנדלט אַזעלכע פראַגן, ווי די צוועקמעסיקייט פון געמיינדע - מאָנאָפּאָל אויף טראַנספּאָרט - מיטלען, אָדער ווי בעסער צו באַזאָרגן די גע־מיינדע מיט עלעקטרי, גאַז, ברויט, מילך א. ד. גל. אין באָנאָמיס בוך „די נייע וועגן פון פאַשיזם“ — דער קאָנסעקווענטסטער אויסדרוק פונם אַנטימאַרקסיסטישן רעוויזיאָניזם פון די איטאַליע־נישע רעוויזיאָניסטן — האָט אויך די קאָמונע פאַרנומען דעם אויבן אָן. באָנאָמיס קאָנצעפּציע איז אַזאַ מערקווירדיקע, אַז עס לוינט זיך צו באַקענען דעם לעזער מיט איינער פון די וועזנט־ליכסטע שטעלן פון זיין בוך.

„דורך דעם, וואָס מען פירט איבער צווייגן פון פּריוואַט־אינדוסטריעלער טעטיקייט אין קאָמונאַלן באַזיץ — שרייבט באָ־נאָמי, דער שפּעטערדיקער פּרעמיער־מיניסטער — שאַפט מען אַ שטיק קומענדיקע קאָלעקטיוו־געזעלשאַפט, אין וועלכער מען פירט שוין היינט איין די קאָלעקטיווע פאָרם פון אייגנטום, ווי דער סאָ־ציאַליזם פאַרלאַנגט עס. און די עפנטלעכע געמיינדע־אונטערנעמונ־גען זענען נאָך אויך דערמיט בעסער פאַרן פּראָלעטאַריאַט, ווייל זיי גיבן דעם אַרבעטער אין אַלגעמיין בעסערע אַרבעט - באַדינ־

גונגען, ווי ער קאָן זיך דערשלאָגן אין דער פּריוואַטער ווירטשאַפט.
ווען דעם פּראָלעטאַריאַט גיט זיך איין מיט דער הילף פון די פּאַ־
ריינען אַרויסצווריסן ביי די פּריוואַטע אונטערנעמער אַזעלכע
הויכע לוינען, אַז זיי שטעלן אין סאַקאָנע זייערע פּראָפיטן, און
מען וויל, די אַרבעטערשאַפט זאָל איינהאַלטן און פאַרפעסטיקן די
דעראָבערטע פּאָזיציעס — דאַן איז נויטיק איבערצוגעבן דעם
באַטרעפנדיקן ווירטשאַפטס־צווייג אונטער דער פאַרוואַלטונג פון
דער מעלוכע אָדער פון דער געמיינדע. אין דער צוקונפט וועט נאָך
יעדן צוזאַמענשטויס צווישן אינדוסטריעלן קאַפּיטאַליזם און
אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט קומען אַ ווירטשאַפטלעכע פאַרשטאַר־
קונג פון יענעם פּראָדוקציע־צווייג, וועלכער געפינט זיך אונטער
דער פירונג פון עפנטלעכע אינסטיטוציעס, ד. ה. ער געפינט זיך
שוין אין די הענט פונם קלאַל".

אָט די קינדישע טוירע, וועלכע האָט איר פריידיקער אַוועקגע־
פירט „אויף נייע וועגן" נישט צום סאָציאַליזם, נאָר צום פּאָטעל
פון פּרעמיער־מיניסטער — איז נישט פאַרשוווּנדן אויך אין די
יאָרן פון דער מילכאָמע. נאָך אין 1919 האָט מען אָפט געקאָנט
הערן אויף מיטינגען, ווי איטאַליענישע רעוואָלוציאָנערן, אפילע
אָנהענגער פון ראַטן, האָבן געפּריידיקט דעם זעלבן געמיינדע־
סאָציאַליזם; עמעס, זיי האָבן אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק פון אַרי־
בערוואַקסן, אָבער זיי האָבן אויך גערעדט וועגן דער געמיינדע,
וואָס זאָל ווערן געפירט פון אַן אַרבעטער־פאַרוואַלטונג און זאָל
זיך שטיצן אויף אַ געוויסע צאָל מאָנאָפּאָל־אונטערנעמונגען, ווי
וועגן דער איטאַליענישער פאָרם פון ראַטן, ווי וועגן דער גרונט־
אָרגאַניזאַציע פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור.

דער פּאָליטישער איינפלוס פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי
איז געווען אין דאָרף אַזוי שטאַרק, אַז קיין שום אָרגאַניזאַציע
אָדער פּאַרטיי וואָלט נישט אימשטאַנד געווען מיט איינענע קויכעס,
ס'הייסט אויפן דעמאָקראַטישן וועג, מיט לעגאַלע מיטלען, בייצו־
קומען דעם דאָזיקן איינפלוס. אַז ס'איז אויסגעבראָכן די אַגראַר־
פּאַשיסטישע אָפּענזיווע, האָט זי זיך אָנגעשטויסן נאָר אויפן סטי־
כישן ווידערשטאַנד פון די אַרבעטער. די פירער פון די קאָאָפּע־

ראַטיוון און פון די געמיינדע - פאַרוואַלטונגען האָבן פון זייער זייט נאָר אַפּעלירט צו דער עפנטלעכער מאַכט, וועלכע איז אין גאַנצן געווען אויף דער זייט פון די פאַשיסטן. עס האָט שוין דערויף אָנגעוויזן איינער אַ קאַטוילישער שריפטשטעלער:

,,אויב די געמיינדע - פאַרוואַלטונגען האָבן נישט דעמיסיאָנירט נאָך דער ערשטער קראַפט - דעמאָנסטראַציע, האָט מען דעם אָנגריף ווייטער געפירט און מען האָט פּרובירט באַזעצן דאָס ראָטהויז מיט געוואַלט. און עס האָט אַ קנאַפּע באַדייטונג געהאַט, צי דער פּרווו האָט זיך איינגעגעבן אָדער נישט, ווייל יעדנפאַלס איז געוואָרן דורכן אָנגריף באַוויזן, אַז ס'איז פאַראַן אַ פּערמאַנענטע געפאַר, וואָס באַדראָט די עפנטלעכע אָרדנונג, און די מאַכט־אָרגאַנען האָבן אַזוי אַרום באַקומען אַן אויסרייד פאַנאַנדערצולאָזן די געווייילטע פאַרוואַלטונגען און באַשטימען אויף זייער אָרט קאָמיסאַרן. ביידע מיניסטעריומס, באַנאָמי און פאַקטאַ, האָבן אָנשטאַט באַשיצן די געמיינדע־ און פּראָווינץ־ראַטן פאַר די אָנגריפן פון די פאַשיסטן, געאײַלט פאַנאַנדערצולאָזן די אָנגעגריפענע ראַטן, אונטערן אויסרייד, אַז אַזוי וועט מען באַרואיקן די געמיטער; און זיי האָבן זיך לאַכלוטן נישט געקימערט וועגן דעם, צי מען וועט ביי נייע וואַלן נאָך קאָנען אומגעשטערט אויסנוצן דאָס וואַל־רעכט''
(פ. פעראַרי, פון אויבן ציטירטן בוך ז. 293).

קאַפּיטל 7

ווי דער פאַשיזם האָט דעראָבערט די שטאַט

1. גרויס-בורזשואַזיע און פאַשיזם

די באַציונג פון די איטאַליענישע אינדוסטריעלער צום פאַשיזם נאָכדעם ווי ער האָט שוין געהאַט דעראָבערט דאָס דאַרף לאָזט זיך אין קורצן אַזוי כאַראַקטעריזירן: זיי האָבן געוואָלט אויסנוצן דעם פאַשיזם, קעדיי מיט זיין הילף אויסצוראָטן די קאָמוניסטן און מאַכן אונטערטעניקער די סאָציאַל - דעמאָקראַטן און לעסאָף דערפירן צו אַ פאַרשמעלצונג פון די פאַשיסטישע מעטאָדן מיט די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע. אין 1922 איז דאָס געווען די פּאָליטיק פון דזשיאָליטין.

„נאָך די וואַלן (1921) — האָט ער געשריבן — איז די פאַשיסטישע פאַרטיי אַריין אין פאַרלאַמענט מיט אַ פראַקציע פון 30 מאַן. און איך מיין, אַז דאָס איז געווען גוט, וואָרום דער פאַשיזם איז שוין דעמאָלט געווען אַ פאַקטישע מאַכט אין לאַנד, האָט ער געמוזט האָבן זיין פאַרטרעטונג אויך אין פאַרלאַמענט. עס איז פון טאָמיד אָן געווען מיין מיינונג, אַז יעדע קראַפט אין לאַנד דאַרף זיין פאַרטרעטן אין פאַרלאַמענט און דאָרט געפינען איר אויסדרוק" (דזשיאָליטי — דאָס אויבן־ציטירטע ווערק, באַנד 2, ז. 610).

דזשיאָליטיס פּלאַן איז געווען — קוידעם קאָל צו צוימען די סאָציאַליסטן מיט דער הילף פון די פאַשיסטן.

ווייטער וועלן מיר זען, פאַרוואָס דער דזשיאָליטישער פּלאַן, וואָס אויך מוסאָליני האָט אַ קורצע צייט פון אים געהאַלטן — דער פּלאַן פון צוזאַמענאַרבעט פון פאַשיזם און רעפאָרמיזם — האָט נישט געקאָנט רעאַליזירט ווערן אין איטאַליע, נישט געקוקט אויפן באַשיימפערלעכן ווילן אי פון די פאַשיסטן און אי פון די

רעפאָרמיסטן. דזשיאָליטיס גרונט - געדאַנק איז געווען — צוריק־ברענגען דאָס איטאַליענישע לעבן אויף די קאָנסטיטוציאָנעלע רעלסן פון די פאַר־מילכאָמעדיקע יאָרן. אַז ער האָט אָבער געזען, אַז דער פּלאַן לאָזט זיך נישט דורכפירן, האָט ער קיין איין רעגע נישט געוואַקלט זיך אונטערצושטיצן דעם פאַשיזם. די זעלבע ענ־דערונג איז פאָרגעקומען אין דער האַלטונג פון דער „קאָמערץ־באַנק", וועלכע האָט אין 1922, נאָכן צוזאַמענבראָך פון דער „דיסקאָנטאָ באַנק", איבערגענומען די אינדוסטריעלע אינטערעסן פון יענער באַנק און האָט דאַן, אונטערן דרוק פון די נייע הימ־כאַיוועסן, זיך פאַרשטענדיקט מיטן פאַשיזם. מיר קאָנען אַפילע גענוי אָנגעבן דעם מאָמענט, ווען אָט די ענדערונג אין דער האַל־טונג דשזיאָליטיס און פון דער קאָמערץ - באַנק איז געוואָרן קלאָר פאַר אַלעמען: דאָס איז געווען אין פעברואַר 1922.

נאָכן פאַלן פון דער רעגירונג באָנאָמי (יאַנואַר — 1922) האָט די „פאָלקס־פּאַרטיי" זיך געשטעלט אויף דעם שטאַנדפּונקט, אַז דעם פּרעמיער דאַרף נאָמינירן דער פּאַרלאַמענט, לויט פאַר־שלאָגן, וואָס עס וועלן מאַכן די פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרלאַמענט־פראַקציעס.

„עס איז קיין שום ספק נישט געווען — האָט געשריבן דער ליבעראַלער מיסיראָלי — אַז דזשיאָליטי קאָן אויף קיין שום פּאַרלאַמענטאַרישער מערהייט נישט רעכענען... און דאָך איז אויף אים געפאַלן די וואַל פון קעניג, און אַכט טאָג נאָכאַנאַנד האָט דער קעניג זיך באַמיט איינצוהאַלטן זיין קאַנדידאַטור. אַזוי איז קלאָר געוואָרן, אַז דער קעניג האָט בעדייע דורכצוזעצן זיינע פּריי־ווילעגיעס קעגן דעם ווילן פונם פּאַרלאַמענט. אָבער די קאַטוילישע פראַקציע (פאָלקס־פּאַרטיי) איז געווען פעסט דעצידירט נישט נאָכ־צוגעבן פון די דריי הויפּט־פּונקטן: נישט אָפּזאָגן זיך פון וועטאָ קעגן דזשיאָליטיס קאַנדידאַטור, נישט אָפּזאָגן זיך פון רעכט מיט צו באַשליסן ביי דער פאַרטיילונג פון די מיניסטער־פּאָרטפעלן, און נישט אָפּזאָגן זיך פון דער פאָדערונג צו האָבן אייגענע פאַר־טרעטער אין דער רעגירונג" (מיסיראָלי, פון אויבן ציטירטן בוך ז. 233).

קיינער האָט נישט אַזוי גוט, ווי לואידזשי סטורצאָ, באַנומען דעם גאַרן באַטייט פון אָט דעם קאָנפליקט פאַר די דעמאָקראַטישע און רעפאָרמיסטישע גרופּירונגען, אָבער צוליב זיין פאַרבינדונג מיטן וואַטיקאַן און מיט דער „באַנק פון רוים" האָט ער אַליין אויך נישט געוואָגט צו טרייבן דעם ווידערשטאַנד ביז צו דער לעצטער גרענעץ. די פּערספּעקטיוו פון אַ פּאַרלאַמענטאַרישער רעגירונג איז אַזוי אַרום באַטל געוואָרן. די קרוין און די „קאָמערץ־באַנק" האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויפן לאַנד די רעגירונג פאַקטאַ־דזשיאָלימיס אַ ליטענאַנט — און האָבן דערלויבט דעם פאַשיזם, ער זאָל אומבאַשטראָפט איינעמען איין גרויסע שטאָט נאָך דער אַנדערער, ווי ער האָט פריער איינגענומען די דערפער אין דער פאָ־געגנט.

2. פאַשיזירונג פון דער בורזשואַזיע

געווען איז אַבוּץ דעם נאָך איינע אַ טיפערע סיבּע, וועלכע האָט געטריבן די איטאַליענישע גרויס - בורזשואַזיע, זי זאָל פּרוּוון פּעס־טיקן די מעלוכע דורך אַן אָפּזאָג פון די דעמאָקראַטיש־פּאַרלאַמענ־טאַרישע פאָרמען. דאָס איז דער ווירטשאַפטלעכער קריזיס.

איטאַליע פאַרמאָגט נישט קיין אייגענע קוואַלן פון רוי־שטאָפן, און זי פאַרמאָגט אויך נישט קיין גרויסע קאַפּיטאַלן. דער איינציקער עלעמענט פון פּראָדוקציע, אויף וועלכן די איטאַליע־נישע בורזשואַזיע האָט געקאָנט האָבן אַן איינפלוס, איז געווען די אַרבעט. און דאָס איינציקע מיטל אַראָפּצוזעצן דעם קאָסטן־פּרייז פון דער פּראָדוקציע און ראַטעווען דעם קאַפּיטאַליסטישן פּראָפיט איז געווען און איז און וועט טאָמיד זיין — נאָר קירצן די לוינען, קיין זאַך נישט מער. דער לוין פונם איטאַליענישן אַר־בעטער איז פון טאָמיד אָן געווען איינער פון די נידעריקסטע אין אייראָפּע. און דערמיט, אַגעוו, דערקלערט זיך, פאַרוואָס געווייג־לעכע לוין - קאָנפליקטן צווישן אונטערנעמער און אַרבעטער פלעגן אין איטאַליע אָפּט אָננעמען אַזאַ שאַרפן רעוואָלוציאָנערן כאַראַק־טער, און דערמיט דערקלערן זיך ביכלל די עקסטרעמיסטישע

טענדענצן צווישן דער איטאַליענישער אַרבעטערשאַפט. אַנדערע האָבן שוין אָנגעוויזן, אַז נאָר אין צאַרישן רוסלאַנד פון לעצטן פּעריאָד איז געווען אויך אַן ענלעכע סיטואַציע: אין דער אָפּגע־שטאַנענער רוסלענדישער ווירטשאַפט איז די אַרבעט געווען דער וויכטיקסטער פּראָדוקציע־פאַקטאָר, אַזוי ווי אין איטאַליע, און אַלע איבעריקע פאַקטאָרן האָבן דאָ געשפּילט אַסאַך אַ קלענערע ראָל, ווי אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

3. מעלוכישער אַפּאַ־אַט און פאַש־זם

קעדיי צו פאַרשטייען דעם דערפאָלג פונם איטאַליענישן פאַ־שיזם, מוז מען גוט קענען זיינע באַציונגען מיט די מעלוכישע אינסטיטוציעס און באַזונדערס מיטן גענעראַל - שטאַב. מיר וועלן פּרווון קלאָר צו מאַכן די דאָזיקע באַציונגען.

דער פאַשיסט אומבערטאָ ביאַנקעלי איז זיך אָפן מודה אין זיינע שוין ציטירטע מעמואַרן:

,,דער פאַשיזם — ס'איז נוציק דאָס צו וויסן — האָט זיך געקאָנט פריי אַנטוויקלען, ווייל ער האָט געפונען איטאַליענישע הערצער און אידעאַלן צווישן דער זיכערהייט - פּאָליציי, צווישן די אָפיצירן פון די קאַראַבינערי און צווישן די אַנדערע באַוואָפנטע פאָרמאַציעס. אין די רייען פון די קאַראַבינערי האָבן אַלע געטון, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, קעדיי צו שטיצן דעם פאַשיזם''.

די אַנטי־פאַשיסטישע פּרעסע האָט פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן אויך דאָס זעלבע, אָבער מיר ווילן זיך פאַררופן נאָר אויף פאַשיסטישע איידעס. אין דער אָפיציעלער געשיכטע פונם פאַשיזם, פאַרפאַסט פון קיורקאַ און קאָנטראָלירט פון דער פאַשיסטישער מאַכט, ווערט אין זייער פיל ערטער דער־ציילט וועגן דעם, ווי אַרמיי־אָפיצירן האָבן זיך באַטייליקט אין דער אַנטוויקלונג פונם פאַשיזם. מיר וועלן בלויז עטלעכע ציטאַ־טעם ברענגען.

דער פאַשיסטישער קאָמיטעט אין פיומע איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון אָפיצירן. די גרינדער פון דער פאַשיסטישער

אָרגאַניזאַציע אין טריעסט זענען געווען צוויי קאַפּיטאַנען, וואָס איינער פון זיי, סטאַראַטשע, האָט שפּעטער געמאַכט אַ גלענצנדע פּאָליטישע קאַריערע. די ערשטע אַקציע פון די פאַשיסטן אין טריענט איז געווען — אונטערדריקן שטרייקן. „אין יענעם טאָג האָט אַ מאַכנע אינפאַנטעריע, אונטער דער קאָמענדע פון לייטע־גאַנט פּריזעלאַ, צוזאַמען מיט די פאַשיסטן פאַנאַנדערגעיאָגט די שטרייקנדיקע, וועלכע האָבן געלאָזן אויפן פּלאַץ איין טויטן און עטלעכע פאַרוואונדעטע" (קיורקאַ, באַנד 3, ז. 216). די גרינדער פון דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע אין באָלצאַנאָ (באָצען) „זענען געווען עטלעכע אָפיצירן פון דער קעניגלעכער ארמיי פון 232־טן אינפאַנטעריע ־ פּולק, צווישן זיי דער מוטיקער קאַפּיטאַן טיסענאָ, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע שטראָף־עקספּעדיציעס... ער איז אויך געווען דער פאַרבינדונגס ־ מאַן צווישן דער אַרמיי און די פאַשיסטן און אַדאַנק זיין געהיימער מיטאַרבעט און זיין איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פונם פאַ־שיזם..." (קיאורקאַ, באַנד 3, ז. 217). פאַר דעם בלוטיקן קאָנ־פליקט אין ענגאַ (דאָרעם ־ טיראָל), ווו באַוואָפנטע פאַשיסטן האָבן אויפגעריסן אַ פרידלעכע פאַרזאַמלונג פון דער דייטשער מינדערהייט, האָבן זיך געפירט „געהיימע אונטערהאַנדלונגען צווישן די פאַשיסטן און די אַלפּיני ־ אָפיצירן (באַרג ־ אינפאַנטער־יע)". די מוניציפּאַלע גוואַרדיע פון באָלצאַנאָ „האָט זיך באַמיט צו שטערן די אַקציעס און ביינאַכטיקע עקספּעדיציעס פון די פאַ־שיסטן, אָבער באַלד איז געקומען אַ געזונטע רעאַקציע דערויף מיצאַד די קעניגלעכע קאַראַבינערי, וועלכע האָבן גענומען אין שוץ די פאַשיסטן", און ווען די מוניציפּאַל־גוואַרדיע האָט געוואָלט באַשיצן דעם שלאָף און די הייזער פון די דייטשן אין באָלצאַנאָ, „האָט מען געלאָזן אין גאַנג האַנט־גראַנאַטן". „עס איז אונזער כיוּוּ צו דערמאָנען דאָ אַן ערן־מאַן, דעם אונטער־אָפיציר פון די קאַראַבינערי מיטאָלאָ, וועלכן מען האָט גערופן פאָטער פון די פאַשיסטן, נישט נאָר ווייל ער האָט זיי באַשיצט, נאָר ווייל ער האָט גלייכצייטיק אויך אויף דער פּאָליציי אַכטונג געגעבן" (קיאורקאַ, באַנד 3, ז. 219).

און זאָל מען נישט מיינען, אַז די פּריינטלעכע באַציונגען האָבן זיך באַגרענעצט נאָר אויף די אונטערשטע שיכטן פונם אָפיצירנטום. פאַרקערט, די איניציאַטיוו צו שטיצן דעם פאַשיזם איז אַרויסגעגאַנגען פונם גענעראַל - שטאַב. אַ צירקולאַר פון 20־טן אָקטאָבער 1920, מיט דער אונטערשריפט פונם גענעראַל־שטאַב שעף באַדאָליאָ, האָט פאַרגעלייגט די דיוויזיע - קאָמאַנדירן צו שטיצן די פאַשיסטישע באַוועגונג. מען האָט וועגן דער פראַגע לאַנג דיסקוטירט. דער דעמאָלטיקער קריגס - מיניסטער, דער רע־פאָרמיסט באָנאָמי, האָט זיך געוועדט קעגן דער באַשולדיקונג, אַז ער זאָל האָבן געהאָלפן דעם פאַשיזם זיך צו אָרגאַניזירן. אָבער אין זיין פאַרענטפערן זיך האָט באָנאָמי מודה געווען, אַז אַן אָפּ־טיילונג פונם גענעראַל־שטאַב האָט אין אָקטאָבער 1920 טאַקע אַרויסגעשיקט אַ פאַשיסטן - פריינטלעכן צירקולאַר, און אַז דער־נאָך האָט ער באַקומען צוגעשיקט אַ צווייטן צירקולאַר, פון אַ מי־ליטערישן צענטראַל־פונקט אין מיטל־איטאַליע, און דער צווייטער צירקולאַר האָט גערעדט וועגן שטיצן די פאַשיסטישע ווערבירונג צווישן די אָפיצירן. דעם 18־טן מערץ 1924 האָט פּ. גאָבעטי אין זיין צייטשריפט „רעוואָלוציאָנע ליבעראַלע" אויסדריקלעך פעסט־געשטעלט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פונם רעפאָרמיסטישן מיניס־טער באָנאָמי. אויך דער דעמאָקראַטישער שריפטשטעלער ג. דע־פאַלקאָ באַשטעטיקט אין זיין בראָשור, אַז דער קריגס־מיניסטער פערזענלעך און דער גענעראַל־שטאַב האָבן אינטערווענירט לטובת דעם פאַשיזם, לטובת זיין באַוואָפנונג און ווערבירונג צווישן די אָפיצירן. די זעלבע באַהויפּטונגען געפינען מיר דאָקו־מענטאַריש באַקרעפטיקט אין שוין דערמאָנטן בוך פון ג. סאַלווע־מיני, אַזוי אַז צווייפלען אין זייער ריכטיקייט איז לאַכלוטן נישט מעגלעך.

פון עטלעכע טויזנט פאַשיסטישע עקספּעדיציעס זענען באַ־קאַנט בלויז צוויי פאַלן, ווען די אָרטיקע מיליטער־מאַכט האָט גע־שטעלט די פאַשיסטן אַן ענערגישן ווידערשטאַנד: דעם 21 יולי 1921 אין סאַרצאַנאָ און דעם 26־טן סעפּטעמבער פון זעלבן יאָר אין מאָדענאָ. אין סאַרצאַנאָ האָבן די פאַשיסטן פאַרלוירן אין צו־

זאמענשטויס 20 טויטע און אין מאַרענאַ—7. די פאַראַנטוואָרט־לעכע פאַר די געשעענישן אָפיצירן זענען שטרענג באַשטראָפט גע־וואָרן. אין יאָר 1921 האָט מען לויט, לויט אַ באַפעל פון דער רעגי־רונג, צוריקגעצויגן 25,332 דערלויבענישן אויף טראָגן געווער — דערהויפט ביי אַרבעטער. פויערים און אומפּאַר. בירגער. אָבער אין דער זעלבער צייט זענען געבליבן אין קראַפט 637 טויזנט דערלוי־בענישן אויף ביקסן, 208 טויזנט אויף רעוואָלווערן און 859 טויזנט אויף געווער־שטעקנס — פון וועלכע עס האָבן אין גרעסטן טייל גענאָסן פאַשיסטן. אין כעשבן גייען נישט אַריין נאָך די בליי־ערנענאַהייקעס, וועלכע יעדער פאַשיסט האָט געהאַט ביי זיך.

קעדיי קלאָר צו באַגרייפן די פאַרבינדונג צווישן דער אַרמיי און דעם פאַשיזם, איז נישט גענוג צו וויסן בלויז די קלאַסן־נאַ־טור פון יעדער באַוואָפנטער אָרגאַניזאַציע, נאָר מיר מוזן גענויער אַנאַליזירן די ענדערונגען, וואָס די מילכאָמע האָט אַרויסגערופן אין דער איטאַליענישער אַרמיי און אין אירע קאַדרען. מיר וועלן צוערשט ברענגען עטלעכע באַמערקונגען אויף אַט דער טעמע פון אַרטוראָ לאַבריאָלאַ.

„די מילכאָמע — לייענען מיר ביי אים — האָט אויך דורכ־געמאַכט גילגולים און איבעראַנדערשונגען, וועלכע האָבן אינ־גאַנצן געביטן איר נאַטור. דער פּראָפעסיאָנעלער אָפיציר, דער־נערוו און נעשאָמע פון דער אַרמיי, וועלכער איז אָן שום קלערע־נישן און באַוואָרענישן געווען פּרעטאָריאַניש, ד. ה. גענייגט צו דינען אָן שום ריקזיכט אַלס מאַכט־אינסטרומענט, וועלכער איז געווען טריי דעם פירשט, דערצויגן אין אויסשליסלעכן אידעגע־טריבענעם רעספּעקט פאַרן פירשט — אַט דער אָפיציר האָט אין מעשעך פון דער מילכאָמע אָדער דעמיסיאָנירט, אָדער אומגעקו־מען, אָדער ער האָט זיך אין גאַנג פון דער מילכאָמע אַזוי געענ־דערט, אַז ער איז געוואָרן מער ווייניקער ענלעך צו דעם נייעם טיפּ אָפיציר, וואָס איז אַנטשטאַנען אין די מילכאָמע־יאָרן, און פאַר וועלכן דער באַגריף פירשט איז פאַרביטן געוואָרן דורכן באַגריף פאָטערלאַנד, און דער באַגריף רעגולאַמין דורכן באַגריף פריי־הייט... ווער עס האָט געאַרבעט אין רעגירונגס - קאַנצעלאַריעס,

וויסט זייער גוט, אַז די ערשטע פראַגע, וואָס אַ רעגירונגס־פאַר־שטייער שטעלט זיך, ווי נאָר מען דאַרף אָנקומען צו דער עפנט־לעכער אָרדנונג, איז — צי וועט די אַרמיי פאָלגן?" (א. לאַבריאָלאַ, די פּאָליטישע פליכט 1923, ז. 23 און 24).

זייער אַ קלאָרן אַנאַליז פון דער זעלבער ערשיינונג גיט אונז אַנטאָניאָ גראַמשי. ער שרייבט:

„די טיפּישע שוואַכקייט פון דער סאָציאַלער סטרוקטור פון איטאַליע האָט מען פאַר דער מילכאָמע געקאָנט אָבסערווירן אין דער אַרמיי. אַ שמאָלער שיכט אָפיצירן (אַלמע פּירנדיקע אַגראַר־קלאַסן, נייע אינדוסטריע־קלאַסן) האָט געהאַט אונטער זיך אַ ביור־ראָקראַטישע קאַסטע פון נידעריקערע אָפיצירן, וועלכע זענען נישט פעיק געווען אונטערצוהאַלטן פאַרבינדונג מיט דער נישט־דיסצי־פּלינירטער און אויף גאָטס באַראָט איבערגעלאָזענער זעלנער־מאַסע. בעת דער מילכאָמע איז די גאַנצע אַרמיי געווען געצוווּנ־גען פון אונטן ביז אַרויף זיך צו רעאָרגאַניזירן; מען האָט די העכ־ערע ראַנגען באַזייטיקט און דורכגעפירט אַזאַ ענדערונג אין דער אָרגאַנישער סטרוקטור, אַז זי האָט פּאַקטיש באַדייט די אויסביל־דונג פון אַ נייעם שיכט נידעריקערע אָפיצירן. דער דאָזיקער פּראָ־צעס איז געווען אַ מין אַריינפיר צו דער איבערלערעניש פון זעלבן כאַראַקטער, וואָס דער פאַשיזם האָט פאַנאַנדערגעבונדן אויף אַ ברייטערער באַזע" (טעזן וועגן דער לאַגע אין איטאַליע, 3־טער קאָנגרעס פון דער קאָם.־פּאַרטיי פון איטאַליע, יאַנואַר 1926).

אַלזאָ, די דעמאָקראַטישע שרייבער, וועלכע ווערן נאָך אַלץ נישט מיד פאַרצוּוואַרפן דעם קעניג, פאַרוואָס ער האָט נישט אַרויסגעשיקט די אַרמיי קעגן פאַשיזם (פאַרוואָס ער האָט נישט פּראָקלאַמירט קיין באַלאַגערונגס־צושטאַנד קעגן פאַשיזם), קאָן מען לייכט ענטפערן, אַז שוין אין 1920 זענען די קאַדרען פון דער איטאַליענישער אַרמיי אין גאַר אַ גרויסער מאָס געווען באַ־הערשט פונם פאַשיזם, און אין געוויסע געגנטן איז שוין אַפילע נישט געווען קיין שום אונטערשיד צווישן די קאַדרען פונם פאַ־שיזם און פון דער אַרמיי. עס איז דעריבער פּאַשעט לעכערלעך צו האָבן טענות צום קעניג, פאַרוואָס ער האָט נישט געהאַט

גענוג מוט, בעאיים דידעמאקראטן און סאציאליסטן האבן אליין אויך דעם מוט נישט פארמאגט — דעם מוט צו אפעלירן צו די זעלנער קעגן זייערע אפיצירן; דעם מוט פאנאנדערצובינדן א רעוואלוציע, וועלכע זאל גרייכן טיפער, ווי די רעוואלוציע פונם פאשיזם; דעם מוט ארויסצורוקן קעגן פאשיסטישן פלאן פון רעארגאניזירן די מעלוכע, א פלאן פון רעוואלוציאנערער מעלוכע־אומגעשטאלטונג, געשטיצט אויף די ארבעטער און סאלדאטן... ניין, דאס האט נישט געקאנט זיין די אויפגאבע פונם קעניג; די באציאונג פונם קעניג צו דער ארמיי איז געווען לויט דער אלטער באקאנטער פארמול: „איך בין דער שעף, מוז איך איר פאלגן״.

4. שאלעם־אפמאך צווישן סאציאליסטן און פאשיסטן

די פאשיסטישע דעראבערער פון די דערפער, וועלכע מוסאליני אליין האט נישט פארויסגעזען, האט ארויסגערופן שווערע קאנפליקטן אין דער פאשיסטישער באוועגונג, און ס'איז קימאט ווי געקומען צו א פאקטישער שפאלטונג. די קאנפליקטן האבן זיך אנגעהויבן צוליב דעם שאלעם־אפמאך, וואס איז געשלאסן געווארן דעם 3־טן אויגוסט 1921 צווישן די פאשיסטן פון איין זייט און די רעפארמיסטן און מאקסימאליסטן, וועלכע האבן נאך דאן געהערט צו איין פארטיי פון דער צווייטער זייט. די פאשיסטן אין די שטעט האבן געהאלטן, אז זיי האבן שוין גענוג אנגעלערנט די ארבעטער־באוועגונג און האבן נישט מער, וואס מוירע צו האבן פאר א נייעם אנגריף פון איר זייט. און דערביי האבן די אינדוסטריעלער, וועלכע האבן דאן דורכגעמאכט א שווערן קריזיס, זיך גענויטיקט אין א פארשטענדיקונג צווישן פאשיסטן און רעפארמיסטן, כדי צו קאנען אונטערנעמען מאמאשעסדיקע לוין־קירצונגען און זיכער זיין מיט דער ארדענונג אין די אונטערנעמונגען. אבער דער שאלעם־פלאן — די קאמוניסטן זענען, פארשטייט זיך, געבליבן אויסער דעם שאלעם — האט נישט אנטשפראכן די אינטערעסן פון די פריצים, וועלכע האבן שוין באוויזן צו שאפן גאר א נייע סיטואציע אין דארף און קימאט

אומעטום באַרעוו געמאַכט די „רויטע" אָרגאַניזאַציעס. פאַר די פריצים האָט דער אויף פאַריטעטע יעסוידעס געשלאָסענער וואַפנ־שטילשטאַנד מיט די סאָציאַליסטן באַדייט אַ ריקצוג — ער האָט באַדייט די מעגלעכקייט פון צוריק אויפבויען די צעשטערטע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. די פאַשיסטישע פירער האָבן זיך טכילעס נישט אינגאַנצן אָריענטירט, צו וואָס עס איז זיי מעכאַיעוו דער בונד מיט די פריצים.

דעם 12־טן יולי 1921 האָט אין מילאַן געהאַט זיין סעסיע דער פאַרטיי־ראַט פון די פאַשיסטן, און ער האָט פאָרגעלייגט „אַלע פאַשיסטן, מען זאָל אומעטום, ווו די לאַגע דערלויבט נאָר, שליסן אָרטיקע אָפמאַכן מיט די פאַרטרעטער פון די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס". צוויי פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס פון צוויי אינדוסטריע־צענטערן, פון טערני און סעסטרי פאָנענטע האָבן באַלד פּראַקטיש רעאַליזירט די דאָזיקע דירעקטיוו.

דעם 23־טן יולי האָט מוסאָליני עפנטלעך דערקלערט, אַז ער איז גרייט אויף אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די סאָציאַליסטן אין מיט דער פאָלקס ־ פאַרטיי.

דעם 3־טן אויגוסט 1921 האָבן נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען צוויי פאָרשטייער פון די סאָציאַליסטן (דזאַניבאָני און עלעראָ) און צוויי פון די פאַשיסטן (דזשוראַטי און אַטשערבאָ) אונטערגעשריבן אַ שאָלעם־אָפּמאַך, אין קאַבינעט ביים פאָרזיצער פונם פאַרלאַמענט. אויפן גרונט פון דעם אָפמאַך האָבן זיך אי די סאָציאַליסטן אי די פאַשיסטן פאַרפליכטעט צו זאָרגן געמיינזאַם דערפאַר, מען זאָל אויףביידע זייטן אויסמיידן געוואַלט־אַקציעס און רעפּרעסיווע האַנדלונגען און מען זאָל רעספּעקטירן די פרייהייט פון פאַרזאַמלונגען און אַגיטאַציע

די פאַשיסטן פון די אינדוסטריעלע ראַיאָנען האָבן אַלע ראַטיפיצירט דעם שאָלעם־אָפּמאַך (מילאַן, טורין, טריעסט, גענוא, ליוואָרנאָ, רוים, טאַראַנטאָ, טערני, קאָמאָ א. אַז. וו.), אָבער אין די אַגראַר ־ געביטן, אין טאָסקאַנאָ, עמיליא, ראָמאַניאָ, ווענעציע און נעאַפּאָל, האָבן די פאַשיסטן נישט געוואָלט אָנערקענען דעם אָפּמאַך.

אַז ס'האָט זיך באַקומען די יעדיע וועגן אונטערגעשריבענעם אָפּמאַך, זענען אין די אַגראַר־געגנטן פֿאָרגעקומען העפטיקע פּראָטעסט ־ אַרויסטרעטונגען. אין באָלאָניאַ האָבן פֿאַשיסטישע גרופּעס מאַרשירט דורך די גאַסן און געזונגען שפּאָט־לידער אויף מוסאָליני. אויף די ווענט האָבן זיך באַוויזן באַליידיקנדיקע פּלאַקאַטן, און אָפּטער פֿון אַלץ האָט מען געזען אַזאַ אויפֿשריפֿט: „ווער עס האָט איינמאָל פֿאַראַטן, דער פֿאַראַט נאָכאַמאָל!'' דאָס האָט געהייסן, אַז מוסאָליני, וועלכער האָט אין 1914 פֿאַראַטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועט די פֿאַשיסטן אויך פֿאַראַטן. „די פֿאַשיסטישע באַוועגונג — האָט געשריבן באָנאָמי — איז געווען איבערראַשט פֿונם באַפֿעל פֿון איר פֿירער. דער באָלשעוויזם איז געווען צעבראָכן, אָבער ער איז נאָך אַלץ געווען די פּאָליטישע און ווירטשאַפֿטלעכע קראַפֿט פֿונם פּראָלעטאַריאַט. קאָל זמאַן די דאָזיקע קראַפֿט איז נישט געווען פֿאַרניכטעט, קאָל זמאַן מען האָט נישט צעבראָכן דעם רוקנביין פֿון די רויטע אָדער ווייסע פּאַרייען, די הערשאַפֿט פֿון די אַלטע קאָנסערוואַטיווע פּאַרטייען, וואָס האָבן געלויערט הינטער דעם רוקן פֿון די יונגע פֿאַשיסטן — איז די צוקונפֿט פֿונם פֿאַשיזם נאָך נישט געווען געזיכערט, נישט געווען אויסער געפֿאַר. מען האָט דעריבער נישט געטאָרט אַרויסלאָזן דעם סוינע פֿון אויג, מען האָט געמוזט אוממעגלעך מאַכן פֿאַר אים יעדן פּרוּוו פֿון ווידערשטאַנד, אים פֿאַנאַנדעריאָגן, פֿאַרניכטן, צעשמעטערן. און פֿאַרוואָס זאָל מען נישט אין אַ מאָמענט, ווען דער סוינע ליגט שוין אויף דער ערד, אַ סאָף מאַכן מיטן סאָציאַליזם, מיטן קאָאַליציע־רעכט און שטרייק־רעכט, מיט דער גאַנצער אידעאָלאָגיע און מיט דער גאַנצער זייט 20 יאָר איינגעשטעלטער פּראַקטיק פֿון דער דעמאָקראַטיע? דאָס איז דער גרונט, פֿאַרוואָס די פֿאַשיסטן פֿון ראָמאַניאַ, עמיליאַ און טאָסקאַנאַ האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אָנערקענען דעם שאָלעם־אָפּמאַך'' (באָנאָמי, פֿון סאָציאַליזם צו פֿאַשיזם, 1924, ז. 19).

מוסאָליני האָט אָבער פֿאַרטיידיקט דעם שאָלעם־אָפּמאַך, מאַכמעס ער האָט מוירע געהאַט, אַז די נישט נאָכגיביקייט פֿון די אַגראַר־פֿאַשיסטן וועט שאָדן ברענגען דעם שטאָטישן פֿאַשיזם,

וועט אונטערגראָבן די סימפּאַטיע צו אים פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע און פון די מעלוכישע אינסטיטוציעס. אין זיין צייטונג האָט מוסאָליני וועגן דעם אַזוי געשריבן:

„איך וועל דעם שאָלעם־אָפּמאַך, וועלכער האָט, לויט מייז מיינונג, די באַדייטונג פון אַ היסטאָרישער געשעעניש, מיט אַלע קויכעס פאַרטיידיקן... דער אָפּמאַך איז גוט פאַר די צילן און ווייטערער עקספּאַנסיע פונם פאַשיזם. אָט איז אַ פּאַרטיי, די סאָציאַליסטישע, וועלכע איז לאַנגע יאָרן געווען די אומבאַשטריטענע הערשערין אין דער איטאַליענישער פּאָליטיק; אָט איז אַ פּאַרטיי, די סאָציאַליסטישע, וועלכע האָט ערשט מיט עטלעכע כאַדאָשים צוריק גערעדט נאָך וועגן סאָוויעטן, וועגן דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט און וועגן אַנדערע מאָסקאָוויטישע פאַנטאַזיעס; עס האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע פּאַרטיי מוז טריומפירן און פאַרפּלייצן אַלע אַנדערע פּאַרטייען. איר שיף איז געשווומען קעסיידער פאָראויס, די זעגלען געטריבן דורך די ווינטן פון גינסטיקן שיקזאַל. און מיט אַמאָל טויכט אויף דער פאַשיסטישער וועלט. עס הויבט זיך אָן אַ קריזיס פון אויטאָריטעט און מוט אינעם גענעראַל־שטאַב, אַ מעהומע אין דער באַוועגונג. די פּאַרטיי גייט איין אויף אונטערהאַנדלונגען און פאַרקערפּערט זיי אין אַ פייערלעכן אַקט. זי איזאָלירט די קאָמוניסטן און פאַרשאַרפט דורכדעם איר שטעלונג לעגאַבע אָט די שרעקלעכע און געפערלעכע קאָנקורענטן אויף דער סימפּאַטיע פון פאָלק און ליידער, אויך אויף די שטימען פון פאָלק... אויב דער פאַשיזם וועט מיך נישט פאָלגן, וועט קיינער מיך נישט קאָנען צווינגען צו פאָלגן דעם פאַשיזם" („פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", 3־טער אויגוסט, 1921).

די האַלטונג פון די קאָמוניסטן האָט דאַן נישט דערלאָזט, אַז די קאָסטן פונם שאָלעם - אָפּמאַך זאָלן פאַלן צו לאַסט אויפן אַרבעטער - קלאַס. נישט געקוקט אויפן וואָפנשטילשטאַנד, האָבן זיך אויך אין די שטעט אָנגעהויבן מערן די גוואַלט - אַקציעס. „שאָלעם מיט די סאָציאַל - דעמאָקראַטן, קריג מיט די קאָמוניסטן" — איז געווען דער אינהאַלט פון אַ רוף פון די טריעסטער פאַשיסטן: „מיר, פאַשיסטן, דערקלערן מיט דעם שטאָלץ און

ווירדע פון פארטיי - מענער, אז מיר ווען זיך נישט אנטוואָפּענען פאר דער קאָמוניסטישער פארטיי, נאָר מיר וועלן ווייטער פירן דעם קאמף מיט מוט און מעסירעס נעפעש; מיר געבן ווידער א קאמף־באפעל אונזערע אקטיווע כאוויירים, מיט באנייטן גלויבן ווייזן מיר זיי אָן אויף דעם קאָנקרעטן אָביעקט, וואָס פארקערפּערט דעם ערגסטן פיינט פונם פאָטערלאנד".

אין פלאָרענץ, ווו די אָרטיקע פאשיסטישע אָרגאניזאציע האָט אויך נישט אָנערקענט דעם אָפּמאך, האָבן אסאך בירגער אויפגעהערט צו סובסידירן דעם פאשיזם. האָבן די פאשיסטן גע־ענטפערט דערויף מיט אָן עפנטלעכן פלאקאט (26־טער סעפּטעמ־בער 1921), וועלכער האָט, אלס פסיכאָלאָגישער דאָקומענט, גאָר א גרויסע באדייטונג:

„צוליב דער אָפענער און פארבאהאלטענער פיינטשאפט פון דער באפעלקערונג און אין דער ערשטער רייע פון דער רייכער הוליענדיקער בורזשואזיע, וועלכע צייכנט זיך אויס, אויסער גע־ציילטע וואונדער־ווערטע אויסנאמען, מיט געמיינעם עגאָאיזם פאר דער געלט־קאסע, און פון דער פאשיסטישער אקציע האָט זי גע־האלטן נאָר אזוי לאנג, ווי דאָס איז געווען אין איינקלאנג מיט אירע מאטעריעלע אינטערעסן — דערקלערן די פאשיסטן, אז פון היינט אָן ציען זיי זיך צוריק פון קאמף קעגן די איבערקערערישע קיבעס פון דער נאציע, ווו עס זאָל נישט אויפטרעטן א רעוואָלו־ציאָנערע באוועגונג מיטן פרווו צו באזעצן פאבריקן און רויבן אייגנטום... מיר לאָזן דאָס געלד פריי פאר די בונטארישע פאר־טייען פון אלע פארבן, מיר געבן זיי די פארזיכערונג, אז פון אונ־זער זייט האָבן זיי נישט מער וואָס מוירע צו האָבן".

עס איז געווען קלאָר, אז די מערהייט פאשיסטן באציען זיך פיינטלעך אפילע צום שאָלעם - אָפּמאך מיט די סאָציאל - דעמאָ־קראטן. א גאנצע רייע ראיאָן - צוזאמענפאָרן, וואָס זענען גערופן געוואָרן אָן מוסאָלינים ווילן, האָבן אָפּגעוואָרפן דעם שאָלעם. מוסאָליני איז געווען געצוווּנגען צו רעזיגנירן פון זיין פאזיציע אין פאשיסטישן צענטראל - קאָמיטעט.

„איך האָב, עמעס, געוואָלט מיט דער גאנצער קראפט דעם

שאָלעם־אָפּמאַך — האָט ער געשריבן — אָבער הונדערטער פאַ־שיסטן ווילן נישט הערן אַפילו וועגן שאָלעם, און זיי זאָגן דאָס אָפּן. נישט איך גיי אַוועק, אַנדערע צווינגען מיך אַוועקצוגיין, זיי שלאָגן מיך מיט זייערע שטימען און דיסקוואַליפיצירן מיך גאָר אויף אַ מאָדנעם אויפן... איך האָב די לעצטע צייט דייטלעך גע־געבן צו פאַרשטיין, אַז איך בין נישט אימשטאַנד אָנצופירן מיט אַ נישט דיסציפּלינירטער, כאַאָטישער באַוועגונג" („פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ", 19־טער אויג. 1921).

דזשיאָליטיס פּלאַן צו דערפירן צו אַן אויסגלייך צווישן דער דער „קאָמערץ ־ באַנק", דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע, דעם פאַשיזם און דעם רעפאָרמיזם און זיי אַלע מאָביליזירן קעגן אַר־בעטער־קלאַס — דער דאָזיקער פּלאַן האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּאָזיציע נישט נאָר אין די פאַשיסטישע רייען, נאָר אויך אין די רייען פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אונטערן דרוק פון דער סעראַטי־גרופּע האָט דער צוזאַמענפאָר אין מילאַן (5—10 אָקטאָבער 1921) אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן פאָרשלאַג, אָבער זייער פיל מאַקסימאַליסטן און סאָציאַליסטן, וואָס דער אַגראַר־פאַשיזם האָט זיי פאַרטריבן פון די אַגראַר־געגנטן, האָבן אַרויסגעוויזן אַ גרויסע נייגונג צו דער רעפאָרמיסטישער טעזע. נאָכן מילאַנער אָפּזאָג האָט מוסאָליני געשריבן:

„דער פאַשיזם האָט פאַר זיך ווייט נייענדיקע מעגלעכקייטן. ער קאָן גרויסע זאַכן אויפטון, אויב ער וועט פאַרשטייען אויפצוכאַפּן די פאָדערונגען פונם מאָמענט" („פּאָפּאָלאָ ד'אי־טאַליאַ", 16־טער אָקטאָבער).

די דאָזיקע מעגלעכקייטן זענען געווען אַ קאָנסעקווענץ פונם סאָציאַליסטישן אָפּזאָג צוצשטייען צום פאַשיזם אַלס ע״טעף ביים רעאָרגאַניזירן די מעלוכע. די ס״ד האָט זיך אָפּגערוקט און נישט פאַרנומען דעם אויבן אָן אין יענעם רעאַקציאָנערן פראָנט, צו וועלכן די גרויס־בורזשואַזיע האָט זי גערופן. איז דער גרויס־בורזשואַזיע געבליבן נאָר דער פאַשיזם. דער שאָלעם־אָפּמאַך איז געווען טויט.

5. דריטער פאַשיסטן קאָנגרעס אין רוים

די דאָזיקע ווענדונג אין דער אַנטוויקלונג פונם פאַשיזם איז געוואָרן אַקצעפּטירט דורך דעם דריטן קאָנגרעס פון די פאַשיסטן (8—12 נאָוועמבער 1921). דער קאָנגרעס האָט באַשלאָסן צו פאַרוואַנדלען די פאַשיסטישע באַוועגונג אין אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי. פונם שאָלעם־אָפּמאַך האָט מען אַפילו נישט געהערט מער. מוסאָליני האָט פייערלעך כאַראַטע געהאַט אויף זיין כעס.

„איך זאָג נישט, אַז איך בין נישט באַגאַנגען קיין שום פעלער — האָט ער דערקלערט — איך בין מוידע, אַז איך האָב זייער אַ שלעכטן כאַראַקטער. עס ראַנגלען זיך אין מיר צוויי מוסאָליניס, איינער אַן אינדיווידואַליסטישער, וואָס האָט נישט ליב די מאַסע, און אַ צווייטער, וועלכער איז פולקאָם דיסציפּלינירט... אין דער נייער אָרגאַניזאַציע וויל איך גאָר אינגאַנצן פאַרשווינדן, ווייל איר מוזט אייך אויסהיילן פון מיין קראַנקהייט און אַליין אָנהויבן צו גיין".

וועגן דער מעלוכע האָט דער קאָנגרעס אַזוי געזאָגט אין זיין דעקלאַראַציע:

„מיר וועלן אַלע מאָל זיין מיט דער מעלוכע, ווען זי וועט זיך נאָר אַרויסווייזן אַלס וואַכזאַמע היטערין און פאַרטיידיקערין פון דער נאַציאָנאַלער טראַדיציע, פון נאַציאָנאַלן געפיל און נאַציאָנאַלן ווילן. מיר וועלן אַלע מאָל אָבער אַרויסטרעטן קעגן דער מעלוכע, ווען זי וועט זיך אַרויסווייזן אומפעיק צו אָרגאַניזירן אַ פראָנט קעגן די עלעמענטן, וואָס רייסן אויף פון אינעווייניק די נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. מיר וועלן אַרויסטרעטן קעגן דער מעלוכע, אויב זי וועט אַריינפאַלן אין די הענט פון די, וואָס באַדראָען די צוקונפט פון לאַנד".

נאָכן קאָנגרעס אין רוים האָט דער פאַשיזם גענומען אַזאַ קורס, וואָס זאָל אים אוממיטלבאַר פירן צו דער דעראָבערונג פון דער מעלוכע. עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער פעלער צו מיינען, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט אַ באַוווסטזיניקער אַנטוויקלונג

לויט א פאַרויס אויסגעאַרבעטן פון מוסאָליניס פּלאַן. פאַרקערט, מען קאָן באַהויפּטן פּונקט דעם היפּעך, אַז ביי אַלע אירע ווענד־פּונקטן (נאָוועמבער 1920, אָקטאָבער 1921, אַפּריל 1922) איז די פאַשיסטישע באַוועגונג געגאַנגען אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ווי מוסאָליני האָט געפּלאַנט. מוסאָליני האָט יעדעס מאָל קאַפּי־טולירט און זיך געלאָזט פירן פונם שטראָם. אין אַלע קריטישע מאָמענטן האָבן אויבערפלאַכיקע באַאָבאַכטער פאַרזיכערט, אַז דער פאַשיזם גייט צו זיין אומפאַרמיידלעכער ליקווידירונג און אינערלעכער אויפלייזונג. אין דער עמעסן אָבער זענען עס געווען בלויז קריזיסן פון וווקס. אַז פאַרענדערונגען, וואָס האָבן זיך גע־זאַמלט אין שויס פון פאַשיזם, האָבן דערגרייכט ביז אַ געוויסן גראַד — זענען זיי מעגולגל געוואָרן אין קוואַליטאַטיווע דיפע־רענצן און האָבן צעשטערט דאָס אַלטע גלייכגעוויכט; עס האָט זיך אָבער צוריק איינגעשטעלט, אין אַ מער אַנטוויקלטער פאָרם.

דער קאָנגרעס אין רוים האָט סיגנאַליזירט יענעם צייטפּונקט אין דער אַנטוויקלונג פונם פאַשיזם, ווען דער אַנטאַגאָניזם צווישן אַגראַריער און אינדוסטריעלער איז געוואָרן באַזייטיקט, און די באַוועגונג האָט, אַ באַפרייטע פון דער אַפּעטראָפּסעם פון די אַלטע טראַדיציאָנעלע פּאַרטייען, זיך פאַרבונדן מיט די הערשנדיקע קלאַסן און איז געוואָרן אַליין פאַר זיך און אין זיך אַ פּאָליטישע קראַפט, האגאם זי האָט זיך נישט אַסימילירט מיט די עקזיסטירנ־דיקע פּאָליטישע פאָרמען. אַזוי ווי דער רעפאָרמיזם האָט זיך אַרויס־געוויזן אומפעיק צו באַפרייען זיך פונם קאָנטראָל פונם מאַקסי־מאַליזם, און די פאָלקס־פּאַרטיי איז אויך געווען געפּענטעט אין איר טעטיקייט, האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, ביי וועלכער דער פאַ־שיזם איז געווען דער איינציקער קאַנדידאַט פאַר דער גרויסער אויפגאַבע פון רעאָרגאַניזירן און פעסטיקן די איטאַליענישע מעלוכע.

דאָס יאָר 1922 איז געווען פול מיט אַ גאַנצער רייע גרויסע טעראָריסטישע עקספּעדיציעס קעגן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט. דורכגעפירט די עקספּעדיציעס האָבן די באַוואָפנטע פאַשיסטן פון די באַזונדערע ראַיאָנען. דעם 9־טן יאַנואַר האָט זיך אָנגעהויבן

די פאַשיסטישע זאַמלונג קעגן דער שטאָט קאַראַראַ, און געענדיקט האָט זיך די עקספּעדיציע דערמיט, אַז דער שטאָט־ראַט איז גע־צווונגען געוואָרן צו דעמיסיאָנירן. דעם 1־טן מערץ האָבן זיך די פאַשיסטן פון ווענעציע דזשוליע קאָנצענטרירט אין פיומע, האָבן מיט געוואַלט געצוווּנגען די שטאָט־פאַרוואַלטונג אָפּצוטרעטן, און האָבן אויף איר אָרט באַשטימט אַ פאַשיסטישע רעגירונג.

דעם 25־טן מערץ האָבן 10 טויזנט פאַשיסטן פון אַלע ראַיאָנען פון עמיליאַ זיך קאָנצענטרירט אין באָלאָניאַ און פאַריאָגט דעם פּרעפעקט, וועמען זיי האָבן פאָרגעוואָרפן אַז ער ווייזט אַרויס צו אַ קאַלטע באַציונג צו זייערע פאָרשלאָגן.

דעם 9־טן יולי קאָנצענטרירן זיך 4 טויזנט פאַשיסטן פון פּיע־מאָנט הינטער נאָוואַראַ, עס דעמיסיאָנירן 40 „רויטע" ראַטמע־נער, עס קומען פאָר סרייפעס רויבערייען א. א. וו.

דעם 31־טן יולי קומט צושטאַנד אַ פאַשיסטישע קאָנצענטראַ־ציע קעגן גענוא, און די פאַשיסטן פאַרכאַפּן מיט געוואַלט די וויכטיקע און פאַרצווייגטעווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון די מאַטראָזן.

דעם 1־טן אויגוסט זאַמלען זיך קעגן פּאַרמאַ די פאַשיסטן פון אַסאַך ערטער פון צאָפן איטאַליע — און די אַרמיי העלפט זיי דערביי. דאָס איז געווען די איינציקע פאַשיסטישע עקספּעדי־ציע, וועלכע האָט זיך נישט איינגעגעבן, נישט געקוקט אויפן אומ־געהויערן אַפּאַראַט, וואָס די פאַשיסטן האָבן געהאַט אין זייער רעשוס; דורכגעפאַלן איז די עקספּעדיציע אַדאַנק דעם איינהייט־פראָנט פון די אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט אין איין שטאָט־קוואַרטאַל, און זענען אַרויס פון דאָרט ערשט ווען די פאַשיסטן זענען אָפּגעטרעטן פון דער שטאָט.

דעם 1־טן איוגוסט האָבן אויך די פאַשיסטן פון גאַנץ טאָס־קאַנאַ זיך קאָנצענטרירט קעגן ליוואָרנאָ. און אין זעלבן טאָג האָבן די פאַשיסטן פון אַפּוליע זיך געזאַמלט אין באַרי און די פאַשיסטן פון אומבריע — אין טערני. אומעטום האָט מען כורבן געמאַכט אין די פּראָפ. פאַריינען, אומעטום זענען געוואָרן אָראָפּגעזעצט די אַנטי־פאַשיסטישע ראַטמענער.

דעם 12־טן מאי איז פֿאָרגעקומע א פּאַשיסטישע דעמאָנס־טראַציע אין פערראַ. 50 טויזנט פּויערים האָבן דעמאָנסטרירט קעגן דער אַרבעטלאָזיקייט. די פּאַשיסטישע אָפּאָזיציעס אין די פּראָפּ. פּאַריינען האָבן אין דער גאַנצער געגנט פּראָקלאַמירט אַן אַלגעמיינעם סאָלידאַריטעט ־ שטרייק. די מאַכט ־ אָרגאַנען האָבן געגעבן זייער העסקעם אויף דעם פּלאַן פון עפנטלעכע אַרבעטן, וואָס די פּאַשיסטן האָבן אויסגעאַרבעט, קעדיי צו פאַרקלענערן די אַרבעטלאָזיקייט.

דעם 1־טן אָקטאָבער זענען פֿאָרגעקומען גרויסע קאָנצענ־טראַציעס פון פּאַשיסטן אין מילאַן, ברעשיא, מאַנטוא, קרעמאָנאַ, וועראָנאַ און וויטשענצאַ קעגן דאָרעם ־ טיראָל. אין באָצען האָבן די פּאַשיסטן נאָמינירט אַ נייעם בירגערמייסטער, כאָרעוו געמאַכט אַלע פּאַריינס־לאָקאַלן און די שולן פון דער דייטשער מינדערהייט, און קאָנפיסקירט די שטאָטישע קאַסע אויף צו דעקן די קאָסטן פון דער עקספּעדיציע.

דעם 22־טן אָקטאָבער איז צושטאַנד געקומען אַ פּאַשיסטישע קאָנצענטראַציע אין נעאַפּאָל — זי האָט אַרומגענומען 40 טויזנט באַוואָפנטע פּאַשיסטן און 20 טויזנט פּראָפעסיאָנעל־אָרגאַניזירטע מיטגלידער. די דאָזיקע קאָנצענטראַציע איז געווען אַ האַקדאָמע צום מאַרש אויף רוים.

6. דעראָבערונג פון די שטעט

די אַלע גרויסע באַוואָפנטע אַקציעס, וועלכע האָבן זיך איבער־געטראָגן פון איין געגנט אין דער צווייטער און אין ערגעץ זיך נישט אָנגעשטויסן אויף קיין שום ווידערשטאַנד מיצאַד די אָרגאַ־נען פון דער מעלוכע־מאַכט, האָבן קלאָר באַוויזן, אַז דער פּאַשיזם גענגיסט די פולע סימפּאַטיע פון דעם הערשנדיקן קלאַס און אַז ער פאַרמאָגט שוין פּאַקטיש אַ געוויסע מאַכט. אויף אַ ווידערשטאַנד האָט דער פּאַשיזם זיך אָנגעשטויסן בלויז מיצאַד דעם פּראָלע־טאַריאַט.

נישט געקוקט אויף דעם העלדישן ווידערשטאַנד פון די קאָ־

מוניסטישע אַרבעטער, האָט די קאָמוניסטישע פּאַרטיי נישט אויס־גענוצט די פּאָליטישע מעגלעכקייטן, וועלכע עס האָט אין זיך גע־טראָגן דער דראַנג פון דער גרויסער אומפּאַרטייאישער מאַסע צוזאַמענצושליסן אירע קויכעס צום אָפּוועה־קאַמף קעגן פאַשיזם דעם דאָזיקן דראַנג האָבן אויסגענוצט אַנדערע עלעמענטן, די מינ־דערהייט פון דער קאָמפּאַרטיי און איזאָלירטע טיילן פון דער רע־פּובליקאַנישער פּאַרטיי, פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין פון דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג, אין אַזוי אַרום איז אַנטשטאַ־נען די אָרגאַניזאַציע פון „פאָלקס־דרייסטע" (אַרדיטי דעל פּאָ־פּאָלאָ).

מען קאָן נישט לייקענען, אַז די געלט־מיטלען פון אָט דער אָרגאַניזאַציע האָבן נישט אַלע מאָל געשטאַמט פון גאָר זויבערע קוועלן, אָבער אין אַ רייע שטעט (רוים, ליוואָרנאָ, פּאַרמאַ א. אַז. וו.) זענען די „אַרדיטי" געוואָרן גרויסע מאַסן־אָרגאַניזאַציעס.

די קאָמוניסטן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די אָרטיקע גרופּעס פון די „אַרדיטי", האָבן געמוזט אַרויסטרעטן פון דער פּאַרטיי, אָדער מען האָט זיי אויסגעשלאָסן. פון דער אַנדערער זייט האָט זיך די באַוואָפנטע אָרגאַניזאַציע פון די „אַרדיטי", וועלכע איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון קאָמוניסטן, טאַקע נישט אַרויסגע־וויזן אויף דער הויך פון אירע אויפגאַבן; אַ מאַמאַשעסדיקע אַק־טיווקייט האָט זי אַרויסגעוויזן בלויז בעאַיים די פאַשיסטישע עקספּעדיציעס אויף מילאַן און טריעסט און נאָך אין אייניקע ווייניקער וויכטיקע פּונקטן. מיט דעמזעלבן אומצוטרוי, ווי די קאָמוניסטן, האָבן זיך באַצויגן צו די „אַרדיטי" אויך די מאַקסי־מאַליסטן.

„די „אַרדיטי דעל פּאָפּאָלאָ" — האָט געשריבן דער „אַוואַנטי" — האָבן אָפּגענעם די אילוזיע, אַז זיי זענען אימשטאַנד אָפּצושטעלן די באַוואָפנטע באַוועגונג פון דער רעאַקציע, האַגאַם די באַוועגונג געפינט זיך אונטערן שוץ און אָפּעטראָפּעס פון דער מעלוכע. אַזוי לאַנג ווי די בורזשואַזיע איז ביי דער מאַכט, וועט זי אויסנוצן די מעלוכע קעגן דעם אַרבעטער־קלאַס. און נישט די נאַהייקעס און נישט די קינדשאַלן פון די „אַרדיטי" קאָנען זיך

נישט אויסגלייכן מיט די קוילנווארפערס, הארמאטן און פּליי-אפאראטן פון דער פּאליציאישער מעלוכע" („אוואנטי", 7 יולי).

דעמיזעלבן לעפאנעם ראדיקאלן, אבער אין דער עמעסן דעפּע-טיסטישן שטאנדפּונקט האט פארנומען אויך דער „סינדיקאליסטי-שער קאמף", ארגאן פון די רעפארמיסטישע פאריינען:

„דער פאשיזם קאן פאר קיין פאל נישט געשלאגן ווערן אויפן באדן פון באוואפנטן קאמף, נאר בלויז אויפן לעגאלן וועג" (29 יאנואר 1921).

און מאטעאטי האט פּראקלאמירט דעם לאזונג: „מען מוז האבן מוט ארויסצווייזן פאכדאנעס!"

די האלטונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי איז טאקע געווען געווים אן אנדערע, אבער די אקטיווקייט פון דער פארטיי האט שטארק געליטן צוליב די סעקטאנטישע פארורטיילן פון באָרדיגא מיט זיינע אנהענגער. אין זיינע פּאליטישע טעזן צום צווייטן צוזאמענפאר פון דער ק. פּ. אי. (קאמונ. פארטיי פון איטאליע) אין רוים (1922) האט באָרדיגא זיך באנוגנט דערמיט, וואס ער האט דערמאנט, אז די דעמאקראטישע און פאשיסטישע פארם פון בורזשואזער הערשאפט זענען איינס און דאס זעלבע (אידענטיש), און האט פעסטגעשטעלט, אז ס'איז אוממעגלעך אויסצומיידן א קאמפּראמיס צווישן אלע בירגערלעכע פארטייען און די מעגלעכקייט פון א פאשיסטישער מעלוכע-איבערקערעניש. דיזעלבע טעזן האבן זיך ארויסגעזאגט קעגן אן איינהייט-פראנט מיט דער סאציאליסטישער פארטיי, האגאם דער קאמאינטערן האט אין יענער צייט פארטיידיקט די דאזיקע טאקטיק.

אין פעברואר 1922 האט זיך געגרינדעט א קארטעל פון אנטי-פאשיסטישע פראפעסיאנעלע ארגאניזאציעס. עס זענען צום קארטעל צוגעשטאנען: די אלגעמיינע ארבעטער-קאנפעדעראציע, די איטאליענישע פאריינס-אוניע (אנארכיסטן), די איטאליענישע ארבעטער-אוניע (רעפּובליקאנער), דער פאריין פון די אייזנבאנער (אויטאנאם) און די פעדעראציע פון שיף-ארבעטער (אויטאנאם).

דער קארטעל האט זיך אנגערופן „ארבעטער־אליאנס", און זיין פראגראם איז געווען אזא:

„די פארטרעטער פון די ארבעטער־ארגאניזאציעס, וואס שטייען אויפן באדן פון קלאסן־קאמף, אנערקענען, אז דער וויכטיקסטער תנאי פאר דער באפרייונג פונם פראלעטאריאט איז זיין אייניקונג אין קאמף קעגן קאפיטאליזם; אז די דאזיקע אייניקונג איז באזונדער נויטיק אין אמאמענט, ווען די ארגאניזירטע קויכעס פון דער רעאקציע ווארפן זיך בלינדערהייט אויף די פראלעטארישע ארגאניזאציעס און ווילן זיי צעברעכן, כדי די ארבעטערשאפט זאל נישט קאנען נישט זיך ווערן און נישט פירן דעם קאמף פאר איר באפרייונג. די דערמאנטע פארטרעטער באשליסן צו שאפן קעגן די פאריניקטע קויכעס פון דער רעאקציע א בונד פון די פראלעטארישע קרעפטן, כדי צוריקשטעלן די עפנטלעכע פרייהייטן און דאס נארמאלע רעכט און פארטיידיקן די דערגרייכונגען פונם ארבעטער־קלאס סיי אויפן ווירטשאפטלעכן, סיי אויפן מאראלישן געביט.

די אנגוועזנדיקע דעלעגאטן שטעלן פעסט, אז כדי צו דערגרייכן דעם דאזיקן ציל, וואלט געווען צוועקמעסיק צו שאפן א לאנד־קאמיטעט, וועלכער זאל האבן די אויפגאבע צו קאארדינירן און דיסציפלינירן די אפוואר־אקציע פונם ארבעטער־קלאס. דער לאנד־קאמיטעט וועט פארעפנטלעכן א פראגראם, צוגעפאסט צו די פארהעלטענישן, און וועט נישט איגנארירן קיין שום מיטל פון קאמף, אויך נישט דעם מיטל פון גענעראל־שטרייק, כדי אזוי ארום ארויסצורופן א באנייונג אין די ארבעטער־רייען און פארשפרייטן די איבערצייגונג, אז מיט פאריניקטע קויכעס קאן דער פראלעטאריאט זייער גיך צוריק דערגרייכן די מעגלעכקייט פריי צו פירן זיין פראפעסיאנעלע און פאליטישע טעטיקייט".

פראקטיש אבער איז אט די דעקלאראציע געבליבן א שטיקל פאפיר. די ארבעטער האבן ווייטער איזאלירט געווערט זיך קעגן די פאשיסטן, און קיין שום פארבינדונג צווישן די ארבעטער־ארגאניזאציעס פון די באזונדערע שטעט איז נישט געווארן איינגעשטעלט. קימאט אויף יעדער איינער פון די פריער אויסגע־

רעכנטע פאַשיסטישע עקספּעדיציעס האָבן די אַרבעטער גע־ ענטפערט מיט גענעראַל־שטרייק; אָבער אַזוי ווי דער שטרייק איז נישט געוואָרן פאַרבונדן מיט אַנדערע מיטלען פון דירעקטן קאַמף, האָט ער נישט געקאָנט אָפּשטעלן די פאַשיסטישע געוואַלט־אַקטן. דער אַרויסגעדרופענער דורך די סאָציאַליסטן גענעראַל־שטרייק האָט געצוואָלט צווינגען די מאַכט־אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן שיצן די פּראָלעטאַרישע אינסטיטוציעס פאַרן פאַשיסטישן טעראָר; אָבער געפירט האָט עס בלויז צו מינדלעכע צוזאָגן, וועלכע די מאַכט־ אָרגאַנען האָבן נישט געקאַרגט, און הינטער די קוליסן האָבן די זעלבע מאַכט־אָרגאַנען געאַרבעט האַנט אין האַנט מיט די פאַ־ שיסטן. די רעפאָרמיסטישע איינשטעלונג, אַז די פּראָלעטאַרישע אַקציע דאַרף בלויז דינען אַלס סטימול, אַלס דעמאָקראַטישער מיטל פון דרוק אויף די מעלוכישע אָרגאַנען, אַז זיי זאָלן באַשיצן די לעגאַליטעט — די דאָזיקע איינשטעלונג האָט געפירט דערצו, אַז די איינציקע גרויסע אַקציע — דער אַלגעמיינער שטרייק פון 31 אויגוסט 1922 — וואָס די „אַרבעטער־אַליאַנס" האָט אָרגאַ־ ניזירט, איז אויך דורכגעפאַלן. די אַרבעטער פון דער אינדוסטריע האָבן זיך אָפּגערופן, ווי אַלע מאָל, די מערהייט פאַבריקן און אונ־ טערנעמונגען האָבן פאַרשטרייקט; אַ גרויסער טייל מאַטראָזן זענען אויך צוגעשטאַנען צו דער באַוועגו[illegible] און דאָך האָט דער שטרייק געליטן אַ דורכפאַל, ווייל זיינע פירער האָבן אים געוואָלט אויסנוצן, בלויז קעדיי צו מאַכן אַ דרוק אויפן פאַרלאַמענט און אויפן קעניג און זיך דערשלאָגן צו אַ דעמאָקראַטישן קאַבינעט מיט דער באַטייליקונג פון די רעפאָרמיסטן. דער אָרגאַן פון די רעפאָר־ מיסטן האָט זיך נישט געוואַקלט צו אָנערקענען די געליטענע מאַפּאָלע:

„מען מוז האָבן מוט מודע צו זיין: דער פּראָקלאַמירטער און אָרגאַניזירטער דורך דער „אַליאַנס" גענעראַל־שטרייק איז געווען אונזער אומגליק. מיר גייען אַרויס פון אָט דעם פרווו צעמאַזיקטע. מיר האָבן די לעצטע קאָרט אויסגעשפּילט, און מיר האָבן אין דער שפּיל פאַרלוירן מילאַן און גענוא, וועלכע מ'האָט געהאַלטן פאַר אונזערע שטאַרקסטע ווידערשטאַנד־פעיקסטע פונקטן. אין דער

הויפּט־שטאָט פון לאָמבאַרדיע האָט אַ צווייט מאָל דאָס פייער פאַרניכטעט אונזער פּאַרטיי - אָרגאַן. די שטאָט - פאַרוואַלטונג איז אַרויסגעריסן געוואָרן פון די הענט פון אירע געזעצלעכע פאַרטרעטער, און אונזערע בעסטע כאַווײרים דראָט פאַרשיקונג. אין גענוא, אין אָט דער פעסטונג פון די מאַטראָזן און האַפן־אַרבעטער, האָבן די פאַשיסטן פאַרנומען די לאָקאַלן פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, און פון דער סאָציאַליסטישער טאָג־צייטונג איז געבליבן נאָר אַ הויפן אַש. מען מוז האָבן מוט צו זאָגן: די פאַשיסטן זענען היינט די באַלעבאַטים פונם קאַמף־פעלד... אויב מיר געפינען זיך היינט אין אַזאַ שמערצלעכער, קאַטאַסטראָפאַלער לאַגע, איז עס דערפאַר, ווייל מען האָט זיך צו שפּעט גענומען צו דער רעאַליזירונג פון פאַרשידענע פּלענער. צו שפּעט איז געקומען דער פּרווו פון צוזאַמענאַרבעט, וועלכע וואָלט געקאָנט געלינגען, ווען זי וואָלט צושטאַנד געקומען באַלד נאָך די פּאָליטישע וואַלן פון מאַי 1921; צו שפּעט איז אויך געקומען דער פּרווו פון אַן אַלגעמיינעם פּראָטעסט־שטרייק, מען האָט זיך געכאַפּט פאַר אָט דעם מיטל, ווען דער פיינט האָט שוין כאָרעוו געמאַכט אַ טייל פון אונזער פעסטונג און האָט שוין באַוויזן צו שאַפן אַ מעכטיקע אַרמיי. די סיבעס פון אָט דער פאַרשפּעטיקונג דאַרף מען זוכן אין דער טיפער פּאַסיווקייט, וועלכע הערשט נאָך ביז היינט צו טאָג אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי" („דזשוסטיציאַ", 12־טער אויגוסט, 1922).

קאַפּיטל 8

דער מאַרש אויף רוים

1. פריִיער וועג קיין רוים — נאָך דער פאַרניכטונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג

די מאַפּאַלע און צעבראָכנקייט פון דער אַרבעטער־באַוועגונג האָבן געעפנט פאַרן פאַשיזם דעם וועג קיין רוים. עס האָט זיך וועגן דעם געפירט אַ פּראָטאָקאָלאַזע דיסקוסיע צווישן די פאַשיסטן און די איטאַליענישע דעמאָקראַטן. די דעמאָקראַטן האָבן זיך גע־מיט צו דערווייזן, אַז די אַרבעטער־באַוועגונג איז שוין זייט 1920 געווען איינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם רעפאָרמיזם און דער מעלוכע, און דער מאַרש אויף רוים איז געווען בעאיקער דאָס ווערק פון אַ מיליטערישער פאַרשווערונג, געשטיצט פון קעניג, קעגן די ליבעראַלן און קעגן די דעמאָקראַטישע מעלוכע־אינסטי־טוציעס. די פאַשיסטן, דאַקעגן, האָבן געוואָלט דערווייזן, אַז דער מאַרש אויף רוים איז געווען בלויז דער לעצטער שטאָפּ פון יענעם קאַמף, וועלכן דער פאַשיזם האָט געפירט קעגן דער געפאַר פון באָלשעוויזם, און סאָף 1922 איז די געפאַר נאָך באַשטאַנען.

„עס איז פאַלש צו מיינען — האָט געשריבן מוסאָליני — אַז אין דעם יאָר, ווען די שוואַרץ־העמדלדיקע האָבן מאַרשירט אויף רוים, איז די באָלשעוויסטישע און רעוואָלוציאָנערע געפאַר געווען שוין פאַרשווונדן פונם איטאַליענישן האָריזאָנט. עמעס איז פונקט פאַרקערט, אַז די באָלשעוויסטישע אַקטיווקייט איז אַפילע נאָך דער דורכגעפאַלענער אָקופּאַציע פון די פאַבריקן אויף אַ האָר נישט שוואַכער געוואָרן. עמעס איז פאַרקערט, אַז אין נאָוועמבער 1922, ד. ה. אַ יאָר נאָך דער אָקופּירונג פון די פאַבריקן, האָט דער רוימישער באָלשעוויזם געענטפערט אויף דער נאַציאָנאַל־

פארזאמלונג פון די שווארץ־העמדער מיט א גענעראל־שטרייק און א בלוטיקן איבערפאל. עמעס איז פארקערט, אז אין אויגוסט 1922, ד. ה. א קנאפ יאר נאך דער אקופירונג פון די פאבריקן און דריי כאדאשים פארן מארש אויף רוים האט נאך דער באלשעוויזם אזוי ווייניק זיך געהאלטן פאר ליקווידירט, אז ער האט, מיט דער הילף פון דער „ארבעטער־אליאנס" געמאכט ווידער א פרווו צו באר־הערשן די פאליטישע סיטואציע און עפשער טאקע צו דעראבערן די מאכט. און נישט קיין קליינע באדייטונג האט אויך דער פאקט, אז אין דער „ארבעטער־אליאנס" האבן זיך געפונען אויך די סאָ־ציאליסטן. דער כאראקטער פון דער „ארבעטער־אליאנס" איז גע־ווען אנטי־פאשיסטיש און קאמוניסטיש, ווארום — די קאמוניסטן האבן געוואלט די „אליאנס", זי איז לויט זייער באפעל געגרינדעט געווארן. און דער ציל אירער איז געווען קלאר:

„דערשטיקן דעם פאשיזם דורך א גאסן־ארויסטריט, קאמבי־נירט מיט א פארלאמענטארישן מאנעוור... דאס כאזערט זיך אי־בער — איך זאג דאס נאכאמאל — ביז צו מאנאטאנישקייט. נישט נאר אין 1919 און 1920, אדער אין 1921, נאר אויך אין אויגוסט 1922. דער עמעס איז, אז דער בלוטיקער קאמף צווישן פאשיזם און אנטי־פאשיזם האט זיך אנגעהויבן דעם 15־טן אפריל 1919 און האט זיין העכסטן פונקט דערגרייכט אין די אויגוסט־טעג פון 1922, ד. ה. דער קאמף האט געדויערט גאנצע 4 יאר, אין משך פון וועלכע די נאציע האט געלעבט אין א צושטאנד קימאט פון אלגעמיינעם בירגער־קריג. ערשט אין אויגוסט 1922, איך שטרייך אונטער 1922, האט זיך אט דער טראגישער און צו־גלייך פאראדאקסאלער דועל צווישן דריי געענדיקט... זייט אוי־גוסט 1922, פון נאך דער מאפאלע פון דער „ארבעטער־אליאנס", ד. ה. פון אלע אנטי־פאשיסטישע פארטייען, זענען שוין אויף דער פאליטישער ארענע פון איטאליע פארבליבן נאר צוויי קויכעס: די דעמאקראטיש־ליבעראלע רעגירונג און די באוואפנטע ארגא־ניזאציע פונם פאשיזם.

„דער כוידעש אויגוסט פון 1922 איז דער הויכפונקט פון דער מאדערנער געשיכטע פון איטאליע. ערשט אין אויגוסט 1922,

ווען דער דריטער קעמפער פארשווינדט, ווערט דער דועל צווישן דער אלטער איטאליע און דעם פאשיזם קאנצענטרירטער, ערשט אין אויגוסט 1922 הויבט זיך אן דער אויפשטאנד־פעריאד פונם פאשיזם, וואס זיין העכסטער פונקט איז דער מארש אויף רוים״.

מוסאליני האט צוליב זיינע צוועקן די פאקטן אביסל דראמא־טיזירט. עס איז איבעריק דא נאכאמאל איבערצוכאזערן דאס, וואס מיר האבן שוין פריער געהאט געלעגנהייט צו זאגן — נעמ־לעך, אז נישט דער פאשיזם אליין האט צעשלאגן די ארבעטער־באוועגונג, אז דער אנגריף פון די מאסן, וואס האט זיין העכסטן פונקט דערגרייכט אין דער אקופירונג פון די פאבריקן, איז דורכ־געפאלן מאכמעס אינערלעכער שוואכקייט פון דער סאציאליסטי־שער באוועגונג. דער פאשיזם איז ארויסגעוואקסן פון דער מאפאלע פון דער ארבעטער־רעוואלוציע. ער האט געזאמלט די פרוכטן, וועל־כע די סאציאליסטישע באוועגונג האט צוליב דער מאפאלע פון דער רעוואלוציע נישט געקאנט זאמלען, באזונדערס די פרוכטן, וועלכע זענען צייטיק געווארן אדאנק דער ארבעט פונם רעפאר־מיזם און קאטויליציזם, נאר די לעצטע האבן זיך ארויסגעוויזן אומפעיק זיי צו שניידן. דער פאשיזם האט געפירט ווייטער די ארבעט פונם רעפארמיזם און פונם קאטויליציזם. ער איז געגאנגען דעם וועג, וואס זיי האבן פאר אים אויסגעפלאסטערט. זיין אויפ־גאבע איז נישט געווען אפצושלאגן דעם דראענדיקן אויפשטאנד פון דער ארבעטער - באוועגונג; אין די יארן 1921 און 1922 איז אזא געפאר שוין נישט געווען; זיין אויפ־גאבע איז געווען איבערצובייען די מעלוכע, וועלכע איז ארויס א צעטריסלטע פון דער וועלט־מילכאמע; שאפן א נייעם גלייכגע־וויכט אנשטאט דעם צעשטערטן דורכן קריג דזשיאליטישן גלייכ־געוויכט; פארבינדן די פינאנץ־בורזשואזיע מיט יענע ברייטע שיכטן קליינבורזשואזיע, וועלכע זענען אנשטאנען אין פראצעס פון דער ארויסגערופענער דורכן קריג סאציאלער אומשיכטונג. קעדיי צו פארפעסטיקן אזוי ארום די קאפיטאליסטישע ארדנונג.

אין איין פראט אבער איז מוסאליני גערעכט — אז די איינ־ציקע ערנסטע מעניע, אויף וועלכער דער פאשיזם האט זיך אנגע־

שטויסן, איז געווען די ארבעטער־באוועגונג; זי האט אין 1921 און 1922 שוין נישט געהאט מער קיין קויעך צו קלערן וועגן דער־אפערן די מאכט; אָבער זי איז נאך געווען גענוג שטארק, קעדיי זיך צו פארטיידיקן קעגן פארשקלאפונגס - פּלאן פון דער גרויס־בורזשואזיע. אין אויגוסט 1922, ווען דער לעצטער ווידערשטאנד פון דער ארבעטער - באוועגונג איז געווען געבראכן, האט דער, וועמען מוסאָליני רופט אָן דער דריטער קעמפנדיקער צאד און ווער עס איז אין דער עמעסן געווען נאר א פארבינדעטער פונם פאשיזם, געלייגט דאס געווער און געעפנט פארן פאשיזם דעם טויער קיין רוים. די טראגעדיע האָט זיך פארוואנדלט אין אַ פארס.

2. די עפנטלעכע מיינונג איז מיד פון צוויי יאָר בירגער־קריג

ווען דעם געמיט - צושטאנד, אין וועלכן עס האט זיך געפונען אין איטאליע דער געוויינלעכער מענטש פון גאס נאך קנאפּע 30 כאדאָשים בירגער־קריג, דערציילט (אָקטאָבער 1922) דער שריפטשטעלער דזשיאוואני פּאפּיני (נישט לאנג אריבער צום קאטויליציזם):

„לייענט אָקאָרשט די צייטונגען, לאָזט אין א זייט די גערעדעריי אין פארלאמענט און די פּלוידעריי אין די קולוארן, באַרעכנט און ציט אונטער: פאר צוויי א האלב יאָר, זייט דעם וואפנשטילשטאנד, האט דער בירגער־קריג געקאָסט שוין מער טויטע און פארוואונדעטע, ווי א גרויסע שלאכט אין דער וועלט־מילכאמע. דער בירגער־קריג קומט פאר עטאפּטווייז, אין אפּגעריסענע עפּיזאָדן, מיט קורצע קאמף־פּויזעס, מיט אומזיכערע וואפנשטילשטאנדן, אָבער צי מען וויל עס צי נישט — ער איז א פאקט, ער באהערשט אונזער טעגלעך לעבן. מען וואָלט געקאָנט מיינען, אז די איטאליענער איז נאך אליץ ווייניק סיי דאס פרעמדע בלוט, פארגאסן אין קריג, סיי דאס אייגענע פארגאסענע בלוט, און ווי זיי קענען נישט נידערגעשלאגן און פארצווייפלט, פילן זיי דאך א באדערפעניש צו ציען נאך ווייטער די גרויזאמקייטן, צו פארמערן נאך די לײדן, פּיין און קארבאנעס.

דאָס גאַנצע פאַרבליבענע געווער איז איצט אין געברויך, אויך די געזאַמלטע טראָפייען, און אַלע גראַנאַטן, וועלכע האָבן נישט אויפגעריסן ביז נאָוועמבער 1918, רייסן איצט אויף. און ווער עס האָט נישט באַקומען דעם טויט פון אונגאַרישע אָדער קראָאַטישע קוילן, שטאַרבט איצט אויף די פלעצער פון איטאַליע. און ווער ס'איז לעבן געבליבן נאָך די שטורם־אַטאַקעס און קאַמפן אויף די אָפּהאַנגען פון די בערג און נאָך די האָגלען פון פייער, ווערט איצט פאַרנאַרט אין אַ באַלאַגער־אָרט און קומט אום אין די געשלעגן אויף די גאַסן פון די איטאַליענישע שטעט. ווער עס האָט זיך געראַטעוועט פונעם צאָרן און פיין, ווערט איצט דער־מאָרדעט פון אייגענע ברידער, פון מענטשן, וועלכע זענען אויף דער וועלט געקומען אין הייזער, וואָס שטייען עפּשער אין שכיינעס נעבן זיין הויז, זין פון מוטערס פון דער זעלבער ראַסע, און וועלכע רעדן עפּשער די זעלבע שפּראַך און טראָגן עפּשער אין האַרצן די זעלבע ליבע" (דשז. פּאַפּיני, אַ טפילע פאַר שלום, 1922).

אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק האָט געמאַכט אויף דער עפנטלעכער מיינונג דאָס בילד פון כאַרעוו געמאַכטע און אונטער־געצונדענע געביידעס — צו יענער צייט אַ טאָג־טעגלעכע דערשיי־נונג אין אַלע שטעט און דערפער פון איטאַליע, ווו נאָר ס'איז געווען אַ פּראָפּ. פאַריין, אַ פּאָליטישער קלוב, אַן אַרבעטער־ביב־ליאָטעק, אַ קאָאָפּעראַטיווע דרוקעריי. און וואָס איז שייך די בעעמעס שרעקלעכע צאָל פון קאָרבאָנעס, האָט מען די צאָל אין דער עפנט־לעכקייט נאָך געוואַלדיק איבערגעטריבן. און דער פּאַשיזם אַליין האָט דערויף שטאַרק ספּעקולירט. סאַלוועמיני דערמאָנט אויך אין זיין בוך די אומגעהויערע ליגנס אין דעם פּראַט פון די פּאַשיסטן: 40 טויזנט, 50 טויזנט, 3 טויזנט, 2500, 2 טויזנט — אַזוי פאַר־שידן זענען געווען אַלע מאָל די צאָלן, וואָס די פּאַשיסטן האָבן אָנגעגעבן וועגן זייערע קאָרבאָנעס. די צאָלן האָבן אין קיין שום מאָס נישט געשטימט מיט דער ווירקלעכקייט. אַ געוויסנהאַפטע שטודירונג פון דער איטאַליענישער פּרעסע פאַר די יאָרן 1919 — 1923 גיט אַזאַ בילד: עס זענען בעאיים צוזאַמענשטויסן מיט פּאָ־ליציי אָדער מיט ציווילע קעגנער געפאַלן טויט אַרום און אַרום

361 פאשיסטן; אין די זעלבע צוזאמענשטויסן זענען אומגעקומען 600 אנטי־פאשיסטן און ביז טויזנט סטאם בירגער און פארטרע־טער פון דער עפנטלעכער מאכט. צוזאמען מאכט עס אויס א צאל פון קארעוו 2 טויזנט קארבאנעס.

אין די כאדאשים ערעוו דעם מארש אויף רוים האבן זיך די געוואלט - אקטן פארדאפלט. דעם 16־טן אקטאבער 1922 האט דער יוסטיץ - מיניסטער אלעסיא דערקלערט:

„איך האב געוואלט צענויפנעמען און רעגיסטרירן די צאל פאליטישע פארברעכנס, וואס זענען באגאנגען געווארן פאר דער קורצער צייט פון 15־טן אויגוסט הייריאר ביזן 22־טן סעפטעמבער, ד. ה. פאר 37 טעג. נו, עס זענען באגאנגען געווארן 369 פאלי־טישע פארברעכנס — דערפון 75 מארדן, 79 קערפער־שעדיקונגען, 104 פארוויסטונגען, 37 אונטערצינדונגען. פון 305 אנגעקלאגטע האט מען בענוגייע 100 נישט געקאנט גאר נישט דערוויזן".

ווי געוויינלעך אין אזעלכע צייטן, האט דער ברייטער פארטיי־לאזער אוילעם געוואלט א שטארקע רעגירונג, וואס זאל אימשטאנד זיין צוריקצושטעלן די געזעצלעכקייט און דעם עפנטלעכן פרידן. אין באלאניא זענען שוין אפילו פארגעקומען דעמאנסטראציעס פון פארטיילאזע אונטערן לאזונג פון א מיליטערישער דיקטאטור. אויך אין פלארענץ איז בעאיים א מיטינג פון „ליבעראלע דעמא־קראטן" געקומען צו אזא דעמאנסטראציע, ווו די דעמאנסטראנטן האבן געפאדערט א מיליטערישע דיקטאטור. „דזשיארנאלע ד'אי־טאליא" האט ארגאניזירט אן אנקעטע וועגן דער דיקטאטור־פראגע. די זעלבע, וועלכע האבן בעאיים דער פאבריקן־אקופירונג געטרוימט וועגן א סאציאליסטישער רעגירונג, אבי ס'זאל צוריק ווערן אביסל ארדנונג, האבן איצט דאס זעלבע געפאדערט פון די פאשיסטן.

3. מעהומע צווישן אלטן פאליטישן פערסאנאל

אויף א זיצונג פון פאשיסטישן צענטראל - קאמיטעט, דעם 13־טן אויג. 1922, האט דער גענעראל־סעקרעטאר ביאנקי אויפ־

געוואָרפֿן די פּראָבלעם וועגן דער באַציונג צו דער מעלוכע:

„די עפֿנטלעכע מיינונג איז גענייגט מאַסקים צו זיין אויף אַ פֿאַשיסטישע רעגירונג. די קעגנער וועלן קעגן דעם נישט אַרויס־טרעטן. אַלע זענען פֿול מיט איין פֿאַרלאַנג — אַרויסצוקריגן זיך פֿונעם איצטיקן כאַאָס. דערויף זענען דאָ נאָר צוויי וועגן. איינער איז — אַלגעמיינע וואַלן, מיט אַ פֿאַשיסטישער פֿאַרטרעטערשאַפֿט. וועלכע וועט זיך באַקומען פֿון די וואַלן וועדלוג לויט אונזער קראַפֿט. דער צווייטער וועג איז — אַ געוואַלט־איבערקערעניש".

מוסאָליני האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף מאַכן אַ דרוק אויף דער רעגירונג, קעדיי זי צווינגען צו פֿאַראָרדענען נייע וואַלן. „אַ מאַרש אויף רוים — האָט ער דערקלערט דעם פֿאַרמ־עטער פֿון אַ רוימישער ציַיטונג — איז סטראַטעגיש מעגלעך אויף איינעם פֿון די דריי גרויסע וועגן, וואָס פֿירן אַלע צום ציל: דער אַדריאַטי־שער ברעג, דער טירענישער ברעג און דער טיבער־טאָל; אַלע דריי וועגן זענען איצט אין אונזער רעשוס. אָבער פּאָליטיש איז דער דאָזיקער שריט נאָך נישט אומפֿאַרמיידלעך, נאָך נישט קיין מוז. אַז דער פֿאַשיזם וויל זיך קאָנסטיטואירן, אַלס מעלוכע, דאָס איז אויסער צווייפֿל, אָבער צווייפֿלהאַפֿט איז, צי איז נויטיק אַ מעלוכע־איבערקערעניש פֿאַר דעם דאָזיקן צוועק" („דזשיאָרנאַלע ד'איטאַל־יאַ", 11־טער אויגוסט 1922).

דיביידע מעגלעכע לייזונגען האָבן געצווונגען דעם פֿאַשיזם, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פֿון פֿאַראַנענע אין זיין פּראָגראַם דעמאַגאָגישע פֿאָדערונגען, ווי — רעפּובליקאַנישע מעלוכע־פֿאָרם, אָפּשאַפֿונג פֿונם סענאַט, אַנטי־קלעריקאַליזם, טיילווייזע קאָנפֿיסקאַציע פֿון די רייכטימער א. אַז. וו. פֿון פֿרילינג 1922 אָן איז מוסאָליני געוועזן פֿאַר גייען מיטן לעגאַלן וועג. אין פֿאַרטיי־ראַט פֿון די פֿאַשיסטן (3—5 אַפּריל) האָט ער אַזוי דערקלערט:

„עס זענען פֿאַראַן צוויי שיטעס אין פֿאַשיזם: איינע טרוימט וועגן אַ רעוואָלוציאָנערע אַקציע, די אַנדערע וויל דעם פֿאַשיזם קאָנסטיטוציאָנירן. איך האַלט פֿון דער צווייטער שיטע".

אין אודינע (20־טער סעפּטעמבער), אין קרעמאָנאַ (25־טער סעפּט.), אין מילאַן (6־טער אָקט.) און אין נעאַפּאָל (24־טער

אַקט.) האָט מוסאָליני פאַרטײדיקט דעם פאַשיסטישן לעגאַליזם לעגאַבע דער מאָנאַרכיע און דעם וואַטיקאַן.

„די פאַרײניקונג פונם לאַנד — האָט ער געזאָגט אין אָר־דינע — איז געווען אַ רעזולטאַט פון צוויי קויכעס: פון דער קאָנ־סערוואַטיווער, געמעסיקטער, טראַדיציאָנעלער קראַפט פון דער סאַוואָיער דינאַסטיע מיט איר דיפּלאָמאַטיע פון איין זייט, און פון דער פאָלקס־קראַפט פון די „קאַרבאָנאַריער" און פון דער לי־בעראַלער אינטעליגענץ פון דער צווייטער זייט. אַן ענלעכער קאָמ־פּראָמיס מערקט זיך אָן אויך איצט: אַן אויסגלייך צווישן דער פאַשיסטישער פאָלקס־באַוועגונג און די טראַדיציאָנעלע אינסטי־טוציעס. דער פּרייז פונם קאָמפּראָמיס וועט זיין, אַז דער אַלטע־פּאָליטישער מעלוכע־פּערסאָנאַל וועט פאַרביטן ווערן דורך אַ פאַ־שיסטישן. דערפאַר וועט דער פאַשיזם אָנערקענען די מאָנאַרכיע און ארויסווייזן רעספּעקט צו דער קירכע. דאָס איז נישט דער אידעאַל, אָבער מען מוז האָבן געדולד". פון אוילעם האָט מען אָנגעהויבן שרייען: „זאָל לעבן מאַדזיני!" „זאָל לעבן די רעפּוב־ליק!" און מוסאָליני האָט דאַן דערמאָנט דעם אוילעם, אַז אויך מאַדזיני האָט זיך גערעכנט מיטן ווילן פון פאָלק, וואָס זיין ציל איז געווען די נאַציאָנאַלע אייניקונג אונטער דער פאָן פון דער מאָנאַרכיע.

„עס איז אויסער יעדן ספק — האָט מוסאָליני דערקלערט אין נעאַפּאָל — אַז דער אוניטאַרער רעזשים אין איטאַליענישן לעבן שטיצט זיך אויף דער מאָנאַרכיע. עס איז קיין ספק נישט, אַז די מאָנאַרכיע וועט זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם פאַשיזם".

פונקט אַזוי איז געווען זיכער, אַז די גרויסע ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס פון דער בורזשואַזיע וועלן גאָרנישט נישט האָבן קעגן אַ פאַשיסטישער רעגירונג. שוועריקייטן האָבן געקאָנט זיין בלויז מיצאַד דעם אַלטן פּאָליטישן פּערסאָנאַל, וועלכער וועט עפּ־שער נישט געבן זיין האַסקאָמע אויף נייע וואַלן, סיידן דער פאַ־שיזם וועט גאַראַנטירן, אַז ער איז גרייט צוזאַמענצואַרבעטן מיט די אַלטע טראַדיציאָנעלע פּאַרטייען.

עס וואָלט אונז צו ווייט פאַרפירט צו וועלן דאָ דערציילן

וועגן אלע מאנעווערן און אינטריגעס, וואס זענען דאן געשפינט געווארן אין די פאשיסטישע קרייזן פון רוים און האבן זיך געהאלטן אלע קוים א טאג אדער א נאכט. די צעמישונג אין די מויכעס איז געווען אזא גוואלדיקע, אז מענטשן האבן געקאנט גלייכצייטיק גלויבן אין די מעשונעדיקסטע און קעגנזעצלעכסטע לייזונגען — ווי ארויסצוגיין פון קריזיס און אויסמיידן אן איבערקערעניש. מיר וועלן דא בעקיצער ברענגען איניקע פון די מערוויכטיקע געפלאנטע און נישט איינגעגעבענע קאמבינאציעס:

א) א סאציאליסטיש - דעמאקראטיש - קאטוילישע רעגירונג.

אזא רעגירונג וואלט זיך געקאנט שטיצן אויף זייער א בבריטן פארלאמענטארישן באזיס; אבער זי וואלט נאר צוגעיאגט די פאשיסטישע איבערקערעניש, וועלכע וואלט זי לייכט ארץפגעשמיסן פון וועג. מוסאליני האט וועגן אט דער קאמבינאציע געשריבן: „איינס טאר מען נישט פארגעסן: אלע ארגאנען פון דער אויספיר־מאכט — ארמיי, פאראוולטונג, קעניגלעכע גווארדיע, קארארבינערי — זעען אין פאשיזם דעם באפרייער פון באלשעוויסטישער געפאר. איך וועל נישט באהויפטן, אז די ארגאנען פון דער מעלוכע זענען אויף אזוי פיל פארבונדן מיטן פאשיזם, אז זיי זאלן צוליבן פאשיזם ארויסטרעטן קעגן דער מעלוכע. איך וויל נאר זאגן, אז א רעגירונג, וואס וואלט געוואלט אונטערנעמען א מין שטראף־עקספעדיציע קעגן פאשיזם, וואלט פאר קיין פאל נישט געקאנט דערביי רעכענען אויף אירע אונטערגעארדנטע. עס וואלט געווען א מיניסטעריום, אבער נישט קיין רעגירונג. אויב עס זענען דא סאציאליסטן, וואס האבן זיך געלאזט צורעדן צו א קאאליציע צוליב אזא פערספעקטיוו, מעגן זיי געשווינד צוריקקערן צום קאמפראמיסלאזן מאקסימאליזם" (מיסיראלי — א פארלוירענע שלאכט ז. 256).

אויב די סאציאליסטן זאלן זיך באטייליקן אין דער רעגירונג, וואלט געווארן נויטיק — אזוי האט מוסאליני דערקלערט — צו שאפן א קעגנגעוויכט פון רעכטס, דורך צוציען די נאציאנאליסטישע עלעמענטן. אפילע פאשיסטישע? האט ער אליין געשטעלט די פראגע אין „פאפאלא ד'איטאליא". „לאמיר נאר נישט איילן

זיך... די לייזונג פון אַט דער פראַגע פאָדערט א ניכטערנע באַ־טראַכטונג דורך אַלע צדדים... די נאַציע שטייט ביי א ווענד־פּונקט — אָדער זי וועט זיך דערשלאָגן כאָטש צו א מינימום־באַפרייאונג, אָדער איר אונטערגאַנג איז אומפאַרמיידלעך".

אָנהויב אָקטאָבער האָט דער קעניג געוויילט אין בריסל און דאָרט געזאָגט צו וואַנדערוועלדען: „אַלץ וועט זיך ווידער איינ־סטאַביליזירן. גאָר גיך וועלן מיר האָבן א גרויס נאַציאָנאַל־מיניסטעריום, צו וועלכן אויך טוראַטי (סאָציאַליסטישער פירער) וועט געהערן, און קיינער וועט נישט רעדן מער וועגן בירגער־קריג".

ב) א מיליטערישע דיקטאַטור, וואָס זאָל זיין אָריענטירט אַנטי־פאַשיסטיש.

אויף א פראַגע פון דער פאַקטאַ־רעגירונג, וואָס פאַר א גייסט עס הערשט אין דער אַרמיי און ווי זי וואָלט זיך געהאַלטן אין פאַל פון א קאָנפליקט מיט די פאַשיסטן, האָט גענעראַל באַדאָליאָ אַזוי געענטפערט:

„די אַרמיי וויל נישט קיין קאָנפליקט מיט די פאַשיסטן. אָבער אויב די פאַשיסטן וועלן פּרוּוון אומוואַרפן די לעגאַלע אָר־דענונג, נעם איך אויף זיך צוריקצושטעלן די אָרדענונג איינס און צוויי. פינף מינוט פייער, און די זאַך איז געמאַכט".

אין דער זעלבער צייט האָט דער אינערן - מיניסטער טאַדיי דערקלערט פאַר א זשורנאַליסט: „הונדערט אַרעסטן צו דער גע־העריקער צייט, און מען וועט מער נישט רעדן וועגן פאַשיזם".

דעם גענעראַל באַדאָליאָס ווערטער האָט מוסאָליני פאַרעפנט־לעכט אין „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ":

„אויף א פאַרזאַמלונג פון בירגערלעכן אוילעם אין רוים האָט זיך געמאָלדן צום וואָרט גענעראַל באַדאָליאָ. דער גענעראַל זאָל זיך האָבן אַזוי אויסגעדריקט: ביים ערשטן שאָס וועט דער פאַ־שיזם זיין צוזאַמענגעבראָכן. מיר פאַרלאַנגען נישט פונם גענעראַל באַדאָליאָ, ער זאָל די ווערטער באַשטעטיקן אָדער אָפּלייקענען, ווייל מיר וויסן גאַנץ גוט, די ווערטער זענען געוואָרן געזאָגט... דער גענעראַל האָט, אַלזאָ, גענומען אויף זיך די מיסיע צו דער־טרינקען דעם פאַשיזם אין בלוט... און צוליב דעם האָט ער ווידער

מאָביליזירט די אָפיצירן, דערהויפּט פון דאָרעם און פון די אינד־
לען, ווייל ער מיינט, אז אויף זייער טרייהייט קאָן ער אמזיכערסטן
רעכענען... נישט געקוקט אויף אלץ, גלויבן מיר, אז גענעראל באַ־
דאָליאָ וועט זיך נישט לאָזן אויף דעם אומזיסטן פּרווו צו שפּילן
די ראָל פון טאַליען פונם איטאַליענישן פאַשיזם" („פּאָפּאָליאָ
ד'איטאַליאַ", 14־טער אָקט. 1922).

די דראָאונג פונם גענעראל איז געווען נאָר אויף דעם פאַל,
ווען דער פאַשיזם זאָל פאַרגעסן אין זיינע פליכטן לעגאַבע דער
מאָנארכיע. מוסאָליני האָט דעריבער זייער א גרויסע באַדייטונג
צוגעגעבן די געשפּרעכן, וואָס פאַשיסטישע און נאַציאָנאַליסטישע
עלעמענטן האָבן געפירט אין רוים מיטן קעניגלעכן הויז.

ג) אַן אינטערווענץ פון ד'אַנונציאָ קעגן פאַשיזם. דעם
דיכטערס סינע צום פאַשיזם, זינט דעם פאַשיסטישן פּאַראַט אין
פיומע, איז געווען זייער גרויס, און דאָס האָט געגעבן מוט דזשיאָ־
ליטין און אָרלאַנדאָן אויסצואַרבעטן א פּלאַן, לויט וועלכן מען
האָט געזאָלט אָפּרייסן פון מוסאָליניען א טייל פון זיינע מאַכנעס
און אזוי אַרום צו נישט מאַכן די מעגלעכקייט פון א פאַשיסטן־
מאַרש אויף רוים.

דער פאַרבאַנד פון קריגס־אינוואַלידן, וואָס זיין פירער איז
געווען א ליבעראַל, האָט געבעטן ד'אַנונציאָן, ער זאָל מאַסקים
זיין צו פירן דעם פאַרזיץ אויף א גרויסער פייערונג אין רוים אין
יאָר־טאָג פונם מילכאָמע־זיג. א פאַרטרעטער פון דזשיאָליטי האָט
פאַרזענלעך צוגערעדט ד'אַנונציאָן, ער זאָל אָננעמען די איינלאַ־
דונג. ד'אַנונציאָס אָנוועזנהייט אין רוים האָט געזאָלט ווירקן אויף
דער שטימונג פון פאָלק לעטוויזועס א ליבעראַלער קאָאַליציע־
רעגירונג. די קלאַנגען וועגן דעם פּלאַן, אין וועלכן ד'אַנונציאָ
האָט געזאָלט שפּילן די הויפּט־ראָל, זענען דערגאַנגען צו מוסאָלי־
נין, און ער האָט צוליב דעם באַשלאָסן צוצואיילן די אָרגאַניזירונג
פון דער מעלוכע־איבערקערעניש און צו באַשטימען דעם מאַרש
אויף רוים אויף סאָף אָקטאָבער, ס'הייסט אויף עטלעכע טעג
פריער פאַר דעם יאָר־טאָג פונם זיג (4־טער נאָוועמבער).

ד) א ליבעראַל ־ פאַשיסטישע קאָאַליציע ־ רעגירונג. ביז

סאַמע ערעוו דער איבערקערעניש (27־טער אָקט.) האָט מוסאָליני נאָך אַליץ געפּירט, דורך דער פאַרמיטלונג פונעם מילאַנער פּרע־פעקט, אונטערהאַנדלונגען מיט דזשיאָליטין וועגן די באַדינגונגען פון אַ ליבעראַל - פאַשיסטישער קאָאַליציע. גלייכצייטיק האָבן די אינדוסטריעלער געזאַמלט די נויטיקע פאַרן מאַרש אויף רוים מיטלען, און עמיסאַרן פון מוסאָליני האָבן זיך באַמיט צו באַרו־איקן דעם קעניג און דעם פּויבסט. אַז מוסאָליני איז געווען שוין פולשטענדיג זיכער אין דער האַלטונג פונעם קעניג און פונעם גענע־ראַל־שטאַב, האָט ער גענומען זיך צואיילן דורכצופירן די איבער־קערעניש.

4. אַן „אויפשטאַנד" אין שלאָף־וואַגאָן

די גאַנצע פאַשיסטישע ליטעראַטור מיט זיך, נאַטירלעך, צו באַווייזן, אַז דער מאַרש אויף רוים האָט געטראָגן אַ רעוואָלוציאָ־נערן כאַראַקטער. אין צענדליקער ביכער און בראָשורן ווערט געריממט דער מיליטערישער מוט, וואָס דער פאַשיזם האָט אַרויסגעוויזן בע־איים דעם מאַרש. אין דער האַקדאָמע צו דער אָפיציעלער „גע־שיכטע פון דער פאַשיסטישער רעוואָלוציע" פון קיאורקאָ ווערט אויסדריקלעך געזאָגט:

„די געשעענישן, די פאַקטן, די אומשטענדן ווערן געשיל־דערט... קעדיי צו באַווייזן, פאַרוואָס דער פאַשיסטישער אויפ־שטאַנד איז געווען אַן עמעסע רעוואָלוציע".

נישט געקוקט אויף אָט דעם אָפּענעם מוידע זיין זיך אין דער קאַוואָנע פון די שילדערונגען, וועלן מיר דאַווקע ביי קיאורקאָן געפינען די באַווייזן, אַז דער פאַשיסטישער אויפשטאַנד איז גע־ווען נישט מער, ווי אַן אויסגעשפּראָכענער פאַרס.

דעם 29־טן סעפּטעמבער האָט מוסאָליני רעפערירט פאַרן פאַ־שיסטישן צ. ק. דעם פּלאַן פון דער מעלוכע־איבערקערעניש. אין פּלאַן זענען געווען פאָלגנדע כאַראַקטעריסטישע פונקטן: איינ־קונג מיט דער מאָנאַרכיע, אייניקונג מיטן גענעראַל - שטאַב, אויפליי־זונג פון דער ליבעראַל - דעמאָקראַטישער רעגירונג, בילדונג פון אַ פאַשיסטישער רעגירונג.

דעם 12־טן אקטאבער האט מוסאליני איינגעלאדן קיין מילאן די גענעראלן דע־באנא, טשעקעריני, פארא (מיטגלידער פון דער פאשיסטישער באוועגונג) און האט זיי איבערגעגעבן אויסצואר־בעטן א סטראטעגישן פלאן ווי צו דערא בערן רוים; צוערשט האט מוסאליני געהאט באשטימט די דעראבערונג אויפן 21־טן אקטאבער, דערנאך האט ער דעם טערמין איבערגערוקט אויף א וואך צייט. די גענעראלן האבן איינשטימיק אנגעוויזן, אז די מיליטערישע ארגאניזאציע פון די פאשיסטן האט טאקע אויסגע־האלטן עקזאמען אין אירע אקציעס קעגן די פראלעטארישע ארגא־ניזאציעס, אבער דאך וואלט זי א מעלוכע ־ איבערקערעניש גע־קאנט אונטערנעמען נאר ביי דער אונטערשטיצונג פון דער ארמיי און פאליציי, און די דאזיקע אונטערשטיצונג הענגט אפ פון דער האלטונג פונם קעניג*). דערויף האט זיי מוסאליני געגעבן א באַ־רואיקנדיקן ענטפער.

מוסאליני האט געהאט אין זיין רעשוס זייער א גרויסן קריגס־פאנד פאר די צוועקן פונם מארש אויף רוים. דער פארבאנד פון די אינדוסטריעלער האט אים געגעבן דערויף 20 מיליאן ליר. דריי א האלב מיליאן האט ער באקומען פון די מאסאנען. קיאורקא ברענגט אין זיין געשיכטע א פאטאגראפישע רעפראדוקציע פון א בריוו, וואס די קאמענדע פון דער פאשיסטישער מיליץ האט אד־

---

*) די באוואפנטע ארגאניזאציע פון די פאשיסטן איז ביזן 20־טן נאוועמבער 1921 נישט געווען צענטראליזירט אין לאנד־מאסשטאב. מען האט ארגאניזירט לאקאלע שלאג־אטריאדן, זיי האבן זיך באוואפנט אומאפהענגיק איינער פון צווייטן, און באַ־ציונגען צווישן שכיינישע שוץ־ארגאניזאציעס און שלאג־אטריאדן זענען אפגעהאנגען פון זייער אייגענער איניציאטיוו. אבער אפילע שוין נאכן 20־טן נאוועמבער 1921, ווען ס'איז געשאפן געווארן א מיליטערישער אינספעקטאריאט ביים פאשיסטישן צ. ק., איז אויך שווער געווען איינצושטעלן אין אלע שלאג־אטריאדן איין און דעם זעלבן רעגולאמין, צוליב דעם שטורמישן וווקס פון די אטריאדן.

רעסירט צו צוויי פאַשיסטן דעם 23־טן אָקט. 1922 און אין וועלכן עס ווערט געזאָגט: „זייט אַזוי גוט צו זאָרגן פאַר דער ערשטער ליפערונג פון דער ראַטע פון 3 מיליאָן ליר" (באַנד 5, טייל 2, ז. 16). די קאָמענדע פון דער פאַשיסטישער מיליץ האָט זיך לאַבלוטן נישט געקימערט, ווי אַרום און פון וואַנען די צוויי לייט האָבן געקראָגן אַזאַ גרויסע סומע; זי האָט בלויז געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן דער „ערשטער ליפע־רונג". דער בריוו ענדיקט זיך מיט די ווערטער: „איר וועט באַ־קומען ווייטערדיקע דירעקטיוון" (דאָרטן, ז. 17).

דער טאָג פון אויפשטאַנד איז געקומען.

אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצן אָוונט האָט ביאַנקי אַרומגעזוכט אין מילאַן דע־וועקין און האָט אים נישט געקאָנט געפינען. ענד־לעך האָט ער געלאָזן פאַר אים אין האָטעל אַ בריוו (קיאורקאַ ברענגט דעם בריוו), אין וועלכן ער רעדט גאַנץ אָפן וועגן מאַרש אויף רוים און באַשטעלט זיך מיט אים אַ ראַנדעוווּ אין פע־רודזשיע, דעם אומלעגאַלן זיץ־אָרט פון דער מיליטערישער קאָ־מענדע פון דער איבערקערעניש. די „פאַרשווערער" זענען אין פולע אוניפאָרמען געקומען ביידע אויפן באַנהויף אין פערודזשיע. דאָרט האָט מען געמוזט אויסזוכן אַ פאַרבאָרגענעם לאָקאַל, וואָס די פּאָליציי זאָל פון אים נישט וויסן און וואָס זאָל אויך זיין צוגעפּאַסט פאַר אַ פאַרטיידיקונגס - אַקציע אין פאַל פון אַן אָנגריף מיצאַד דער מאַכט. צוליב אָט די מאָטיוון (אַזוי דערציילט קיאורקאַ) איז געפאַלן די וואַל אויף האָטעל ברו־פאַני, אַקעגנאיבער דער פּרעפעקטור. „די גאַס אין דעם אָרט איז געווען אַזוי ענג, אַז דער פּרעפעקט האָט פון זיין באַלקאָן־אויס געקאָנט אַלץ זען און הערן, וואָס די פאַרשווערער טוען, אָבער דער פּרעפעקט איז נישט געווען אַזוי נישט־אָנשטענדיק" (קיאורקאַ, באַנד 5, טייל 2־טער ז. 29). מען האָט געמוזט שאַפן געווער. אַ גרופּע פאַשיסטן זענען אַוועק צום צעכהויז, זענען אויף די שפּיץ פינגער צוגעגאַנגען צום „שלאָפנדיקן" וועכטער, האָבן אי־בערגעשניטן די טעלעפאָנען און אַרויסגענומען ביקסן און אַמו־ניציע (דאָס איבערשניידן די טעלעפאָנען איז נישט אַזוי אויס

קלוגשאפט געטון געוואָרן, ווי אויס פּאַשיסטישן וואַנדאַליזם). און די גאַנצע צייט, וואָס אָט די אָפּעראַציעס האָבן געדויערט, איז ביים טויער פון האָטעל ברופאַני געשטאַנען „אַ פּאַשיסטישע וואַך מיט קאַראַבינען און אויפגעשטעקטע אויף זיי באַגנעטן", קעדיי אָפּצוציען די אויפמערקזאַמקייט פונם פּובליקום און פון די מאַכט־אָרגאַנען פון דעם געהיימען זין־אָרט פון דער פּאַשיסטישער קאָמענדע (קיורקא, באַנד 5, 2־טער טייל, ז. 35). „די פּאָליציי־פּרעפעקטור איז געוואָרן אָנפּאַרטרויט דעם פּאַשיסטישן דעפּוטאַט גאַלענגאַ". וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דער פּאָליציי־שעף איז געווען עפּשער קעגן אויפשטאַנד. אָבער — נישט געאיילט. „דער דעפּוטאַט גאַלענגאַ האָט געלאָזן דעם פּאָליציי־שעף אויף זיין פּאָסטן און האָט אים אָפּגעגעבן באַפעלן". „אַ באַפעל איז געוואָרן אַרויסגעשיקט צו אַלע סוב־פּרעפעקטן און פּאָליציי־קאָמיסאַרן פונם ראַיאָן". מיסטאָמע אַ באַפעל וועגן דעם, אַז זיי װערן אַראָפּגעזעצט פון זייערע אַמטן? אָ, ניין! „קעדיי צו באַשטעטיקן זייער ווייטער־בלייבן אין די אַמטן". און צו דער באַפעלקערונג איז געוואָרן אַרויסגעגעבן אַן אַפּעל, אין וועלכן מען האָט געקאָנט לייענען:

„די אַרמיי, די קעניגלעכע קאַראַבינערי און די קעניגלעכע גוואַרדיע האָבן זיך פולשטענדיק סאָלידאַריזירט מיט דער מוטיקער אַקציע פון די פּאַשיסטן".

דאָס אַלץ — קעדיי געגעוי פעסטצושטעלן וואָסער פאָרם די „פּאַשיסטישע רעוואָלוציע" האָט אָנגענומען. וואָס איז שייך דעם אינהאַלט פון דער רעוואָלוציע, זאָגט וועגן דעם דער אַפּעל: „די גרונט־פּרינציפּן, אויף וועלכע עס באַזירט די בירגערלעכע געזעלשאַפט, בלייבן באַשטייען, דאָסגלייכן דער פּרינציפּ פון אייגנטום און די פליכט פון אַרבעט". צום סאָף קומט נאָך אַזאַ איינלאַדונג צו גוטן הומאָר: „ס'איז נישט קיין פוסטער יאָנטעוו, נאָר אַ פרייַדיקע באַמיאונג צו הויבן די פּראָדוקציע". קיאורקא דערציילט אונז, אַז ערשט פון אָט דעם פּלאַקאַט האָבן די איינוווינער פון פּערודזשיע זיך דערוווּסט וועגן דער פאַרגעקומענער רעוואָלוציע און אויך וועגן דעם, אַז זייער שטאָט איז געווען דער „הערצאָי־

שער צענטער" פון דער רעוואָלוציע. באַלד האָט אַלעמען אַרומגע־כאַפּט אַ גרויסע פרייד. די גאַסן, די קינאָס, די קנייפּעס זענען פול געוואָרן מיט אַ פריידיק אויפגערעגטער מאַסע. בלויז די קאָמענדע פונם אויפשטאַנד אין איר „פאַרבאָרגעניש" האָט זיך נישט גע־ווילט. זי האָט געשוויצט איבער דער פּראָבלעם וועגן באַוואָפע־נונג — און מיט אַמאָל האָט זיך באַוויזן געווער, ווי אין אַ מאַי־סעלע. ווי פון אונטער דער ערד זענען פּלוצים אויסגעוואַקסן קוילן־וואַרפערס, עטלעכע האַרמאַטן, אַפילו פּאַנצער־וואָגנס, און האָבן זיך געשטעלט אין דינסט פון די פאַרכידעשטע פאַשיס־טישע פירער. דער נאַטשעלניק פון אָרטיקן גאַרניזאָן, דער מילי־טער־קאָמענדאַנט פון בּרודזשיע, האָט אַרום מיטאָג צייט אָפּגע־שטאַט אַ וויזיט די פאַרשווערער.

נאָך אַ „גרויזאַמערן" כאַראַקטער האָט דער פאַשיסטישער אויפשטאַנד אָנגענומען אין אַנדערע שטעט.

„אין באָלצאַנאָ (באָצען) — שרייבט קיאורקאָ — האָבן זיך די פאַשיסטישע מאַכנעס געשטעלט אונטער דער קאָמענדע פון דער אָרטיקער מיליטער־מאַכט".

„אין קאָמאָ האָבן זיך די מיליטער־טיילן (לייען: די אָפיצירן) געבּרידערט מיט די פאַשיסטן".

„אין פערראַראַ בלייבט די פּרעפעקטור נישט באַזעצט, ווייל דער פּרעפעקט האַלט זיך זייער קאָרעקט, און ער האָט שוין געגעבן באַווייזן פון זיין יוישערדיקער באַציונג צו די פאַשיסטן".

אין מאָדענאָ האָבן די פאַשיסטן אָרגאַניזירט אַ מאַניפעס־טאַציע פאַר דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. גענעראַל פּרערי, קאָ־מענדאַנט פון דער אַקאַדעמיע, האָט געהאַלטן פון באַלקאָן אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט צוגעגעבן מוט די פאַשיסטן און געווונטשן זיי דערפאָלג".

„אין מאָנצאַ האָבן די פאַשיסטן אויסגעפירט אַ דרייסט שטיקל אַרבעט: דורך אַ פּלוצימדיקער אַקציע האָבן זיי פאַרכאַפּט גרויסע מענגעס געווער, וועלכע מ'האָט גראָד „פאַרגעסן" אויפן מיליטערישן איבונגס־פּלאַץ. דאַן האָבן זיי שוין, גוט באַוואָפנטע,

דעפּילירט פאַר דער מיליטער־קאָמענדאַנטור, און פּולקאָווניק גונעטי האָט זיי דאָ באַגעגנט מיט אַ באַגריסונגס־רעדע...״

אין פּיאַטשענצאַ איז אַ מאַכנע פאַשיסטישע פאַרשווערער אַוועק צו דער פּרעפעקטור, צו אינפאָרמירן דעם פּרעפעקט וועגן אויפשטאַנד. דער פּרעפעקט ד׳אַנקאָרא האָט אויפגענומען די יע־דיע מיט אויסערגעוויינטלעכן אינטערעס און האָט אָפּגעגעבן אַ פאַראָרדענונג איבער אַלע עפנטלעכע אַמטן, מען זאָל זיך שטעלן אין רעשות פון די פאַשיסטן״.

אין פּאַדזשיאַ ״זענען דער פּרעפעקט און מיט אים די פּאָלי־ציי־אַגענטן אַריבער אין לאַגער פון דער רעוואָלוציע״.

אין טריעסט איז דאָס איבערנעמען די מאַכט דורך די פאַ־שיסטן געווען נישט מער ווי אַ קאָמעדיע. לאָמיר געבן דאָס וואָרט דעם ה׳ דזשונטאַ, דעם איצטיקן וויצע־פּרעזעס פונם פאַשיסטישן פּאַרלאַמענט:

״דעם 27 אָקטאָבער אין אָוונט (ערעוו דעם אויפשטאַנד) איז פאָרגעקומען אַ גרויסער מיטאָג לעקאָוועד דעם סענאַטאָר מאָסקאָני, גובערנאַטאָר פון דער שטאָט (איצט פינאַנץ־מיניסטער). אונז האָט פאַרבונדן מיט מאָסקאָנין אַ האַרציקע פריינטשאַפט, ווייל — עס איז אונזער פליכט עס צו זאָגן — ער האָט פולשטענדיק אָנערקענט די ווערטפולע ראָל פונם פאַשיזם אין דער געגנט פון טריעסט און האָט אים אין די גרענעצן פון זיין אַמט געשטיצט. עס איז דעריבער קיין בידעש נישט, וואָס איך, וועלכער האָב אין יענעם אָוונט אָנ־געפירט מיט דער פאַשיסטישער מאָביליזאַציע, האָב אין דער זעלבער צייט געטרונקען שאַמפּאַניער פאַרן וווּל פון די פאַרטרע־טער פון יענער רעגירונג, וועלכע איך האָב מיך געגרייט אַראָפּצו־וואַרפן״.

אויף דער גאַס האָט דזשונטאָ געטראָפן דעם אויטאָ פון גע־נעראַל סאַנאַ, דעם קאָמענדאַנט פון אַן אַרמיי־קאָרפּוס (שפּעטער פּרעזעס פון אויסנאַם־טריבונאַל), און איז מיט אים צוזאַמען צו־געפאָרן אין דער פּרעפעקטור, ״ווו מיר האָבן זיך געאייניקט דערויף, אַז די אַרמיי וועט זיך פאַרהאַלטן נייטראַל״.

דעם 27 אָקטאָבער (ערעוו אויפשטאַנד) האָט אין ווענעציע

דער שעף פון דער פאשיסטישער מיליץ מאגריני געהאט א באַ־ געגעניש מיט דעם קאָמאַנדיר־אַדמיראַל פון דער פעסטונג...

„אין סיענאַ זענען פאשיסטישע מאַנשאַפטן אין שום געוואַלט אַריין אין די קאַזאַרמעס, נישט אַנטרעפנדיק אויף דעם מינדסטן ווידערשטאַנד. זיי האָבן פאַרנומען דאָס געווער און אַמוניציע, וואָס איז דאָרטן געווען, און דאַן אַוועק מיט אַ דעמאָנסטראַציע איבער די גאַסן".

בלויז פון איין קאַזאַרמע האָבן די פאַשיסטן, מיטן העסקעם פון די אָפיצירן, געבראַכט טויזנט ביקסן און אַ גרויסע צאָל קוילנוואַרפערס. קיאורקאָ ברענגט די נעמען פון די אָפיצירן און גיט נאָך צו פאַר זייער קאָוועד ווענן, אַז די זעלבע אָפיצירן האָבן שוין פריער גענומען אַנטייל אין באַוואָפנטע עקספעדיציעס קעגן „רויטע פויערן" און האָבן נישט ווייניק פון זיי אַוועקגעלייגט.

און ענדלעך — „די אויפשטאַנד־אַקציע האָט זיך גוט אַנט־ וויקלט אַדאַנק דעם פאַשיסטישן גייסט, וואָס האָט געהערשט ביי די אַמטירנדע פּאָלקאָווניקעס פון מיליטער־פּרעזידיום".

„אין פּיזאַ האָט דער פּרעפעקט איבערגעגעבן זיינע פולמאַכטן דער מיליטערישער מאַכט, וועלכע האָט זיך געפונען אין ביז גאָר פריינטשאַפטלעכע באַציונגען מיט די פאַשיסטן".

נישט געקוקט אויף דאָס אַלץ, זענען די פאַשיסטן גרייט געווען צו שטאַרבן. זיי האָבן פאַר יערן פרייז געוואָלט דאַווקע שטאַרבן. קיאורקאַ ברענגט דעם טעקסט פון אַ פאַשיסטישן פּלאַקאַט, אין וועלכן עס זאָגט זיך:

„מאָרגן וועט אונזער זון באַגריסן טויזנטער און טויזנטער מאַרטירער, וועלכע זענען געפאַלן פאַר רוים... מיר גייען דעם טויט אַנטקעגן. צו די, וואָס בלייבן, זאָגן מיר, אַז מיר וועלן שטאַרבן מיטן נאָמען פונם פאָטערלאַנד אויף די ליפּן. זיגער אָדער באַזיגטע, מיר זענען זיך מאַקרעוו פאַרן אידעאַל.. דו אומבאַקאַנטער זעלנער, וואָס ביזסט געפאַלן אין קריג, וואַרט אויף אונז! מיר וועלן מיט דיר צוזאַמען זיין"... א. א. וו. א. א. וו

אָך, דער קרום־ווינקלדיקער טורם פון פּיזאַ האָט אין יענעם

מאָג נישט געזען נישט קיין טויטע און נישט קיין פאַרוווּנדעטע;
ער האָט געזען בלויז שיקערע...

,,אין קאַראַראַ האָבן די פאַשיסטן באַזעצט דעם לאָקאַל פון מיליטער־פּרעזידיום, און אין דער אָנוועזנהייט פון אָפיצירן האָבן זיי אָן אַשום אינצידענט פאַרנומען אַ טייל קוילנוואַרפערס און אַ סאַך ביקסן".

עס איז אָבער זעלבספאַרשטענדלעך, אַז די מאָביליזירונג פון אַזאַ מאַסע באַוואָפנטע מענטשן (מעג עס זיין אפילו נאָר צום צוועק פון אַ דעמאָנסטראַציע־מאַרש) קאָן נישט אַריבער אָן שום אינצידענטן. אָבער די אַלע פאַרשיידענע אינצידענטן, וואָס האָבן באַגלייט דעם מאַרש אויף רוים, זענען געוואָרן אַרויסגערופן אויס־שליסלעך דורך נישט דיסציפּלינירטע פאַשיסטן, וועלכע זענען געווינט געווען צו ראַבירן די פּראָלעטאַרישע קאָאָפּעראַטיווע גע־וועלבער און האָבן דעריבער נישט געוואָלט זיך באַנוגנען בלויז מיטן געווינלעכן מיליטערישן ראַציאָן. זיי האָבן זיך אָן שום צע־רעמאָניעס אַריינגעריסן אין די הייזער און דאָרטן גרינדלעך אויפ־געראָמט אַלץ, וואָס זיי האָבן נאָר געפונען. קימאַט אין אַלע צירקולאַרן און באַפעלן, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן צו די נישט געהאָרכזאַמע מאַכנעס בעאייסן מאַרש אויף רוים, געפינט זיך דער זעלבער רוף: שאַנעוועט די רעסטאָראַנען, די קאַפעען, די פּריוואַטע דירעס, שאַנעוועט די הינער. מיר וואָלטן געקאָנט צענדליגער אַזעלכע באַפעלן ברענגען.

נאָך ביז היינט איז נישט פאַראַן קיין איינשטימיקייט אין דער פראַגע, ווי גרויס איז געווען די צאָל פאַשיסטן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינם מאַרש אויף רוים, און ווי גרויס איז די צאָל געפאַלענע אינם איטאַליענישן בירגער־קריג. די פאַשיסטישע היסטאָריקער האָבן אין דעם פּראָט געגעבן פולע פרייהייט זייער פאַנטאַזיע. נישט פאַראַן צווישן אָט די היסטאָריקער קיין צוויי, וואָס זאָלן אָנגעבן כאָטש בעאיירעך די זעלבע צאָלן. לויט די אָנגאַבן פון די פאַשיסטישע היסטאָריקער האָט די צאָל באַטיי־ליקטע אינם אויפשטאַנד באַטראָפן 300 טויז., 200 טויז., 120 טויז. 117 טויז. און 70 טויזנט — אַלץ ווי איינעם פאַלט איין.

מיר קאָנען נישט זאָגן פּאַרוואָס, אָבער די צאָלן 200 טויזנט און 70 טויזנט ווערן אָפּטער אָנגעגעבן, ווי אַנדערע. מוסאָליני אַליין האַלט זיך בענוגייע דער צאָל באַטייליקטע אינם מאַרש אויף רוים ביי אַן אַנדער מיינונג — די דריי צאָלן, וועלכע ער רופט אָן, זענען: 52, 60 און 50 טויזנט.

דאָס רעזולטאַט פון אַט די קעגנזייטיקע צאָלן האָט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, געלייזט ג. סאַלוועמיני.

אין רוים האָט עס אויסגעזען אַזוי, ווי דער אָפּטרעטנדיקער קאַבינעט פאַקטאַ וואָלט געוואָלט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דעם פאַשיסטישן מאַרש. די רעגירונג האָט אַרויסגעלאָזן צום לאַנד אַן אויפרוף, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט:

„אין געוויסע געגנטן פון איטאַליע זענען פאָרגעקומען בונטאַרישע דעמאָנסטראַציעס, וואָס זייער ציל איז געווען צו שטערן דעם נאָרמאַלן גאַנג פון דער מלוכה־אַרבעט. די רעגירונג האָט, ווי ווייט ס'איז נאָר געווען מעגלעך, פּרובירט צו ברענגען צו אַן אויסגלייך, אין דער האָפענונג, אַז דאָס וועט באַרוהיקן די געמיטער און מעגלעך מאַכן אַ פרידלעכע לייזונג פונם קריזיס.

אין אָנבליק פון פּרוון צו אַן אויפשטאַנד — איז עס די פליכט פון דער רעגירונג צו באַוואָרענען מיט אַלע מיטלען און פאַר יעדן פּרייז די עפנטלעכע אָרדענונג, און די דאָזיקע פליכט וועט זי פול און גאַנץ אויספירן, שיצנדיק די בירגער און די פרייע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס. אין דער דערוואַרטונג, אַז די בירגער וועלן זיך פאַרהאַלטן רוהיק און מיט צוטרוי צו די אָנגענומענע דורך דער רעגירונג מיטלען — רופן מיר אויס: זאָל לעבן איטאַליע! זאָל לעבן דער קעניג!

אונטערגעשריבן: פאַקטאַ, שאַנצער, אַמענדאָלאַ, טאַדיי, אַלעסיאָ, בערטאָנע, סאַלערי, דע וויטאָ, אַנילע, ריטשיאָ, בערטיני, ראָסי, דעלאָ סבאַרבאַ, פולטשי, לוטשיאַני".

צומאָרגנס, דעם 28 אָקטאָבער, האָט דער מיניסטאָרן־ראַט באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן באַלאַגער־צושטאַנד, אָבער דער קעניג האָט זיך אָפּגעזאָגט אונטערצושרייבן דעם דעקרעט. אַ טאָג שפּעטער איז מוסאָליני אַרויסגערופן געוואָרן קיין רוים און האָט

באקומען דעם אויפטראג צו בילדן די רעגירונג. די קאמעדיע האט אפגעראטן.

לויט סאלוועמיניס אויסרעכענונגען, זענען דעם 28 אקט. אין דער פרי געשטאנען פאר די טויערן פון רוים נישט מער, ווי 8 טויזנט פאשיסטן. ווי נאר ס'איז באוווסט געווארן, אז דער קעניג האט זיך אפגעזאגט אונטערצושרייבן דעם דעקרעט וועגן באלאגער־צושטאנד און אז ער האט ארויסגערופן מוסאלינין, האבן פון אלע עקן לאנד מאסן פאשיסטן א שטראם געטון קיין רוים. אין מעשעך פו דריי טאג האבן עקסטרע צוגן און געלט גע־בראכט אין דער „אייביקער שטאט" ביז 50 טויזנט פאשיסטן, וועלכע האבן געזאלט דעפילירן פאר מוסאלינין. דאס איז נישט געווען שוין מער קיין אויפשטאנד, נאר א געוויינלעכער פאראד.

קאַפּיטל 9

דער איינהייט-פראָנט פון דער בורזשואַזיע

1. די אַרבעטער-פּאַרטייען און דער מאַרש אויף רוים

דער איטאַליענישער פּראָלעטאַריאַט איז באַזיגט געוואָרן אָן קאַמף. דער מאַרש אויף רוים איז אַדורך אינגאַנצן גלאַטיק, נישט אַרויסגערופן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד מיצאַד די אַרבעטער. נישט די רעפאָרמיסטן, נישט די מאַקסימאַליסטן און נישט די קאָמוניסטן האָבן זיך נישט גערעכט אויפן מאַרש. ער איז געווען פאַר זיי אַן איבערראַשונג. און וואָלטן אפילו נישט געווען קיין שום אַנדערע באַווייזן, וואָלט די דאָזיקע איבערראַשונג אַליין געווען אַ גענוגנדיקער באַווייז, ווי ווייניק זיי האָבן פאַרשטאַנען דעם פאַשיזם און בכלל דעם נאָכמילכאָמעדיקן קריזיס. דער איטאַליענישער פּראָלעטאַריאַט איז געווען געגליכן צו אַן אַרמיי, וואָס האָט זיך פיר יאָר קעסיידער העלדיש געשלאָגן אין אַ נעפּל, אין אילוזאָרישע שלאַכטן: דאָרטן ווו די סאָציאַליסטישע פּלענער האָבן פאַרצייכנט בערג, זענען געווען גאָר טייכן, און דאָרט ווו עס זענען געווען פאַרבינדעטע, האָבן די פּלענער אָנגעגעבן פיינט. דער איטאַליענישער פּראָלעטאַריאַט האָט נישט פאַרמאָגט אַזעלכע פירער, ווי לענין און טראָצקי; עס האָבן געפעלט מעלוכע-מענער, וואָס זאָלן פעהיק זיין אָנצופירן מיט אַ פּאַרטיי, אַ קלאַס, אַן אַרמיי, אַ פאָלק; עס האָבן געפעלט מענער, וואָס זאָלן פעהיק זיין איבערצובויען די גאַנצע איטאַליענישע געזעלשאַפט, אָנשפּאַרנדיק זיך אויפן אַרבעטער-קלאַס; מענער, וואָס זאָלן פעהיק זיין אויפצוריכטן אַ נייע מעלוכע.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון איטאַליע האָט אויסגערעכנט אויף אַ קאָמפּראָמיס-לייזונג פון דעם פּאַרלאַמענטאַרישן קריזיס. די איטאַליענישע קאָמוניסטן גיבן דאָס היינט אַליין צו:

„אונזער פּאַרטיי איז דעמאָלט אין איר פּאָליטישער שטעלונג אַרויסגעגאַנגען פון דער טעזע, אַז די פאַרשידענע מעטאָדן, וועלכע די בורזשואַזיע ווענדט אָן אויף אונטערצודריקן די אַר־בעטנדיקע קלאַסן, זענען אין טאָך אַלע גלייך. בירגערלעכע דיקטאַטור און דעמאָקראַטיע זענען צוויי פאָרמען פון דער זעלבער מאַכט, דער אונטערשיד צווישן זיי איז נישט קיין וועזנטלעכער. די דאָזיקע טעזע איז טאַקע פון אַלגעמיין־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט ריכטיק, אָבער פון רעאַל־פּאָליטישן שטאַנדפּונקט — אָפּגעזען פון אַלע אַנדערע טאַמים — איז זי פאַלש, וואָרום דער איבערגאַנג פון איין פאָרם צו דער צווייטער, דער איבערגאַנג פון פאָרמעלן בירגערלעך־דעמאָקראַטישן רעזשים צו אַ רעזשים פון דיקטאַטור און אויסגעשפּראָכענער טיראַניע ציט נאָך זיך אויך ענדערונגען אין די פאַרהעלטענישן פון די געזעלשאַפטלעכע קויכעס. אויב די פּאַרטיי פונם אַרבעטער־קלאַס שטעלט סטאַם פעסט אידענטישקייט און קוקט זיך נישט אום אויף ענדערונגען אין די קויכעס־פאַרהעל־טענישן, הייסט דאָס, אַז זי פאַרמאַכט די אויגן אויף אַ גאַנצע רייע געשעענישן, אויף אַ גאַנצן פעריאָד צייט. און דאָס איז גראָד אַ פעריאָד, וואָס איז פול מיט אומזיכערקייט, מיט ווידערשפּרוכן און אויפטרייסלונגען; די פּאַרטיי, קומט אויס, זאָגט זיך אָפּ פון זיין אַקטיוו אין אָט דער צייט, פון צו נעמען אויף זיך פּאָליטישע אויפגאַבן ד. ה. זי זאָגט זיך אָפּ צו באַוועגן זיך צווישן אָט די אומזיכערקייטן און קאָנטראַסטן און זיך באַמיען זיי אויסצונוצן, קעדיי ווירקן אויפן גאַנג פון די געשעענישן און „קעדיי צו ציען פאַר זיך וואָס אַ גרעסערן נוצן" („באַמערקונגען וועגן דער פּאָליטיק פון דער ק. פּ. אי.", סטאַטאָ אָפּעראַיאָ ז. 329).

בעאַיסן מאַרש אויף רוים, דעם 28 אָקטאָבער 1922, בין איך געווען רעדאַקטאָר פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „דער אַרבעטער" אין טריעסט. די שטאָט איז שוין זייט צוויי שאָ געווען פאַרנומען פון די שוואַרצע העמדלעך, ווי מיר האָבן באַקומען פונם פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט אַ נאָטיץ מיטן נאָמען „פּיעדו גראַ־טעסקאָ" אין וועלכער ס׳איז ווידער אַמאָל געווען אונטערגע־שטראָכן, אַז דער מאַרש אויף רוים וועט קיינמאָל נישט פאָרקו־

מען. דער מאַרש האָט זיך דאָך אָבער שוין געהאַט אָנגעהויבן. דער זעלבער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט האָט נישט נאָר געהאַט זייער אַ ווייטן בליק, נאָר ער האָט אויך פאַרמאָגט זייער פיל מוט — ער האָט נאָך אין 24 שאָ אַרום געשיקט אַ באַפעל, מען זאָל קיין זאַך נישט אונטערנעמען (אין טריעסט איז די גרויסע מערהייט אַרבעטער געגאַנגען נאָך די קאָמוניסטן), נאָר מען זאָל פאַרליינגן די סאָציאַליסטן צו פּראָקלאַמירן צוזאַמען אַ גענעראַל־שטרייק. נאַטירלעך, אַז די רעפאָרמיסטן האָבן אָפּגעוואָרפן אָט דעם פאָרשלאָג, האַלטנדיק אַ שטרייק פאַר אויסזיכטלאָז.

דער אָפּזאָג האָט אָבער דער קאָמוניסטישער צענטראַלע געגעבן אַ מעגלעכקייט צו טאַינען, אַז מוסאָליני האָט פאַרכאַפּט די מאַכט מיט דער הילף פון סאָציאַליסטן.

די מאַקסימאַליסטישע פּאַרטיי פון איר זייט איז בעת'ן מאַרש אויף רוים אַריינגעפאַלן אין אַ צושטאַנד פון פולשטענדי־קער פּאָליטישער קאָפּלאָזיקייט. ערשט אין כוידעש פריער, פאַר דער איבערקערעניש, האָט זי אַרויסגעלאָזן אַ מאַניפעסט צו די מאַסן, אין וועלכן זי האָט געשריבן: „דער סאָציאַליסטישער זיג איז נאָר נאָך גרעסער, וואָס מער אָנשטרענגונגען דער קעגנער מאַכט אויף נישט צו דערלאָזן צו אים!” צווישן די וואָגיקע אַרגומענטן, וואָס האָבן געזאָלט באַרעכטיקן אַזאַ זיכערקייט, האָט מען געקאָנט געפינען אַזעלכע מעליצעס: „סלופּעס האָבן נאָך קיינמאָל נישט פאַרשטעלט די שיין פון די שטערן”.

דער רעכטער פליגל פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי האָט ווידער אַמאָל באַקומען פון מוסאָליני אַ פאָרשלאָג פון צוזאַמענ־אַרבעט. אין זעלבן טאָג פון מאַרש אויף רוים, ווי נאָר מוסאָליני האָט באַקומען פונם קעניג דעם אויפטראַג צו בילדן די רעגירונג, האָט ער טעלעפאָנירט צום פּאַשיסטישן דעפּוטאַט אַטשערבאָ, ער זאָל זיך אינפאָרמירן ביים סאָציאַליסטישן פירער דזשינאָ באַלדעזי, צי וואָלט ער געוואָלט איבערנעמען אין דער נייער רעגירונג דאָס מיניסטעריום פון פאָלקס -ווירטשאַפט. באַלדעזי האָט מיט באַ־גייסטערונג אָנגענומען דעם פאָרשלאָג. אין עטלעכע טעג אַרום איז צוליב דעם אויסגעבראָכן אַ שאַרפע פּאָלעמיק צווישן סאָציאַל־דע־

מאַקראַטן און קאָמוניסטן, און באַדעזי איז דערווייל געצוואונגען גע־וואָרן דורך זיינע פריינט צו פאַרעפנטלעכן אין דער פרעסע א האַקכאָשעע*). א צווייטער פירער האָט אין „סטאַמפּאַ" פון 24־טן נאָוועמבער דערקלערט: „מיר מוזן גוט באַקלערן אונזער באַציונג צו דער רעגירונג. נאָר נישט קיין פּאַרטיקע פון פאָרויס אורטיילן!" די „טריבונע פון די אייזנבאַנער" האָט געגעבן א לייט־אַרטיקל אונ־טערן טיטל „אָן הינטערגעדאַנקען", וואָס זיין זין איז געווען פאַר־צולייגן דער רעגירונג די טעכנישע מיטאַרבעט פונם פאַריין פון די אייזנבאַנער. אין די רייען פון דער איטאַליענישער ס"ד האָט זיך

---

*) מיר ציטירן לויט „קאָריערע דע לאַ סעראַ" פון 2־טן נאָוועמבער 1922:

„דער כאַשעווער הי באַלדעזי פון רוים בעט אונז צו פאַר־עפנטלעכן דעם פאָלגנדיקן בריוו, וועלכן ער האָט אָפּגעשיקט צום קאָמיטעט פון דער פאַרלאַמענטאַרישער פראַקציע פון די אוניטאַרע סאָציאַליסטן:

„כאַשעווע כאַווײרים! איך האָב געפונען היינט אין „קאָריערע דע לאַ סעראַ" א לאַנגן באַריכט וועגן דעם באַרימטן פאָרשלאַג, וואָס פאָדערט מיך אויף אָנטייל צו נעמען אין דער איצטיקער רע־גירונג. אַזוי ווי מיינע דערקלערונגען זענען אַזוי איבערגעגעבן, אַז זיי מאַכן דעם איינדרוק, ווי איך וואָלט האָבן געזאָגט, אַז איך רעד אין נאָמען פון קאָמיטעט פון דער פאַרלאַמענטאַרישער פראַק־ציע, בעט איך אייך דערמיט צו נעמען אין אַכט, אַז נאָר איך אַליין טראָג אַכראַיעס פאַר דעם געזאָגטן, אַז איך האָב אָפּגעגעבן נאָר א ריין פערזענלעכע דערקלערונג. עס איז עמעס, אַז מיהאָט פון מיר דורכויס פאַרלאַנגט, איך זאָל זיך אַרויסזאָגן אויפן פאַל פון אַזאַ אָנבאָט, און איך האָב אַנטוויקלט דעם געדאַנק — אָפּגעזען דערפון, ווי דאָס וואָלט זיך אויסגעווירקט בענויגייע מיר פערזענ־לעך — אַז מען טאָר נישט אָפּוואַרפן א מיטאַרבעט, וועלכע וואָלט, לויט ווי מיר שיינט, געקאָנט העלפן צוריקשטעלן דעם פרידן אין לאַנד און אָפּשטעלן די עקסצעסן פון דער רעאַקציע. איך כאַזער איבער, אַז די דערקלערונג איז מיינע א ריין פערזענלעכע".

געפירט א לעבהאפטע דיסקוסיע וועגן דעם, ביי וואסער פאליטיק מען זאל זיך האלטן לעגאבע דעם פאשיזם. די פירער פון די פראפ. פאריינען האבן פארטיידיקט די מיינונג, אז מען טאר זיך נישט אפזאגן פון מיטארבעט; מאטעאטי איז מיט דער גאנצער שארפקייט ארויסגעטרעטן קעגן מיטארבעט, אוים מאראלישע מאטיוון. אבער די פרווון צו פירן אונטערהאנדלונגען מיט מוסאליני האבן דערוויל ווייטער געדויערט. אנהויב פעברואר האט גרעגארי נאפרי, א מיטגליד פון צ. ק. פון דער ס"ד־פארטיי און אדמיניסטראטאר פון איר טאג־צייטונג „דזשוסטיציא", געפרווט דורך דער פארמיטלונג פון א פאשיסטישן זשורנאליסט צו באקומען א פריוואטע אודיענץ ביי מוסאליני. אבער מוסאליני האט זיך שוין געהאט פארזיכערט די מיטארבעט פון אלע אנדערע דעמאקראטישע פארטייען, און ער האט זיך אפגעזאגט אויפצונעמען נאפרין, און האט וועגן דעם פאל דערציילט אין פארלאמענט (רעדע וועגן „קרעציקע שאף").

2. די ערשטע מוסאליני־רעגירונג

אין ערשטן פאשיסטישן קאבינעט זענען אריין 4 פארטרעטער פון דער „פאלקס־פארטיי" (קאטאליקן), 5 דעמאקראטן, 2 ליבעראלן און 2 נאציאנאליסטן. דער פארלאמענט, וואס איז געוויילט געווארן נאך אין 1921 און האט געהאט א גרויסע דעמאקראטישע מערהייט, האט געגעבן מוסאליניען בלאנקא־פולמאכטן. קיינער אין איטאליע האט זיך דערויף אפילע נישט געוואונדערט. שוין אין 1915 האט די קריגס־פיינטלעכע מערהייט פונם פארלאמענט געשטימט פארן קריג. וואנדערן וואלט מען זיך באדארפט, ווען עס וואלט געשען אנדערש. די סאמע געשיקטע פארטרעטער פון דער דעמאקראטיע האבן זיך נישט געקאנט ארויסדרייען פון אט דעם שיקזאל. דזשיאוואני אמענדאלא, וועלכער האט מיט דריי יאר שפעטער געזאלט זיין לעבן מאקריב זיין פאר זיינע אידייען, האט אין א געשפרעך מיט א מיטארבעטער פון „קאריערע דע לא סערא" דעם 6־טן דעצעמבער דערקלערט:

„איך האלט פאר נויטיק פעסטצושטעלן, ווייל איך האב פיינט

צווייטיטיקייטן און באַרימערייען, אַז אין איצטיקן מאָמענט איז קיין שום ווידערשטאַנד פּראַקטיש נישט מעגלעך. און איך וויל אומבאַדינגט די פּסיכאָלאָגישע שטימונג אונטערשטרייכן, ווען איך זאָג, אַז איך וואָלט מיך אָפּגעהאַלטן פון אָפּאָזיציע, ווען זי וואָלט אַפילו יאָ מעגלעך געווען. עס זענען פאַראַן דערויף צוויי טאַימים. קוידעם־קאָל מיין איך, אַז נאָך דעם אַלעם, וואָס איז פאָרגעקומען, איז נויטיק צו ציען פון דעם געשעענעם פאַקט דעם גרעסט־מעג־לעכן נוצן. אָט, מיר האָבן זייט דעם וואַפנשטילשטאַנד געלאָזן נישט געלייזט אַ רייע דרינגענדיקע פּראָבלעמען, און נישט עפּעס אַ בייזער ווילן האָט געשטערט צו לייזן די פּראָבלעמען, נאָר די אומסטאַבילקייט פון די רעגירונגען האָט דאָס אוממעגלעך גע־מאַכט. וואָס קאָן דען אַ רעגירונג באַשליסן, אויב זי דאַרף טאָג־איין טאָג־אויס קלערן, ווי צו פאַרטיידיקן איר אייגענע עקזיסטענץ? היינט האָבן מיר צום ערשטן מאָל אַ רעגירונג, וועלכע האָט נישט פאַר זיך קיין באַגרענעצטע צייט און פאַרמאָגט די נויטיקע האַנד־לונגס־פרייהייט. דאָס מוז מען אויסנוצן, קעדיי ענדלעך די דאָזיקע פּראָבלעמען צו לייזן. ווייטער בין איך אויך מאַסקים מיט דעם, וואָס מוסאָליני האָט דערקלערט אין סענאַט: אַז אַ דורכפאַל פון אָט דעם פּרווו וואָלט געווען פאַר איטאַליע אַן אומגליק, וואָס לאָזט זיך גאָר נישט אָפּשאַצן״.

דער גרויס־מייסטער פון די מאַסאָנען, טאָרידזשיאַני, וועלכער איז אין יאָר 1928 געוואָרן פאַרשיקט און איז אין 1932 געשטאָרבן פון די ליידן, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען אויפן פאַרשיק־אינזל, האָט דעם 2־טן נאָוועמבער 1922 פאַרעפנטלעכט אין דער פּרעסע אַ דערקלערונג, אין וועלכער ער האָט זיך אויך גאַנץ גינסטיק אַרויסגעזאָגט וועגן פאַשיזם.

די ליבעראַלן ווידער האָבן זיך געהאַלטן ביי די פּרינציפּן, וועלכע אָרלאַנדאָ האָט שפּעטער פּראָקלאַמירט אין פּאַרלאַמענט:

„צווישן דיקטאַטור און פּאַרלאַמענטאַרישער אָרדענונג איז לאַבלוטן נישט פאַראַן קיין טעהאָם, וואָס זאָל זיך נישט לאָזן אי־בערבריקן, אויב מען גייט נאָר אַרויס פון דער האַנאָכע, אַז די דיקטאַטור איז אַ צייטווייליקע, אַז זי געפינט זיך אין באַשטימטע

ראמען, אַז ווי נאָר דאָס ווערט מעגלעך, פאַרשווינדט זי און שטעלט אַליין אויף צוריק די פּאַרלאַמענטאַרישע אָרדענונג, וועלכע זי פאַרלייקנט גאָרנישט".

עמעס, אַזאַ דיקטאַטור איז נאָך קיינמאָל נישט געווען. אָבער פאַר אַ פּראָפעסאָר פון רעכט, ווי אָרלאַנדאָ, איז נישט שווער געווען אויסצוגעפינען אַ פאָרמולע, וועלכע זאָל באַרעכטיקן דעם איינהייטס-פראָנט פון אַלע בירגערלעכע פּאַרטייען אַרום די שוואַרצע העמדלעך.

דער בונד מיטן פאַשיזם האָט געהאַט פאַטאַלע פאָלגן פאַר אַלע טראַדיציאָנעלע פּאַרטייען. דער פאַשיזם האָט זיי באַהאַנדלט נישט ווי שותּפים, נאָר ווי מעשאָרסים. די באַקאַנטע טענדענץ פון יעדער צענטראַליזירטער און דיקטאַטאָרישער מאַכט (צו איין געשלאָסענער פּאַרטיי אונטער איינהייטלעכער פירונג) האָט אָן אַיבעריקער מי אַרויסגעוויזן דעם גרונט-כאַראַקטער פון דער בירגערלעכער קאָאַליציע: אַלע מאָל לויפן ברייטערע שיכטן פון די אַלטע פּאַרטייען איבער צום פאַשיזם און פאַרלאָזן זייערע פירער. מען קאָן זאָגן, אַז גאַנצע קאָמפּאַקטע גרופּעס פון אַלע איטאַליענישע פּאַרטייען זענען איבער אין פאַשיסטישן לאַגער. צום לעצטן באַטכילעדיקן קערן פון די אַמאָליקע אינטערווענציאָניסטן זענען בּיסלעכווייז צוגעשטאַנען:

1) די מערהייט מיטגלידער פון דער איטאַליענישער רעפּובּליקאַנישער פּאַרטיי.

2) די „נאַציאָנאַלע אַסאָציאַציע" (מאַי 1923).

3) צאָלרייכע לאָקאַלע גרופּעס פון דזשיאָליטישע דעמאָקראַטן (קאָקאָ-אָרטו), ניטי-דעמאָקראַטן (פּאַלקאָני, דזשיראַאָלאָ), ליבעראַלע דעמאָקראַטן (מיליאַני), ראַדיקאַלן, גרופּעס פון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע און פון די מאַסאָנען (1923).

4) די מאַקסימאַליסטן און רעפאָרמיסטן פון פאַרבאַנד „דזשיראַנדע" (יולי 1923).

5) רעכטער פליגל און צענטרום פון דער פאָלקס-פּאַרטיי (אויגוסט 1924).

6) דער רעכטער פליגל פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי (זומער 1922 און אָקטאָבער 1925).

7) איינצלנע פירנדע עלעמענטן פון דער אַלגעמיינער אַרבעט־קאָנפעדעראַציע (יאַנואַר 1927).

צוזאַמען דערמיט, ווי עס האָט זיך אויסגעבריטערט דער סאָציאַלער באַזיס פונם פאַשיזם, האָט אויך דער אַלטער פּאָליטי־שער פּערסאָנאַל פון די פּאַרטייען זיך איינגעגלידערט אין דער פאַשיסטישער פּאַרטיי. פון דער רעפּובליקאַנישער פּאַרטיי האָט דער פאַשיזם צוגעקומען זייער פיל אָרגאַניזאַטאָריש־פעיקע עלע־מענטן, און אויך זשורנאַליסטן, און פּויערן און פּאַכטער. פון דער „נאַציאָנאַליסטישער אַסאָציאַציע" זענען געקומען פּאַרטרע־טער פון דער שווער־אינדוסטריע, עלעמענטן פון רוימישן און דאָרעם־איטאַליענישן אַדל, אָנגעהעריקע פון קעניגליכן הויף און פון דער דיפּלאָמאַטיע. צווישן די רעכט־אָריענטירטע ליבעראַלן, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צום פאַשיזם, האָבן זיך געפונען פּרי־צים פון טאָסקאַנאַ און אַפּוליע און אויך טעקסטיל־פאַבריקאַנטן. פון רעכטן פליגל פון דער פאָלקס־פּאַרטיי און פון איר צענטרום זענען צום פאַשיזם געקומען העכערע גייסטלעכע און אַגראַריער פון פאַרשידענע געגנטן. פון די פאַרשידענע דעמאָקראַטישע גרו־פּירונגען האָט דער פאַשיזם באַקומען אַ היפּשע צאָל פּאָליטיקער און אינטעליגענץ, דערהויפּט פון דאָרעם־איטאַליע. דער רעפאָר־מיזם האָט געגעבן דעם פאַשיזם פאַרשידענע אָרגאַניזאַטאָרן און געוויסע באַגרענעצטע שיכטן אַרבעטער (דרוקער, גלאָז־אַרבעטער, באַרג־אַרבעטער, האַפן־ און טראַנספּאָרט־אַרבעטער).

צוויי כאַדאָשים נאָכן מאַרש אויף רוים האָט דער טעאָרע־טישער אָרגאַן פון דער ק. פּ. אי. „לאַ ראַסעניאַ קאָמוניסטאַ" פאַרעפנטלעכט אַן אַרבעט געשריבן פון רעדאַקטאָר גופא אונ־טערן נאָמען „די דויערנדיקע קאָמעדיע". דער מעכאַבער האָט זיך אין דער אַרבעט באַמיט צו דערווייזן, אַז דער מאַרש אויף רוים האָט קיין זאַך נישט געענדערט, און האָט פאָרויסגעזאָגט, אַז די אַלטע בירגערלעכע פּאַרטייען וועלן אין דער אָקאָרשט אויס־געבילדעטער קאָאַליציע־רעגירונג גאַר גיך האָבן די אויבערהאַנט

איבער די פאשיסטן. די דאָזיקע מיינונג איז דאָן געווען שטאַרק פאַרשפּרייט. אַן אַמעריקאַנישער זשורנאַליסט האָט געפרעגט ביים קאַרדינאַל גאַספּאַרי: „ווי לאַנג קאָן אַ שטייגער זיך האַלטן די מוסאָליני־רעגירונג?" — „זי קאָן זיך האַלטן צוויי יאָר, אָדער אויך 50 יאָר", האָט געענטפערט דער קאַרדינאַל. — „און ווער וועט קומען אין צוויי יאָר אַרום?" — „דזשיאָליטי", האָט געענטפערט דער פאַלשער נאָווי. „און אויב מוסאָליני וועט זיך האַלטן 50 יאָר, ווער וועט דאַן קומען נאָך אים?" — „אויך דזשיאָליטי", האָט פאַרענדיקט דער סעקרעטאַר פונם פּויפּסט. דזשיאָליטי איז שוין דעמאָלט אַלט געווען 82 יאָר, אַזוי אַז דעם קאַרדינאַלס ווערטער האָט מען נאָר אין דעם זינען געקאָנט פאַרשטיין, אַז מוסאָליני איז בלויז אַ צייטווייליקער אינסטרומענט אין די הענט פון דער גרויס־בורזשואַזיע, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט מען מוזן זיך אומקערן צו דער סיסטעם פון די אַלטע פּאַרטייען. גאַספּאַרי האָט אָבער אַ טאָעס געהאַט. דער אַלטער קאַרדינאַל, איינער פון די פּאָליטיש־קליגסטע מענער אין איטאַליע, וועלכער האָט געשפּילט אין דער קירכע אומגעפער די זעלבע ראָל, וואָס דזשיאָליטי האָט געשפּילט אין דער מלוכע — האָט פאַרט נישט פאַרשטאַנען, אַז מוסאָליני האָט נישט געבילדעט סתם אַ רעגירונג, נאָר אַז אין דער נייער קאָאַליציע זענען די באַציונגען צווישן די באַזונדערע קויכעס געבויט גאָר אויף אַ נייעם אופן און אינגאַנצן אומאָפּהענגיק פונם פּאַרלאַמענט. נאָך דעם מאַרש אויף רוים איז דער דזשיאָליטיזם געווען טויט! איבעריקנס, מיט יאָרן שפּעטער האָבן דעם זעלבן פעלער געמאַכט די, וועלכע האָבן בעאיים דער קאָאַליציע היטלער־פּאַפּען־הוגענבערג פאַרויסגעזאָגט, אַז הוגענבערג וועט אינגיכן זיין באַלעבאָס איבער היטלערן. גענוי איז פּונקט פאַרקערט. און עס וועט אַלע מאָל געשען פאַרקערט — צום גרויסן אומגליק פון די פּאַרלאַמענטאַריער, פון די אַלטע קאַרדינאַלן, און פון די „אַלטע מאַרקסיסטן" מיט זייערע פּאַר־מילכאָמעדיקע סכעמעס.

3. די פאַשיסטישע רעגירונג קעגן די אַרבעטער

בענוגייע די אַרבעטער האָט דיפאַשיסטישע רעגירונג געהאַט פאַר זיך די פּאָליטישע גרונט־אויפגאַבע צו טון אַלץ, קעדיי זיי צו דעזאָרגאַניזירן, צעשטויבן, צעברעקלען, פאַרוואַנדלען אין אַ פאַרמלאָזע מאַסע. קעדיי דאָס צו דערגרייכן, האָט מען קוידעם קאָל געמוזט צעברעכן און פאַרניכטן די קלאַסן־אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטער.מען האָט אויך געמוזט אַ טייל פירער אומברענגען, און די לעבן־געבליבענע טעראָריזירן און פאַריאָגן פון די שטעט און דערפער, ווו שוין בלויז די פיזישע אָנוועזנהייט זייערע האָט פאַרקערפערט דעם פרינציפ פון אָרגאַניזאַציע. עס איז אָבער אַ טאָעס צו מיינען, אַז מען איז זיך אַזוי באַגאַנגען נאָר מיט די „גרויסע פירער" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. ניין. מען איז זיך אַזוי באַגאַנגען קוידעם קאָל מיט די פירער, וועלכע זענען אַזוי צו זאָגן פיזיש געווען פאַרבונדן מיטן אַרבעטער־קלאַס, האָבן געלעבט צוזאַמען מיט אים — מיט די מיטגלידער פון די פאַבריק־קאָמיטעטן, מיט די מיטגלידער פון אָרטיקע פאַריינס־פאַרוואַלטונגען, פון קאָאָפּעראַטיוון, פון קרייזלעך; מען איז זיך אַזוי באַגאַנגען מיט אַלע אָן אויסנאַם אָרטיקע פונקציאָנאַרן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, קוידעם קאָל מיט די קאָמוניסטן, אַנאַר־כיסטן און מאַקסימאַליסטן, און שפּעטער אויך מיט די רעפאָר־מיסטן, מיט די פּאַרטיילאָזע און אַפילע מיט די קאַטאָליקן. ביז אַ זעקס טויזנט פונקציאָנאַרן זענען געוואָרן פאַרשפּאַרט, אַ 2 טויזנט זענען געוואָרן פאַרשיקט, עטלעכע טויזנט, די סאַמע פריד־לעכע, די אַמווייניקסטן געפערלעכע, לעבן ווי פאַרשיקטע אין יענע שטעט, ווו קיינער קען זיי נישט, ווו זיי זענען אָן אַ פאַמיליע, אָן אַ היים, רעגיסטרירט אין דער פרעפעקטור, 8 אין אָוונט מוזן זיי שוין זיין אין שטוב, און יעדן זונטיק מוזן זיי זיך מעלדן אין פּאָליציי־קאָמיסאַריאַט, און טאָרן נישט אין ערגעץ אַרויספאָרן אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש. ביז אַ 10 טויזנט טוער, פון די קליינע אָרטיקע פונקציאָנאַרן, האָבן אויסגעוואַנדערט קיין פראַנק־רייך, אין דער שווייץ און קיין בעלגיע, 2 אָדער 3 טויזנט זענען

אַוועק קיין אַרגענטינע, בראַזיליען און צאָפן־אַמעריקע, עטלעכע הונדערט האָבן אַפילע אָנגעשפּאַרט אין אויסטראַליע, אין קאָנגאָ, אין קליין־אַזיע און אין צאָפן־אַפריקע. עס איז אַזוי אַרום קימאַט נישטאָ קיין לאַנד, וווּ מען זאָל נישט געפינען קיין מענטשלעכע שפּליטערן פון דעם, וואָס האָט אַמאָל געבילדעט די מעכטיקע אָרגאַניזאַציע פון איטאַליענישן פּראָלעטאַריאַט. דער פאַשיזם האָט דאָס אַלץ געטון, קעדיי אָראָפּצונעמען דעם קאָפּ ביים אַרבעטער־קלאַס, אים דעזאָרגאַניזירן, צעשטויבן, פאַרוואַנדלען אין אַן אַטאָמיזירטע מאַסע, וואָס קאָן זיך נישט מער באַהעפטן מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג.

זיבן וואָכן נאָכן מאַרש אויף רוים האָט דער שרעקלעכער מאָרד פון 12 אַרבעטער אין טורין — דורך פאַשיסטן — סיגנאַליזירט די „נייע" פּאָליטיק פון דער איטאַליענישער מעלוכע לעגאַבע דער אַרבעטערשאַפט. דעם אָרגאַניזאַטאָר פון די מעטאַל־אַרבעטער פ. פערעראָ האָט מען פאַר די פיס צוגעבונדן צו אַ וועגעלע, אים אַזוי [illegible]עשלעפּט איבער די גאַסן פון טורין, און דערנאָך דעם טויטן קערפּער געלאָזן ליגן ביים ראַנד פון אַ לאָנקע. אַ וואָך שפּעטער ווערן ווידער זיבן אַרבעטער דערשלאָגן אויף טויט אין ספּעציאַ.

אָבער נישט געקוקט אויפן פאַשיסטישן טעראָר, וועלכער איז נאָך באַגלייט געוואָרן דורך אַ געהעריקער געזעצגעבערישער אַרבעט פון דער רעגירונג, האָבן דאָך די פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס שנעל באַוויזן ווידער איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט די מאַסן. ווי אומפעהיק זיי האָבן זיך אַרויסגעוויזן אינם קאַמף פאַר דעראָבערן די מעלוכע, אַזוי אומדערשיטערלעך און העלדיש האָבן זיי זיך אַרויסגעוויזן אין פּראַט פון פאַסיוון ווידערשטאַנד קעגן די שטאַרקעקלעפּ פון דער רעאַקציע. די איטאַליענישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט נישט אַרויסגעגעבן פון זיך קיין רעוואָלוציאָנערע מעלוכע־מענער, אָבער זי האָט דערצויגן די אַרבעטער פאַר מאַרטירער. עס איז אומגלויבלעך, וואָס די סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע אַרבעטער האָבן אַלץ איבערגעטראָגן אונטער דער פאַשיסטישער הערשאַפט, אַבי

טריי צו בליבן צו זייערע אידעאלן. באַלד נאָכן מאַרש אויף רוים האָט נאָך צוגעגעבן מוט צום ווידערשטאַנד די אויסרעכענונג אויף גרויסע שוועריקייטן, אויף וועלכע די פּאָליטיק פון דער נייער רע־גירונג וועט זיך אָנשטויסן (אויסערלעכע שוועריקייטן אין די באַ־ציונגען מיט פראַנקרייך און יוגאָסלאַוויע און אינערלעכע שווע־ריקייטן צווישן די פלעבעאישע עלעמענטן פון דער פאַשיסטישער באַוועגונג און דער גרויס־בורזשואַזיע). איצט איז דאָס אַלץ שוין וייטעפאַרגאַנגענהייט. עלף יאָר זענען אַריבער. אָבער דער לעזער, וואָס וויל זיך מאַכן אַ באַגריף פון די פראָגנאָזן פון די איטאַליע־נישע אַנטי־פאַשיסטן פון 1923 — דאַרף זיך בלויז דערמאָנען אין די פראָגנאָזן פון די דייטשע אַנטי־פאַשיסטן פון 1933.

ווי האָט אָבער מוסאָליני געלעזט די ווידערשפּרוכן צווישן זיין דעמאַגאָגישער פּראָגראַם פון 1919 און די פאַרפּליכטונגען, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך פאַר דער גרויס־בורזשואַזיע ערעוו דעם מאַרש אויף רוים? דאָס וועלן מיר באַלד זען.

אין דער פּראָגראַם פונם פאַשיזם האָבן זיך געפונען אַזעלכע פּונקטן, ווי אַרבעטער־קאָנטראָל פון דער פּראָדוקציע, מינימום־לוינען, אַכט־שאָעדיקער אַרבעטס־טאָג, פּראָלעטאַרישע פאַרוואַל־טונג פון די מעלוכישע אונטערנעמונגען — מוסאָליני האָט קיין איינע פון די זאַכן נישט פאַרווירקלעכט. פאַרווירקלעכט האָט ער פּונקט אַ פאַרקערטע פּראָגראַם.

אַ געזעץ פון 16־טן נאָוועמבער 1922 האָט פאַראָרדנט, אַז פון די לוינען פון די אַרבעטער אין מעלוכישע אונטערנעמונגען (אייזנבאַנען, טראַמווייען, געווער־פאַבריקן, טאַבאַק־פאַבריקן א. א. וו.) זאָל גענומען ווערן אַ שטייער אין דער גרויס פון 10 פּראָצ. אַזוי איז אין איטאַליען געוואָרן איינגעפירט דער ביז דעמאָלט אומבאַקאַנטער לוין־שטייער.

אָנשטאָט צו פאַרווירקלעכן דעם צוגעזאָגטן פּראָדוקציע־קאָנטראָל דורך די אַרבעטער, האָט דער פאַשיזם אָפּגעשאַפט די פאַבריק־קאָמיטעטן און האָט נישט צוגעלאָזט אפילו צו נאָמינירן פאַשיסטישע פאַרטרויאונגס־מענער אין די אונטערנעמונגען, ווייל — אַזוי האָט געלויטעט די מאָטיווירונג — עס מוז אָפּגע־

היט ווערן דער גרעסטער דערעך־ערעץ פאַרן אונטערנעמער.

אַנשטאָט צו פיקסירן מינימום־לוינען, באַרעכנט לויט די לעבנס־קאָסטן, האָט דער פאַשיזם, ווען ער איז געקומען צו דער מאַכט, פּראָקלאַמירט אַ פּאַרקערטן פּרינציפּ — אַז די לוינען דאַרפן ווערן צוגעפּאַסט ניט צו די לעבנס־קאָסטן, נאָר צום צושטאַנד פון דער אינדוסטריע, ווי דער אונטערנעמער גיט אָן אָט דעם צו־שטאַנד. דער פּועל־יוצא איז געווען אַ רעדוקציע פון די לוינען פון 30 ביז 40 פּראָצענט פון די לוינען, וועלכע זענען שוין אין יאָר 1920 נישט גענוג הויך. און אויך בענוגייע דעם 8־שאָעדיקן אַרבעטס־טאָג האָט די פאַשיסטישע רעגירונג אַרויסגע־געבן אַזעלכע פאַראָרדענונגען, אַז ער האָט אַזוי גוט ווי אויפגע־הערט קימאַט צו פאַרפליכטן.

4. די פאַשיסטישע רעגירונג קעגן די פּויערן

אינם פאַשיסטישן פּראָגראַם פון יאָר 1919 זענען נישט גע־ווען קיין שום פּונקטן, וואָס זאָלן האָבן אַ שאַיכעס צו די אָרעמע פּויערן. די איטאַליענישע פאַשיסטישע פאַריינען זענען, לעהייפּעך צו דעם וואָס איז געווען אין דייטשלאַנד, באַשטאַנען פון לויטער רייכע פּויערן. אָבער אין 1920 און 1921 האָבן די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס זיך אַרויסגעזאָגט פאַר די געזעצן וועגן באָדן־פאַר־כאַפּונג, קעדיי צו געווינען די אָרגאַניזאַציעס פון געוועזענע זעל־נער, וועלכע האָבן פאַרכאַפּט באָדן. און דאָך האָט אַ פאַשיסטישער דעקרעט פון 11־טן יאַנ. 1923 אָפּגעשאַפט דעם וויסאָקי־דעקרעט, וועלכער האָט רעגולירט די באָדן־פאַרכאַפּונגען, און האָט דער־קלערט אַלע שוין געשעענע באַזעצונגען פאַר אומגילטיק, אַפילע אויב די באַזעצונג איז שוין געוואָרן לעגאַליזירט דורך דער געגנט־קאָ־מיסיע. אויפן גרונט פון אָט דעם דעקרעט זענען אַלע אָרעמע פּוי־ערן און געוועזענע זעלנער, אויך צאָלרייכע פאַשיסטישע זעלנער, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אויף די נישט־באַאַרבעטע ערדן פון די פּריצים — צוריק געוואָרן אַראָפּגעטריבן פון זייערע שטיקלעך ערד. די פּויערן האָבן נאָך דערביי געליטן גרויסע מאַטעריעלע שאָדנס, ווייל זיי האָבן זיך גענומען באַאַרבעטן פּרישע ערד און

געוועז זיכער, אַז זיי האָבן די ערד אויף דער באַשטימטער דורכן געזעץ צאָל יאָרן, אַזוי אַז זיי האָבן די ערשטע צייט געמאַכט גרע־סערע אינוועסטיציעס אינעם באָדן, אין דער אויסרעכענונג, אַז עס וועט זיך אין די ווייטערדיקע יאָרן אָפּדעקן מיט רעוואַך. פאַר־קערט, די פּריצים האָבן דורך דעם דעקרעט באַקומען פונעם פאַ־שיזם אַן אומדערוואַרטעטע מאַטאָנע. אָנשטאָט פאַרוואָרלאָזטן באָדן האָבן זיי פלוצים באַקומען פּרוכטבאַרע פעלדער.

אַ דעקרעט ווידער פון 10 סעפּט. 1923 האָט אָפּגעשאַפט אַלע פאַראָרדענונגען, וועלכע האָבן געהאַט פאַרבאָטן די פּריצים אַראָפּ־צוטרייבן פאַכטער און קליינע פּויערן פון דער ערד אָן אַ האַסקאָמע פון אַ פאַריטעטער קאָמיסיע. דער דעקרעט האָט רעסטאַווירט אַלע אַמאָליקע פּריצישע רעכט.

אין מיטל־ און דאָרעם־איטאַליע, און באַזונדערס אין ראַיאָן פון דער געוועזענער קירכן־מעלוכע, זענען פאַראַן ריזיקע באָדן־שטרעקעס, פון וועלכע די פּויערן האָבן בעאייסן פאַנאַנדערפאַלן פונעם פעאָדאַלן רעזשים געבילדעט גרויסע „געמיינשאַפטס־מאַיאָנט־קעס", קעדיי קאָלעקטיוו זיי צו באַאַרבעטן. די אַזוי גערופענע יאָרשים פון די אַמאָליקע פעאָדאַלן פלעגן אַלע מאָל באַנייען די פאָדערונג מען זאָל זיי אומקערן אָט די מאַיאָנטקעס און זיך דער־ביי געשטיצט אויף עפּעס אַן אַלטן פּאַפּיר, וווּ עס שטייט פאַר־שריבן, אַז דעם און דעם באָדן האָט דער פּויבסט אָדער אַן אַנ־דער פירשט געשענקט זייערע אור־עלטערן. אין ראָוו פאַלן פלעגט נאָך לאַנגע פאַרשלעפּטע פּראָצעסן קומען צו אַן אויסגלייך צווישן דער באַפעלקערונג און די פּרעטענדענטן אויף דער ערד: די יאָר־שים זענען „נאָמינעל" געוואָרן אָנערקענט פאַר באַלעבאַטים פונם באָדן, נאָר די באַפעלקערונג האָט געהאַט רעכט צו פּאַשען פי אויף דעם באָדן, צו האַקן האָלץ, בויען הייזער און עקספּלואַטירן דעם באָדן אויף קאָאָפּעראַטיווע יעסוידעס. אויף אַזאַ אופן זע־נען פאַרוואָרלאָזטע און אומפּרוכטבאַרע מאַיאָנטקעס פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בליענדיקע פעלדער; דאָס האָט נאָר נאָך מער צע־רייצט די גיריקע אַפּעטיטן פון די קלוימערשטע יאָרשים פון די אַמאָליקע פעאָדאַלן, און זיי האָבן אַלץ געזוכט אַ וועג, ווי צו פאַר־

ווארנדלען זייערע גאָמינעלע רעכט אין פּאַקטישע. נאָך פּאַר דעם פּאַשיזם האָבּן אַ רייע רעגירונגען געפּרוווט אויף פאַרשידענע אופאַנים צוצורויבן ביי די פּויערן זייערע יאָרהונדערטער אַלטע רעכט, אָבּער די פּרווון האָבּן זיך אַלע מאָל אָנגעשטויסן אויף אַ העפטיקן ווידערשטאַנד מיצאַד דער פּויערישער באַפעלקערונג. דאָס, וואָס די אַלטע רעגירונגען האָבּן נישט באַוויזן, האָט באַוויזן דער פּאַשיזם. אַ פּאַשיסטישער געזעץ פון 8 יוני 1924 האָט מיט איין קלאַפּ אָפּגעשאַפט אַלע פּאָלקס־רעכט אויף אָט די אַמאָליקע פעאָ־דאַלע מאַיאָנטקעס, און האָט אין דער פולער מאָס באַפרידיקט די פּאָדערונגען פון די באַראָנען און מאַרקיזן.

אויפן זעלבן אויפן האָט די פּאַשיסטישע דיקטאַטור געהאַנדלט לעגאַבּע דעם באָדן, וועלכן עס האָבּן געהאַט אין זייער רעשוס קי־מאַט אַלע דאָרפישע גמינעס. דער דאָזיקער באָדן האָט געדינט אויף צו באַפרידיקן פאַרשידענע באַדערפענישן פון דער באַפעל־קערונג, ער האָט פאַר איר געליפערט ברען־האָלץ, האָלץ־קוילן, בוי־מאַטעריאַל און פּאַשע פאַר דעם פי. אין מיטל־ און דאָרעם־איטאַליע האָבּן צו דעם מין באָדן געהערט אויך די „טראַטורי'' — פּעלדער, וועלכע האָבּן אַמאָל געדינט אַלס וועגן פאַר די סטאַדעס שאָף, וואָס פּלעגן לויט דער צייט פון יאָר זיך אַראָפּלאָזן פון די בערג אין די וואַרימערע געגנטן, אָדער פאַרקערט. אין מייסטנס פאַלן האָבּן די פּריצים, ווי נאָר זיי זענען געוואָרן באַלעבאַטים אין דער גמינע, פאַרכאַפּט די וועלדער און גמינע־פעלדער און זיי פאַרטיילט צווישן זיך. מיר זאָלן וועלן דאָ דערציילן וועגן אַלע בלוטיקע רע־וואָלטן פון די איטאַליענישע פּויערן קעגן אָט דער רויב־אַקציע, וואָלט עס אונדז צו ווייט פאַרפירט. נאָך דער מילכאָמע האָט אָפט אַזוי פּאַסירט, אַז די פּויערן האָבּן נאָך די וואַלן באַקומען די גמי־נע־פאַרוואַלטונגען אין זייערע הענט, און די אוזורפּאַטאָרן, די פּרי־צים, זענען דאַן געווען געצוווּנגען אומצוקערן דער גמינע דאָס צוגעגאַנוועטע פעלד. אָבּער נאָכן מאַרש אויף רוים, נאָכדעם ווי אַלע פּויערישע גמינע־פאַרוואַלטונגען זענען געוואָרן פאַנאַנדער־געלאָזט און מען האָט אַריינגעזעצט קאָמיסאַרן, האָבּן די פּריצים ווידער אָפּגענומען דאָס „זייעריקע'', נאָך מיט אַן אוידעף. ווו עס

זענען נאָך געווען „טראַטוריס" אין קאָלעקטיוון באַנוץ פון די גמינעס, זענען זיי איצט באָטל געוואָרן, די אַרטיקע פּריצים האָבן אַלץ צוגענומען, אַלס זייער אייגנס. מוסאָליני האָט דערקלערט, אַז מען דאַרף אין אָט די אָנגעלעגנהייטן נישט זיין אַזוי „פּעדאַנטיש": דער איקער איז וויכטיק דער אינטערעס פון דער פּראָדוקציע. דורך אַ געזעץ פון 11־טן יאַנואַר 1923 זענען אַלע אַסעקוראַציע־לאַסטן, וועלכע עס האָבן ביז דאַן געטראָגן די גרונט־באַזיצער, געוואָרן אַריבערגעוואָרפן אויף די פּלייצעס פון די אָרימע פּויערן. געלט־אונטערשטיצונגען פאַר פּויערן, קליין־באַזיצער, פּאַכטער, לאַנדווירטן און זייערע פאַמיליע ־ מיטגלידער ביי צייטווייליק פאַרלוירענער אַרבעטס־פעאיקייט זענען געוואָרן אינגאַנצן אָפּגעשאַפט, גאָר פּאָשעט, קעדיי די פּריצים זאָלן נישט דאַרפן צאָלן די פאַרזיכער־אָפּצאָלן. אויפן גרונט פון דער זעלבער רעפאָרם זענען אַרויסגענומען געוואָרן פון דער פאַרזיכערונג פּויערן עלטער פון 65 יאָר און קינדער יונגער פון 12 יאָר. דערביי דאַרף מען געדענקען, אַז אין איטאַליע איז זייער גרויס די צאָל אַלטע לייט און קינדער, וואָס אַרבעטן אין פעלד.

לויט אַ געזעץ פון 7־טן יאַנואַר 1923 האָט מען אונטערגענומען אַ גענעראַל־רעוויזיע פונם קאַדאַסטער, קעדיי צו באַשטימען די ווערט־ענדערונגען פון פאַרשידענע נאַכלעס און לויט דעם באַרעכענען פון ס'ניי די שטייער־טאַריפן. אַזוי ווי די רעוויזיע איז פאָרגעקומען אונטערן קאָנטראָל פון די גרונט־באַזיצער, איז דער רעזולטאַט געווען דער, אַז די גרויסע באַזיצער האָבן באַקומען היפּשע שטייער־האַנאָכעס, און די קליינע, פאַרקערט, האָט מען געהעכערט די שטייערן. מאַמעש צענטליקער טויזנטער פאַלן וואָלט מען געקאָנט פעסטשטעלן, ווי געוואַלטיקע מאַיאָנטקעס זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן אין נישטיקע סומעס און זייערע שטייערן האָבן דאַן, נאַטירלעך, אויך אָנגעטראָפן גראָשנס — אויב מען וואָלט אונטער דעם פאַשיסטישן רעזשים געקאָנט אונטערנעמען אַזאַ סטאַטיסטישע אַרבעט. אַזוי אָבער זענען די דאָזיקע פאַלן בלויז שטאָף פאַר שמועסן פון דער אָרטיקער באַפעלקערונג צווישן זיך.

דער פאַשיזם איז אַזוי ווייט געגאַנגען, אַז ער האָט פאַר איין

און דעם זעלבן שטייער באַשטימט צוויי פאַרשידענע רעכן־מעטאָדן — איינעם פאַר פויערן און אַ צווייטן פאַר פּריצים. אַזוי האָט אַ דעקרעט פון 4־טן יאַנואַר 1923 איינגעשטעלט אַ שטייער פון לאַנדווירטשאַפטלעכע האַכנאָסעס: פון פּריצים האָט דער דעקרעט געהייסן נעמען 10 פּראָצענט פון דער נעטאָ־האַכנאָסע, ד. ה. נאָכן אָראָפּרעכענען די קאָסטן אויף אַרבעט־לוין; פון פויערן אָבער האָט דער דעקרעט געהייסן נעמען די זעלבע 10 פּראָצענט פון דער ברוטאָ־האַכנאָסע. עס פּאַסירט דעריבער זייער אָפט, אַז אַן אָרעמער פויער באַצאָלט אַ העכערע סומע האַכנאָסע־שטייער, ווי דער פּאָרעץ. פּאַקטיש נעמען די אַרבעט־לוינען אַוועק מינימום 50 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער האַכנאָסע פון די אָרעמע פויערן, וועלכע נוצן נישט קיין שום מאַשין ביי דער אַרבעט. אַזוי ווי זיי טאָרן אָבער נישט אָט די קאָסטן אַראָפּרעכענען פון דער ברוטאָ־האַכנאָסע, וואָס זיי האָבן פון פאַרקויפן די פּראָדוקציע — קומט אויס, אַז זיי צאָלן פּאַקטיש דאָפּלט אַזוי פיל, ווי ווען זיי וואָלטן געווען רעגיסטרירט אין דער קאַטעגאָריע פּריצים (זע: סערפיערי — „איל פּראָבלעמאַ טריבוטאַריאָ", ז. 25).

און אַזוי ווי פּאַכטער, קליינע גרונט־באַזיצער און לאַנדווירטן זענען נאָך כוץ דעם געצוווּנגען צו פאַרקויפן אָדער אויסצוטוישן אַ טייל פון זייערע פּראָדוקטן, האָט דער פאַשיזם געפונען פאַר לאָגיש אַרויפצולייגן אויף זיי נאָך אויך דעם האַנדל־ און פאַרקויף־שטייער.

5. אויף באַפעל פון די בענק

אין דער פאַשיסטישער פּראָגראַם איז געווען אויך אַ פּונקט וועגן „רעווידירן אַלע ליפערונגס־אָפּמאַכן פון די מילכאָמע־יאָרן". „אַ ניי אַשירעס האָט זיך אויסגעבילדעט אין צייט פון דער מילכאָמע", האָט געשריבן מוסאָליני. „סאָכרים, וועלכע האָבן געהאַלטן ערעוו באַנקראָט, אַוואַנטוריסטן און סוטענערן, פּראָפעסיאָנעלע שפּילער אין די שענקען, ווו מ'האָט געשפּילט

אויף מילכאָמע - ליפערונגען, דעפּוטאַטן, סענאַטאָרן, פּונקציאָ־
נאַרן, פּאַרדעכטיקע פּאַרשוינען האָבן זיך געהאָדעוועט זאַרגלאָז
ביים ראַנד פון קריג. עס איז אַן אומפּאַרשעמטער ספּעקטאַקל'' *).

---

*) אַלע פיסקאַלישע מאָסמיטלען פון די פריערדיקע רעגירונ־
גען, וועלכע מוסאָליני האָט אָפּגעשאַפט, אַלס דעמאַגאָגישע, האָט
ער אַליין פריער געהאַלטן פאַר נישט גענוגנדיק. לאָמיר דאָ דער־
מאָנען אַן אַרטיקל מוסאָליניס פון 20־טן אַפּריל 1920, אין וועלכן
ער שרייבט וועגן דער שטייער־פּאָליטיק פון ניטין:

,,עס איז אַ יאָר, זייט די פאַשיסטן, אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע
אַלע נאַראָנים האָבן באַצייכנט אַלס רעאַקציאָנערע, האָבן אַרויס־
געדרוקט אַ פינאַנץ־סיסטעם געבויט אויף פאָלגנדיקע פאָדערונגען:

1. קאָנפיסקירן די מילכאָמע - פּראָפיטן,
2. אַ גרויסן שטייער אויף ירושעס,
3. עקספּראָפּריאירן אַ טייל קאַפּיטאַלן מיט דער הילף פון אַ הויכן שטייער.

אין 13 כאַדאָשים אַרום איז די איטאַליענישע רעגירונג אַרויף אויף דעם אָנגעוויזענעם פון אונז וועג. דער ערשטער פע־
לער, וועלכן די רעגירונג איז באַגאַנגען, איז דאָס — וואָס זי איז ווי געוויינלעך געקומען מיט איר אַרבעט צו שפּעט. וואָלט מען די זעלבע מאָסמיטלען פּראָקלאַמירט און דורכגעפירט באַלד נאָכן וואָפנשטילשטאַנד, וואָלטן די אַנטי־נאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן בלי ספק נישט געקאָנט אָנווענדן זייערע דעמאַגאָגישע ספּעקולאַ־
ציעס. די מיניסטערישע איינמישונג איז צוליב דער פאַרשפּעטי־
קונג געוואָרן קאָמפּראָמיטירט. און דאָך דאַרף מען אָנערקענען, אַז די רעגירונגס - מאָסמיטלען זענען געווען ראַדיקאַלע און דראַ־
קאָנישע. אין דייטשלאַנד, אין עסטרייך, אין טשעכאָסלאָוואַקיי איז נישט געטון געוואָרן מער. אַפילו דער ,,אוואַנטי'' באַגרענעצט זיך דערמיט, וואָס ער באַדויערט, וואָס מען פאַרפליכטעט נישט יעדן אָנצוגעבן זיינע פאַרמעגנס־רעכט־טיטלען, אָבער אויך ער אָנער־
קענט, אַז די איטאַליענישע בורזשואַזיע נעמט אויף זיך די אַרויפ־
געלייגטע אויף איר אומפאַרמיידלעכע לאַסטן''.

די רעגירונג, וואָס איז געווען ביים רודער פאַרן קומען פונם פאַשיזם צו דער מאַכט, האָט איבערגעגעבן אַ נאָמינירטער דורכן פּאַרלאַמענט קאָמיסיע דורכצוקאָנטראָלירן אַלע אָפּמאַכן וועגן מילכאָמע ליפערונגען, פעסטשטעלן די איבערגעטריבענע און נישט דערלויבטע פּראָפיטן און זיי צוריק אומקערן דער מעלוכע-קאַסע. די קאָמיסיע האָט שוין געהאַט אָפּגעטון אַ שטיק אַרבעט; אָבער דעם 19־טן נאָוועמבער 1922, דריי וואָכן נאָכן מאַרש אויף רוים, האָט די פאַשיסטישע רעגירונג פאַנאַנדערגעלאָזט די קאָ־מיסיע, און שטרענג פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן די רעזולטאַטן פון איר אַרבעט, און אַנולירט אַלע קאָמיסיע - באַשלוסן, לויט וועלכע די אינדוסטריעלער וואָלטן געמוזט צוריק אָפּגעבן דער מעלוכע הונדערטער מיליאָנען פון זייערע מילכאָמע - פּראָפיטן. אַזוי האָט דער פאַשיזם באַלוינט די גרויסע קאַפּיטאַליסטן, דער־פאַר וואָס זיי האָבן פינאַנסירט דעם מאַרש אויף רוים.

די פאַשיסטישע פּראָגראַם האָט אויך צוגעזאָגט „די ביס־לעכווייזעדיקע קאָנפיסקאַציע פון פּריוואַטן אייגנטום מיט דער הילף פון שטייער אויף ירושעס". אָבער אַ פאַשיסטישער געזעץ פון 20־טן אויגוסט 1923 האָט אָפּגעשאַפט דעם שוין פון פריער עקזיסטירנדיקן ירושע־שטייער, וועלכער פלעגט שוין ביז 1922 אַריינברענגען יערלעך 200 מיליאָן ליר, און וועלכער האָט אויף ווייטער געזאָלט געבן יערלעך 400 מיליאָן. אַ דאַנק דעם פאַשיזם איז איטאַליע היינט דאָס איינציקע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד, וואָס ווייסט נישט פון קיין שטייער אויף ירושע.

אָבער דער פאַשיזם איז געגאַנגען נאָך ווייטער.

דעם 10־טן נאָוועמבער 1922 איז אַרויס אַ געזעץ, וואָס האָט באַפרייט די קאַפּיטאַליסטן פון דער ביז איצטיקער פליכט צו רעגיסטרירן אַלע אינדוסטריע־ און באַנק־פּאַפּירן — די דאָ־זיקע רעגיסטראַציע פלעגט העלפן דער מאַכט ביים באַשטייערן דעם פאַקטישן פאַרמעגן פון יעדן קאַפּיטאַליסט. אויף אַזאַ אופן איז באַטל געוואָרן אויך דער 10־פּראָצענטיקער שטייער פון קאַפּי־טאַלן, וואָס זענען אינוועסטירט אין בענק און אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען. גלייכצייטיק האָט דער פאַשיזם צוליב די אַגראַר־

יער פון צאָפן־ און מיטל־איטאַליע געהעכערט דעם צאָל אויף טוווע, צוליב די באַנק־מאַגנאַטן האָט ער אָפגעשאַפט דעם מעלוכעשן מאָנאָפאָל אויף לעבנס־פאַרזיכער־אָפעראַציעס, האָט באַפרייט דעם אימפּאָרט פון אויסלענדישן קאַפּיטאַל פון יעדער באַשטייערונג, האָט רעדוצירט אויף 50 פּראָצענט די שטייערן, וואָס עס פלעגן צאָלן פאַרוואַלטערס און דירעקטאָרן פון אַקציעגעזעלשאַפטן, האָט אָפגעשאַפט די שטייערן אויף לוקסוס־זאַכן און פאַרקערט, געהעכערט די אָפּצאָלן אויף אַלע געביטן פון עפנטלעכן דינסט. מיר שטרייכן אונטער — קימאַט אַלע אויסגערעכנטע מאָסמיטלען זענען דעקרעטירט געוואָרן אוממיטלבאַר נאָכן מאַרש אויף רוים, אין אַזאַ קורצער צייט, וועלכע וואָלט בעשום אויפן נישט געווען גענוג אויף ביוראָקראַטיש אויסצואַרבעטן אָט די דעקרעטן. אָבער דער פאַשיזם האָט זיך וועגן דעם ווייניק וואָס געקימערט — עס האָבן זיך מיט דער אַרבעט פאַרנומען, בעאייסן מאַרש אויף רוים, די פאַרוואַלטונגס־מיטגלידער פון די גרויסע בענק.

מוסאָלינים אַרבעט איז באַשטאַנען בלויז אין אונטערשרייבן די צוגעגרייטע, די פאַרטיקע באַשלוסן. דער פאַל מיט די פאַשיסטישע פירער, ווי זיי האָבן זיך נאָכן מאַרש אויף רוים אַבסאָלוט אָפּגעקערט פון זייער אייגענער פּראָגראַם, האָט נישט עפשער זיין גלייכן אין דער געשיכטע פון מעלוכע־איבערקערענישן. און קיינער קאָן נישט זאָגן, אַז דער איבערגאַנג פונם פאַשיזם (נאָך זיין קומען צו דער מאַכט) צום קאַפּיטאַליזם איז געווען אַ רעזולטאַט פון אַ לאַנגער און שריטווייזער אַנטוויקלונג, אַז דאָס איז דער אומפאַרמיידלעכער גילגול פון אַ קליינבירגערלעכער באַוועגונג, פאַר וועלכער די מעלוכע־מאַכט איז צו אַ גרויסע לאַסט. דער פאַשיזם האָט נישט געמאַכט אַפילע דעם שאָטן פון אַ מינדסטן פּרוּוו דורכצופירן זיין פּראָגראַם — די פּראָגראַם, וועלכע האָט ביזן מאַרש אויף רוים באַגייסטערט די מערהייט זיינע אָנהענגער. די איינציקע מעגלעכע אויסטייטשונג פון דעם אַלעם, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט באַלד נאָכן מאַרש אויף רוים, איז: דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון די קליינבירגערלעכע רייען

פונם פאשיזם האָט אויף אַלע עטאַפּן פון זיין אַנטוויקלונג באַ־שטימט די פאָרמען פון דער פאשיסטישער טעטיקייט; אָבער דעם אינהאַלט פון די פאשיסטישע האַנדלונגען — באַלד נאָך דער עוואַקואירונג פון פיומע, דערנאָך נאָכן שאַלעם־אָפּמאַך און דאַן זייט פריליגנ 1922 — האָט טאָמיד באַשטימט די גרויס־בורזשואַזיע.

אין דער זעלבער צייט, ווען מוסאָליני האָט געוועקט דעם ענטוזיאַזם פון זיינע צוהערער — לומפּן־פּראָלעטאַריער, פּויערן, קרעמערלעך, אַרבעטלאָזע — מיט רעדעס וועגן עקספּראָפּריאירן די רייכטימער, וועגן איינפירן ווירטשאַפט־דעמאָקראַטיע און רעפּובליקאַנישע אָרדנונג — אין דער זעלבער צייט האָט ער אונ־טערגעהאַנדלט מיט אַגראַריער, אינדוסטריעלער און באַנ־קירן, און האָט זיי צוגעזאָגט אַ טעל צו מאַכן אַפילע פון די מאָגערע קאָנצעסיעלעך, וואָס די דעמאָקראַטישע רעגירונג האָט נאָך דעם וואָפנשטילשטאַנד געגעבן די פאָלקס־מאַסן.

קאפיטל 10

נייע ווידערשפרוכן

1. פאשיסטישע רעגירונג קעגן פאשיסטישער פארטיי

דער קעגנזאץ צווישן די פארמען פון דער פאשיסטישער באוועגונג און איר אינהאלט, צווישן איר קליינבירגערלעכן באשטאנד און איר קאפיטאליסטישער פאליטיק — איז ביזן מארש אויף רוים פארבליבן פארבארגן, אין א פארבאהאלטענעם צושטאנד; אבער ווי נאר דער פאשיזם איז געקומען צו דער מאכט, איז דער קעגנזאץ ארוים אויף דרויסן. דער דאזיקער קעגנזאץ בילדעט די אקס פון דער פאשיסטישער פאליטיק פון 1923 אן און ביז היינט צו טאג. זיך פרווון דעם דאזיקן קעגנזאץ צו פארשטיין איז דער איינציקער וועג אויף צו פארשטיין ביכלאל די באדייטונג פון דעם אלעם, וואס דער פאשיזם האט געטון פאר די לעצטע 11 יאר.

ווינטער 1923, באלד נאך דעם מארש אויף רוים, ווען די רעגירונג האט ארויסגעגעבן די אלע פריער דערמאנטע דעקרעטן פון קאפיטאליסטישן כאראקטער, האט די פאשיסטישע פארטיי רעאגירט דערויף מיט דעם אזוי גערופענעם „ראסיזם“*): דירעקטע פערזענלעכע העגעמאניע פון די לאקאלע פאשיסטישע פירער איבער אלע אינסטיטוציעס פונם ארטיקן לעבן. „איטאליע האט נישט איין דיקטאטאר נאר צוויי טויזנט“, האט אויסגערופן אין סענאט דער דעמאלטיקער סאציאליסט טשיקאטי. דער צענטראלער דיקטאטאר האט אויף זיין אמט גענאסן נאר פון ריין־אויסערלעכע קיבודים און האט זיך אלע טאג געוויזן פארן פאלק אין רוים אין

---

*) „ראסיי הייסן אין אביסיניע ארטיקע פאליטישע אנפירער.

אַן אַנדער אוניפאָרם; די קליינע דיקטאַטאָרן האָבן, דאַקעגן, קע־
ביידער אויסגעבריוטערט זייערע מאַכט־פונקציעס, אַזוי אַז די
באַפעלקערונג האָט זיי שטאַרק געפילט. דער איבערקלער, אַז דער
בלאָק מיט דער קליינבורזשואַזיע קאָן נישט לאַנג אָנהאַלטן און
איז ביי אַ פאַשיסטישער רעגירונג אפילע נישט אומגעפערלעך,
האָט אַרויסגערופן ביי דער גרויס־בורזשואַזיע אַ בעפיירעשע טענ־
דענץ צו ליקווידירן די פאַשיסטישע פאַרטיי, און די דאָזיקע
טענדענץ האָט געפונען אונטערשטיצונג אויך אינעווייניק אין דער
פאַשיסטישער פאַרטיי גופע, ביי די געוועזענע אָנהענגער פון דער
,,נאַציאָנאַלער אַסאָציאַציע". די נאַציאָנאַליסטן האָבן זיך גע־
האַלטן אין אַ געוויסער מאָס פאַר די יאָרשים פון דער אַלטער קאָנ־
סערוואַטיווער פאַרטיי, און דעם רעאַקציאָנערן איבערבוי פון דער
איטאַליענישער מעלוכע האָבן זיי אויפגעפאַסט פאָשעט, ווי אַ
רעסטאַווראַציע פון די אַמאָליקע פריווילעגיעס פון דער מאָנאַרכיע,
פון דעם גענעראַל־שטאַב, פון דער קירכע און פון דער ערד־באַזי־
צערישער אַריסטאָקראַטיע. קעגן אָט די נאַציאָנאַליסטן זענען
שאַרף אַרויסגעטרעטן די ,,ריינע", די ,,ווילדע", די ,,ניינצענער"
פאַשיסטן, וועלכע האָבן געפאָדערט, מען זאָל פון אַלע וויכטיקע
מעלוכע־אַמטן פאַרטרייבן די פאַרטרעטער פון די אַלטע פאָליטישע
גרופּירונגען און מען זאָל די אַמטן באַזעצן מיט ,,נייע מענטשן".
מוסאָליני גופע האָט קעסיידער לאַווירט צווישן די פאַשיסטן און
די נאַציאָנאַליסטן. ער האָט זיך פון שטענדיק געהאַלטן פאַרן
פאַרשטייער פון דער פאַשיסטישער פאַרטיי און האָט אין איר
נאָמען גערעדט. אָבער זיין מאַכט האָט זיך געשטיצט דער איקער
דערויף, וואָס ער האָט טאָג בייטאָג פאַרלייקנט די אינטערעסן און
שטרעבונגען פון דער מערהייט פאַשיסטן. ליקווידירן די פאַשיס־
טישע פאַרטיי וואָלט פאַר אים באַדייט די ליקווידאַציע פון זיין
פערזענלעכער מאַכט, און אַז די פאַשיסטישע מעלוכע זאָל ווערן
גלייך צו די קאָנסערוואַטיווע מעלוכעס פון אַלע צייטן. אין דער
פאַשיסטישער פאַרטיי האָט ער געהאַט אַן אינסטרומענט פון דער
קליין־בורזשואַזיע, און ער האָט דורכדעם געשאַפן אַ קוואַל פון
שטענדיקע קעגנזאַצן אינעווייניק אין דער נייער מעלוכע, מער

נאָך — אַ שטענדיקן געפערלעכן עווען־נעגעף פאַר דער פּאָליטיק פון דער נייער מעלוכע. אַזוי איז מוסאָליני גופע געוואָרן די פאַר־קערפערונג פון דעם ווידערשפּרוך, וועלכער איז געווען אין יעסאָד פון דער נייער סיטואַציע. אין יעדן וואָרט מוסאָליניס, אין יעדן זשעסט זיינעם, איך וואָלט געזאָגט אַפילע אין אויפן פון זיין קליידן זיך קאָן מען לייכט געפינען שפּורן פון אָט דעם ווידער־שפּרוך.

אין אַלע דעצידירנדיקע מאָמענטן, ווען דער פאַשיסטישער רעזשים האָט זיך געפונען אין געפאַר, האָט זיך אַלע מאָל פון ס׳ניי געשטעלט די פראַגע וועגן דער עקזיסטענץ און די פונקציעס פון דער פאַשיסטישער פאַרטיי. עס האָט זיך מוסאָלינין יעדעס מאָל איינגעגעבן צו ראַטעווען די פאַרטיי; ער האָט אָבער געמוזט דערביי מאַקריוו זיין אַלע אירע קאָמפּעטענצן. ער האָט געמוזט שטעלן די פאַרטיי אונטערן קאָנטראָל פון די פּרעפעקטן, און ער האָט געמוזט צוויי מאָל, ווי ער האָט דאָס אַליין מוידע געווען, „פון ס׳ניי זי אויפבויען פון אונטן ביז אַרויף“. מיר וועלן ווייטער פעסטשטעלן די וויכטיקערע עטאַפּן פון אָט דעם פּראָצעס — פון צופּאַסן די פאַשיסטישע פאַרטיי צו די הערשאַפט־באַדערפעניש פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל.

2. פאַרטיי־ריינ־קונג

אין מעשעך פון יאָר 1923 זענען עטלעכע צענדליק טויזנט פאַשיסטן, פון די וואָס האָבן זיך באַטייליקט אינם מאַרש אויף רוים, געוואָרן אויסגעשלאָסן פון דער פאַרטיי. אַלע פאַרטיי־אינס־טאַנצן אויף די ערטער האָבן געמוזט פון ס׳ניי קאָנסטרויִרט ווערן. אין רוים האָבן זיך די פאַשיסטן געשפּאָלטן אויף צוויי פראַקציעס, וועלכע האָבן נישט איינמאָל געפירט צווישן זיך אַ קאַמף מיט באָמבעס און קוילנוואַרפערס. אין ליוואָרנאָ האָבן די אָרעמע פאַשיסטן געשטורעמט די מיליץ־קאַזאַרמע און פאַר־כאַפּט מיט געוואַלד די פאַשיסטישע פאַרטיי־צענטראַלע. די זעלבע קאַמף־מעטאָדן האָט אויך אַנגעווענדעט אין באָלאָניאַ די רעגירונגס־

פיינטלעכע פאַשיסטישע פּראַקציע, אונטער דער פירונג פון באַראַנטשיני; אין אַלעקסאַנדריאַ — די פראַקציע פון סאַלאַ; אין נעאַפּאָל — די פראַקציע פון פאַדראַוואַני; אין אומבריע די פראַקציע פון מיסורי; אין וואָגערא די פּראַקציע פון פאַרני אין גענוא די פראַקציע פון באָנעלי; אין סאַוואָנאַ—פון דופּאַנלופּ; אין קרעמאָנאַ די פראַקציע פון פאַרינאַטשי; אין פיאַטשענצאַ — פון באַרבעליני א אַז. וו. אַלע האָבן זיי זיך אויפגעהויבן קעגן מוסאַליניס פּאָוואָט; קעגן זיין אָפּקער פון דער אַלטער פאַשיסטישער פּראָגראַם. פאַרני האָט אַפילע גערעדט וועגן דער נויטיקייט פון א צווייטן מאַרש אויף רוים. אין דער פּראָווינץ - פּרעסע האָבן זיך אַלע מאָל באַוויזן רופן און אויפפאָדערונגען — צוריקצוקערן צום אויסגאַנגס-פּונקט. די פאַשיסטישע צייטונג „פּאָפּאָלאַ די לאָמבאַרדיאַ" האָט געשריבן:

„מיר מוזן רעדן גאַנץ קלאָר: מען קאָן נישט און מען טאָר נישט פאַרגעסן, אַז מיר זענען געווען רעפּובליקאַנער און זענען עס נאָך איצט אויך. עס גייט נישט אין דעם, מיר זאָלן ראַטעווען איין מענטשן אָדער צען. עס גייט אין דעם, מיר זאָלן פאַרהיטן דעם פאַשיזם פון פּראָסטיטואירונג. אויס מיט די שענדער! לאָמיר פעסט שליסן אונזערע רייען אַרום מוסאָליניין, און לאָמיר גרייט זיין אים אַרויסרייסן פון דעם שמוץ פון רוים, פון אָט דעם שאַנדהויז, וואָס רופט זיך ווימינאַל-פּלאַץ, און אים אָוועקפירן אויף די פּלעצער פון איטאַליע. צוליב דעם האָבן מיר דאָך א רעוואָלוציע געמאַכט! און צוליב דעם זענען מיר גרייט, אויב עס זאָל נויטיק זיין, זי נאָכאַמאָל צו מאַכן" (13-טער יאַנואַר 1923).

די צייטונג „אַסאַלטאַ" פון באָלאָניאַ האָט געשריבן:

„די אַגראַריער און אינדוסטריעלער האַלטן זיך ביי דער מיינונג, אַז די אויפגאַבע פונם פאַשיזם איז נישט צו צוימען די עקספּלואַטאַציע פונם קאַפּיטאַל, נאָר צו מילדערן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער. נישט צוליב דעם האָבן צוויי טויזנט פאַשיסטן זייער לעבן אָפּגעגעבן, און נישט צוליב דעם זענען נאָך צוויי הונדערט טויזנט גרייט דאָס לעבן אָוועקצוגעבן. אויב דער פאַשיסטישער געזעץ, וואָס שטעלט איבער אַלע אינטערעסן דעם

וויל פון דער נאציע, איז געווארן ארויפגעצוואונגען אויף די ארבעטער, מוז ער אויך ווערן ארויפגעצוואונגען אויף די אגראריער און אינדוסטריעלער. איך האב געלאזן שמייסן רעוואלוציאנערע ארבעטער, און איך האב בעדייע צו לאזן שמייסן אויך אגראריער...'' (14־טער אפריל 1923).

צוויי וואכן שפעטער האט די זעלבע צייטונג געשריבן:

,,אדער דער פאשיזם וועט סייכל האבן צו ווערן דער ריכטער צווישן ארבעטער און אונטערנעמער, אדער עס איז זיין פליכט צו געבן די ארבעטער די מעגלעכקייט אליין צו באשיצן זייערע אינטערעסן און זייערע רעכט; ווארום אויב דער פאשיזם וועט אינטערווענירן נאר אויף צו צוימען די פאדערונגען פון די ארבעטער, און פון דעם קאפיטאל נישט — וועט עס הייסן, אז מיר זענען באוווסטזיניק אדער אומבאוווסטזיניק ווערקצייג פון דער בירגערלעכער רעאקציע. צוליב דעם וויל פונם לאנד זענען מיר גרייט צו רופן: זאל לעבן די דיקטאטור! אבער נישט די דיקטאטור פון א קלאס, נישט די דיקטאטור פון דער בורזשואזיע, און נישט די דיקטאטור פונם פראלעטאריאט, נאר די דיקטאטור פונם פאשיזם, די דיקטאטור פון פארשטאנד און ארבעט''. א צווייטער פאשיסט, א פאשיכט ,,פון דער ערשטער שא אן'', וואס איז געווען אין פרעזידיום פון ערשטן פאשיסטן־קאנגרעס, עדאארדא פראכיני, האט זיך געווענדעט צו מוסאלינין מיט אן אפענעם בריוו, אין וועלכן ער האט געשריבן:

,,איך בין געווען אן אנהענגער פון דער ערשטער פראגראם פון די פאשיסטן... דו האסט נאך דעמאלט געטראגן אין לאץ איבער די דריי פארבן א רויטע קאקארדע. דערנאך אבער האסטו די פראגראם פון 1919 אזוי געענדערט, אז דו שיצסט איצט די, וועמען דער פאשיזם האט צוגעזאגט צו באקעמפן. דו האסט זיך געווארפן אין די ארעמס פון די, וועמען דו האסט געזאלט צעשמעטערן. און דער פאשיזם האט זיך אידענטיפיצירט מיט דער רעאקציע, זיך געשטעלט אין דינסט פון דער מאנארכיע און פון דער בורזשואזיע''.

אויף דער אומצופרידנהייט פון דער פאשיסטישער מאסע

האָט די רעגירונג געענטפערט מיט אַ רייע ערנסטע אָרגאַניזאַטאָ־
רישע מאָסמיטלען: אַלע געגנט ־ צוזאַמענפאָרן זענען געוואָרן
פאַרבאָטן; די פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס זענען געוואָרן אויפגעּ
פאָדערט נישט צו פאַרנעמען זיך מיט אַלגעמיינער פּאָליטיק; און
ס'איז גלייך אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ נייער פּאַרטיי ־ סטאַטוט,
לויט וועלכן די אָרטיקע פּאַרטיי־קאָמיטעטן ווערן נאָמינירט דורך
די געגנט־קאָמיטעטן, די געגנט־קאָמיטעטן ווערן נאָמינירט דורכן
צענטראַל ־ קאָמיטעט, און — דער לעצטער ווערט נאָמינירט דורך
מוסאָליניען אַליין. אַ שטרענגער קאָנטראָל האָט באַזייטיקט פון די
פאַשיסטישע רייען די אַלע, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אומצו־
פרידנהייט מיט דער רעגירונגס ־ פּאָליטיק. אויף זייער אָרט האָט
די רעגירונג גערופן די ביוראָקראַטן און די אָנגעשטעלטע פון די
אינסטיטוציעס פון עפנטלעכן דינסט, וועלכע זענען געווען באַ־
קאַנט מיט זייער פּאָליטישער לאָיאַלקייט. אין לויף פון די יאָרן
1923 און 1924 האָט זיך דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון דער
פּאַרטיי אינגאַנצן געביטן. די מערהייט האָט טאַקע ווייטער גע־
הערט צום קליינבירגערטום, אָבער דאָס זענען געווען קליינבירגער,
וואָס האָבן זיך שטאַרק אונטערגעשיידט פון יענע, וועלכע האָבן
געהערט צו דער פּאַרטיי פאַרן מאַרש אויף רוים. דעמאָלט זענען
עס געווען קליינבירגער פון די אַרבעטנדיקע שיכטן, פויערים,
האַנטווערקער, פון טעכנישע פּראָפעסיעס א. ד. גל.; איצט זענען
עס געווען דער איקער יענע קליינבירגער, וועלכע זענען אוממיטל־
באַר באַשעפטיקט אינם מלוכע־אַפּאַראַט און אין די עפנטלעכע
אינסטיטוציעס.

3. פאַשיסטישע הילף־אָרגאַניזאַציעס

די נייע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זענען געשאַפן
געוואָרן אין 1923 און 1924, אַלס הילף ־ אָרגאַנען, האָבן גלייך
פון אָנהויב געטראָגן אַ מלוכישן כאַראַקטער (די „באַלילאַ"*),

---

*) באַלילאַ איז דער נאָמען פון אַ קליין יונגל, וואָס האָט אין
1746, בעת די עסטרייכער האָבן אַריינמאַרשירט קיין גענוע,

ארגאַניזאַציע פאַר קינדער, און „קליינע איטאַליענערינס" — פאַר יונגע מיידלעך). דער אָרגאַניזאַציאָנעלער יעסאָד פון „באַ-לילאַ" איז די עלעמענטאַר - שול. די לערער האָבן דאַן אויסגע-פירט די פונקציע פון אינסטרוקטאָרן. די דירעקטיוון אויפן געביט פון ווערבירונג און פראָפּאַגאַנדע פלעגן קומען פון בילדונגס-מיניסטעריום, און די קאָסטן פון דער אַרבעט האָט געדעקט די שול-פאַרוואַלטונג. אויף די זעלבע יעסוידעס איז אויך אויפגעבויט גע-וואָרן די אָרגאַניזאַציע „קליינע איטאַליענערינס". די פאַרוואַלטער פון די מיידל - שולן זענען געווען די פּראָפּאַגאַנדיסטן. פאַר יונגע סטודענטן איז דאָס געהערן צו אַן אָרגאַניזאַציע געוואָרן אַן אומבאַדינגטער טנאַי פאַר זייער קאַריערע אין דער צוקונפט. אין ענלעכע באַציונגען האָבן זיך אויך איינגעשטעלט צווישן דער אָר-גאַניזאַציע פאַר מיליטערישער שולונג און דער פאַשיסטישער יוגנט. די אַלטע בירגערלעכע פרויען-כעווירעס האָבן קאָלעקטיוו זיך אָנגעשלאָסן אין דער פאַשיסטישער באַוועגונג, און האָבן זיך ווייַ-טער אָפּגעגעבן מיט וווילטעטיקייט און מיט באַרעדעריי. מוסאָליני האָט דערקלערט, אַז פּאָליטיק איז נישט פאַר פרויען. די פאַשיס-טישע פרויען האָט מען אַפילע פאַרבאָטן בייצוזיין אויף די פאַ-שיסטישע פאַרזאַמלונגען. אַ גרויסע דיסקוסיע, וועלכע האָט פון 1925 ביז 1933 אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אויפרודער צווישן די פאַשיסטישע פרויען, איז אַנטשטאַנען צוליב דער פראַגע, פון וואָסער פאַרב העמדער זאָלן טראָגן די פרויען — שוואַרצע אָדער נישט? אַ מינדערהייט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר דער שוואַרצער פאַרב, אַ מערהייט — פאַר דער ווייסער. מוסאָליני, וועלכן מ'האָט אויך אין דער פראַגע גענומען פאַר אַ שויפעט, האָט געפּאַסקנט: „זאָלן זיי טראָגן די העמדער, וועלכע געפעלן זיי אַמבעסטן".

געוואָרפן אויף זיי אַ שטיין, און דער שטיין איז געוואָרן דער סיגנאַל פאַר אַן אַלגעמײנעם פאָלקס - אויפשטאַנד. אין אַ ליד פון דער צייט פון „ווידערגעבורטיי" ווערט געזונגען: „די קינדער פון איטאַליע הייסן באַלילאַיי. די פאַשיסטן האָבן אויף זיין נאָ-מען אָנגערופן די אָרגאַניזאַציע פון דער פאַשיסטישער יוגנט.

4. די פּאַשיסטישע פּאַרטיי ווערט פּאַרמלוכישט

די אַלע אויסגערעכנטע מאָמענטן זענען געווען דער ערשטער שריט אויף צו פּאַרמעלוכישן די פאַשיסטישע פּאַרטיי. די הערשאַפט־נויטן פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל האָבן נישט נאָר געמאַכט אוממעגלעך די ווייטערדיקע עקזיסטענץ פון אַלגעמיין־דעמאָקראַטישע געזעלשאַפט - פאָרמען, נאָר זיי האָבן נישט פאַרטראָגן אַפילו די ענגערע דעמאָקראַטיע פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי גופא. עס מאַכט נישט אויס, וואָס עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ פאַשיסטישע מיליץ און וואָס צאָלרייכע פאַשיסטן האָבן פאַרנומען וויכטיקע מעלוכישע פּאָסטנס: דאָס פּרעגט נישט אָפּ די דערמאָנטע באַהויפּטונג.

פון אויבן אויף, אַז מען באַטראַכט דעם פּערסאָנעלן בייט פון דעם מעלוכישן אַפּאַראַט, וואָס דער פאַשיזם האָט דורכגעפירט, קאָן מען מיינען, אַז אַ נייער הערשנדיקער קלאַס איז געקומען אין איטאַליע צום מעלוכע - רודער. אָבער דאָס איז נישט מער, ווי אַן אָפּטישע אילוזיע. דער פּאָליטישער פּערסאָנאַל פונם פאַשיזם פירט מיט קיין זאַך נישט אָן: ער שפּילט נאָר די ראָל פון אַ פאַרמיטל - רינג צווישן דעם גרויס - קאַפּיטאַל און די פאָלקסמאַסן. שוין דאָס אַליין, וואָס דער דאָזיקער פּערסאָנאַל האָט אַזאַ פאַרשידענעם צוזאַמענשטעל, וואָס ער איז נישט איינהייטלעך לויט זיין סאָציאַלן אָפּשטאַם (געוועזענע מיליטער - לייט, געוו. אָנגעשטעלטע, געוו. אַרבעטער, אַגראַריער, אינדוסטריעלער, געוו. פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסאָרן), און דאָס וואָס ער האָט אויך נישט קיין געמיינזאַמען אידעאָלאָגישן באַזיס (קאַטאָליקן, יידן, אַטעאיסטן, סאָרעליסטן, אידעאַליסטן, מאַטעריאַליסטן, סקעפּטיקער א. אז. וו.) — דאָס אַלץ האָט געמאַכט דעם פּאָליטישן אַפּאַראַט פונם פאַשיזם זייער אומזיכער. יעדער קער, יעדע ערנסטע אויפטרייסלונג, יעדעווירקלעכע שוועריקייט רופט אַרויס אַ צערודערונג אין די רייען פון אָט דעם פּערסאָנאַל, עס טרעטן דאַן אַרויס אויף דער אויבערפלאַך אַלע סימאָנים פון זיין אינערלעכער דיפערענצירטקייט. און נאָך עפּעס נעמט אָפּ ביי

דעם פאשיסטישן בייט פונם פאליטישן מעלוכע־פערסאנאל זיין באדייטונג — דאס וואס צווישן דעם אזוי גערופענעם הערשנדיקן קלאס פאשיסטן און דער פאשיסטישער פארטיי איז נישט פאראן אפילע די מינדסטע פארבינדונג. פון צייט צו צייט פלעגן געשען קאלעקטיווע דעמיסיעס פון גאנצע גרופעס פירנדיקע פאשיסטן — ביי דער פארטיי האט מען אין די אלע פאלן אפילע נישט גע־פרעגט. עס איז דעריבער א טאעס צו מיינען, אז די פאשיסטישע פארטיי איז די הערשנדיקע פארטיי פון דער איטאליענישער מע־לוכע. ניין. די פאשיסטישע פארטיי איז נאר אן אינסטרומענט, וואס געפינט זיך אין רעשוס פון דער איטאליענישער מעלוכע און ווערט פון איר קאנטראלירט. די באפעל־צענטערן פון דער מעלוכע זענען אין די אויפזיכט־ראטן פון עטלעכע בענק.

ביי דעם איצטיקן צושטאנד אין איטאליע קאן מען אייגנט־לעך גארנישט רעדן מער וועגן דער עקזיסטענץ פון א ווירקלעכער פאשיסטישער פארטיי. א פאשיסטישע דיקטאטור (ד. ה. א זעלבסטשטענדיקע אויספיר־מאכט, וועלכע קאנצענטרירט אין אירע הענט די גאנצע מאכט, אויך די געזעצגעבערישע און די ריכטערלעכע) קאן נישט לאנג פארטראגן א ווירקלעכע פארטיי, ד. ה. אן ארגאניזאציע, וועלכע האט שטענדיק א פרישן צושטראם פון מיטגלידער, און קומט זיך פריי צענויף, און קאן פריי דיס־קוטירן, און פריי וויילן אירע פירער, און האט איר אייגענע פרעסע, און איז לויט דער טעווע פון דער זאך גענויגט צו פרעטענדירן דערויף, אז זי, אלס אוממיטלבארער און אלע מאל באנייטער ווילנס־אויסדרוק פון לאנד, זאל באשטימען די געזעצן, און נישט די מעלוכישע ביוראקראטיע. דיקטאטור און פארטיי זענען צוויי באגריפן, וואס לאזן זיך נישט פאראייניקן. אויב אין לענדער מיט א דיקטאטור־רעזשים עקזיסטירט נאך עפעס אזוינס, ווי פארטיי, דארף מען עס גאר אנדערש אויפפאסן: עס האנדלט זיך דא אין דער ווירקלעכקייט וועגן אן ארגאניזאציע, וואס איז לויט איר צוזאמענשטעל, לויט אירע פונקציעס און לויט איר אונטער־געוואָרפנקייט אונטער די ארגאנען פון דער מעלוכע לאכלוטן נישט ענלעך צו דעם, וואס מיר באצייכענען מיטן טראדיציאנעלן נא־

מען פּאַרטיי. און קעדיי דאָס טאַקע צו דערגרייכן, האָט די דיקטאַטור אין איטאַליע געמוזט בייקומען זייער ערנסטע אינערלעכע און אויסערלעכע ווידערשפּרוכן, באַזונדער אין איר ערשטן אָרגאַניזיר - פּעריאָד (1923 — 1925).

5. מאַטעאָטי־קריזיס

אין מעשעך פון ווינטער 1923 איז אין אַלע פּאַרטייען, וועלכע האָבן אין נאָוועמבער 1922 געהאַט פאַרגעלייגט מוסאָליניִן זייער מיטאַרבעט, פאָרגעקומען אַ שטאַרקער אָפּקער פונם פאַשיזם. גענומען האָט זיך דאָס צווישן אַנדערן אויך פון דער ווירקונג, וואָס עס האָבן געהאַט אויף דער קליין- און מיטל־בורזשואַזיע די גרויס־קאַפּיטאַליסטישע מעטאָדן, וועלכע די פאַשיסטישע רעגירונג האָט אָנגעהויבן אָנווענדן באַלד נאָכן מאַרש אויף רוים. אָבער די אומצופרידנהייט פונם פאָלק איז קיינמאָל נישט געוואָרן באַגלייט דורך אַן אַנטשפּרעכנדיקער ענערגישער האַלטונג פון די פירער. אויף אַ קאָנגרעס פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי" איז קוים געקומען צום אויסדרוק, אין אַ שרעקעוודיקער פאָרם, דער קער, וואָס איז געשען אין דער עפנטלעכער מיינונג (טורין, אַפּריל 1923). עס איז אויף דעם קאָנגרעס געוואָרן פעסטגעשטעלט, אַז די קאַטאָליקן וואָלטן פאָרטגעזעצט זייער מיטאַרבעט מיטן פאַשיזם, ווען ער וואָלט זיך פאַרפליכטעט אָפּצוהיטן די קאָנסטיטוציאָנעל גאַראַנטירטע אָרדענונג. אָבער באַלד נאָכן קאָנגרעס האָט די קאַטוילישע פּאַרלאַמענט־פראַקציע געשטימט פאַר אַ פאָרשלאָג (70 דעפּוטאַטן האָבן געשטימט פאַר און בלויז 10 האָבן זיך אָפּגעהאַלטן, צווישן זיי אויך מיליאָלו), וועלכער האָט רעקאָמענדירט מיניסטעריעלע צוזאַמענאַרבעט מיט מוסאָליניִן.

זומער 1923, אין צוזאַמענהאַנג מיטן פאַשיסטישן פּראָיעקט פון אַ נייעם וואַל־געזעץ, האָט זיך געשאַפן אַזאַ לאַגע, אַז ס'איז געווען מעגלעך, די רעגירונג זאָל נישט האָבן קיין מערהייט אין פּאַרלאַמענט. אָבער ס'איז גענוג געווען אַן איינפאַכע וואָרענונג מיצאַד מוסאָליניִן, קעדיי ווידער צו דיסציפּלינירן די בירגערלעכע

פּאָליטיקער. דאָס פּרעסע־ביוראָ פון אינערן־מיניסטעריום האָט פּאַרעפנטלעכט אזא דערקלערונג:

„אויב די באַקאַנטע פיינטלעכע באַציונג פונם פּאַרלאַ־מענט צום פּראָיעקט פון דער וואַל־רעפאָרם וועט פירן דערצו, אַז דער פּראָיעקט וועט ווערן אָפּגעוואָרפן — וועט דער פּרעמיער־מיניסטער רויק ווייטער בלייבן אויף זיין קאַמף־פּאָסטן, וועלכן ער פאַרנעמט זייט זעקס כאַדאָשים מיט דער אַלגעמיינער באַוויליקונג פונם לאַנד”.

און „פּאָפּאָלאָ ד'איטאַליאַ” האָט דערצו נאָך צוגעגעבן:

„אויב דער גאַנצער־פּראָיעקט פון אַטשערבאָ זאָל ווערן אָפּגע־וואָרפן, וועט דער מאַפּאָלערישער פּאַרלאַמענטאַריזם אומבאַדינגט שטייען פאַר זיין לעצטער אַנטשיידונג. די קאָנסעקווענץ פון דער לאַגע איז — אַז פאַרן פאַשיזם בלייבט נאָר איין וועג אָפן, און מען מוז זיך גרייטן צו גיין אויף דעם דאָזיקן וועג” (13 יולי 1923).

און דער קאַמף איז נאָכאַמאָל געוואָרן אויסגעמיטן. שפּעטער איז ער פאַרט אויסגעבראָכן, אָבער קעגן דעם ווילן פון דער דע־מאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער פּאַרטייען, וועלכע האָבן גע־וואָלט אויסמיידן דעם קאַמף, נאָר לויט דער איניציאַטיוו פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס איז געווען בעיאים די וואַלן פון פרילינג 1924, וועלכע זענען געווען דער אריינפיר צום מאַטעאָטי־קריזיס.

ביי די דאָזיקע וואַלן פון 1924, אָנדערטהאַלבן יאָר נאָכן מאַרש אויף רוים, נאָך פיר יאָר בירגער־קריג און טעראָר, און נאָך אַ וואַל־רעפאָרם, וועלכע האָט פון פאָרויס געזיכערט פאַרן פאַשיזם אַ מערהייט אין פּאַרלאַמענט, אויב אַפילו ער וואָלט נישט באַקו־מען קיין מערהייט שטימען — ביי די דאָזיקע וואַלן האָט דער פאַ־שיזם פון דעסטוועגן נישט געוואַגט אַליין אַרויסצוטרעטן פאַר די וויילער, נאָר ער האָט געשלאָסן וואַל־אָפּמאַכן קימאַט מיט אַלע אַמאָליקע בירגערלעכע פּאַרטייען. און נישט געקוקט אויף אָט די פאַרזיכט־מיטלען, איז דער פאַשיזם קימאַט אין אַלע אינדוסטריעלע

ראיאָנען געבליבן אין דער מינדערהייט3). אין די וואַלן האָט זיך דאָן אויך צום ערשטן מאָל אַרויסגעוויזן די טיפע ענדערונג אין דער שטימונג פון די מיטל־קלאַסן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעקערט פונם פאַשיזם. דער מאָרד איבער מאַטעאָטין (10 יולי 1924) האָט שפּעטער נאָך אומגעהויער פאַרשטאַרקט דאָס געפיל פון אַנטוי־שונג ביי די מיטל־קלאַסן און האָט זיי אויף אַ געווויסן מאָמענט אַפילע דערנענטערט צו דער אַנטי־פאַשיסטישער אָפּאָזיציע פון די רעוואָלוציאָנערע טיילן פונם פּראָלעטאַריאַט. נאָר אויבערפלאַ־כיקע צוקוקער קאָנען, צונויפמישנדיק סיבע און ווירקונג, דערקלערן דעם שווערן קריזיס, וועלכן איטאַליע האָט דורכגעמאַכט אין די יאָרן 1924—25, בלויז מיט דעם שרעקלעכן איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט די ידיעה וועגן מאָרד פון פּאַרלאַמענטאַרישן פירער פון דער אָפּאָזיציע — אַ מאָרד, וואָס איז געשען אין רוים אין מיטן העלן טאָג און ביי ספּעציעל דראַמאַטישע אומשטענדן. אין דער עמעסן זענען די וואָרצלען פונם קריזיס געלעגן אַ סאַך טי־פער. דער קריזיס איז געווען אַ פּראָדוקט פון דעם שרייענדיקן ווי־דערשפּרוך, וואָס איז באַשטאַנען צווישן דער רעגירונגס־פּאָליטיק פונם פאַשיזם און די אינטערעסן און פאַרלאַנגען פון דער מער־הייט באַפעלקערונג, אַפילע פון די פאַשיסטן. דער קריזיס וואָלט זיכער אָן דעם מאַטעאָטי־מאָרד אויך אויסגעבראָכן, און ער וואָלט דאָן מיסטאָמע געהאַט אַ מער אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער, אַזאַ כאַראַקטער, אַז עס וואָלט נישט געקומען צו דער פאַלשער פאַר־שטעלונג, צו וועלכער עס איז פאַקטיש געקומען, אַז — עס גייט

---

3) דער רעזולטאַט פון די וואַלן איז געווען אַזאַ: רעגירונגס־בלאָק — 4.486.756 שטימען; קאָמוניסטן — 266.415; מאַקסי־מאַליסטן — 367.568; רעפאָרמיסטישע סאָציאַליסטן — 418.948; פאָלקס־פּאַרטיי — 643.469; ליבעראַלן — 139.825; רעפּובליקאַ־נער — 132.256; סאָציאַלע דעמאָקראַטן — 98.222; דעמאָקראַטן (אַמענדאָלאַ) — 72.392; פויערן־פּאַרטיי — 71.957; נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן — 61.258; אַנדערע גרופּירונגען — 222.375.

קלוימערשט בלויז אין אַ פרידלעכער און לעגאַלער פאָדערונג פון געוויסע רעכטלעכע און דעמאָקראַטישע גאַראַנטיעס.

נאָך דעם מאַטעאָטי־מאָרד האָבן אַלע דעפּוטאַטן — קאָמו־ניסטן, מאַקסימאַליסטן, רעפאָרמיסטן, דעמאָקראַטן און קאַטאָליקן פאַרלאָזן דעם פאַרלאַמענט. און אין מעשך פון דער גאַנצער צייט פון דעם מאַטעאָטי־קריזיס האָט די מערהייט פון דער איטאַליעני־שער אַרבעטערשאַפט זיך באַצויגן מיט פולן צוטרוי צום „אַווענ־טין“. דעם פּאָליטישן פּלאַן פון דעם „אַווענטין“ האָט מוסאָליני אין אַ רעדע אין גרויסן פאַשיסטישן ראַט (8 אויג. 1924) אַזוי כאַראַקטעריזירט און פאַרטייטשט:

1) דער „אַווענטין“ שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו איזאָלירן דעם פאַשיזם אין לאַנד, מיט דער הילף פון אַ קאַמפּאַניע, וואָס עס וועלן פירן אַ צענטליק גרויסע טאָג־צייטונגען;

2) דער „אַווענטין“ שטעלט זיך פאַר אַ ציל צו איזאָלירן דעם פאַשיזם אין פאַרלאַמענט; ער פּרוּווט אויפרייסן די פאַרלאַ־מענטאַרישע מערהייט; ער וויל דעראָבערן די פאַרלאַמענט־פראַק־ציעס פון די געוועזענע פראָנט־זעלנער און ליבעראַלע דעמאָקראַטן און דורכדעם דערפירן די רעגירונג צו אַ מינדערהייט;

3) אויפן פאַל פון אַ פאַרלאַמענט־וואָטום קעגן דער רעגירונג גרייט דער „אַווענטין“ צו אַ רעגירונג פון די ליבעראַלן און אַמאָ־ליקע פראָנט־זעלנער, און די דאָזיקע רעגירונג זאָל אויסשרייבן נייע וואַלן;

4) אויף דעם פאַל אויב די פאַשיסטן זאָלן, נישט געקוקט אויפן אומצוטרוי פונעם פאַרלאַמענט, זיך אָפּזאָגן צו דעמיסיאָנירן פון דער רעגירונג — פּריידיקט דער „אַווענטין“ די נויטיקייט פון אַ צייטווייליקער מיליטער־מאַכט ביז נאָך נייע וואַלן.

די צוויי ערשטע צילן איז דעם „אַווענטין“ געלונגען צו פאַר־ווירקלעכן — צו איזאָלירן דעם פאַשיזם אין לאַנד און אין פאַר־לאַמענט. ער האָט אָפּגעריסן פון דער פאַרלאַמענט־מערהייט די דעפּוטאַטן פון די געוועזענע פראָנט־זעלנער און פון די ליבעראַלן פון דזשיאָליטיס און אָרלאַנדאָס כיידער (נאָוועמבער 1924), ער האָט אַרויסגערופן אַ פּאַניק און דעפּעטיזם אינעווייניק אין דער

פאַשיסטישער פּאַרטיי. אָבער די מורא, אַז די קאָמוניסטן זאָלן נישט באַהערשן די מאַסן - באַוועגונג, האָט אָפּגעהאַלטן דעם „אַווענטין" פון צו טרייבן ווייטער דעם קאַמף אין לאַנד.

„די עפנטלעכע מיינונג האָט אין דער פּאַרלאַמענטאַרישער שפּאַלטונג געוואָלט זען דעם אָנהויב פון אַ מער געשלאָסענעם און מער שאַרפן קאַמף, וועלכער זאָל מיט זיך ברענגען צו אַזעלכע שוווע־סצענעס, ווי אין 1789 אין באַל־הויז. די עפנטלעכע מיינונג האָט אַפילו גערעכנט, אַז קעגן דעם פּאַרלאַמענט פונם פאַשיזם וועט אָנהויבן אָפּהאַלטן זיצונגען דער פּאַרלאַמענט פון דער דעמאָקראַטיע. אָבער דערפון איז גאָרנישט געוואָרן. די אָפּאָזיציע האָט געגלויבט, אַז דער אויפלייז־פּראָצעס פונם פאַשיסטישן רעזשים וועט אָן דעם אַריינמיש פון דרויסנדיקע קויכעס נאָך גיכער פאָרקומען. דער פאַרשידנאַרטיקער צוזאַמענשטעל פון דעם בלאָק, וואָס איז אַוועק פונם פּאַרלאַמענט, האָט פאַרלאַנגזאַמט דעם טעמפּ פון זיינע האַנדלונגען, בעאיים נויטיק איז געווען אָן שום האַפּסאַקע, מיט שנעלע דעצידירטע שריט צו צעטומלען דעם סוינע, קעדיי דורך מוט אויסרייסן דעם זיג" (פּעראַרי, ז. 59 פון ציטירטן ווערק).

דעם זעלבן אורטייל האָבן אַרויסגעטראָגן אויך אַנדערע דעמאָקראַטישע שריפטשטעלער אין זייערע ווערק איבער דעם מאַטעאָטי־קריזיס; אַפילו די, וועלכע האָבן מיט אויפרעגונג אָפּגעוואָרפן דעם קאָמוניסטישן פאָרשלאָג פון נאָוועמבער 1924 וועגן אויסבילדן אַ קאָנטר־פּאַרלאַמענט.

דער „אַווענטין" האָט צוגעשטעלט דעם קעניג און דעם פּויבסט דאָקומענטן, פון וועלכע עס איז געווען פולשטענדיק קלאָר די פּערזענלעכע פאַראַנטוואָרטלעכקייט מוסאָלינים פאַר דער דערמאָרדונג פון מאַטעאָטין. אָבער נישט דער קעניג און נישט דער פּויבסט האָבן קיין שום ענטפער נישט געגעבן אויף די דאָקומענטן. און צי האָט מען, אייגנטלעך, גאָר געקאָנט פון זיי פאַרלאַנגען יענע קראַפט און יענעם מוט, וועלכע דער „אַווענטין" אַליין האָט נישט געקאָנט פון זיך אַרויסברענגען?

דער אויספּראָש־ריכטער אין דער מאַטעאָטי־אַפערע, דער

מאסאַן אַקיוטאַ, וועלכער האָט ארויסגעוויזן אַ נייגונג אויסצובריי־
טערן די ראַמען פון דער אויספאָרשונג — איז געוואָרן באַזייטיקט
פון זיין אַמט.

דער זשורנאַליסט דאָנאַטי האָט געמאָלדן דעם סענאַט, אַז
דער שעף פון דער זיכערהייט־פּאָליציי, גענעראַל און סענאַטאָר דע
באָנאָ, איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן מאָרד, אָבער דער סענאַט האָט
דע־באָנאָן פריינעשפּראָכן, אויס מאַנגל אין באַווייזן.

דער פאַשיזם האָט זיך איבערצייגט אין דער מאַכטלאָזיקייט
פונם „אַווענטין", און ער האָט שנעל אונטערגענומען אַ קעגן־אָנ־
גריף, און ווידער געאַרבעט מיט דער אַלטער כוצפּע.

— „נו גוט, — האָט מוסאָליני אויסגערופן אין פּאַרלאַ־
מענט זיבן כאַדאָשים נאָכן טויט פון מאַטעאָטי, — איך דערקלער
דאָ פאַר אַט דער פאַרזאַמלונג און פאַרן גאַנצן איטאַליענישן פאָלק,
אַז איך נעם אויף זיך, אויף מיר אַליין, די פּאָליטישע, מאָראַלישע
און היסטאָרישע אַכראַיעס פאַר אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען. אויב
עס זענען גענוג עטלעכע פאַרדרייטע פראַזן, קעדיי אויפצוהענגען
אַ מענטשן — טאָ זאָל מען ברענגען די טליע, טאָ זאָל מען ברענ־
גען די שטריק. אויב די טעטיקייט פונם פאַשיזם באַשטייט נאָר אין
געברויך פון ריצין־אייל און נאַהייקע, אויב דער פאַשיזם איז גע־
קומען צום ציל נישט אַ דאַנק דער גליענדער ליידנשאַפט פון די
אויסדערוויילטע פון דער איטאַליענישער יוגנט — דאַן איז עס
מיין פעלער. אויב די פאַשיסטן זענען געווען נאָר אַ באַנדע פאַר־
ברעכער — בין איך דער שעף פון אַט דער באַנדע. אויב אַלע גע־
וואַלט־טאַטן זענען געווען נאָר אַ רעזולטאַט פון אַ היסטאָרישן און
מאָראַלישן צושטאַנד — נעם איך אויף זיך די גאַנצע אַכראַיעס,
ווייל איך בין געווען דער, וואָס האָט די דאָזיקע היסטאָרישע און
מאָראַלישע סיטואַציע געשאַפן, איך איינער אַליין, דורך מיין
פּראָפּאַגאַנדע זייט דער אינטערווענץ און ביזן היינטיקן טאָג"
(3 יאַנואַר 1925).

דאָס, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ פּראָדוקט פון מוסאָליניס
געשיקטער פּאָליטיק, איז אין דער עמעסן געווען צום גרעסטן טייל
אַ רעזולטאַט פון דער גינסטיקער קאָניונקטור, וועלכע האָט אין

יאָר 1925 אַריינגעבראַכט ניי לעבן אין דער איטאַליענישער אינדוסטריע. די בורזשואַזיע האָט ווידער שנעל זיך גרופּירט אַרום דעם פאַשיזם, און דער „אַווענטין" האָט זיך אויפגעלייזט. אָבער דאָך איז דער מאַטעאָטי־קריזיס נישט אַריבער אומזיסט. דער קריזיס איז געווען אַן אויסדרוק פון אַ צעפאַלונגס־פּראָצעס אין די רייען פון דער בורזשואַזיע און אַ באַווייז, אַז די העגעמאָניע אין די בורזשואַזע רייען האָט זיך איבערגערוקט צום גרויס־קאַפּיטאַל, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף פאַרברעכן און שקלאַפעריי. די פאַרשטאַרקונג פונם פאַשיסטישן אונטערדריקונגס־אַפּאַראַט, דאָס פּרעסע־געזעץ און פאַריין־געזעץ האָבן געצילט צו באַזייטיקן די אויסערלעכע סימאָנים פון דער איזאָלירטקייט, אין וועלכער דער פאַשיזם האָט דאַן געפירט זיין אַרבעט. אָבער די מאַסן פון דער קליין־ און מיטל־בורזשואַזיע האָבן וויטער זיך באַצויגן צום פאַשיזם אָן צוטרוי, פיינטלעך. דער איינהייט־פראָנט, וואָס איז געווען געשאַפן אין 1922, האָט נישט געקאָנט מער אויפגעהאַלטן ווערן.

6. דער גורל פון די רעמאָקראַטישע פּאַרטייען

דער קאָנפליקט צווישן דעם פאַשיזם און די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען האָט זיך קעסיידער — אַלע מאָל אין אַנדערע פאָרמען — פאַרשאַרפט, און דאָס האָט אַריינגעפירט אין אַ טאָעס נישט איין צוקוקער פון דער איטאַליענישער אַנטוויקלונג. — מאַרקס האָט אין זיין קריטיק פונם באָנאַפּאַרטיזם (דער 18־טער ברומער) שוין גענוי אויפגעקלערט דעם באַדייט פון די קאַרבאָנעס, וואָס די בורזשואַזיע מוז ברענגען אויפן פּאָליטישן געביט, קעדיי צו ראַטעווען אירע סאָציאַלע פּאָזיציעס פון דער סאַקאָנע פון אַן אַרבעטער־רעוואָלט. לאָמיר דערמאָנען פאָלגנדיקע שורעס ביי מאַרקסן: „דורך דעם, אַלזאָ, וואָס די בורזשואַזיע שעלט איצט, אַלס „סאָציאַליסטיש", דאָס, וואָס זי האָט פריער געבענטשט, אַלס „ליבעראַליי, איז זי מודע, אַז איר אייגענער אינטערעס פאַרלאַנגט פון איר צו באַפרייען זיך פון דער געפאַר פון זעלבסט־רעגירן, אַז קעדיי איינצוהאַלטן די רו אין לאַנד, מוז קודעם קאָל איר בורזשואַזער

פּאַרלאַמענט אַנטשווינגן ווערן, קעדיי צו דערהאַלטן גאַנץ איר סאָציאַלע מאַכט, מוז איר פּאָליטישע מאַכט געבראָכן ווערן; אַז די בורזשואַזיע קאָן נאָר דאַן פּאָרטזעצן צו עקספּלואַטירן די אַנדערע קלאַסן און אומגעשטערט געניסן פון אייגנטום און פאַמיליע, פון רעליגיע און אָרדענונג. אויב זי זאָל צוזאַמען מיט די אַנדערע קלאַסן גלייך ווערן פאַראורטיילט אויף פּאָליטישער נישטיקייט; אַז קעדיי צו ראַטעווען איר בייטל, מוז זי שאָלעם מאַכן מיט דעם, אַז די קרוין זאָל פון איר ווערן אַראָפּגעריסן און די שווערד, וואָס דאַרף זי באַשיצן, זאָל איבער איר אייגענעם קאָפּ אויפגעהאָנגען ווערן, ווי אַ דאַמאָקלעס־שווערד".

עס איז קלאָר, אַז בענוויגייע איטאַליע קאָן מען איצט נישט ריידן וועגן אַ רעטונג פון דער סאָציאַלער מאַכט פון דער בורזשואַזיע פאַרן פּרייז פון איר פּאָליטישער מאַכט, ווי אינם פאַל מיטן באָנאַפּאַרטיזם (אָדער ווי אין דעם קריספּי־פּעריאָד), ווייל אויב עס קומט פאָר ביי דער פאַשיסטישער אומגעשטאַלטונג פון דער מעלוכע אַן ענדערונג אין די באַציונגען צווישן דער בורזשואַזיע און דער מעלוכע — באַשטייט די ענדערונג אין דעם, אַז די דאָזיקע באַציונגען ווערן נישט נאָר נישט איבערגעריסן, נאָר פאַרקערט, זיי ווערן נאָך אינטימער, ענגער און אוממיטלבאַרער. אָבער די העגעמאָניע, וואָס דער פאַשיזם האָט פאַרזיכערט פאַרן פינאַנץ־קאַפּיטאַל (אונטער דער מאַסקע פון אויטאָנאָמיע פון דער אויספירמאַכט) האָט געבראַכט מיט זיך אַ גאַנצע רייע צאָרעס פאַר גרויסע שיכטן פון דער מיטעלער און קליינער בורזשואַזיע, אַזוי אַז געוויסע עלעמענטן צווישן אָט די שיכטן, אָנגעשראָקן דורך די געקומענע אויף זיי צאָרעס, האָבן אָנגעהויבן צו בענקען נאָך די אומגעקומענע דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס און האָבן פאַרגעסן אין דער געפאַר, אויף וועלכער די דאָזיקע אינסטיטוציעס האָבן זיי בעשאַטאָם אויסגעשטעלט. דער פאַשיזם איז קעגן אָט די אינערלעכע פיינט זיינע, וועלכע האָבן פאַרשפּרייט פּאַניק אין די רייען פון דער בורזשואַזיע גופע, אַרויסגעטרעטן מיט דער גרעסטער שאַרפקייט. ער האָט זיי ווירטשאַפטלעך באַיקאָטירט, ער האָט זיי אין די טפיסעס פאַרשפּאַרט, ער האָט זיי אויף אינזלען פאַרשיקט,

ער האָט זיי געצוווּנגען צו אַנטלויפֿן פֿון לאַנד, ער האָט בײַ זיי אָפּגענומען אַלע בירגער־רעכט און האָט קענען זיי געלאָזן אין גאַנג די זעלבע באַרבאַרישע געוואַלט־מיטלען פֿון די פֿאַשיסטישע באַנדעס, וואָס זענען זיי אַזוי לאַנג געפֿעלן געוואָרן, ביז זיי זענען געווען געווענדט אויסשליסלעך קעגן אַרבעטער און קעגן אַנטי־פֿאַשיסטישע פֿויערן. אַז די דאָזיקע פֿאַריאָגטע אין דער עמיגראַציע בירגערלעכע לייט האָבן רעכט צו פּראָטעסטירן קעגן זייער לאַגע — דאָס קאָן מען צוגעבן; אָבער אויסמישן און אידענטיפֿיצירן זייער פֿערזענלעכן גוירל מיטן גוירל פֿון דער גאַנצער בורזשואַזיע — דאָס טאָר מען נישט, דאָס וואָלט געווען אַ גוזמע.

7. די קאָרבאָנעס פֿון פֿאַשיסטישן טעראָר

דער פֿאַשיזם האָט זיך קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט פֿון טעראָר, אַלס מיטל צו האַלטן אין צוים דאָס לאַנד.

צוליב זײַן פּאָליטיק, וועלכע איז וואָס ווייטער געוואָרן אַלץ מער פֿאָלקס־פֿײַנטלעך, איז דער פֿאַשיזם געווען געצוווּנגען צו פֿאַרשטאַרקן די רעפּרעסיעס קעגן די דויערנדיקע רעוואָלט־פּרוּוון אין לאַנד. דערבײַ איז די אונטערדריקונג קיינמאָל נישט געלעגן נאָר אין דער האַנט פֿון די רעגולערע אָרגאַנען פֿון דער מעלוכע. נאָך היינט (10 יאָר נאָך דער פֿאַשיסטישער מאַכט־דעראָבערונג) זענען אַ חוץ פּאָליציי, געריכטן און קאַראַבינערי, פֿאַראַן נאָך קלייַנע באַוואָפֿנטע פֿאַשיסטישע גרופּעס, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון די פֿאַשיסטישע סעקרעטאַרן, און זייער אויפֿגאַבע איז ספּעציעל טעראָריזירן די קעגנער פֿונם רעזשים.

ביכלאַל איז אָנגענומען צו מיינען, אַז פֿון נאָך דעם מאַטעאָטי־קריזיס און דער אויפֿלייזונג פֿונם „אַווענטין" איז די אונטערדריקונג מילדער געוואָרן. פֿאַרשפּרייט האָבן דעם דאָזיקן שעקער די פֿאַשיסטן.

אין יאָר 1925 זענען אין איטאַליע פֿאָרגעקומען 1521 פּאָליטישע פּראָצעסן מיט 10.861 אָנגעקלאָגטע און 5409 פֿאַראורטייל־טע; 118 פּערזאָן זענען אין יענעם יאָר דערמאָרדעט געוואָרן בעת פּאָליטישע קאָנפֿליקטן; 1699 — פֿאַרוווּנדעט, 11.308 —

אַרעסטירט; 380 אַנטי־פאַשיסטישע לאָקאַלן זענען פאַרן יאָר צע־שטערט געוואָרן; 597 פאַלן זענען געווען פון פאַרבאָטענע זיצונ־גען און אָרגאַניזאַציעס, 10.982 הויז־רעוויזיעס, 1017 פאַלן פון קאָנפיסקירן און פאַרבאָטן אַנטי־פאַשיסטישע צייטונגען.

אין יאָר 1926: 456 פּאָליטישע פּראָצעסן מיט 7228 אָנגע־קלאָגטע, 1145 פאַרורטיילונגען, 51 טויטע פון פּאָליטישע קאָנ־פליקטן, 468 פאַרוואונדעטע, 18.663 אַרעסטירטע, 143 רואינירטע אַנטי־פאַשיסטישע לאָקאַלן, 54 אויפגעלייזטע אַנטי־פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס און זיצונגען, 11.186 הויז־רעוויזיעס, 257 קאָנ־פיסקאַציעס און צייטונגס־פאַרבאָטן.

סאָף 1926 איז די לאַגע געווען אַזאַ שווערע, אַז אונטערן אויסרייד פונם אַטענטאַט אויף מוסאָליניִן (דזאַמבאָני) אין באָ־לאָניאַ האָט מען אַרויסגעגעבן די אויסנאַם־געזעצן, וועלכע גילטן נאָך ביז היינט. „אַ טיפע אויפטרייסלונג איז אַדורך דורכן לאַנד — האָט מוסאָליני גופא דערציילט — און ס'איז נויטיק געוואָרן אָנ־צונעמען מיטלען. די רעוואָלוציע האָט געמוזט זיך ווערן פאַר דער קעגן־רעוואָלוציע. דעמאָלט האָב איך אַליין אויף אָט דעם מיט בלײַשטיפט באַשריבענעם בויגן, וואָס איר זעט, פאָרמולירט די נויטיקע מאָסמיטלען, ווי אַנולירן און רעווידירן אַלע אויסלענדישע פּעסער, שיסן אָן שום וואָרענונג אין פּערזאָנען, וואָס ווערן באַ־מערקט בײַם גאַנווענען די גרענעץ, אונטערדריקן אַלע אַנטי־פאַ־שיסטישע אויסגאַבעס, פאַנאַנדערלאָזן אַלע אַנטי־פאַשיסטישע אָר־גאַניזאַציעס און אויך די אָרגאַניזאַציעס, פאַרייניקונגען און גרו־פּירונגען, וואָס זענען פאַרדעכטיק אין אַנטי־פאַשיזם אָדער אין צוגרייטונגען צו וועלכער עס איז קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אַקציע, שאַפן אין יעדער געגנט אַ ספּעציעלע פּאָליציי און אויספאָרש־קאָ־מערן און אַן אויסנאַם־טריבונאַל" (פון מוסאָלינים רעדע אין פּאַרלאַמענט דעם 26־טן מאַי 1927).

939 פּערזאָן האָבן באַקומען האַסראַעס און 698 זענען גע־וואָרן אַרויסגעשיקט, ווײַל זיי זענען אַ געפאַר פאַר דער עפנטלע־כער אָרדענונג. אַלע אַדוואָקאַטן, וואָס האָבן געפירט אַ שעדלעכע פאַר די פאַשיסטישע אינטערעסן טעטיקייט, האָט מען פאַרבאָטן

צו באַשעפטיקן זיך מיט אדוואָקאַטור. מען האָט קאָנסטרואירט נייע מינים פּאָליטישע פאַרברעכנס פאַר עמיגראַנטן און מען האָט איינגעפירט די צוגאָב־שטראָף פון קאָנפיסקירן דאָס פאַרמעגן פון די פאַרמישפּעטע. עס איז אַ כּוץ דעם אַרויס אַ געזעץ וועגן ריי־ניקן דעם ריכטער־שטאַנד, און דאָס געזעץ איז טייקעף געוואָרן אָנגעווענדט קעגן 17 ריכטער, וועלכע זענען געשטאַנען אונטער אַ כשאַד פון אַנטי־פאַשיסטישע איבערצייגונגען; די גרויסע מער־הייט אָבער, אַרום דריי טויזנט ריכטער, האָבן זיך אונטערגעגעבן דעם פאַשיזם און עפנטלעך פאַרטיידיקט די פאַשיסטישע אויסנאַם־געזעצן. וועגן דער אַרבעט פון דעם אויסנאַם־טריבונאַל איז פאַראַן אַ נישט־פולער, אָבער דערפאַר זייער איינדרוקספולער באַריכט: פון אים זעט מען קלאָר דעם טעראָריסטישן און קאַפּיטאַליסטישן כאַ־ראַקטער פון דעם טריבונאַל, וועלכער באַשטייט אויסשליסלעך פון אָפיצירן פון דער פאַשיסטישער מיליץ און קעגן וועלכן ס'איז נישטאָ פאַראַן קיין שום רעכט פון אַפּעלאַציע („דריי יאָר אַרבעט אויפן אומלעגאַלן פראָנט", אויסגאַבן־ביוראָ, פּאַריז, איטאַליע־ניש).

פון 1926 אָן איז געוואָרן גאָר שווער צו קאָנטראָלירן די קאָרבאָנעס פונם פאַשיסטישן טעראָר. מיר האָבן ידיעס בלויז וועגן דער אַרבעט פונם אויסנאַם־טריבונאַל.

אין 1927 האָט דער טריבונאַל געמישפּעט 207 פּאָליטישע „פאַרברעכער", און ער האָט זיי פאַרמישפּעט אויף 1243 יאָר טפיסע.

אין 1928 זענען 782 אָנגעקלאָגטע געוואָרן פאַרמישפּעט אויף 3522 יאָר שווערע טפיסע. אין 1930 זענען 300 אַנטי־פאַשיסטן פאַרמישפּעט געוואָרן דורכן טריבונאַל אויף איבער 300 יאָר שווערע טפיסע. און כּוץ דעם זענען אין דעם יאָר געווען נייע פאַר־שיקונגען און 300 נייע האַסראָעס[5]. מיר האָבן אויפגעקליבן דאָס

---

5) דער טראַגישער באַדייט פון די ציפערן ווערט רעכט קלאָר ערשט דאַן, ווען מען פאַרגלייכט זיי מיט ציפערן פון די שווערסטע צאַרישע יאָרן און מען האָט דערביי אין זינען, אַז רוסלאַנדס באַ־

דאָזיקע ביסל יעדיעס. פאַראַן איז אַ גרויסע ליטעראַטור וועגן די קאָרבאָנעס פונם פאַשיסטישן טעראָר. מיר ווילן אָבער אויפמערקזאַם מאַכן דעם לעזער, אַז פאַשיזם איז נישט נאָר טעראָר. קעדיי צו האָבן אַ קאָנקרעטע פאָרשטעלונג וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער איטאַליענישער דיקטאַטור, מוז מען גענוי אַנאַליזירן די ראָל פון די פראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס און די באַציונגען צווישן דעם פאַשיזם און דער קאַטוילישער קירכע. אָבער פריער לאָמיר זיך אָפּשטעלן נאָך אויף איין עלעמענט, וועלכער שפּילט אַ געוויסע ראָל אין דער פאַשיסטישער אָרגאַניזאַציע — אויף דער לעגענדע וועגן „דוטשע" (פירער).

8. די לעגענדע מוסאָליני

עס איז פאַראַן אַזאַ לעגענדע — מוסאָליני. אַז דער מוסאָליני פון דער לעגענדע איז זייער, זייער ווייט פון דעםווירקלעכן בעניטאָ מוסאָליני, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין פּרעדאַפּיאָ, אין דעפּאַרטאַמענט פאָרלי, ביים פאָטער אַלעקסאַנדער — דאָס איז עפּעס וויכטיק פאַר ביאָגראַפן און פסיכאָלאָגן, אָבער נישט פאַר אונז, די לעגענדע מוסאָליני איז אַנטשטאַנען אויפן זעלבן אויפן, ווי די לעגענדע לענין, די לעגענדע טראָצקי, קעמאַל־פּאַשאַ, גאַריבאַלדי, נאַפּאָלעאָן, און ווי עס וועט אין אַ פיר צי פינף יאָר אַנט־

פעלקערונג איז דאָ געווען מער ווי דריי מאָל אַזוי גרויס, ווי די היינטיקע באַפעלקערונג פון איטאַליע.

אויף שווערע טפיסע זענען אין רוסלאַנד געוואָרן פאַרמישפּעט: 156 מאָל אין יאָר 1894; 104 — אין 1895; 102 — אין 1896; 148 — אין 1897; 162 — אין 1898; 108 — אין 1899; 57 — אין 1900; 203 — אין 1901; 362 — אין 1902; 332 — אין 1903. פאַר 10 יאָר צאַרישע הערשאַפט האָבן מיר אַ קלענערע צאָל פאַרמישפּעטע, ווי פאַר 6 יאָר אַרבעט פונם אויסנאַם־טריבונאַל, אָט דעם „אַפּאַראַטיי" צו פאַרטיידיקן דעם פאַשיסטישן רעזשים" (ס. טרענטין, דער שווינדל פון דער פאַשיסטישער אַמנעסטיע, מאַרסעל).

שטיין אַ לעגענדע היטלער. מען האָט שוין מוסאָליניִן ביז איצט פאַרגליכן מיט פראַנץ פון אַסיז, מיטן פויבסט סיקסטוס דער 5־טער, מיט מאַדזיניִן, מיט נאַפּאָלעאָנען, מיט קריספּיען, מיט גאַרי־באַלדין, מיט מאַקיאַוועלין, מיט ביסמאַרקן. מען האָט אים גע־רימט אַלס מוזיקער, און ער האָט זיך געגעבן סציפּיאָנס ביינאָמען „דער אַפריקאַנישער". דערביי האָבן מיר אין זינען נאָר די ביכער, וועלכע פירן ברייט אַדורך די דאָזיקע פאַרשידענע אַנאַלאָגיעס. ווען מיר זאָלן וועלן דערמאָנען אַלע פּערזאָנען, מיט וועלכע מוסאָ־ליני ווערט פאַרגליכן אין אַלערליי אַרטיקלען און בראָשורן, וואָלטן מיר געמוזט צו הילף נעמען די גאַנצע וועלט־געשיכטע, אָנגעהויבן מיט יוליוש צעזאַר (מיט וועלכן ער האָט קלוימערשט אַן ענלעכע קינבאַקן־ליניע) און מיט זשאַנע ד'אַרק, וועלכע זאָל האָבן געהאַט אין איר קינדהייט — לויט ווי עס דערציילט מאַרג. סאַרפאַטי — צוויי וויזיעס, פונקט ווי מוסאָליני, וועלכן אַ געהיימניספולע שטים האָט יינגלוויז אַריינגעפּליסטערט אין אויער: „רוים, רוים"! — פון וואָס ס'איז קלאָר, אַז גאָט האָט אים באַפוילן אונטערצונעמען דעם מאַרש אויף רוים!

אַלע הילף־מיטלען, וועלכע אַ מאָדערנע דיקטאַטור האָט נאָר אין איר רעשוס (קינאָ, פּרעסע, טעאַטער, מאַלעריי, אַרכיטעקטור, מוזיק, שול, קירכע, אוניווערזיטעט, געריכט, אַרמיי), ווערן יעדן טאָג מאָביליזירט אויף אונטערצוהאַלטן און אויסצובּרייטערן די לעגענדע מוסאָליני, אויף צו פאַרהערלעכן אים, אַלס דעם מאַן, וועלכן די השגחה אַליין האָט אַראָפּגעשיקט, וואָס נאָך די פאַ־טערלאַנד־נעוויאַים פון פאַרצייטנס האָבן אָנגעקינדיקט זיין קומען, און אויף וועלכן אַלע פעלקער פון דער וועלט זענען מעקאַנע אי־טאַליע. די אַנטי־פאַשיסטישע שריפטשטעלער, וועלכע לעבן אין אויסלאַנד, האָבן זיך באַמיט צו צעשטערן די לעגענדע, און אויף איר אָרט צו געבן די ווירקלעכע היסטאָרישע געשטאַלט פון מו־סאָליניִן, די געשטאַלט פון קליינעם בירגער, וועמען „עס האָט אָפּ־געגליקט", וועלכער איז געוואַקסן דורך דעם, וואָס ער האָט פאַ־ראַטן זיינע פריינט. אין 1914 האָט ער פאַראַטן די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי און איז געוואָרן דער „אינטערווענציאָניסט" פון די לינ־

קע; אין 1919 האָט ער פאַראַטן די „אינטערווענציאָניסטן" און געוואָרן אַן „עקספּאַנסיאָניסט"; אין 1920 האָט ער פאַראַטן די עקספּאַנסיאָניסטן (דאַנונציאָ) און איז געוואָרן אַגראַריער; אין 1921 האָט ער פאַראַטן די אַגראַריער און אונטערגעשריבן אַ שאָ־לעם־אָפּמאַך מיט די סאָציאַליסטן; דערנאָך האָט ער געבראָכן דעם אָפּמאַך און זיך צוריקגעקערט צו די אַגראַריער; אין 1922 האָט ער, אַלס רעפּובליקאַנער, געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט דער מאָנאַר־כיע, און אַלס אַנטי־קלעריקאַל — מיט די קאַטאָליקן; אין 1923 האָט ער — ווען די קליינבורזשואַזיע האָט אויף אַ קליינבירגערלעכער פּראָגראַם געבראַכט צו דער מאַכט — פאַרווירקלעכט אַ פּונקט פאַרקערטע פּראָגראַם. די דיסטאַנץ צווישן דעם ווירקלעכן מוסאָליני און דער לעגענדע מוסאָליני איז נישט קיין קליינע...

„אויב מוסאָליני איז אין גרונט נאָר אַ קליינער מאַכט־גירי־קער בירגער — טאָ מיט וואָס דערקלערן זיך זיין דערפאָלג און זיין אָנזען?".

אויף דער פראַגע קאָן מען נישט ענטפערן בעסער, ווי מיט די ווערטער, וועלכע טראָצקי האָט געשריבן וועגן היטלערן:

„נאַאיווע מענטשן גלויבן, אַז קעניגלעכע ווערדע שטעקט אינם קעניג גופא, אין זיין הערמעלין־מאַנטל און אין דער קרוין, אין זיין פלייש און ביין. אָבער קעניג־ווערדע איז נאָר אַ פאַרהעל־טעניש צווישן מענטשן. דער קעניג איז נאָר דערפאַר קעניג, ווייל אין זיין פערזאָן זענען פאַרקערפּערט די אינטערעסן און פאָרור־טיילן פון מיליאָנען מענטשן. אַז דער שטראָם פון געשעעניש שווענקט אַראָפּ אָט די פאַרהעלטעניש, דערזעט מען אינם קעניג אַן אָפּגעטראָגענעם הער מיט אַן אַראָפּהענגענדיקער אונטערשטער ליפּ. וועגן דעם וואָלט, לויט פרישע איבערלעבונגען, געקאָנט עפּעס דערציילן דער, וואָס האָט זיך אַמאָל גערופן אַלפאָנס דער 13־טער.

דער אונטערשייד צווישן דעם פירער פון גאָטס גענאָד און דעם פירער פון פאָלקס־גענאָד איז דער, וואָס דער לעצטער מוז אַליין זיך דורכלייגן אַ וועג, אָדער ער מוז לעפּאָכעס צוהעלפן די אומשטענדן, זיי זאָלן אים אַנטדעקן. אָבער יעדער פירער איז טאָ־מיד נאָר אַ פאַרהעלטעניש צווישן מענטשן, אַן אינדיווידועלער

אָנגעהאַט אויף א קאָלעקטיוון גאָרבאַטשעוו. די שטרייטן מיקוייעך דער פערזענלעכקייט פון היטלערן זענען דערפאר אזוי היציק, ווייל מען זוכט דעם סאָד פון זיין דערפאָלג אין אים אליין. אין דער עמעסן אָבער איז שווער צו געפינען נאָך א צווייטע פּאָליטישע פיגור, וועלכע זאָל אין אַזאַ מאָס זיין דער קנופּ־פונקט פון אומפּערזענלע־כע געשיכטלעכע קויכעס. נישט יעדער פאַרביטערטער קליינבירגער וואָלט געקאָנט ווערן א היטלער, אָבער א שטיקל היטלער שטעקט אין יעדן פון זיי" (ל. טראָצקי, פאָרטרעט פונם נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליזם, נייע וועלט־בינע 2, נום. 28).

דאָס געזאָגטע, גלויבן מיר, איז גענוג אויף צו פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר פּרובירן נישט אָנוואַרפן א ביאָגראַפישן פאָרטרעט פון מוסאָליני. אַן אַנאַליז פון די קויכעס־פאַרהעלטענישן אין דער איטאַליענישער געזעלשאַפט פון דער נאָכמילכאָמעדיקער צייט קלערט א סאך בעסער אויף די לעגענדע מוסאָליני, ווי א פּסיכאָ־לאָגישע כאַראַקטער־שילדערונג. דעריבער האָבן מיר אין דעם בוך אַזוי ווייניק פּלאַץ אָפּגעגעבן פאַר דער פערזענלעכקייט פון מו־סאָליני, ד. ה. מיר האָבן איר אָפּגעגעבן נאָר אַזוי פיל אָרט, ווי־פיל זי פאַרדינט בעעמעס. אַלעמאָל, ווען אונז איז אויסגעקומען צו דערמאָנען מוסאָליני, איז עס געווען, קעדיי אָנצווייזן, אַז ביי יעדער ווענדונג אין דעם גאַנג פונם פאַשיזם איז זיין אַנטוויקלונג געגאַנגען פונקט אין דער פאַרקערטער ריכטונג, ווי מוסאָליני האָט געהאַט בעדייע.

קאפיטל 11

די פאַשיסטישע סיסטעם פון פראָפעסיאָנעלע פאַריינען

1. דער פאַשיזם און די אַרבעטער

ביים באַטראַכטן די פאַשיסטישע סיסטעם פון פראָפ. פאַריי־נען פאַלן אויסלענדער אָפט אַריין אין אַ טאָעס צוליב דעם, ווייל די דאָזיקע סיסטעם פאַרשטעלט פאַר די אויגן דעם עמעסן אינ־האַלט פון דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור. דערפאַר איז נויטיק אַ גענויערע שילדערונג פון אָט דער סיסטעם. דערפאַר איז נויטיק פאַלש צו מיינען, אַז דער איצטיקער צושטאַנד פון דער פראָפ. באַ־וועגונג אין איטאַליע איז די רעאַליזירונג פון אַ פּלאַן, וואָס די פאַשיסטן האָבן פון פריער צוגעגרייט און אויסגעאַרבעט. גיכער האָבן מיר דאָ צו טון מיט אַ רעזולטאַט פון געוויסע פאָדערונגען, וואָס די איטאַליענישע בורזשואַזיע האָט אַרויסגערוקט אין אַ צייט אַרום נאָכן מאַרש אויף רוים, ווען ס'איז קלאָר געוואָרן, אַז די פרוון פון אַן אויסגלייך מיט די אַלטע פראָפ. פאַריינען פירן נישט צו גאָרנישט.

עס איז קיין שום ספק נישט, אַז אין די ערשטע פאַשיסטישע גרופּעס זענען געווען אויך אַרבעטער. וועגן דעם דערציילן אַלע יעדיעס, וועלכע מיר האָבן וועגן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון די ערשטע פאַשיסטישע גרופּעס. וואָסער טייל פון דער אַרבעטערשאַפט האָבן אויסגעמאַכט אָט די אַרבעטער? לאָמיר נעמען די צאָלן, וועלכע באַציען זיך אויף איינעם פון די וויכטיקסטע מאָמענטן אין דער פאַשיסטישער באַוועגונג, בעאיים איר איבערגאַנג פון צווייטן צום דריטן פעריאָד אין איר אַנטוויקלונג, ד. ה. דעם מאָ־מענט, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די פּאָליטישע צוגרייטונג פונם מאַרש אויף רוים.

צום דריטן פאַשיסטישן קאָנגרעס (רוים, 7 נאָוועמבער 1921)

האָט דער סעקרעטאַריאַט פון דער פּאַרטיי פאַרעפנטלעכט דאַטעס וועגן סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון 151,644 מיטגלידער (אויף דער אַלגעמיינער צאָל פון 320 טויזנט), און די דאַטעס געבן אַזאַ בילד:

סאָכרים און האַנטווערקער — — — —	13,879
אינדוסטריעלער — — — — — —	4,269
מעלוכישע באַאַמטע — — — — —	7,209
ים־לייט (פון האַנדלס־פלאָט) — — — —	1,506
פּריוואַט - אַנגעשטעלטע — — — — —	14,989
לערער — — — — — — — —	1,680
סטודענטן — — — — — — —	19,783
אינדוסטריעלע אַרבעטער — — — —	23,418
לאַנד - אַרבעטער — — — — — —	36,847
לאַנד - באַזיצער (קליינפּויערן און פּאַכטער איינגעשלאָסן)	18, 186

אויב דער צוזאַמענשטעל פון די איבעריקע 168,356 פאַשיסטן איז אויך געווען אַזאַ, אָדער קימאַט אַזאַ, ווי אין דעם אָקאָרשט געגעבענעם בילד — און מען קאָן רעכענען, אַז אַזוי איז עס טאַקע — דאַן באַקומען זיך פאַר יענער צייט אַזעלכע פּראָצענט־צאָלן:

אינדוסטריע - אַרבעטער — — — — —	15,44 פּראָצ.
לאַנד - אַרבעטער — — — — —	24,29 ״
ים - אַרבעטער — — — — —	1,00 ״

מען דאַרף נאָך געדענקען, אַז צווישן די אינדוסטריע־אַרבעטער ווערן גערעכנט אויך אייזנבאַנער, טראַמוויי־באַדינער און טעכניקער, אַזוי אַז דער פּראָצענט אייגנטלעכע פאַבריק־אַרבעטער איז נאָך קלענער. אָבער אַ געוויסע צאָל פאַבריק־אַרבעטער — עמעס נישט קיין גרויסע — איז שוין דאַן, סאָף 1921, געווען אין די פאַשיסטישע רייען.

צי האָט זיך אין געגעבענעם פאַל געהאַנדלט וועגן אַ מין „אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע״? וועגן פּריווילעגירטע קאַטעגאָריעס? ניין, דאָס נישט. די אַרבעטער־שיכטן, וועלכע האָבן געהאַט גוטע אַרבעט־אָפּמאַכן, זענען גראָד געווען אין דער סאָציאַליסטישער פּראָפ. באַוועגונג און האָבן דאָ געבילדעט דעם אָנשפּאַר פון די

רעכטע. וואָס זשע זענען עס געווען פאַר אַרבעטער, וועלכע זענען צוגעשטאַנען צום פאַשיזם?

דאָ קומען מיר צו צו זייער אַ וויכטיקער פראַגע — וועגן צו־זאַמענשטעל פונם איטאַליענישן פּראָלעטאַריאַט ביי דער אינדוסט־ריעלער אַנטוויקלונג, וואָס די מילכאָמע האָט אַרויסגערופן צום לעבן. נישט נאָר פון ראַיאָן צו ראַיאָן, נאָר אפילו אין אונטערנע־מונגען פון איין און דער זעלבער שטאָט און צווישן אַרבעט־פּער־סאָנאַל פון איין און דערזעלבער פאַבריק האָט מען אין יאָר 1919 לייכט געקאָנט באַמערקן טיפע ענדערונגען, אַרויסגערופענע דורכן קריג — ווייל עס זענען צום אַלטן אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט צוגעקומען נייע שיכטן אַרבעטער. צום טייל זענען זיי געקומען פון דאָרף, צום טייל — פון אַנדערע ווירטשאַפט־געביטן, דערהויפּט אָבער פון דער וויטער פּראָווינץ. די דאָזיקע עלעמענטן זענען די ערשטע אַריינגעפאַלן אין די פאַשיסטישע נעצן.

דער פאַקט, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס האָט צובאַקומען נייע שיכטן און זיין צוזאַמענשטעל איז געוואָרן נישט איינהייטלעך; דאָן די קעסיידערדיקע דעגראַדירונג פונם אַרבעטער־קלאַס צוליב דער פּראָגרעסירנדיקער צעפאַלונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער סיס־טעם — האָט געשפּילט גאָר אַ גרויסע ראָל אין דער געשיכטע פונם פאַשיזם, סיי אין איטאַליע, סיי אין אַלע אַנדערע לענדער. נעמט מען דאָס נישט אין אַכט, קאָן מען נישט ווי געהעריק פאַרשטיין דעם פאַשיזם, וועלכער וואַקסט אַרויס, ווי אַ גיפטיקע בלום, פון דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון דער היינטיקער געזעלשאַפט. אומע־טום, ווו די אַרבעטערשאַפט פאַרמאָגט נישט די קראַפט און די נויטיקע פּאָליטישע רייפקייט אויף אויפצורייסן די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע אָרדענונג און איבערבויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַ־ליסטישע יעסוידעס; אומעטום, ווו די אַרבעטערשאַפט ווייזט זיך אַרויס נישט דערוואַקסן פאַר דער ראָל פון אַ היסטאָרישן קאַברען פון דער איצטיקער געזעלשאַפט — איז זי אַליין דער ערשטער קאָרבן פונם קריזיס. זי איז דער קאָרבן נישט נאָר דערפאַר, ווייל זי מוז טראָגן די ווירטשאַפטלעכע פאָלגן פונם קריזיס, נאָר אויך און דער איקער דערפאַר, וואָס זי ווערט דורך דער אַרבעטלאָזיקייט

צעריבן און צעמאָלן, אַלס קלאַס, און זי ווערט פאַרנארישט. און פאַרפירט דורך דער שעפע פון פאַרטייען און סעקטעס, וואָס טרעטן אַלע אַרויס, אַלס אַרבעטער־פאַרטייען און סאָציאַליסטן, און זי הערט לעסאָף אויף צו זיין אַ קלאַס „פאַר זיך", און ווערט ווידער דאָס, וואָס זי איז געווען אַמאָל — אַ טייל פון פאָלק.

2. אַ סאַך פאַריינען

וועגן דעם העטעראָגענישן (ניטאיינהייטלעכן) צוזאַמענשטעל פון דעם איטאַליענישן פּראָלעטאַריאַט דערציילט אויך די סטאַטיסטיק פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג פון די ערשטע נאָכמילכאָמע־דיקע יאָרן. לויט די אָנגאַבן פון איטאַליענישן סטאַטיסטישן יאָר־בוך פאַר די יאָרן 1919 ביז 1921, איז דער מיטגלידער־באַשטאַנד פון די פאַרשידענע נישט־פאַשיסטישע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַ־ציעס סאָף 1921, בעאיים דעם קאָנגרעס פון דער פאַשיסטישער פאַרטיי אין רוים, געווען אַזאַ:

אַלגעמיינע אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע (סאָציאַליסטיש)	1,128,915
איטאַליענישע אַרבעטער - קאָנפעדעראַציע (קאַטויליש)	988,504
איטאַליענישע אַרבעטער־אוניע (רעפּובליקאַניש)	116,428
איטאַליענישער סינדיקאַלער פאַרבאַנד (אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן)	388,708
אויטאָנאָמע פאַריינען (מאַטראָסן, אייזנבאַנער א. אַז. וו.)	500,591
סאַך־האַקל	3,123,146

צו דעם קומען צו 64 טויזנט מיטגלידער פון די פאַשיסטישע פאַריינען, צוויי דריטל פון דעם אין עמיליע, טאָסקאַנאַ און ווענע־טאַ. דאָס זעלבע בילד באַקומט זיך, ווען מיר נעמען דאָס יאָר 1920: פון אַרום 4 מיליאָן אָרגאַניזירטע האָט בלויז עפּעס מער ווי אַ העלפט געהערט צו דער סאָציאַליסטישער קאָנפעדעראַציע. עס

איז נישט געווען קיין איין גרויסע אינדוסטריע־שטאָט, ווו עס זאָל נעבן דער סאָציאַליסטישער אַרבעט־קאַמער נישט זיין אויך אַ קאַמער פון די סינדיקאַליסטן, פון די קאַטוילישע פאַריינען און פון דער גרופּע אומאָפּהענגיקע אייזנבאַנער.

אין פּאַרמאַ, לעמאָשל, זענען געווען פיר אַרבעט־קאַמערן: אַ סאָציאַליסטישע, אַ רעפּובליקאַנישע, אַן אַנאַרכיסטישע און אַ קאַטוילישע.

דאָס הייסט, אַז די איטאַליענישע אַרבעטערשאַפט האָט דאַן דערגרייכט אַ הויכע שטופּע פון אָרגאַניזאַציאָנעלער אַנטוויקלונג. זי האָט באַאיינפלוסט דאָס גאַנצע לעבן אין לאַנד, זי איז געווען אומצופרידן, זי האָט זיך געווערט. אָבער גלייכצייטיק האָט די דאָזיקע אַרבעטערשאַפט נישט פאַרמאָגט קיין איינהייטלעכע אָנפירונג. די שטאַרקסטע באַוועגונגען פון דער נאָכמילכאָמע - צייט זענען פאַקטיש אויסגעבראָכן אויסער די ראַמען פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און אָן איר דירעקטן איינפלוס (די לעבנסמיטל־אומרוען, מיליטער - בונט אין אַנקאָנע א. אַז. וו.). און סיי אויף פּראָפעסיאָנעלן, סיי אויף פּאָליטישן געביט איז בעפּיירעש מעגלעך געווען אַ קאָנצענטראַציע פון די פּראָלעטאַרישע קויכעס, אַ פאַראייניקונג פון די פאַקטאָרן, וועלכע וואָלטן געקאָנט אַרויספירן אין קאַמף די פאַרשידנסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

צו די אָביעקטיווע שוועריקייטן זענען צוגעקומען די אינערלעכע שוואַכקייטן פון דער אַרבעטער - באַוועגונג, און דאָס האָט פאַרלייכטערט פאַר די פאַשיסטן זייער אָנגריף אויפן געביט פון דער פּראָפ. באַוועגונג, נישט געקוקט אויפן שטאַרקן ווידערשטאַנד פונם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט.

די שיכטן, פון וועלכע עס האָבן זיך דערהויפּט אויסגעבילדעט די פאַשיסטישע פּראָפ. פאַריינען, זענען געווען: רייכע פּויערן, טעכניקער, אינדוסטרי - אָנגעשטעלטע און אַרבעטער פון עפנטלעכן דינסט. אויפן ערשטן לאַנד - צוזאַמענפאָר פון די פאַשיסטישע פּראָפ. פאַריינען (4־טער יוני, 1922, מילאַן), ווו עס זענען געווען פאַרטרעטן 548,284 מיטגלידער, איז דאָס בילד געווען אַזאַ:

לאַנדווירטשאַפט —	60,46	פּראָצ.	אָדער	277,084	מיטג.
אינדוסטריע —	15,7	„	„	72,000	„
פּריוואַט־אָנגעשטעלטע	6,7	„	„	31,000	„
אינטעליגענץ	1,3	„	„	6,300	„
אייזנבאַנער, מאַטראָזן, האַפן־אַרבעטער	9,4	„	„	43,000	„
אָנגעשטעלטע אין עפנטלעכע אונטערנעמונגען	2,3	„	„	10,700	„
טעכנישער פּערסאָנאַל	1,7	„	„	8,200	„

(די צאָלן פון די קלענערע קאַטעגאָריעס לאָזן מיר אַדורך).

אין אָט דער ערשטער פאַזע פון אַנטוויקלונג האָט די אידעאָלאָגיע פון דער פאַשיסטישער פּראָפּ. באַוועגונג אַנטשפּראָכן איר סאָציאַלן באַשטאַנד. דער ערשטער צוזאַמענפאָר, וועלכער איז פאָרגעקומען בעאיים די צוגרייטונגען צום מאַרש אויף רוים זענען שוין געווען אין גאַנג, האָט פּראָקלאַמירט, אַז ס'איז נויטיק צוריקצושטעלן אויפן געביט פון אַרבעט און פּראָדוקציע די פרוכטבאַרע האַרמאָניע פון סאָציאַלע היעראַרכיעס און אַז די דאָזיקע אויפגאַבע פאַלט דער איקער אויף יענע אינדוסטריעלע מיטל־קלאַסן, וועלכע זענען ביז אַהער געוואָרן פאַרגעסן אָדער פאַרשטויסן און פאַראַכטעט; זייערע אָרגאַניזאַציעס, צוזאַמען מיט די אַרבעטער־פאַריינען, קאָנען אַרויסרופן אַן אויפשוווּנג פון אַלע פּראָדוקטיווע קוויכעס פון פאָלק.

לעגאַבע דער אַלגעמיינער אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע האָבן די פאַשיסטישע פאַריינען געפאָדערט פאַר זיך דאָס רעכט צו פאַרטרעטן די טעכניקער און די מיטל־שיכטן. מוסאָליני האָט אין יענער צייט עפנטלעך אָנערקענט, אַז די אַרבעטער פון די גרויסע אונטערנעמונגען קאָן מען נישט אָפּרייסן פון זייערע אַלטע פאַריינען; ער האָט אָבער פאַרלאַנגט, אַז די קאָנפעדעראַציע זאָל אויפגעבן אירע באַציונגען מיט דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און זאָל צוזאַמענאַרבעטן מיטן פאַשיזם. קורץ נאָכן מאַרש אויף רוים (דעצעמבער 1922) איז די צאָל מיטגלידער אין די פאַשיסטישע פּראָפ. פאַריינען געשטיגן ביז 503,781. זייער צוזאַמענשטעל איז

געווען אזא:

לאַנדווירטשאַפט —	58,9	פּראָצ.	אָדער	282,084	מיטגל.
אינדוסטריע —	20,2	„	„	102,000	„
פּריוואַט־אָנגעשטעלטע	6,1	„	„	31,000	„
אינטעליגענץ —	1,4	„	„	8,300	„
מאַטראָזן און האַפן־אַרבעטער —	8,8	„	„	44,000	„
עפנטלעכער דינסט —	2,2	„	„	11,500	„
טעכנישער פּערסאָנאַל —	1,5	„	„	8,700	„

דער אָנגריף אויף די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז איצט, נאַטירלעך, געוואָרן נאָך שטאַרקער. די טאַקטיק פונם אָנגריף איז דערביי געווען פאַרשידן, אָפּהענגיק פון דעם, קעגן וועמען דער אָנגריף איז געווען געווענדעט: 1) מען האָט געשטרעבט צו דער־אָבערן „אָן בלאָק" די גרונט־קאַדרען פון די קאַטוילישע פּאַרטייען; 2) דאָס זעלבע האָט מען געשטרעבט צו דעראָבערן די גרונט־קאַדרען פון יענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, אין וועלכע עס זענען געווען אָרגאַניזירט נישט פּראָלעטאַרישע אָדער האַלב־פּראָלעטאַרישע עלעמענטן (מעלוכע־אָנגעשטעלטע און מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוון); 3) מען האָט געשטרעבט צו פאַרניכטן די קלאַסן־פּאַרטייען, אין וועלכע ס'זענען געווען אינדוסטריע־אַרבעטער, ווייל — איבערנעמען די דאָזיקע מיטגלידערשאַפט גאַנצערהייט, ווען דאָס וואָלט אַפילו מעגלעך געווען, איז געווען אַ צו געפער־לעכע זאַך. אין אַלע דריי ריכטונגען האָבן די פאַשיסטישע פּאַרטיי־

*) צווישן דער „קאָנפעדעראַציע" און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי איז געווען, זייט דער אָפּשפּאַלטונג פון די רעוואָלוצ. סינ־דיקאַליסטן ביז 1923, אַ „פאַרבינדונג־אָפּמאַך", לויט וועלכן ביידע צדדים האָבן זיך קעגנזייטיק באַדאַרפט העלפן און שטיצן בעאייס אַקציעס. דער פאַקט, וואָס די פּאַרטייען האָבן לייכט געלאָזן אָנפירן מיט זיך, האָט גורעם געווען, אַז די רעוואָלוציאָנערע פירערשאַפט פון דער פּאַרטיי האָט קנאַפּ וואָס געקלערט וועגן באַזייטיקן די רעפאָרמיסטן פון דער פּאַרטייס־אָנפירונג.

נען אָפּגעהאַלטן באַדייטנדיקע ניצחונעס; עס האָט זיך זיי איינגע־געבן צו איזאָלירן דעם רעוואָלוציאָנערן אינדוסטריעלן פּראָלע־טאַריאַט פון די אַנדערע טיילן אַרבעטערשאַפט, וועלכע האָבן פאַר־פילט די פאַשיסטישע פאַריינען.

צום סאָף 1923, אַ יאָר נאָכן מאַרש אויף רוים, איז שוין די צאָל מיטגלידער אין די פאַשיסטישע פאַריינען געשטיגן ביז 857,611, און דאַקעגן אין די סאָציאַליסטישע פאַריינען איז די צאָל געפאַלן ביז 212,016. די צאָל מיטגלידער פון די קאַטוילישע פאַריינען האָט נאָך אַלץ באַטראָפן 445,995, אָבער די סינדיקאַ־ליסטישע און רעפּובליקאַנישע פאַריינען זענען שוין אינגאַנצן פאַרשוווּנדן פון דער אויבערפלאַך. אינגאַנצן האָט די צאָל פּראָ־פעסיאָנעל - אָרגאַניזירטע אַרבעטער באַטראָפן 1,513,632. דער־מאָנט מען זיך אין די 4 מיליאָן אָרגאַניזירטע פון 1920, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דער פאַשיזם האָט אין מעשעך פון אַ יאָר צייט — פון נאָכן מאַרש אויף רוים — באַוויזן צו דעזאָרגאַניזירן 2,5 מיליאָן אַרבעטער. אַז מען באַקענט זיך נענטער מיטן צוזאַ־מענשטעל פון די 1,5 מיליאָן אָרגאַניזירטע פון דעצעמבער 1923, זעט מען, אַז אין דער „קאָנפעדעראַציע" איז פאַרבליבן דערהויפּט דער קעמפערישער טייל פונם פּראָלעטאַריאַט, און דאַקעגן, אין די פאַשיסטישע פאַריינען האָבן זיך גרופּירט די פּריווילעגירטע, הויך־באַצאָלטע אַרבעטער - שיכטן — ווי דאָס ווייזט פאָלגנדיקע טאַבעלע:

גרובן - אַרבעטער —	21,985
קראַנקן־פלעגער —	10,844
כעמישע אַרבעטער —	30,767
פּאַפּיר־אַרבעטער —	7,618
עלעקטריע־אַרבעטער —	9,085

ווייטער קומען צו היפּשע מאַסן פון ווירטשאַפטלעך ווייניקער צענטראַליזירטע אַרבעטער־קאַטעגאָריעס:

בוי־אַרבעטער —	20,131
דערנער־אַרבעטער —	15,409
שאָקאָלאַד־אַרבעטער —	6,383

און כוח דעם נאָך די אַרבעטער פֿון דער מעלוכישער אינ־דוסטריע, אָדער פֿון דער קאָנטראָלירטער דורך דער מעלוכע־אינדוסטריע (געווער־פֿאַבריקן, מיליטערישע ארסענאַלן א. ד. גל.).

דער צושטראָם פֿון אַ ט די אַרבעטער צו די פֿאַשיסטישע פֿאַריי־נען איז, נאַטירלעך, נישט געווען קיין סטיכישער. וויכטיק, אַלנ־פֿאַלס, איז דער פֿאַקט, אַז דער טראַר איז נישט אימשטאַנד גע־ווען צו צעברעכן די גרונט־קאַדרען פֿונם אינדוסטריעלן פּראָלע־טאַריאַט; די דאָזיקע קאַדרען האָבן ווייטער געהערט צו דער „קאָנפֿעדעראַציע", אָדער זיי זענען לעפּאָכעס געבליבן ווייט פֿון יעדער אַנדער אָרגאַניזאַציע.

3. די האַלטונג פֿון די רעפֿאָרמיסטישע פֿאַריינען

אויפֿן ריין פּאָליטישן געביט האָט זיך נאָכן מאַרש אויף רוים באַקומען אַ רעאַקציאָנערע קאָאַליציע אונטער פֿאַשיסטישער אָנפֿי־רונג. די פֿאַשיסטן אַליין האָבן דאַן געהאַט נאָך זייער אַ צעשוווי־מענע פֿאַרשטעלונג וועגן דער קומענדיקער סטאַביליזירטער פֿאָרם פֿון זייער הערשאַפֿט אין איטאַליע. דער רעכטער פֿליגל פֿונם פֿאַ־שיזם האָט געשטרעבט צו אַזאַ פֿאָרם פֿון מעלוכישער אָרגאַני־זאַציע, וואָס זאָל זיין אַ מין אויסבאַלאַנסירטער גלייכגעוויכט פֿון „לעגאַלער" צוזאַמענאַרבעט פֿון אַלע קאָנסערוואַטיווע קרייכעס פֿון דער איטאַליענישער געזעלשאַפֿט. און דער אָפּזאָג פֿון אַזאַ פּאָליטיק איז נישט געווען קיין ווילקיר־אַקט מיצאַד מוסאָליניס, נאָר אַ האַרטע נויטיקייט, מיט וועלכער פֿיל פֿאַשיסטישע פֿירער האָבן נאָר מיט אַ שווער געמיט שאָלעם געמאַכט — די דאָזיקע נויטיקייט האָט באַאיינפֿלוסט די גאַנצע אַנטוויקלונג פֿון דער אַזוי גערופֿענער „טאָטאַלער" פּאָליטיק.

די זעלבע דערפֿאַרונג האָט מען געמאַכט אויך אויפֿן פּראָ־פֿעסיאָנעלן געביט. מען איז נישט אַריבער גלייך צום מאָנאָפּאָל פֿון די פֿאַשיסטישע פֿאַריינען; מוסאָליני האָט גערעכנט אויף דער עקזיסטענץ זייט ביי זייט פֿון סאָציאַליסטישע און פֿאַשיסטישע פֿאַריינען צוזאַמען. מוסאָליני האָט וויפֿל מאָל געפֿירט וועגן דעם שמועסן מיט סאָציאַליסטישע פֿירער. ד'אַראַגאָנאַ, דער סעקרעטאַר

פון דער „אלגעמיינער ארבעטער - קאנפעדעראציע'', האט איינעם אזא שמועס אזוי איבערגעגעבן:

„צו מיר איז געקומען א בירגער און געפרעגט, צי בין איך גענייגט צו האבן א שמועס מיט מוסאליני. איך האב געענטפערט, אז יא; אז מען האט קלארע און ערלעכע קאוואנעס, האט מען נישט וואס מוירע צו האבן פאר א קאנטאקט. איך האב נאר געשטעלט א טנאי, איך זאל מעגן מיטנעמען נאך קאלעגן פון דער קאנפעדעראציע. מוסאליני האט מאסקים געווען אויף דעם טנאי, און איך בין צו אים אוועק צוזאמען מיט אדזימאנטי און בואדזי. דער פארלויף פונם שמועס איז באקאנט. מיר זענען אין אן אויסדריקלעכער פארם געווארן אויפגעפאדערט ערשטנס, איבערצונעמען דאס מינסטעריום פאר פאלקס - ווירטשאפט, און צווייטנס, זיך איינשטעלן פאר א צענויפגיסונג מיט די פאשיסטישע פארייגען. מיר האבן געענטפערט, אז מיר האבן נישט קיין שום מאנדאט דאס אנצונעמען; מיר האבן אבער גלייכצייטיק צוגעגעבן, אז פאר א טעכנישער צוזאמענארבעט מיט דער פאשיסטישער, ווי מיט יעדער אנדער רעגירונג, איז נישט פאראן קיין שום מעניעס, אויב מיר זאלן נאר באקומען גאראנטירט די פרייהייט פון דער פראפעסיאנעלער ארגאניזאציע. די איניציאטיוו צו א צווייטן שמועס איז שוין ארויסגעגאנגען פון אונז. מיר האבן געשטעלט מוסאלינין די דירעקטע פראגע, צי האט ער בעדייע ארויסצוגעבן א דעקרעט וועגן קאנטראל איבער די פראפ. פאריינען. מוסאליני האט געענטפערט מיט ניין און האט געגעבן דערביי אנצוהערן, אז עס וואלט זיך אין אזא פאל געהאנדלט בלויז וועגן קאאפעראטיווע ארגאניזאציעס. אבער דאך איז דער דעקרעט אין עטלעכע כאדאשים ארום געווארן ארויסגעגעבן''.

עס זענען געווען באזונדערע סיבעס, צוליב וועלכע דער פאשיזם האט, נאכן „וויל-ווירקנדיקן'' שטורם פון די שטראף-עקספעדיציעס, געזוכט א באדן פאר צוזאמענארבעט מיט די רעפארמיסטישע פאריינס - פירער. די סיבעס זענען געלעגן אין די ארגאניזאציעס פון די איטאליענישע אינדוסטריעלער, אינם סאציאלן צוזאמענשטעל פון דער איטאליענישער בורזשואזיע. די דאזיקע

סיבעס האָבן, ווי מיר וועלן ווייטער זען, שטאַרק געווירקט אויף דער פאָרם פון דער פאַשיסטישער מעלוכע, און זיי האָבן אויך באַשטימט דעם פּלאַץ, וועלכן די פאַשיסטישע פאַריינען פאַרנעמען אין אָט דער מעלוכע.

פאַרוואָס אָבער איז זי נישט צושטאַנד געקומען, די אָפענע צוזאַמענאַרבעט צווישן דעם פאַשיזם און דעם רעפאָרמיזם? דאָ האָבן געווירקט — נאָר טיפער געלאַגערט — די זעלבע סיבעס, וועלכע האָבן צונישט געמאַכט די האַסכאָלעס פון צוזאַמענאַרבעט צווישן די פאַשיסטן און די דעמאָקראַטן, ליבעראַלן און פאָלקס-פּאַרטיי. דער קאַפּיטאַליסטישער קריזיס האָט אָנגענומען אין איטאַליע אַזעלכע שאַרפע פאָרמען, אַז די גרויס-בורזשואַזיע האָט געמוזט שטרעבן צו אַ מאַכט-פאָרם, וועלכע שליסט אויס יעטוועדע צוזאַמענאַרבעט מיט פאַרטרעטער פון אַנדערע אינטערעסן. יעדע אַנטוויקלונגס-פאַזע פון דער „טאָטאַלער" טענדענץ פון דער פאַשיסטישער פּאָליטיק איז געווען פאַרבונדן מיט זאַכלעכע שוועריקייטן, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין וועג דער גרויס-בורזשואַזיע ביי אירע פּרוּוון צו סאַנירן די ווירטשאַפט — שוועריקייטן מיצאַד די קעגנערישע פּאַרטייען (קאָמוניסטן, מאַקסימאַליסטן, רעפאָרמיסטן, ליבעראַלן) און פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, און אויך מיצאַד די נישט-פאַשיסטישע צייטונגען, וועלכע האָבן נאָך עקזיסטירט לעגאַל, ביז עס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן די אויסנאַם-געזעצן.

וואָס איז שייך די רעפאָרמיסטן, איז זייער וואַקלען זיך אין דער פראַגע וועגן טייקעפדיקן אָנשלוס אין דער פאַשיסטישער פּראָפ. באַוועגונג דערקלערט זיך נאָר מיט דער איינגאַרטיקער לאַגע, אין וועלכער זיי האָבן זיך דעמאָלט געפונען. פאָרמעל האָבן זיי זיך נאָך גערעכנט פאַר פירער פון דער „קאָנפעדעראַציע". אָבער פאַקטיש איז די לאַגע געווען אַזאַ, אַז נאָכדעם ווי די קליינבירגערלעכע עלעמענטן, די בעסר באַלוינטע אַרבעטער און זייער פיל אַפּאָליטישע עלעמענטן זענען אונטערן דרוק פון פאַשיסטישן טעראָר אַוועק פון דער „קאָנפעדעראַציע", האָבן די פאַרבליבענע קימאַט אַלע זיך געפונען אונטערן איינפלוס פון די קאָמוניסטן

און מאַקסימאַליסטן. די רעפאָרמיסטישע פירער האָבן אַלץ אָפּגעשלעפּט מיטן רופן אַ קאָנגרעס, אונטערן אויסרייד פון לעגאַליטעט־מעניעס, און האָבן זייער געוואָלט זיך דערשלאָגן, אַז די קאָמוניסטן זאָלן אַרויסטרעטן פון דער „קאָנפעדעראַציע". אין 1924 האָבן די זעלבע פירער דורכגעזעצט אַ נייעם סטאַטוט, וועלכער האָט אָפּגעשאַפט אַרבעט־קאַמערן, האָט פאַרבאָטן יעדן שטרייק, אויף וועלכן ס'איז נישטאָ די האַסקאָמע פון דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג, און האָט איבערגעגעבן דער צענטראַל־פאַרוואַלטונג די באַשטימונג פון די לאָקאַלע פאַריינס־פירער. די רעפאָרמיסטן האָבן געוווסט, אַז אַן אָנשלוס אין דער פאַשיסטישער פּראָפ. באַוועגונג וואָלט נאָר געהאַט דעם רעזולטאַט, אַז די „קאָנפעדעראַציע" וואָלט אַריינגעפאַלן צו די קאָמוניסטן אין די הענט, און אפילו די רעפאָרמיסטיש־געשטימטע אַרבעטער וואָלטן נישט מיטגעגאַנגען צו די פאַשיסטן. אין 1927 איז טאַקע אַזוי געשען.

4. דער אָפּמאַך פון פּאַלאַצאָ ווידאָני

נאָכדעם ווי די מעגלעכקייט פון צוזאַמענאַרבעט מיט די רעפאָרמיסטן איז צעקלאַפּט געוואָרן, איז געקומען דער ערשטער אַקט פון רעאַליזירן פאַשיסטישע „טאָטאַלקייט" אויפן פּראָפעסיאָנעלן געביט: דאָס איז דער אָפּמאַך פון פּאַלאַצאָ ווידאָני, פון 22־טן אָקטאָבער 1925, וואָס האָט געגעבן די פאַשיסטישע פּראָפ. פאַריינען דאָס מאָנאָפּאָל־רעכט צו שליסן אַרבעט־אָפּמאַכן. אינגיכן נאָכדעם האָט זיך אַ שאָט געטון אַ גאַנצער הויפן געזעצן און דעקרעטן, וועלכע האָבן געגעבן פאַרשידענע רעכטלעכע פריווילעגיעס די פאַשיסטישע פאַריינען. דאָס זענען געווען די ערשטע מאַניפעסטירונגען פון יענעם „געזעצגעבערישן קרעטיניזם", אויף וועלכן עס קרענקען אַלע דיקטאַטורן, אָן אונטערשיד פון סאָציאַלן יעסאָד, און וועלכער באַשטייט אין גלויבן, אַז אַ גערעכטער דעקרעט איז אימשטאַנד צו לייזן אַלע פּאָליטישע און סאָציאַלע פראַגן; די דאָזיקע דעקרעטן האָבן נישט ווייניק פאַרווירונג געבראַכט אויף אַלע געביטן. דער אַרבעטער וויל נישט גיין אין

פאַשיסטישן פּראָפּ. פאַריין? נישט די פאַשיסטן, נאָר די געזעצן וועלן אים אהין אריינזאָגן. א געזעץ צווינגט דעם אַרבעטער צו צאָלן דעם אָבליגאַטאָרישן פאַריינס - אָפּצאָל; א צווייט געזעץ צווינגט אים אָנצונעמען דעם אַרבעט - אָפּמאַך פון די פאַשיסטישע פאַריינען; און נאָך א געזעץ צווינגט אים צו גיין אין פאַשיסטישן אַרבעט - פאַרמיטל - אַמט, און דערביי ווערן מיטגלידער פון פאַשיסטישע פאַריינען פּריווילעגירט; און ווידער א געזעץ צווינגט אַפילע דעם נישט - אָרגאַניזירטן אַרבעטער, אז אין פאַל פון א קאָנפליקט מיטן אונטערנעמער זאָל ער זיך ווענדן צום פאַשיסטישן פאַריין. ווייטער איז פאַראַן א געזעץ (אַלע געזעצן איז אוממעגלעך אויסצורעכענען), וואָס מאַכט דאָס פּאַסיווע און אַקטיווע וואַל־רעכט פונם אַרבעטער אויך אָפּהענגיק פון זיין צוגעהערי־קייט צו א פאַשיסטישן פאַריין. אָט אזוי אַנטשטייען פאַשיסטישע פּראָפּ. פאַריינען! אזוי ווערן די פּראָבלעמען פון פאָלקס־לעבן גע־לייזט דורך דער „אַמטלעכער צייטונג"! באַטראַכט מען אויבן־אויף די צאָל מיטגלידער, וואָס די פאַשיסטישע פאַריינען האָבן צובאַקומען אין 1925, קאָן זיך דוכטן, אז דער „געזעצגעבערישער קרעטיניזם" האָט אָפּגעהאַלטן א ניצחון. די מיטגלידער (2,150,511) טיילן זיך לויט קאַטעגאָריעס אויף אזא אופן:

לאַנדווירטשאַפט —	724,900
גרובן־אַרבעטער —	76890
מעטאַל־אַרבעטער —	184,200
טעקסטיל־אַרבעטר —	11,800
כעמישע אַרבעטער —	110,991
עלעקטריע־אַרבעטער —	23,100
גלאָז־אַרבעטער —	19,910
בוי־אַרבעטער —	142,476
פּאַפּיר־אַרבעטר און דרוקער —	23,630
דערנערונגס־אַרבעטער —	62,100
טראַנספּאָרט־אַרבעטער —	135.495
אָנגעשטעלטע —	192.500

די צאָלן פון די קלענערע קאַטעגאָריעס לאָזן מיר דורך.

1925 איז בלי ספק געווען פאר די פאשיסטישע פאריינען דאס וויכטיקסטע יאר אין פראט פון פארגרעסערן די צאל מיט־גלידער און פון אריינדרינגען אין די מאסן. די וויכטיקסטע סי־בעס פון דעם דערפאלג זענען געווען:

1) קוידעם קאל די אינפלאציע, וועלכע האט אין א גאנצער רייע אינדוסטריעס געפירט צו א קליינער פארבעסערונג פונם נא־מינעלן לוין און צו דער צייטווייליקער באזייטיקונג פון דער אר־בעטלאזיקייט;

2) דער צוזאמענברוך פונם „אווענטין" (די דעמאקראטישע קאאליציע אויסער דעם פארלאמענט), וואס האט געהאט א טיפע ווירקונג אויף גרויסע ארבעטער־מאסן — זיי האבן אנגעהויבן צווייפלען צי מען קאן נאך בייקומען דעם פאשיזם;

3) די טאקטיק פון די רעפארמיסטישע פאריינס־פירער. די רעפארמיסטן האבן אין נאמען פון דער „אלגעמיינער ארבעטער־קאנפעדעראציע" אקצעפטירט דאס פאשיסטישע פאריינס־געזעץ פון 2־טן אקטאבער 1925. זיי האבן דערקלערט, אז די „קאנפעדע־ראציע" רעזיגנירט פון רעכט צו שליסן ארבעט־אפמאכן און צו פראקלאמירן שטרייקן און לוין־קאמפן, און אז די, וואס וועלן זיך פארזינדיקן קעגן געזעץ, וועלן ארויסגעווארפן ווערן פון דער ארגאניזאציע. זיי האבן אויך דערקלערט, אז פון היינט אן וועט זיך די „קאנפעדעראציע" צופאסן צום פאשיסטישן געזעץ און זיך פארנעמען בלויז מיט שטודיען און אונטערשטיצונג־טעטי־קייט.

5. א טייל רעפארמיסטישע פירער קאפיטולירן

סאף 1926 זענען ווידער באנייט געווארן די אונטערהאנד־לונגען צווישן די פאשיסטן און די רעפארמיסטן. און ס'איז געקו־מען צווישן זיי צו א אויסגלייך — נאכדעם ווי עס זענען אין נא־וועמבער פון זעלבן יאר ארויסגעגעבן געווארן די אויסנאם־געזעצן, און אלע נישט פאשיסטישע פארטייען זענען געווארן פארבאטן, און די גאנצע נישט פאשיסטישע פרעסע איז געווארן

פאַרמאַכט, און ביז 3 טויזנט אַנטי־פאַשיסטן זענען געוואָרן פאַר־שיקט.

דעם 4־טן יאַנואַר 1927 האָט זיך באַוויזן אַ קאָמוניקאַט, אַז דער הויפּט־קאָמיטעט פון דער „קאָנפעדעראַציע" דערקלערט די אָרגאַניזאַציע פאַר אויפגעלייזט. און דעם 16־טן יאַנואַר האָט זיך באַוויזן אין דער פאַשיסטישער פרעסע פאָלגנדיקע דערקלערונג, מיט די אונטערשריפטן פון די רעפאָרמיסטישע פירער ד'אַראַגאָנאַ, ריגאָלאַ, מאַליאָנע, ריינאַ און קאַלאָמבינאָ: „דער פאַשיזם איז אַ געשעענער פאַקט. מיר קאָנען נישט אַ פאַקט איגנאָרירן, מיר קאָ־נען נישט קעגן אַ פאַקט קעמפן. דער אַרבעטער־קלאַס טאָר נישט בלייבן שטיין ביי זיינע קאָלעקטיוויסטישע אידייען. צווישן די פאַרשידענע פאַקטאָרן פון דער פּראָדוקציע איז פאַראַן אַ סאָלי־דאַרישקייט. די קאָאָפּעראַטיווע מעלוכע, וועלכע דער פאַשיזם וויל שאַפן, איז די רעאַליזירונג פון סאָציאַליסטישע פּלענער און אי־דייען. די פאַשיסטישע פּראַפּ. באַוועגונג פאַלט צענויף אין געוויסע פונקטן מיט אונזער באַוועגונג. מיר ווילן אונזערע דערפאַרונגען און אונזער איינפלוס שטעלן אין דינסט פון די פאַשיסטישע פאַריינען".

דער ענטפער אויף דער דעקלאַראַציע האָט נישט געלאָזט אויף זיך לאַנג וואַרטן. דאָס וואָס די רעפאָרמיסטן האָבן מוירע גע־האַט — איז טאַקע געשען: די אַרבעטער האָבן זיי נישט געוואָלט נאָכפאָלגן. דער פאַראַט פון די רעפאָרמיסטן האָט ביז היינט זייער ווייניק געגעבן דעם פאַשיזם.

6. די קאָנפערענץ פון 20־טן פעברואַר

לויט דער איניציאַטיוו פון דריי קאָמוניסטישע פאַרבאַנדן פון דער „קאָנפעדעראַציע" און ביי דער באַטייליקונג פון אַ גרעסערער צאָל מאַקסימאַליסטישע און רעפאָרמיסטישע דעלע־גאַטן איז דעם 20־טן פעברואַר 1927 פאָרגעקומען ערגעץ אין לאָמבאַרדיע אַן אומלעגאַלע קאָנפערענץ, וועלכע האָט באַשלאָסן צו לאָזן ווייטער עקזיסטירן די „קאָנפעדעראַציע" און האָט אויס־געאַרבעט דירעקטיוון פאַר דעם אומלעגאַלן ווידער־אויפבוי פון די

פאַריינען אין די פאַבריקן און אין די דערפער. אַזוי ווי איך האָב זיך פערזענלעך באַטייליקט אין דער אַרבעט פון דער קאָנפערענץ, דערמאָן איך זיך, אַז דער ווילן צו דערהאַלטן די פּראָפעסיאָנעלע איינהייט איז דעמאָלט געווען אין איטאַליע זייער שטאַרק — סיי ביי די קאָמוניסטן, סיי ביי די אַנטי־פאַשיסטישע רעפאָרמיסטן. קעדיי אויסצומיידן אַ שפּאַלטונג, האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט פון פאַרלאַנג אַנצושליסן די אומלעגאַלע „קאָנפעדעראַציע" אין רויטן פּראָפינטערן, כאָטש די געוויילטע פאַרוואַלטונג האָט געהאַט אַ מערהייט אַ קאָמוניסטישע. אין די גרויסע שטעט (טורין, מילאַן, טריעסט, גענואַ א. אנד.) האָבן זיך די אומלעגאַלע פאַריינען שנעל אַנטוויקלט און געוואָרן מעכטיקע אָרגאַניזאַציעס; עס האָבן אין זיי ברידערלעך צוזאַמענגעאַרבעט סאָציאַליסטן פון אַלע שאַטי־רונגען, קאָמוניסטן, אַנאַרכיסטן און אויך פיל אומפּאַרטייאישע אַרבעטער. דער אָרגאַן פון דער „קאָנפעדעראַציע" („פּראָפעסיאָ־נעלער קאַמף") האָט אויך אָנגעהויבן צו דערשיינען אומלעגאַל (נישט רעגולער) און האָט גאָר גיך פאַרדרייפאַכט זיין טיראַזש. ביי די אָרטיקע אומלעגאַלע פאַריינען זענען אַכוץ דעם דערשיינען ביז אַ דרייסיק צייטונגען, אַלערליי פאַך־, פאַבריק־, אָדער שטאָט־בלעטער, און זיי האָבן געשפּייזט אַ נייעם גייסט אין די אַרבעטער, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך ענדלעך באַפרייט פון זייערע פאַרביר־גערלעכטע פירער. פרילינג און זומער 1927 זענען פאָרגעקומען זייער פיל שטרייקן און דעמאָנסטראַציעס קעגן פאַשיזם. די פאַ־שיסטישע אונטערדריקונג פון די אַרויסטרעטונגען איז געווען שאַרף און בלוטיק.

7. סאָציאַלע געזעצן

נישט ווייניק אויסלענדער לאָזן זיך פאַרפירן דורך די סאָ־ציאַלע געזעצן פונם פאַשיזם, וועלכע האָבן, אַגעוו, זייער אַ באַ־גרענעצטע אָנווענדונג.

אין 1922 האָט עס אויסגעזען אַזוי, ווי דער פאַשיזם וואָלט בעדייע געהאַט אַ טעל צו מאַכן פון דער גאַנצער רעפאָרמיסטי־

שער געזעצגעבונג, וועלכע איז געשאפן געוואָרן זייט 1901 ביז 1914. פאַקטיש איז געשען פונקט פאַרקערט. נאָך איניקע פרווון איז דער פאַשיזם געווען געצוווּנגען צוריק אָנצוקניפּן אין דער פאַרגאַנגענהייט און צו גיין אין אירע שפּורן, וואָרום די זעלבע באַדערפענישן — ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע —, וועלכע האָבן פון בירגערלעכן שטאַנדפּונקט באַרעכטיקט די סאָציאַלע דעמאַגאָגיע אין דער פאַרגאַנגענהייט, זענען איצטער, אונטער דעם פאַשיזם, געוואָרן נאָך דרינגענדיקער און דריקנדיקער. פאַקטיש פירט די סאָציאַלע געזעצגעבונג צו דער אַנטוויקלונג פון דער מעלוכישער ביוראָקראַטיע און שאַפט דערמיט אַ פעלד פון טעטיקייט פאַר דער קליין- און מיטל-בורזשואַזיע, און שפּרייט אַזוי אַרום אויס די אָרגאַניזאַציע פון דער בירגערלעכער מאַכט אויף די ברייטסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג.

אַ סאָציאַל שוואַכע בורזשואַזיע, ווי עס איז די איטאַליענישע, מוז האָבן אַ גרויסע ביוראָקראַטיע און מוז זיך אַרויסווייזן מיט אַ פּאָליטיק פון סאָציאַלע רעפאָרמען; וואָס ווייניקער די מאַסן באַטייליקן זיך אין עפנטלעכן לעבן, אַלץ גרעסער מוז זיין דער פאַרנעם פון די רעפאָרמען. מעלוכע-קאַפּיטאַליזם אָן אַ ברייטער נעץ פון סאָציאַלע אינסטיטוציעס איז נישט מעגלעך. אַז מען נעמט די צאָלן פון דער פאַשיסטישער קאָאָפּעראַציע, פון די קינדער - אָרגאַניזאַציעס, קולטור - אָרגאַניזאַציעס, אַנשטאַלטן „פאַר מוטער און קינד'', אַנשטאַלטן פאַר מעלוכישע פאַרזיכערונג, אַרבעט - פאַרמיטלונג - אַמטן א. אַז. וו. און מען פאַרגלייכט דאָס אַלץ מיט מוסאָלינים צוזאָג „צו פאַרניכטן דעם גאַנצן סאָציאַלן איבערבוי פון דער מעלוכע'', וואָס ער האָט געגעבן האַרט ערעוו דעם מאַרש אויף רוים (רעדע אין אודינע דעם 20-טן סעפּטעמבער 1922) — קאָן מען נאָר שמייכלען. אין 1923 און 1924 האָט זיך דער פאַשיזם טאַקע פאַרנומען מיט צעשטערן דעם „סאָציאַלן אויבער-שטאָק פון דער מעלוכע''; אָבער זייט 1925 האָט זיך די איטאַליענישע בורזשואַזיע דערפילט געצוווּנגען אויסצובויען אין אַן איילקן טעמפּ אַ נייעם אויבער-שטאָק, און נאָך אַ פיל גרעסערן און טייערערן, ווי פריער. דאָס איז דער פּרייז, וועלכן די איטאַליע-

נישע בורזשואזיע האָט געמוזט באַצאָלן פאַר דער אונטערדריקונג פון די פאָלקס - פרייהייטן, פאַר דער ליקווידירונג פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי, פאַרן אונטערוואַרפן זי דעם מעלוכישן אַפּאַראַט, און פאַר דער צוימונג פון די אַרבעטער - פאַריינען. און שליסלעך איז אויך נויטיק אַז אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל דעם קליין־בירגערטום, וואָס האָט דורכגעפירט די איבערקערעניש, געבן באַשעפטיקונג און די אילוזיע, אַז ס'איז ווירקלעך פאַרגעקומען אַ באַנייאונג און אויסברייטערונג פון דעם הערשנדיקן קלאַס. דאָך טאָר מען נישט פאַרגעסן:

1) אַז די איטאַליענישע אַרבעטער צאָלן אַ סאַך און הויכע פאַרזיכערונגס - אָפּצאָלן, און די אונטערשטיצונגס - נאָרמעס זענען זייער נידעריקע (אַן אַרבעטלאָזער, לעמאָשל, באַקומט שטיצע נאָר די ערשטע דריי כאַדאָשים און נאָר אויב ער איז נישט הינטערשטעליק מיט זיינע פאַרזיכערונגס-אָפּצאָלן);

2) אַז דער אָפּצאָל מיצאַד די אונטערנעמער איז אַ מינימאַלער;

3) אַז דער מעלוכע-צולאָג ווערט פאַקטיש אויך באַצאָלט פון די אַרבעטער-מאַסן, צוליב דער איבערוואָג פון אומדירעקטע שטייערן אין דעם מעלוכישן בודזשעט.

די איינציקע פּאָזיטיווע זייט פונם פאַשיזם איז די ריזיקע ביוראָקראַטיע, וועלכע ווערט אויסגעהאַלטן אויפן כעשבן פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג.

8. די אַנטוויקלונג פון די פאַשיסטישע פאַריינען

פאַר דער מערהייט איטאַליענישע אַרבעטער זענען די פאַשיסטישע פראָפּ. פאַריינען נישט עפּעס אַנדערש, ווי קאָנצענטראַציע-לאַגערן.

די אַנטוויקלונג פון דער פאַשיסטישער פראָפּ. באַוועגונג איז ענג פאַרבונדן מיט די געזעצלעכע פונקציעס, וואָס מען האָט אײַנגעפירט אין זיי, אַזוי אַז די אַרבעטער מוזן געהערן צו אַ פאַריין, כדי צו קאָנען קריגן אַרבעט און נישט פאַרלירן דאָס רעכט אויף אונטערשטיצונג.

אז מען באטראכט דעם מיטגליד - באשטאנד פון די וויכ־טיקסטע פאשיסטישע פראפ. פארבאנדן פאר די לעצטע יארן, קאן מען אט וואס פעסטשטעלן:

1) אין די אינדוסטריע - פארבאנדן (פרייע קאטעגאריעס) מערקט מען פון קווארטל צו קווארטל בוילעטע אונטערשיידן אין דער צאל מיטגלידער. דאס הייסט, אז נישט געקוקט דערויף, וואס אין דער ווערבירונג פון די פאשיסטישע פאריינען שפילט, די־רעקט אדער אומדירעקט, א גרויסע ראל דער עלעמענט פון צוואנג — שפיגלען זיך פונדעסטוועגן אפ אין זייערע רייען די פאקטן פון ווירטשאפטלעכן לעבן (אראפדריקונג פון די לוינען, ארבעטלאזיקייט); אבער אזוי ווי די דאזיקע פאקטן קאנען נישט קומען „צום ווארט" דורך א דרוק פון די אונטערשטע שיכטן אויף די טוער־קאדרען און אויף דער אנפירונג, אדער דורך אן אפענע אפאזיציאנעלע שטעלונג פון די אונטערשטע שיכטן — געפינען זיי זייער אויסדרוק אין אינדיווידועלן ארויסטריט פון די פא־ריינען.

2) אין די געשלאסענע אינדוסטריע־פארבאנדן (קאטעגאריעס: האפן - ארבעטער, ארבעטער פון דער גראפישער אינדוסטריע, גלאז - ארבעטער, גרובן - ארבעטער, מעלוכע - ארבעטער א. אז. וו.) שפילט וואס ווייטער אלץ א גרעסערע ראל דער עלעמענט פון צוואנג, דער מיטגלידער - באשטאנד איז א מער סטאבילער. דא איז דער יעסאד פון דער פאשיסטישער ווערבירונג און דאס וואס בינדט צו די ארבעטער — די רעכטלעכע פונקציעס, מיט וועלכע דאס געזעץ האט באשאנקען אט די פאריינען. צוליב דעם זענען די דאזיקע קאטעגאריעס ארבעטער קימאט אלע ביז איינעם אר־גאניזירט אין די פאשיסטישע פאריינען.

3) אין די פאריינען פון האלב - פראלעטארישע עלעמענטן און פון אינטעליגענץ ווייזט די צאל מיטגלידער ארויס א טענ־דענץ צו וואקסן, און די פאריינען האבן די אויסזיכט מיט דער צייט ארומצונעמען די דאזיקע קאטעגאריעס פולשטענדיק.

4) די צאל מיטגלידער אין די פאריינען פון לאנד־ארבעטער און פויערן איז קעסיידער געפאלן. דאס איז אין העסקעם מיט

דעם אַלגעמיין באַקאַנטן פאַקט, אַז דער פאַשיזם האָט, אַראָנק דער רעגירונגס - פּאָליטיק, אַסאַך אַ קלענערן אָנשפּאַר אין דאָרף. ווי אין שטאָט. (די מערהייט אַנטי-פאַשיסטישע דעמאָנסטראַציעס פאַר די יאָרן 1929 — 1933 איז פאָרגעקומען אין דאָרף).

לויט די סטאַטיסטישע אָנגאַבן פון די פאַשיסטישע אַרבעטער - פאַריינען, האָבן זיי אין 1932 געהאַט 1,650,000 מיטגלידער, ביי אַן אַלגעמיינער צאָל אינדוסטריע - אַרבעטער פון 3 מיליאָן, ד. ה. 55 פּראָצענט אָרגאַניזירטע; און פון 4 מיליאָן לאַנד - אַרבעטער זענען געווען אָרגאַניזירט 1,200,000, ד. ה. נאָר 30 פּראָצענט.

9. די נייע ראָל פון די פאַריינען

רעדט מען וועגן דער ראָל פון די פאַריינען, וואַרפט זיך אין די אויגן אַ שטריך, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם נייעם הערשאַפט - אויפן פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע. די אָרגאַניזאַציע - פאָרם פון די פאַריינען איז נישט געוואָרן פאַראויסגעזען אין פאַשיסטישן פּלאַן פון 1919, און זי האָט אויך נישט אַנטשפּראָכן דעם גערדאַנקען-גאַנג פונם טעאָרעטיקער פונם פאַשיזם; אָבער זי אַנטשפּרעכט די לעבנס-נויטיקייטן פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט אין איטאַליע: ערשטנס, נויטיקט זיך אָט די געזעלשאַפט אין אַרבעטער - פאַריינען, וועלכע זאָלן רעגולירן די אַרבעט-קראַפט, האָבנדיק ספּעציעל אין זינען די איבערבאַפעלקערונג און די שוואַכקייט פון דער איטאַליענישער אינדוסטריע און לאַנדווירטשאַפט; צווייטנס, האָט די בורזשואַזיע זיך גענויטיקט אין פאַרמיטלער און פּאָליטישע פאַכלייט (און ספּעציעל אין אַ קאַדר-פירער, וואָס זענען פאַרבונדן מיטן אַרבעטער-קלאַס), וואָס זאָלן פאַרוואַלטן מיט די הילף - אָרגאַנען און פעריפערישע אינסטיטוציעס פון דער מעלוכע, ווייל די איטאַליענישע בורזשואַזיע אַליין איז נישט אימשטאַנד געווען צו באַזאָרגן אָט די פאַרוואַלטונג, צוליב איר אומפעיקייט און אוממעכטיקייט — אַ פּראָדוקט פון איר סאָציאַלער שוואַכקייט.

נאָך דער אויפלייזונג פונם פּאַרלאַמענט האָט זיך די איטאַ-

ליענישע בורזשואזיע פארבונדן מיטן קליינבירגערטום אויפן באָדן
פון דער פאשיסטישער פארטיי. דער אָפּקלייב פון קוואַליפיצירטן
פּאָליטישן פּערסאָנאַל, וואָס פלעגט פריער אויך געמאכט ווערן
צווישן קליינבירגערטום, נאָר דורך דעם וואַל־מעכאַניזם (און דע־
אָפּקלייב איז טאָמיד אויסגעפאלן גינסטיק פאַר דער בורזשואזיע)
איז איצט געמאַכט געוואָרן דורך דער פאשיסטישער פארטיי —
נאָך מיט גרעסערער גאַראַנטיע. עמעס, דער פאשיזם האָט פאַר־
וואָגט פון פּאָליטישן לעבן אַ געוויסן שיכט קליין - בירגערלעכע
טוער, וועלכע זענען געווען קאָמפּראָמיטירט דורך די אַלטע פאַר־
טייען, אָבער גלייכצייטיק האָט ער אַרויסגערוקט — אויך אויף
פירנדיקע פּלעצער אין פּאָליטישן לעבן — אַזוי פיל קליינבירגער,
ווי דאָס איז נאָך ביז דעם פאשיזם קיינמאָל נישט געווען אין אי־
טאַליע.

דער פאשיסטישער פּראָפ. פאַריין איז געווען דער באָדן, אויף
וועלכן די איטאַליענישע בורזשואַזיע האָט געפּרוווט איינשטעלן
אַ פאַרבינדונג כאָטש מיט אַ טייל פונם אַרבעטער - קלאַס —
נאָכדעם ווי די רעפאָרמיסטישע פאַריינען זענען שוין געווען אַרויס־
געפאַלן פון שפּיל. אין דער פאשיסטישער מעלוכע־מאַשין איז דע־
מאָטאָר זיכער נישט דער טייל, וועלכן מען זעט אַממערסטן אַרויס.
אַרום דעם מאָטאָר זענען פאַראַן טראַנסמיסיע - פאַסן און עקזע־
קוטיוו - אָרגאַנען און דאָפּלטע און פירפאַכיקע ציין - רעדער,
וועלכע פאַרדעקן אינגאַנצן דעם מאָטאָר, שוין אָפּגערעדט פון די
לאַכלוטן איבערפליסיקע רעדער און רעדלעך, וועלכע זענען פאַראַן
בלויז פאַר סימעטריע וועגן, און האָבן נישט קיין גרעסערע באַ־
דייטונג ווי, למשל, די אויסגעמאָלטע פענסטער אין די פאַלאַצן
פון 18־טן יאָרהונדערט.

די איטאַליענישע בורזשואַזיע העלפט זיך אויס מיט די פאַ־
שיסטישע פאַריינען ביים אויסבוי פון פאָלגנדיקע מעלוכע־אָר־
גאַנען:

1) פּאָליטישע פאַרבינד־אָרגאַנען צווישן דער מעלוכע און
דער אַרבעטער־באַפעלקערונג;

2) פאָרמעלע און נידעריקערע קאָנטראָל - אינסטאַנצן אין

די מעלוכישע און אונטערנעמערישע אָרגאַנען, וועלכע פירן אוים די באַשטימונגען פון דער סאָציאַלער געזעצגעבונג;

3) טעכנישע באַראַט - אָרגאַנען אין די וויכטיקסטע אַמטן פון מעלוכישער פאַרוואַלטונג;

4) ביוראָקראַטישע אויספיר - אָרגאַנען אין אייניקע ספּעציעלע צווייגן פון סאָציאַלן דינסט.

די בורזשואַזיע ווייסט, וואָרשיינלעך, אַז אין דער פּאָליטישער פאַרוועגדונג פון די פאַשיסטישע פאַריינען וועט ער פון אַט דער ליניע נישט גייען. די אויסגערעכנטע מעלוכישע פונקציעס זענען אויב נישט פון די וויכטיקסטע, איז אָבער געוויס פון די קיצל-דיקסטע. פון דער סטאַבילקייט פון אַט די פונקציעס הענגט אָפּ אין אַ גרויסער מאָס די פּאָליטישע קראַפט פון דער מעלוכע, ווייל — די פאַשיסטישע פאַריינען זענען צוליב זייערע פונקציעס יענע קאַנאַלן, דורך וועלכע עס דרינגט אַדורך דער קאַפּיטאַליסטישער איינפלוס אויף די אַרבעטנדיקע קלאַסן.

די קעגנזאַצן, וועלכע זענען געווען אין שוים פון די פאַשיסטישע פאַריינען פון זייער געבורט אָן, זענען געוואָרן נאָך שאַרפער נאָכן דערשיינען פון די אויסנאַם - געזעצן, ווייל — די פאַשיסטישע פאַריינען זענען געבליבן די איינציקע לעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון די איטאַליענישע אַרבעטער. אַ קעגנזאַץ איז שוין צווישן דער עלעמענטאַרער טענדענץ צו זעלבסטפאַרוואַלטונג, וואָס איז אַ נאַטירלעכע זאַך אין אַ מאַסן - אָרגאַניזאַציע, און דער אָרגאַניזאַציע - פאָרם פון די פאַריינען. די פּאָלעמיקעס וועגן דעם וואַל-רעכט פון די אונטערשטע פאַריינס-שיכטן, וועגן דער סיסטעם פון פאַרטרויאונגס - מענער אין די אונטערנעמונגען, וועגן די פאַבריק - קאָמיסיעס, וועגן אויפן פון באַרעכענען די אַקאָרד - טאַריפן א. אַז. וו. באַלייכטן דעם אָנגעוויזענעם קעגנזאַץ אין אַ געגנוגנדיקער מאָס. אַ צווייטער קעגנזאַץ איז צווישן דער אידעאָלאָגיע פון די פאַשיסטישע פאַריינען, ווי זי ווערט געפּרידיקט אויף פאַרזאַמלונגען, אין דער פּרעסע, אין די פאַריינס-שולן — און דער פּאַקטישער פּאָליטיק פון דער פאַשיסטישער מעלוכע. אַן אויסדרוק האָט דער דאָזיקער קעגנזאַץ

געפונען אויפן דריטן קאָנגרעס פון די פאַשיסטישע פאַריינען אין דער פּאָלעמיק צווישן אייניקע פאַרטרעטער פון דער סינדיקאַליסטישער ריכטונג און די טעאָרעטיקער פון עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם. אַ דריטער קעגנזאַץ שטעקט אין די באַציונגען צווישן די פאַשיסטישע פאַריינען און די אונטערנעמערישע אָרגאַניזאַציעס— באַציונגען, אין וועלכע די פאַריינען פאַרנעמען פאַקטיש אַ לאַגע פון אונטערגעוואָרפנקייט.

די פאַשיסטישע פּראָפ. פאַריינען זענען איינגעטיילט אין זיבן אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס.

פאַקטיש זענען די פאַשיסטישע פּראָפ. פאַריינען אונטערגעוואָרפן דער מעלוכע. דיווירקלעכע אָנפירונג מיט די פאַריינען ליגט אין די הענט פון מיניסטעריום פאַר קאָרפּאָראַציעס. די איטאַליענישע בורזשואַזיע האָט דאָ ווידער אַמאָל געוואָלט לייזן אַ פּאָליטיש פּראָבלעם מיט ריין אָרגאַניזאַציאָנעלע מאָססמיטלען, אָבער דערגרייכט האָט זי נאָר אַן אויסערלעכן עפעקט.

אַלזאָ, די פאַשיסטישע פאַריינען שטעלן מיט זיך איצט פאָר אַ צווייג פון דער מעלוכישער פאַרוואַלטונג. די מעלוכע האָט ביז איצט געהאַט אַ מילטערישע, אַ קולטורישע, אַ פיסקאַלישע אָרגאַניזאַציע, אַ טפיסע - וועזן - אָרגאַניזאַציע א. אז. וו. — איצט האָט זי אויך אַ פאַריינס - אָרגאַניזאַציע, די געזעצלעכע איינגלידערונג און רעגיסטרירונג פון די אַרבעטנדיקע. און פונקט ווי די אָפיצירן ווערן נישט געוויילט פון די סאָלדאַטן, אָדער די שטייערבאַאַמטע פון די שטייער - צאָלער — אַזוי ווערן אויך די לאָקאַלע און צענטראַלע פירער פון די פאַריינען נישט געוויילט פון די אונטערשטע שיכטן, נאָר זיי ווערן באַשטימט דורך דער רעגירונג. פאַר זייערע האַנדלונגען זענען די פירער פאַראַנטוואָרטלעך נישט פאַר די מיטגלידער, נאָר פאַר דער רעגירונג, און דירעקטיוון באַקומען זיי אויך נישט פון אונטן, פון דער מיטגלידערשאַפט, נאָר פון אויבן, פון דער רעגירונג.

10. די פאַרמעלוכישונג פון די פּראָפ. פאַריינען

דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אין פאַריקן אָפשניט געזאָגט,

ווערט באשטעטיקט אויך פון פאשיסטישער זייט. אין אן אור־
טייל פון געריכט אין מילאן פון יאנואר 1931 לייענען מיר:

„די פאריינען זענען מעלוכישע ארגאנען, נישט ארגאנען פון
ארבעטנדיקן קלאס. די פאשיסטישע פאריינען זענען אפהענגיק פון
דער מעלוכע".

די פאריינס - מיטגלידער קאנען, ווי עס האט נישט איינמאל
דערקלערט „דער פאשיסטישער ארבעטער", נאר אין איין זינען
ווילן: „די וואלן, ווי דער פאשיזם באנעמט זיי און ווינשט זיי,
זענען א ריין אדמיניסטראטיווע אנגעלעגנהייט: א מיטל, וואס
מאכט מעגלעך פאר די מאסן צו פארווירקלעכן זייער צוזאמענ־
שלום מיט דער רעגירונג, ווייל זיי שטימען פאר פערזאנען, וועלכע
זענען פאר דער רעגירונג בעקוועדיקע פערזאנען (פערסאנא
גראטא) אויף דורכצופירן ריין־ווירטשאפטלעכע אויפגאבן (דער פא־
שיסטישער ארבעטער", פון 21־טן פעברואר 1931).

אלזא, די פאריינס - מיטגלידער קאנען ווילן נאר אזעלכע
פערזאנען, וועלכע זענען „אנגענעם" פאר דער רעגירונג!

„אויב די ארבעטער וועלן שפעטער דערגרייכן א העכערן
גראד פון פאליטישער רייפקייט און די אומאפהענגיקייט פון דער
נאציע וועט מאכן ווייטערדיקן פארטשריט — דאן וועלן מיר
אליין פארלאנגען, אז די פארטרעטונג פונם ארבעטער - קלאס
זאל ווערן אויסגעברייטערט" („דער פאשיסטישער ארבעטער"
פון 10־טן מאי 1931).

אלזא, נאך 11 יאר פאשיסטישער הערשאפט זענען די אר־
בעטער נאך אלץ נישט גענוג רייף פאליטיש צו קאנען אליין ווילן
זייערע פירער! „די נאציע — האט געזאגט דער מיניסטער פאר
קארפאראציעס אויף א פאריינס - קאנפערענץ דעם 26־טן סעפ־
טעמבער 1931 — מוז ענדלעך קלאר באנעמען, ווי מיר ווילן די
פאריינס־פירערשאפט, די וואל הענגט נישט אפ פון דעם קאפריז און
אינדיווידועלער אפשאצונג פון די טוער און פון מיניסטער פאר
קארפאראציעס, נאר קודעם קאל ווערט די זאך באטראכט פונם
אינערן - מינסטער, פונם פרעפעקט, פונם סעקרעטאר פון דער
פאשיסטישער פארטיי, פון די פראווינץ - פירער, אזוי אז איידער

דער מיניסטער פאַר קאָרפּאָראַציעס באַשטעטיקט אַ קאַנדידאַט, האָבן מיר שוין אַלע נויטיקע פּאָליטישע גאַראַנטיעס וועגן אים".

אַלזאָ: ביי דער וואַל פון די פאַריינס - פירער האָבן צו זאָגן דער אינערן - מיניסטער,, דער פּרעפעקט, די פּאָליציי, די פאַשיס־טישע פּאַרטיי א. אז. וו. בלויז נאָר די, וואָס צאָלן דעם מיטגליד־אָפּצאָל האָבן דערביי גאָרנישט וואָס צו זאָגן!

לויטן פאַריינס - געזעץ פון 3־טן אַפּריל 1926 האָבן נישט קיין שום רעכט אויף אָרגאַניזאַציע די מעלוכישע אָנגעשטעלטע, די קאָמונאַלע אָנגעשטעלטע, די אייזנבאַנער, די פּאָסט־אָנגע־שטעלטע און די אָנגעשטעלטע פון אַלע אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס ווערן קאָנטראָלירט דורך דער מעלוכע, ווי אויך די לערער־שאַפט. די דאָזיקע קאַטעגאָריעס מעגן שאַפן בלויז ,,פולמאַכט־פאַריייניקונגען", וועלכע האָבן אַלע פאַרפליכטונגען פון פּראָפ. פאַריינען, אָבער קיין שום רעכט נישט. זיי האָבן נישט קיין רעכט צו שליסן אַרבעט - אָפּמאַכן, אָנצוקלאָגן אין געריכט, צו פאַר־טיידיקן די אינטערעסן פון זייערע מיטגלידער קעגן די אונטער־נעמער. אָבער די לעצטע יאָרן האָט זיך אַנטוויקלט אַ שטאַרקע שטרעמונג צו פאַרוואַנדלען די ,,פולמאַכט - פאַריייניקונגען" אין רעכטלעך אָנערקענטע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. אויך דער ,,פאַשיסטישער אַרבעטער" האָט געשטיצט די דאָזיקע שטרעמונג. דאַן האָט דער סעקרעטאַר פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי באַ־שלאָסן אַ סאָף מאַכן צו אַלע דיסקוסיעס און צו אַלע האָפנונגען, און נישט וואַרטנדיק ביז מען וועט אָפּשאַפן דעם פאַראַנענעם גע־זעץ און נישט פרעגנדיק די פאַראינטערעסירטע, האָט ער אויף איי־גענער האַנט אויפגעלייזט די דאָזיקע פאַריינען און עקספּראָפּרי־ירט זייערע הילף־אינסטיטוציעס און פאַרמעגן און האָט זיי דער־קלערט פאַר אַריינגעגאָסן אין דער פאַשיסטישער פּאַרטיי.

פאָרמעל דערלויבט אַפילע דאָס פאַשיסטישע פאַריינס־געזעץ אַכוץ די לעגאַל אָנערקענטע פאַריינען צו בילדן אויך א. ג. ,,פאַק־טישע פאַריינען" אָבער מאַכן אַ געברויך פון דעם דאָזיקן רעכט — דאָס דערלויבט מען נישט.

,,די גרינדונג פון אַזעלכע פאַריינען — האָט געשריבן דער

„פאשיסטישער ארבעטער" פון 1־טן יולי 1930 — וואָלט צע־שטערט דעם ריטם פונם נייעם סאָציאַלן אויפבוי. אזעלכע פאַריי־נען, צי זיי זאָלן זיין קאטוילישע אָדער סאָציאַל אָריענטירט, וועלן סאָף קאָל סאָף באַקעמפן די פאשיסטישע פאראיינען. דאס וואָלט געווען א מין זעלבסטמאָרד — צוצולאָזן די דאָזיקע גרינדונג"

א פאשיסטישע דיקטאטור קאָן נישט באַגיין קיין זעלבסט־מאָרד. זי קאָן נאָר ווערן געטויט.

קאַפּיטל 12

קאָרפּאָראַציעס און מעלוכע-קאַפּיטאַליזם

1. ענדערונגען אין דער ווירטשאַפטלעכער סטרוקטור

אונטער דער פאַשיסטישער הערשאַפט פונם גרויס-קאַפּיטאַל זענען פאָרגעקומען באַדייטנדיקע פאַרענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער און אינדוסטריעלער סטרוקטור פון איטאַליע. די אגראַר-פּראָדוקציע איז נאָך איצט אויך גרעסער פאַר דער אינדוסטריעלער פּראָדוקציע, אָבער דער אונטערשייד איז שוין ווייט נישט אַזאַ, ווי אַמאָל: די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט שטייט שטאַרק אָפּ אין איר טעמפּ פון דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע, און די לאַנדווירטשאַפט קאָן נישט באַפרידיקן דעם באַדאַרף פון דער אויסגעוואַקסענער באַפעלקערונג. מיר דערמאָנען דאָס ספּעציעל פאַר די, וועלכע באַשטייען אויפן אגראַר-כאַראַקטער פון דער פאַשיסטישער דיקטאַטור. די פאַרשידענע צווייגן פון דער איטאַליענישער לאַנדווירטשאַפט זענען אָדער שטיין געבליבן אין זייער אַנטוויקלונג, אָדער אַפילע צוריקגעגאַנגען, אָדער אַ קליין ביסל זיך אַ רוק געטון פאָרויס אויפן כעשבן פון אַנדערע ווירטשאַפטס-צווייגן. די אַנטוויקלונג פון דער לאַנדווירטשאַפט האָט נישט געקאָנט האַלטן פוס מיטן פּראָצעס פון אינדוסטריאַליזירונג, און אין רעזולטאַט האָט זיך די ספּעציפישע וואָג פון דער אינדוסטריע לעגאַבע דער לאַנדווירטשאַפט נאָך מער פאַרגרעסערט. נאָך דייטלעכער ווייזט זיך דאָס אַרויס אויפן פּאָליטישן געביט. די אַמאָליקע אויבערהערשאַפט פון די אגראַריער אין דער צענטראַל-רעגירונג איז זייט דעם אַטענטאַט אויף דעם קעניג הומבערט באָטל געוואָרן. דידאָזיקע אויבערהערשאַפט האָט זיך געהאַט ווידער באַוויזן אין 1921 (שאָלעם-אָפּמאַך), ווען די שטאָטישע בורזשואַזיע האָט זיך געפונען אין צושטאַנד פון גרעסטער

בעהאָלע. און זי איז אין 1922 ווידער געוואָרן באַזייטיקט דורך דער אינדוסטריעלער אָריענטירונג פון דער „קאָמערץ־באַנק“, דורך דעם פּלוצימדיקן קער אין דער דזשיאָליטישער פּאָליטיק און אויך דורך דער פּאָליטיק פון דעם קעניג.

אונטער דעם פאַשיזם האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַסטיקע אינדוסטריאַליזירונג פונם לאַנד. מיטגעווירקט האָבן דערביי פאָלגנדיקע פאַקטאָרן:

א) די קאַפּיטאַליסטישע איבערפּראָפיטן, וואָס האָבן געשטאַמט פון די דורכגעפירטע 30 ביז 40 פּראָצענטיקע לוין־רעדוקציעס.

ב)די צאָל־פּאָליטיק פונם פאַשיזם און

ג) דער אריינפיר פון פרעמדע, באַזונדער אַמעריקאַנישע קאַפּיטאַלן, ביז אַ 1,5 מיליאַרד ליר.

אין דער גומי־אינדוסטריע, אין שיף־בוי, אין דער פּראָדוקציע פון קינסטלעכן זייד, פון סינטעטישן שטיק־שטאָף און פון הידראָ־עלעקטרישער קראַפט פאַרנעמט איצט איטאַליע דעם ערשטן פּלאַץ אין דער וועלט. אַנדערש איז די לאַגע אין די אַ. ג. שליסל־אינדוסטריעס, וווּ דער רוי־שטאָף שפּילט אַ גרעסערע ראָל, איידער די אַרבעט־קראַפט, ווייל — איטאַליע פאַרמאָגט נישט נישט קיין קוילן, נישט קיין אייזן און נישט קיין נאַפט. אָבער דאָס פעלן פון אַ שווער־אינדוסטריע האָט נישט געשטערט צו שאַפן אַ פּראָדוציר־אַפּאַראַט, וועלכער האָט מיט דער הילף פון דער מעלוכע באַהערשט דעם אינערלעכן מאַרק און פאַרנומען אויף אים אַ מאָנאָפּאָל־שטעלונג, און גאָר גיך איז געוואָרן צעשטערט דער גלייכגעוויכט צווישן פּראָדוקציע און קאָנסומציע (צעשטערטער גלייכגעוויכט צווישן פּראָדוקציע און קאָנסומציע איז אויך דער יעסאָד פונם איצטיקן ווירטשאַפטלעכן וועלט־קריזיס).

שוין אין 1925 האָט זיך דער כאַראַקטער פון דער פאַשיסטישער מעלוכע, אַלס רעגירונגס־פאָרם פון פינאַנץ־קאַפּיטאַל, אַרויסגעוויזן אין אַ גאַנץ ברוטאַלער פאָרם. דער פאַשיזם האָט באַוווּסטזיניק און אָפן געשטרעבט צו דער צענטראַליזירונג פון קאַפּיטאַל און פּראָדוקציע. אין 9—1928 האָט ער אויף דעם וועג

געשטעלט די לעצטע שריט, וועלכע אים איז נאָך געבליבן צו
שטעלן 1).

די צונויפגיסונג פון די עמיסיע־בענק מיט דער „קאָמערץ־
באַנק״, דער אָנטייל פון דער מעלוכע אין געוויסע פּריוואַט־אינ־
דוסטריעלע אונטערנעמונגען, די סובסידיעס און פּרעמיעס, וואָס
די מעלוכע האָט געגעבן, אויב געזעלשאַפטן האָבן זיך צונויפגע־

---

1) קעדיי צו קאָנען ריכטיקער אָפּשאַצן די דאָזיקע פאַשיסטי־
שע פּאָליטיק, ווילן מיר דאָ דערמאָנען צוויי רעדעס, וועלכע זענען
געהאַלטן געוואָרן ערעוו דעם מאַרש אויף רוים.

„מען מוז די מלוכע צוריקפירן צו איר שטרענג יוריסטישן
און פּאָליטישן כאַראַקטער. די מלוכע זאָל אונז באַזאָרגן מיט פּאָלי־
ציי, מיט יוסטיץ, מיט אַן אַרמיי, מיט אַן אויסערן־פּאָליטיק. דאָס
איבעריקע אַלץ, אַפילע די שול, מוז אַריבער צו דער פּריוואַטער
טעטיקייט פונעם יאָכיד. מיר האָבן שוין גענוג דעם מעלוכע־קאַפּי־
טאַליזמיי (ערשטע פּאַרלאַמענט־רעדע פון מוסאָליני, 21 יוני 1921).

„מיר ווילן די מעלוכע זאָל זיין פריי פון אַלע ווירטשאַפטלע־
כע פונקציעס. אַ סאָף זאָל זיין צו דער מעלוכע פון די אייזנבאַנער,
אַ סאָף צו דער מעלוכע פון די פּאָסט־באַאַמטע, אַ סאָף צו דער
מעלוכע פון די פאַרזיכערונגס־אַגענטן, אַ סאָף צו דער אינדוסטריע־
מעלוכע אויפן כעשבן פון אַלע שטייער־פליכטיקע איטאַליענער —
אַ צושטאַנד, וואָס פאַרשאַרפט נאָר די פינאַנציעלע לאַגע פון דער
מעלוכע. די מעלוכע וועט אויסקומען מיט דער פּאָליציי, צו באַוואָ־
רענען אָרנטלעכע מענטשן פאַר גאַנאָווים און פאַרברעכער; מיט
דעם פאָלקס־שול־לערער, צו באַזאָרגן די דערציונג פון נייעם דאָר;
מיט דער אַרמיי, קעדיי צו באַוואָרענען די זיכערקייט פון די גרע־
נעצן און פון דער אויסערן־פּאָליטיק. מיינט נישט, אַז ווען די מע־
לוכע וועט אַזוי איינגעאָרדנט ווערן, וועט זי זיין קליין. ניין, זי
וועט זיין זייער גרויס, ווייל זי וועט זיך נאָר אָפּזאָגן פון הערשאַפט
איבער מאַטעריע, אָבער עס וועט איר בלייבן די הערשאַפט איבער
דעם גייסטיי (רעדע פון מוסאָליני אין אודינע, דעם 20 סעפּטעמ־
בער 1922, אַ כוידעש פאַרן מאַרש אויף רוים).

גאָסן, די שטייער־האַנאָכעס, וואָס די זעלבע געזעלשאַפטן האָבן באַקומען און די קרעדיט־פּאָליטיק פון די בענק און פון דער מעלוכע, וואָס האָט זיך אויך געקערעוועט לויט די זעלבע צילן — דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז אין אַלע וויכטיקע צווייגן פון דער איטאַליענישער פּראָדוקציע זענען געשאַפן געוואָרן מעכטיקע מאָנאָפּאָל־טרעסטן.

די פאַשיסטן האָבן געגלויבט, אַז אַזוי אַרום וועלן זיי בייקומען די שוועריקייטן פון דער אַנאַרכישער אַנטוויקלונג פון דער פּראָדוקציע, ד. ה. די שוועריקייטן, וועלכע זענען פאַראַן, ווען די פּראָדוקציע מאַכט אַדורך דעם פּראָצעס פון קאָנצענטראַציע אויפן וועג פון פרייער קאָנקורענץ. אַ דאַנק דער אַריינמישונג פון דער מעלוכע, איז דאָס קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם פון איטאַליע מיט אַמאָל אַריבערגעשפּרונגען עטלעכע עטאַפּן פון קאַפּיטאַל־קאָנצענטראַציע און איז גלייך אַריין אין דער סטאַדיע פון מאָנאָפּאָליזם. לויט דער סאָוויעטישער טערמינאָלאָגיע וואָלט מען באַדאַרפט זאָגן, אַז דער פאַשיזם שטעלט פאָר די איטאַליענישע עקאָנאָמיק אַלס אַ „פּלאַן־ווירטשאַפט״. יאָ, אין אַ געוויסן זין קאָן מען טאַקע ריידן וועגן אַן איטאַליענישן ווירטשאַפט־פּלאַן, וועלכער גיט צו אַ געוויסע איינהייטלעכקייט נישט נאָר דער ווירטשאַפט, נאָר דעם גאַנצן איטאַליענישן לעבן — וועגן אַ פּלאַן, וואָס דערנענטערט די מאָנאָפּאָל־ווירטשאַפט צו דער מאָנאָפּאָל־פּאָליטיק, און וווּ איין מאָנאָפּאָל דינט אַלס באַזיס פאַרן צווייטן מאָנאָפּאָל. עס איז דער פּלאַן פון מילכאָמע־צוגרייטונג. אָבער די פּראָדוקציע לויט אָט דעם פּלאַן האָט אין זיך אַלע די זעלבע ווידערשפּרוכן, וואָס די פּראָדוקציע לויט פרייער קאָנקורענץ: נידעריקע לוינען, פאַלנדיקער קאָנסום, וווּקס פון די פּראָדוציר־קאָסטן, יערידע פונם עקספּאָרט א. אַז. וו. די אַלטע ווידערשפּרוכן פון דער פרייער קאָנקורענץ ווערן דאָ נאָר נאָך פאַרשאַרפט דורך די נייע ווידערשפּרוכן פונם מאָנאָפּאָליזם.

די איטאַליענישע אינדוסטריע צאָלט טאַקע נידעריקע לוינען, אָבער דאָך איז זי נישט אַזוי אויסגעשטאַט, אַז זי זאָל קאָנען ביישטיין די אַמעריקאַנישע, דייטשע, ענגלישע אָדער פראַנצויזישע

קאָנקורענץ. אַפילע אין דער זייד־אינדוסטריע, ווו איטאַליע האָט אייגענעם רוי־שטאָף, האַלט עס אויך דערביי, אַז זי זאָל געשלאָגן ווערן פון יאַפּאַן. די איטאַליענישע אינדוסטריע בלייבט אין אַ קלעם, צווישן האַמער און קאָוואַדלע: אויב זי זאָל די אַרבעטס־לוינען צופּאַסן צו די לעבנס־קאָסטן, וועט זי פאַרלירן די געציילטע אויסלענדישע מערק, וועלכע זי האָט נאָך — צוליב די געהעכערטע פּראָדוציר־קאָסטן; זאָל זי ווידער פּאָרטזעצן די פּאָליטיק פון נידעריקע לוינען — ווערט דער אינערלעכער מאַרק אַלץ מער איינגעשרומפּן.

2. מעלוכע־קאַפּיטאַליזם

דער מעלוכע־קאַפּיטאַליזם אין איטאַליע איז אַנטשטאַנען אַלס מיטל צו פאַרשטאַרקן די קאָנצענטראַציע פונם קאַפּיטאַל. געווען איז דאָס ענג פאַרבונדן מיט דער געלט־רעפאָרם. אין דער צייט פון אינפלאַציע האָט די איטאַליענישע אינדוסטריע שטאַרק פאַרגרעסערט איר פּראָדוציר־אַפּאַראַט; שפּעטער האָט מען געמוזט דעם אַפּאַראַט פאַרקלענערן און שאַפן אַזאַ אָרגאַניזאַציע, וואָס זאָל ווייטער, אויך ביי דער נייער לאַגע, באַוואָרענען די פּראָפיטן. די אונטערנעמונגען, וואָס האָבן שוואַך געאַרבעט, האָט מען געמוזט אָפּרוימען פון וועג, און קודעם כאָל האָט מען געמוזט ווי עס איז קאָאָרדינירן די פאַרשידענע אונטערנעמונגען, וועלכע האָבן נישט געקאָנט מער זיך אַנטוויקלען יעדע פאַר זיך באַזונדער. פון דער אַנדערער זייט האָט די געלט - רעפאָרם געפאָדערט, מען זאָל איינפירן געוויסע קרעדיט־באַגרענעצונגען — דאָס האָט אויך פאַרלייכטערט דעם דרוק אויף די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער זיך צוזאַמענשליסן און צוזאַמענגיסן.

דער פאַשיסטישער מעלוכע־קאַפּיטאַליזם האָט זיך באַמיט צו מאָביליזירן די ווירטשאַפטלעכע הילף־קוואַלן, קעדיי צו שטיצן דעם רעזשים (אַ פּראָבלעם, וואָס באַשעפטיקט אומעטום דעם הערשענדיקן קלאַס). דורך דעם מעלוכע־קאַפּיטאַליזם האָט דער רעזשים געוווּנען אַן אָטעם־פּויזע; ער האָט ביז אַ געוויסן גראַד פאַרהאַלטן דעם צעפאַלונגס־פּראָצעס פון דער ווירטשאַפט און גע־

שטילט די פאניק פון דער בורזשואזיע פאר די אלץ וואקסנדיקע שוועריקייטן: אן מעלוכע־קאפיטאליזם וואלט די איטאליענישע אינדוסטרי געווען געצווונגען צו קאנצענטרירן זיך אויפן אינערלעכן מארק און צו שטרעבן צו הויכע פרייזן, געשטיצט אויף שוץ־צאלן און מאנאפאלן. צום טייל איז טאקע אזוי געשען. די מאנאפאלן האבן אבער נעפירט צו א קעסיידערדיקער יערידע פונם אינערלעכן האנדל. האט דעריבער די קאנצענטרירטע אינדוסטריע פון איטאליע, אונטערן קאנטראל פונם מעלוכע־קאפיטאליזם, גענומען זוכן א קינסטלעכן מארק — אין דער וואפן־פראדוקציע און אין עפנטלעכע ארבעטן, וועלכע קומען פאר ביידע אויפן כעשבן פון דער מעלוכע. אזוי איז די מעלוכע געווארן דער גרעסטער אפנעמער, און פאר געוויסע אינדוסטריע־צווייגן דער איינציקער אפנעמער. אנשטאט די בענק, האט די מעלוכע גענומען פינאנסירן די אינדוסטריע, דאס הייסט — זי האט אלע מיטלען פונם לאנד געשטעלט אין רעשום פון די בענק און פון דער אינדוסטריע, און קעדיי דאס אדורכצופירן, זענען געשאפן געווארן ספעציעלע ארגאניזאציעס.

אזוי איז געשאפן געווארן די „סאפינדיט" מיט א קאפיטאל פון 500 מיליאן ליר, וואס עס האבן געצייכנט פארשידענע מעלוכישע אינסטיטוציעס. דערנאך האט די מעלוכע ארויסגעלאזט אבליגאציעס אויף 4 מיליארד ליר, און האט אויף אט דער סומע אפגעקויפט ביי די בענק פארשידענע אינדוסטריע־פאפירן. אזוי ווי קניעס זענען געמאכט געווארן לויט א רעדוצירטן קורס, האט די דיפערענץ צווישן פארי־ און קורס־ווערט געגעבן א פארלוסט, וועלכן די מעלוכע האט געמוזט לייזן. אלזא, פיר מיליארד, פאר וועלכע מען דארף צאלן יערלעכע ראטעס. צי וועלן די בענק ווען עס איז קאנען באצאלן די פיר מיליארד? וואס וועט זייער קרעדיטאר, די מעלוכע, טון, אז זיי וועלן נישט קאנען באצאלן?

די רעטונגס־אקציע איז געגאנגען ווייטער. די בענק האבן ווידער געקאנט ארבעטן, אבער די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען

האָט ווייטער געדראָט צוזאַמענברוך. מען האָט געמוזט דורכפירן א „סאַנירונג". האָט מען רעדוצירט זייער קאַפּיטאַל, און קעדיי צו געבן זיי נייע רעזערוון, האָט די דאָזיקע רעזערוון שוין געצייכנט א נייע מעלוכישע אינסטיטוציע, דער „אינסטיטוט פאַרן ווידער־אויפבוי פון דער אינדוסטריע" *(I.R.L.)* א דעקרעט פון 23 יוני 1930 האָט ספּעציעל פעסטגעשטעלט דעם סטאַטוט פונם אינסטי־טוט. זיין קאַפּיטאַל — 100 מיליאָן ליר — איז געצייכנט געוואָרן דורך מעלוכע־אינסטיטוציעס (די קאַסע פון סאָציאַל־פאַרזיכערונ־גען, דער נאַציאָנאַלער פאַרזיכערונגס־אינסטיטוט, די ליי־ און שפּאָר־קאַסע). די אויפגאַבע פונם אינסטיטוט איז נישט נאָר צו קומען צו הילף שלעכט סיטואירטע אונטערנעמונגען, וועלכע נוי־טיקן זיך אין פינאַנציעלער סאַנירונג, נאָר ביכלאַל צו פינאַנסירן אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג. די „סעקציע פאַר מאָביליזירונג פון דער אינדוסטריע" באַקומט א כוץ דעם א יערלעכע מעלוכע־סוב־סידיע פון 85 מיליאָן ליר. אויף אַזאַ אויפן שטייען היינט אונטערן קאָנטראָל פון דער מעלוכע צוויי דריטל פון דער אייזן־אינדוסטריע. ווי מען רעכנט, זענען נויטיק נאָך א 10 מיליאַרד ליר, קעדיי צו סאַנירן די שלעכט־פונקציאָנירנדע אינדוסטריעס.

דורך זיינע אינטערווענצן קאָן דער דערמאָנטער „אינסטיטוט" קערעווען די אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און ביסלעכווייז באַקומען קאָנטראָל איבער די אונטערנעמונגען.

נאָך פאַרן „אינסטיטוט" איז אין 1932 געגרינדעט געוואָרן א „מאָביליאַר־אינסטיטוט" *(I.M.T.)* מיט א קאַפּיטאַל פון 500 מיל־יאָן ליר, אויף וועלכע ער האָט ארויסגעלאָזט 10־יעריקע אָבליגאַ־ציעס — קעדיי צו באַזאָרגן די אינדוסטריע־געזעלשאַפטן מיט לאַנג־טערמיניקע קרעדיטן.

א כוץ דעם איז אין 1933 געשאַפן געוואָרן א „קאָנסאָרציום פאַר עפנטלעכע ארבעטן" מיט א קאַפּיטאַל פון 600 מיליאָן ליר— צו פינאַנסירן די געפּלאַנטע עפנטלעכע ארבעטן, צוליב קאַמף מיט דער ארבעטלאָזיקייט און צוליב פאַרמערן דעם נאַציאָנאַלן פאַר־מעגן.

אַלזאָ — די נייע מעלוכע־אָרגאַניזאַציעס באַקומען אין האַנט

די אָפּשפּאָרונגען פון דער באַפעלקערונג און די שטייער־האַכנאַ־סעס, און שטעלן די דאָזיקע מיטלען אין רעשוס פון דער אינ־דוסטריע. אָבער די מעלוכע העלפט נישט דעם איינצלנעם אונטער־נעמער. טויזנטער און טויזנטער אונטערנעמער זענען געגאַנגען פּלייטע, ווייל זיי האָבן אומזיסט געבעטן הילף ביי דער מעלוכע. וועך באַלעבאַטעוועט דען מיטן פּאָלקס־פּאַרמעגן אין אַ לאַנד, ווו עס איז נישט פאַראַן קיין פּאַרלאַמענט און נישט קיין פרעסע־פריי־הייט, און נישט קיין שום עפנטלעכער קאָנטראָל? אַ קליינע גרופּע, די פירער פון די גרויסע בענק און טרעסטן. הינטער אַלע מאַיעסטעטישע דעקאָראַציעס פונעם פאַשיזם קאָמאַנדעוועט אָט די קליינע גרופּע, זי איז באַלעבאָס איבער איטאַליע. די פּאָלגן פון דער קאַ־פּיטאַליסטישער דיקטאַטור זענען זייער ערנסטע.

3. דער איטאַליענישער ווירטשאַפט־קריזיס.

דער ווירטשאַפט־קריזיס, וועלכער האָט אומעטום זיך אָנגע־הויבן אין די יאָרן 30—1929, האָט אין איטאַליע זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1927. אין 1928 איז די נאַציאָנאַלע האַכנאָסע פּאַקטיש געווען שוין געפאַלן אויף אַ גאַנץ דריטל אין פאַרגלייך מיטן יאָר 1925.

אויך די מעלוכע־פינאַנסן זענען נישט אין קיין גלענצנדן מאַ־צעוו. דער בילאַנס פון 33—1932 איז געשלאָסן געוואָרן מיט אַ דעפיציט פון 10 מיליאַרד 171 מיליאָן ליר. אין יאַנואַר 1926 האָט דער דאָזיקער דעפיציט באַטראָפן נאָר 1 מיליאַרד 472 מיליאָן ליר. קעדיי אויסצוגלייכן דעם בילאַנס, האָט די מעלוכע־קאַסע גענומען 7 מיליאַרד 769 מיליאָן ליר פון דער קאַסע פון דעפּאָזיטן און מעלוכע־כויוועס און 1 מיליאַרד 43 מיליאָן ליר פון דער פּאָלקס־פאַרזיכערונגס־קאַסע.

אויך דער צושטאַנד פון דעם מעלוכע־בודזשעט איז נישט קיין גוטער. צום 30־טן יוני 1933 האָט דער דעפיציט באַטראָפן 4 מיל־יאַרד. לויט די אויפקלערונגען פון פינאַנץ־מיניסטער יונג פון 27־טען מאַי 1933, איז דער בילאַנס פונעם מעלוכע־בודזשעט אַזאַ:

אויסגאַבן — 21,880,000,000 ליר.
האַכנאַסעם — 17,847,000,000 ליר.

צום דעפיציט פון 1932—33 קומט נאָך צו 1 מיליארד 867 מיליאָן ליר דעפיציט פונם רעכן־יאָר 1931—32. א כוץ דעם איז פּראָויסגעזען אויפן רעכן־יאָר 1933—34 א דעפיציט פון צוויי מיליארד 900 מיליאָן ליר.

אַרום און אַרום באַקומט זיך אַן אַלגעמיינער דעפיציט פון א 9 מיליארד ביי א בודזשעט פון 20 מיליארד 614 מיליאָן, ד. ה. א דעפיציט פון 45 פּראָצענט.

ווי אַזוי וועט די מעלוכע דעקן אָט דעם דעפיציט? און ווי וועט זי נאָך כוץ דעם קאָנען באַזאָרגן די נויטיקע הילף־אַקציעס פאַר דער אינדוסטריע, וואָס ווערן געשאַצט אויף א 10 מיליארד ליר? און ווי וועט זי אַדורכפירן די עלעקטריפיצירונג פון די באַנען, וואָס דערויף איז נויטיק שוין אין דער ערשטער ראַטע 1 מיליארד 200 מיליאָן ליר? און דאָן די יאָריקע צאָלונגען — אין מעשעך פון 15 יאָר — צו די אונטערנעמער, וועלכע האָבן אין אויפטראַג פון דער מעלוכע אויסגעפירט עפנטלעכע אַרבעטן פון 28־טן אָק־טאָבער 1923 ביזן 22־טן אָקט. 1932 אויף א סומע פון 37 מיל־יארד ליר?

די האַכנאַסע פון שטייערן און די האַכנאַסעס פון פּאָסט, טעלע־גראַף און טעלעפאָן פאַלן קעסיידער.

די פאַשיסטן זאָגן, אַז די פאָלקס־אָפּשפּאָרונגען זענען זייט 1928 געשטיגן נישט ווייניקער ווי אויף 10 מיליארד ליר. אָבער אַז מען קוקט זיך צו נאָענטער, זעט מען, אַז די דאָזיקע ציפער איז א שווינדלערישע.

לויט דער פאַשיסטישער סטאַטיסטיק, זענען די דעפּאָזיטן אין די פּאָסט־שפּאָר־קאַסעס געשטיגן פון 10,819 מיליאָן אין סאָף אוי־גוסט 1928 אויף 18,016 מיליאָן אין סאָף אויגוסט 1933. מען פאַרגעסט אָבער דערביי, אַז זייט 1929 נעמען די פּאָסט־שפּאָר־קאַ־סעס ביי אַלע שטייער־פליכטיקע די קויציעס און דעפּאָ־סומעס, וואָס זענען אַרויפגעלייגט אויף יעדן סוכער (הענדלער, אינדוסט־ריעלער א. אז. וו.) לויט דעם איינגעפירטן „פּאַטענט־רעכט". די

שפּאָר־קאַסעס באַקומען צו אויף דעם אויפן מער ווי דריי מיליאַרד, אָבער אין דער עמעסן איז דאָס נישט קיין וווקס פון אָפּשפּאָרונגען, נאָר אַ פאַרגרעסערונג פון לאַסטן.

אויפן זעלבן אויפן האָט מען געוואָלט פאַררעכענען פאַר אָפּשפּאָרונגען די קאָנטאָקאָרענט־שיינען און דעפּאָ־שיינען אין די געוויינלעכע שפּאָר־קאַסעס, בעאיים אין דער עמעסן האַנדלט זיך דאָ נאָר וועגן סאָכרישע טראַנזאַקציעס, וועלכע ענדיקן זיך מייסטנס גאָר מיט אַ מינוס פאַר די איינלייגער, ד. ה. גראָד מיטן הייפּעך פון אָפּשפּאָרונגען. דער שווינדל דערלויבט אָבער אויפצובלאָזן די ציפער פון דעם, וואָס מען רופט איטאַליענישע אָפּשפּאָרונגען אויף דריי מיליאַרד ליר. אין די באַנק־אינסטיטוציעס, וועלכע ווערן דירעקט קאָנטראָלירט דורך דער מעלוכע, איז נישט פאַראַן קיין שום מאַמאָשעסדיקער צווואַקס פון דעפּאָזיטן. און דאָס זעלבע איז אין די געוויינלעכע בענק. ביידע גרופּעס בענק האָבן פאַר דער צייט 1928—1932 געהאַט דעפּאָזיטן: סאָף יאָר 1928 — 8132,7 מיליאָן ליר; סאָף 1929 — 8301,7 מיליאָן; סאָף 1930 — 8659,5; סאָף 1931 — 8688,1 מיליאָן; סאָף 1932 — 8644,1; און סאָף יוני 1933, וואַרשיינלעך דורך אַ צייטווייליקן שפּרונג, — 9194,5 מיליאָן.

און לאָמיר דאָ נאָך ברענגען די ציפערן וועגן די קאַפּיטאַלן פון די אַקציען־געזעלשאַפטן:

סאָף 1929:	49	מיליאַרד	596	מיליאָן	ליר.
„ 1930:	52	„	280	„	„
„ 1931:	50	„	852	„	„
„ 1932:	49	„	601	„	„
סאָף יולי 1933:	48	„	665	„	„

דער אייזנבאַן־פאַרקער איז אין 1932 געפאַלן און האָט אויסגעמאַכט ביי סכוירעס 60 פּראָצענט פונם פאַרקער אין 1928 און ביי פּאַסאַזשירן נאָר 58 פּראָצענט. דער סכוירע־פאַרקער מיטן וואַסער איז דאָס גלייכן געפאַלן — אין 1932 נאָר 87 פּראָצענט פון 1928 (דער פּאַסאַזשירן־פאַרקער מיטן וואַסער איז געבליבן קימאַט אָן ענדערונג). דער גרויסער וואוקס פון דער צאָל באַנ־

קראַטן און פּראָטעסטירטע וועקסלען איז אויך איינער פון די סימפּטאָמען פון יענעם כאַאָס, וואָס די פאַשיסטישע פּאָליטיק האָט ארויסגערופן אין די לעבנס - באַדינגונגען פון דער קליין- און מיטל-בורזשואַזיע.

„אין לויף פון יאָר 1926 האָט דער כוידעשלעכער דורכשניט פון פּליטעס באַטראָפן 654 פאַלן, בעת אין פראַנקרייך און אין ענגלאַנד — ווו די אינדוסטריעלע אַנטוויקלונג איז דריי מאָל און צען מאָל אַזוי שטאַרק — האָט דער זעלבער דורכשניט אויסגעמאַכט 122 און 379" (ס. טרענטין, פון ווייטער ציטירטן בוך, ז. 184).

אין 1929 און 1930 האָט זיך די צאָל פּליטעס קימאַט ווי פאַרדאָפּלט:

אויגוסט 1929 —	864
סעפּטעמבער 1929 —	922
אָקטאָבער 1929 —	1041
נאָוועמבער 1929 —	1075
דעצעמבער 1929 —	1084
יאַנואַר 1930 —	1098
1930 (דאָס גאַנצע יאָר) —	16,183
1931 — — —	21,617
1932 —	24,037
1933 (9 כאַדאָשים) —	16,538

אין משך פון 4 א האַלב יאָר 91,589 פּליטעס.

דעם זעלבן וווּקס ווייזט אַרויס די צאָל פּראָטעסטירטע וועקסלען:

	1927	1928	1929
1-טער קוואַרטל —	380,000;	387,695;	423,949
2-טער קוואַרטל —	416,139;	397,759;	474,059
צוזאַמען	796,139;	785,454;	898,008

א צווייטער סימפּטאָם איז דער שטאַרקער וווּקס פון די שטייערן. אין 1913 און 1914 האָבן מעלוכע - שטייערן צוגענומען 12,5 פּראָצענט פון דער פּריוואַטער האַכנאָסע, אין 1925 און 1926 האָט דער פּראָצענט שוין באַטראָפן 20, אין 1927 און 1928 שוין

23,3 פראָצענט. אין קיין שום לאַנד מאַכן שטייערן נישט אויס אזא הויכן פּראָצענט פון דער האַכנאָסע פונם יאַכיד. עס איז גענוג צו זאָגן, אז אין איטאַליע ווערט אַ האַכנאָסע פון 2 טויזנט ליר באַשטייערט מיט 23,3 פּראָצ., און אין ענגלאַנד ווערט ערשט אַ האַכנאָסע פון 7400 ליר באַשטייערט מיט 24 פּראָצ., אין פראַנקרייך — 4800 ליר מיט 22 פּראָצ., אין דייטשלאַנד — 4800 ליר מיט 18 פּראָצ., און אין די פאַרייניקטע שטאַטן ווערט ערשט אַ האַכנאָסע פון 14,200 ליר באַשטייערט מיט 7 פּראָצענט.

די פּאַראָרעמטקייט פון די פאָלקס-מאַסן איז אַן אומגעהויערע.

די קאָנסום - סטאַטיסטיק גיט נאָך אַ בוילעטער בילד פון די באַדינגונגען, אין וועלכע עס איז צושטאַנד געקומען דער ווירטשאַפטלעכער פּאָרטשריט פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע.

דער דורכשניטלעכער קאָנסום פון פליש מאַכט אויס אין ענגלאַנד און דייטשלאַנד ביז 50 קילאָ אַ יאָר אויף אַ קאָפּ-באַפעלקערונג, אין פראַנקרייך — 40 ק"ג, און אין איטאַליע איז דער דורכשניט גידעריקער פון 20 ק"ג.

די מילאַנער „אינדוסטריאַ לאָמבאַרדאַ" האָט דעם 13-טן אויגוסט 1933 (נום. 33) פאַרעפנטלעכט אַן אינטערעסאַנטע סטאַטיסטיק וועגן פאַרבראַוך פון צוקער, באַגלייט מיט אַזאַ פעסטשטעלונג: „דער צוקער - פאַרבראַוך איז איינער פון די וויכטיקסטע סימנים פון ווילשטאַנד און ציוויליזירטקייט פון אַ לאַנד". דער דורכשניטלעכער יאָר - פאַרבראַוך פון צוקער אין יאָר 1930/1 איז געווען: אין ענגלאַנד — 43 ק"ג אויף אַ קאָפּ; עסטרייך — 27, האָלאַנד — 27; בעלגיע — 26; פראַנקרייך — 35; דייטשלאַנד — 24; שפּאַניע — 13; פּוילן 11,7; איטאַליע — 8,2.

דערפאַר אָבער גייט איטאַליע אויפן ערשטן אָרט אין פּראַט פון אַקציז פון צוקער, ווי דאָס וויזן פאָלגנדיקע ציפערן: אין איטאַליע באַטרעפט דער אַקציז 400 ליר פון 100 ק"ג צוקער; אין רוסלאַנד 293 ליר; אין האָלאַנד — 218; אין טשעכאָסלאָוואַקיי — 209; אין אונגאַרן — 170; אין שפּאַניע — 167; אין דייטשלאַנד — 97; אין פּוילן — 82; אין פראַנקרייך — 65; אין עסטרייך — 65; אין ענגלאַנד — 42; אין בעלגיע — 21.

דער יאָר - פאַרברויך פון ווײַן אין איטאַליע איז אויך געפאַלן פון 130 ליטער פער קאָפּ פאַר דער מילכאָמע ביז 108 ליטער. ביר טרינקט אַן איטאַליענער אויס אין דורכשניט נאָר 3 ליטער אַ יאָר. געוויס, אין פראַט פון געטראַנקען איז שווער צו מאַכן אַ פאַרגלײַך מיט צאָפנדיקע לענדער, אָבער אין אַ צווייטן ווײַן-פּראָדוצירנדיקן לאַנד, אין פראַנקרײַך, איז דער יאָר - פאַרברויך פער קאָפּ אַזאַ: 167 ליטער ווײַן, 47 ליטער מאָסט און 25 ליטער ביר.

דער קאָנסום פון שפּייז - אייל, וואָס איטאַליע פּראָדוצירט זייער אַ סאַך מאַכט אויס 4,8 ליטער אויף אַ קאָפּ באַפעלקערונג. אין שפּאַניע איז די זעלבע ציפער 15 און אין גריכנלאַנד — 10.

דער וויכטיקסטער שפּייז - פּראָדוקט פון דער איטאַליענישער באַפעלקערונג איז נאָך היינט אויך ברויט. דער יאָר-פאַרברויך פון טווע איז אין פאַרגלײַך מיט פאַר דער מילכאָמע געשטיגן, עמעס, פון 65 ק״ג אויף 180 ק״ג פער קאָפּ. אָבער דערפאַר איז דער פאַרברויך פון קאַרטאָפל, האָבער, קאָרן און גערשטן געפאַלן אין דער זעלבער מאָס. „מען קאָן מאַכן דעם אויספיר — שרײַבט מאָרטאַראַ, וואָס פון זײַנער אַ שריפט נעמען מיר די אַלע דאַטעס— אַז דער דורכשניטלעכער פאַרברויך פון טווע און ענלעכע לעבנס-מיטלען איז גיכער געפאַלן, ווי געשטיגן״ (מאָרטאַראַ, עקאָנאָמישע פּערספּעקטיוון 1927, ז. 41, איטאַליעניש).

נאָך שטאַרקער איז געפאַלן דער קאָנסום פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטן. דער יערלעכער פאַרברויך פון וואָל - אַרטיקלען האָט אין 1913 אויסגעמאַכט 1010 ג״ר פער קאָפּ, און אין 1926 שוין נאָר 480 ג״ר; און ווי מאָרטאַראַ שטעלט פעסט, איז דער דורכשניט אין די ווייטערדיקע יאָרן נאָך ווייטער געפאַלן. דער פאַרברויך פון בוימוואָל האָט אין 1913 אויסגעמאַכט 3,5 ג״ר פער קאָפּ און אין 1928 נאָר 2,7 ג״ר.

עס האָט זיך אויך פאַרערגערט דער בילאַנס פון אויסלענדישע צאָלונגען. אין 1922, פאַר דעם מאַרש אויף רוים, האָט דער אוידעך פונם אימפּאָרט איבערן עקספּאָרט באַטראָפן 248 מיליאָן דאָלאַר, אין 1928 — 363 מיליאָן דאָלאַר. פריער פלעגט דער האַנדלס - דעפיציט געדעקט ווערן צום טייל דורך געלט - זענדונ-

זען פון אויסלאַנד, פון די עמיגרירטע איטאַליענער, און צום טייל דורך די פּראָפיטן פונם ים - טראַנספּאָרט און פון די סומעס, וואָס טוריסטן האָבן אויסגעגעבן אין איטאַליע. איצט זענען די געלט - איבערווייזונגען פון איטאַליענישע אויסוואַנדערער שטאַרק געפאַלן, ווי דאָס איז צו זען פון פאָלגנדיקער טאַבעלע:

רורך פאָסט־

אי־בע־געווייזענע סומעס (אין 1000 ליר)

יאָר	דורך נעאַפּאָלער באַנק	שפּאָר־קאַסע	צוזאַמען
1920	980,756	1,326,600	2,307,356
1921	711,549	915,664	1,627,213
1922	525,688	469,771	325,499
1923	559,791	483,774	1,043,565
1924	551,237	055,528	1,107,760
1925	679,800	787,600	1,467,400
1926	646,900	605,600	1,252,500
1927	415,700	178,200	593,900
1928	345,200	216,800	562,000

די סיבעס, פאַרוואָס די צאָל איבערווייזונגען איז אַזוי געפאַלן, זענען פון פּאָליטישער נאַטור (די צאָל אויסגעוואַנדערטע איז 9 אַ האַלב מיליאָן, מערסטנס אַרבעטער), זיי זאָגן איידעם דערויף, אַז עס וואַקסט אַלץ מער די צאָל איטאַליענער, וועלכע בלייבן קאַלט און פרעמד צום לאַנד צוליב דעם הערשנדיקן רעזשים. אויך טוריסטן איז געוואָרן אַ סאַך ווייניקער: די האַכנאָסעס פון טוריסטן האָבן זיך פאַרקלענערט אויף 40 פּראָצענט. זיי האָבן פריער באַטראָפן אַ 100 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר, איצט באַטרעפן זיי קוים 60 מיליאָן.

לויט אָפיציעלע ציפערן, זענען די לעבנס - קאָסטן פון 1927 ביז 1932 געפאַלן אויף 15,73 פּראָצענט, וואָס איז אָבער אין דער זעלבער צייט געשען מיט די אַרבעט־לוינען? דער אָרגאַן פון די פאַשיסטישע פּראָפ. פאַריינען „לאַוואָראָ פאַשיסטאַ“ זאָגט וועגן דער פראַגע אָט וואָס: „ביי די אַרבעטער פון די כעמישע

אינדוסטריעס זענען געווען דריי לוין - רעדוקציעס, וועלכע האָבן צוזאַמען אויסגעמאַכט פון 20 ביז 25 פּראָצענט.; אין דער אינ-דוסטריע פון קונסט - זייד איז דורכגעפירט געוואָרן אַ רעדוקציע פון 20 פּראָצענט.; אָבער אין געוויסע ראַיאָנען, ווי אין טורין (ווו עס געפינען זיך די גרעסטע פאַבריקן), איז כוץ דעם געווען נאָך אַ רעדוקציע פון 18 פּראָצ.; אין דער בוימוואָל - אינדוסטריע זענען געווען נאָכאַנאַנד 4 לוין - רעדוקציעס, צוזאַמען אויף אַ 40 פּראָצענט; אין דער וואָל - אינדוסטריע מאַכט די לוין - רעדוק-ציע אויס 27 פּראָצענט; אין דער זיידן-וועבעריי ביז 38 פּראָצענט; אין דער מעטאַל - אינדוסטריע 33 פּראָצענט; אין בוי - האַנטווער-קער 30 פּראָצענט; ביי די בוכדרוקער 16 פּראָצענט און ביי די באַרג - אַרבעטער 30 פּראָצענט". אָבער די דאָזיקע פּראָצענט-ציפערן זענען נאָך ווייט פון די ווירקלעכע לוין-קירצונגען. דאָס פאַשיסטישע בלאַט גיט אליין אָן אייניקע פאַקטן: „מיר שטעלן, צום ביישפּיל, פעסט, אַז אין די פאַבריקן פון לאַנדווירטשאַפט-לעכע כעמישע פּראָדוקטן האָט אַן אַרבעטער אין 1927 פאַרדינט 21,40 ליר אַ טאָג. אַז מען זאָל אָראָפּנעמען פון דער סומע די אָפיציעלע לוין-קירצונג פון 20 ביז 25 פּראָצ., וואָלט דער אַרבע-טער היינט געמוזט פאַרדינען מינדעסטנס 16,45 ליר. אין דער ווירקלעכקייט מאַכט זיין לוין אויס 14 ליר (דאָס הייסט, אַז די קירצונג באַטרעפט 35 פּראָצענט). אַן אַנדער ביישפּיל איז פון דער אינדוסטריע פון קונסט - זייד: אַ שפּינער, וואָס האָט געאַר-בעט ביי צוויי האַלב - מאַשינעס, האָט אין 1927 געהאַט אַ לוין פון 31,10 ליר. לויט דער אָפיציעלער לוין - קירצונג וואָלט ער היינט באַדאַרפט באַקומען 24,90 ליר. ער באַקומט אָבער נאָר 21 ליר, און אַנשטאַט צו אַרבעטן ביי צוויי האַלב - מאַשינעס, מוז ער איצט אַרבעטן ביי 6 האַלב - מאַשינעס (זיין לוין האָט זיך, אַלזאָ, פאַרקלענערט אויף קאַרעוו 30 פּראָצ. ביי דריי מאָל אַזאַ אינטענסיווער אַרבעט).

אין 1926 האָט די צאָל אַרבעטלאָזע באַטראָפן 113,901. אין 1927 שטייגט די צאָל ביז 278,484 און אין 1928 — ביז 324,422. דאָס זענען אַלגעמיינע צאָלן, פאַר אַרבעטלאָזע פון אַלע

קאַטעגאָריעס. אָבער די לאַנדווירטשאַפט איז אין דער זעלבער צייט א סאַך ווייטער אוועק אין פּראַט פון אַרבעטלאָזיקייט. דאָ זענען די צאָלן אַזעלכע: אין 1926 — 24,420; אין 1927 — 75,640 (מער ווי פאַרדרייפאַכט); אין 1928 — 80,338.

וואָס אַזוינס איז דען פאָרגעקומען אין אָט דער צייט (1926 און 1927), וואָס די אַרבעטלאָזיקייט איז מיטאַמאָל אַזוי געשטיגן? מוסאָליני האָט געהאַלטן זיין רעדע אין פּעסאַראָ (סעפּטעמבער 1926), מיט וועלכער ער האָט אָנגעהויבן די דעפלאַציע־פּאָליטיק, אין דער פאָרם און אין דעם פאַרנעם, ווי דאָס איז אַלגעמיין באַ־קאַנט; א דעפלאַציע־פּאָליטיק, וועלכע האָט — סאָף 1927 — דער־פירט צו דער סטאַביליזירונג פון איטאַליענישן ליר, אָבער אויף אַזאַ באַזיס, וואָס איז העכער פאַר די קויכעס פונם לאַנד. עס איז דאַן געשען דאָס, וואָס מוז געשען אין אַזעלכע פאַלן. די הורט־פרייזן האָבן נישט געקאָנט שטייגן צוליב דער אויסלענדישער קאָנ־קורענץ (שפּעטער זענען זיי גאָר געפאַלן), אָבער די פּראָדוציר־קאָסטן זענען געשטיגן נאָך העכער פון דעם שוין געהעכערטן ווערט פון דעם ליר. די האַכנאָסעס זענען צוליב דעם געפאַלן, און די כויוועס, וועלכע זענען מיטאַמאָל געוואַקסן אויף א גוט דריטל, האָבן אָן גרויסע קרבנות נישט געקאָנט מער באַצאָלט ווערן. ביי אַזאַ לאַגע האָבן די פּראָדוצענטן געמוזט פאַרקלענערן זייערע אויסגאַבן — און זיי האָבן רעדוצירט דעם פּערסאָנאַל. דעריבער איז געוואַקסן די צאָל אַרבעטלאָזע.

אַלזאָ — דער פאַשיסטישער מעטאָד האָט נישט געהאָלפן צו ליקווידירן דעם קריזיס פון איטאַליענישן פינאַנץ־קאַפּיטאַל, וועלכן עס האָט אַרויסגערופן דער קריג. דער פאַשיזם האָט נאָר פאַרשאַרפט דעם קריזיס און האָט די גרויסע מאַסע באַפעלקערונג אַריינגע־וואָרפן אין עמעסע שקלאַפעריי. דער לעבנס־ניוואָ פון דער באַפעל־קערונג איז אויף דער גרענעץ פון הונגער. די נייע פאַזע פון אי־טאַליענישן ווירטשאַפט־קריזיס דאַטירט פון 1927, און זי דויערט נאָך ביז היינט. אין די ראַמען פון קאַפּיטאַליזם קאָן אָט דער קרי־זים נישט געלייזט ווערן. קעדיי צו לייזן דעם קריזיס, וואָלט מען געמוזט באַזייטיקן די פּאַראַזיטישע ווירטשאַפט־צווייגן; מען וואָלט

געמוזט איבערפארטיילן די קאפיטאלן לויט די באדערפענישן און נאטירלעכע הילף־קוואלן פונם לאנד; מען וואלט געמוזט פון ס׳ניי ארגאניזירן די ווירטשאפטלעכע באציונגען צווישן איטאליע און דער איבעריקער וועלט — איצט ווערן אט די באציונגען באשטימט דורך ווירטשאפטלעכן נאציאנאליזם און אריענטירונג אויף קריג. מען וואלט געמוזט ראדיקאל ענדערן די באציונגען פון קאלאניאלן כאראקטער, וועלכע עקזיסטירן צווישן צאפן און דארעם פונם לאנד; און מען וואלט באדארפט הויבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די מאסן, ד. ה. פארגרעסערן דעם קאנסום אין לאנד. אבער דאס אלץ פארט זיך נישט מיט קאפיטאליסטישן פראפיט, דאס אלץ קאן דערגרייכט ווערן נאר אין א לאנד, וואס ווערט רעגירט קעגן די אינטערעסן פון קאפיטאליסטישן פראפיט.

5. דער סאף פון דער געמיינדישער זעלבסטפארוואלטונג

א דעצידירנדיקע ווירקונג אויף דעם בוי פון דער פאשיסטישער מעלוכע האט געהאט דער קעגנזאץ צווישן די אינטערעסן פונם גרויס־קאפיטאל און די אינטערעסן פון דער גרויסער מערהייט באפעלקערונג. דער פאשיזם האט נישט באלד באמערקט דעם דאזיקן קעגנזאץ. און דערמיט דערקלערן זיך די ווידערשפרוכן, מיט וועלכע עס איז אזוי פול די גאנצע פאשיסטישע געזעצגעבונג פון די ערשטע יארן.

דער פאשיזם האט אין זיין אגיטאציע קעסיידער געפאדערט די אויסברייטערונג פון דער ארטיקער אויטאנאמיע. א יאר נאכן מארש אויף רוים האט נאך מוסאליני אזוי גערעדט: „די רעגירונג האט נישט בעדייע איינצושטעלן אן אפיטראפסעס איבער די געמיינדעס, אדער צוצונעמען בײ זײ די נויטיקע אדמיניסטראטיווע אויטאנאמיע“.

דער באריכט פון דער קאמיסיע, וואס די פאשיסטן האבן געשאפן אויף צו שטודירן די פראבלעמען פון אדמיניסטראציע, האט אויך באטאנט, אז מען מוז די געמיינדעס לאזן זייער אדמיניסטראטיווע אויטאנאמיע. אבער די רעזולטאטן פון די טיילווייזע קאמונאלע וואלן אין 1925, די אינערלעכע קאמפן, וואס יעדע

וואַל־קאַמפּאַניע האָט אַרויסגערופן אין שוים פון דער פאַשיסטישער
פּאַרטיי, די פאָדערונג פון צאָלרייכע פאַשיסטישע גרופּעס, מען
זאָל זיי לאָזן קאָנטראָלירן די האַלטונג פון די פאַשיסטישע ראַמ־
מענער, די מעגלעכקייט, וואָס די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען האָבן
געהאַט צו קריטיקירן די פאַשיסטישע שטייער־ און פינאַנץ־פּאָלי־
טיק, און דער שטאַרקער אָפּקלאַנג, וואָס די קריטיק האָט געפונען
אין די פאַשיסטישע רייען — דאָס אַלץ האָט באַוויזן דער רעגי־
רונג, אַז עס דראָט איר אַ געפאַר מיצאַד דער פרייער געמיינדישער
זעלבסטפאַרוואַלטונג, און זי איז אַריבער צו מאָסמיטלען, וועלכע
זענען געווען אין דער שרייענדיקסטער סטירע צו דעם, וואָס די פאַ־
שיסטן האָבן פריער געפּריידיקט. די געוויילטע אָרטיקע פאַרוואַל־
טונגען זענען געוואָרן פונאַנדערגעלאָזט — צוערשט אין דער קליי־
נער פּראָווינץ און דערנאָך אין גאַנצן לאַנד. אַלע געמיינדעס זע־
נען געשטעלט געוואָרן אונטער דער פירונג פון פּאָדעסטאַס*)
(קעניגלעכער דעקרעט פון 4־טן פעברואַר 1926). עס קאָן אויך
איין פּאָדעסטאַ שטיין אין שפּיץ פון צוויי און מער געמיינדעס.
ביים נאָמינירן די פּאָדעסטאָס איז די רעגירונג נישט געבונדן מיט
קיין שום דירעקטיוון. דער פּרעפעקט קאָן דורך אַן איינפאַכן באַ־
פעל איבערטראָגן אַ פּאָדעסטאַ פון איין געמיינדע אין אַ צווייטער.
דער פּרעפעקט קאָן אויך סטאַם אַראָפּזעצן דעם פּאָדעסטאַ, און איז
דערביי אַפילע נישט מעכויעוו אָנצוגעבן מאָטיוון. דער אַראָפּגע־
זעצטער קאָן אין ערגעץ נישט אַפּעלירן, נישט גערעכטלעך און
נישט אַדמיניסטראַטיוו. דער פּאָדעסטאַ איז דער איינציקער און
אויסשליסלעכער באַלעבאָס איבער דער געמיינדע. ער פילט אויס
די פונקציעס אי פונם אַמאָליקן בירגערמייסטער, אי פונם שטאָט־
ראַט. שפּעטערדיקע דעקרעטן האָבן איינגעפירט נאָך „ביראַטן“
ביי די פּאָדעסטאָס; אין די גרויסע שטעט ווערן די ביראַט־מיט־
גלידער באַשטימט דורכן אינערן־מיניסטער, אין די קלענערע גע־
מיינדעס — דורך די פּרעפעקטן. דער „ביראַט“ האָט, ווי זיין
נאָמען זאָגט, נאָר באַראַטונגס־פונקציעס. דער פּאָדעסטאַ איז לאַכ־

*) בירגערמייסטער.

לוטן נישט מעכויעוו צו רעכענען זיך מיט די מיינונגען פונם „בייראט‟: מאַסגיביק איז זיין מיינונג, זיין ווילן. אונטערן דרוק פון די האָטעל־באַלעבאַטים האָט מען פאַר די געמיינדעס, וועלכע גילטן אַלס טוריסטישע ערטער, איינגעפירט אַ באַזונדערן רעזשים. די שפּיל־פּלעצער, בעדער, עפנטלעכע דינסט א. אז. וו., ביכלאַל אַלץ, וואָס געהער צו דער טוריסטיק — געפינען זיך אין די הענט פון אַן אָרטיקער געוויילטער פאַרוואַלטונג, וועלכע איז נישט אָפּהענגיק פון דער געמיינדע און האָט אויך רעכט אַרויפצולייגן ספּעציעלע שטייערן, אונטערן קאָנטראָל פון טוריסטישן צענטראַל־אַמט ביים אינערן־מיניסטעריום.

דער געברויך, וועלכן עס מאַכן פון דער פאַרוואַלטונגס־רעפאָרם די בענק, די אינדוסטריעלער און די אַגראַריער — איז די בעסטע אילוסטראַציע פון די מאָטיוון, צוליב וועלכע די רעפאָרם איז דורכגעפירט געוואָרן. די בירגער איז געבליבן איין איינציק רעכט — צאָלן שטייערן. אַלע אַנדערע בירגער־רעכט זענען איינגערגעבן געוואָרן נאָר די הייפּלעך גרויסע גרונט־באַזיצער. ווען דער פאַשיזם איז געקומען צו דער מאַכט, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון אַלע לאָזונגען, וועלכע ער האָט געפּריידיקט פאַר זיין מאַרש אויף רוים. אויפן געביט פון זעלבסטפאַרוואַלטונג האָט ער געטון דאָס, וואָס די פאַשיסטישע לאַנדווירטן האָבן געוואָלט דערגרייכן; מיט זייער אַקציע פון 1921 — ער האָט אָפּגענומען ביי די פויערן דאָס רעכט צו ווילן זייער געמיינדע־פאַרוואַלטונג, נאָר ער האָט זיי געשטעלט אונטער דעם אויסשליסלעכן קאָנטראָל פון די גרויסע גרונט־באַזיצער.

6. דער סאָף פון פאַרלאַמענט

דעם זעלבן גורל האָט געהאַט אויך דער פאַרלאַמענט. צוערשט האָט דער פאַשיזם אויסגעפּרובירט אַלערליי וואַל־סיסטעמען, ביז ער איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז פאַשיסטישע דיקטאַטור און דעמאָקראַטישע וואַלן זענען נישט קיין פּאָר. דאַן האָט אַ געזעץ אָפּגעשאַפט דעם אַלטן אויפן פון אויסבילדן דעם פאַרלאַמענט און דעקרעטירט אַ נייעם אויפן — אַ פּלעביסציט־אויפן — וואָס

זיינע גרונט־שטריכן זענען זייער פּאַשעטע: איין איינציקע נאַציאָ־נאַלע קאָלעגיע, איין איינציקע רעגירונגס־ליסטע; קיין שום אַנדע־רע ליסטעס קאָן מען נישט אַרויסשטעלן. דער ערשטער פּלעביס־ציט איז פֿאָרגעקומען דעם 24־טן מערץ 1929 און האָט געגעבן פֿאָלגנדיקע רעזולטאַטן: 8,506,576 האָבן געשטימט מיט יאָ (פֿאַר דער רעגירונגס־ליסטע) און 136,198 האָבן געשטימט מיט ניין. דאָס זענען די צאָלן, וואָס ווערן אָנגעגעבן אָפּיציעל.

אָבער וואָס פֿאַר אַ באַדייטונג האָבן דען די 8,5 מיליאָן שטי־מען, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַרן פֿאַשיזם? דאָס איז די צאָל בירגער, וואָס געפֿינען זיך אין דער פֿאַשיסטישער פּאַרטיי, אין די פֿאַשיסטישע פּראָפֿ. פֿאַריינען און קאָאָפּעראַטיוון און אין די אַלע אַנדערע לעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן אַ פּאָזיטיווע באַ־ציונג צום פֿאַשיזם, ווי די „קאַטוילישע אַקציע" א. ד. גל. אַזוי ווי די געהיימקייט פֿון דער אָפּשטימונג איז דורך קיין זאַך נישט גאַראַנטירט און שטימען קאָן מען נאָר פֿאַר דער איינער ליסטע — איז די פֿאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס נישט אָנגעקומען אַזוי שווער־צו זאַמלען זייערע מיטגלידער און זיי פֿירן צו דער אורנע. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט די עמיגראַנטישע איטאַליענישע פּרע־סע פֿאַרעפֿנטלעכט זייער פֿיל דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן, אַז די מאַכט האָט געפֿעלשט די רעזולטאַטן פֿונם פּלעביסציט, און אַז אין די אינדוסטריעלע ראַיאָנען זענען אין צוזאַמענהאַנג מיטן פּלע־ביסציט אַפֿילו פֿאָרגעקומען אַנטי־פֿאַשיסטישע אַרויסטרעטונגען. אָבער אויב אַפֿילו מען זאָל אָננעמען, אַז דער רעזולטאַט איז נישט געפֿעלשט, איז אויך דער פּלעביסציט גופֿא און די אויפֿשטעלונג פֿון דער קאַנדידאַטן־ליסטע אָן שום אָנטייל פֿון דער (פֿאַשיסטי־שער) באַזע אַ באַווייז, אַז דער פֿאַשיזם איז נישט זייער זיכער מיט די אָרגאַניזירטע דורך אים 8,5 מיליאָן בירגער, אַז ער קאָן זיך נישט דערלויבן נישט נאָר דעם לוקסוס פֿון פֿאָרמעלער דעמאָקראַ־טיע אויפֿן יעסאָד פֿון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, נאָר אַפֿילו נישט קיין פֿאַשיסטישע דעמאָקראַטיע. דער פּלעביסציט האָט געוויזן, אַז דעם פֿאַשיזם אין איטאַליע האָט זיך טאַקע איינגעגעבן צו אָרגאַ־ניזירן אונטערן קאָנטראָל פֿון דער מעלוכע אַ גוואַלטיקע מאַסע

באַפעלקערונג אָבער די באַציונגען צווישן אַט דער מאַסע און דער מעלוכע זענען נישט קיין אָרגאַנישע און פריווילִיקע, נאָר אויסער־לעכע און צוואַנגמעסיקע. צווישן דער ווירקלעכער סאָציאַלער באַזע פונם פאַשיזם און זיין אָרגאַניזירטער קראַפט איז אַ גאַנצער טעהאָם.

7. די אונטערדריקונג פון דאָרעם־איטאַליע

די איצטיקע לאַגע פון דאָרעם־איטאַליע איז אַן איבעריקער באַווייז, ווי ווייט דער פאַשיזם איז אומפעאיק צו לייזן די פונדאַ־מענטאַלע פּאָליטישע פּראָבלעמען פון דער איטאַליענישער געזעל־שאַפט. דער פאַשיסטישער פּלאַן בענוגייע דעם דאָרעם איז גע־ווען: אויפלייזן די אַלטע אָרטיקע פּאַרטייען, אָפּשאַפן דאָס סיס־טעם פון וואַלמענער, אַלס בינד־גליד צווישן דער אָפּגעשטאַנענער באַפעלקערונג און דער מעלוכע, און שאַפן אַן אָרגאַנישע איינהייט צווישן צאָפן און דאָרעם דורך דער איינהייטלעכער פאַשיסטישער פּאַרטיי. דער דאָזיקער פּלאַן האָט געליטן אַ פולשטענדיקן דורכ־פאַל. ביז 1925 זענען די פאַשיסטן פאַקטיש געווען נישט מער, ווי די אָרגאַניזאַציע פון די וואַלמענער פון די אַלטע פּאַרטייען; דערנאָך זענען זיי געוואָרן דער קאַנאַל פון מיטל־פויערשע שטרע־בונגען און האָבן אַרויסגערופן אַ רייע שאַרפע קאָנפליקטן מיט דער פּלוטאָקראַטישער פּאָליטיק פון דער צענטראַלער מאַכט. נאָך אַ פולשטענדיקן אומבייט אינם סאָציאַלן באַשטאַנד פון די פאַשיסטן, האָט זיך איינגעגעבן צוריקצושטעלן די דיסציפּלין. אָבער זיי האָבן דערפאַר פאַרלוירן יעדע קראַפט און יעדן פּאָליטישן איינפלוס, זיי האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין אָרגאַניזאַציעס פון באַאַמטע און ביור־ראָקראַטן פון די מעלוכישע אינסטיטוציעס, אָן אַ שום פאַרבינ־דונג מיט די גרויסע מאַסן פון דער באַפעלקערונג.

8. די קאָרפּאָראַציעס

אָבער די רעפאָרם פון דער געמיינדע־פאַרוואַלטונג און פונם פאַרלאַמענט האָט נאָך נישט פאַרענדיקט דעם פאַשיסטישן אי־בערבוי פון דער מעלוכע. דעם 12—14 נאָוועמבער 1933 האָט

דער קאָרפּאָראַציע־ראַט אָפּגעהאַלטן אַן אויסעראָרדנטלעכע סעסיע און באַשלאָסן, אַז נאָר די קאָרפּאָראַציעס זענען ווירדיק צו זיין דער פונדאַמענט פון דער פאַשיסטישער מלוכע. די רעזאָלוציע וועגן דער גרינדונג פון די קאָרפּאָראַציעס האָט מוסאָליני אויף דער זיצונג פון 13 נאָוועמבער אַזוי פאָרמולירט:

„דער צענטראַלער ראַט פון די קאָרפּאָראַציעס באַטראַכט די קאָרפּאָראַציע, אַלס אינסטרומענט, וואָס זיכערט, אונטער דעם שוץ פון דער מלוכע, די פולע אָרגאַנישע און איינהייטלעכע דיסציפּלין פון אַלע פּראָדוציר־קרעפטן, כּדי צו הייבן דעם וווילשטאַנד, די פּאָליטישע שלאָג־קראַפט און דעם גוטן מאַצעוו פון איטאַליענישן פאָלק. דער ראַט דערקלערט, אַז די צאָל קאָרפּאָראַציעס, וואָס דאַרפן געבילדעט ווערן לויט די גרויסע פּראָדוקציע־צווייגן, מוז צוגעפּאַסט ווערן צו די פּאַקטישע באַדערפענישן פון דער פאָלקס־ווירטשאַפט. דער ראַט באַשליסט, אַז דער גענעראַל־שטאַב פון די קאָרפּאָראַציעס דאַרף האָבן אין זיין באַשטאַנד פאַרטרעטער פון די מלוכע־פאַרוואַלטונגען, פון דער פּאַרטיי, פונם קאַפּיטאַל, פון דער אַרבעט און פון דער טעכניק. אַלס ספּעציעלע אויפגאַבן ווערן איבערגעגעבן צו די קאָרפּאָראַציעס דער אַרביטראַזש־וועזן, די אָבליגאַטאָרישע באַהאַנדלונג פון אַלע וויכטיקסטע פּראָבלעמען און דאָס אַרויסגעבן (דורך דעם צענטראַלן ראַט) פון געזעצן אויף צו רעגולירן די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט פון דער נאַציע”2).

---

2) דער דייטשער פאַשיזם געברויכט אַנשטאַט קאָרפּאָראַציעס דעם באַגריף „שטאַנדן ־ אויפבוי”. לויט די דערקלערונגען פון די פירער, דאַרף די שטאַנדן ־ אָרגאַניזאַציע לייזן די סאָציאַלע פּראַגע, אָפּשאַפנדיק די קלאַסן ־ קעגנזאַצן און ליקווידירנדיק איינמאָל פאַר אַלע מאָל דעם קלאַסן ־ קאַמף. די שטאַנדן ־ אָרגאַניזאַציע „שאַפט אָפּ דעם אונטערנעמער”. עס זאָל מער נישט זיין קיין אונטערנעמער, אָנגעשטעלטער און אַרבעטער, נאָר בלויז „דייטשע אַרבעטס־לייט”.

דער פירער פון דייטשן אַרבעט־פראָנט דאָקטאָר ליי האָט אין אַ רעדע פאַר קרייז־פירער גערעדט וועגן דער אָרגאַניזאַציע און אויפ־

אין דער דיסקוסיע האָט דער פאַרטרעטער פון דער גרויס־אינדוסטריע בעני געגוי דערקלערט די מאָטיוון, פאַרוואָס דער איטאַליענישער קאַפּיטאַליזם האָט געמוזט רעזיגנירן פון ווירטשאַפטלעכן ליבעראַליזם און שאַפן די טעאָריע וועגן קאָרפּאָראַציעס: „גראָד די דערפאַרונג — האָט דערקלערט בעני — וועלכע איז רייף געוואָרן אין ווירטשאַפטלעכן לעבן די לעצטע 20 יאָר, האָט באַוויזן, אַז די פּריוואַטע איניציאַטיוו, אויף וויפל מען פאַרשטייט אונטער איר נאָר אינדיווידועלע אימפּולסן און צילן, איז נישט מער גענוג אויף צו פאַרהיטן פון שאָדנס פאַרן קלאַל און גופא פאַר די פּראָדוצענטן. דער פאַשיזם פון פרייער קאָנקור־

גאַבן פון דעם שטאַנדן ־ אויפבוי און האָט צוו. אַנד. פאָלגנדיקע ריכטליניעס פאָרמולירט: „דער שטאַנדן־בוי איז דער קערפּער אין דער דריי־איי‌ניקייט פון קערפּער, נעשאָמע און גייסט. אַז מיר קוקן אַביסל טיפער, געפינען מיר טאָמיד די דאָזיקע מיסטישע דריי־איי‌ניקייט. דער קערפּער איז דער שטאַנדן־אויסבוי. ער זאָרגט פאַר דעם מאַטעריעלן ווילשטאַנד, ער שאַפט דאָס ברויט, ער רעגולירט די אַרבעט ־ פאַרהעלטענישן, דעם אַרבעט ־ שוץ, די סאָציאַלע פּאָזיציעס, דעם סאָציאַלן שוץ. אַלץ וואָס האָט אַ שײַכעס צו מאַטעריעלן ווילשטאַנד, געהער צום שטאַנדן ־ אויסבוי, און זיין לעצטער ציל איז דער אויפבלי פון דער ווירטשאַפט... אַזוי ווי דער שטאַנד זאָרגט פאַר ברויט, פאַר אַרבעט ־ פאַרהעלטענישן — געהער צום שטאַנד אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט די זאַכן. דער אַרבעט ־ פראָנט איז די נעשאָמע און דער גייסט. מיר האָבן דאָ נעשאָמע און גייסט צוזאַמען, אין איין אָרגאַניזאַציע. מען וואָלט זיי געקאָנט נאָך שיידן און מאַכן אַן אונטערשייד צווישן נעשאָמע און גייסט. נעשאָמע איז די שולונג פונם מענטשן אין גייסט פון נאַציאָנאַל ־ סאָציאַליסטישער וועלט ־ אָנשויונג. גייסט איז די פאַכמענישע ווייטער ־ אַנטוויקלונג פונם מענטשן. פונקט ווי קערפּער, נעשאָמע און גייסט זענען צווישן זיך פאַרבונדן, אַזוי זענען אויך פאַרבונדן צווישן זיך אַרבעט־פראָנט און שטאַנדן ־ אָרגאַניזאַציע, איינס אָן צווייטן איז נישט דענקבאַר".

רענץ האָט געקאָנט באַוואָרענען דעם פּראָגרעס פון דער טעכניק און די ווירטשאַפטלעכע אַנטוויקלונג אין אַ רעלאַטיוו רואיקער צייט, ווי דאָס איז געווען פאַר דעם וועלט־קריג; אָבער דער דאָזיקער רעזשים איז שוין היינט נישט גענוג אויף צו פאַרזיכערן אַזאַ אָרגאַניזאַציע פון ווירטשאַפטלעכן לעבן, ווי דאָס איז נויטיק פאַר דער מאָדערנער געזעלשאַפט. ספּעציעל די לעצטע צען יאָר האָבן די צעשטערונגס־ערשיינונגען אין דער פּראָדוקציע, אין די פינאַנצן, אין האַנדל און אויף דעם געלט־מאַרק אָנגענומען אַזאַ כאַראַקטער, אַז דער איינצלנער קאַפּיטאַליסט האָט נישט געקאָנט זיך קיין אייצע געבן, און ער האָט אַלץ מער פאַרלאַנגט, די מעלוכע זאָל זיך אַריינמישן. די אַנטוויקלונג פון ווירטשאַפטלעכן נאַציאָנאַליזם האָט אונטערגעשטראָכן די דאָזיקע נויטיקייט, ווייל יעדער נאַציאָנאַליזם נעמט אין ערשטער ליניע איבער די פּאָליטישע פונקציעס, און פּאַסט צו זיי צו אָדער וואַרפט זיי אונטער די אַנדערע סאָציאַלע פונקציעס”.

די קאָרפּאָראַטיווע אָרגאַניזאַציע איז אַ פאַרפולקאָמונג פון די באַציונגען צווישן גרויס־קאַפּיטאַל און דער מעלוכע אין צייכן פון קאַמף פאַר אויסערלעכע מערק. „די אַנטוויקלונג און די שוועריקייטן פון ווירטשאַפטלעכן לעבן — זאָגט בעני — זענען נישט געענדיקט: אייראָפּע האָט נישט מער קיין זיכערע העגעמאָניע אין דער וועלט־ווירטשאַפט; נייע קאָנקורענטן רייסן זיך פאָרויס, נייע פּראָדוצירנדיקע לענדער זוכן אַ פּלאַץ פאַר זיך אויף די וועלט־מערק. מיר שטייען ערעוו אַ נייער רעגולירונג פון די באַציונגען צווישן פאַרשידענע נאַציאָנאַלע ווירטשאַפטן. דערביי וועלן זיכער האָבן אַן איבערוואָג יענע ווירטשאַפטלעכע קויכעס, וועלכע וועלן אַרויסווייזן די גרעסטע מאָס געשיקטקייט, קריגס־טיכטיקייט, דיסציפּלינירטקייט און סאָציאַלן כוש” („קאָריערע דעלאַ סעראַ”, 14־טער נאָוועמבער 1933).

דער פאָרשטייער פון די גרויסע גרונט־באַזיצער אָרקאַנדזשעלי האָט פאָרמולירט די יורידישע און פּאָליטישע קאָנסעקווענצן פון דער קאָרפּאָראַטיווער סיסטעם: „די טראַדיציאָנעלע איינטיילונג פון דער מאַכט אויף געזעצגעבערישע, אויספירנדיקע און געריכטלעכע

— ווי מאַנטעסקיע האָט דאָס פאָרמולירט — איז ענדגילטיק אַי־בערגעוואונדן, עס איז געקומען דער מאָמענט איינצוזען, אַז נאָר איין מאַכט איז פאַראַן, דאָס איז די מאַכט פון דער רעגירונג: די רעגירונג גרייט צו די געזעצן, זי פירט זיי אַדורך, און זי פאַר־וואַלטעט מיט זיי" („קאָריערע דעלאַ סעראַ" 14־טער נאָוועמבער 1933).

מוסאָליני האָט אין קאָרפּאָראַטיוון ראַט געהאַלטן אַ גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האָט צוערשט געגעבן אַן איבערבליק איי־בער דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם אין לעצטן יאָר־הונדערט. ער האָט דערביי אונטערגעשיידט דריי פּעריאָדן: אַ דינאַמישן, אַ סטאַטישן און אַ פּעריאָד פון יערידע. דער ערשטער פּעריאָד האָט געדויערט אומגעפער פון 1830 ביז 1870, און זיין גרונט־סימען איז — וואָס די מעלוכע האָט זיך דאַן לאַכלוטן נישט געמישט אין ווירטשאַפטלעכן לעבן. אין צווייטן פּעריאָד האָבן זיך שוין געכומען ווייזן סימאָנים פון מידקייט און פאַלשע גענג אין דער אַנטוויקלונג פונם קאַפּיטאַליזם. עס זענען דאַן אַנטשטאַנען די קאַרטעלן, און דאָס איז געווען דער סאָף פון פרייען וועט - קאַמף. דער דריטער פּעריאָד, פון נאָך דעם וועלט - קריג אָן, צייכנט זיך קוידעם קאָל אויס מיט אינפלאַציע. עס איז אויפגעקומען אַן אַי־בער־קאַפּיטאַליזם, וועלכער איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַלשע האַ־נאָכעס. די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען זענען היינט אָנגע־וויזן אויף דער מעלוכע. ווען די מעלוכע זאָל זיי אָפּזאָגן איר הילף, וואָלט אין משך פון 24 שאָ געקומען צו אַ קאַטאַסטראָ־פע. נישט פאַראַן היינט קיין איין געביט, ווו מען זאָל זיך קאָנען באַגיין אָן דער הילף פון דער מעלוכע. דעם היינטיקן קאַפּיטאַליזם קאָן מען אָנרופן מעלוכע - קאַפּיטאַליזם, וואָס איז אייגנטלעך דאָס זעלבע, וואָס מעלוכע - סאָציאַליזם. היינט צו טאָג האָבן מיר פאַר זיך אַ טיפּיש אייראָפּעישן קריזיס. אייראָפּע איז נישט מער דער קאָנטינענט, וואָס קערעוועט מיטן גאַנג פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע. עס איז געווען אַ צייט, ווען אייראָפּע האָט אין פּאָ־ליטישער, גייסטיקער און ווירטשאַפטלעכער הינזיכט פאַרנומען דעם ערשטן פּלאַץ אין דער וועלט. היינט איז אויף יענער זייט

אטלאַנטישן אָקעאַן אויפגעקומען די גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, און אויפן ווייטן מיזרעך איז אויפגעקומען, יאַפּאַן, וואָס פון נאָך דער מילכאָמע פון 1905 דערנענטערט זי זיך מיט ריזן־שריט צו די אייראָפּעיִשע מעלוכעס. אייראָפּע וואָלט נאָך געקאָנט פרווון איינהאַלטן דעם וועלט־רודער, ווען זי זאָל פּאָליטיש בילדן אַן איינהייט. אָבער די אייניקונג פון אייראָפּע קאָן נישט צושטאַנד קומען, איידער עס זענען נישט באַזייטיקט די גרויסע אומגערעכטיקייטן פון דער איצטיקער אָרדנונג. „מיר זענען צוגעקומען צו אַן אויסערסט געפערלעכן ווענד־פונקט".

די קאָרפּאָראַציע דאַרף שפּילן אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט די זעלבע ראָל, וואָס דער גרויסער פאַשיסטישער ראַט און די פאַשיסטישע מיליץ אויפן פּאָליטישן געביט. קאָרפּאָראַציע ־ סיסטעם באַדייט דיסציפּלינירטע און קאָנצענטרירטע ווירטשאַפט. די דאָזיקע סיסטעם וואַרפט אָפּ סיי דעם ליבעראַליזם, סיי דעם סאָציאַליזם. מוסאָליני האָט ווייטער אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט, אַז דער נידערגאַנג פונם קאַפּיטאַליזם פאַלט צוזאַמען מיטן נידערגאַנג פונם סאָציאַליזם. אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון אייראָפּע ווערן צעפאַלן. דער ווירטשאַפטלעכער קאָרפּאָראַטיווער געדאַנק האָט זיך באַוויזן פונקט אין דעם היסטאָרישן מאָמענט, ווען דער קאַפּיטאַליזם און דער סאָציאַליזם האָבן זיך אויסגעשעפּט. די קאָרפּאָראַציע נעמט ביי ביידע איבער די עלעמענטן, וועלכע זענען נאָך לעבנס־פעיִק. די טעאָריע וועגן ווירטשאַפט־מענטש איז פאַלש. פאַראַן איז נאָר אַ גאַנצער מענטש, וועלכער איז אַלץ צוזאַמען: פּאָליטיש, ווירטשאַפטלעך, רעליגיעז און קריגעריש. איטאַליע האַלט ביי שטעלן אַ נייעם טריט אויפן וועג פון דער רעוואָלוציע.

צום סאָף האָט מוסאָליני געשטעלט די פראַגע, צי די קאָרפּאָראַטיווע סיסטעם וואָלט געקאָנט ווערן אָנגעווענדט אויך אין אַנדערע לענדער. צוליב דעם אַלגעמיינעם קריזיס פון קאַפּיטאַליזם וועט די לייזונג אויפן יעסאָד פון קאָרפּאָראַציעס אומעטום זיך דורכזעצן. עס זענען אָבער צוליב דעם נויטיק אייניקע פאָר־האַנאָכעס, נעמלעך — אַן איינהייט ־ פּאַרטיי, וועלכע זאָל באַזאָרגן פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע דיסציפּלין, אַ געמיינזאַם געזעץ,

וואָס זאָל באַל זיין אויף אַלע מעלוכע - בירגער, אַ טאָטאַלע מע־לוכע, וועלכע זאָל אין זיך קאָנצענטרירן די גאַנצע ענערגיע און אַלע האָפנונגען פון די בירגער, און לעסאָף די ווינטיקסטע פאָר־האַנאָכע: עס דאַרף זיין אַ צייט פון הויכער גייסטיקער געשפּאַנט־קייט.

מען קאָן, אייגנטלעך, די באַדינגונגען, וועלכע זענען נויטיק פאַר דער קאָרפּאָראַטיווער סיסטעם, נאָך קלאָרער פאָרמולירן, ווי מוסאָליני האָט דאָס געטון. קוידעם קאָל מוזן, ווי אין איטאַליע, אַלע פּאַרטייען אויפגעלייזט ווערן, אַנגעהויבן פון דער קאָמוניס־טישער און ביז צו דער קאַטוילישער. די פירער פון די פּאַרטייען מוז מען אויסמאָרדן, אָדער פאַרשפּאַרן, אָדער פאַרשיקן, זייער פאַרמעגן קאָנפיסקירן, זייערע פאַרלאַגן און צייטונגען צעשטערן, פאַרברענען, פאַרווערן, און עס מוז בלייבן נאָר איין איינציקע פּאַרטיי — די פאַשיסטישע פּאַרטיי אונטער קאָנטראָל פון דער מעלוכע; אַ פּאַרטיי, וועלכע האָט קיין רעכט נישט אָפּצוהאַלטן פאַרזאַמלונגען, צו ווילן אירע אייגענע פירער, צו דיסקוטירן וועגן דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. ווייטער איז נויטיק אַן אַלמעכ־טיקע מעלוכע מיט אַ רעגירונג, וועלכע דאַרף קיינעם נישט אָפּ־געבן קיין רעכנונג פון דעם וואָס זי טוט, וועלכע באַשטימט אַליין די מיטגלידער פונם פּאַרלאַמענט און די רעדאַקטאָרן פון די צייטונגען, וועלכע ווײַלט אַליין אויס די פירער פון דער איינציקער עקזיסטירנדיקער פּאַרטיי, די פירער פון די איינציקע עקזיסטירנ־דיקע פאַריינען און אויך די פאַרוואַלטונגס - אָרגאַנען פון די שטעט און געמיינדעס. און ענדלעך איז אויך נויטיק „אַ צייט פון הויכער גייסטיקער געשפּאַנטקייט", וואָס ווערט דערגרייכט דורך טעגלעכער טעטיקייט פון פּרעסע, קינאָ, ראַדיאָ, פון יעדער אַנדערער פאַשיסטישער אַגיטאַציע, און פון יאָרן דויערנדיקן טעראָר; עס איז נויטיק אַן עפנטלעכע מיינונג פון שקלאַפן, אַן עפנטלעכע מיינונג, וועלכע קאָן אַלץ פאַרטראָגן. דאָס זענען די נויטיקע באַדינגונגען פאַר אַ קאָרפּאָראַטיווער אָרדנונג.

אָבער איז דאָס גענוג? ניין, אַפילו דאָס איז נאָך אויך נישט גענוג. ווייל — דאָס אַלץ איז שוין דערגרייכט אין איטאַליע, און

דאָך האָט מען נאָך נישט געוואַגט ביז איצט צו שאַפן די קאָרפּאָ־
ראַציעס.

נאָך 11 יאָר פאַשיסטישע דיקטאַטור אין איטאַליע דיסקו־
טירן נאָך אַלץ די פאַשיסטישע פירער וועגן דער סטרוקטור און
די פונקציעס פון די קאָרפּאָראַציעס — אָבער די קאָרפּאָראַציעס
גופא זענען נאָך נישט אָרגאַניזירט. מוסאָליני אַליין האָט דער־
קלערט, אַז פריער ווי אין 2 אָדער 3 יאָר אַרום קאָנען זיי נישט
אָרגאַניזירט ווערן. אָבער נישט געקוקט דערויף, רעדט מען אין
אויסלאַנד זייער פיל וועגן דעם „דערפאָלג פון די איטאַליענישע
קאָרפּאָראַציעס", מען דריקט אויס באַוווּנדערונג פאַר די קאָר־
פּאָראַציעס, וועלכע האָבן זיך אין איטאַליע „אַזוי גלענצנד באַרעכ־
טיקט", און מען לייגט פאָר אָן לאַנגע בקירעס איבערצונעמען אָט
די איטאַליענישע סיסטעם. און צום סאָף זענען די דאָזיקע קאָר־
פּאָראַציעס נאָך גאָר אויף דער וועלט נישטאָ. איך קאָן זיי נישט
אָפּשאַצן, איך קאָן נישט דעם לעזער אינפאָרמירן וועגן זיי —
זיי זענען איינפאַך נישטאָ!

וואָס עס עקזיסטירט יאָ אין איטאַליע — דאָס איז די קאָר־
פּאָראַטיווע אידעאָלאָגיע (דער קאָרפּאָראַטיוויזם). און מיט אָט
דער גרויסער מיסטיפיקאַציע מוזן מיר זיך אַביסל נאָענטער באַ־
קענען. אַ סאַך פאַרהערלעכן דעם קאָרפּאָראַטיוויזם, אַלס אַ סטאַ־
דיע צום סאָציאַליזם; זיי האַלטן, אַז ער גיט אַן אויסוועג פון די
ווידערשפּרוכן, וועלכע די סאָציאַליסטישע קריטיק האָט אויפגע־
דעקט אין דער הייניטיקער אָרדנונג. אין דער ווירקלעכקייט איז
דער קאָרפּאָראַטיוויזם דער פולער היפּוך דערפון.

סאָציאַליזם טרעט אַרויס קעגן דער פיקציע פון פרייהייט אין
קאַפּיטאַליסטישן רעזשים — ביים קאָרפּאָראַטיוויזם פאַרשווינדט
די פרייהייט, דער קאַפּיטאַליזם בלייבט.

סאָציאַליזם האָט פאָרויסגעזאָגט און דערנאָך אויסגעטייטשט
דאָס פאַרשווינדן פון ווירטשאַפטלעכן ליבעראַליזם — ביים קאָר־
פּאָראַטיוויזם ווערט ליקווידירט דער ליבעראַליזם, אָבער די מאָ־
נאָפּאָלן בלייבן. נאָר די אומגעהויערע גייסטיקע אָרעמקייט, וואָס
די מענטשהייט לעבט אַדורך אין רעזולטאַט פונעם וועלט - קריג,

קאָן פאַרענטפערן דעם פאַקט, וואָס אַפילע געוויסע סאָציאַליסטן, דעמאָקראַטן און ליבעראַלן באַציען זיך מיט סימפּאַטיע צו דער קאָרפּאָראַטיווער טעאָריע. דער קאָרפּאָראַטיוויזם איז נישט קיין שום איבערווינדונג פונם קאַפּיטאַליזם, נאָר אַ פּרווו צו קריסטאַליזירן געוויסע ערשיינונגס - פאָרמען פונם קאַפּיטאַליזם, אַ פּרווו צו צעשטערן די קויכעס, וועלכע ווערן רייף אין שויס פון קאַפּיטאַליזם און ווירקן אין דער ריכטונג פון סאָציאַליזם.

מען דאַרף בלויז אין זינען האָבן דעם אַלעף בייס פון סאָציאַליזם. — סאָציאַליזם שטרעבט צו פאַרוואַנדלען דאָס גרויסע פּריוואַט - אייגנטום אין קאָלעקטיוו - אייגנטום. דער פאַשיזם פאַרווירקלעכט דעם הייפּעך דערפון, ער גיט איבער אַלע הילף־קוואַלן פון דער מעלוכע (פון קלאַל - אייגנטום) אין רעשוס פון די גרויס - קאַפּיטאַליסטן. איניציאַטיוו און פּראָפיט בלייבן פּריוואַט - זאַך, אָבער ווען עס האַלט ביי אַ פּלייטע, דאַן טרעטן אַריין אין קראַפט די קאָרפּאָראַטיווע פּרינציפּן, לויט וועלכע די פּראָדוקציע איז אַ נאַציאָנאַלע אָנגעלעגנהייט, אַזוי אַז דער דעפיציט פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו ווערט איבערגעוואָרפן אויף דער מעלוכע.

די קלוימערשטע העכערקייט פונם קאָרפּאָראַטיוויזם איבער דעם סאָציאַליזם וואָלט זיך באַדאַרפט אויך אַרויסווייזן אויפן געביט פון קלאַסן - קאַמף. אַלזאָ: דער ציל פון סאָציאַליזם איז נישט קלאַסן - קאַמף, נאָר די אָפּשאַפונג פון אָט דעם קאַמף דורך דער אָפּשאַפונג פון די קלאַסן גופע און פון דעם קאַפּיטאַליזם, וועלכער רופט זיי אַרויס צום לעבן. דאַקעגן דער ציל פונם קאָרפּאָראַטיוויזם איז צו קאָנסערווירן די געזעלשאַפט אין איר איצטיקער אַנטוויקלונגס - סטאַדיע און פאַרייביקן דעם איצטיקן צושטאַנד — אַז אַ קליינע מינדערהייט זאָל הערשן איבער דער מערהייט פון פאָלק. דער קאָרפּאָראַטיווער רעזשים פאַרווערט דעם קלאַסן־קאַמף פון די אַרבעטער, ער האַלט אָט דעם קאַמף פאַר מעלוכע־פאַראַט. דער איינציקער קאַמף פון אַ קלאַס, וואָס ווערט יאָ טאָלערירט, איז דער קאַמף פון די קאַפּיטאַליסטן קעגן די פאָלקס - מאַסן. דער גרויס - קאַפּיטאַל פּרובירט, מיט דער הילף פונם קאָרפּאָראַ־

טיוויזם, צו פארשלייערן זיין הערשאפט איבערן לעבן און רייכטום פונם לאנד. פארן קאפיטאליזם באשטייט די וויכטיקסטע מאילע פונם קארפאראטיוויזם לעגאבע דער דעמאקראטיע דערין, וואס ביי דער דעמאקראטיע ווערט די שווערע עקספלואטאציע פון די ארבעטער אלע מאל אויפגעדעקט, א דאנק דער פרייער קריטיק און דעם קאנטראל פון פאלק, בעאיים ווען ביים קארפאראטיוון רעזשים פארלירט דער ארבעטער אלע זיינע רעכט, אלס בירגער, און זיין פערזאן ווערט צוזאמענגעהעפט מיט זיין באַרוף; זיין אקטיוויטעט טאר נישט מער האבן קיין שאיכעס צו דער מעלוכע און צו דער געזעלשאפט, אלס גאנצער, אלס אזעלכער, נאר זיין האריזאנט מוז זיך באגרענעצן בלויז מיט די פראבלעמען פון זיין פאך.

די מעלוכע ווערט אויף אזא אויפן אן שום שטערונג באַהערשט דורך דעם גרויס-קאפיטאל. קריג און פרידן, האנדלס-אפמאכן, שטייערן, עפנטלעכע ארדענונג, געריכטן — אלץ ווערט ארויסגענומען פון אונטער דעם קאנטראל פון פאלק. קארפאראטיוויזם איז אין גרונט א צוריקקער צו פעאדאליסטישע פארמען פון ארגאניזאציע.

אזוי וועט אויפקומען א נייער טיפ מעלוכע, די קארפאראטיווע מעלוכע, געבויט אויף ווירטשאפט-באציונגען פון מעלוכע-קאפיטאליזם. ווירטשאפט ווערט צוזאמענגעגאסן מיט פאליטיק. דער ליגן פון פארמעלער דעמאקראטיע ווערט פארביטן דורך דעם ליגן פון קארפאראטיווער ווירטשאפט. אפילע די פילאלאגיע איז מאביליזירט פאר אט דעם צוועק. קאפיטאליסטן און ארבעטער רופן זיך שוין נישט מער ביי די דאזיקע נעמען, נאר זיי הייסן פראדוצענטן. פריוואט-אייגנטום טראגט איצט דעם נאמען נאציאנאל-פארמעגן. קאפיטאליסטישע גנייווע פון די מעלוכע-קאסעס רופט זיך נאציאנאלע סאלידאריטעט. אראפגעדריקטע לוינען הייסן קארבאנעס פארן פאטערלאנד. און די געוואלטזאמע אונטערדריקונג פון יעדער פרייער אדער סאציאליסטישער קריטיק הייסט נאציאנאלע דיסציפלין. אויפן פאפיר איז דאס אלץ זייער פיין און שיין. און ווייל דאס אלץ עקזיסטירט נאר אויפן פאפיר,

איז עס שיין און פֿולקאַמען. „דאָס איז די גרעסטע רעוואָלוציע", האָט מוסאָליני געפּאַסקנט. די גרעסטע רעוואָלוציע אויפֿן פּאַפּיר. דערווייל עקזיסטירן זיי נאָך נישט, די קאָרפּאָראַציעס. עס עקזיסטירן בלויז די פּראָפֿ. פֿאַריינען, וועלכע באַדאַרפֿן, לויט מוסאָליניס רייד, זיין די שטיין־זיילן פֿון די קאָרפּאָראַציעס. לויטן פֿונדאַמענט קאָן מען שוין אויב אַזוי אורטיילן אויך וועגן דער געביידע. מען מוז געדענקען וועגן דעם שרייענדיקן ווידערשפּרוך, וואָס איז פֿאַראַן אויפֿן פּראָפֿעסיאָנעלן געביט צווישן „פּאַפּיר" און „ווירקלעכקייט".

דאָס געזעץ פֿון 6־טן אַפּריל 1926 זעט פֿאָרויס נעבן דעם אָפֿיציעלן, פֿון דער מעלוכע אָנערקענטן פּראָפֿ. פֿאַריין אויך פֿרייע פּראָפֿ. פֿאַריינען, לויט דערלויבענישן פֿון דער פּאָליציי. אין דער ווירקלעכקייט אָבער איז נאָך קיין שום פֿרייער פֿאַריין נישט געוואָרן דערלויבט, נישט קיין סאָציאַליסטישער און נישט קיין קאַטוילישער. לויטן געזעץ איז פֿאַראַן אַ סימעטרישקייט צווישן פֿאַריין פֿון די אַרבעטער און פֿאַריין פֿון די אַרבעט - געבער. פֿאַקטיש אָבער איז אַזוי, אַז דער פֿאַריין פֿון די אַרבעטגעבער געניסט טאַקע פֿון אַלע רעכט און קווידעם קאָל פֿון רעכט אָפּצוהאַלטן פֿאַרזאַמלונגען און וויילן זיינע פֿירער. דאַקעגן, די פֿאַריינען פֿון די אַרבעטער געניסן נישט פֿון קיין שום רעכט: נישט זיי קאָנען רופֿן פֿאַרזאַמלונגען פֿון זייערע מיטגלידער, נישט זיי קאָנען וויילן זייער פֿירערשאַפֿט. די פֿאַקטישע רעכטלעכע לאַגע פֿון די אַרבעטער איז אַזוי אַרום פּונקט אַ פֿאַרקערטע, ווי זי וואָלט באַדאַרפֿט זיין לויטן געזעץ. דאָס הייסט, אַז אין איטאַליע איז נישט פֿאַראַן אַפֿילו קיין פֿאַשיסטישע געזעצלעכקייט.

ווי אַזוי איז אָט דאָס מעשונעדיקע פֿאַשיסטישע רעכט — דער הייפּעך פֿון רעכט פֿון געזעץ — אַנטשטאַנען?

די פֿאַשיסטן האָבן די אָרגאַניזאַציעס פֿון די אַרבעט־געבער קיינמאָל נישט געטשעפּעט און נישט פֿאַרפֿאָלגט. די גרויסע אינדוסטריעלע און אַגראַרישע אָרגאַניזאַציעס זענען געבליבן אַזוי ווי זיי האָבן עקזיסטירט אונטער די דעמאָקראַטישע רעגירונגען —

זיי האָבן איינגעהאַלטן זייערע פירער, זייערע סטאַטוטן, זייער פּרעסע, און זיי פאַרזאַמלען זיך פריי און פאַרוואַלטן מיט זיך פריי. דאַקעגן, זענען די אַלטע סאָציאַליסטישע און קאַטוילישע אַרבעטער - פאַריינען אַלע געוואָרן פולשטענדיק פאַרניכטעט דורך די פאַשיסטן — ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָבן מיר געשילדערט אין די פריערדיקע קאַפּיטלען. אין 1930 האָט זיך אין גרויסן פאַשיסטישן ראַט געפירט (1־טער, 3־טער, 8־טער אַפּריל) אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע אַרום דער פראַגע — צי זאָל מען אויך איבער די אַרבעטגעבער - אָרגאַניזאַציעס איינשטעלן די זעלבע אַפּיטראָפּסעס, וואָס איבער די אַרבעטער - פאַריינען, אָדער פאַרקערט, מען זאָל די אַרבעטער - פאַריינען געבן די זעלבע רעכט, וואָס די אָרגאַניזאַציעס פון די אַרבעטגעבער? די דיסקוסיע האָט זיך געענדיקט מיט אַזאַ איבעראַשנדיקן באַשלוס: „קיין שום נייעס ווערט נישט איינגעפירט אין דער סיסטעם פון באַזעצן אָנפיר־פּאָסטנס— די נאָמינירונגען מוזן אַזוי געמאַכט ווערן, אַז עס זאָלן פולשטענדיק גענומען ווערן אין אַכט אי די פאָדערונגען פון געגעבנעם אמט, אי די פּאָליטישע פאָדערונגען פונם רעזשים".

דער דאָזיקער באַשלוס האָט — אין סטירע צום געזעץ — קלאָר און דייטלעך באַשטעטיקט די פּאַקטישע לאַגע, ווי זי איז געשאַפן געוואָרן דורך דער „רעוואָלוציע" — אַז די באַציונג צווישן אַרבעטגעבער און אַרבעטער איז ווי צווישן „זיגער" און „באַזיגטע".

אַלזאָ, די „רעכטלעכע" לאַגע פון די אַרבעטער - פאַריינען איז געוואָרן רעגולירט לויט דעם ווונדערבאַרן באַשלוס פון גרויסן ראַט. „די קאָרפּאָראַציע - אידייע שפּילט אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט די זעלבע ראָל, וואָס דער גרויסער פאַשיסטן - ראַט און די פאַשיסטישע מיליץ אויפן פּאָליטישן געביט" — האָט דערקלערט מוסאָליני. דאָס הייסט, אַז די נייע קאָרפּאָראַטיווע אָרדנונג טראָגט אַזאַ אַנטי - עקאָנאָמישן און אַנטי - היסטאָרישן כאַראַקטער, אַז פּרווון זי פאַרווירקלעכן קאָן מען נאָר שטיצנדיק זיך אויף דער מאַטעריעלער קראַפט פון דער מעלוכע. מען האָט נאָך נישט ביז היינט געהעריק אָפּגעשאַצט מיט וואָס פאַר אַ טייוולאָנישער

קראַפט די מעלוכע קאָן זיך באַוואָפענען. און פון דאַנען נעמען זיך אַלע טאָעסן ביים אָפּשאַצן די לעבנס - פעיקייט און לעבנס-דויער פונם פאַשיזם. די דערפאַרונג לערנט אונדז, אַז היינטיקע צייטן קאָן אַ דיקטאַטאָרישע רעגירונג לאַנג זיך האַלטן, נישט גע-קוקט אויפן ווירטשאַפטס - קריזיס און נישט געקוקט אויף אַ פיינטלעכער באַציונג מיצאַד דער מערהייט באַפעלקערונג — אויב זי איז נאָר געצוידירט אָן שום קלערעכץ צו לאָזן אין גאַנג אַלע פּאַרטיידיקונגס - מיטלען, לעגאַלע און אומלעגאַלע, וואָס זי האָט אין איר רעשוס, און אויב זי דערשטיקט מיט טעראָר און קאָרופּציע אַלע האַסכאַלעס פון אָרגאַניזאַציע מיצאַד די קעגנע-רישע קויכעס. אין דער פאַרטיידיקונג פון דער איטאַליענישער דיקטאַטור שפּילט די פאַשיסטישע מיליץ גאָר אַ גרויסע ראָל.

לויט דער לעצטער אָפיציעלער סטאַטיסטיק (1933), באַשטייט די פאַשיסטישע מיליץ פון 121 אָרדנטלעכע און 13 אויסעראָרדנט-לעכע לעגיאָנען. עס זענען פאַראַן 4 קאָמענדעס פון גרופּן-פאַר-באַנדן, 33 קאָמענדעס פון גרופּעס און 2 קאָמענדעס פאַר סי-ציליע און סאַרדיניע. עס קומען נאָך צו באַטאַליאָנען שוואַרץ-העמדלעך, וועלכע זענען אָפּהענגיק פון די דיוויזיע - קאָמענדעס פון דער אַרמיי, צו 2 באַטאַליאָנען ביי יעדער דיוויזיע. און מען דאַרף נאָך צורעכענען די ספּעציעלע מיליץ (קאָלאָניאַלע לעגיאָנען, גרענעץ - מיליץ, גאַסן - טויער - און אוניווערזיטעט - מיליץ), וועלכע נעמט אַרום 5 לעגיאָנען, 11 קאָהאָרטעס און 10 זעלבסט-שטענדיקע צענטוריעס.

אונטער אַ קאָפּ „געפאַלן פאַר דער זאַך פון פאַשיזם" גיבן די צייטונגען אָן — לויט אָפיציעלע קוועלן — 209 טויטע ביי דער אָרדנטלעכער מיליץ, 74 טויטע ביי דער קאָלאָניאַלער מיליץ (אין 12 קאַמפּן), 5 טויטע און 82 פאַרוואונדעטע ביי דער גרענעץ-מיליץ, 65 טויטע און 67 פאַרוואונדעטע ביי דער באַן-מיליץ, 5 טויטע און 31 פאַרוואונדעטע ביי דער טויער-מיליץ און 4 טויטע און 200 פאַרוואונדעטע ביי דער וואַלד-מיליץ.

די געבראַכטע ציפערן באַווייזן, אַז די קאָלאָניאַל - מיליץ, וואָס ווערט ספּעציעל צוגעקליבן פאַר קאַמף, איז נישט די איינ-

ציקע, וואָס ברענגט קאָרבאָנעס און אַפילע נישט די גרעסטע צאָל קאָרבאָנעס.

דער עפעקטיווער באַשטאַנד פון דער מיליץ ווערט גרעסער מיט יעדן יאָר. אין 1926 האָט די מיליץ געציילט 211 טויזנט מאַן, אין 1929 — 304 טויזנט, אין 1931 — 371 טויזנט, אין 1933 — 374 טויזנט. דער סאָציאַלער צוזאַמענשטעל פון דער מיליץ איז גאָר נישט אַזאַ, ווי מען מיינט: אַרבעטער בלויז 16 פּראָצענט, לאַנד־אַרבעטער, פויערן און גוט־באַזיצער צוזאַמען 25,9 פּראָצ., סטודענטן, באַאַמטע און פרייע פּראָפעסיעס — 20,8 פּראָצענט.

קאַפּיטל 13

פאַשיזם און קאַטוילישע קירכע

1. קאָנקאָרדאַט צווישן פאַשיזם און וואַטיקאַן

די באַציונגען צווישן דעם פאַשיזם און דער קאַטוילישער קירכע פאַרדינען גאָר אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. פון אָט די באַציונגען וועלן מיר קומען צו אַ רייע אַלגעמיינע אויספירונגען מיקויעך די פּאָזיציעס פון דער קירכע אויפן געביט פון פּאָליטיק, און דאָס האָט שוין נישט נאָר אַ היסטאָרישן ווערט, נאָר אויך אַ פּאָליטישע און טאַקטישע באַדייטונג; טרעפן מיר דאָך אויף שריט און טריט מאַכמעס מאַנגל פון זאַך - קענטעניש פּאַלשע אָפּשאַצונגען און צווידייטיקע מיינונגען און אַ נישט געהעריקע קריטיק פון די פאַשיסטישע שטרעמונגען, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט דער קאַטוילישער קירכע. אַז אַזוי איז עס, קאָן מען זען פון די קאָמענטאַרן, מיט וועלכע די אינטערנאַציאָנאַלע פּרעסע באַגלייט די אָפטע פּאָלעמיק צווישן איטאַליענישן פאַשיזם און וואַטיקאַן, אָדער פון די קאָמענטאַרן אַרום דער האַלטונג פון די שפּאַנישע יעזואיטן צו דער רעפּובליק, אָדער אַפילו פון געוויסע באַטראַכטונגען וועגן דער האַלטונג פון דייטשן „צענטרום” (קאַטוילישע פּאַרטיי) לעגאַבע דעם נאַציאָנאַל - סאָציאַליזם. די נישט גערעכטע אָפּשאַצונג פון דער ראָל פון דער קירכע איז געווען אַ קוואַל פון שווערע פעלערן פאַר דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פון איטאַליע באַלד אין דער ערשטער צייט נאָך דער מילכאָמע, און ביי געוויסע פּאָלקס - שיכטן לעבט נאָך איצט די אילוזיע, אַז דער פּויבסט קאָן ליקווידירן דעם פאַשיזם; דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אַנטי - פאַשיסטן כאַפּן זיך אַזוי אָן אין יעדער פּאָלעמיק צווישן פאַשיסטן און קאַטאָליקן, זיי ווילן פון אָט דער פּאָלעמיק אַרויסלייענען אַ באַשטעטיקונג פון יענער אַלטער לעגענדע,

אז צווישן וועלטלעכער און קירכלעכער מאכט איז א שטענדיקער אימאנענטער קאנפליקט.

מיר קאנען נאר דאן האבן א ריכטיק, עמעסדיק בילד פון דער לאגע, און אויסמיידן די געפאר פון באגייען אויך פארקערטע, אבער נישט וויניקער שווערע פעלער, ווען מיר וועלן די פראבלעם נעמען אין איר שווירעש, ווען מיר וועלן אפווארפן אין א זייט אלע באנאליטעטן, וואס שטאמען נאך פון דער צייט פון אידעאליסטישן ראציאנאליזם, ווען אנשטאט דעם וועלן מיר מיט א מאסשטאב פון ראדיקאלער און אביעקטיווער קריטיק צוגיין צו דער גאנצער געשיכטע פון די באציונגען צווישן קאטוליציזם און מאדערנעם קאפיטאליזם.

אלס אויסגאנגס - פונקט פאר אזא קריטיק קאן מען, שיינט אונז, נעמען דעם אפמאך און דעם קאנקארדאט, וואס זענען געשלאסן געווארן אין לאטעראן דעם 11־טן פעברואר 1929 — אונטערגעשריבן פון קארדינאל גאספארי און פון מוסאליני. לאמיר אקארשט זיך באקענען מיטן אינהאלט פון דיביידע דאקומענטן.

דער אפמאך אנערקענט די הערשאפט פונם פויבסט איבער דעם טייל פון דער „אייביקער שטאט" (רוים), וועלכער גרענעצט מיטן וואטיקאן, און די קאטוילישע רעליגיע ווערט לויטן אפמאך פייערלעך פראקלאמירט, אלס מעלוכע - רעליגיע. פונם ארטיקל 1 פון דער אלטער איטאליענישער קאנסטיטוציע פון 14־טן מערץ 1848 איז אויסגעשטראכן געווארן דער צוגאב: „די אנדערע היינט פאראנענע עמונעס ווערן אין העסקעם מיט די געזעצן געדולדעט". מיטן אונטערשרייבן דעם קאנקארדאט האט די איטאליענישע רעגירונג זיך אפגעזאגט פון איר רעכט צו באשטעטיקן און געבן איר הասקאמע ביי דער נאמינירונג פון ארצי־ביסקופן, ביסקופן, גאלאכים און קאפלאנען (ארט. 19, 21, 24). די הערשאפט פון דער נייער קירכן - מעלוכע ווערט אויסגעשפרייט אויפן האלבאינזל איבער א געוויסע צאל קירכעס און באזיליקן (ארט. 11). אלע קירכעס, אלע רעליגיעזע פאריייניקונגען און ארדנס, אלע אלטע קאנגרעגאציעס, וואס זענען פארבאטן געווארן אין 1866

און 1873, א. אז וו. ווערן ווידער דערלויבט און אָנערקענט, אַלס
יורידישע פּערזאָנען (אַרט. 29). אַלע שטייערן, וואָס
לאַסטן אויף דער קירכן - פאַרוואַלטונג, ווערן אָפּ־
געשאפט (אַרט. 29 ה). אויך די גייסטלעכע זענען, לעהייפּעך צו
אַלע אַנדערע גייסטיקע פּראָפעסיעס, פריי פון וועלכע עס איז
שטייערן. די מעלוכע פאַרזיכערט, אַז די סומעס, וואָס דער בוד־
זשעט זעט פאָרויס פאַרן קולטוס - פאָנד, וועלן אין דער צוקונפט
קיינמאָל נישט געשניטן ווערן (אַרט. 30). די רעליגיעזע יאָמטויווים
ווערן אָנערקענט אָפיציעל (אַרט. 11). א פאַרברעכער, וואָס האָט
זיך באַהאַלטן אין אַ קירכע, קאָן נישט אַרעסטירט ווערן מיטן
אויסנאַם פון א דרינגלעכן פאַל, ביז די פּאָליציי פאַרשטענדיקט
זיך נישט מיט דער קירכלעכער מאַכט (אַרט. 9 און 10). ווען אַ
גייסטלעכער ווערט אָנגעקלאָגט אָדער פאַרורטיילט, זענען די ריכ־
טער מעכויעוו טייקעף צו מעלדן וועגן דעם דער העכערער גייסט־
לעכער מאַכט, און דער פאַרורטיילטער דאַרף אָפּקומען זיין שטראָף
אין אַ באַזונדערן לאָקאַל (אַרט. 8). גייסטלעכע זענען קימאַט אינ־
גאַנצן פריי — אויסער קליינע באַוואָרענישן — פון מיליטער־
דינסט (אַרט. 3), און אָן דעם העסקעם פון בישאָף קאָן אַ גייסט־
לעכער נישט באַשטימט ווערן אויף קיין שום פּאָסטן (אַרט. 5)..
אָפּטריניקע אָדער אַזעלכע גייסטלעכע, וועלכע האָבן באַקומען אַן
אויסרייד - שטראָף פון זייערע עלטערע, טאָרן נישט צוגעלאָזן
ווערן צו קיין שום אַרבעט, ביי וועלכער „מען קומט אין אוממיטל־
באַרן באַריר מיט דעם פּובליקום", ווי לעמאָשל לערנען אין אַ
שול. דער לימעד פון רעליגיע ווערט ווידער איינגעפירט אין די
שולן סיי פון ערשטער, סיי פון צווייטער שטופע: „איטאַליע באַ־
טראַכט די קענטשאַפט פון דער קריסטלעכער לערע, לויט דע־
אָנגענומענער אין דער קאַטוילישער טראַדיציע - פאָרם, אַלס
פונדאַמענט און קרוין פון עפנטלעכן אונטעררירכט" (אַרט. 36).
די קירכלעכע הייראַט איז רעכטלעך פולשטענדיק אויסגעגליכן
מיט דער ציווילער הייראַט. די געריכטן קאָנען אָבער מעוואַטל
מאַכן נאָר ציווילע הייראַטן (אַרט. 34).

די איטאַליענישע רעגירונג איז זיך מיסכּאיעוו צו פאַרווערן אין רוים אַלץ, וואָס פּאַסט נישט פאַרן געהייליקטן כאַראַקטער פון דער שטאָט (אַרט. 1). פּראַקטיש באַדייט עס, אַז די רעגירונג דאַרף אין זינען האָבן דעם „געהייליקטן כאַראַקטער" ביים אָנרופן גאַסן, ביים אויפשטעלן סטאַטועס און דענקמעלער, ביים פאַרקויף פון נישט פּאַסיקע ביכער און בילדער, זי דאַרף פאַרווערן קאַפע־שאַנטאַנען און קאָנפערענצן, מיטינגען און קאָנגרעסן, וועלכע גרייפן אָן די קאַטוילישע לערע א אַז. וו. א. אַז. וו. דאָס וויכטיקסטע אָבער איז: „די איטאַליענישע מעלוכע אָנערקענט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס געהערן צו דער איטאַליענישער „קאַטוילישער אַקציע", אויף וויפל זיי אַנטוויקלען, אין העסקעם מיט די באַשלוסן פון הייליקן שטול, זייער טעטיקייט אויסער וועלכער עס איז פּאַרטיי און אין דירעקטער אָפּהענגיקייט פון דער קירכלעכער היעראַרכיע, מיטן צוועק צו פאַרשפּרייטן און פאַרווירקלעכן די פּרינציפּן פון דער קאַטוילישער קירכע" (אַרט. 43). די אויסטייטשונג און אָנווענדונג פון אָט דעם אַרטיקל איז א שטענדיקער אָביעקט פון שטרייטן צווישן ביידע צדדים.

2. דער סאַך פון א 1000־יאָריקן קאָנפליקט

דער שאַלעם צווישן פּאַשיזם און וואַטיקאַן איז נישט קיין פאַרייניצלטער פּאַקט, נישט קיין צופעליקע געשעעניש, און נישט קיין קאַפּריז - שטיקל פון א פּויבסט, צי פון א קאַרדינאַל. דער שאַלעם איז א קאָנסעקווענץ פון דער גאַנצער קירכן - געשיכטע, פון איר גאַנצער ביז איצטיקער אַנטוויקלונג. מען קאָן דעריבער זאָגן, אַז דער שאַלעם צווישן פּאַשיזם און וואַטיקאַן איז די אַרבעט נישט פון איין פּויבסט נאָר פון אַלע פּויבסטן, די אידייע נישט פון איין טעאָלאָג, נאָר פון אַלע טעאָלאָגן, די אַקציע נישט פון איין קאַרדינאַל, נאָר פון אַלע קאַרדינאַלן. די פּאַקטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך און דעם קאָנקאָרדאַט — וואָס דער פּויבסט האָט געבענטשט דעם פּאַשיזם, אַלס „פון דער השגאָכע געוואָלטן רעזשים", וואָס דער קלער און די

קאטוילישע פארבאנדן האָבן אָפיציעל זיך באטייליקט אינם פאַשיסטישן פּלעביסציט, וואָס עס האָט זיך איינגעשמעלט אַן ענגערצוזאמענשלוס צווישן די קאָנפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס און דער פאשיסטישער מעלוכע, וואָס דער מעלוכישער אונטעריכט איז געוואָרן קלעריקאליזירט, וואָס מען האָט איינגעפירט רעליגיעזע ערציונג אין די פאשיסטישע פארבאנדן א אַז. וו. א. אַז. וו. — די אַלע פאַקטן האָבן באַוויזן, אַז די פארבינדונג צווישן דעם פאַשיזם און דער קאטוילישער קירכע האָט געענטפערט אויף א לעבנס - באַדערפעניש פון דער איטאַליענישער געזעלשאַפט פון אונזער צייט. מען האָט לאַנג זיך געאמפערט איבער דער פראַגע, ווער פון די צוויי צדאָדים פונם לאַטעראַן - אָפמאַך איז דער זיגער און ווער דער באַזיגטער. אַן אומזיסטער שטרייט! דער שטרייט וואָלט אַ זינען געהאַט ביים אַלטן אונטערשייד צווישן קירכלעכער און ציווילער מאַכט, וואָס דאָס איז געווען דער יעסאָד פון דער גאַנצער ליבעראַלער געדאַנקען - וועלט: אויסטייטשנדיק געוויסע עלעמענטן פון דער אַלטער און נייער געשיכטע פון די קאַטוילישע לענדער, איז דער ליבעראַלער געדאַנק געקומען צום אויספיר, אַז מעלוכע און קירכע זענען צוויי אויטאָנאָמע קויכעס, וואָס האָבן זייער באַזונדערן, אומאָפּהענגיקן אורשפּרונג, און דעריבער איז צווישן זיי נישט מעגלעך קיין שום אויסמישונג און קיין שומקאָמפּראָמיס, נאָר פאַר ביידן איז געזונט און נוצלעך אַ שטענדיקער קאַמף און אַ קעגנזייטיקע מוירע. קאַוור האָט די דאָזיקע טעאָריע אַרויסגערוקט אין דער פאָרמולע: „אַ פרייע קירכע אין אַ פרייער מעלוכע", און דזשיאָליטי אין דעם בילד „פון צוויי גראַדע ליניעס, וואָס קרייצן זיך ערגעץ אין דער אומענדלעכקייט". אָבער די געשעענישן האָבן אָפּגעלייקנט אָט די אויפפאַסונג און געצוווּנגען די גראַדע ליניעס שוין איצט צו קרייצן זיך. דער אַנטאַגאָניזם צווישן דער וועלטלעכער און קירכלעכער מאַכט איז אין מעשעך פון איבער טויזנט יאָר איטאַליענישע געשיכטע געווען זייער באַדייטנדיק: די צאָלרייכע אינוואַזיעס פון פרעמדע אַרמייען און די פאַרשפּעטיקטע מעלוכישע פאַראייניקונג פונם האַלבאינזל זענען געווען אַ רעזולטאַט פון אָט דעם אַנטאַגאָניזם.

שוין אין 7־טן און 8־טן יאָר־הונדערט האָט דער בישאָף פֿון רוים, וועלכער האָט נאָך דאַן נישט געטראָגן דעם טיטל פּויבסט, גאָר ער האָט געוועלטיקט איבער גרויסע געביטן נישט נאָר אין איטאַליע, נאָר אויך אין אַפֿריקע — זיך באַנוצט מיט דער הילף פֿון גריכן און פֿראַנקן, קעדיי צו פֿאַריאָגן די לאַנגאָבאַרדישע קעניגן פֿון פּאַוויאַ. אויף אַזאַ אויפֿן האָט די קירכע נישט געלאָזט די לאַנגאָבאַרדן שפּילן די ראָל, וואָס עס האָבן געשפּילט די פֿראַנקן, אַ דאַנק וועלכע עס איז צושטאַנד געקומען די אייניקונג פֿון גאַליע; פֿאַר איטאַליע האָט זיך פֿון דאַן אָן אָנגעהויבן אַ פּעריאָד פֿון אינוואַזיעס און טיילונגען, וועלכער האָט געדויערט עלף יאָרהונדערטער. דאָ מוזן מיר דערמאָנען די ווערטער פֿון מאַקיאַוועלי: „מיר איטאַליענער האָבן צו פֿאַרדאַנקען דער קירכע און די גייסטלעכע, וואָס מיר זענען געוואָרן רעליגיע־לאָז און שלעכט, אָבער מיר זענען זיי שולדיק נאָך אַ צווייטן און גרעסערן דאַנק, ווייל זיי זענען געווען די סיבע פֿון אונזער רואין. די קירכע האָט פֿון טאָמיד אָן געשטרעבט נישט צו דערלאָזן צו דער איינסקייט פֿון איטאַליע, ווייל אַ לאַנד קאָן נאָר דאַן איינזיך זיין און גליקלעך, ווען עס ווערט רעגירט נאָר פֿון איין איינציקער רעגירונג, אַליין איינס צי אַ רעפּובליק צי אַ מאָנאַרכיע, און נאָר די קירכע טראָגט די שולד דערפֿאַר, וואָס איטאַליע איז נישט איין איינהייטלעכע רעפּובליק אָדער מאָנאַרכיע, ווייל צוליב דער קירכע איז איטאַליע געוואָרן די רעזידענץ פֿון די פּויבסטן, וועלכע האָבן דאָ איינגעשטעלט זייער וועלטלעכע הערשאַפֿט. זיי האָבן נישט געהאַט גענוג אָנזען און קראַפֿט צו ווערן באַלעבאַטים איבער אַלע מעדינעס, פֿון וועלכע דאָס לאַנד באַשטייט; אָבער זיי זענען אויך נישט געווען אויף אַזוי פֿיל שוואַך, נישט צו קענען אַראָפּברענגען געוויסע פֿרעמדע קויכעס צו זייער פֿאַרטיידיקונג, ווען זיי האָבן מוירע געהאַט, אַז צוליב דער צו גרויסער און דראָענדיקער מאַכט־אַנטוויקלונג פֿון עטלעכע איטאַליענישע פֿירשטן זאָל נישט אונטערגעבראָכן ווערן זייער וועלטלעכע הערשאַפֿט" (מאַקיאַוועלי, רעדעס וועגן דעקאַדענץ פֿון טיטוס ליוויוס, קאַפּ. 12).

3. די האַלטונג פון דער קירכע נאָך דער בירגערלעכער רעוואָלוציע

קעדיי צו קאָנען אָפּשאַצן דעם וועג, וואָס די קאַטוילישע קירכע האָט דורכגעמאַכט, ביז זי איז געקומען צו איר בונד מיטן פאַשיזם, דאַרף מען נישט פאַרגעסן, וואָס פאַר א האַרטנעקיקן ווידערשטאַנד די זעלבע קירכע האָט געשטעלט דער בירגערלעכער רעוואָלוציע. ס׳איז גענוג צו דערמאָנען, אַז דער פויבסט האָט זיך אָפּגעזאָגט צוצושטיין צו דער „הייליקער אַליאַנס״, ווייל זי איז פאַר אים געווען נאָך נישט גענוג רעאַקציאָנער. דער פויבסט האָט זיך פאַרבונדן מיט די שפּאַנישע קאַרליסטן, מיטן גראַף שאַמבאָר און זיינע פראַנצויזישע פריינט און אויך מיט די פּאָרטוגאַלישע מיגועליסטן. דער פויבסט האָט געשטיצט דעם פוילישן אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד, און האָט נישט געוואָלט אָנערקענען די נייע ליבעראַלע קאָנסטיטוציעס פון דייטשלאַנד, בעלגיע און פראַנקרייך. דער פויבסט איז אויך געווען קעגן דער פאַרייניקונג פון איטאַליע, און די פאַרייניקונג איז טאַקע צושטאַנד געקומען קעגן זיין ווילן און אויף זיין כעשבן. קאַטאָליקן (זשאָזעף דע מעטר, דע באָנאַלד, האַלער, טאַפּאַרעלי ד׳אַצעליאָ) זענען געווען די אידעאָלאָגן פון לעצטן פעאָדאַלן ווידערשטאַנד קעגן דער בירגערלעכער רעוואָלוציע. די יעזוס-געזעלשאַפט, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן צום קאַמף קעגן דער רעפאָרמאַציע און איז שפּעטער אויפגעלייזט געוואָרן, איז פון ס׳ניי געוואָרן אויפגעבויט און פאַרשטאַרקט, קעדיי צו באַקעמפן דעם ליבעראַליזם. די קאַטאָליקן (לאַמענע, מאָנטאַלאַמבער, לאַקאָרדער), וועלכע האָבן זיך מיט טאָלעראַנץ באַצויגן צום ליבעראַליזם, זענען אויפן שאַרפסטן פאַרורטיילט געוואָרן. דער פויבסט האָט אין א רייע ענציקליקעס און לעסאָף אויך אינם סילאַבוס געשטעמפּלט דעם ליבעראַליזם, אַלס ערגסטע אַפּיקאָרסעס, און אונטער ליבעראַליזם האָט ער פאַרשטאַנען דעם פּרינציפּ פון פאָלקס - סוווערעניטעט, פון פּרעסע-פרייהייט און קאָאַליציע - רעכט, „וואָס מען דאַרף טאָמיד ווי אַמשאַרפסטן פאַרמיעסן און פאַרשעלטן״. אין אינטערנאַציאָנאַלע

פראגן איז דער פויבסט געבליבן טריי דעם וועסטפאלישן פרידן (1648), וועלכער האט פארמולירט דעם פרינציפ „וועמענס מאכט, דעמס רעליגיע" און האט געמוסערט די קעניגן, וועלכע האבן געמאכט האנאכעס דעם ליבעראליזם. און שליסלעך, אין זעלבן מאמענט, ווען די מאכט פון דער קירכע האט איבערגעלעבט א דערשיטערונג, זענען די יעזואיטן געווארן באאויפטראגט צו פארמולירן זייער פאליטישע לערע אין דער אויסגעשפראכנסטער פארם. ד"ר שולצע, קאטוילישער טעאלאגיע - פראפעסאר אין א דייטשן אוניווערזיטעט, האט אין זיין בוך „די מאכט פון די פויבסטן" פארמולירט די דאזיקע פאליטישע לערע אין א רייע זאצן, וואס שטיצן זיך אויף פאנטיפיקאלישע טעקסטן. עס איז זייער א באלערנדיקע שטעל, און ס'איז קעדאי זי דא קורץ צו דערמאנען:

1) די פאליטישע מאכט איז א פראדוקט פון טייוול און מוז אונטערגעווארפן ווערן דעם פויבסט, וואס זיין מאכט איז פון גאט;

2) די פאליטישע מאכט דארף אין אירע האנדלונגען זיך ריכטן לויט די באפעלן פון דער גייסטיקער מאכט;

3) נאר די קירכע האט דאס רעכט צו געבן אין אפצונעמען די מאכט;

4) דער פויבסט האט דאס רעכט צו שענקען די קאטוילישע פירשטן נישט-קאטוילישע לענדער און פעלקער, און די לעצטע קאנען צוריקגעפירט ווערן צו א רעזשים פון שקלאפעריי;

5) קריסטלעכע אונטערטאנער, וואס זייערע פירשטן אין הארן זענען געווארן ארייגעלייגט אין כיירעם, קאנען דורכן פויבסט לויט זיין איינזען איבערגעגעבן ווערן צו אנדערע באַלעבאטים;

6) די קירכע - געזעצן, וואס האבן א שאיכעס צו דער פריי-הייט פון דער קירכע און צו דער הערשאפט פונם פויבסט. זענען אינספירירט פון גאט;

7) דער קירכע געהער די צענזור איבער אלע ביכער און דרוק - שריפטן;

8) דער פויבסט האָט דאָס רעכט צו אַנולירן די געזעצן פון דער מעלוכע, אירע אָפּמאַכן און איר פּאָליטישע קאָנסטיטוציע; ער איז נישט מעכויעוו זיך אונטערצוואַרפן די דאָזיקע געזעצן, אויב ער האַלט, אַז זיי זענען קעגן די רעכט פון דער קירכע אין פון דער גייסטלעכשאַפט;

9) דער פויבסט האָט דאָס רעכט צו מאַכן פאַרוואָרפן די סו-ווערענען פאַר גאָט-לאָזיקייטן, און צוציען די שולדיקע צו אַ קירכן - געריכט, אויב ס'איז באַגאַנגען געוואָרן אַ שווערע זינד;

10) קיין שום גייסטלעכער און קירכע קאָנען נישט ווערן באַ-שטייערט אָן דער צושטימונג פונם פויבסט;

11) דער פויבסט קאָן באַפרייען פון אַ שווּע, וואָס מ'האָט געגעבן אַ קירכן - פאַרשאַלטענעם פירשט, און אויך פון כויוו צו זיין געהאָרכזאַם לעגאַבע אַזאַ פירשט און זיינע געזעצן;

12) דער פויבסט קאָן דערקלערן פאַר נישט גילטיק אַלע אָפּמאַכן און באַזונדערס די הייראַט, וואָס אַ קירכן - פאַרשאָלטע-נער האָט געשלאָסן, און אים שטעלן אויסערן שוץ פון געזעץ;

13) ווער עס הארגעט אַ קירכן - פאַרשאָלטענעם, איז נישט קיין מערדער אין יורידישן זינען פון וואָרט.

דאָס זענען די אידעאָלאָגישע מויערן, הינטער וועלכע די קאָ-טוילישע קירכע האָט זיך געשיצט פאַר דער בירגערלעכער רע-וואָלוציע.

די פויבסטן זענען געווען פעסט איבערצייגט, אַז די בירגער-לעכע רעוואָלוציע איז נאָר אַ צייטווייליקע דערשייגונג און דער צוריקקער פונם אַלטן רעזשים וועט לאַנג אויף זיך נישט לאָזן וואַרטן. די פויבסטן האָבן אַ טאָעס געהאַט, אָבער דעם זעלבן טאָעס האָבן געהאַט אויך די אידעאָלאָגן פון דער בורזשואַזיע, ווען זיי האָבן צוליב דער פאַרשטיינערטקייט פונם קאַטוילישן גע-דאַנק פאַרויסגעזאָגט דעם נאָענטן סאָף פון דער קירכע. אין איינע הונדערט יאָר אַרום טרעפן מיר שוין אַ גאַנצע רייע גייסט-לעכע, וועלכע פאַרנעמען, מיטן העסקעם פון פויבסט, פירנדיקע אַמטן אין די בירגערלעכע רעגירונגען: אין דייטשלאַנד דער פרע-לאַט קאַאַס, אין עסטרייך דער גאַלעך זייפּל, אין טשעכאָסלאָוואַקיי

גאַלעך קאַראַשעץ, שוין אָפּגערעדט פון זועלטלעכע קאַטאָליקן, וועלכע פאַרנעמען אין די אָנגערופענע און אין אַנדערע לענדער פאַרשיידענע אַמטן.

ווי אַזוי איז דאָס אַלץ געשען?

צווישן דער געזעלשאַפטלעכער עקספּאַנסיע פון דער בורזשואַזיע און צווישן איר עקאָנאָמישער און פּאָליטישער מאַכט איז געווען אַ גרויסע מעכיצע. די בורזשואַזיע איז אין ערגעץ נישט געווען אימשטאַנד דורכצופירן אַליין די אָרגאַניזירונג פון דער מעלוכע. זי האָט געמוזט זוכן פאַרמיטלער און העלפער צווישן די אַנדערע קלאַסן. זי האָט זיך געשאַפן אַ מעלוכע - פּערסאָנאַל, וועלכן זי האָט אונטער געוויסע גאַראַנטיעס צוגעקליבן אויסער אירע אייגענע רייען.

אין דער צייט פון דער בירגערלעכער רעוואָלוציע האָט די בורזשואַזיע געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצונעמען ביי די גייסטלעכע אַ רייע סאָציאַלע פונקציעס, וואָס זענען פריער געלעגן אין זייערע הענט, קעדיי אויסצומיידן אַ סאַבאָטאַזש מיצאַד די אָנהענגער פונם אַלטן רעזשים. אַ כוצן קלער האָט די בורזשואַזיע זיך געשאַפן נאָך אַנדערע פאַרמיטלער צווישן איר מעלוכע און דעם פאָלק. זי האָט צו דעם צוועק אויסגענוצט די וואַלן, די פאָלקס-פאַרטייען, די פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער - פאַראיינען. דער קלער האָט דערביי אָנגעווירן פיל פון זיינע פונקציעס. אין געוויסע אינדוסטריעלע געביטן האָט ער געמוזט אויפגעבן קימאַט אַלע זיינע אַמטן. אין דאָרף אָבער זענען די געשעענישן אַוועק מיט אַן אַנדער וועג.

אין איטאַליע, אין שפּאַניע, ווי אויך אין אַנדערע קאַטוילישע לענדער, איז דער גאַלעך אין דאָרף נאָך אַלץ דער וועגווייזער אין די סאָציאַלע באַציונגען צווישן די מענטשן; ער איז דער פאַר-מיטלער צווישן פאָטער און זון, צווישן מאַן און ווייב. צווישן גוט-באַזיצער און פויער, צווישן גאָט און מענטש. ער פאַרטייטשט די מינאָגים, וועלכע זענען נישט פאָרמולירט אין די געזעצ-ביכער. דער ציוויל - אַמט שטייט אונטער זיין לייטונג. זייער אָפט איז ער דער איינציקער, וואָס קאָן לערנען די באַפעלקערונג לייענען און

שרייבן. דאָס דאָרף האָט נישט קיין שום זייגער, אַכוץ דעם טורעם־זייגער — דאָס איז דער גלאָק פון דעם קירכן־שפּילן, וואָס גיט דעם סיגנאַל צום אויפשטיין, צום מיטאָג־ און אָוונט־עסן, צום שלאָפן גיין; דער גאַלעך איז דער, וואָס גיט אַרויס צייגנישן פון גוטער אויפפירונג, און ער באַשטימט אויך די שטייערקוואָטע פאַר יעדן איינעם. קורץ — די קירכע איז די מעלוכע אין שטרענגסטן זינען פון וואָרט. אינעווייניק אין די ראַמען פון דער בירגערלעכער מעלוכע, רעפּרעזענטירט די קאַטוילישע קירכע די אַגראַר־מעלוכע. אין מעשעך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט איז דער קאַמף אין די קאַטוילישע לענדער צווישן דער וועלטלעכער און קירכלעכער מאַכט געווען אַ קאַמף צווישן דער מעלוכע פון די שטעט און דער מעלוכע פון די דערפער.

דער ליבעראַלער אַנטי־קלעריקאַליזם, וועלכער האָט געפאָדערט אַ קאַמף קעגן קלער, האָט זיך אַרויסגעוויזן אָנמעכטיק צוליב דעם, וואָס ביי אַלע פּרוּוון צו פאַרנעמען דאָס אָרט פון די גייסטלעכע מיט זייערע קאָנסערוואַטיווע פונקציעס אין דאָרף האָט זיך די סאָציאַלע שוואַכקייט פון דער בורזשואַזיע אַרויסגעוויזן פאַר אַ מעניע נישט ביכוח צו קומען. און פון דער אַנדערער זייט האָט די פּריווילעגירטע שטעלונג אין דאָרף געהאָלפן דעם קלער איינצוהאַלטן זיין איינפלוס אויך צווישן דער שטאָטישער באַפעלקערונג, וועלכע איז זייער ענג פאַרבונדן מיטן דאָרף, און ספּעציעל צווישן די אָפּגעשטאַנענע שיכטן אינדוסטריע־אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך רעקרוטירט פון די האַנטווערקער און לאַנדאַרבעטער. נאָר אין יענע דאָרפישע קרייזן, ווו דער בורזשואַזיע האָט זיך איינגעגעבן צו העלפן שאַפן אַרבעטער־פאַריינען, ד. ה. דאָרט ווו איר האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען אַנדערע פאַרמיטלער — דאָרט האָט דער קירכן־גלאָק אָנגעווירן זיין ראָל און איז פאַרביטן געוואָרן דורכן פאָלקס־הויז. אָבער דאָס איז קימאַט אָן אויסנאַם געשען בלויז דאָרט, ווו די דאָרפישע באַפעלקערונג איז באַשטאַנען אין איר מערהייט פון לוין־אַרבעטער. אין די אַנדערע ערטער איז דער גאַלעך היינט נאָך אויך — די מעלוכע.

די דאָזיקע דערפאַרונג האָט קלאָר געמאַכט פאַר דער בור־

זישואַזיע, אַז זי דאַרף נישט פירן קיין אַנטי־קלעריקאַלע פּאָליטיק (אויסשליסן די גאַלאָכים פון וועלטלעכן לעבן) און נישט קיין קלעריקאַלע פּאָליטיק (צוריקשטעלן דעם אַלטן מאָנאָפּאָל פונם קלער אין פּריוואַטן לעבן), נאָר — אַן עקלעקטישע פּאָליטיק; זי מוז אויסנוצן אַלע מיטלען, וועלכע קענען העלפן אויפֿצוהאַלטן די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע אָרדענונג און די דיסציפּלין אין פאָלק; אין דאָרף מוז זי אויסנוצן די גאַלאָכים, און אין די שטעט — די קליינבירגערלעכע אַרבעטער־סעקרעטאַרן; זי מוז אויסשפּילן די פאַשיסטן קעגן די גאַלאָכים און קעגן די פּאַריסענע אין זייערע פאָדערונגען סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און אויב די געפאַר איז גאָר גרויס — איז אויסשפּילן די פאַשיסטן, די גייסטלעכע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן קעגן אייַנאַנד.

4. די עוואָלוציע

דער ערשטער מאַמאָשעסדיקער שריט אויף צו דערנענטערן די קאַטוילישע קירכע צו דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע איז געמאַכט געוואָרן אונטער דעם פּויבסט לעאָ דעם דרייצנטן („ענציקליקאַ רערום נאָוואַרום” 1891). דער אינהאַלט פון דער ענציקליקע איז געוואָרן אין די הענט פון קלער אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנער געווער אויף צו באַהערשן די מאַסן. אין דער ענציקליקע ווערט פּריוואַט־אייגנטום גענומען אין שוץ קעגן יעדן מין סאָציאַליזם:

„זאָל פאַרצייכנט ווערן, אַז די אַלע וואָס ווילן אויף אַן עמעס דעם ווויל פון פאָלק אַנערקענען, אַלס ערשטן גרונט־פּרינציפּ, די אומבאַרירלעכקייט פון פּריוואַט־אייגנטום:

די מעלוכע מוז זיין דער שטרענגסטער היטער פון פּריוואַט־אייגנטום.

„קוידעם קאָל איז נויטיק, אַז די עפנטלעכע געזעצן זאָלן באַשירעמען און באַשיצן דאָס פּריוואַט־אייגנטום. און כויץ דעם איז דאָס וויכטיקסטע ביי דער אויף אַלץ לויערנדיקער גיריקייט — צו האַלטן די מאַסן אין צוים פון פליכט”.

אויב די מאַסן לאָזן זיך מיטרייסן פון שלעכטע לערעס, טאָר

די מעלוכע זיך נישט וואקלען ארויסצוווייזן איר שטארקע האנט: „דאן זאל זיך אריינמישן די עפנטלעכע מאכט און זאל זי אפשטעלן די העצערייען פון די פירער, און שיצן די זייטן פון די ארבעטער פאר דעם מיכשל פון קארופציע, און דעם געזעצלעכן באזיץ פאר דער געפאר פון רויב".

ווער עס פריידיקט אפצושאפן קלאסן און פריוואט־אייגנטום, דער מוז אין נאמען פון מאראל — וואס ער צעשטערט איר יעסאד — געשטעלט ווערן אויסער געזעץ. אזוי דארף דאס קאאליציע־רעכט אויפן שארפסטן אויפן באגרענעצט ווערן. אויב אן ארגאניזאציע שטעלט זיך א ציל, וואס איז אין א שרייענדיקער סטירע צו דער רעכטלעכקייט און גערעכטיקייט און צו דער זיכערקייט פון דער מעלוכע, דאן האט די עפנטלעכע מאכט דאס רעכט צו פארווערן גרינדן אזא ארגאניזאציע, אדער זי אויפלייזן, אויב זי איז שוין געגרינדעט. פאר דער מעלוכע איז דאס דאזיקע רעכט א פליכט.

די דערנענטערונג צווישן דער קאטוילישער קירכע און דער קאפיטאליסטישער מעלוכע איז צושטאנד געקומען גלייכצייטיק אין דייטשלאנד, פראנקרייך און איטאליע. דער פוינט, וועלכן מען האט באדארפט באקעמפן אין די דריי לענדער, איז שוין איצט געווען נישט דער ליבעראליזם, נאר די דראענדיקע יונגע ארבעטער־באוועגונג. נאך דעם קולטור־קאמף, נאך די מאי־געזעצן און נאך דעם אנטי־קלעריקאלן פעריאד פון 1873—1875 איז געקומען צו א שאלעם צווישן ביסמארקן און דעם פויפסט, מאכמעס ס'איז נויטיק געווען אויפצושטעלן א דאמבע קעגן די סאציאלדעמאקראטן. אין א בארימטן בריוו צום ארציביסקופ פון קעלן (1878) האט לעא דער דרייצנטער אנגעבאטן די שטיצע פון דער קירכע „פאר דער סאציאלער און פאליטישער ארדענונג, וועלכע איז באדראט דורך בונטארישע און אוממאראלישע לערעס, דורך דעם מארקסיזם". פון 1880 ביז 1893 זענען אפגעשאפט געווארן אלע געזעצן, וועלכע האבן אין עפעס באגרענעצט די פרייהייט פון די דייטשע קאטאליקן. די „צענטרום"־פארטיי איז געווארן לעגאליזירט און האט פון דעמאלט אן געשפילט אין רייכסטאג די

ראָל פון אַ מאַנעווריר־פאַקטאָר (קו־האַנדל) קעגן דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע.

די שאָלעם־פּאָליטיק צווישן די קירכן־פירער און דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט קוידעם קאָל צווישן קאַטוילישן פויערטום; די אומצופרידנקייט האָט באַזונדערס אָנגעהויבן קומען צום אויסדרוק אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע אַרום 1904—1906. אין מערץ 1906 איז די צענטרום־פּאַרטיי אַריבער אין פּאַרלאַמענטאַרישער אָפּאָזיציע און האָט זיך פאַרבונדן מיט דער ס. ד. (שוואַרץ־רויטער בלאָק). די ליגע קעגן אינדעקס, די אַפּערעס ערהאַרדט און שניצער, די אַקציע פון די קאַטאָליקן פון מיונסטער — זענען די וויכטיקסטע עפּיזאָדן פון דער אָפּאָזיציע פון די קאַטוילישע שיכטן פונם קליינבירגערטום קעגן דער פּאָליטיק פון פאַרשטענדיקונג און צוזאַמענאַרבעט, ביי וועלכער עס האָט זיך געהאַלטן דער וואַטיקאַן און די קאַטוילישע גרויס־בורזשואַזיע. געווען זענען ביי די קאַטאָליקן צוויי ריכטונגען, אַ „קעלנער'' און אַ „בערלינער''. אָבער אויף דער פּאָליטיק פונם וואַטיקאַן האָבן געווירקט נישט אַזוי די פּרעטענזיעס פון די דעמאָקראַטישע קאַטאָליקן פון באַדען און ריינלאַנד, ווי דער דרוק פון די גרויסע גרונט־באַזיצער אין דער ערשטער רייע פון אויבערשלעזיע. עס איז פאַראַן אַ גאַנצע רייע דאָקומענטן, וועלכע באַווייזן, אַז דאָס, וואָס פירשט ביולאָוו האָט נישט געקאָנט זיך דערשלאָגן דירעקט ביים צענטרום, האָט ער סאָף קאָל סאָף דערגרייכט דורך אַן אינטערווענץ ביים פּויפּסט.

דער צווייטער עטאַפּ איז געוואָרן אָפּגעשלאָסן אין איטאַליע דורך דזשיאָליטין אין 1904, נאָך דעם אַלגעמיינעם שטרייק, וואָס עס האָט אַרויסגערופן דער לינקער פליגל פון דער סאָצ. פּאַרטיי (רעוואָלוציאָנערע סינדיקאַליסטן). באַלד נאָכן שטרייק האָט דזשיאָליטי פּראָקלאַמירט נייע וואַלן; ער האָט זיך דערביי פאַרשטענדיקט מיט פאַרשטייער פונם וואַטיקאַן, וועלכע האָבן אים צוגעזאָגט, אַז די קאַטאָליקן וועלן אין גאַנצן לאַנד שטיצן די רעגירונגס־קאַנדידאַטן. „אויפן גאַנצן האַלב־אינזל, באַזונדער אין לאָמבאַרדיע, ווענעציע און עמיליע, זענען אַנטשטאַנען קאַטוילישע

אַרבעטער־פֿאַרבאַנדן. די מיטגלידער פֿון די פֿאַרבאַנדן האָבן זיך
רעקרוטירט דער איקער אין דער לאַנדווירטשאַפֿט און אין דער
טעקסטיל־אינדוסטריע. אין 1903 האָבן די קאַטוילישע פּראָפֿע־
סיאָנעלע פֿאַרבאַנדן געציילט ביז 400 טויז. מיטגלידער, און האָבן
דאַן אָפּגעהאַלטן אַ קאָנגרעס אין באָלאָניע. דער קאָנגרעס האָט
פּראָקלאַמירט, אַז די קאַטוילישע פֿאַרבאַנדן דאַרפֿן זיין לויט
זייער גייסט און לויט זייערע פֿירער שטרענג קאָנפֿעסיאָנעל און
אַנטי־רעוואָלוציאָנער. און כאָטש זיי באַשטייען נאָר פֿון פּראָלע־
טאַרישע עלעמענטן, דאַרף פֿונדעסטוועגן זייער ציל זיין דאָס צו־
זאַמענווירקן פֿון קאַפּיטאַל און אַרבעט" (בואָדזי און ניטי, גע־
שיכטע פֿון איטאַליענישער פּראָפֿ. באַוועגונג, ז. 17). דעם 11־טן
יוני 1905 האָט דער פּויפּסט דורך אַ נייער ענציקליקע דערלויבט
די איטאַליענישע קאַטאָליקן צו באַטייליקן זיך אין פּאַרלאַמענ־
טאַרישן לעבן „צוליב דעם העכסטן סאָציאַלן וויל, וואָס דאַרף פֿאַר
יעדן פּרייז ווערן געשאַצט". אין 1913, ערעוו וואַלן, האָט דזשיאָ־
ליטי ווידער געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט די קאַטאָליקן, און
ס'איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך, וואָס האָט דעמאָלט אומעטום
געמאַכט אַ גרויסן רוישעם.

דער וויכטיקסטער שריט אָבער אויפֿן וועג פֿון איינגלידערן די
קאַטוילישע קירכע אין דער דיקטאַטור־סיסטעם פֿון דער בורזשו־
אַזיע איז געמאַכט געוואָרן ערשט נאָך דעם וועלט־קריג. אין אי־
טאַליע האָט דער פּויבסט בענעדיקט דער 15־טער צום ערשטן מאָל
געגעבן זיין העסקעם אויף דער גרינדונג פֿון אַ קאַטוילישער פּאָ־
ליטישער פּאַרטיי. וועגן דער אַקטיוויטעט פֿון אָט דער פּאַרטיי ביים
דערשטיקן די פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין איטאַליע האָבן מיר
שוין געגוג גערעדט. די גייסטלעכע, וועלכע האָבן פֿאַרן קריג ביכ־
לאַל זיך דירעקט נישט באַטייליקט אין פּאָליטישן קאַמף, זענען
איצט, נאָכן קריג, געוואָרן מאָביליזירט צום שוץ פֿון דער באַדראָ־
טער אָרדענונג. אין אַלע לענדער פֿון אייראָפּע האָבן זיי געשפּילט
צווישן דער פּויערשער באַפֿעלקערונג אַ רעאַקציאָנערע ראָל: צו־
ערשט האָבן זיי זיך באַמיט צו פֿאַרקערעווען דעם רעוואָלוציאָנערן

לאַמף פֿון די פּויערן פֿאַר אַן אַגראַר־רעפֿאָרם אויף דעם קראַפּט־לאָזן וועג פֿון זוכן אַ פֿרידלעכע לייזונג; דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן העצן די פּויערן קעגן די שטאָטישע אַרבעטער, וועלכע זענען קלוימערשט פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר די הויכע פּרייזן פֿון די אינדוסטריעלע סכוירעס און פֿאַר די גרויסע לאַסטן, וואָס די מעלוכע לייגט אַרויף; און צום סאָף האָבן זיי גענומען שטיצן דעם פֿאַשיזם און געוואָרן זיינע דינער. און אומעטום, ווו דער פֿאַשיזם האָט געזיגט, האָט ער דערפֿאַר אויך די קאַטוילישע פּויערן איינגעשפּאַנט אין יאָך פֿון שקלאַפֿעריי.

„די סאָציאַלע אָנשויאונגען פֿון דער קאַטוילישער פֿאָלקס־פּאַרטיי — זאָגט באָנאָמי — האָבן דעם גינסטיקן באָדן געפֿונען אין דאָרף, ווו עס איז מער פֿאַרשפּרייט קליין־באַזיץ און געמיינזאַמער באָדן־נוץ, און אויך אין די קליינע שטעטלעך, ווו די באַפֿעלקערונג איז אין איר ראָוו אַ האַנטווערקערישע... אַז די כוואַליע פֿון באָלשעוויסטישן סאָציאַליזם — וואָס איז אין דער ווירקלעכקייט געווען אַ ברוטאַלע רעאַקציע פֿון די מילכאָמע־געליטענע אָרעמע קעגן די רייכע — האָט אָנגעהויבן געפֿערלעך שטייגן אין אַלע געגנטן פֿון איטאַליע, האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף די מאַסן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אונטער דער ווירקונג פֿון דער פּראָפּאַגאַנדע פֿון די קריסטלעכע דעמאָקראַטן און פֿון דער פֿאָלקס־פּאַרטיי’’ (קאַטוילישע פּאַרטיי). די דאָזיקע מאַסן האָבן אַזוי אַרום אומבאַוווּסט גענומען אויף זיך די ראָל פֿון אַ נויט־שוץ אָדער פֿון אַ טאָרמאַז’’ (באָנאָמי).

די קאַטוילישע פּויערן־מאַסע, פֿאַרוויגט דורך דער דעמאַגאָגיע פֿון אירע פֿירער, האָט געקעמפֿט, אַליין עס נישט באַמערקנדיק, קעגן דער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג; אָבער די פֿירער האָבן זייער גוט געוווּסט, וואָס דער וואַטיקאַן פֿאַרלאַנגט פֿון זיי.

אַזוי איז די דערנענטערונג צווישן דער קירכע און דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע פֿאָרגעקומען אין מעשעך פֿון גאַנצן לעצטן יאָרהונדערט, און שטענדיק איז אין איר יעסאָד געווען דער ווילן צו דערהאַלטן די עקזיסטירנדיקע סאָציאַלע אָרדענונג און צו פֿירן

דעם קאַמף קעגן דער באַפרייאונגס־באַוועגונג פון דער אַרבעטער שאַפט.

אויך ביים לעצטן און אַנטשיידנדיקן עטאַפּ — ביים שליסן דעם לאַטעראַן־אָפּמאַך אין איטאַליע — האָט געווירקט דער זעל־בער גרונט. די פּערספּעקטיוו פון די קאַטאַסטראָפאַלע פאָלגן, וואָס דער רעוואָלוציאָנערער צוזאַמענברוך פונם פאַשיזם וואָלט געהאַט פאַר דער איצטיקער איטאַליענישער געזעלשאַפט, האָט נאָר פאַר־שטאַרקט נאָך דעם דראַנג צו פאַרבינדן זיך מיט דער הערשנדיקער מאַכט.

5. קאַטוילישער פאַשיזם

די קירכע, וועלכע דינט היינט דעם פינאַנץ־קאַפּיטאַל סיי אין די מעטראָפּאָלעס און סיי אין די קאָלאָניעס, האָט שוין לאַנג אויפגעהערט צו זיין די פעאָדאַלע אינסטיטוציע, וואָס זי איז גע־ווען אין פאַריקן יאָרהונדערט. עס האָט זיך אין מעשעך פון לעצטן יאָרהונדערט אומאויפהערלעך געענדערט דער סאָציאַלער באַזיס פון דער קירכע, און צוזאַמען דערמיט זענען אין איר אויך פאָר־געקומען גרויסע אידעאָלאָגישע פאַרענדערונגען. עס איז לעפּאָנים געבליבן די אַלטע הילע, די אַלטע אידעאָלאָגיע, די אַלטע אָרגאַ־ניזאַציע — פון פעאָדאַלן טיפּ, אָבער פאַקטיש האָט זיך די קירכע פאַרוואַנדלט אין אַ העכסט מאָדערנע אָרגאַניזאַציע מיט אינדוסט־ריע און באַנק־פאַרמעגן און מיט אַ היפּשן ביילעק אין קאָלאָ־ניאַלן רויב. דער פינאַנץ־קאַפּיטאַל גיט איבער דער קירכע די ספּעציעלע ראָל פון אויספּאַמפּען די פויערשע אָפּשפּאָרונגען: זיי שטראָמען אין די גרויסע בענק דורך די צאָלרייכע קאַנאַלן פון די דאָרפישע ווירטשאַפט־אָרגאַניזאַציעס, אין וועלכע עס באַלעבאַ־טעוועט דער קלער. אָן דער קירכע וואָלטן זיך אָט די קאַפּיטאַלן נישט געלאָזט אויפזאַמלען.

מיר קאָנען זיך דאָ נישט אָפּשטעלן לענגער אויף יענע אַלע דערשיינונגען, וועלכע מאַכן קלאָר דעם היינטיקן קאַפּיטאַליס־טישן באַזיס פון דער קירכע און אירע ספּעציעלע פונקציעס אינם מעכאַניזם פונם פינאַנץ־קאַפּיטאַל. די טרייב־קראַפט, וועל־

בע האָט באַוויזן דעם פּויבסט צו פֿאַרבינדן זיך מיטן פֿאַשיזם, איז — די נאַטירלעכע שטרעבונג פֿונם פֿינאַנץ־קאַפּיטאַל צו וואָס אַ גרעסערער צענטראַליזאַציע. אין לויף פֿון לעצטן קריזיס האָט מוסאָליני אַליין צוגעגעבן, אַז דער שאָדן, וואָס די קאַטוילישע פֿויערן האָבן געליטן, צוליב דעם וואָס די אָנגעפּירטע דורכן קלער בענק האָבן געפּלאַצט און געמוזט דורך אַנדערע פֿינאַנץ־אינסטיטוציעס סאַנירט ווערן, באַטרעפֿט איבער אַ מיליאַרד ליר. קעדיי צו פֿאַרשטיין די איטאַליענישע פּאָליטיק פֿונם וואַטיקאַן, איז אַ סאַך וויכטיקער צו שטודירן די בילאַנסן פֿון דער „באַנק פֿון רוים", ווי די פּויפּסטלעכע ענציקליקעס. אַכוץ דעם פֿירט דער קלער אַ סאָציאַלע טעטיקייט; אַלס ספּעציאַליזירטער פּערסאָנאַל, טוט ער די אַרבעט פֿון אָרגאַניזירן דאָס דאָרף.

צום 40־טן יאָר־טאָג פֿון דער ענציקליקע „רערום נאָוואַרום" האָט דער פּויפּסט פּיוס דער עלפֿטער אַרויסגעגעבן אַ נייע ענציקליקע „קוואַדראַגעזימאָ אַננאָ" („אין פֿערציקסטן יאָר"), אין וועלכער ער רעדט אַרום די נייע פֿליכטן פֿון די קאַטאָליקן און די נייע פֿאָרמען פֿון ק[?]אַסן־קאַמף. „קוואַדראַגעזימאָ אַננאָ" קאָן מען באַטראַכטן, אַלס ענציקליקע פֿונם וועלט־קריזיס. טיף־גרייכנדיקע פֿאַרענדערונגען — זאָגט זיך אין איר — זענען געשען: „זייט לעאָ דער דרייצענטער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זיין ענציקליקע, האָט די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם שטאַרק אינדוסטריאַליזירט די וועלט און דורך דעם באַדייטנד אויסגעברייטערט איר ווירקונג; די סיסטעם האָט אַריינגענומען אין איר ווירק־קרייז די ווירטשאַפֿטלעכע און סאָציאַלע עקזיסטענץ אַפֿילע פֿון די, וואָס האָבן זיך געפֿונען אויסער אירע ראַמען, און זי האָט דערבײַ געגעבן צו פֿילן נישט נאָר אירע מאַילעס, נאָר אויך אירע כעסרוינעס, זי האָט אויף זיי אַרויפֿגעדריקט אַזוי צו זאָגן דעם שטעמפּל פֿון איר אייגענער נאַטור". „קוואַדראַגעזימאָ אַננאָ" שטרייכט אונטער נאָך אַ אַנדער וויכטיקע פֿאַרענדערונג: די שפּאַלטונג אויף קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן. לעגאַבע די קאָמוניסטן פֿאָדערט די ענציקליקע אומראַכמאָנעסדיקע אונטערדריקונג, און פּראָטעסטירט קעגן דער פּאַסיווקייט פֿון די רעגירונגען: „נישט אָן טיפֿן

וויטאָג קוקן מיר זיך צו צו דער אָפּגעלאָזנקייט פון די, וועלכע גיבן זיך אַפּאָנעם נישט אָפּ קיין כעשבן פון דער אוממיטלבאַרער געפאַר און זיי דולדן אין זייער שרעקעוודיקער פאַסיווקייט די אומעטום פאַרשפּרייטע לערעס, וועלכע פריידיקן די פאַרניכטונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפט דורך געוואַלט און מאָרד. באַזונדער דאַרפן פאַר זייער פאַסיווקייט פאַראַורטיילט ווערן די, וועלכע איילן זיך נישט צו באַזייטיקן אָדער צו ענדערן דעם דאָזיקן צושטאַנד, די וועלכע לאָזן אויפרייצן דעם גייסט פון די מאַסן און גרייטן אַזוי אָרום צו די באַדינגונגען פאַר דעם כורבן פון דער געזעלשאַפט".

און די סאָציאַליסטן? זיי זענען „פאַרנינפטיקער", אָבער מען טאָר זיך נישט לאָזן פאַרפירן — עס קאָן קיין שום קאָמפּראָמיס נישט זיין מיט סאָציאַליסטן.

וואָסער מיטל זאָל מען אָנווענדן אין אָט דער לאַגע? דער ענטפער פונם פויפּסט לאָזט נישט צו קיין צוויי טייטשונגען: די רעטונג איז אינם פאַשיזם, אין אַ קאַטוילישן פאַשיזם. דער פאַשיזם פונם וואַטיקאַן האָט צוויי פראָנטן, וואָס צילן ביידע אין איין ריכטונג: ווייסער טעראָר און קאָרפּאָראַציעס. דער ווייסער טעראָר דאַרף צעקלאַפּן די קאָמוניסטישע באַוועגונג, די קאָרפּאָראַציעס דאַרפן איינגלידערן די מאַסן אין דער קאַפּיטאַליסטישער סיסטעם, נישט לאָזן די מאַסן האַנדלען זעלבשטענדיק.

ווי אַלע זיינע פאָרגייער, האָט אויך פּיוס דער עלפטער נישט פאַרגעסן צו דערקלערן דאָס אייגנטום־רעכט פאַרן יעסאָד פון יעדער סאָציאַלער אָרדענונג. ער האָט דאָס אויסגעדריקט אין אַ גאַנץ שאַרפער פאָרם — אַז ס'איז פאַלש צו מיינען, אַז „דאָס אייגנטום־רעכט האָט זיך איבערגעלעבט, צוליב דעם וואָס מ'האָט מיט דעם מיסגעברויכט, אָדער ווייל מ'האָט דאָס אייגנטום נישט גענוצט". „קוואַדראַגעזימאָ אַננאָ" איז דער מאַניפעסט פון קאַטוילישן פאַשיזם, וועלכער שטעלט אַרויס זיין קאַנדידאַטור אויף רעטער פון דער קאַפּיטאַליסטישער ציוויליזאַציע. מען האָט זייער אַ גרויסן ווען געמאַכט פון אַ שפּעטערדיקער ענציקליקע (פון 28 יוני 1931), אין וועלכער פּיוס דער עלפטער גרייפט אָן דעם

איטאַליענישן פאַשיזם. אָבער די דאָזיקע ענציקליקע באַשטעטיקט נאָר דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אָקאָרשט געזאָגט. דער פּויפּסט דערמאָנט אין אָט דער ענציקליקע די מאָטיוון, צוליב וועלכע דער קאַטויליציזם איז שולדיק אַ דאַנק דעם פאַשיזם: „דער קלער, די בּיסקופשאַפט און דער הייליקער שטול גופא — האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן, וואָס פאַר די יאָרן איז געטון געוואָרן לטובת דער רעליגיע און צוליב איר פּריווילעגירטקייט".

דער פּויפּסט פאַרגעסט אָבער אויך נישט אָנצווייזן די טאַ־מים, צוליב וועלכע דער פאַשיזם דאַרף פון זיין זייט זיין דאַנקבּאַר דער קירכע. דער פאַשיזם וואַרפט פאַר די רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס, אַז זיי האָבן אין זייער שוים אויפגענומען די מיטגלידער פון דער אַלטער פאָלקס־פּאַרטיי. אָבער דאָס איז געשען לטובת דעם פאַשיזם, ענטפערט דער פּויבּסט. אויב דער רעזשים און די פּאַרטיי (די פאַשיסטישע) שרעקן זיך אַזוי פאַר דער פאַשיסטישער קראַפט פון די מיטגלידער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, דאַרפן זיי דאָך דאַנק־באַר זיין דער „קאַטוילישער אַקציע", וועלכע האָט די דאָזיקע מיט־גלידער אַוועקגענומען פון פּאָליטישן באָדן, מיט דער פאָרמעלער פאַרפּליכטונג צו האַלטן זיך אין אַ זייט פון יעדער פּאָליטישער טעטיקייט און זיך אָפּגעבן נאָר מיט רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן.

6. צו וועמען געהערט די יוגנט?

וואָס, אַלזאָ, איז געווען דער זינען פון דער אַזוי־גערופענער „אַנטי־פאַשיסטישער" ענציקליקע פון 28 יוני 1931?

דעם שטוים צו דער ענציקליקע האָט געגעבן דאָס, וואָס די רע־גירונג האָט פאַנאַנדערגעלאָזט אַלע קאַטוילישע יוגנט־אָרגאַניזאַ־ציעס. לויט „אָבסערוואַטאָרע ראָמאַנאָ" — אָרגאַן פון וואַטיקאַן — איז דער מיטגלידער־באַשטאַנד פון די קאַטוילישע אָרגאַניזאַציעס אין איטאַליע געווען אַזאַ:

פאַרבּאַנד פון קאַטוילישע מענער 2 טויז. סעקציעס — 80 טויז. מאַן;

קאַטוילישע יוגנט — 4 טויז. גרופּעס, 300 טויז. מאַן;

קאַטוילישע מיידלעך — 4 טויז. גרופּעס, 380 טויז.;

פארבאנד פון קאטוילישע פרויען — 65 גרופעס, 200 טויז.;

קאטוילישע הויכשול־פעדעראציע — 30 גרופעס מיט עטלעכע טויז. מיטגלידער;

די אלגעמיינע צאל ארגאניזירטע אין דער איטאליענישער „קאטוילישער אקציע" מאכט אויס ביז 880 טויז. מאן.

אן אויבן־אויפיקער אנאליז פון אט די קויכעס (אין א לאנד פון 40 מיליאן באפעלקערונג, ביי דער אויסערסט שוואכער טענ־דענץ צו ארגאניזירונג, איז דאס זייער גרויסע קויכעס) ווייזט, אז ציפערמעסיק האט די קאטוילישע באוועגונג ווייט איבערגעשטיגן די פאשיסטישע:

א) צווישן די פרויען האט די קירכע 200 טויז. ארגאניזירטע, און דער פאשיזם נאר 66 טויז.

ב) צווישן די מיידלעך זענען די ענטשפרעכיקע צאלן 380 און 49 טויזנט.

ג) צווישן די יונגע פויערן. קיין גענויע ציפערן האבן מיר נישט, אבער אלע האלטן, אז די קירכע האט אויך דא נישט אן איירעך מער ארגאניזירטע, איידער דער פאשיזם.

און אויב מיר ווען פון די צאלן איבערגיין צו דער אייכעס, קומט אוואדע די בכוירע דעם קאטוליציזם: מען קאן דאך נישט לייקענען, אז זיינע ארגאניזאציעס צייכענען זיך אויס מיט אידעא־לאגישער געמיינזאמקייט און די ווערבירונג איז אין זיי א פרייווי־ליקע. ביי די פאשיסטישע ארגאניזאציעס איז די לאגע פונקט א פארקערטע: די אידעאלאגישע דערציונג באגרענעצט זיך צו צערע־מאניעס פון נאציאנאלן כאראקטער און צו א פארהערלעכונג פון מוסאליניז, אלס „גרעסטן מענטש, וואס איז ווען עס איז געווען אויף דער ערד", און די צוגעהעריקייט צו דער ארגאניזאציע איז זייער אפט א געצוווונגענע — צום ביישפיל, אין די סעקונדער־שולן און ביי געווויסע קאטעגאריעס באאמטינס, ווי לערערינס, אקושערקעס, קראנקן־שוועסטער, פאסט־באאמטינס א. א. וו. צווישן די ארבעטערינס האבן די פאשיסטן קיין שום איינפלוס נישט; דאקעגן, די קאטאליקן באהערשן קעסיידער די מערהייט טעקסטיל־ארבעטערינס און פעלד־ארבעטערינס. שווערער איז אונז געווען

פעסטצושטעלן דעם איינפלוס פון די קאטוילישע ארגאניזאציעס צווישן די פויערן, ווייל די מערהייט אמאליקע מיטגלידער פון די קאטוילישע פויערן־פארבאנדן זענען פארבליבן אין די „לאנדווירט־שאפטלעכע קליין־קרעדיט־קאסעס", וואס זייער צאל האט אויס־געמאכט 200 אין יאר 1925, 600 אין 1926, 1000 אין 1927 און צום מאמענט ווען די קירכע האט זיך פארבונדן מיטן פא־שיזם — 1500.

דעם וווקס פון דער צאל „קאסעס" און פון אנדערע מינים קאטויליש־פויערשע ארגאניזאציעס קאן מען דערקלערן נאר מיט א געוויסן צושטראם פון אנטי־פאשיסטיש געשטימטע פויערשע מאסן, וועלכע זענען נאך דער אויפלייזונג פון די אלטע קלאסן ארגאניזאציעס געבליבן אן א פירונג. אזוי ווי די קאטוילישע קרייזן האבן געהאט א שעם אין דארף, אז זיי זענען נישט אפהענגיק פונם פאשיזם און פארנעמען אפט אן אפאזיציאנעלע שטעלונג צו אים, איז נישט קיין וואונדער, אז זיי האבן צוגעצויגן צו זיך די סימ־פאטיעס פון פיל ארבעטער, באזונדער פון יוגנטלעכע. די דאזיקע עלעמענטן האבן טאקע אין א געוויסער מאס באשטימט די האנד־לונגען פונם וואטיקאן.

די איצטיקע פאליטיק פון דער קירכע איז א פראדוקט פון קעגנזייטלעכע ווירקונגען אויף איר מיצאד איר באזע; פון איין זייט די באנקירן און גרויסע גרונט־באזיצער, די געשוווירענע עלעמענטן פון פאשיסטישן בלאק; פון דער אנדערער זייט די פויערן, וועלכע ליידן שווער פונם ווירטשאפט־קריזיס און זענען שוין אויסגעצויגן ביזן מארך. קעדיי צו בארויקן די פויערן, שרייבט פיוס דער עלפטער ענציקליקעס; און אויס געהארזאמקייט לעגאבע די געלט־מאגנאטן שטיצט ער די מאכט־דיסציפלין אין דארף. אויב מען נעמט אין אכט די דערפארונג פון שפאניע, דאן איז נישט שווער צו פארשטיין, אז די ווארט־אפאזיציע פונם וואטיקאן קעגן דעם פאשיזם איז אן אויסדרוק פון זיין ערנסטער זארג פאר דער צוקונפט. דער וואטיקאן וויל פארבארגן די קייטן, וועלכע האלטן אים געבונדן מיטן אימפעריאליסטישן קאפיטאליזם, אבער אויפרייסן די קייטן — דאס קאן ער נישט. אין אלע לענדער

איז דער קאטויליציזם א טרייער פארבינדעטער פונם פאשיזם.

די צאָל קאטאָליקן אין פארשידענע וועלט־טיילן ווערט פארשידן אָנגעגעבן; אָבער אומאָפּהענגיק דערפון מוז מען אונטערשטרייכן דעם פאקט, אז דער קירכלעכער אפאראט אליין נעמט ארום עטלעכע הונדערט טויזנט גייסטלעכע (אין איטאליע אליין 70 טויז.), 1400 בישאָפן און 50 נונציושן, ד. ה. אז דער וואטיקאן געפינט זיך אין דיפלאָמאטישע באציונגען מיט 50 מעלוכעס. עס פעלן נישט קיין ביישפילן פון רעאקציאָנערער אריינמישונג פון די פויבסטלעכע באטשאפטער אין דער אינערן־פּאָליטיק פון די לענדער, ווו זיי זענען אקרעדיטירט. א באשטעטיקונג דערפון האָבן מיר געפונען אין אָפיציעלן האנט־בוך פון דער וואטיקאנישער דיפלאָמאטיע. מיר מיינען די „דיפלאָמאטישע לעקציעס פארן פויבסטלעכן סעמינאר אין רוים", פארפאסט פון מאגיסטער גוביאָ:

„דורך דער פארמיטלונג פון די נונציושן — לייענען מיר דאָרטן — קאָנען די רעגירונגען דערגרייכן זאכן, וואָס דירעקט וואָלטן זיי נישט געקאָנט זיי דערגרייכן. באזונדער אין קאָנסטיטוציאָנעלע מעלוכעס מיט אן אלמעכטיקן פארלאמענט איז דעם נונציוש דערלויבט צו העלפן א רעגירונג צו שאפן זיך א מערהייט, אָן וועלכער זי וואָלט געמוזט פאלן. דער איינפלוס פונם נונציוש קאָן איבערראשנדיקע ווירקונגען דערגרייכן, ער קאָן א באזיגטער רעגירונג העלפן צו זיגן" (ז. 216).

דאָס זענען קלאָרע דיבורים!

אזוי אינטערווענירט דער פויבסט און גיט דורך זיינע נונציושן דירעקטיוון אלע מאָל, ווען דער דרוק פון די קאטוילישע פויערשע מאסן ווערט אזוי שטארק, אז זייערע פירער הויבן אָן זיך אָפּצוזייסן פונם גרויס־קאפיטאל און שטעלן דערמיט אין סאקאָנע די אָרדענונג: „גיט אכטונג אויף דעם גייסט פון אומאָרדענונג, דאָס איז דער סאָטן, וואָס הייסט באָלשעוויזם".

קאַפּיטל 14

די פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע

1. פאַשיזם און אידעאָלאָגיע

ווען אַ רעאַקציאָנערער באַוועגונג קאָן מען נישט אורטיילן לויט איר אידעאָלאָגיע. „די רעאַקציע ווייזט נישט איר עמעסדיק געזיכט, און ווען זי קומט צו אונז צום ערשטן מאָל, זאָגט זי נישט: איך בין די רעאַקציע. קוקט אייך צו אַביסל צו דער געשיכטע: יעדע רעאַקציע האָט אַלע מאָל גערעדט וועגן דעם, אַז מען ברויכט צו האָבן עמעסע פרייהייט, אַז מען מוז צוריק אויפשטעלן די מאָראַלישע אָרדענונג...״ (פּ. דע־סאַנקטיס, פון אַ פּאַרלאַמענט־רעדע געהאַלטן אין 1878).

דער פאַשיזם האָט גרויס אַכט געלייגט דערויף, אַז די מאַטעריעלע און סאָציאַלע מאָטיוון פון זיינע האַנדלונגען זאָלן בלייבן פאַרשלייערט, מען זאָל זיי נישט דערקענען. אין יעדער פאַזע פון זיין אַנטוויקלונג האָט ער געשאַפן אַ צוגעפּאַסטע אידעאָלאָגיע, און זיך באַמיט צו דערשטיקן די שפּראַך פון פאַקטן אין אַ מאַבל פון ווערטער. אָבער ער האָט זיך דערביי אָנגעשטויסן און שטויסט זיך נאָך היינט אָן אויף גרויסע שוועריקייטן.

נישט פאַראַן אין איטאַליע קיין שום אָנגעזעענער שיכט פון אינטעליגענץ, וואָס זאָל אַרויסווייזן אַן איינהייטלעכן אויפן פון באַטראַכטן פאַקטן פון לעבן, וואָס זאָל האָבן אַן איינהייטלעכן מעטאָד אינם טייטשן די פאַרגאַנגענע און נייסטע געשיכטע פונם לאַנד, וואָס זאָל באַזיצן אַן איינהייטלעכע סיסטעם פון עסטעטישע, מאָראַלישע, סאָציאַלע און פילאָזאָפישע ווערטן, ד. ה. אַן איינהייטלעכע קולטור, און איינהייטלעכע פילאָזאָפיע.

די אינטעליגענץ פון איטאַליע איז דורך די פּאָליטישע געשעענישן פון די לעצטע 15 יאָר געוואָרן איבעררראַשט, צעטומלט,

צעריסן און דעזאָריענטירט, נאָך מער ווי זי איז געווען פריער שוין, לויט טראַדיציע. די אויסערלעכע געשלאָסנקייט, דיסציפּלין און גלייכאַרטיקייט, וועלכע דער פאַשיזם האָט דורכגעזעצט זייט 10 יאָר, קאָנען נישט אינגאַנצן דערשטיקן די פאַרשידענע גייסטיקע שטרעמונגען, וועלכע זענען פאַראַן צווישן קליינע קרייזן אינטעליגענץ; אָבער די דאָזיקע שטרעמונגען האָבן נישט קיין גרעסערן אָפּקלאַנג איבער די ראַמען פון זייער ענגן קרייז, עס פעלט זיי יעטוועדער שטיץ־פּונקט, ווייל מייסטנס זענען עס רעשטן פון היסטאָריש איבערגעלעבטע גייסטיקע שטרעמונגען, אינדיווידועלע רעאַגירונגען אויף דער אומגעהויערער פאַניק, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט צווישן קליין־בירגערטום נאָך דעם ביין האַשמאָשעם פון דער דעמאָקראַטיע. מייסטנס האָבן די דאָזיקע גייסטיקע שטרעמונגען נאָר אַ לאָקאַלע באַדייטונג: זיי זענען אַ שטיק איטאַליענישער פאָלקס־שטייגער, ווי נעאַפּאָלער מאַקאַראָנעס אָדער מילאַנער רייז. עס קאָן זיי נאָר דער פאַרשטיין, ווער עס פילט זיך אין איטאַליענישע פראַגן, ווי ביי זיך אין דער היים.

2. פאַרניכטונג פונם ליבעראַליזם

דורך דעם פאַשיזם און צוזאַמען מיט אים האָט זיך געוואַלדיק געענדערט די גאַנצע גייסטיקע אַטמאָספער פון איטאַליע.

פאַרן פאַשיזם איז דער ליבעראַליזם געווען די אָפיציעלע דאָקטרין פון דער מעלוכע. דורך דער עלעמענטאַר־שול איז די דאָזיקע דאָקטרין אַריינגעדרונגען ביז אין די מאַסן אַריין, אין דער פאָרם פון אַ קולט פאַר די העלדן פון דער מעלוכע־פאַרייניקונג און אין דער פאָרם פון אַנטי־קלעריקאַליזם. אַ וויכטיקע ראָל אין אָט דער אָפיציעלער אידעאָלאָגיע האָט געשפּילט דער נאַציאָנאַליטעטן־פּרינציפּ, דאָס רעכט פון יעדער נאַציאָנאַלער מינדערהייט זיך אָנצושליסן אין איר פאָטערלאַנד. דער פאַשיזם האָט דאָס אַליץ צו נישט געמאַכט. מוסאָליני לאָזט נישט אַדורך קיין שום געלעגנהייט צו טרייבן כוויזעק פון דעם „פרייהייט־באַרמינאַן, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן צו פוילן“. אָנשטאָט דעם אַמאָליקן אַנטי־קלעריקאַליזם, האָט ער איינגעפירט אַ נייעם קלעריקאַליזם,

נאָך אַ פיל ערגערן. וואָס איז שייך ווידער דעם נאַציאָנאַליטעטן־פרינציפ, איז עפשער קיין רעזשים נישט געווען נאָך אַזוי האַרט פאַר די מינדערהייטן, ווי דער פאַשיזם איז אין באַצוג צו די קראָאַטן און סלאָווענער פון ווענעציע דזשוליע. אויפן קולטור־געביט איז פאַרן פאַשיזם די הערשענדע שטרעמונג געווען דער פילאָזאָפישער אידעאַליזם פון קראָטשע. די אָפּשפּאַלטונג פון די אַקטואַליסטן, אונטער דער פירונג פון ג. דזשענטילע, האָט אַ גרויסע צעמישונג אַריינגעבראַכט אין אָט דער שטרעמונג. קראָטשעס אָנהענגער בלייבן ביי די פאָרמולירטע אין דער עסטעטיק אָנשווינגען, אָבער זיי ווערן שאַרף באַקעמפט דורך דזשענטילעס אָנהענגער פאַר זייערע פילאָזאָפישע און פּאָליטישע אָנשויאונגען, וועלכע זענען טאַקע געווען די סיבה פון דער שפּאַלטונג. אַסאַך פון די, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען נאָך קראָטשע און דזשענטילע, ביידע זיי זענען געווען נאָך אייניק, האָבן נאָך דער שפּאַלטונג זיך אַזוי אָן אייצע געגעבן, אַז זיי האָבן ווייטער געדינט ביידן: אין זאַכן פון קונסט האָבן זיי געפאָלגט קראָטשען, און אין אַלע אַנדערע פראַגן זענען זיי געבליבן אָנהענגער פון דזשענטילען. אַזוי למשל, זענען רוסאָ, ערקאָלע, רעדזשיאָ און פלאָראַ פאַשיסטן־אַקטואַליסטן, אָבער אין עסטעטישע אָנגעלעגנהייטן האַלטן זיי זיך ווייטער פאַר כסידים פון קראָטשע. דאָס באַווייזט, אַז דער ווירקעוודיקסטער טייל פון קראָטשעס ווערק איז זיין עסטעטיק. עס זאָגט אָבער אויך אייִדעס וועגן דער מאָראַלישער שאָפלדיקייט פון זיינע אָנהענגער — זיי זענען אים טריי געבליבן נאָר אין דער ספערע, וועלכע קאָן זיי אַמווינציקסטן קאָמפּראָמיטירן. קעדיי צו פאַראַליזירן אָט דעם האַנדל מיטן סוינע, האָט דזשענטילע אַרויסגעלאָזט אַ בוך וועגן עסטעטיק, ספּעציעל געווענדעט קעגן קראָטשע.

די פילאָזאָפיע פון קראָטשע האָט זיך פאַרשפּרייט אין איטאַליע אין די יאָרן פון דער א. ג. ליבעראַלער דיקטאַטור פון דזשיאָליטי (1900—1914). עס האָט אויסגעזען, אַז די דאָזיקע פילאָזאָפיע איז אַמבעסטן צוגעפאַסט צו אידעאַליזירן דאָס לעבן פון אַזאַ לאַנד, ווי איטאַליע, ווו דער גלייכגעוויכט ווערט קעסיידער אויפ־

געהאַלטן נאָר דורך אומאויפהערלעכע קאָמפּראָמיסן צווישן אינדוסטריעלער און אַגראַריער, צווישן קווירינאַל און וואַטיקאַן, צווישן צפון און דאָרעם, צווישן בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריאַט.

קראָטשעס געשיכטע פון איטאַליע (1928) איז אַן אומפּאַרגלייכלעכער ביישפּיל פון ליבעראַלער געשיכטס־פילאָזאָפיע, וועלכע מען קאָן אומגעפער אַזוי פאָרמולירן: „אַלע קעגנזאַצן זענען נוצלעך, די פּאָליציי איז זייער נוצלעך, די אַנאַרכיסטישע אַטענטאַטן זענען נוצלעך, דער קעניג איז נוצלעך, די אַנטי־קלעריקאַלן זענען פּונקט אַזוי נוצלעך, ווי דער קלער. די פרייהייט איז פּונקט אַזוי נוצלעך, ווי די טיראַניי. ווען עס וואָלט נישט געווען קיין טיראַניי, וואָלט אויך קיין פרייהייט נישט געווען. יעדע טעזע נויטיקט זיך אין אַן אַנטי־טעזע. טעזע און אַנטי־טעזע זענען נישט מער, ווי פּאַרטיי־בליקן אויף איין און דעם זעלבן עמעס''.

„די ליבעראַלע אַנשויאונג — שרייבט קראָטשע — באַטראַכט די אונטערדריקונג פון דער פרייהייט אין די רעאַקציאָנערע פּעריאָדן, אַלס די אייגנטלעכע מיטלען פון אייביקן לעבן פון עמעס'' (געשיכטע פון איטאַליע ז. 14 און 15). קראָטשעס אַ טוירע: „דאָס שלעכטע איז דאָס זעלבע גוטע, נאָר באַטראַכט אין ליכט פון בעסערן. עס איז נישט פאַראַן קיין שלעכטע און גוטע פאַקטן, פאַקטן זענען טאָמיד גוט, אויב מען פאַרשטייט זיי אין זייער טיפסטער אינערלעכקייט און קאָנקרעטקייט. די געשיכטע מישפּעט נישט, זי פאַרענטפערט טאָמיד''. קראָטשעס פילאָזאָפיע האָט זיך געפּאַסט פאַר דזשיאָליטיס צייט — אַ פּאָליטישע כאַראַקטעריסטיק פון אָט דער צייט האָבן מיר געגעבן באַלד אין אָנהויב פון בוך. ווען דזשיאָליטיס ריכטונג איז אַראָפּ פון דער סצענע — און שוין אין 1913 און 1914 איז דאָס געווען אוממפאַרמיידלעך — איז געוואָרן פריי דער פּלאַץ פאַרן פאַשיזם. אין דעם נייעם פּעריאָד פון דער איטאַליענישער געשיכטע האָט די בורזשואַזיע שוין נישט געהאַלטן מער פון קראָטשעס פילאָזאָפיע, זי האָט שוין אין איר געזען אַן איבערקערערישן געדאַנקען־גאַנג. די פּאָליטישע העגעמאָניע פון מעלוכע־קאַפּיטאַליזם האָט זיך גענויטיקט אין גאָר אַן אַנדער באַגרינדונג. אַליין צוגעקומען צום

סאָף פון איר געשיכטלעכן זיין, האָט די איטאַליענישע בורזשואַזיע נישט געקאָנט מער אַפּעלירן צו דער געשיכטע. זי האָט נישט געקאָנט מער פאַרגעטערן די געשיכטע. זי האָט ניט געקאָנט זיך באַנוצן מער מיט אַ פילאָזאָפיע, וואָס באַזירט אויף אַ היסטאָרישן פונדאַמענט. זי באַרעכטיקט איצט זיך גופא אין נאָמען פון איר אייגענער קראַפט, זי פאַרגעטערט די טאַט, די קעגנוואַרט. געווען איז עס דער טויט פון היסטאָרישן אויפן דענקען אין איטאַליע, און דער טריאומף פון דעם נישט־היסטאָרישן אויפן פון טראַכטן.

דער סאָף פון בירגערלעכן היסטאָריזם האָט זיין טיפע באַדייטונג. דער היסטאָרישער אויפן פון דענקען איז געבוירן געוואָרן אין איטאַליע דורך וויקאָ, דעם שעפער פון דער געשיכטס־פילאָזאָפיע (,,די נייע וויסנשאַפט''). פון וויקאָ ביז קראָטשע האָט די איטאַליענישע בורזשואַזיע באַטראַכט די געשיכטע פאַר איר וועגווייזער — קעדיי צו באַפרייען זיך פון די קייטן פון מיטל־אַלטער, קעדיי צו דערשלאָגן זיך צו נאַציאָנאַלער איינהייט און אויך קעדיי צו דעראָבערן פאַר זיך אַ פּלאַץ צווישן די גרויסע מעלוכעס. דער אָפּזאָג פון היסטאָריזם מיצאַד דער איטאַליענישער בורזשואַזיע — דער טויט פון היסטאָרישן אויפן פון דענקען — באַטייט דעם סאָף פון אַ גרויסער עפּאָכע אין דער איטאַליענישער געשיכטע. דער אַקטואַליזם איז — איבער די געשיכטלעך באַשטימטע גרענעצן — אַ פאַרצווייפלטער פּרווו פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע צו פּראָקלאַמירן די אַבסאָלוטקייט, ענטגילטיקייט און אייביקייט פון איר הערשאַפט. אָבער דער פּרווו געלינגט נאָר מיט דער הילף פון טעראָר. דער פּרווו קאָן נישט זיין מער, ווי אַן עפּיזאָד אין דער געשיכטע; אַ לאַנגער, אַ בלוטיקער עפּיזאָד, אָבער וועלכער מוז און וועט האָבן זיין סאָף.

3. פאַרניכטונג פון פּאָפּולאַריזם

דער פאַשיזם האָט פאַרניכטעט די לינקע שטרעמונג אין דער קאַטוילישער באַוועגונג — דעם פּאָפּולאַריזם. דער פירער פון דער ,,פאָלקס־פּאַרטיי'' (,,פּאַרטיטאָ פּאָפּולאַרע'') לעבט אין אויסלאַנד, אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט. די צייטונגען, צייטשריפטן און פאַר־

לאָגן פון דער פּאַרטיי זענען געשלאָסן געוואָרן. דאָס איבעריקע האָט שוין געטון דער וואַטיקאַן — ער האָט באַארבעט די נעשאָמעס. אַ גרופּע יונגע קאַטאָליקן אין אוניווערזיטעט פון מילאַן זענען געבליבן טריי די אידייען פון דער „פאָלקס־פּאַרטיי" — האָט זיי דער אוניווערזיטעט־רעקטאָר גופּע דענונצירט און איבערגעגעבן פּערט דער פּאָליציי. אַלע האַנאָכעס, וואָס די קירכע האָט די לעצטע יאָרן געהאַט געמאַכט די נייע אידייען, זענען געוואָרן צוריקגעצויגן. די יעזואיטן האָבן צוריק דעראָבערט דאָס פאַרלוירענע פעלד. דער שוואַרצסטער קלעריקאַליזם זאָגט אַ דייע דעם פאַשיזם ביי דער דערציונג פון נייעם דאָר. די דאָזיקע נעקאָמע פון קולטורעלן מיטלאַלטער קאָן מען בוילעט אַרויסזען אין די צייטשריפטן „טשיווילטאַ קאַטאָליקאַ", „ריוויסטאַ די פילאָזאָפיאַ נעאָ־סקאָלאַסטיקאַ" און „טראַדיציאָנע" און אין אַ גרויסער צאָל קלענערע צייטשריפטן. זיי זענען קימאַט אַלע נעאָ־טאָמיסטן, זיי האָבן ביז 30 פאַרלאַגן און פאַרקויפן יעדן כוידעש אַ סאַך צענטנער ביכער, בראָשורן און פרומע כפּיוצים; אָבער קיין זאַך באַרעכטיקט נישט דעם צונאָב „נעאָ", מיט וועלכן זיי רופן זיך, אַלס אָנהענגער פון הייליקן טאָמאַס, סיידן דאָס, וואָס זייערע אויסגאַבן טראָגן אויף זיך, צוליב דער פאָדערונג פונם פרעסע־געזעץ, די דאַטע פון זייער דערשיינען — זייער אינהאַלט אָבער איז שטרענג מיטלאַלטערלעך. אינם נייסטן באַנד פון קאַסאַטיס „לעבנדע קאַטוילישע שריפט־שטעלער" האָבן מיר בלויז אין דער רובריק איטאַליע אָנגעציילט 47 פּראָפעסאָרן פון דער ניי־סכאָלאַסטישער פילאָזאָפיע, און ביי יעדן פון די 47 נעמען פיגורירט אַ גאַנץ גרויסע ביבליאָגראַפיע.

פון אַן אָפיציעלער קאַטוילישער אויסגאַבע נעמען מיר אַרויס פאָלגנדע אָפנהאַרציקע פעסטשטעלונג פון דער אידעאָלאָגישער אוממעכטיקייט פון די איטאַליענישע קאַטאָליקן: „אונזער לעצטער קאַטוילישער פילאָזאָף איז געווען ראָסמיני. די ביכער וועגן קאַטוילישער פילאָזאָפיע, וואָס זענען דערשינען די לעצטע יאָרן, זענען נאָר איבערכאַזערונגען פון געדאַנקען פונם מיטלאַלטער, אָדער פרוון אויסצוגלייכן זיך מיט דער נישט־קאַטוילישער צי אַרעליגיעזער פילאָזאָפיע, און די מעכאַברים האָבן דערביי נישט

קיין מוט אַרויפצולייגן אויף די ווערק אַן עמעס קריסטלעכן שטעמפּל״.

די אויסגערעדטע אין קאָנקאָרדאַט (פרילינג 1931) פרייהייט האָבן די קאַטאָליקן, עמעס, ברייט אויסגענוצט און באַדייטנדיק פאַרשטאַרקט זייערע קולטור־אינסטיטוציעס, אָבער צוליב דעם אידעאָלאָגישן טעראָר מיצאַד דעם וואַטיקאַן איז די קוואַליטעט פון זייער קולטור־פּראָדוקציע זייער אַ נידעריקע. דער איינפלוס פון דער קירכע אויף דער אינטעליגענץ איז דעריבער גאָר קליין; די צאָל קאַטאָליקן, וועלכע פּאַפּיני רופט אָן „ווילדע כאַיעס״, איז געשטיגן: „אין אַלגעמיין האַנדלט זיך דאָ וועגן הערעטיקער, וועלכע זענען אויפן וועג קיין דאַמעסעק געשטרויכלט געוואָרן אין עפּעס אַ שטיין און זיי זענען, ווי געוויינלעך נעאָפיטן, גלייך אַריינגעפאַלן אין דער ערגסטער עקסטרעם. הערן זיי — אָנערקענען זיי אַלע דעם פּויבסט, אַלס הערשער, אַלס האַר פון הימל און ערד, אַלס האַר איבערן געלט און איבער די נעשאָמעס. זיי האַלטן זיך פאַר רעאַקציאָנערן און נוצן אויס די פרייהייט. מיט ניבלפע באַקעמפן זיי דאָס שמוציקע רעדן. ליבע פריידיקן זיי מיט שוים פון האַס. זיי שטעלן זיך איין פאַר קריסטוסן און פאָדערן אַביסל בלוט. אָפט זענען עס גאָט־לעסטערער, אויסגעלאַסענע פאַרשווינען, שיקורים, עגאָאיסטן, נישט פאַרגינער, פאַלשע מענטשן א. אַ. וו. זיי ברענען פון צאָרן קעגן יעדן איינעם, וועלכער איז אויפריכטיק און גלויבט נישט אין זייער אויפריכטיקייט. דאָס דאָזיקע געזינדל קומט פון פראַנקרייך. אָט איז זייער דינאַסטיע: דעמעטר, העל, באַרביי, ד׳אָרעווילי, לעאָן בלוי״. צו דער דאָזיקער דינאַסטיע האָט זיך אָנגעשלאָסן פּאַפּיני, וועלכער איז אַריבערגעלאָפן פון אַנאַרכיזם צום קלעריקאַליזם

דער רעאַקציאָנערער אוואַנגאַרד פונם קלעריקאַליזם שטעלט זיך צענויף פון פריינט פונם וואַלד־מענטש (ד. דזשוליאָטי), וועלכע פאַרלאַנגען, מען זאָל זיך אומקערן צוריק צו באַניפאַציוס דעם אַכטן, צו די קרייץ־צוגן, צו דער אינקוויזיציע, צו די געריכטן איבער אַפּיקאָרסים.

4. די פאַרניכטונג פונם פּאָזיטיוויזם

אַ פאַרניכטנדיקן קאַמף האָט דער פאַשיזם געפירט אויך קעגן די פאָרשטייער פון דעם דאַר אינטעליגענץ פון 1880 (פון דעם נאַטוראַליסטישן, פּאָזיטיוויסטישן, פּראַגמאַטישן דאָר), וועלכע זענען נאָך פאַרבליבן אין אַ געוויסער צאָל. די דאָזיקע פאָרשטייער זענען ווי פאַרשטיינערט געוואָרן אויף די אידייען פון זייער צייט; אָבער דאָך האָבן זיי לעצטנס אַן איינפלוס אויף געוויסע טיילן פון דער קליינבירגערלעכער יוגנט, וועלכע קאָנען נישט פאַרטראָגן די איצטיקע וויסנשאַפטלעכע מעטאָדן. די פירנדע קעפּ פון אָט דער ריכטונג באַציען זיך אויך גינסטיק צום פאַשיזם, האָגאַם אויס גאָר אַנדערע מאָטיוון, ווי די מיסטיקער — אויס מאָטיוון, וועלכע זיי געפינען אין די נאַטוראַליסטישע טעאָריעס פון דאַרווינען.

דער קאַמף קעגן דעם פּאָזיטיוויזם ווערט אין אַ גרויסער מאָס געפירט, אַלס קאַמף קעגן די אַמאָליקע אוניווערזיטעט פּראָפעסאָרן (קראָטשעס פילאָזאָפיע איז אין די אוניווערזיטעטן קיינמאָל נישט אַריינגעדרונגען; לויט קראָטשען, „זענען אוניווערזיטעט און קולטור צוויי פאַרשידענע זאַכן".)

אָבער די באַציונגען צווישן פאַשיזם און אוניווערזיטעט מוז מען אַביסל גענויער אויפקלערן.

דער מיניסטער פאַר פאָלקס־בילדונג, ערקאָלע, האָט פאַנאַנדערגעשיקט צו די אוניווערזיטעט־רעקטאָרן דעם טעקסט פון זיינער אַ רעדע, וואָס ער האָט פאַר זיי געהאַלטן דעם 26 מאַי 1933 אין דער אָנוועזנהייט פונם סעקרעטאַר פון דער פאַשיסטישער פאַרטיי. אין דער רעדע ווערט געזאָגט, אַז „דער אוניווערזיטעט מוז באַטראַכט ווערן, ווי אַ וויכטיקער אָרגאַן פון פאַשיסטישן רעזשים". די שוועע, צו וועלכער מען האָט פאַרפליכטעט די פּראָפעסאָרן דורכן דעקרעט פון 28 אויגוסט 1931 באַפרידיקט שוין נישט מער. די שוועע פאַרפליכטעט די פּראָפעסאָרן צו זיין טריי דעם קעניג און דעם פאַשיסטישן רעזשים, צו פאָלגן די געזעצן און צו דערציען די סטודענטן פאַר גוטע אונטערטאַנען פונם פאַשיסטישן רעזשים. צוועלף פּראָפעסאָרן זענען געווען, וואָס האָבן נישט גע־

וואָלט אָפּגעבן די שוועל, האָט מען זיי באַזייטיקט פון די אוני־ווערזיטעטן. די מערהייט פּראָפעסאָרן האָבן זיך אונטערגעוואָרפן. אָבער דאָס איז שוין איצט אויך ווייניק. מען האָט באַמערקט, אַז די מערהייט פּראָפעסאָרן מיידן טאַקע אויס אין זייערע לעקציעס יעדע אָנדייטונג אויף עפּעס אַ קעגנערשאַפט צו דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע, אָבער זיי מיידן אויך אויס צו מאַכן פּראָפּאַגאַנדע פאַר אָט דער אידעאָלאָגיע. האָט מען דעריבער אָנגענומען אַנדערע מיטלען. אין אַ געהיימען צירקולאַר פון 7־טן יאַנואַר 1933 האָט דער מיניסטער ערקאָלע פאַראָרדנט אַלע רעקטאָרן, אַז ביים נאָמי־נירן אַ דאָצענט זאָלן זיי פריער דורכפירן אַן „אַנקעטע מיקויעך זיינע פּאָליטישע מיינונגען". די אַנקעטע זאָל געמאַכט ווערן אין די אינסטאַנצן פון אינערן־מיניסטעריום און פון דער פאַשיסטי־שער פּאַרטיי. אַ ווייטערדיקער צירקולאַר, פון 13 מערץ 1933, זאָגט שוין, אַז אַלע דאָצענטן מוזן געהערן צו דער פאַשיסטישער פּאַרטיי. וואָס איז שייך פּראָפעסור, איז אין אַלע קאָנקורסן, זייט מערץ 1933, געזאָגט אויסדריקלעך, אַז שטעלן זיך צום קאָנקורס קאָנען נאָר מיטגלידער פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי. און דאָס איז גילטיק נישט נאָר פאַר די מעלוכישע אוניווערזיטעטן, נאָר אויך פאַר די פּריוואַטע, ווי לעמאָשל, דער קאַטוילישער אוניווער־זיטעט אין מילאַן. ביי דער געלעגנהייט איז נישט איבעריק צו דערמאָנען, אַז ביים אָנקומען פאַר אַ מיטגליד אין דער פאַשיסטי־שער פּאַרטיי גיט מען אָפּ אַזאַ שוווּע: „איך שווער ביים נאָמען פון גאָט און איטאַליע צו פאָלגן אַלע באַפעלן פונם דוטשע און מיט אַלע מיינע קויכעס, און ווען נויטיק — אויך מיט מיין בלוט, צו דינען דער זאַך פון דער פאַשיסטישער רעוואָלוציע". אויסגע־שלאָסן צו ווערן פון דער פּאַרטיי באַדייט פאַר אַ מעלוכע־באַאַמטן — פאַרלירן זיין פּאָסטן.

און דאָך איז נאָך פאַראַן אַ געוויסע צאָל אַלטע פּראָפעסאָרן, וועלכע זענען נישט אַריינגעטרעטן אין דער פאַשיסטישער פּאַרטיי און זענען געבליבן טריי זייערע ליבעראַלע איבערצייגונגען. אין קאַמף קעגן זיי האָט מען אָנגעווענדט אַזעלכע מיטלען: פּראָפעסאָרן, וואָס זענען נישט קיין מיטגלידער פון דער פאַשיסטישער פּאַרטיי,

קאָנען נישט ווערן קיין רעקטאָרן אָדער דעקאַנען פון א פאַקולטעט. זיי קאָנען נישט באַשטימט ווערן אין קיין שום עקזאַמינירקאָמיסיע און נישט אין העכסטן ראַט פאַר פאָלקס־בילדונג, און זיי קאָנען נישט איבערגעפירט ווערן פון א נידעריקערן אוניווערזיטעט אין א העכערן. זיי טאָרן אויך נישט האַלטן קיין פריוע לעקציעס (אויסערן קורס).

אַריינגעטרעטן אין דער פאַשיסטישער פאַרטיי איז נאָך נישט אַלץ. „מען מוז אינערלעך ווערן א פאַשיסט", האָט דערקלערט דער מיניסטער אין זיין רעדע. „די פאַרבונדנקייט מיט דער פאַשיסטישער רעוואָלוציע דאַרף זיין א ווירקלעכע, און נישט בלויז א פאָרמעלע, א שיינבאַרע. איך זאָג אייך אָפן — קעדיי יעדער איינער זאָל אָפּוועגן מיינע ווערטער — אַז די פאַרבינדונג מוז זיין אַן אינערלעכע, און עס קאָן נישט געדולדעט ווערן קיין שום ווידערשפּרוך צווישן דער אַרבעט פון א פּראָפעסאָר אין אוניווערזיטעט און זיין פאַשיסטישער האַלטונג אויסער דער שול. דער פאַשיזם לאָזט נישט צו קיין שום אַרבעט אין שול, וואָס זאָל נישט זיין צוגלייך אַן אַרבעט פאַר דער פאַשיסטישער מעלוכע. אין די איטאַליענישע שולן פון אַלע מאַדרייגעס דאַרף איין איינציקער גלויבן, דער פאַשיסטישער גלויבן, באַהערשן דעם באַוווסטזיין פונם לערער. די רעקטאָרן און דעקאַנען מוזן דעריבער לייגן אַכט און גלייך מעלדן דעם מיניסטער וועגן יעדן געזאָגטן אָדער געשריבענעם וואָרט, סיי אין שול, סיי אויסער איר, וואָס קאָן דערוועקן ספייקעס בענוגע דער עכטער פאַרבונדנקייט פון א פּראָפעסאָר מיט די גרונטיקע פּרינציפּן פונם פאַשיזם".

אין קולטורעלער הינזיכט געפינען זיך די איטאַליענישע אוניווערזיטעטן, א דאַנק דעם פאַשיזם, אויף א באַלקאַנישן ניוואָ. דזשוזעפּע לעאָנידאַ קאַפּאָביאַנקאָ, א פאַשיסטישער פּראָפעסאָר פון נעאַפּאָל, שרייבט אין דער צייטשריפט „ל'אוניווערזיטאַ איטאַליאַנאַ" (1933): „ליידער, איז גענוג צו קענען דעם מעכאַניזם פון די אוניווערזיטעט־קאָנקורסן, קעדיי צו וויסן, אַז דער עמעסער טאַלענט האָט זייער קנאַפּע שאַנסן אַרויסצוקומען אַלס זיגער, אויב ער קאָן זיך נישט העלפן דורך וועלכע עס איז אינטריגעס... אַזוי

ווי די קאָמיסיע, וואָס דעציד׳ירט בײַם קאָנקורס, רעכנט זיך מער
מיט די פּאָליטישע פאַרדינסטן פון די קאַנדידאַטן, און נישט מיט
זייערע וויסנשאַפטלעכע פאַרדינסטן — איז דער ווייטערדיקער־
קיעם פון אונזערע אוניווערזיטעטן אין אַזן ערנסטער סאַקאָנע״.
מען וואָלט געקאָנט הונדערטער פאַקטן ברענגען, וועלכע אילוסט־
רירן, צו וואָסער מאַדרייגע פון דעמאָראַליזאַציע דער פאַשיזם האָט
דערפירט די באַציונגען צווישן די פּראָפעסאָרן און סטודענטן.
עס וואָלט זיך באַקומען אַ כראָניק, ענלעך צו די ידיעות, וועלכע
קומען איצט אָן יעדן טאָג פון דייטשלאַנד. דער איינציקער אונ־
טערשייד איז — וואָס אין איטאַליע איז נישטאָ קיין אַנטיסעמי־
טיזם. אַדרבא: מיניסטער ערקאָלע, דער הויפּט פון דער איטאַליע־
נישער אינקוויזיציע, איז גאָר אַליין אַ ייד, און זיין פאָלגעוודיקער־
קנעכט, דער רעקטאָר פון אוניווערזיטעט אין רוים, פּראָפעסאָר דעל־
וועקיאָ, איז אויך אַ ייד.

5. די פאַרניכטונג פון אַנדערע גייסטיקע שטרעמונגען

דער פאַשיזם האָט נאָך אויך פאַרניכטעט אַ ריי אַנדערע
קליינע גייסטיקע שטרעמונגען, וועלכע האָבן קיין שום איינפלוס
נישט געהאַט אויפן פאָלק. אָבער צווישן דער אינטעליגענץ האָט
זיך מיט זיי שטאַרק געטומלט. לאָמיר פון אָט די שטרעמונגען דער־
מאָנען דעם נעאָ־קאַלוויניזם, וועלכער האָט פאַרטיידיקט דעם גע־
דאַנק, אַז אַלדאָס שלעכטס אין איטאַליע נעמט זיך דערפון, וואָס
מען האָט נישט דורכגעמאַכט די רעפאָרם פונם פּראָטעסטאַנטיזם,
און מען דאַרף נאָך איצט, מיט אַ פאַרשפּעטיקונג פון 400 יאָר,
די דאָזיקע רעפאָרם דורכפירן.

פאָרמולירט די דאָזיקע טעאָריע האָט פאַר דער מילכאָמע נאָך
אַלפרעדאָ אָריאַני, וועלכן מוסאָליני האָט פאַרערט, אַלס זיינעם אַ
לערער. נאָכן קריג האָט אָנגעהויבן פּריידיקן אָט די טעאָריע מאַריאָ
מיסיראָלי. ער באַמיט זיך צו באַווייזן אין זיינע שריפטן, אַז צו־
ליב דעם, וואָס עס האָט געפעלט די רעליגיעזע רעפאָרם, איז אַזוי
פאַרשפּעטיקט אויפגעקומען דער ליבעראַליזם צווישן דער בורזשו־
אַזיע און צווישן די מאַסן אין איטאַליע. שפּעטער האָט זיך גע־

בילדעט א גרופע ארום דער צייטשריפט „קאָנסציענציאַ‟. קעגן דער דאָזיקער גרופע איז אַרויסגעטרעטן איינער פון די אַקטיווסטע פאַשיסטישע שריפטשטעלער קורציאָ מאַלאַפּאַרטע, און האָט אין א רייע ביכער („די לעבנדיקע אייראָפּע‟, „די באַרבאַרישע אייראָפּע‟) געשילדערט אויף א גוזמעדיקן אויפן דעם קאַטוילישן, נישט מאָדערנעם און נישט פּאָפּולערן כאַראַקטער פון היינטיקן איטאַליענישן לעבן:

„דאָס פאָלק באַדויט גאַר נישט. נאָר העלדן מאַכן די געשיכטע. עמעסע העלדן זענען די, וועלכע גייען קעגן פאָלק. דאָס פאָלק איז אינדיפערענט און עגאָאיסטיש. עס ברויכט צו האָבן א טיראַן, און די טיראַניי איז די אידעאלע רעגירונגס־פאָרם פון איטאַליענישן פאָלק‟.

וועלכן פון די צוויי לעבן־שטייגערס דאַרף מען האַלטן פאַר א באַרבאַרישן? דעם אַנגלאָ־זאַקסישן, פּראָטעסטאַנטישן, פּוריטאַנישן, וועלכער איז היינט דער פאַרשפּרייטסטער, אָדער דעם לאַטיינישן, קאַטוילישן, וועלכער ווערט היינט פאַראַכטעט און אונטערדריקט?

אין אָקטאָבער 1933 איז מאַלאַפּאַרטע פאַרמישפּעט געוואָרן אויף 5 יאָר פאַרשיקונג.

6. די אַמאָליקע סינדיקאַליסטן

די מיסטיפיקאַציע פונם קאָרפּאָראַטיוויזם האָט אַריינגעבלאָזן ניי לעבן אין דער גרופּע אַמאָליקע סינדיקאַליסטן פון סאָרעלס כיידער (אָליוועטי, לאַנצילאָ, אָראַנאָ). אַלץ, וואָס איז נאָך געווען געבליבן פון אַלטן רעוואָלוציאָנערן סינדיקאַליזם איז אין 1915 אַריבער צו די אינטערווענציאָניסטן און אין 1919 צו די פאַשיסטן. זייער טעטיקייט איז באַשטאַנען דערין, וואָס זיי האָבן זיך געפּלייסט צו מאַכן פון סאָרעלס טעאָריעס די קאָלערליי מעגלעכע רעאַקציאָנערע אויספירן און געבן דעם פאַשיזם אין האַנט א גאַנצע רייע דעמאַגאָגישע וואָפן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער געפערלעך. דער קאָרפּאָראַטיוויזם — האָבן זיי געלערנט — איז גוווער די קאַפּיטאַליסטישע קעגנזאַצן, די פאַשיסטישע רעוואָ־

לוציע אין די איטאַליענישע פאָרם פון דער פּראָלעטאַרישער רע־וואָלוציע א. אַז. וו. אַן איינפלוס האָבן זיי אויף די אַמאָליקע רע־וואָלוציאָנערע עלעמענטן, אויף ווי ווייט יענע זענען אַריבער צום פאַשיזם, און אויך אויף די פונקציאָנאַרן (ביז 7 טויזנט) פון די פאַשיסטישע פּראָפ. פאַריינען.

7. די אַקטואַליסטן

די אַקטואַליסטן האַלטן זיך ביי יענע געלערנטע, וואָס זענען אַמנאָענטסטן צום פאַשיסטישן גייסט. די דאָזיקע געלערנטע שטייען אין שפּיץ פון די צאָלרייכע קולטור־אָרגאַניזאַציעס ביי דער פאַשיסטישער פּאַרטיי, זיי אינספּירירן די שול־פּאָליטיק פון דער מעלוכע, און די לעצטע יאָרן איז זייער איינפלוס דער הערשנדיקער אויף אַלע קולטור־געביטן — אין דער געשיכטע־שרייבונג (וואָלפּע, אַנצילאָטי, ערקאָלע), אין דער פּעדאַגאָגיק (קאָדיניאָלאַ, לאָמבאַרדאָ, ראַדיטשע), אין דער רעכט־פילאָזאָפיע (מאַדזשיאָרע), אין דער פּאָליטישער ליטעראַטור (וואָלפּיטשעלי, ספּיריטאָ, רודזשעראָ), אין דער אייגנטלעכער פילאָזאָפיע (קאַרליני, סאַאיטאַ, לאַוויטאָ, אַלנייער, ליטשיטראַ). די איטאַליענישע ענציקלאָפּעדיע ווערט אויך צונויפגעשטעלט אונטער דער אויפזיכט פון די אַקטואַליסטן.

דער פילאָזאָף פונם אַקטואַליזם איז דזשיאָוואַני דזשענטילע. אין מעשעך פון 20 יאָר איז ער געווען קראָטשעס אַ מיטאַרבעטער. אין מעשעך פון 20 יאָר איז דאָס גאַנצע איטאַליענישע קולטור־לעבן געווען באַהערשט פון אָט די צוויי פאָרשטייער פון אידעאַליזם, און זייערע בײדנס נעמען האָבן זיך קעסיידער באַוויזן צוזאַמען אין די העפטן פון „קריטיקאָ" — דעם פאָן־טרעגער פון דעם נייעם אידעאַליסטישן שטורם־ און דראַנג־פּעריאָד.

און דאָך איז אין 1913 געקומען צו אַ שיידונג צווישן קראָטשע און דזשענטילע, און די שיידונג איז געווען נישט קיין צופעליקע. קראָטשע האָט זיין אויסגאַנג־פּונקט — פון ליטעראַרישער און היסטאָרישער נאַטור — פאָרמולירט אין זיין בוך וועגן „עסטעטיק"; און דזשענטילע ווידער האָט דעם מאָראַלישן און פּעדאַגאָגישן אויסגאַנג־פּונקט פון זיין וועלט־אַנשויונג פיקסירט

אין בוך „שול און פילאָזאָפיע". זיי האָבן 20 יאָר נאָכאַנאַנד גע־
קעמפט פּלייצע בּיי פּלייצע, אָבער זיי זענען דערבּיי אַרויסגעגאַנגען
פון צוויי פאַרשידענע וועלט־אָנשויאונגען, און זיי האָבן לעסאָף
געמוזט זיך פאַנאַנדערגיין. זיי האָבן פאַרטראָטן צוויי פאַרשיידענע
מאָמענטן אין לעבן פון דער איטאַליענישער בּורזשואַזיע. זייער
מיסיע איז געווען צו שאַפן די פילאָזאָפישע הילע פאַר דעם סאָ־
ציאַלן און פּאָליטישן צעפאַלונגס־פּראָצעס, וועלכן די איטאַליעני־
שע בּורזשואַזיע האָט דורכגעלעבּט אין דער צייט פון דער מילכאָ־
מע און דערנאָך פון די פּראָלעטאַרישע אומרוען. אין 1913 האָבן
נישט אַלע פאַרשטאַנען אָט דעם טעהאָם, וואָס האָט זיך געעפנט
אין דער איטאַליענישער פילאָזאָפיע.

דזשענטילע איז געווען באַקאַנט קוידעם קאָל אַלס היסטאָרי־
קער פון דער איטאַליענישער פילאָזאָפיע. אין העסקעם מיט דעם
גרונט־געדאַנק פון ספּאַווענטאַ, האָט דזשענטילע דורכגעפירט אין
דער געשיכטע דעם בּליק, אַז די מאָדערנע פילאָזאָפיע איז צוזאַמען
מיטן רענעסאַנס אויפגעקומען אין איטאַליע (טעלעסיאָ, קאַמפּאַ־
נעלאַ, בּרונאָ, וויקאָ), דערנאָך האָט זי זיך פאַרפולקאָמט אין
דייטשלאַנד, אָבער שפּעטער ווידער אַריבּער קיין איטאַליע (ראָס־
מיני, ספּאַווענטאַ, דזשיאָבּערטי). אָבער דזשענטילע איז געווען
נישט נאָר געשיכטלער פון פילאָזאָפיע, נאָר ער איז אַליין געווען
אַ פילאָזאָף. אַלס היסטאָריקער, האָט ער נישט געהאַט קיין שום
מיינונגס־פאַרשידנהייטן מיט קראָטשע, און זיי האָבן צוזאַמענגע־
אַרבּעט, קעדיי צו פאַרזיכערן פאַר איטאַליע אַ פילאָזאָפישע יערו־
שע; אָבער אַלס פילאָזאָף, האָט דזשענטילע אַנטוויקלט געדאַנקען,
וועלכע האָבן געקאָנט ווערן אַן אויסגאַנג־פּונקט פאַר אַ פילאָזאָ־
פישער שיטע, אַ קעגנגעזעצטער צו קראָטשעס שיטע. דאָס איז גע־
ווען דזשענטילעס טעאָריע וועגן ריינעם גייסט, וועגן לעבן פון
דער ווירקלעכקייט, אַלס באַוווסטזיין, און וועגן באַוווסטזיין, אַלס
ווירקלעכקייט. די ערשטע פאָדערונג פון אָט דער טעאָריע איז גע־
ווען אָנערקענען די איינהייט פון גייסט, בּעת ווען קראָטשע
האָט ספּעציעל באַטאָנט די גייסט־אונטערשיידן (קונסט, לאָגיק,
פּראַקטיק, עטיק). דזשענטילע האָט אַלץ רעדוצירט צו איינהייט,

די נאַטור איז גייסט, אַלזאָ — פילאָזאָפיע; די פּעדאַגאָגיק איז פילאָזאָפיע; רעכט איז פילאָזאָפיע; געשיכטע איז פילאָזאָפיע; קונסט איז פילאָזאָפיע; רעליגיע איז פילאָזאָפיע. דער צווייטער פּאָסטולאַט פון אַט דער פילאָזאָפיע איז געווען — טאַט, דראַנג אויסצונוצן די לויפנדיקע מינוט, ווייל — נאָר די קעגנוואַרט עקזיסטירט, נאָר די קעגנוואַרט איז עמעסדיק. די פאַרגאַנגענהייט איז דער פיינט. זי איז די טויטע קעגנוואַרט. פאַרגאַנגנהייט קאָן זיין אַן אָביעקט פון דענקען, אָבער נישט קיין סוביעקט. די פאַרגאַנגנהייט איז דאָס שלעכטס. טילגהער האָט די דאָזיקע פילאָזאָפיע אָנגערופן „די מיסטיק פונם קאַפּיטאַליזם".

„עס איז צייט — האָט געשריבן טילגהער אין „ריקאָגניציאָני" (ווידער־ערקענונג) — צו זאָגן קלאָר און אָפן, אַז געטע און פיכטע, דער גרעסטער דיכטער און דער גרעסטער פילאָזאָף פון דער נייער צייט, זענען געווען מער ווי דיכטער און פילאָזאָף, זיי זענען געווען גרינדער פון אַ רעליגיע, גרינדער פון דער רעליגיע פון פּאַוסט, דער רעליגיע פון טאַט און אַבסאָלוטער אַקטיוויטעט, וועלכע איז געוואָרן די עמעסע רעליגיע פון 19־טן יאָר־הונדערט. דער פּאַוסטיזם איז די רעליגיע פון אַ פון גרונט אויס אינדוסטריעלער געזעלשאַפט, וועלכע מאַכט אַלץ גרינדלעכער איבער די וועלט מיט דער הילף פון דער מאַשין, און פאַר וועלכער די וועלט, אַזוי ווי זי איז, איז נישט מער ווי אור־שטאָף, איבער וועלכן עס אַרבעט די מענטשלעכע אַקטיווקייט".

די „מיסטיק פון קאַפּיטאַליזם", ווי טילגהער האָט אַ נאָמען געגעבן זיין אידעאַליזם, איז די רעליגיעזע אויפפאַסונג, וואָס דער מעלוכע - קאַפּיטאַליזם גיט פון זיך אַליין, קעדיי אויסצומיידן אַ געשיכטלעכע אויפפאַסונג.

פאַשיזם ווערט פון טילגהערן דעפינירט, אַלס פילאָזאָפישער אַקטואַליזם, וועלכן מען האָט אַריבערגעפלאַנצט אויפן געביט פון דער פּאָליטיק. די דעפיניציע איז ריכטיק, נאָר אין פאַרקערטן זינען: פילאָזאָפישער אַקטואַליזם איז פאַשיזם, אַריבערגעפלאַנצט אויפן געביט פון פילאָזאָפיע. פאַקטיש האָט די איטאַליענישע בורזשואַזיע דורכן פאַשיזם געוואָלט פּראָקלאַמירן דעם אַבסאָלוטיזם,

די ענדגילטיקייט און אומפאַרענדערלעכקייט פון איר אייגענער מאַכט. מיטן פאַשיזם האָט די בורזשואַזיע געזאָגט, אַז זי פאַרוואָרפט די ליבעראַלע היסטאָרישע שיטע, מיט וועלכער זי האָט זיך נישט געקאָנט ווערן קעגן דער סאָציאַליסטישער רעוואָלוציע, וואָרום די ליבעראַלע היסטאָרישע שיטע לערנט דאָך, אַז דאָס לעבן האַלט טאָמיד אין איין ענדערן זיך, אַז יעדע געזעלשאַפטלעכע פאָרם איז דער רעלאַטיווער עמעס פון אַ פאָריבערגייענדיקן היסטאָרישן פעריאָד, אַז אַן ווידערשפּרוכן און אָן קאַמף איז נישט מעגלעך קיין שום פּראָגרעס.

דער ליבעראַלער היסטאָריזם שטעלט מיט זיך פאָר דאָס געוועזענע, ער האָט רעפּרעזענטירט די פילאָזאָפיע פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע אויפן העכסטן שטאַפּל פון איר אַנטוויקלונג, פון יענער צייט ווען זי האָט נאָך געדענקט די קאַמפן פונם רענעסאַנס, ווען זי האָט געזוכט איר צוקונפט, ווען זי איז געווען איבערצייגט, אַז די פעריאָדישע קריזיסן וועלן אויך נאָר צוהעלפן צו דער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט און אַז די פאַרטייקאַמפן זענען אַליין אַ וויכטיקער פאַקטאָר פון פּאָליטישן גלייכגעוויכט. איבעריקנס, די סאָציאַליסטישע רעוואָלוציע האָט מען באַטראַכט, ווי אומוימיטלבאַרע צוקונפט, ווי אומבאַדינגטן רעזולטאַט פון יאָרצענדליקער פּראָלעטאַרישע געשיכטע, ווי דאָס רייף ווערן פון ווידערשפּרוכן, וואָס האָבן זייער שורעש אין דער גאַנצער סאָציאַלער סטרוקטור פונם לאַנד, ווי דעם זיג פון דער פּראָלעטאַרישער אַנטי־טעזע קעגן דער בירגערלעכער טעזע ווענן קאַטאַסטראָפע. דער פּאָליטישער אַקטואַליזם איז שאַרף אַרויסגעטרעטן סיי קעגן דער פאַרגאַנגענהייט, סיי קעגן דער צוקונפט. נאָר די קעגנוואַרט איז וואָר, געטלעך און גערעכט. די קעגנוואַרט — דאָס איז די הערשאַפט פונם מעלוכע - קאַפּיטאַליזם. די מעלוכע פאַרקערפּערט אין זיך, לויט דער אויפפאַסונג, דעם עמעס, די גערעכטיקייט, די געטלעכקייט. עס זענען נישטאָ קיין היסטאָרישע געזעצן. היסטאָרישע געזעצן האָבן צו טון מיט דעם, וואָס איז געווען אַמאָל. דאָס אַמאָל געוועזענע איז טויט, עס קאָן נישט קערעווען מיט דעם קעגנוואַרטיקן. דער אָביעקט קאָן נישט מיט

צוואַנג זיך אָנוואַרפֿן דעם סוביעקט, און ער עקזיסטירט גאָר נישט אויסער׳ן סוביעקט. דאָס פֿאַרגאַנגענע עקזיסטירט נאָר אויף אַזוי פֿיל, אויף וויפֿל עס עקזיסטירט דאָס קעגנוואַרטיקע, נאָר ווי ווייט די קעגנוואַרט נעמט עס אין אַכט. מיט אַנדערע ווערטער: די פֿאַרגאַנגענהייט איז אַ שאַפֿונג פֿון דער קעגנוואַרט. די קעגנוואַרט איז אַלץ. די בורזשואַזיע איז די קעגנוואַרט; זי איז דעריבער — אַלץ.

8. דער קולט פֿון רוים

די אַקטואַליסטן האָבן נישט דערשאַצט, וואָסער אַ רעאַל עס קאָן געבן דעם פֿאַשיזם די פֿאַרבינדונג מיט געוויסע געשיכטלעכע פֿאַקטן, די אָנקניפּונג אין געשיכטלעכער טראַדיציע. דעריבער טאַקע האָט דער פֿאַשיזם אָרגאַניזירט זיינע מאַכנעס לויט דעם מוסטער פֿון די רוימישע לעגיאָנען און האָט איינגעפּירט דעם רוימישן גרוס. נאָך אין „18-טן ברומער" האָט מאַרקס אָנגעוויזן, אַז דער קליינבירגער האָט אַ נאַטירלעכע נייגונג צו באַהאַלטן זיך הינטער די געשפּענסטער פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט יעדעס מאָל, ווען די היסטאָרישע געזעצן שטויסן אים אין פֿאָדערגרונט פֿון פּאָליטישן לעבן.

„אַזוי האָט לוטער זיך מאַסקירט אַלס אַפּאָסטאָל פּאַוועל, די רעוואָלוציע פֿון 1789 ביז 1814 האָט זיך פּרעזענטירט איין צייט אַלס רוימישע רעפּובליק, און איין צייט אַלס רוימישע אימפּעריע, און די רעוואָלוציע פֿון 1848 האָט זיך באַמיט צו פּאַראָדירן אַמאָל די רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס פֿון 1789 און אַמאָל פֿון 1793—5... ביים באַטראַכטן אָט דאָס וועלט - געשיכטלעכע שווערן ביי טויטע ווייזט זיך גלייך אַרויס אַ בוילעטער אונטערשייד. קאַמיל דעמולען, דאַנטאָן, ראָבעספּיער, סען זשיוסט, נאַפּאָלעאָן, די העלדן אַזוי גוט ווי די פּאַרטייען און די מאַסע פֿון דער אַלטער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע האָבן אין רוימישע קאָסטיומען און מיט רוימישע פֿראַזן דערפֿילט די אויפֿגאַבע פֿון זייער צייט, די קייכעם - פֿאַנאַנדערבינדונג און אויפֿריכטונג פֿון דער מאָדערנער בירגערלעכער געזעלשאַפֿט... ווי נאָר די נייע געזעלשאַפֿטלעכע

פֿאָרמאַציע איז געווען פֿאַרטיק, זענען פֿאַרשוווּנדן די ריזן פֿון פֿאַרן דאָר האַמאַבל און צוזאַמען מיט זיי דאָס טכיעס האַמיסים אויפֿגעשטאַנענע רוימערטום — די בּרוטוסן, גראַקכוסן, פּובּליקאָלעס, די טריבּונען, סענאַטאָרן און אויך די צעזאַרן" (דער 18־טער בּרומער פֿון לואי בּאָנאַפּאַרט ז. 7—8, יידישע איבּערזעצונג פֿון י. לעווין).

אויב דער אַנטי־היסטאָרישער „אַקטואַליזם" איז די אידעאָלאָגיע פֿון דער פֿאַשיסטישער אינטעליגענץ און פֿינאַנץ און העלפֿט זיי צו דעראָבּערן די מאַסן — קאָן ער נישט זיין די אידעאָלאָגיע פֿון אַרבּעטער און פּויערן, וועלכע פֿירן אַזאַ שווער לעבּן. דעריבּער האָט דער פֿאַשיזם געשאַפֿן דעם מיטאָס פֿון „ראָמאַניטאַ" (רוימערטום), דורכדעם וואָס ער האָט זיך פּרעזענטירט פֿאַר די מאַסן, אַלס דער ווידער־אויפֿגעלעבּטער רום פֿון רוים.

אָבּער אין די רעוואָלוציעס פֿון דער פֿאַרגאַנגענהייט האָבּן די פֿאַרשידענע שיכטן בּורזשואַזיע שנעל זיך אָפּגעגעבּן אַ כעשבּן וועגן דער בּאַדייטונג פֿון די געשעענישן, און זיי האָבּן זיי געקאָנט אויסנוצן אין נאָמען פֿון אַ פּראָגרעסיוון אידעאַל; דער פֿאַשיזם אָבּער האָט נאָך היינט נישט, 11 יאָר נאָך זיין קומען צו דער מאַכט, קיין קלאָרע אידעאָלאָגיע, זיין מאַכט איז נישט זיכער, און ער קאָן זיך נישט אויסאַרבּעטן קיין אידעאַל, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען די היינטיקע ווירקלעכקייט. ער וואָלט דאָס געקאָנט בּאַווייזן, נאָר ווען ער וואָלט אָפֿן צוגעגעבּן, אַז דער פֿאַשיזם איז אַ ווערקצייג פֿונם רעאַקציאָנערן קאַפּיטאַל, אויף אויפֿצוהאַלטן און פֿאַרשטאַרקן זיין הערשאַפֿט איבּערן אַרבּעטער - קלאַס. און דערפֿאַר טאַקע איז דער פֿאַשיזם אַ מין קאַרנאַוואַל - קאָמעדיע. דער פֿאַשיזם מוז זיך אויפֿפֿירן אַזוי ווי יענער העלד פּיראַנדעלאָס, וועלכער האָט זיך אויף אַ קאָסטיומען־בּאַל פֿאַרקליידט פֿאַר העינריק דעם 4־טן פֿון דייטשלאַנד: ער איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון אַ פֿערד און געוואָרן פֿון זינען געריַרט, און ער איז איבּערצייגט, אַז ער איז העינריק דער 4־טער; זיין הויז ווערט צוגעפּוצט, ווי אַ מיטלאַלטערלעכער הויף, פֿאַזשן רעדן צו אים אין אַלטן סטיל, און קוריערן בּרענגען אים בּריוו פֿון מאַטילדע פֿון קאַנאָסע און פּעטער דאַמיאַני, וועלכע אינטריגירן בּיידע קעגן אים בּיים פּויבּסט. די ווירקלעכע קאָמעדיע

אין דער פיעסע דויערט נישט לאנג, עס געשעט דערווייל אזוי, אז דער קראנקער ווערט צוריק געזונט, און איצט ערשט קאָן ער זיך קיין אָרט נישט געפינען אין דעם קינסטלעכן ארום. ער בלייבט דער געפאַנגענער פון זיין מעשוגאַס, ער איז פאַרמישפּעט צו לעבן ווייטער ביזן סאָף פון זיינע טעג אין דער פיקציע. ענלעך איז עס צוגעגאנגען מוסאָליני׳ן נאָך די אַלע האַכאָנעס, וואָס ער האָט געמאַכט צום מארש אויף רוים; ער קאָן נישט מער זיך אָפּזאָגן פון דער אינסצעניזאַציע — ווייל די מאַסע וואָלט דאָן דערזען, וואָס הינטער די קוליסן באַהאַלט זיך. ער איז פאַרמישפּעט צו שפּילן דאָס גאַנצע לעבן די ראָל פונם קאַרנאַוואַל־צעזאַר...

מיר זעען טאָג טעגלעך, צו וואָסערע מעשוגעדיקע אויספירן עס קומען אויסלענדער, וועלכע ווילן אויסטייטשן דעם פאַשיזם, אַרויסגייענדיק פון זיין אידעאָלאָגיע. ניין, די פאָרשונג פון דער פאַשיסטישער אידעאָלאָגיע איז נישט אימשטאַנד אויפצודעקן דעם מעהוס פונם פאַשיזם. די פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע קלערט קיין זאַך נישט אויף, זי דאַרף אַליין ערשט אויפגעקלערט ווערן.

די זעלבע סיבעס, וועלכע האָבן אַנטוויקלט דעם קולט פון אַלטן רוים, האָבן אַרויסגערופן אין איטאַליע דאָס וואָס מען רופט שטיין־קראַנקהייט, ד. ה. די שיגאָענדיקע שטרעבונג אומעטום אויפצושטעלן דענקמעלער און צוגעבן אַלע עפנטלעכע געביי־דעם — פון מיניסטעריומס ביז אָפּטריט - אַנשטאַלטן — אַ מאָ־נומענטאַלע פאָרם. געוויס, פון טאָמיד אָן איז געווען אַן ענגער צו־זאַמענהאַנג צווישן דיקטאַטאָרישער רעגירונגס־ פאָרם און נייגונג צו דענקמעלער. ווען נישט די פאַראָאָנען, וואָלטן קיין פּיראַמידן נישט געווען. אָבער ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז די פּיראַמידן וועקן נישט אין אונז קיין שום בענקשאַפט נאָך דעם פאַראָאָנישן רעזשים. און פונקט אַזוי איז אויך איבעריק צו זאָגן, אַז ווען דער פאַשיזם זאָל אַפילו מיט גאָלד אויסצירן אַלע אָפּטריטן אויף אַלע גאַס־עקן, וועט דאָס אונז אויך נישט קאָנען פאַרטרעטן די צוגע־רויבטע פרייהייט. עס איז איבעריק דאָס צו זאָגן אויסלענדישע אַרבעטער; אָבער ס׳איז עפּשער נישט איבעריק עס צו זאָגן דער אויסלענדישער אינטעליגענץ, וועלכע באַזוכט איטאַליע און פאַרט

אוועק א פֿאַרבלענדטע און פֿאַרבליפֿטע דורך דער פֿאַשיסטישער „שטיין־קראַנקהייט".

9. די נאַציאָנאַליסטן

אין דער צייט ווען די פֿאַשיסטן האָבן מאָנאָפּאָליזירט פֿאַר זיך אַלע העכסטע מעלוכישע אמטן, האָבן די אַלטע נאַציאָנאַליסטן, וועלכע זענען אין 1923 אַריין אין דער פֿאַשיסטישער פּאַרטיי, ווייטער זיך אָפּגעגעבן מיט היסטאָרישע און אידעאָלאָגישע פּראָבלעמען. די דאָזיקע נאַציאָנאַליסטן זענען אָנהענגער פֿון מאַאוראַס און פּיכטע (ראָקאָ, קאָראַדיני, קאָפּאָלאָ, קאָנטאַלופּאָ, דאַוואַנצאַטי), און זיי פֿירן אַ שטרייט מיט די אַקטואַליסטן — ווער פֿון זיי האָט געגעבן דעם פֿאַשיזם זיין אידעאָלאָגישן יעסאָד. דער איינפֿלוס פֿון די נאַציאָנאַליסטן איז געווען דעציִדירנד ביים רעגולירן די באַציִונגען צווישן דעם פֿאַשיזם און דער מאָנאַרכיִע, צווישן דעם פֿאַשיזם און דער קירכע, און זיי האָבן אויך דעם גרעסטן איינפֿלוס אין דער אויסערן־פּאָליטיק און אין דער קאָלאָניאַל־פּאָליטיק. גייסטיק שפּייזן זיי זיך דער איקער מיט אימפּאָרטירטע טעאָריעס — פֿון פֿראַנקרייך און פֿון דייטשלאַנד. זייער טריבונע איז די צייטשריפֿט „פּאָליטיקאַ" (רוים).

אין געביט איז יאָ פֿאַראַן, אויף וועלכן דער איטאַליענישער פֿאַשיזם איז דער וואָפֿן־שמידער פֿאַר דער גאַנצער וועלט־רעאַקציִע, און ער קאָן זיך דאָ מיט רעכט האַלטן פֿאַר אַ פּיאָנער און וועגווייזער — דאָס איז דער געביט פֿון רעכט. די יורידישע טוירע פֿונם פֿאַשיזם האָט פֿאָרמולירט אַלפֿרעדאָ ראָקאָ.

ביז 1924 איז ראָקאָ געווען נישט מער ווי איינער פֿון די צאָלרייכע „נייע מענטשן", וועלכע דער פֿאַשיזם האָט געבראַכט צו דער מאַכט. די אַנטוויקלונג, וואָס דער פֿאַשיזם האָט זייט דאַן אַדורכגעמאַכט, האָט געפֿירט צו אַ געוויסן אָפּקלייב פֿון פֿירנדן פֿאַשיסטישן פּערסאָנאַל, און דאָ האָט זיך ראָקאָ אַרויסגערוקט אין דער פֿאָדערשטער רייע ער איז בלי ספֿק די סאַמע איינפֿלוס־רייכסטע פּערזאָן נאָכן „דוטשע". די געזעצן וועגן פּרעסע, וועגן אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, וועגן פּראָפֿ. פֿאַריינען, וועגן דיסציִ־

פֿלין אין די אַרבעט - באַציונגען, וועגן ביוראָקראַטיע, וועגן פֿאַרשיקונגען, וועגן שוץ פֿון דער מעלוכע, וועגן באַציונג צו דער קירכע — דאָס איז אַלץ ראָקאָס אַרבעט; און דאָס זענען די געזעצן, וועלכע ליגן אַ כאַראַקטעריסטישן שטעמפּל אויף דער פֿאַשיסטישער מעלוכע, אַ סך מער ווי די רעדעס פֿון מוסאָליניִן, אָדער ווי די ביכער פֿון זעלבן ראָקאָ, וועלכע דאַרפֿן געבן אַ טעאָרעטישע באַרעכטיקונג פֿאַר די אַלע גילגולים, וואָס דער פֿאַשיזם האָט אַדורכגעמאַכט.

ראָקאָ באַהערשט היינט די איטאַליענישע אוניווערזיטעטן. עס זענען נייע קאַטעדרעס געוואָרן איינגעפֿירט, קעדיי צו שאַפֿן אינם לערן־פּלאַן פּלאַץ פֿאַר ראָקאָס רעכט־לערע. עס זענען גוואַלדיקע סומעס אויסגעגעבן געוואָרן, קעדיי צו פּאָפּולאַריזירן אין אויסלאַנד די איטאַליענישע געזעצן, ד. ה. די טעאָריעס פֿון ראָקאָ. די אונגאַרישע, רומענישע, פּוילישע, דייטשע און פֿראַנצויזישע פֿאַשיסטן לאָזן זיך פֿאַרפֿירן דורך דער פּראָפֿעסאָרישער „סאָלידקייט” פֿון ראָקאָס רעאַקציאָנערער טוירע, און זיי כאַזערן איבער, ווי פּאַפּוגעס, די פֿאָרמולעס וועגן „קאָאָפּעראַטיוון פֿאַרלאַמענט”, וועגן „ווירטשאַפֿטלעכער דעמאָקראַטיע” א. ד. גל. פֿאַר דער אייראָפּעישער רעאַקציע איז ראָקאָ געוואָרן דער נאָווי, וואָס איז אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער ערד אַ סאָף צו מאַכן צום מאַרקסיזם און צום ליבעראַליזם.

די גאַנצע טעאָריע ראָקאָס וועגן נאַטור פֿון דער מעלוכע און אירע געזעצן באַזירט זיך אויף פֿאָלגנדער גרונט־דאָגמע: די מענטשהייט, אַלס אַזעלכע, עקזיסטירט נאָר אַלס ביאָלאָגישע איינהייט און נישט אַלס ספּעציעלע איינהייט. דאַקעגן, איינצלנע מענטשלעכע קיבוצים עקזיסטירן אי אַלס ביאָלאָגיש, אי אַלס סאָציאַל וועזן. זיי זענען זאַמלונגען פֿון אַ באַשטימטן מין מענטשן מיט אַן איינהייטלעכער אָרגאַניזאַציע צוליב די אייגנטלעכע צילן פֿון אָט דעם מין (א. ראָקאָ, די שיטע פֿונם פֿאַשיזם און איר אָרט אין דער געשיכטע, מילאַן 1925, ז. 11). מיט אַנדערע ווערטער: די מענטשלעכע געזעלשאַפֿט איז נישט קיין סאָציאַלע רעאַליטעט; סאָציאַלע רעאַליטעטן זענען נאָר די נאַציעס. און לייקענענדיק די עקזיסטענץ פֿון

דער מענטשלעכער געזעלשאַפֿט, פֿרעגט ראָקאָ דערמיט גופֿא אָפּ די עקזיסטענץ פֿון מענטש. עס עקזיסטירט נישט קיין מענטש, עס עקזיסטירט נאָר אַ בירגער. און נישט אַ בירגער אין אַלגעמיין, נאָר אַ בירגער קאָנקרעט, מיט אַ פּאַס אין טאַש, רעגיסטרירט אין ציוויל־אַמט און אויך אין די ליסטעס פֿון די שטייער־צאָלער. „דער פֿאַשיזם האַלט, אַז די נאַציאָנאַלע געזעלשאַפֿט עקזיסטירט דערויף, זי זאָל דרעסירן דעם יאָכיד, אים מאַכן פֿאַר אַן אינסטרומענט פֿאַר סאָציאַלע צוועקן" (דאָרט ז. 14). „די נאַציע, זאָגט אַ טאַלמיד ראָקאָס, איז געטלעך, ווייל זי איז דער קאָנקרעטער אויסדרוק פֿאַר דעם וועזן פֿונם גייסט, און דעריבער שליסט זי איין אין זיך אי דעם מין אי דעם יאָכיד, ווייל זי איז דער סינטעז פֿון אוניווערסאַלן און אינדיווידועלן, אַזוי אַז זי טראָגט אין זיך די באַגרינדונג אי פֿון אונזערע רעכט, אי פֿון אונזערע פֿליכטן, זי טראָגט אין זיך די באַגרינדונג אי פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון אונזער אינדיווידואַליטעט, אי פֿאַר איר באַגרענעצונג" (דזשוליאַני, די פּאָליטישע דערפֿאַרונג פֿון איטאַליע, פֿלאָרענץ 1924, ז. 200).

אונטער נאַציע פֿאַרשטייט ראָקאָ „די ענדלאָזע רייע פֿאַרגאַנגענע, קעגנווערטיקע און צוקונפֿטיקע דורות, וועלכע האָבן געגנומען, נעמען איצט און וועלן אין דער צוקונפֿט נעמען אָנטייל אין איר". עס איז אָבער גענוג פּאָשעט אָנצווייזן אויף דער שרייענדיקער סתירה צווישן דער אידייע פֿון געטלעכער נאַציע, ווי ראָקאָ פֿאָרמולירט עס, און צווישן דער נאַציע אַלס פֿאַקט, ווי זי אַנטפּלעקט זיך אין דער געשיכטע, למשל אין דער איטאַליענישער געשיכטע, קעדיי אַראָפּצורייסן פֿון דעם ווערטערלעכן קונסט־ווערק דעם שלייער, אין וועלכן עס הילן איין די געבראַכטע דעפֿיניציעס. יעדער איינער פֿאַרשטייט, אַז דאָס זענען זייפֿנבלאָזן; אָבער העכערקייט איבער אַלע אַנדערע פֿעלקער. ראָקאָ האָט קיין שום מען מוז אויך וויסן, אַז מיר האָבן דאָ צו טון מיט זייער אַן אַלטער זייף, וועלכע ראָקאָ האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון די מאַגאַזינען פֿון דער רעאַקציאָנערער דייטשער קולטור. אין זיינע „רעדעס צו דער דייטשער נאַציע" געברויכט פֿיכטע קימאַט די זעלבע ווערטער, אויף צו באַווייזן די געטלעכקייט פֿון דייטשן פֿאָלק און זיין

זאַך נישט דערפונדן. ער האָט קאָמבינירט פיכטען מיט העגעלן, די דאָגמע פון דער געטלעכער נאַציע מיט דער דאָגמע פון דער יורידישער מעלוכע, און האָט פון דעם זיגועג אַרויסגעצויגן די טעאָריע וועגן דער אָרגאַנישער מעלוכע, וואָס איז אידענטיש מיט דער נאַציע, אַזוי אַז יעדער בירגער, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער מעלוכע, שטעלט זיך דערמיט גופא אויסער דער נאַציע: אַזאַ איינער שטעלט זיך נישט אַנטקעגן די געזעצן, נאָר אויסער די געזעצן, ד. ה. ער עקזיסטירט נישט מער. די אידייע וועגן דער אָרגאַנישער מעלוכע וואָלט געווען גאַנץ גוטער שטאָף פאַר אַ פילם: די מעלוכע ווערט פאָרגעשטעלט, אַלס לעבעדיקער אָרגאַניזם, מיט גוף און נעשאָמע, און די יעכידים זענען די קעמערלעך, און די קלאַסן — די געוועבן פונם קערפּער. אָבער אַפילע אָט די טעאָריע איז אויך נישט קיין מעל פון פאַשיסטישן זאַק! די טעאָריע איז אַזוי אַלט, ווי ביכלאַל די פילאָזאָפיע; אָבער געוויינלעך פאַרבינדט מען זי אין דער געשיכטע מיטן נאָמען פון דייטשן פילאָזאָף שעלינג. אַ דייטשער פּראָפעסאָר, אַ טאַלמיד שעלינגס, האָט געקלערט וועגן דער פראַגע, ווי צו רעגולירן די באַציונגען צווישן מעלוכע און קירכע, אויב מען זאָל אָננעמען, אַז די מעלוכע איז דאָס מענלעכע אין אָט די באַציונגען, און די קירכע — דאָס ווייבלעכע. אַן אַנדער דייטשער פּראָפעסאָר האָט געמאַכט אַ געבּרויך פון מעלוכע אין אַ זאָאָלאָגישן טראַקטאַט.

די איטאַליענישע בורזשואַזיע איז פאָטער געוואָרן פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, זי האָט פאַרלאָזן די ליבעראַלע אידעאָלאָגיע; זי האָט פאַרוואָרפן די פּרינציפּן, ביי וועלכע זי האָט זיך געהאַלטן אין פעריאָד פון איר אויפקום, און האָט זיך געשאַפן אַ נייע אידעאָלאָגיע. די אידעאָלאָגיע פון ראָקאָ, וועלכער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ באַנייער פון דער אייראָפּעאישער קולטור, איז אין דער עמעסן די אַלטע אייביקע אידעאָלאָגיע פון אַלע אַבסאָלוטיסטישע מעלוכעס. די פאַשיסטישע מעלוכע דערמאָנט אין האָבּ'ס ליוויאָסן; זי איז דער עמעסער שטערבלעכער גאָט, וועמען דער מענטש האָט צו פאַרדאַנקען זיין פרידן און זיין שוץ — אַ כוץ דעם אומשטערבלעכן גאָט. ספּינאָזע האָט אידענטיפיצירט די

מעלוכע מיט דער מאכט פון גאָט, דע־מעטר האָט זי אידענטיפי־ צירט מיט דער בירגערלעכער רעאקציע. אָבער דער פּראָצעס איז דער זעלבער, און דער רעזולטאַט אויך דער זעלבער.

אָבער, וועט מען פרעגן, זענען דאָך אין איטאַליע פאַראַן פּראָפ. פאַריינען, קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פאַרייניקונגען, ווי זיי זע־ נען נישט פאַראַן אין אַבסאָלוטיסטישע מאָנארכיעס? ווי אַזוי ברענגט ראָקאָ מיט זיין אַבסאָלוטיסטישער אידעאָלאָגיע אין איינ־ קלאַנג די רעכט פון אָט די פאַרייניקונגען מיט די רעכט פון דער מעלוכע? דאָס איז טאַקע אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט פונם פאַשיזם: אויף איין זייט אַן אַבסאָלוטיסטישע אויטאָריטאַרע מע־ לוכע, אויף דער אַנדערער זייט — גרויסע מאַסן - אָרגאַניזאַציעס. אָבער ראָקאָ גיט אונז אַ שליסל צום סאָד: ער קלערט אונז אויף, ווי אַזוי די דאָזיקע זאַכן פּאָרן זיך.

דער פאַשיזם האַלט, אַז דער איקער איז די פּראָבלעם פון מע־ לוכע־רעכט. די רעכט פונם יאָכיד, אויף וויפל זיי ווערן אָנערקענט, זענען נישט מער ווי רעפלעקסן פון די רעכט פון דער מעלוכע (ראָקאָ, דאָרט ז. 14). דער יאָכיד איז בירגער, אַרבעטער, און ער געניסט פון באַוועג־פרייהייט און געדאַנק־פרייהייט נאָר אין די גרעניצן, וועלכע די מעלוכע צייכנט אָן פאַר אים. די מעלוכע האָט אירע אייגענע אימאַנענטע געזעצן פון עקזיסטענץ, פון אויסבריי־ טערונג, פון פאַרפולקומונג, און די דאָזיקע געזעצן זענען גאָר אַנדערע, ווי ביי יעכידים, פון וועלכע די מעלוכע באַשטייט (ראָקאָ, דאָרט ז. 13). אַלזאָ, אויב מען קאָן ריידן וועגן רעכט פון אַרבעטער, איז נאָר ווי וועגן אויסשטראַלונגען און האַנאָכעס מיצאַד דער מע־ לוכע. עס זענען רעפלעקס־רעכט. דער אויטאָריטעט פון פאַשיסטישן פּראָפ. פאַריין איז אויך אַ רעפלעקטירטער — ער שטאַמט פון דעם מעלוכישן אויטאָריטעט (פון פּרעפעקט אָדער רעגירונגס־פּרע־ זידענט. די מעלוכישע מאַכט איז די איינציקע ווירקלעכע מאַכט, די איינציקע קוואַליקע, נישט רעפלעקטירטע מאַכט — און זי איז דער קוואַל פון יעדן רעכט. די רעכט פון די פאַשיסטישע רעפּור־ טאַטן (געזעצגעבערישע מאַכט) זענען אויך רעפלעקטירטע רעכט— די רעפּוטאַטן ווערן געוויילט פון דער אויספיר־מאַכט און פון איר

צונויפגערופן, און זי קאָן זיי אויך יעדן מאָמענט אָפּרופן. די רעכט פון די ריכטער (געריכטלעכע מאכט) זענען אויך רעפלעקטירטע, ווייל אויך זיי ווערן געוויילט דורך דער אויספירמאכט און קאָנען פון איר יעדן מאָמענט ווערן אָפּגערופן פון זייער מאכט. עס איז אזוי ארום נישט פאַראַן קיין שום פאַשיסטישע געזעצלעכקייט, אויף וועלכער אַן אָפּאָזיציאָנעלע באַוועגונג זאָל קאָנען באַזירן די באַרעכטיקונג פון איר עקזיסטענץ. דאָס איינציקע געזעץ איז — דער אינטערעס פון דער בירגערלעכער מעלוכע. אַלע האַנאָכעס, וואָס די מעלוכע קאָן מאכן, זענען טאַקע נישט מער, ווי האַנאָכעס, צייטווייליקע קאָנצעסיעס. די פאַשיסטישע פאָרמולע זאָגט: „אַלץ אין דער מעלוכע, קיין זאַך נישט אויסער מעלוכע, קיין זאַך נישט קעגן דער מעלוכע". דאָס איז די גאַנצע רעכט־קלוגשאַפט פון ראָ־קאָ. אָבער אויך די דאָזיקע קלוגשאַפט איז אַן אויסגעבאָרגטע. די טעאָריע וועגן רעפלעקטירטע רעכט שטאַמט אויך פון דייטשלאַנד. אַפילע דער טערמין רעפלעקס־רעכט איז אַ דייטשער. נאָך דער מיל־כאָמע איז געפאַלן דער אימפּאָרט פון דייטשע מאַשינעס קיין אי־טאַליע, דערפאַר אָבער איז געוואַקסן דער אימפּאָרט פון אידעאָ־לאָגישע פּראָדוקטן. ראָקאָ האָט אויפגענומען און דערקלערט פאַר זיי־נע אייגענע די רעאַקציאָנערע טעאָריעס, פון וועלכע די דייטשע בורזשואַזיע האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן אין 1919, קעדיי זיך צוצו־פּאַסן צו דער ווײַמאַרער קאָנסטיטוציע. און אויף אָט די טעאָריעס שטיצט זיך איצט דער לימעד אין די איטאַליענישע אוניווערזי־טעטן. אויף אָט די טעאָריעס באַזירט די „נייע אידעאָלאָגיע" פון דער איטאַליענישער בורזשואַזיע.

די רעפלעקס־רעכט, מיט וועלכע דער פאַשיזם איז מעזאַקע די איטאַליענישע אַרבעטער, זענען לויט זייער עצעם די זעלבע רעכט, וואָס ווייכהאַרציקע בירגער אָנערקענען פאַר כאַיעס. מען געהערט דאָך עפּעס צום צאַר־באַלע־כאַאים־פאַריין, און עס זענען פאַראַן פאַרשריפטן, וואָס שיצן געזעצלעך די כאַיע. אָבער די רעכט, פון וועלכע די כאַיעס געניסן, זענען רעפלעקס־רעכט; זיי געניסן פון אָט די רעכט אינגאַנצן פּאַסיוו, נאָר ווייל דאָס זענען האַנאָכעס מיצאַד זייערע האַרן.

דער באַגריף רעפלעקס־רעכט איז, אייגנטלעך, נאָך עלטער. די רוימישע שקלאַפן פון אַלטערטום האָבן נישט געהאַט קיין שום רעכט. דאָך איז געווען עפּעס אַ מין רעכט, וואָס האָט זיי געשיצט. אָבער די שקלאַפן האָבן נישט נאָר נישט געקאָנט פאָדערן אַן אויס־ברייטערונג פון זייערע רעכט, נאָר זיי האָבן נישט געטאָרט פאַר־לאַנגען די אָנווענדונג אַפילו בלויז פון די אָנערקענטע רעכט. די פאַרלייכטערונגען, פון וועלכע זיי האָבן גענאָסן אין רוהיקע צייטן, זענען געווען רעפלעקס־רעכט. די, וואָס האָבן די רעכט געגעבן, האָבן געקאָנט זיי אויך אָפּשאַפן, ענדערן, ווי זיי האָבן געוואָלט. דאָס איז דער סאַכאַקל פון אַלפרעדאָ ראָקאָס אָריגינעלע אַנטדע־קונגען — פון אָט דעם אידעאָלאָג פון דער אייראָפּעאישער רע־אַקציע, דעם געזעצגעבער פונם פאַשיזם.

קאַפּיטל 15

איספירונגען

1. וואָס אַזוינס איז פאַשיזם?

דער פאַשיזם איז נישט פון הימל אראָפּגעפאַלן. ער איז א פּראָדוקט פון די קלאַסן-באַציאונגען אין דער נאָכמילכאָמע-צייט. דער פאַשיזם איז נישט געווען אומפאַרמיידלעך (וואָרום קיין זאַך איז נישט אומפאַרמיידלעך). אין יעדער היסטאָרישער סיטואַציע זיינען מעגלעך פאַרשידענע וועגן פון אַנטוויקלונג און אין לעצטן סאַכאַקל דעצידירן געווייסן, ווילן און קראַפט פון די מענטשן.

שרייבנדיק די געשיכטע פונם פאַשיזם, האָב איך מיך באַמיט צו האָבן אין אויג די זעלבסטקריטיק, וועלכע דער פאַשיזם פירט אויס לעגאַבע זיך אליין דורך דעם עצעם פאַקט פון זיין עקזיסטענץ. געשיכטע איז טאָמיד זעלבסטקריטיק. די געשיכטע פונם ליבעראַליזם איז די זעלבסטקריטיק פונם ליבעראַליזם. די געשיכטע פונם סאָציאַליזם איז די זעלבסטקריטיק פונם סאָציאַליזם. אויך די געשיכטע פונם פאַשיזם קאָן נישט זיין עפּעס אַנדערש, ווי זעלבסטקריטיק פונם פאַשיזם. מיין גאַנצע אַרבעט איז אין גרונט באַשטאַנען דערין, אויפצוכאַפּן אין דעם כאַאָטישן קנויל פון געשעענישן דעם פאָדעם פון קריטיק, וואָס דער פאַשיזם ווענדט אליין אָן צו זיך. מיט גרויס ווידערווילן און מיט פיל פאַרזיכט נעם איך זיך איצט, נאָך דער געשיכטלעכער שילדערונג, צו מאַכן אַלגעמיינע אויספירונגען. ביי אַזעלכע אויספירונגען איז אַלע מאָל דאָ די געפאַר צו פאַרלירן זיך אין אַבסטראַקציעס. אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס וועגן פאַשיזם זענען פאַראַן אין אומגאַנג זייער פיל פאַלשע געדאַנקען, האָב איך געהאַלטן פאַר

נייטיק צו פארמולירן די לערע פון אָט דעם בוך אין איינציקע קורץ־געפאסטע אויספירן.

עס איז, דוכט זיך, א זעלטענער פאל, אז מיינונגען פון די צייטמענטשן איבער א היסטאָרישע געשעעניש זאָלן זיין אַזוי פארשיידן און אפילו קעגנזעצלעך, ווי דאָס איז דער פאל מיטן פאשיזם; און די מיינונגען גייען זיך פאנאנדער נישט נאָר מיקועך זיין פאָליטישער ראָל, נאָר אפילו וואָס איז שאיעך זיינע אויסערלעכע סימאָנים. ווען מיר וואָלטן באדארפט זיך אויסארבעטן א מיינונג וועגן פאשיזם נאָר לויט ביכער, צייטונגען און צייטשריפטן, וואָלטן מיר נישט געוווסט, צי האָט מען צו טון מיט א באוועגונג פון גרויס־קאפיטאליסטן, אָדער פון קליינבירגער, פון מיליטער אָדער פון ארבעטער, צי האָט מען צו טון מיט א רעאקציאנערער באוועגונג, אָדער מיט א רעוואָלוציאנערער, מיט א פאריבערגייענדיקער, אָדער מיט א סטאבילער, הויערנדיקער. און דער פאשיזם איז דאָך נישט עפּעס א געהיימע אָרגאניזאציע, און זיין זיץ־אָרט איז דאָך נישט אויפן ברעג פון טייך זאנזיבאר.

די פאלשע מיינונגען, שילדערונגען און טייטשונגען נעמען זיך קודעם קאָל דערפון, וואָס דער פאשיזם האָט דורכגעמאכט זייער א שנעלע אנטוויקלונג און ער טראָגט אין זיך גופע פיל ווידערשפרוכן. אפילו די פאלשע מיינונגען האָבן אין זיך א געוויסן קערן פון עמעס, אויף וויפל זיי באציען זיך צו א באשטימטן מאָמענט אין דער פאשיסטישער אנטוויקלונג, אָדער זיי האָבן א שאיכעס צום פאשיזם אין א באשטימטער געגנט, אָדער בלויז צום סאָציאלן באשטאנד פון די פאשיסטישע ארגאניזאציעס, אָדער בלויז צו די קאמף־מעטאָדן פונם פאשיזם, אָדער בלויז צו זיין אידעאָלאָגיע — בעאיים אַן עמעסדיק היסטאָרישער אורטייל דארף ארומנעמען די אלע עלעמענטן צוזאמען אין זייער קעגנזייטיקער שאיכעס און ווירקונג.

א צווייטע סיבע פון דעם באגריפן־פלאָנטער ארום דעם פאשיזם איז עפּשער דאָס, וואָס פאָליטישע צוקוקער באטראכטן

טאָף קאָל סאָף דעם פּאַשיזם יעדער איינער בלויז פון זעווינקל
פי' דער פּאַרטיי, צו וועלכער ער געהערט. אין לענדער, וואָס
זענען ארומגענומען פון א טיפן קריזיס, האָט אויף פּאַרטיי־אָר־
גאַניזאַטאָרישן געביט דער ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט פון די
פּאַרטייען די אויבערהאַנט איבערן פּאָליטישן אַפּאַראַט; אין די
דיסקוסיעס האָבן טאַקטישע פּראָבלעמען אָפּגעשטופּט אין הינ־
טערגרונט די פּראָגראַם־פראַגן; אין דער פּרעסע און אין דער לי־
טעראַטור האָט אגיטאַציע, וואָס וויל טייקעף ווירקן, פאַרנומען
דעם פּלאַץ פון קריטישן דענקען, פון זוכן בלויז דעם ריינעם
עמעס. מילכאָמע איז מילכאָמע. אויך דער מאַרקסיזם האָט נישט
אַלעמאָל אויסגעמיטן די פאַרקריפּלונג פון זיין אייגענעם קרי־
טיש-אַנאַליטישן מעטאָד. די אַגיטאַציע, לויט איר עצעם נאָך,
מוז אָנקומען צו פאַראיינפאַכטע באַגריפן. אָבער אַזעלכע באַ־
גריפן ווערן זייער גיך שטומפּיק. א פּאָליטישע באַוועגונג, וועל־
כע וויל איינהאַלטן אַן ערנסטן קאָנטאַקט מיט דער ווירקלעכ־
קייט, מוז דעריבער קעסיידער זיך אליין קאָנטראָלירן מיט דער
הילף פון א בינעם קריטישן מעטאָד. א דאַנק דעם פאַריינפאַכ־
טען אויפן פון דענקען, איז פאַשיזם געוואָרן היינט דאָס, וואָס
צעזאַריזם איז געווען פאַר דער לעב־צייט פון מאַרקסן: „א טונ־
קעלער פאַרנאַכט, אין וועלכן אַלע קעץ זענען אויס גרוי". מאַרקס'
צייט־כאַווירים האָבן יעדע רעאַקציאָנערע באַוועגונג גערופן
„צעזאַריסטישע". אזוי זענען אויך היינט פאַר זייער פיל מענ־
טשן געוואָרן סינאָנימען פאַשיזם און רעאַקציע. געוויס, דער
טייטש פון ווערטער איז א קאָנווענציאָנעלע זאַך, און פונקט ווי
מען וואָלט געקאָנט צווישן זיך אָפּמאַכן אָנצורופן אַלע אויבסט־
בוימער — קאַרשן־בוימער, פּונקט אזוי וואָלט מען געקאָנט קרוי־
נען מיטן נאָמען פאַשיזם אַלע פּאָליטישע פאָרמען פון דער
פאַרגאַנגענהייט, קעגנוואַרט און צוקונפט, דעם אַבסאָלוטיזם און
דעם ליבעראַליזם, דעם פּאַרלאַמענטאַריזם און דעם סינדיקאַ־
ליזם, די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און דעם קאָמוניזם. אָבער אפי־
לע די פּוילסטע אויף אנאַליז קעפּ וועלן באַגרייפן, אז אזא ווי־

קיר אינם געברויך פון ווארט מוז פירן צו ווילקיר אין באַגריף, אָדער — אויב מען האָט שוין ביים ווארט פאַשיזם אָפּגענומען זיין ספּעציעלן טייטש, מוז מען ערשט צוגעבן צו דעם אַ באַשטימטן ספּעציפיצירטן אַדיעקטיוו, ווען מען וויל פאַרצייכענען אַ פּאָליטישע מאַכט, וועלכע שיידט זיך מיט עפּעס אונטער פון פאַשיזם. די דיפערענצירטקייט פון דער שפּראַך שפּיגלט בלויז אָפּ די דיפערענצירטקייט, וואָס איז פאַראַן צווישן די זאַכן. געוויס, מען קאָן איין און די זעלבע זאַך אָנרופן מיט פאַרשידענע נעמען — דאָן איז דאָס דיכטערישע שפּיל. אָבער צוויי פאַרשידענע זאַכן אָנרופן מיטן זעלבן נאָמען — דאָס קאָן נישט לאַנג אָנהאַלטן.

פאַשיזם איז נישט די איינציקע פאָרם, וואָס די רעאַקציע פון אונזער צייט נעמט אָן.

די טענדענץ צו פאַרמינערן אַלץ מער דעם באַדייט פון די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס, צו באַגרענעצן אַלץ מער דעם קאָנטראָל מצד דעם פאָלק און שאַפן אַלץ פעסטערע גאַראַנטיעס פאַר דער אויפהאַלטונג פונם הערשנדיקן קלאַס — דאָס איז היינט אַן אַלגעמיינע טענדענץ אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אַפילו אין די אויסגעשפּראָכן דעמאָקראַטישע. אָבער ביי דער אַלגעמיינער טענדענץ — האָבן מיר אומעטום אַן אַנדער פאַרהעלטעניש פון סאָציאַלע קויכעס, וואָס ווערט דערקלערט דורך דער מאַרקסיסטישער טעאָריע וועגן דער נישט גלייכמעסיקער אַנטוויקלונג פון דער געזעלשאַפט.

די פאָרמען, וועלכע די רעאַקציע נעמט אָן, זענען קיינמאָל נישט ווילקירלעך. אין לעצטן סאַכאַקל ווערן זיי טאָמיד באַשטימט דורך דער געשיכטלעכער לאַגע און דורך די עקזיסטירנדיקע קלאַסן־באַציאונגען. און ביי אַזאַ צוגאַנג קאָן מען די היסטאָרישע דערשיינונגען וועלכע ווערן געוויינלעך אָנגערופן מיטן נאָמען פאַשיזם, האָגאָם זיי זענען זייער פאַרשידן, איינטיילן אין דריי גרונט־טיפּן:

1) מיליטערישע דיקטאַטור;

2) רעאַקציאָנערע פאַרשטאַרקונג פון די אַלטע מעלוכע־פאָרמען, נישט פאַרניכטנדיק דעם פאַרלאַמענטאַריזם און נישט איפּלייזנדיק די סיסטעם פון די טראַדיציאָנעלע פּאַרטייען.

3) פאַשיסטישע דיקטאַטור.

2. פאַשיזם און מיליטערישע דיקטאַטור.

מיליטערישע דיקטאַטור איז גאָר נישט דאָס, וואָס פאַשיזם. פאַרשוועררונגען און מיליטערישע דיקטאַטורן האָט עס געגעבן אין אַלע צייטן, אַפילע נאָך ביי פאַר־קאַפּיטאַליסטישע באַציונגען; פאַשיזם, דאַקעגן, איז אַ טיפּישע דערשיינונג פון אונזער צייט.

געוויינלעך קומט מיליטערישע דיקטאַטור נישט אויף אין אַ קאַפּיטאַליסטיש אַנטוויקלט לאַנד מיט שטאַרקע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס און אַ צאָלרייך קליינבירגערטום. מייסטנס קומט אַ מיליטערישע דיקטאַטור אויף אין אַן אָפּגעשטאַנען לאַנד, ווו די בורזשואַזיע איז שוואַך, נישט אָרגאַניזירט, צעשטויבט אין צאָלרייכע קרייזן, און די פעאָדאַלע עלעמענטן זענען נאָך שטאַרק, און די אַרמיי איז די שטאַרקסטע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד.

אַ מיליטערישע דיקטאַטור ענדערט נישט געוויינלעך דעם סמאַטוס קוואָ. זי דערפילט אַ פונקציע אַ ריין קאָנסערווירנדיקע. צוליב דעם ווייזט זי זיך אויך אַרויס אומפעיק איינצושטעלן אַן אָרגאַנישן גלייכגעוויכט צווישן די פאַרשידענע פּראָדוציר־צווייגן, צווישן דער אינדוסטרי און דער לאַנדווירטשאַפט, צווישן די פעאָדאַלע עלעמענטן און דעם בירגערטום, צווישן דעם אויסלענדישן און היימישן קאַפּיטאַל. פאַרקערט, דער פאַשיזם דאָ, לויט די דירעקטיוון פונם גרויס־קאַפּיטאַל, אַנטוויקלען נייע פאָרמען פון אינדוסטריעלער און פינאַנציעלער אָרגאַניזאַציע און צזוי אַרום טרייבן ביז דער העכסטער מדרייגע די קאָנצענטראַציע פונם קאַפּיטאַל.

אין אָפּגעשטאַנענע לענדער איז די אַרמיי די שטאַרקסטע שוץ־דאַמבע קעגן דער א. ג. „אַנאַרכיע" פון די פֿאָלקס־מאַסן און קעגן דער קאָרופּציע פון די הערשנדיקע פּאָליטיקער. זי דער־צײַלט זייער לייכט די מלוכה־מאַכט. די איינציקע שוועריקייט, פאר וועלכער עס האָבן מורא אָרגאַניזאַטאָרן פון א מיליטערישער פאַרשווערונג, זענען טאָמיד נאָר די רייבונגען אינעווייניק גופא אין דער אַרמיי, גענויער: אינעם אָפיצירן־קאָרפּוס. באַר די הערשנדע פּאָליטישע פּאַרטייען האָבן זיי נישט וואָס מורא צו האָבן: א טעלעפאָן־באַפעל צו דער נאָענסטער קאַזאַרמע איז גענוג, זיי זאָלן ווערן געהאָרכזאַם. דער וועג, מיט וועלכן דער פּאַשיזם מוז גיין, קעדיי צו דערגרייכן די מאַכט, איז א סך א מער שווערער. דער פּאַשיזם אנטשטייט דאַן, ווען עס הייבן אָן צעפאַלן ווערן די טראַדיציאָנעלע פּאָליטישע פּאַרטייען, און ער מוז קעגן אָט די פּאַרטייען פירן זייער אַן ענערגישן קאַמף. גלײַכצײַטיק קעמפט ער קעגן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס מיט די מאָדערנסטע וואָפן פון בירגער־קריג און דער דאָזיקער קאַמף דויערט לאַנגע כאָדאָשים און אַמאָל יאָרן, ביז עס פאַלט די אנטשיידונג.

דאָס הייסט נישט, אז אינעם פּאַשיזם איז נישט פאַראַן אויך א מיליטערישער עלעמענט; אָבער נישט אָט דער עלעמענט איז אין אים דער איקער. אַלע אינסטיטוציעס פון דער אַלטער קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכע (אַרמיי, פּאָליציי, יוסטיץ, א.א.וו.) נעמען אויף א נאַטירלעכן אופן (ד. ה. געצוווּנגען דערצו דורך זייער נאַטור) אנטייל אין דעם קאַמף פאר דער פּאַשיסטישער רעאָרגאַניזירונג פון דער מלוכע. אָבער די פּאַשיסטישע רעאָרגאַניזאַציע איז לויט איר כאַראַקטער אַזאַ, אז קיין שום אינסטיטוציע פון דער אַלטער קאָנסטיטוציאָנעלער מלוכע קאָן זי (די רעאָרגאַניזאַציע) נישט באַוואָרענען. אַנדערש וואָלט דאָך דער פּאַשיזם געווען איבעריק, און עס וואָלט אויך איבעריק געווען אי די אויפלייזונג פון דער גאַנצער אַלטער פּאַרטייען־סיס־

מזם, אי ווער בירגער־קריג, וועלכער דויערט לאנג, האט א בלו־טיקן פארלויף, און זיין אויסגאנג איז נישט זיכער.

אנדערש איז די לאגע אין די גרויסע, ווירטשאפטלעך הויך אנטוויקלטע לענדער מיט אלגעמיינעם מיליטער־דינסט; דא איז נישט אזוי גרינג, ווי אין אפגעשטאנענע לענדער, אויסצונוצן די ארמיי פאר פאליטישע צוועקן. אין די פארגעשריטענע לענ־דער איז פאליטיק נישט די פריווילעגיע פון עטלעכע קליקעס. דער אנטייל פון די מאסן אין פאליטישן לעבן האט זיין ווירקונג אויך אין דער ארמיי, ווו נישט נאר סאלדאטן, נאר אפט אויך אפיצירן געהערן צו קעגנערישע פאליטישע פארטייען. דערמיט דערקלערט זיך טאקע, פארוואס מוסאליני טרעט אלע מאל — זייט דעם מארש אויף רוים — אזוי שארף ארויס קעגן א צו אקטיוון אנטייל פון די אפיצירן אין פאליטישן לעבן, און פארוואס ער דערלאזט נישט אפילו צו קיין פרא־פאשיסטישע מיליטערישע דעמאנסטראציעס — אונטערן באקאנטן אויסרייד, אז „די ארמיי מוז שטיין איבער די פארטייען".

3. פאשיזם און די קאנסערוואטיווע פארטייען

פאלש איז אויך, ווען מען באצייכנט אלס פאשיזם די רע־אקציאנערע פארשטארקונג פון די אלטע אינסטיטוציעס אין די פארלאמענטארישע ראמען און אונטער דער פירונג פון די טרא־דיציאנעלע קאנסערוואטיווע פארטייען. די רעאקציאנערע פאר־שטארקונג פון די אלטע מעלוכע־פארמען איז אן אלגעמיינע טענדענץ אין אלע בורזשואזע מעלוכעס, אפילו דארט, ווו די ארבעטער־באוועגונג איז שוואך און עס דראט נאך נישט דער מעלוכע קיין שום אוממיטלבארע געפאר. אויך אין לענדער, וועלכע זענען נאר שוואך געטראפן פון דעם ווירטשאפטלעכן, סאציאלן און פאליטישן קריזיס, האט מען ארויסגעגעבן ספע־ציעלע געזעצן קעגן די ארבעטער־ארגאניזאציעס, אדער מען האט ארויסגעשלעפט און געלאזן אין גאנג אלטע, שוין לאנג נישט גענוצטע געזעצן, און מען שטעלט זיך נישט אפ פאר די

אכזארישסטע מיטלען אויף אונטערצודריקן די פּאָליטישע אוןווירטשאַפטלעכע באַוועגונג פונעם ארבעטער־קלאַס. מען וואַקלט זיך אויך נישט איבערצוריסן מיט דער לעגאַליטעט, ווען מען וויל אַפּנעמען ביי די ארבעטער דאָס געווער פון גאַסן־דעמאָנס־טראַציעס, אָדער מען וויל נישט לאָזן פאַרשפּרייטן די סאָציאַ־ליסטישע און קאָמוניסטישע פּרעסע, אָדער מען וויל צעברעכן די ארבעטער־פּאַרטייען און זיי פאַרטרייבן אונטער דער ערד. דאָס אַלץ געהער היינט צו די געוויינלעכע מעטאָדן פון קאַמף אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אפילע דאָרט ווו דער קריזיס איז נאָך נישט אַזוי געפערלעך.

געוויס, מיר האָבן דאָ פאַר זיך אַ טענדענץ אין דער ריכ־טונג צום פאַשיזם, אָבער קיין פאַשיזם איז עס נאָך נישט. דער פאַשיזם קומט ערשט שפּעטער. אין איטאַליע האָט דזשיאָליטי מיט דער גרעסטער גרויזאַמקייט פאַרפאָלגט די ארבעטער־באַ־וועגונג און האָט זיך דערביי אַ האָר נישט געקימערט וועגן דער געזעצלעכקייט. עס איז געווען אַ צוגרייטונג צום פאַשיזם, אָבער קיין פאַשיזם איז עס נאָך נישט געווען.

מען דאַרף אויסמיידן אָט דעם פעלער (צו רעדן וועגן פאַ־שיזם) ביים אָפּשאַצן די לאַגע — אויב די אַלטע סיסטעם פון פּאַרטייען באַשטייט נאָך, און די פּאַרטייען האָבן נאָך נישט אָנגעווירן זייער קאָנטראָל איבער די גרויסע מאַסן פונעם קליינ־בירגערטום און די ארבעטערשאַפט איז שוואַך, אַזוי אַז עס דראָט נאָך קיין שום געפאַר נישט דעם פּראָפיט פונעם קאַפּי־טאַל.

די געשעענישן האָבן גענוג איבערצייגנדיק געוויזן, אַז פאַ־שיזם איז נישט קיין ספּעציפיש איטאַליענישע, נאָר אַן אינטער־נאַציאָנאַלע דערשיינונג. מיר האָבן אָפּגעוואָרפן די מיינונג פון די, וועלכע זעען שוין היינט אומעטום נאָר פאַשיזם, אָבער נאָך אַ־מאָל מוז מען אַרויסטרעטן קעגן די, וועלכע באַטראַכטן דעם פאַשיזם פאַר אַ „פּריווילעגיע" נאָר פון געוויסע „נידערי־קע" פעלקער.

4. ווען באַווײַזט זיך פֿאַשיזם?

ווײַל מען דעפֿינירן דעם פֿאַשיזם, מוז מען קוידעם קאָל ענטפֿערן אויף דער כראָנאָלאָגישער פֿראַגע. ווען באַווײַזט זיך פֿאַשיזם?

צום ערשטן מאָל איז דער פֿאַשיזם אויפֿגעקומען אין אייניקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער מיט א רעלאַטיוו־שוואַכער עקאָנאָמישער סטרוקטור, ווו די אײנהייטלעכע נאַציאָנאַלע מעלוכע איז ערשט נישט לאַנג געשאַפֿן געוואָרן און האָט דעריבער נאָך נישט געהאַט קיין טיף פֿאַרוואָרצלטע טראַדיציעס אין די מאַסן, און געווען איז עס באַלד נאָכן קריג, ווען דער דרוק פֿון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז געווען זייער שטאַרק, די גאַנצע סאָציאַלע געבײַדע איז געווען צעטרייסלט פֿון פֿונדאַמענט ביז צום סאַמע אויבן, די סיסטעם פֿון די אַלטע היסטאָרישע פּאַרטייען איז געוואָרן צעוואַקלט און גרויסע שיכטן פֿון דער קלײנער און מיטעלער בורזשואַזיע זענען געוואָרן אויפֿגערודערט. אָבער דער דײַטשער פֿאַשיזם ווײַזט, אַז עקאָנאָמישע פֿאָרגעשריטנקייט אַליין באַוואָרנט נאָך נישט פֿאַר פֿאַשיסטישער געפֿאַר.

געוויס, די נישט־גלײַכמעסיקע אַנטוויקלונג פֿון די פֿאַרשיידענע לענדער איז גוירעם, אַז פּאָליטישע דערשײנונגען באַווײַזן זיך נישט גלײַכצײַטיק אומעטום. פֿאַר פֿאַנאַטיקער פֿון נאַציאָנאַלע באַזונדערהייטן איז דאָס געוויינלעך א מאָטיוו צו באַטראַכטן יעדע נײַע פּאָליטישע דערשײנונג אַזוי, ווי זי וואָלט געווען א פּראָדוקט בלויז פֿון די פֿאַרהעלטענישן פֿון געגעבענעם איינצלנעם לאַנד. דאָס איז געווען דער קוק פֿון דער אַריסטאָקראַטיע און פֿונעם קלער אויף דער פֿראַנצויזישער רעוואָלוציע; דער קוק פֿון די ליבעראַלן אויף דער רעסטאַווראַציע; די האַלטונג פֿון בירגערלעכע אידעאָלאָגן לעגאַבע דער אַרבעטער־באַוועגונג; און דאָס איז אויך די האַלטונג פֿון די דעמאָקראַטן לעגאַבע דעם פֿאַשיזם. אָבער די געשיכטע האָט אַלע מאָל דעמאַסקירט די קורצזיכטיקייט אויף פּאָליטישן געביט. די איטאַליענישע ליטעראַטור דערציילט וועגן דאָן פֿעראַנטע, א מילאַנער פֿילאָ־

זאָך פון 17 יאָרהונדערט, אַז בעאַיים דער כאָלערע־עפּידעמיע, וואָס האָט דאַן אַרומגעכאַפּט גאַנץ צאָפן־איטאַליע, האָט ער, איידער ער האָט זיך דעצידירט אויף געוויסע היגיענישע מאָס־מיטלען, לאַנג פילאָזאָפירט, צו וואָסער טעאָרעטישער קאַטעגאָריע זאָל ער פאַררעכענען די נייע ערשיינונג, די כאָלערע: לויט אַריסטאָטעלעסעס „אין רערום נאַטוראַ" זענען פאַראַן בלויז צוויי קאַטעגאָריעס ערשיינונגען: אַקצידענצן און סובסטאַנצן; אַזוי ווי אָבער די כאָלערע פּאַסט זיך נישט אַריין אין קיין איינער פון די צוויי קאַטעגאָריעס, איז דאָן פּעדאַנטע געקימען צום אויספיר, אַז די כאָלערע עקזיסטירט גאָר נישט. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט אַליין צו ווערן אָנגעשטעקט און שטאַרבן פון דער כאָלערע. דער זעלבער טרויעריקער סאָף דערוואַרט אויך יענע אידעאָלאָגן, וועלכע מאַכן זיך אָן אומרעאַלע פאַרשטעלונג פונם פאַשיזם און רעדן זיך איין, אַז דער פאַשיזם קאָן נאָר אָפּגעשטאַנענע פעלקער באַהערשן.

אין אונגאַרן האָט זיך דער פאַשיזם באַוויזן נאָכן פאַל פון דער ראַטן־רעגירונג. אין איטאַליע, פוילן, פינלאַנד האָט זיך די פאַשיסטישע באַוועגונג אָנגעהויבן נאָכן דורכגעפאַלענעם אָנגריף פונם רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. אין דייטשלאַנד און עסטרייך איז דער פאַשיזם געקומען נאָך אַ שלימזלדיקער רעוואָלוציע און אין גאַנג פון אַ קריזיס, וועלכער האָט אַלע פּאַרטייען אויפן טיפסטן דערשיטערט, די אַרבעטער־פּאַרטייען נישט אויסגענומען.

פון כראָנאָלאָגישן זעווינקל קומט מען אַזוי אַרום צו פאָלגענדע צוויי אויספירן:

די פאַשיסטישע באַוועגונג איז נאָר אין די לענדער נאָך נישט פאַראַן, וווּ די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט איז נאָך נישט ערנסט באַדראָט.

קיים וועט זיך אויסברייטערן און פאַרטיפן דער קאַפּיטאַליסטישער קריזיס, די טראַדיציאָנעלע בירגערלעכע פּאַרטייען וועלן אָנהויבן זיך צעפאַלן, און די אַרבעטער־פּאַרטייען וועלן

זיין מאכטלאז — וועט אויך פארקומען די ווייטערדיקע אויסברייטערונג פונם פאשיזם.

5. ווי אזוי אנטשטייט דער פאשיזם?

דער צווייטער שטאנדפונקט, פון וועלכן מען דארף באטראכטן דעם פאשיזם איז א מארפאלאגישער: ווי אזוי אנטשטייט ער, דער פאשיזם?

אין זיין ערשטער סטאדיע טרעט דער פאשיזם טאמיד אויף אלס א פאטריאטישע באוועגונג. אין איטאליע האבן די ערשטע פאשיסטישע גרופעס זיך רעקרוטירט פון איין זייט פון מיטלשטאנד־עלעמענטן, וואס האבן זיך דערפילט פארמישפעט צום אונטערגאנג דורכן קריזיס און האבן רעוואלטירט קעגן די טראדיציאנעלע פארטייען און אינסטיטוציעס; און פון דער אנדערער זייט פון ארבעטער, וואס האבן זיך אנטוישט אין זייערע רעוואלוציאנערע האפנונגען און האבן זיך אפגעקערט פון די פראלעטארישע פארטייען. דאס איז א פאקט, וואס קאן נישט מער ווערן אפגעפרעגט.

די רעגירונג, וואס האט זיך געבילדעט אין אונגארן נאכן פאלן פון דער ראטן־מאכט, איז געווען א קאאליציע פון שטאטישן קליינבירגערטום און מיטעלן פויערן־שטאנד. דעם אייגנטלעכן קערן פונם פאשיזם האט דא געבילדעט א באזונדערער שיכט קליינבירגערלעכע אינטעליגענץ, ארגאניזירט אין לאקאלע גרופעס, וועלכע זענען אמאל געווען די נעסטן פון קאמף קעגן דער מאנארכיע און פאר דער אומאפהענגיקייט פון אונגארן. דער דאזיקער קליינער שיכט האט אויסגענוצט די אומצופרידנהייט פון די פויערן צוליב דער נישט-געראטענער אגראר־רעפארם, און ער איז געווען פארכאפט פון דעם פארפירערישן מעשיגאס, אז מיט אנטיסעמיטישע קאמף־לאזונגען וועט ער באקעמפן די גרויס־בורזשואזיע און דעם פינאנץ-קאפיטאל.

אין עסטרייך האט די היימווער איר פעסטן אנשפאר אין דעם טיראלער פויערטום, וואס האט געקעמפט קעגן די קלוי־

ערשטע פריווילעגיעס פונם ארבעטער-קלאס פון ווין: פארן היינטיקן עסטרייך איז עס א צו גרויסע נישט נאר פאליטישע, נאר אויך ווירטשאפטלעכע לאסט אויסצוטראגן דעם ווינער אינדוסטריע־ראיאן, וועלכער איז אמאל געשאפן געווארן פאר די באדערפענישן פון א גרויסער רייכער מעלוכע.

אין דייטשלאנד ווייזן זיך די אלע סימאנים פונם פאשיזם אין דער גרעסטער מאס און מיט דער גרעסטער בוילעטקייט. דער שנעלער וווקס פונם פאשיזם זייט 1929 איז קוידעם קאל געווען דער אויסדרוק פון א רעוואלט פונם מיטלשטאנד קעגן די אלטע בירגערלעכע פארטייען. נאך דער פארשפילטער וועלט־מילכאמע זענען די אלטע מעסיקע דייטשע פארטייען אראפ פון דער פאליטישער ארענע. א נייער גלייכגעוויכט האט זיך אויסגעבילדעט — אויפן יעסאד פון א קאאליציע צווישן ס״ד, דעמאקראטישער פארטיי און קאטוילישן צענטרום; די קאאליציע האט זיך געשטיצט אויף דעם עקאנאמיש בעסער סיטואירטן טייל פון דער ארבעטערשאפט און אויף דעם מיטלשטאנד פון שטאט און דארף. די פאקטישע הערשאפט ביי אט דער קאאליציע איז געלעגן אין די הענט פון דער הויך־פינאנץ. דאס האט געפירט צום פאליטישן קריזיס פון 1923. דער ארבעטער־קלאס איז געווארן צעקלאפט. און דאן זענען אין 1924, צום ערשטן מאל זייט ווײמאר, געקומען צום רודער ווידער אמאל די אלטע פארטייען פון ווילהעלמס צייטן — בלויז אונטער אנדערע נעמען. די בירגער־קאאליציע פון די לעצטע יארן האט זיך געשטיצט אויף דער דייטשער פאלקס־פארטיי (אמאליקע נאציאנאל־ליבעראלע פארטיי), אויף דער דייטש־נאציאנאלער פארטיי (אמאליקע קאנסערוואטיווע פארטיי, פארטיי פון די גרויסע גוט־באזיצער), אויף דער שטאאטס־פארטיי (אמאליקע דעמאקראטן, פארטיי פון שטאטישן קליינבירגערטום) און אויף דעם צענטרום (וואס האט קיינמאל נישט געביטן זיין נאמען, פארטיי פון קאטוילישן פויערטום). די דאזיקע קאאליציע האט זיך געהאלטן אן גרויסע אויפטרייסלונגען ביזן יאר 1931. אבער זי האט נישט דערפילט קיין איינע פון די האפענונגען פון די מיטל־קלאסן, און זי האט פארשטארקט אויך די אפאזיציע פון די ארבעטער־פאר־

טיעז. די אָקס פאַר דער ניי־גרופּירונג פון די קויכעס פון אַט די אַלטע (אין צושטאַנד פון אויפלייזונג) פּאַרטייען איז — דער פאַשיזם.

„דאָס קליינבירגערטום — האָט מאַרקס געשריבן אין 18 ברומער — איז אַן אינטעגראַלער טייל פון אַלע קומענדיקע רעוואָלוציעס". איצט קאָן מען צוגעבן, אַז דאָס קליינבירגערטום איז אויך אַן אינטעגראַלער באַשטאַנדטייל פון אַלע פאַשיסטישע באַוועגונגען. דערקלערן די דאָזיקע דערשיינונג קאָן מען אָבער נישט מיט בקירעס, אַז דער מיטלשטאַנד צייכנט זיך קלוימערשט אוים מיט אַן „איינגעבוירענעם" רעאַקציאָנערן גייסט — די לעגענדע וועגן „איינגעבוירענעם גייסט" האָט זיך לאַנג שוין איבערגעלעבט. די דערקלערונג דאַרף מען זוכן אין דער קלאַסן־לאַגע פונם קליינבירגערטום. „אין דער היינטיקער אַנטוויקלטסטער געזעלשאַפט איז דער קליינבירגער לויט זיין שטעלונג פון איין זייט אָריענטירט סאָציאַליסטיש, און פון דער אַנדערער זייט — ווירטשאַפטלעך, ד. ה. אַז פון איין זייט ווערט ער פאַרבלענדט דורך דער קראַפט פון דער גרויס־בורזשואַזיע, און פון דער אַנדערער זייט איז ער באַטייליקט אין די ליידן פונם פאָלק. ער איז בורזשואַזיע און פאָלק אין דער זעלבער צייט. איין טאָג רימט ער זיך, אַז ער איז פאַרטיילאָז, אַז ער איז דערגאַנגען צום עמעסן גלייכגעוויכט, און ער פאַרזיכערט, אַז ער הויבט זיך אויף איבער דער מיטלמעסיקייט. דער דאָזיקער קליינבירגער פאַרהערלעכט זיין קעגנזאַץ, ווייל קעגנזאַץ איז דער גרונט־שטריך פון זיין וועזן. ער אַליין איז נישט עפּעס אַנדערש, ווי די פאַרקערפּערונג פון סאָציאַלן ווידערשפּרוך" (בריוו פון מאַרקס צו אַנענקאָוון וועגן פּרודאָנען).

ביי יעדן סאָציאַלן קריזים איז דער קליינבירגער, אַליין וועגן דעם נישט וויסנדיק, אַ קאַנדידאַט פאַר ביידע קעמפנדיקע צדאָדים: פאַר דער רעאַקציע און פאַר דער רעוואָלוציע. בעאיים ווען ביידע גרונט־קלאַסן פון דער געזעלשאַפט פירן פאַשעט דעם קאַמף צווישן זיך, וואַרפט זיך דער קליינבירגער אין קאַמף, אַלס ריטער, פאַרן פאָטערלאַנד, פאַר אָרדענונג, פאַר ציוויליזאַציע, פאַר אַלגעמיינעם וווּל, ווי איינער, וואָס „שטייט איבער אַלעמען". די רעוואָלוציאַ־

נערן נעמען אים געוויינלעך אויף מיט ציבעלעס און פוילע אייער. פארקערט, די גרויס־בורזשואזיע גרייט אים צו גאר אן אנדער קאבאלעס פאנעם. די גרויס־בורזשואזיע שרעקט זיך נישט פאר פוסטע ווערטער, זי ווייסט זייער ווערט, — וואס פיל רעוואלו־ציאנערן ווייסן נישט. „די בורזשואזיע איז מיט אלע וואסערן גע־וואשן, האט לענין געשריבן („דאס ווערטפולע מוידע זיין זיך פון פיטירום סאראקין"), זי ווייס, אז די דעמאקראטישע רעפובליק, ווי יעדע אנדערע רעגירונגס־פארם אונטער קאפיטאליסטישער הער־שאפט, איז נישט עפעס אנדערש, ווי א מאשין אויף אונטערצו־דריקן דעם פראלעטאריאט. די קליינבורזשואזיע איז צוליב איר סאציאלער לאגע, צוליב אלע באדינגונגען פון איר לעבן נישט אימ־שטאנד צו באנעמען אט דעם עמעס; זי גלויבט נאך, אז דעמא־קראטישע רעפובליק איז דאס זעלבע, וואס „ריינע דעמאקראטיע", „פרייע פאלקס - מעלוכע", „פאלקס - הערשאפט איבער און אוי־סער די קלאסן", „ריינער אויסדרוק פונם פאלקס - ווילן", א. אז. וו. דעריבער קאן די גרויס - בורזשואזיע אזוי לייכט אויסנוצן דעם קליינבירגער".

עס איז אבער פאלש צו מיינען, אז ס'איז דער געבאט פון דער געשיכטע, אז די קליינבורזשואזיע זאל טאמיד ארויסטרעטן קעגן די ארבעטנדיקע קלאסן, אז זי קאן קיינמאל נישט ווערן קיין פארבינדעטער פון דער סאציאליסטישער באוועגונג. דער דאזיקער טאעס איז געווארן באגאנגען אין איטאליע אין 1919. פון אלע טאעסן איז דאס געווען דער, וואס האט אממייסטן געהאלפן דעם פאשיזם אין זיין ערפאלג.

ערשטער אויספיר: מען דארף נישט אויסמישן די פאשיסטישע פארטיי מיט די טראדיציאנעלע קאנסערוואטיווע פארטייען, הא־גאם זי ווערט געבוירן פון זייער אויפלייזונג. לויטן אויפן פון איר אנטשטייען, לויט אירע סאציאלע יעסוידעס, לויט איר ארגאניזא־ציע, לויט אירע מאנירן, אידעאלאגיע, פירער — איז זי גאר א נייע פארטיי, כאראקטעריסטיש ספעציעל פאר אונזער צייט.

צווייטער אויספיר: דער פאשיזם איז נישט נאר און נישט דער איקער א באוועגונג פון גערונגענע באוואפנטע מאכנעס; ער איז

נישט נאָר און נישט אין ערשטער ליניע אַ באַוועגונג פון ווייס־גווארדיסטן. ער איז אַ גרויסע פּאָליטישע מאַסן ־ באַוועגונג. די גרויסע מערהייט פון זיינע אָנהענגער גיבן זיך צוערשט נישט אָפּ קיין רעכענונג, אַז דער פאַשיזם געפינט זיך אין דינסט פונם קאַפּיטאַליזם.

6. ווי אַנטוויקלט זיך דער פאַשיזם?

דער דריטער זע־ווינקל ביים דעפינירן דעם פאַשיזם איז אַ דיאַלעקטישער: ווי אַזוי אַנטוויקלט זיך און ענדערט זיך דער פאַשיזם?

די היסטאָרישע קאָנסעקווענץ, וועלכע דרינגט אַרויס פאַר דער פאַשיסטישער פּאַרטיי פון איר לאַגע, איז אַזאַ: מען קאָן היינט נישט אַנדערש באַקעמפן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער־באַוועגונג, סיידן מען שטעלט זיך אין דינסט פון דער הויך־פינאַנץ. אַלע פאַשיסטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן זיך דער־שלאָגן צו דער מאַכט, באַשטעטיקן די דאָזיקע באַהויפּטונג. ביז היינט האָט נאָך קיין איין פאַשיסטישע פּאַרטיי נישט אויסגעמיטן דעם דאָזיקן גורל.

די צוגעהעריקייט פון דער הויך ־ פינאַנץ צום פאַשיזם ציט שוין נאָך זיך די צוגעהעריקייט פון גאַנצן אַלטן געזעלשאַפטלעכן אויבערשטאָק: פון אַלע אַלטע פּאָליטישע פּאַרטייען און אַלטע אינסטיטוציעס, פון גענעראַל ־ שטאַב ביז צו דער קירכע, פון דער יוסטיץ ביז צום אוניווערזיטעט.

דער אונגאַרישער פאַשיזם האָט אין פּאַרקער מיט ענגלישע באַנקירן פאַרגעסן אין זיין אַנטיסעמיטיזם. זיין דעמאַגאָגישע קאַמ־פּאַניע פאַר אַן אַגראַר ־ רעפאָרם האָט געהאַט די ווירקונג, אַז מ'האָט דורכגעפירט אַ קאָמישן אונטערשייד צווישן אַלט ־ באַזיץ און ניי ־ באַזיץ, און דאָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די בענק צו מאַכן געשעפט ביים אויפקויפן און פאַרקויפן די באָדנס.

דאָס וואָס קומט פאָר אין דייטשלאַנד זייט פרילינג 1933, איז אַ נייע און ענדגילטיקע באַשטעטיקונג פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט.

ערשטער אויספיר: דאָס קליינבירגערטום קאָן אַמאָל ליפערן

פּאָליטישע פירער פאַר אַ געוויסער רעגירונגס - פאָרם; אָבער אַלס קלאַס, קאָן עס נישט קיין שום רעגירונגס - פאָרם דעצידירנד באַאיינפלוסן, און אפילע דער פאַשיזם, די שטאַרקסטע באַוועגונג, וואָס דאָס קליינבירגערטום האָט וועגן עס איז פון זיך ארויסגעגעבן, ווערט פאַקטיש דיקטאַטור פונם פינאַנץ - קאַפּיטאַל, און ער אונטערדריקט דאָס קליינבירגערטום, אַלס קלאַס, ווי נאָך קיינמאָל נישט.

צווייטער אויספיר: דאָס קליינבירגערטום האָט היסטאָריש גענומען נאָר איינע פון די צוויי מעגלעכקייטן: אונטערשטיצן דעם פאַשיזם, אָדער אונטערשטיצן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

די פּאָליטישע נישט - רייפקייט פון דער אַרבעטער - באַוועגונג אין דער נאָכמילכאָמע - צייט האָט געשטויסן דאָס קליינבירגערטום צום קאַפּיטאַליזם און געהאָלפן צום זיג פונם פאַשיזם. דער לעזער, וועלכער האָט צוזאַמען מיט אונז באַנומען דעם זין פון דער היסטאָרישער אַנטשטייאונג פונם פאַשיזם — ער וועט אָן מי אויך פאַרשטייען די נויטיקייט פון זיין אונטערגאַנג, ער וועט ארויספילן דעם וועג פון אָט דעם אונטערגאַנג.

עס קאָן נאָך יאָרן דויערן. עס קאָן נאָך יאָר-צענדליקער דויערן. אָבער דער זיג פונם קאַפּיטאַל איבער דער אַרבעט קאָן נישט זיין אייביק. די צוקונפט געהער דעם סאָציאַליזם. די צוקונפט געהער דער פרייהייט.

אינהאלט:

אַריינפיר־וואָרט

קאַפּיטל 1.

צי איז דער פאַשיזם פון הימל אַראָפּגעפאַלן?

1. די איטאַליענישע מעלוכע, איידער זי איז געוואָרן פאַשיסטיש; 2. די ווידערגעבורט: לעגענדע און ווירקלעכקייט; 3. אַ נאַציאָנאַלע מעלוכע אָן אַ מאַסן־באַזיס; 4. דער קעגנזאַץ צווישן דער מעלוכע און דער קאַטוילישער קירכע; 5. די דאָרעם־פּראָבלעם; 6. דער פּראָלעטאַריאַט אויף דער אַרענע; 7. צען יאָר טעראָר; 8. דער דורכפאַל פון דזשיאָליטיס קאָרופּציע־פּאָליטיק.

קאַפּיטל 2.

איטאַליע ביים סאָף פון וועלט־קריג

1. אַלגעמיינער קריזיס; 2. ווירטשאַפטלעכער קריזיס; 3. סאָציאַלער קריזיס; 4. קריזיס פון דער מעלוכע און פון די רעגירונגס־פּאַרטייען; 5. דער לינקס־בלאָק פון די אינטערווענציאָניסטן צעפאַלט זיך.

קאַפּיטל 3.

פּאָליטישע אומרייפקייט פונם איטאַליענישן סאָציאַליזם

1. פאַרוואָס האָט דער אַרבעטער־קלאַס נישט גענומען די איניציאַטיוו; 2. דער איטאַליענישער מאַקסימאַליזם; 3. די גרופּע באָרדיגאַ; 4. די גרופּע „נייע אָרדענונג".

קאַפּיטל 4.

דער רעפאָרמיזם בויט אויף זאַמד

1. רעפאָרמיסטישע קאַפּלאַזיקייט; 2. דער רעפאָרמיזם ברעכט די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג; 3. די מוירע פאַר דער מאַכט;

4. דער רעפאָרמיזם אין דינסט פון דער קאַפּיטאַליסטישער מעלוכע; 5. דער פאַשיזם קעגן דעם רעפאָרמיזם; 6. די קאַטוילישע פּויערן קעגן די אַרבעטער; 7. די ערשטע דיקטאַטור־פּראָיעקטן.

קאַפּיטל 5.

פאַשיזם אין 1919

1. די ערשטע פאַשיסטן; 2. די „אַרדיטיי"; 3. סאָציאַלער באַ־שטאַנד פון די ערשטע פאַשיסטישע גרופּעס; 4. פּראָפעסיאָנעלע פאַרברעכער; 5. די דעקלאַסירטע; 6. די סטודענטן; 7. די פּויערן; 8. אַן איבערפאַרטייאישע באַוועגונג; 9. פאַשיסטישער ראַדיקאַ־ליזם; 10. אַ ווענד־פּונקט אין דער אַנטוויקלונג פונם פאַשיזם.

צוגאָב צום קאַפּיטל 5.

פּראָגראַם פון די איטאַליענישע פאַשיסטן.

קאַפּיטל 6.

דער פאַשיזם געווינט דאָס דאָרף

1. די פאָלגן פונם קריג אין דאָרף; 2. קלאַסן ־ קאַמף אין דאָרף צום סאָף מילכאָמע; 3. פאַרכאַפּטער באָדן; 4. די לאַגע אין דער געגנט פון טייך פּאָ; 5. רעוואַנש פון די פּריצים; 6. דער פאַשיזם דעראָבערט די געמיינדעס; 7. דער קאָמונאַלער סאָציאַליזם.

קאַפּיטל 7.

ווי דער פאַשיזם האָט דעראָבערט די שטעט

1. גרויס־בורזשואַזיע און פאַשיזם; 2. פאַשיזירונג פון דער בורזשואַזיע; 3. מעלוכישער אַפּאַראַט און פאַשיזם; 4. שאָלעם־אָפּמאַך צווישן סאָציאַליסטן און פאַשיסטן; 5. דער דריטער פאַ־שיסטן ־ קאָנגרעס אין רוים; 6. דעראָבערונג פון די שטעט.

קאַפּיטל 8.

דער מאַרש אויף רוים

1. פרייער וועג קיין רוים — נאָך דער פאַרניכטונג פון דער

אַרב.־באַוועגונג; 2. די עפּנטלעכע מיינונג איז מיד פון צוויי יאָר בירגער ־ קריג; 3. מעהומע צווישן אַלטן פּאָליטישן פּערסאָנאַל; 4. אַן „אויפשטאַנדיי אין שלאָף ־ וואַגאָן.

קאַפּיטל 9.

דער איינהייט־פראָנט פון דער בורזשואַזיע

1. די אַרבעטער ־ פּאַרטייען און דער מאַרש אויף רוים; 2. די ערשטע מוסאָליני ־ רעגירונג; 3. די פאַשיסטישע רעגירונג קעגן די אַרבעטער; 4. די פאַשיסטישע רעגירונג קעגן די פּויערן; 5. אויפן באַפעל פון די בענק.

קאַפּיטל 10.

נייע ווידערשפּרוכן

1. פאַשיסטישע רעגירונג קעגן פאַשיסטישער פּאַרטיי; 2. פּאַרטיי ־ ריייניקונג; 3. פאַשיסטישע הילף ־ אָרגאַניזאַציעס; 4. די פאַשיסטישע פּאַרטיי ווערט פּאַרמעלוכישט; 5. דער מאַטעאָטי ־ קריזיס; 6. דער גורל פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען; 7. די קאָרבאָנעס פון פאַשיסטישן טעראָר; 8. די לעגענדע מוסאָליני.

קאַפּיטל 11.

פאַשיסטישע סיסטעם פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען

1. דער פאַשיזם און די אַרבעטער; 2. אַ סאַך פאַריינען; 3. די האַלטונג פון די רעפאָרמיסטישע פאַריינען; 4. דער אָפּמאַך פון פּאַלאַץ ווידאָני; 5. אַ טייל רעפאָרמיסטישע פירער קאַפּיטולירן; 6. די קאָנפערענץ פון 20־טן פעברואַר; 7. די סאָציאַלע געזעצגעבונג פונם פאַשיזם; 8. די אַנטוויקלונג פון די פאַשיסטישע פאַריינען; 9. די נייע ראָל פון די פאַריינען; 10. די פּאַרמעלוכישונג פון די פּראָפ. פאַריינען.

קאַפּיטל 12.

קאָרפּאָראַציעס און מעלוכע־קאַפּיטאַליזם

1. ענדערונגען אין דערווירטשאַפטלעכער סטרוקטור; 2 מעלוכע־קאַפּיטאַליזם; 3. דער איטאַליענישער ווירטשאַפט ־ קריזיס; 4. די לאַגע פון די אינדוסטריע ־ אַרבעטער; 5. דער סאָף פון דער געמיינדישער זעלבסטפאַרוואַלטונג; 6. דער סאָף פונם פּאַרלאַמענט; 7. די אונטערדריקונג פון דאָרעם ־ איטאַליע; 8. די קאָרפּאָראַציעס.

קאַפּיטל 13.

פאַשיזם און קאַטוילישע קירכע

1. קאָנקאָרדאַט צווישן פאַשיזם און וואַטיקאַן; 2. דער סאָף פון אַ טויזנט־יאָריקן קאָנפליקט; 3. די האַלטונג פון דער קירכע נאָך דער בירגערלעכער רעוואָלוציע; 4. די עוואָלוציע; 5. קאַטוילישער פאַשיזם; 6. צו וועמען געהער די יוגנט?

קאַפּיטל 14.

די פאַשיסטישע אידעאָלאָגיע

1. פאַשיזם און אידעאָלאָגיע; 2. פאַרניכטונג פונם ליבעראַליזם; 3. פאַרניכטונג פון פּאָפּאָלאַריזם; 4. פאַרניכטונג פונם פּאָזיטיוויזם; 5. פאַרניכטונג פון אַנדערע גייסטיקע שטרעמונגען; 6. די אַמאָליקע סינדיקאַליסטן; 7. די אַקטואַליסטן; 8. דער קולט פון רוים; 9. די נאַציאָנאַליסטן.

קאַפּיטל 15.

א ו י ס פ י ר ו נ ג ע ן

1. וואָס אַזוינס איז פאַשיזם? 2. פאַשיזם און מיליטערישע דיקטאַטור; 3. פאַשיזם און קאָסערוואַטיווע פּאַרטייען; 4. ווען באַווייזט זיך דער פאַשיזם; 5. ווי אַזוי קומט אויף דער פאַשיזם? 6. ווי אַנטוויקלט זיך דער פאַשיזם?